DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13980

Sarnaki Memorial Book

Sefer yizkor li-ḳehilat Sarnaḳi

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Sefer yizkor li-kehilat Sarnaki / |c[ha-'orekhi Dov Shuval].
DESCRIPT	415 p. : ill., facsim, map, ports. ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Sarnaki.
	Sarnaki (Poland) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Sarnaki.
ADD'L NAME	Sobel, Dov.
ADD'L TITLE	"Izcor" book, to the memory of The Sarnaki Jewish community

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

ספר יזכור

לקהילת סארנאקי

ספר יזכור
לקהילת סארנאקי

יצא־לאור על-ידי ארגון יוצאי סארנאקי בישראל

חיפה, תשכ"ח—1968

חברי המערכת:

שרגא זייארמן (יו"ר)

אריה בירנבוים

יעקב דר

חיים זייארמן

יצחק נאבוז'ני (נבו)

שמעון שונשיין

ישראל שטיינמן

יחיאל שפירא

העורך: **דב שובל**

"IZCOR" BOOK
TO THE MEMORY OF THE SARNAKI JEWISH COMMUNITY
HAIFA, 1968

„אות", דפוס קואופרטיבי בע"מ, חיפה



חברי הועד

מימין לשמאל יושבים: יצחק נאבוז'ני, ישראל שטיינמן, שרגא זייארמן, שרה גלרשטיין, חיים זייארמן. עומדים: אריה בירנבוים, שמעון שונשיין, אסתר גרונוביץ', יחיאל שפירא.



נשיאות אסיפת האזכרה בתל־אביב ב־26.8.58

משה בירנבוים, יחיאל שפירא, זליג הירשברג, יוסף פרלמן ז"ל, שרגא זייארמן, אריה טננבוים, יעקב אליהו אקרמן, יצחק נאבוז'ני, אריה בירנבוים, אליעזר אקרמן.

דאָס ערשטע קאַפּיטל פון די 15.

3־5.10.1943

יצחק קאַצענעלסאָן

דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאלק

„זינג! נעם דיין האַרף אין האַנט, הויל, אויסגעהוילט און גרינג,
אויף זיינע סטרונעס דין וואַרף דיינע פינגער שווער,
ווי הערצער, ווי צעווייטיקטע, דאָס ליד דאָס לעצטע זינג,
זינג פון די לעצטע יידן אויף אייראָפּעס ערד".

— ווי קען איך זינגען? ווי קען איך עפענען מיין מויל,
אַז איך בין געבליבן איינער נאָר אַליין —
מיין ווייב און מיינע עופהלעך די צוויי — אַ גרויל!
מיך גרוילט אַ גרויל... מע וויינט! איך הער ווייט אַ געוויין —

„זינג, זינג! הייב אויף צעווייטיקט און געבראָכן הויך דיין שטים,
זוך! זוך אים אויף דאָרט אויבן, אויב ער איז נאָך דאָ —
און זינג אים... זינג דאָס לעצטע ליד פון לעצטן יידן אים,
געלעבט, געשטאָרבן, נישט באַגראָבן און נישטאָ"...

— ווי קען איך זינגען? ווי קען איך אויפהויבן מיין קאָפּ?
מיין ווייב אוועקגעפירט, און מיין בנציונקען און יאָמעלען — אַ קינד —
איך האָב זיי נישט ביי מיר דאָ, און זיי לאָזן מיך נישט אָפּ!
אָ שאָטנס פינצטערע פון מיינע ליכטיקסטע, אָ שאָטנס קאַלט און בלינד!

„זינג, זינג לעצטן מאָל נאָך דאָ אויף דר'ערד, פאַרוואַרף
דיין קאָפּ אַהינטער, פאַרגלייז די אויגן אין אים שווער
און זינג אַ לעצטן מאָל אים, שפּיל אויס אים אויף דיין האַרף:
נישטאָ שוין מער קיין יידן! אויסגעהרגעט און נישטאָ זיי מער!"

— ווי קען איך זינגען? ווי קען די אויגן איך פאַרגלייזט
אין קאָפּ אין מיינעם הויבן? אַ טרער פאַרגליווערט האָט
פאַרקליבן זיך אין אויג מיר... זי רייסט זיך, רייסט
פון אויג ארויס זיך — און זי קען נישט פאַלן... גאָט, מיין גאָט!

„זינג, זינג, הויב אויף צו הימלען הויך און בלינד דיין בליק,
ווי ס'וואָלט געווען אַ גאָט דאָרט אין די הימלען... ווינק אים, ווינק —
ווי ס'וואָלט געשיינט, געלויכטן אונדז נאָך דאָרטן גרויס א גליק!
זיץ אויף די חורבות פון דעם אויסגעהרגעטן פון פאָלק און זינג!"

— ווי קען איך זינגען — אַז ס׳איז די וועלט מיר וויסט?
ווי קען איך שפּילן מיט פאַרבראָכענע מיט הענט?
ווו זענען מיינע טויטע? איך זוך די טויטע מיינע, גאָט, אין יעדן מיסט,
אין יעדן בערגל אַש: — אָ, זאָגט מיר ווו איר זענט?

שרייט אַרויס פון יעדן זאַמד, פון אונטער יעדן שטיין,
פון אַלע שטויבן שרייט, פון אַלע פלאַמען, פון יעדן רויך —
ס׳איז אייער בלוט און זאַפט, עס איז דער מאַרך פון אייער ביין,
ס׳איז אייער לייב און לעבן! שרייט אַרויס, שרייט הויך!

שרייט אַרויס פון חיות־איינגעווייד אין וואַלד, פון פיש אין טייך —
זיי האָבן אייך געגעסן. שרייט פון קאַלכאויוונס, שרייט קליין און גרויס,
איך וויל אַ גוואַלד, אַ ווייגעשריי, אַ קול, איך וויל אַ קול פון אייך,
שריי, אויסגעהרגעט יידיש פאָלק, שריי, שריי ארויס!


נישט שריי צום הימל, ער הערט דיך ווי די ערד, דער הויפן מיסט,
שריי נישט צו דער זון, נישט רייד צום לאָמפּ... אַך, ווען איך קען
פאַרלעשן זי, ווי מען פאַרלעשט אַ לאָמפּ אין רוצחים־הייל דאָ וויסט!
מיין פאָלק, האָסט מער געלויכטן! ביסט ליכטיקער געווען!

אָ ווייז זיך מיר, מיין פאָלק, באַווייז זיך, שטרעק די הענט
אַרויס פון גריבער טיף און מיילן לאַנג און אָנגעפּראָפּט געדיכט,
שיכט אונטער שיכט, מיט קאַלך באַגאָסן און פאַרברענט,
אַרויף! אַרויף! שטייגט פון דער אונטערשטער, דער טיפסטער שיכט!


קומט אַלע פון טרעבלינקי, פון סאָביבאָר, פון אָשווענטשים,
פון בעלזשיץ קומט, קומט פון פּאָנאַרי און פון נאָך, פון נאָך, פון נאָך!
מיט אויגן אויפגעריסן, פאַרגליווערט אַ געשריי, אַ גוואַלד און אָן אַ שטים,
פון זומפּן קומט, פון בלאָטעס איינגעזונקען טיף, פון פוילן מאָך —

קומט, געטריקנטע, צעמאָלענע, צעריבענע, קומט, שטעלט זיך אויס,
אין אַ קאַראַהאָד, אַ ראָד אַ גרויסן אַרום מיר, איין גרויסע רייף —
זיידעס, באָבעס, מאַמעס מיט די קינדערלעך אין שויס —
קומט, ביינער יידישע פון פּראָשקעס, פון שטיקלעך זייף.

ווייזט מיר, באַווייזט זיך אַלע מיר, קומט אַלע, קומט,
איך וויל אייך אַלע זען, איך וויל אייך אָנקוקן, איך וויל
אויף מיין פאָלק, מיין אויסגעהרגעטן, אַ קוק טאָן שטום, פאַרשטומט —
און איך וועל זינגען... יאָ... אַהער די האַרף — איך שפּיל!



פלאטעראווע
שעכט הויז
שומערס ברויז
שולע
באד
ברונעם
שול
ברונעם
בית־המדרש
גלינקע
שולהויף
עלעקטראווניע
קיזיק
וועג קיין סעמיאטיטש
שוויענטי יאן
אפטייק
בוג



מפת סארנאקי

(בממדים משוערים)

מאפע פון סארנאקי

(דימענסיעס לויט אָפּשאצונג)

תוכן העניינים / אינהאלט

פרקי מבוא / אריינפיר קאַפּיטלען

הווי חיים / לעבנס שטייגער

ארגונים פוליטיים ומוסדות ציבוריים / פאליטישע ארגאניזאציעס און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס

מסורת ומנהגים / טראדיציע און מנהגים

בימי סבל ושואה / לייד און אומקום

דמויות / געשטאלטן

בסימן התקומה / ווידעראויפבוי

דפי „יזכור" / „יזכור" בלעטער

פרקי מבוא
אריינפיר קאפיטלען

בשער הספר

עם השמדתם האכזרית של ששה מיליוני יהודים על־ידי הנאצים ועוזריהם נהפכה פולין לגיא ההרגה ולבית־קברות לא רק לשלושת מיליוני היהודים שבפולין אלא גם לקרבנות היהודים ממזרח אירופה וממערבה. על אדמת פולין נפלו — נורו, נשרפו, נחנקו והורעלו בגזים, נקברו חיים. נשים, ילדים וחולים נורו מיד לאחר סלקציה. הגברים הבריאים, שעונו והורעבו לאחר שהתגוללו בגיטאות ובבונקרים, גורשו אל מחנות ההשמדה אושוויץ, מיידאנק, טרבלינקה ומחנות ריכוז אחרים, מקום שם נשרפו ונספו בגזים ואפרם פוזר כזבל על־פני שדות.

הפארטיזאנים המעטים ביערות והמתחבאים בבונקרים נלכדו לאחר מצור, בתחבולות שונות, ונורו.

למעלה מאלף ערים ועיירות בפולין, מקום שם היו קהילות, שבהן תססו חיים יהודיים במשך מאות שנים, נחרבו ועברו מן העולם. אפילו הקברות הוטרדו, רבים מבתי־העלמין נהרסו ונמחו מעל־פני האדמה.

בתי־הכנסת, בתי־המדרש, ה„שטיבלעך" של החסידים, מוסדות הציבור — כל מקום שהבהב בו ניצוץ חיים יהודיים נחרב ונכחד בכל רחבי פולין.

*

כאשר קמה מדינת ישראל ב־1948 ושעריה נפתחו לרווחה לפני שארית הפליטה, היהודים ממערב אירופה וממזרחה, שנותרו בחיים לאחר השואה הגדולה לאחר שעברו כל שבעה מדורי גיהנום, הרי בהגיעם לחופי הארץ נתקבלו בחמימות במולדתם הנכספת.

גם מעיירתנו סארנאקי, שהיו בה 350 משפחות יהודיות, הגיעו ארצה משפחות רבות, שהסתדרו ביישובים שונים במסחר, בעבודה ובחקלאות.

עד שנת 1956 לא היה ידוע מספרם המדוייק של יוצאי העיירה, הנמצאים בארץ. הודות לכמה חברים יוזמים התארגנו יוצאי סארנאקי בדומה ליוצאי מאות ערים ועיירות מפולין, הנמצאים בישראל. הועלתה לראשונה ההצעה לכנס אסיפת אזכרה בט' באלול, יום הגירוש מהעיירה.

לאזכרה הראשונה, שנערכה ב־14 בספטמבר 1957 בחיפה, באולם „בית זאב", נתכנסו רבים מהניצולים, כ־150 איש, יחד עם כמה ותיקים, הנמצאים בארץ עוד מלפני המלחמה. נבחר ועד, בן 13 חברים, שהיה עליו לעסוק בארגון יוצאי העיירה, לגלות את כתובותיהם ולעמוד אתם בקשרים. חברי הועד הראשון היו: אליעזר אקרמן,

יעקב אליהו אקרמן, אריה בירנבוים, משה בירנבוים, יעקב דר, שרגא זייאָרמן, שלמה זדאנוביץ׳, אריה טננבוים, אייזיק נאבוז׳ני, יוסף פרלמן ז״ל, אברהם יצחק רוזנבוים, שמעון שונשיין ויחיאל שפירא.

עוד באסיפת־האזכרה הראשונה הועלו שתי הצעות חשובות: להציב מצבה לקדושי העיירה במרתף השואה בירושלים ולהוציא־לאור ספר „יזכור" לקהילה הקדושה סארנאקי, שיישאר לזכרון עולם, עדות לדורי דורות. ספר זה יקיף את כל החיים היהודיים בעיירה — מהעבר הרחוק, מהזמן האחרון שכולנו זוכרים אותו ובייחוד פרשת החורבן והשואה. ההצעה בדבר הקמת המצבה נתקבלה מיד בהסכמה כללית.

*

אבל דבר הוצאת הספר היה להפתעה רבה למשתתפי האסיפה, שכן ידוע לכול, כי אין בינינו סופרים ועתונאים מקצועיים, שיקבלו על עצמם עבודה כה רבה ואחראית. גם אין מסמכים ותאריכים היסטוריים, שיוכלו לסייע בחיבור הספר. המשימה גם כרוכה בהוצאות גדולות, אשר אין לראות מראש מאין יבואו. גם בני העיירה, גרי חוץ־לארץ, אינם אמידים ביותר כדי שיוכלו לממן את הסכום הדרוש להוצאת ספר „יזכור".

הועד התחיל במאמצים להוציא־לפועל את ההחלטה הראשונה. לאחר עמל ויגע הצלחנו, בשנה השניה, להקים במרתף השואה בירושלים, בין מאות המצבות מרוב עיירות פולין, מצבת זכרון לקדושי סארנאקי, שנהרגו והושמדו על־ידי הנאצים ימ״ש.

ב־2 בספטמבר 1958 התקיימה אסיפת־אזכרה במרתף השואה בהר ציון בנוכחות כ־50 יוצאי עירנו. אחרי טקס גילוי המצבה הספידו חברינו את קדושי עירנו ואמרו פרקי תהלים, „קדיש" ו„אל מלא רחמים". בלוח הזכרון במרתף השואה נחרתה כתובת לדורי דורות לקהילה והרוגיה בשם יוצאי סארנאקי בישראל ובארגנטינה.

אולם הוגי הרעיון גילו עקשנות וגמרו־אומר לחתור גם אל המטרה השניה בכל האמצעים. שמונה שנים נמשך איסוף החומר לספר הזה. הועד פנה לכל האנשים, שיש בכוחם להמציא חומר מתחום כלשהו.

זה למעלה מ־20 שנה קיים בבואנוס איירס ארגון, המונה מאות יוצאי סארנאקי, לושיץ והסביבה, המגלים פעילות רבה בתחום זה, בהתכנסם במושבה שלהם, הנמצאת מחוץ לעיר ובערכם מדי שנה אזכרה לקדושים מכל העיירות הללו.

התקשרנו עם הארגון בארגנטינה והצענו את תכניתנו בדבר הוצאת ספר „יזכור". רעיון זה נתקבל על־ידם ברצון ונוצר קשר הדוק בינינו כדי להגשים בכוחות ובאמצעים משותפים הצבת יד למקום מולדתנו, העיירה שבה חונכנו ואת אווירה נשמנו. לאחר שנות התכתבות הגענו ליישוב כל הבעיות כדי להתחיל בהוצאת הספר לפי תכנית מוסכמת.

כן גם התקשרנו עם בני־עירנו בארצות־הברית של אמריקה ובקאנאדה וקיבלנו מהם עזרה כספית וחומר בשביל הספר.

החלטנו, שתוכן הספר יקיף את העיירה כולה, הכלל והפרט, ה„מיוחסים" ו„עמך", אורח חיי העשירים והווי אנשי הדלות, ימי חול וימי חג, הרגשות ומחשבות, שפיעמו את הציבור היהודי. יבואו בו לידי ביטוי כל המפלגות, שפעלו ברחוב היהודי בעיירתנו. על כל המעמדות — החל מהמסחר הגדול, התעשיה, הסוחרים, בעלי־המלאכה והפועלים יבואו סקירות וכן גם על אישים, שעמדו בראש המפלגות השונות והמוסדות הכלכליים, טיפוסים מאנשי העיירה בעלי אופי עממי ובמיוחד כלי הקודש. הכול יתואר באורח אובייקטיבי. ייזכרו בספר גם מאורעות חשובים מחיי העיירה ב־50 השנים האחרונות, הזכורות לדור זה. הספר ילווה גם תמונותיהם של אישים מסויימים ושל מוסדות וארגונים, המתוארים בו.

הספר יכיל רשימה מלאה של כל הקדושים, שנפלו בידי הנאצים ימ"ש או שנספו מחמת המציק.

★

לא קלה היתה המלאכה. קשה למצוא חומר היסטורי על סארנאקי מתקופה כלשהי. עתון לא הופיע בה. חוקרים לא הקדישו לה את זמנם. לסופרים לא שימשה עילה לנושא. באנציקלופדיות ובספרי זכרונות לא נזכר שמה. פנקסי קהילה ומסמכי ארכיונים לא נותרו. לא נשאר כלום לפליטה בכתובים. — לא היו איפוא מקורות לשאוב מהם ידיעות, אלא אפשר היה רק להציל זכרונות מפי תושביה לשעבר ככל שזכרונם מגיע. וכן עשינו.

כל עבודת האיסוף והריכוז נמשכה זמן רב ועלתה בדי עמל של חברים מועטים, שעשו במסירות־נפש רבה את עבודת הקודש.

בודאי יורגש פה ושם ליקוי או השמטה משום שלא היה סיפק בידנו ללקט ולאסוף כל פרט ופרט ועל כך מבקשים אנו סליחה. היה לנו רצון טוב לכלול ולהקיף הכול. ועדת המערכת של הספר וכן גם ועד הארגון פנו פעמים רבות בעל־פה ובכתב אל כל החברים בבקשה לעזור ולהמציא את החומר הדרוש.

ועדת המערכת מודה לכל החברים, שתרמו בהמציאם חומר לספר „יזכור" זה, אחד המרבה ואחד הממעיט. יבואו על הברכה כולם־כולם. שסייעו להקמת המצבה הסמלית לקהילה שנכחדה ולקדושים, שעלו על המוקד.

המערכת

פאָרוואָרט

נאָכן גרויזאַמען אומקום פון די 6 מיליאָן יידן, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס מיט זייערע מיטהעלפער, איז די פוילישע ערד געוואָרן דאָס שעכטהויז און בית־הקברות נישט נאָר פאַר די דריי מיליאָן יידן פון פוילן, נאָר אויך פאַר אַלע יידישע קרבנות פון מזרח־ און מערב־אייראָפּע. דאָ, אויף דער פוילישער טעריטאָריע, זענען זיי געפאַלן — דערשאָסן געוואָרן, געברענט, דערשטיקט, פאַרגאַזט, באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט. פרויען, קינדער און קראַנקע זענען סעלעקטירט און דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די געזינטערע מענער, פאַרפייניקטע און אויסגעהונגערטע נאָכן אַרומוואַלגערן זיך אין די געטאָס און בונקערס, זענען אויסגעזידלט געוואָרן אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן אוישוויץ, מיידאַנעק, טרעבלינקע א. אַנד. קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פאַרברענט און פאַרגאַזט געוואָרן און זייער אַש איז פאַרשפּרייט אַלס מיסט אויף די פעלדער.

די קליינע צאָל פּאַרטיזאַנער, אַנטלאָפענע אין די וועלדער אָדער אויסבאַהאַלטענע אין בונקערס, זענען דערווישט געוואָרן נאָך בלאָקאַדעס, מיט דער הילף פון פאַרשיידענע טריקן, און אויסגעשאָסן געוואָרן.

העכער טויזנט שטעט און שטעטלעך אין פוילן, וווּ עס האָבן זיך געפונען יידישע קהלות מיט אַ ברויזנד יידיש לעבן פון הונדערטער יאָרן, זענען וויסט און חרוב געוואָרן. אפילו דעם פּלאַץ פון די טויטע אויף די בית־עלמינס אין פוילן האָט מען חרוב געמאַכט און פאַרווישט גלייך מיט דער ערד.

די יידישע שולן, בתי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וווּ עס האָט נאָר אַמאָל געטליעט אַ פונק פון יידישקייט, זענען אונטערגעגאַנגען אין גאַנץ פוילן.

✶

נאָכן אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה אין יאָר 1948, ווען די טויערן פון לאַנד האָבן זיך פריי אויפגעעפנט פאַר דער שארית הפליטה פון מערב־און מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום, זענען אָנגעקומען צו די ברעגעס פון לאַנד די לעבן־געבליבענע נאָך דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהינום און זענען אויפגענומען געוואָרן וואַרעם אין זייער אויסגעבענקטער היימלאַנד, איז אויך פון אונדזער שטעטל סאַרנאַקי אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אין פאַרשיידענע צענטערן פון לאַנד ביי מסחר, אַרבעט און לאַנדווירטשאַפט.

ביז 1956 איז נישט געווען באוווסט די גענויע צאָל מענטשן פון אונדזער שטעטל, וואָס געפינען זיך אין ישראל. אדאנק עטלעכע חברים, וואָס האָבן געגעבן דעם שטויס דערצו, אז אויך די לעבן־געבליבענע פון סארנאקי זאָלן זיך אָרגאניזירן, גלייך מיט אלע לאנדסלייט פון הונדערטער שטעט און שטעטלעך, אין ישראל, איז אויפגעשוווּמען דאָס ערשטע מאָל דער געדאנק צוזאמענרופן אן אזכרה־פארזאמלונג אין ט׳ אלול, דער טאָג ווען אונדזערע קרבנות זענען אומגעזידלט געוואָרן פון שטעטל.

אויף דער ערשטער אזכרה, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 14־טן סעפטעמבער 1957 אין חיפה, אין זאל פון „בית זאב״, האָבן זיך פארזאמלט פיל חברים, כמעט 150 פערזאָן, צוזאמען מיט עטלעכע ותיקים, וואָס געפינען זיך אין ישראל נאָך פון פאר דער מלחמה. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן א ועד פון 13 פערזאָן, וועלכער זאָל זיך פארנעמען מיטן אָרגאניזירן אלע שטעטישע, אויפזוכן זייערע אדרעסן און שטיין מיט יעדן אין פארבינדונג. די מיטגלידער פונם ערשטן ועד זיינען געווען: אליעזר אקערמאַן, יעקב אליהו אקערמאַן, משה בירנבוים, אריה בירנבוים, יעקב דאר, שרגא זייערמאַן, שלמה זדאנאָוויטש, אריה טענענבוים, אייזיק נאבאָזשני, יוסף פערלמאַן (ז״ל), אברהם יצחק ראָזענבוים, שמעון שאָנשיין, יחיאל שפירא.

אויף דער ערשטער אזכרה־פארזאמלונג זענען פאָרגעשלאָגן געוואָרן צוויי וויכטיקע פאָרשלאָגן: אויפשטעלן א מצבה פאר די געפאלענע קדושים אין מרתף השואה אין ירושלים און ארויסגעבן א ספר „יזכור״ פאר דער קהילה קדושה פון שטעטל סארנאקי. א ספר וואָס זאָל בלייבן צום אייביקן אָנדענק, אלס א זכרון אויף דור־דורות. דער ספר „יזכור״ זאָל ארומנעמען דאָס גאנצע יידישע לעבן פון שטעטל — דאָס וועזן פון דער ווייטער פארגאנגענהייט, פון דער לעצטער צייט, וואָס מיר אלע געדענקען און איבער־הויפּט די תקופה פון אומקום.

★

דער פארשלאג אויפצושטעלן א מצבה איי גלייך אָנגענומען געוואָרן מיט אלגע־מיינער איינשטימונג. אָבער דער געדאנק פון ארויסגעבן א בוך איז געווען פאר אלע אָנווענזנדיקע א גרויסע איבערראשונג, ווייל אלע ווייסן, אז פון אונדזער שטעטל זענען נישטאָ קיין פאכמענישע שרייבער און זשורנאליסטן, וואָס זאָלן זיך קענען אונטערנעמען אזא גרויסע פאראנטוואָרטלעכע ארבעט: שרייבן א „יזכור״־בוך. עס זענען אויך נישטאָ קיין דאָקומענטן, קיין היסטאָרישע דאטעס, וואָס זאָלן קענען ארויסהעלפן ביים שאפן א ספר. אויך איז עס פארבונדן מיט גרויסע אויסגאבן, וואָס עס זעט זיך נישט פאָר ווי מען זאָל עס קענען צוזאמענשאפן. די לאַנדסלייט, וואָס געפינען זיך אין אויסלאנד, זענען אויך נישט זייער פארמעגלעך כדי צו פינאנסירן די אויסגאבן, וואָס זענען פארבונדן מיטן ארויסגעבן אזא בוך.

דער ועד האָט אָנגעהויבן אויספירן דעם ערשטן באשלוס. נאָך פיל מי האָבן מיר, שוין אין ערשטן עקזיסטענץ־יאָר פונם פארבאנד, אויפגעשטעלט אן אָנדענק־מצבה אין מרתף השואה אין ירושלים — צווישן הונדערטער מצבות פון מערסטע פוילישע שטעט — לזכר די קדושים פון סארנאקי, וועלכע זענען געהרגעט געוואָרן און אומגעקומען דורך די נאציס ימ״ש.

דעם 2־טן סעפטעמבער 1958 איז פאָרגעקומען אן אזכרה־פארזאמלונג אין מרתף השואה אין דער אָנוועזנהייט פון אומגעפער 50 לאנדסלייט. נאָכן אויפדעקן די מצבה האָבן אונדזערע חברים מספיד געווען די אומגעקומענע און האָבן געזאָגט פרקי תהלים, „קדיש״ און „אל מלא רחמים״. אין אָנדענק־לוח אין מרתף השואה איז אויסגעקריצט געוואָרן אן אויפשריפט אויף דור־דורות פאר דער קהילה און אירע קדושים אין נאָמען פון די סארנאקי־לאנדסלייט אין ישראל און אין ארגענטינע.

אָבער די איניציאטאָרן זענען געווען שטארק פארעקשנט און זיך אונטערגענומען דערגרייכן אויך דעם צווייטן ציל מיט אלע מעגלעכקייטן. שוין 8 יאָר זאמלען מיר מאטעריאל פארן ספר. מיר האָבן זיך געווענדעט צו אלע, וואָס קענען עפּעס שרייבן און געבעטן זיי זאָלן שאפן מאטעריאל פארן ספר אין די פארשיידענע געביטן.

העכער 20 יאָר עקזיסטירט אין בוענאָס איירעס א פארבאנד — מיט פיל מיטגלידער פון סארנאקי, לאָשיץ און אומגעגנט — וועלכער פירט א גרויסע אָרגאניזאציאָנעלע טעטיקייט — מיט צוזאמענטרעפן זיך אויף זייער קאָלאָניע, וואָס געפינט זיך אונטער דער שטאָט און מיטן צוזאמענרופן יעדעס יאָר אזכרות צום אָנדענק פון די אומגעקומענע פון די אלע שכנישע שטעטלעך.

האָבן מיר זיך געשטעלט מיט דעם פארבאנד אין ארגענטינע אין פארבינדונג און פאָרגעלייגט אונדזער פלאַן פון ארויסגעבן א „יזכור״־בוך. דער געדאנק איז געוואָרן פון זיי ווארעם אויפגענומען און צווישן אונדז איז געשאפן געוואָרן אן ענגערער קאָנטאקט מיטן ציל אויפשטעלן מיט בשותפותדיקע כוחות און מיטלען דעם דענקמאָל פאר אונדזער שטעטל, ווו מיר אלע זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן און געאָטעמט די ערשטע לופט. נאָך לאנגיאָריקער קאָרעספּאָנדענץ האָבן מיר זיך לסוף פארשטענדיקט אין אלע פראָבלעמען און לויט א געאייניקטן פלאַן צוגעטרעטן ענדלעך ארויסגעבן דעם „יזכור״־בוך.

אויך האָבן מיר זיך פארשטענדיקט מיט אונדזערע לאנדסלייט אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע און קאנאדע און באקומען פון זיי פינאנסיעלע הילף און מאטעריאל פארן בוך.

מיר האָבן באשלאָסן, אז דאָס „יזכור״־בוך זאָל ארומנעמען דאָס גאנצע שטעטל, דעם כלל און דעם פרט, די „מיוחסים״ און דאָס „עמך״, דאָס רייכע לעבן און דעם אָרעמען שטייגער, דאָס וואָכענדיקס און דאָס יום־טובדיקס, די געפילן און געדאנקען,

וואָס האָבן ערדעגט דעם יידישן פובליקום. אלע פּאָליטישע פּארטייען, וואָס זענען טעטיק געווען אויף דער יידישער גאס ביי אונדז אין שטעטל, אלע קלאסן — אָנהויבנדיק פון גרויס־האנדל, קליין־אינדוסטרי, סוחרים, בעלי־מלאכות און ארבעטער זאָלן באשריבן ווערן אָביעקטיוו. וויכטיקע פערזאָנען, וואָס זענען געשטאנען בראש פון פארשיידענע פּארטייען אוןווירטשאפטלעכע אינסטיטוציעס דארפן געשילדערט ווערן, ווי אויך פארשיידענע פאָלקסטימלעכע טיפּן פון שטעטל, און באזונדערס כלי־קודש. זאָלן דערמאָנט ווערן אויך פארשיידענע געשעענישן, וואָס דאָס שטעטל האָט אדורכגעמאכט אין די לעצטע 50 יאָר, וואָס דער דור געדענקט. עס זאָלן אין בוך זיך געפינען בילדער פון געוויסע פערזאָנען, וואָס וועלן ווערן געשילדערט, אויך בילדער פון געזעלשאפטן און פּארטייען, וואָס וועלן באהאנדלט ווערן אין ספר.

אויך זאָל באצייכנט ווערן אין בוך א גענויע רשימה פון די קדושים, געפאלענע דורך די נאציס ימ״ש אָדער אין אנדערע וועגן.

★

נישט לייכט איז געווען די ארבעט. עס איז שווער צו געפינען היסטאָריש מאטעריאל וועגן סארנאקי פון וועלכער עס איז תקופה. קיין צייטונג איז דאָרט נישט דערשינען. פאָרשער האָבן איר זייער צייט נישט געווידמעט. שריפטשטעלער האָבן איר נישט גענומען פאר זייערס א טעמע. אין ענציקלאָפּעדיעס און מעמואר־ביכער איז איר נאָמען נישט דערמאָנט. קהלה־פּנקסים און ארכיוו־דאָקומענטן זענען נישט אָפּגעהיט געוואָרן. עס איז גאָרנישט איבערגעבליבן שריפטלעך. — עס זענען אלזאָ געווען גאנץ ווייניק קוועלן, פון וועלכע מען קען שעפּן ידיעות. עס איז נאָר געבליבן די מעגלעכקייט: זאמלען זכרונות פון די אמאָליקע איינוווינער פון שטעטל. אזוי האָבן מיר טאקע געטאָן.

דאָס אלץ צוזאמענזאמלען האָט געקאָסט פיל ארבעט און כוח פון איינצלנע חברים, וואָס האָבן מיט גרויס מסירות־נפש געטאָן די עבודת הקודש און געווידמעט דערצו פיל צייט.

געוויס וועלן זיך אין בוך ארויסווייזן פיל פעלערן און בלויזן, וואָס מיר האָבן אדורכגעלאָזט און נישט באוויזן צוזאמענזאמלען. בעטן מיר אלע אונדזערע שטעטישע סליחה. מיר האָבן געהאט דעם בעסטן ווילן אלץ ארומצונעמען און באשרייבן. די ועדת המערכת, ווי אויך דער אלגעמיינער ועד, האָט פיל מאָל זיך געווענדעט מונדלעך און שריפטלעך צו די חברים און געבעטן מיטהעלפן אין שאפן דאָס נויטיקע מאטעריאל.

די ועדת המערכת דאנקט אלע וואָס האָבן צוגעשיקט מאטעריאל פארן ספר „יזכור", אויך פאר די בילדער, אחד המרבה ואחד הממעיט. אלע האָבן מיט עפּעס מיטגעהאָלפן צו שאפן דעם אייביקן דענקמאָל פאר אונדזער פארשניטענער קהילה און אומגעקומענע קדושים.

די רעדאקציע

דבר העורך

ליד הערים הגדולות בגולת פולין, שתססו בהן חיים יהודיים בעלי שלמות הביטוי כיאה ליישוב עממי גדול, מרובות היו העיירות הקטנות, אותן „ערים נכחדות בתפוצות הגולה, בהן יעשן במסתרים נרנו הישן". גם ביישובים קטנים אלה רחש הווי יהודי עצמי, הווי שנאבק על קיומו הגופני, החמרי והרוחני והמשיך את שלשלת הדורות.

כאן נשתמר יותר הצביון הדתי־המסורתי, החזיקו מעמד התמימות והרעננות. ההשגות לא היו גדולות, אך אהבת ישראל היתה מרובה, הזיקה אל העם היתה שרשית. ההווי היה מפַכּה עממיות. ייסורי הגולה ודאגות הפרנסה היו מנת־חלקם של היהודים, אך היתה גם חגיגיות ושמחת־חיים — חוויה טבעית, שלא־פעם התעלמה מן ההווה וינקה השראה ממאורעות עבר ומתקוות עתיד.

מה רבה היתה החיוניות היהודית, מה עשיר היה ההווי הרוחני בגולת פולין ומה רב־גוני היה נוף האנושי אם עיירה כה קטנה יכולה לספק חומר כדי ספר שלם!

★

מוזרה ומופלאה היתה המציאות היהודית. הגוף היה בעמק הבכא, אך הרוח נמשכה אל ארץ הכיסופים הרחוקה. עבדים היו היהודים למציאות הכובלת, אך נשמתם היתה חפשיה והתרפקה על „מקדשי־מעט" שהקימה, בהתגעגעה לחידוש ימי עצמאות בקדם. ההווי היהודי היה כעין אי חצוב מסלע בתוך ים גועש של חיים בין זרים, מתנכרים, לא־פעם אף מתנכלים ומתנקשים.

חיים אלה — על כל המגבלות שבהם — היו בהם שלמות, טהרה, אמונה, בטחון, מאבק על עצמיות. הנענים והנרדפים שאבו כוחות ממעיינות הרוח, שעמדו להם בכל עת צרה.

★

אך באה שואה, אשר לא עלתה אף בחלומות הרעים ביותר. עם הכליון הגופני ירדו לטמיון גם אוצרות תרבות יהודית עתירת־שנים.

עקירת היהודים ממקומות־מגוריהם מזה דורות, תמורות־העתים הסוערות ושינויי המנהגים עושים את שלהם כדי להשכיח את העבר. המציאות המשתנה, השנים הסוערות, המטלטלות אותנו טלטלה עזה ומחוללות תמורות עצומות, ההווי המסורתי, המפַנה את מקומו להווי חדש, דפוסי־החברה החדשים, הנוצקים בימינו החדשים — כל אלה

גורמים לכך, שלא רק המאורעות האוטנטיים צוללים לתהום הנשיה, אלא גם הערכים עוברים מן העולם. אם זכרון ההווי והמאורעות לא יועלו על הכתב בעוד מועד, תכסה אותם השכחה.

בבית היהודי המסורתי היו משאירים בפאת הכותל חלק בלתי מסוייד; היה זה „זכר לחורבן". כיום יש בלב כל יהודי פינה כזאת, המוצאת לה ביטוי בספר „יזכור" — צורת הנצחה כיאה ל„עם הספר".

רבים הם ספרי „יזכור" לזכר קהילות שנכחדו, ספרים שפורסמו בארצנו ואף בארצות אחרות. אולם אין מסתפקים בזה. כל אחד רוצה למצוא בספר את שלו, את עצמיותו, את עירו שלו, כל אחד רוצה להנציח את הקרוב לו.

עשרים שנה עברו מאז גמר מלחמת־העולם השניה, אך הפצעים לא נגלדו. אבדו האנשים הקרובים, נתפרדה המשפחה. גם זו המשפחה הקיימת שוב איננה כה אחידה, כה מלוכדת כפי שהיתה בעבר. לא רק היחיד נתייתם, גם הדור נתייתם. נדמה, כי ספר „יזכור" גורם לאיחוד־יתר, לליכוד־יתר. הוא מציין את המשותף, מקבץ סביבו את בעלי הזכרונות, אשר לשכוח לא יוכלו.

מפי סופר יהודי שמעתי הגדרה נאה על טיבם של הסופרים הקלאסיים. הוא אמר: כאשר קוראים את מנדלי מוכר־ספרים, יש לנוד ראש ליהודי; כאשר קוראים את פרץ, יש להעריץ את היהודי; כאשר קוראים את שלום־עליכם, יש לאהוב את היהודי. — נדמה לי, כי לקריאת ספר „יזכור" אופפות את הקורא שלוש הרגשות אלו גם יחד.

★

הרוח, המנשבת בין דפי הספר, היא רוח של צער ושל חיבה — צער על אלה האהובים והיקרים, שנעקרו באכזריות בלא עת; חיבה לאותו הווי מיוחד, אשר היה ואיננו, אשר היה ולא ישוב.

סערה עזה טלטלה את האילן העתיק, עקרה אותו ממקומו, קיצצה את שרשיו ודלדלה את ענפיו. נחמתנו — בנטעים הרכים והחדשים, שהצמיח בקרקע חדשה־עתיקה, שממנה לא יינתשו עוד.

פון רעדאַקטאָר

צו די גרויסע שטעט אין פוילן, ווו עס האָט געבריוזט א פּולקאָם יידיש לעבן, האָבן זיך געטוליעט פיל קליינע שטעטעלעך, יענע „ערים נכחדות בתפוצות הגולה, בהן יעשן במסתרים נרנו הישן" („פארוואָרפענע שטעטלעך אין צעשפּרייטן גלות, ווו עס צאַנקט נאָך באַהאַלטענערהייט אונדזער אַלטע ליכט"). אויך אין אָטדי קליינע יישובים האָט געשווימלט אַן אייגנאַרטיק יידיש וועזן, וואָס האָט געקעמפּט פאַר זיין פיזישער און גייסטיקער עקזיסטענץ און האָט פאַרגעזעצט די שלשלת הדורות.

דאָ איז געווען מער אויפגעהאַלטן דער רעליגיעז־טראַדיציאָנעלער אייגנאַרט, דאָ האָט מער אָנגעהאַלטן די אויפריכטיקייט, די איינפאַכקייט. די השגות זענען געווען קליין, אָבער די אהבת ישראל איז געווען גרויס, די צוגעבונדנקייט צום פאָלק אין געווען גרינטלעך. עס האָט געשפּרודלט מיט פאָלקסטימלעכקייט. גלות־ייסורים און פּרנסה־דאגות זענען געווען דער שיקזאַל פון די יידן, אָבער אין זייער לעבן איז אויך געווען יום־טובדיקייט און לעבנס־פרייד — א נאַטירלעכע איבערלעבונג, וואָס נישט־זעלטן האָט זי נישט געזען די ווירקלעכקייט און האָט געצויגן איר השראה פון פאַרגאַנגענהייטס־געשעענישן און צוקונפטס־האָפנונגען.

ווי שטאַרק איז געווען די יידישע לעבנס־קראַפט, ווי רייך איז געווען דאָס גייסטיקע וועזן אינם פּוילישן גלות און ווי פילפאַרביק איז געווען די מענטשלעכע פּאַנאָראַמע אויב אַזאַ קליין שטעטעלע קען פאַרזאָרגן מאַטעריאַל פאַר א גאַנץ בוך!

אויסטערליש און וווּנדערבאַר איז געוועזן די יידישע ווירקלעכקייט. דער גוף איז געווען אין עמק הבכא, אָבער די נשמה האָט זיך געצויגן צום ווייטן אויסגעבענקטן לאַנד. פאַרשקלאַפט זענען די יידן געווען דורך דער הערשנדיקער ווירקלעכקייט, אָבער זייער גייסט איז געווען פריי און האָט זיך געטוליעט ביי „מקדשי־מעט", וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט, בענקענדיק נאָכן באַנייען די זעלבשטענדיקייט ווי אַמאָל. די יידישע ווירקלעכקייט איז געווען ווי אַן אינדזל אין א שטורעמדיקן ים — צווישן פרעמדע, פיינט און פאַרפאָלגער.

זייער לעבן — טראָץ אַלע באַשרענקונגען — האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גאַנצקייט, ריינקייט, גלויבן, בטחון, קאַמף פאַר אייגנאַרטיקייט. די געפּלאָגטע און געררודפטע האָבן געשעפּט כוחות פון גייסט־קוועלן, וואָס האָבן זיי אַרויסגעהאָלפן.

★

אָבער עס איז אָנגעקומען די קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך נישט געחלומט אפילו אין די ערגסטע חלומות. מיטן פיזישן אומקום זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויך אוצרות פון יידישער פיל־יאָריקער קולטור.

דאָס עוקר זיין פון די אַלט־איינגעזעסענע וווין־ערטער, די שטורמישע צייט־ענדערונגען און די נייע מנהגים ווירקן צו פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט. די שטורמישע יאָרן, וואָס צעטרייסלען אונדז און ברענגען אומגעהויערע ענדערונגען, דאָס טראַדי־

ציאָנעלע ווען, וואָס טרעט־אָפּ פאַר אַ נייער לעבנס־אַרט, פאַר ניי־אַנטשטייענדיקע געזעלשאַפטס־פאָרמען — דאָס אַלץ ברענגט דערצו, אַז נישט נאָר די אויטענטישע פאַלן ווערן פאַרגעסן, נאָר אויך די ווערטן גייען פאַרלוירן. אויב די זכרונות פון דעם לעבנס־וועזן און די ווירקלעכקייטס־געשעענישן וועלן נישט פאַרצייכנט ווערן אין דער געהעריקער צייט, וועלן זיי גענצלעך פאַרגעסן ווערן.

אינעם יידישן טראַדיציאָנעלן הויז פלעגט מען אין אַ ווינקל איבערלאָזן אַ שטיקל נישט אויסגעקאַלכט וואַנט; דאָס איז געווען „זכר לחורבן". היינט איז אין יעדן יידישן הארץ פאַראַן אַזאַ ווינקל, וואָס זיין אויסדרוק איז אַ ספר „יזכור", אַ פאַראייביקונגס־פאָרם ווי עס פּאַסט פאַרן „עם הספר".

פיל „יזכור"־ביכער לזכר אומגעקומענע קהילות זענען שוין דערשינען אין ישראל און אין אַנדערע לענדער. אָבער מען באַגנוגנט זיך נישט דערמיט. יעדער איינער וויל געפינען אינעם ספר זיינס, זיין אייגנאַרטיקייט, זיין וווין־אָרט. יעדער איינער וויל פאַראייביקן זיינע נאָנטע.

צוואַנציק יאָר זענען אַריבער זייט דער ענדע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָבער די ווונדן זענען נישט פאַרהיילט געוואָרן. עס זענען פאַרלאָרן געגאַנגען די נאָנטסטע, די פאַמיליע איז צעשפּרייט געוואָרן. אויך די עקזיסטירנדיקע פאַמיליע איז שוין נישט אַזוי איינהייטלעך, אַזוי צונויפגעבונדן ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט. נישט נאָר דער יחיד איז פאַריתומט געוואָרן, אויך דער דור איז פאַריתומט. דאַכט זיך, אַז דער „יזכור"־בוך ברענגט מער איינקייט, מער צוזאַמענבונד. ער באַצייכנט דאָס שותפותדיקע, זאַמלט אַרום זיך די בעלי זכרונות, וואָס קענען נישט פאַרגעסן.

פון אַ יידישן שרייבער האָב איך געהערט אַ שיינע באַצייכענונג פאַר די קלאַסישע שרייבער: ווען מען לייענט מענדעלע מוכר־ספרים, מוז מען דעם ייד באַדויערן; ווען מען לייענט פּרצן, מוז מען דעם ייד פאַרהערלעכן; ווען מען לייענט שלום־עליכמען, מוז מען דעם ייד ליב האָבן. — דאַכט זיך, אַז לייענענדיק אַ „יזכור"־בוך, נעמען אַרום דעם לייענער די אַלע דריי געפילן צוזאַמען.

★

צווישן די בלעטער פונם ספר פלאַטערן צער און ליבשאַפט — צער אויף די ליבע און טייערע, וואָס זענען אכזריותדיק, פאַר דער צייט, אומגעבראַכט געוואָרן; ליבשאַפט צו יענעם באַזונדערן לעבנס־שטייגער, וואָס איז שוין מער נישטאָ, וואָס וועט מער נישט זיין.

אַ שטאַרקער שטורם־ווינט האָט צעטרייסלט דעם אַלטן בוים, אים אויסגעריסן, אָפּגעהאַקט זיינע וואָרצלען און אָפּגעשניטן זיינע צווייגן. מיר טרייסטן זיך מיט די נייע, יונגע פלאַנצונגען, וואָס האָבן אויסגעשפּראָצט און זיך איינגעוואָרצלט אין דער אַלט־נייער ערד, פון וועלכער זיי וועלן שוין מער נישט אויסגעריסן ווערן.

הערות למדור העברי

התומר בספר זה מתפרסם בעברית וביידיש — כלשון היכתבו בידי המחברים. רוב המאמרים, שנכתבו בעברית, תורגמו ליידיש — להבנת הרבים, בייחוד בני־עיר בחוץ־לארץ.

המערכת הקפידה, שהחומר יהיה נאמן למקור, בלא שיוטלו בו שינויים מהותיים.

★

השתדלנו, שלספר לא יהיה צביון פוליטי. אם בכל־זאת שזורה פה ושם דעה בעניינים פוליטיים, הרי היא באה על אחריות המחבר בלבד.

★

כמעט לכל אדם בעיירה היה כינוי — לפעמים כציון למקצועו והתעסקותו, לפעמים כזכר לאיזה מאורע, אך לא־פעם בצורה לגלגנית ואף מעליבה. כינויים אלה היו כה מקובלים עד כי בלעדיהם אי־אפשר לזהות את האיש ועל כן לא פסחנו עליהם.

קושי מיוחד היה בהבאת הכינויים בעברית. לא תרגמנו אותם והבאנום במקורם ביידיש. לשם אחידות לא שינינו אפילו שם כגון „מלכה׳לה די שניידערקע״.

● ● ●

באמערקונגען צום יידישן טייל

דאָס מאַטעריאַל אין דעם בוך ווערט פאַרעפנטלעכט אין עברית און יידיש — אין דער שפּראַך ווי עס איז געשריבן געוואָרן. כמעט אַלע אַרטיקלען, וועלכע זענען געשריבן אין עברית, זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש — כדי עס זאָל זיין מער פאַרשטענדלעך, הויפּטזעכלעך פאַר לאַנדסלייט אין אויסלאַנד.

די רעדאַקציע האָט געלייגט אכט, אַז דאָס מאַטעריאַל זאָל זיין טריי און ענלעך צום אָריגינאַל, אָן וועזנטלעכע ענדערונגען.

★

מיר האָבן זיך באַמיט, אַז דאָס בוך זאָל זיין אַפּאָליטיש. אויב ערגעץ ווו ווערט דאָך אַרויסגעזאָגט אַ פּאָליטישע מיינונג, איז עס אויף דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונם פאַרפאַסער.

★

מיר באַנוצן זיך אין בוך מיט דעם ליטעראַרישן יידישן סטיל און דער אָנגענומענער אָרטאָגראַפיע. אָבער וועלנדיק איבערלאָזן דעם טעם פונם יידישן פאָלקסטימלעכן, האַרציקן אויסדרוק, האָבן מיר דאָ און דאָרט — „נישט ווילנדיק״ אָדער אויס מוז — אַדורכגעלאָזט אַפּווייכונגען און אויסשרייטונגען — אייגנאַרטיקע אויסדרוקן, נישט גאַנץ ליטעראַרישע שפּראַך־אייגנטימלעכקייטן, וואָס זענען אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן פאָלקס־לשון.

אויך ווערן דאָ באַנוצט געוויסע סלאַווישע אויסדרוקן — פּאָלאָניזמען און רוסיציזמען, אפשר אויך גערמאַניזמען, וועלכע האָבן קוים אַן ערזאַץ־וואָרט, ווי אויך אויסדרוקן, וואָס זענען טיפּיש פאַרן אָרטיקן וועזן, אַזוי אַז יעדע אַנדערע דעפיניציע וועט אויסזען פרעמד.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ זענען געווען נישט ווייניק פּראָבלעמען: נישט פאַרליטעראַרישן צופיל, אָבער אויך נישט פאַראיינפאַכן; פּרעזענטירן פאָלקסטימלעך, אָבער נישט אָרדינער; אידיאָמאַטיש, אָבער נישט זשאַרגאָן־אַרטיק.

אין פאַרלויף פון די יאָרן, וואָס זענען אַריבער פון יענע צייטן, האָבן מיר זיך דערווייטערט פון יענעם לעבנס־שטייגער, און יעדע שפּראַך און סטיל איז דאָך געבונדן צום פּלאַץ און איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם אָרטיקן וועזן. דערווייל האָבן מיר אויפגענומען און איינגעזאַפּט נייע באַגריפן און אויסדרוקן — און דאָס אַלץ דאַרף קאָאָרדינירט ווערן.

★

כמעט יעדער אין שטעטל האָט געהאַט אַ צונאָמען — טיילמאָל לויט אַ באַצייכנונג פון פאַך און באַשעפטיקונג, טיילמאָל אָנגעקניפּט צו אַ געוויסן פאַל, אָבער אויך שפּאַסיק און זאָגאַר באַליידיקנדיק. אָטדי נעמען זענען אַזוי פּאָפּולער געווען, אַז אָן זיי איז שווער צו אידענטיפיצירן די פּערזאָנען און דעריבער האָבן מיר זיי נישט אויסגעמיטן.



שרגא זייערמאַן
חיפה

אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון סארנאקי

אונזער שטעטל סארנאקי האָט זיך נישט פיל אונטערשיידעט פון אלע צענדליקער און הונדערטער שטעטלעך פון פוילן, וואָס זענען חרוב און מוחרב געוואָרן. סארנאקי האָט געפירט איר יידישן ברויזנדיקן לעבנס־ארט אויפן געביט פון קולטור און ווירט־שאפט — אָנהויבנדיק פון א קהילה־אָרגאניזאציע, פּאָליטישע פארטייען, ארבעטער־אָרגאניזאציעס, געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, דראמאטישע קרייזן, רבנים און כלי־קודש, בתי־מדרשים, א שול, חסידים שטיבלעך, ווי אויך האנדל, קליין פאבריקאציע, מלאכה. דאָס אלץ איז געלעגן אין יידישע הענט און געווען איינגעוואָרצלט פון דורות.

נאָכן חורבן זענען געבליבן גאנץ ווייניק היסטאָרישע קוועלן, וועלכע זאָלן באצייכנען דעם אָנפאנג פונם יידישן יישוב אין סארנאקי. אין די פאָרשונגען פון אָנהויב פון יידישן יישוב אין פוילן בכלל און פּאָדלאשע בפרט געפינען מיר נאָר קורצע שטריכן. עס זענען אפילו נישט געבליבן דער פנקס פון חברה קדישא, וואָס איז שוין אלט געווען עטלעכע הונדערט יאָר און אנדערע דאָקומענטן פון דער יידישער קהילה אָדער פון געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן קענען ווארפן א שיין אויף דער פארגאנגענהייט פון שטעטל. מען האָט געדארפט פיל זוכן כדי עפּעס אויס־געפינען.

פון אלטע ארכיוון

עס איז נאָר געלונגען — מיט דער הילף פון דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין ווארשע — צו געפינען אין די אוניווערזיטעט־ארכיוון אין ווארשע איינצלנע דאטן, וועלכע באצייכנען די אנטשטייאונג פונם יידישן יישוב אין סארנאקי אין 1754. אָבער מיר געדענקען, אז אין סארנאקי האָט מען דערציילט, אז דאָרט איז געווען א יידישער יישוב שוין אין יאָר 1510.

אין Słownik Geograficzny, ווארשע, 1889, אויף זייט 318—317, ווערט איבער־געגעבן, אז סארנאקי האָט באקומען שטאָטישע רעכט אין יאָר 1754. אין 19־טן

יאָרהונדערט זענען אויף אן אלגעמיינער צאָל 71 הייזער געווען 31 יידישע און אז אין 1861 זענען אויף דער אלגעמיינער צאָל 1,412 איינוווינער געווען 562 יידן.

ב. וואשוטינסקי, אין זיין בוך Ludność Żydowska w Polsce, זייט 64, ג'יט־אָן, אז אין יאָר 1827 זענען געווען אין סארנאקי אויף דער אלגעמיינער צאָל 820 איינ־וווינער — 527 יידישע; אין 1857 פון 735 — יידן 534; אין 1921 פון 1588 — יידן 1198.

לויט ב. וואשוטינסקיס ארטיקל Ludność Żydowska ,w Królestwie Polskim פארעפענטלעכט אין Ekonomista ,1911, 2־טער באנד, זענען אין יאָר 1908 אויף דער אלגעמיינער צאָל 1996 איינוווינער געווען 1639 יידן.

די אקטן פון דער Komisja Rządowa Spraw Wewnętrznych, Archiwum Główny Akt Dawnych נומערן 9־3998, באווייזן, אז דעם 13־טן דעצעמבער 1754 האָט דער פוילישער קעניג אויגוסט דער דריטער אָנערקענט לאָקאציע־רעכט דעם אייגנטימער פון דאָרף סארנאקי אלעקסאנדער בוטלער. אויפן גרונט פון דעם רעכט איז דעם שטעטל אָנגעגעבן געוואָרן דייטשע (מאגדעבורגער) רעכט און אנדערע פריווילעגיעס.

אין יאָר 1819 איז סארנאקי איבערגעגאנגען בירושה צום כראביע סטאניסלאוו אָססאָלינסקי. לויט די אָפיציעלע דאָקומענטן איז סארנאקי, צוזאמען מיט דער דאָרפישער גמינע קלימטשיץ, געווען פארוואלטעט איינהייטלעך — ווירטשאפטלעך און אדמי־ניסטראטיוו. אזיווי דער כראביע אָססאָלינסקי האָט באזעסן נאָך פיל גיטער, האָט ער נישט פארוואלטעט אליין מיט זיין באזיץ אין קלימטשיץ און כארנאקי, נאָר איבער־געגעבן אין ארענדע אלע גיטער מיכאל קאָבלינסקין, וועלכער האָט פארנומען דעם אמט אלס וואָיט פון דער גמינע קלימטשיץ און שטאָט־פארוואלטער פון סארנאקי.

דאָס איז נאָך געווען אין דער צייט ווען אויף דער פוילישער טעריטאָריע זענען געווען איינגעפירט דער נאפּאָלעאָנישער קאָדעקס און די אלטע טראדיציעס פון דער נישט־צעטיילטער פוילן (Rzeczpospolita Przedrozbiorcza), וועלכע האָבן ארויס־גערופן די ערשטע היסטאָרישע אויפברויזן אין אָנהויב פון 18־טן יאָרהונדערט, וואָס האָט דערבראכט דערצו, אז אויף א לענגערער צייט איז דער רוסישע רעזשים געוואָרן סיסטעמאטיש איבערגעטראָגן אין קעניגרייך פוילן. אין רעזולטאט האָט עס דערפירט צו פרישע קאמפן אין דער צייט פון יאנואר אויפשטאנד (Powstanie Styczniowe) אין יאָר 1830.

נאָך דעם אויפשטאנד איז געענדערט געוואָרן די לאגע פון די סארנאקער איינ־וווינער און ווירטשאפטלעך און אדמיניסטראטיוו ווערן איינגעפירט נייע רעפאָרמען — לויט ווי מיר זעען פון Dziennik Ustaw Wojew. Podl. סארנאקי ווערט פראָקלאמירט אלס אָסאדא (Osada), איינגעגלידערט אין דער גמינע סארנאקי. עס ווערט דאָס באזיץ פון די פויערים און שלאכטע, וועלכע גיט זיי דאָס פאקטישע רעכט צו באנוצן אָדער ארענדירן די פעלדער און פלעצער מיט די שטעטישע געביידעס. עס שאפן זיך עפנטלעכע פלעצער, וועלכע ווערן פארוואלטעט געזעלשאפטלעך דורך די איינוווינער פון סארנאקי. אלע גיטער פון קלימטשיץ, צוזאמען מיט די פאָלווארקעס און דערפער ארום, זענען אין יענער צייט געווען היפּאָטעקיש דאָס אייגענטום פון כראביע.

דאָס נייע געזעץ פון אנטאייגנען האָט געשאפן היפּאָטעקישע ענדערונגען פאר די פּויערים און שלאכטע אין די ראמען פון ליקווידאציע־טאבעלע. די נייע טאבעלע־פאראָרדנונגען נעמען אוועק דאָס פאקטישע רעכט־אייגנטום פון די פריערדיקע באזיצער און גיבן עס איבער די נייע באזיצער. דאָס דאָרף סארנאקי האָט אנטהאלטן 40 וולוק, ארומנעמענדיק הויפּישע פעלדער, פּויערישע ארענדירטע פעלדער, פעלדער פון דער שלאכטע, הינטערשטעטישע גרונט־באזיץ פון פּוילישן קלויסטער, הויפּישע געביידעס, די ביר־ברויעריי, די מיל (געטריבן מיט פערד), די בראָנפן־ברענעריי און די „סושארניע״. דאָס דאָרף כיבאָוו געהערט אויך צום סארנאקער פאָלווארק — מיט זיינע געביידעס און שלאכעטסקע גיטער, צוזאמען 26 וולוק. דאָס שטעטל סארנאקי מיטן פאָלווארק האָט צוזאמענגעמישטע פעלדער. עס געהערט צום פּאָוויאט לאָשיץ, וואָיעוואודסטוואָ ביאלא פּאָדלאסקא, און עס האָט אן אייגענעם בירגערמייסטער, און דער פאָלווארק געהערט צו דער גמינע קלימטשיץ.

אין סארנאקער מארק זענען אויפגעבויט געוואָרן געוועלבער. די איבעריקע פּלעצער זענען געוועזן ליידיק. דער גאנצער שטח האָט געהאט ביז 1 וולוק.

דער קריסטלעכער בית־הקברות מיטן קלויסטער און זיינע געביידעס מיט די „סאדזעווקעס״ פארנעמט ביז 5 מאָרגעס; דער יידישער בית־עלמין — א פערטל מאָרג.

דאָס שטעטל איז נאָך נישט אינגאנצן אויסגעבויט. די גאסן זענען נישט געאָרדנט. נאָר אינדערמיט זענען דאָ 2 שורות הייזער מיט געוועלבער און ארום — ליידיקע פּלעצער, אויף וועלכע עס געפינען זיך פארשיידענע געביידעס נישט אין בעסטער אָרדנונג.

א ליסטע פון אלטע איינוווינער

אלע פּלעצער פון שטעטל און די פעלדער געהערן צום כראביע, וועלכער גיט זיי איבער די איינוווינער אין פּאכט פאר געוויסע אָפּצאָלן. הייזער געפינען זיך אויס־געבויטע דורך די איינוווינער, וואָס עס איז זייער אייגנטום. עס זענען אויך דאָ פיל הייזער, וואָס געהערן צום כראביע און מען צאָלט פאר זיי פּאכט־געלט, צ.ב. 2 קרעטשמעס און א שענק אין הילצערנע געביידעס, וואָס זענען אין באזיץ פון קריסטן, וואָס צאָלן 2,000 זלאָטעס א יאָר; א הויז פון שטיין און ציגל, ווו עס האָט געוווינט שאולקע עדעלשטיין, א שמיד; די ווינט־מיל מיט 2 פּאָר שטיינער מיט פליגל און מיט אלע איינריכטונגען; די 25 הילצערנע הייזער און 1 געמויערט הויז פון שטיינער, ווו עס האָבן געוווינט די שפּעטער אויסגערעכנטע איינוווינער; אויך 15 סטאָדאָלעס, 17 שטעלער מיט פארשיידענע קליינע געביידעס.

יידישע איינוווינער ביים מארק־פּלאַץ אין פארשיידענע געביידעס זענען געוועזן 41. דערונטער זענען געוועזן א בראָנפן־ברענעריי און א „סושארניע״; א געמויערט הויז פון שטיינער, געהערט צו לייבל שפּירא; די הילצערנע באָד, א שול פון האָלץ געבויט; 7 יידישע געביידעס אין מיטן מארק, אין אלע זייטן ארום געפינען זיך געוועלבער, אין מיטן א ברונעם, א הילצערנע געביידע פאר ארעסטאנטן; דער יידישער בית־עלמין מיט אן ארומגעצוימטן געמויערטן פּלויט און ביים איינגאנג — א הילצערנע שאָפּע.

פאַר די פּלעצער פון די אַלע געביידעס און די פעלדער און גערטנער אַרום איז באַשטימט געוואָרן פאָלגנדיקער יערלעכער אָפּצאָל אַלס פּאַכט־געלט פאַרן כראַביע, וואָס איז געצאָלט געוואָרן אין הערבסט־צייט, אין נאָוועמבער־דעצעמבער יעדעס יאָר:

משה ווייסבערג	25	זלאָטעס,	13	גראָשן	שלמה פייטעלבערג	1	זלאָטי,	10	״
שייע איצקאָוויטש	3	״	2	״	קהל, פאַרן בית־מדרש	2	זלאָטעס,	14	״
לייב שפּירא — פאַר די פּלעצער און די „סאָרשאַרניע" —	95	״	14	״	יצחק ראַכמילטשיק			24	״
					שלמה נאַרטמאַן			20	״
					פישל מיצמאַכער			12	״
בלומע בלומענבלאַט			29	״	לייב נאַכטיגאַל			16	״
יורא גימבערג	1	זלאָטי,	4	״	הערש סאָכען	4	״	11	״
זעליג שוואַרצבלאַט	1	״	18	״	שמריה קראַנץ	4	״	14	״
לייזער אָפּער	1	״	18	״	הערש וויזעלטיר			26	״
חנה פּישקאָווא	1	״	18	״	יענקל פיכמאַן			24	״
יענקל זייערמאַן	1	״	18	״	גרשון לעמאַן	1	זלאָטי,	10	״
דוד אַקערמאַן	1	״	18	״	לייב קאָרנפעלד	1	״	—	״
יצחק נאַרטמאַן	1	״	18	״	מאיר וואַרדמאַן	1	״	—	״
זיסמאַן זילבערשטיין	1	״	18	״	ישראל נאָוועגט			20	״
לייזער הערשמאַן	1	״	18	״	קלמן האָכבערג	1	״	15	״
דוד פייגענבוים	1	״	18	״	אברהם פורמאַן	7	זלאָטעס,	15	״
הערש ראַכמילטשיק	1	״	18	״	דוד צומער	7	״	—	״
אברהם קאָרנהענדלער	2	זלאָטעס,	16	״	יצחק ראָטגאַרבער	6	״	9	״
יענקל לעווין	2	״	16	״	קהל, פאַר די באָד	6	״	—	״
הערש פייגענבוים	2	״	16	״	משה זילבערבערג	6	״	24	״
אייזיק יאַקודאַ מאַטעס	1	זלאָטי,	14	״	מענדל קאָרנהענדלער	6	״	24	״
שלום שטיינבערג	1	״	14	״	פישל יונעס	7	״	10	״
משה נוסבוים			20	״	זלמן ווערטמאַן	2	״	16	״
ישראל גריסמאַן			20	״	יענקל נאַרטמאַן	10	״	—	״
לאה שטירמאַן	1	״	20	״					

בלומע בלומענבלאַט, יורא גינבערג, זוסמאַן זילבערשטיין, חנה לעוואַרטאָווסקי, יצחק צינגער,
שלמה גאָלדבערג און פּעשע קרייזעלמאַן — יעדער פון זיי פאַר די געוועלבער צו 10 זלאָטעס
פּעלטע קראַנץ, יצחק פעלמאַן, הערש און דוד שומאַכער, שוסטער — יעדער צו 3 ״
בערל בעקערמאַן, פאַר דער בעקעריי — 160 ״
יאַן לעגיצקי, פאַר דער מיל — 900 ״
שאולקע עדעלשטיין פאַר דער וווינונג און שמידעריי — 50 ״

צוזאַמען זענען געווען 62 משפחות, וואָס האָבן געצאָלט פּאַכט־געלט.

די אויבנגעבראַכטע געגעבענע זענען אַרויסגענומען פון די אָפיציעלע דאָקומענטן:

Dziennik Ustaw Wojew. Podl. Nr. 1 z dnia 7 Stycznia 1832 r.

Dodatek 2 do Dz. U. W. P. z dnia 7 Stycznia 1832 r.

Dziennik Ustaw Wojew. Podl. Nr. 6 z dnia 11 Lutego 1832 r.

Dziennik Ustaw Wojew. Podl. Nr 9 z dnia 3 Marca 1832 r.

אין 1865 איז דאָס שטעטל געוואָרן דאָס אייגנטום פון כראַביע בראַניסלאַוו פּאָדטשאַסקי. דאַן איז אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 63 הייזער געווען 34 יידישע. אויף דער אַלגעמיינער צאָל 946 איינוווינער זענען געווען 707 יידישע.

לויט ארכיוו־געגעבענע פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשע זענען געווען אין אויגוסט 1941 אין סארנאקי 1250 יידן, צווישן זיי 575 אָרטיקע און 675 אריינגעפאָרענע.

אין ארטיקל Zagłada Żydów w dystrykcie warszawskim, ביולעטין נומער 1 (3), יאנואר — אפריל 1952, שרייבט ט. בערנשטיין, אז אין יאנואר 1941 זענען געווען אין סארנאקי 1185 יידן; אין יאנואר 1942 — 1120 יידן. לויט זיין ארטיקל איז די גאנצע יידישע באפעלקערונג אויסגעזידלט געוואָרן אין חודש מאי 1942 קיין מאָרד און לאָשיץ און פון דאָרט אין חודש אויגוסט אין פארניכטונגס־לאגער אין טרעבלינקע.

אינם שווארצן בוך פון די ערטער, ווו די יידישע באפעלקערונג איז געוואָרן אויסגעראָטן („יד ושם" אויסגאבע, 1965), איז אָנגעגעבן די צאָל 1198 אומגעבראכטע יידן אין סארנאקי.

דאָס איז אלץ וואָס איז געלונגען זיך צו דערוויסן וועגן דער ווייטער פאר־גאנגענהיט פונם יידישן יישוב אין אונדזער שטעטל.

טאָפּאָגראפיש און געאָגראפיש

דורך סארנאקי זענען דורכגעגאנגען 3 נישט־ברוקירטע הויפּט־וועגן און 2 זייטיקע וועגן. אין שטעטל איז פאָרגעקומען — נאָך פון אמאָליקע צייטן — כמעט יעדע וואָך א מארק־טאָג און 6 מאָל אין יאָר יארידים.

אויסגעזען האָט דאָס שטעטל ווי א קעסטל. אין אלע פיר זייטן ארום זענען געווען אויסגעשטעלט הילצערנע הייזער. ווו־נישט־ווו האָט זיך אריינגעמישט א גע־מויערט הויז. אין דער מיט זענען געווען צוויי שורות געביידעס, וואָס עס האָט געהייסן: דער מארק, מיט זיינע געשעפטן. אין דיזעלבע געביידעס האָבן געוווינט די אייגנטימער פון די געשעפטן אָן שום סאניטארע איינריכטונגען. אין מיטן גאס איז געווען א פּלומפּ, וואָס האָט געגעבן וואסער פאר די איינוווינער.

אין דער אויבערשטער זייט, צו מערב צו, איז געווען דער שולהויף — צענדליקער געדיכט־געבויטע הייזלעך, אָן א שום סדר. דאָרט האָבן זיך געפונען דער בית־המדרש און די אלטע שול און דעריבער האָט עס געהייסן דער שולהויף. דער גרעסטער טייל פון שולהויף־באפעלקערונג זענען געווען ארבעטער, בעלי־מלאכות, דאָרפס־גייער. אין דער דרום זייט פון שולהויף איז געווען א שטייענדיק וואסער, וואָס האָט זיך גערופן „די גלינקע". אין דער אנדערער זייט איז דער וועג צום באָד און ווייטער — צום בית־הקברות און דעריבער האָט עס טאקע געהייסן די באָד גאס.

געאָגראפיש איז סארנאקי געלעגן ביי די גרענעצן פון 3 וואָיעוודסטוועס (גוּ־בערניעס). צפון זייט, 6 קילאָמעטער פון סארנאקי, אויף דער צווייטער זייט בוג, האָט זיך אָנגעהויבן די ביאַליסטאָקער וואָיעוודסטווע (גראָדנער גובערניע — אין דער צארישער צייט). די ערשטע שטעטל פון יענער זייט בוג איז געווען סעמיאַטיטש, 6 ק"מ פונם טייך.

דרום זייט איז געווען די גרענעץ פון כעלמער גובערניע, וואָס דער צארישער רעזשים האָט געוואָלט אָפּרייסן פון שעדלעצער און לובלינער גובערניע כדי אָנשליסן

די פראוואָסלאַוונע איינוווינער אינם געביט פון דער קאטוילישער באפעלקערונג. די ערשטע שטאָט איז דאָ געווען קאָנסטאנטין, 19 ק״מ פון סארנאקי.

אויף מערב זייט איז געווען די לובלינער וואָיעוווּדסטווע (אין דער צארישער הערשאפט — שעדלעצער גובערניע). די ערשטע שטאָט איז דאָ געווען לאָשיץ, 17 ק״מ פון סארנאקי.

פון די גרעסטע צענטערן איז דאָס שטעטל געווען נאָך ווייטער: קיין שעדלעץ איז געווען 50 ק״מ, קיין ווארשע — 140 ק״מ, קיין ביאלע — 40 ק״מ, קיין מעזריטש — 35 ק״מ.

פון פוילישן אדל־באזיץ — אין יידישע הענט

דער לעצטער אייגנטימער פון סארנאקי און אומגעגנט, כראביע פאָדטשאסקי, איז געווען פון גרויסן אדל אין פוילן. ער האָט געהאט פיל גיטער אויך אין אנדערע געגנטן אין פוילן און האָט איבערגעגעבן צו פירן סארנאקי מיט אירע גיטער און ארומיקע פאָלווארקעס דעם כראביע פלאטער.

דאָס צענטראַלע זיץ־אָרט פון כראביע פלאטער און די כראבינע פאָדטשאסקא איז געווען אין גוט רושניעווע — 10 ק״מ פון סארנאקי און 8 ק״מ פון לאָשיץ. אין די אנדערע גיטער ארום: קלימטשיץ, ראָזוואדאָווע, אָסטראָמענטשין, ליטעוויניק, מענ־זשענין האָבן זיך געפונען זשאָנדצעס, וואָס האָבן פארוואלטעט מיט די פאָלווארקעס אונטער דער אָנפירערשאפט פונם הויפט־לייטער כראביע פלאטער.

דאָס איבערגעבן סארנאקי דורך דעם פוילישן קעניג אויגוסט III אלס אייגנטום צום כראביע פאָדטשאסקי איז שוין פארגעקומען נאָך דעם צווייטן פוילישן אויפשטאנד (1863), ווען מען האָט שוין געהאט אָפגעשאפט די „פאנשטשיזנע״ (קנעכטשאפט). דאַן זענען פיל גיטער פארקויפט געוואָרן צו די פויערים און באארבעטער פון די גיטער. די דערפער נעבן סארנאקי זענען ארייגעפאלן אין די הענט פון דער שלאכטע און פויערים, וואָס זענען געווען מער אנטיסעמיטיש געשטימט און האָבן שטענדיק ארויס־געוויזן פיינטשאפט צו דער יידישער באפעלקערונג אין סארנאקי.

אין די ווייטערע דערפער אין סארנאקער געגנט זענען די פויערים געווען מער טאָלעראנט און האָבן נישט ארויסגעוויזן אזוינע אנטיסעמיטישע טענדענצן קעגן דער יידישער באפעלקערונג.

צוליב דערווירטשאפטלעכער לאגע נאָכן פוילישן אויפשטאנד איז כראביע פלאטער, דער פארוואלטער פון כראביע פאָדטשאסקיס גיטער, געווען פאראינטערע־סירט, אז דאָס שטעטל זאָל זיך אנטוויקלען אונטער זיין הערשאפט. עס זאָלן זיך געפינען אין שטעטל סוחרים און בעלי־מלאכות פון אלע צווייגן, וועלכע זאָלן קענען באדינען די ווירטשאפט פון אלע גיטער און פאָלווארקעס. עס זענען אויפגעקומען טישלער, בלעכער, שינדלמאכער, שמידן, שלאָסער, שוסטער, שניידער, היטלמאכער, סוחרים, קרעמער, תבואה־אויפקויפער, האָלץ־סוחרים. אלץ האָט געשעפט פרנסה פון די גיטער און פאָלווארקעס. אויך פארן פויערטום איז אין יענע צייטן געווען וויכטיק די אנט־וויקלונג פון אלע ווירטשאפט־צווייגן אין שטעטל כדי זיי זאָלן זיין פארזאָרגט מיט אלע לעבנסוויכטיקע ארטיקלען, וואָס זיי דארפן צו זייער ווירטשאפט, ווי אויך צו

האָבן װעמען צו פאַרקױפן זײערע פּראָדוקטן: תבואה, אײער, עופות, בהמות א. א. װ. דאָס אַלץ איז געלעגן אין ײדישע הענט פון דאַן אָן.

דער כראַביע פּלאַטער האָט געפירט אַלע זײנע געשעפטן מיט די ײדן פון שטעטל. ער פלעגט אַראָפּקומען מיט דער כראַבינע פּאָדטשאַסקאַ אין אַ קאַרעטע גע־שפּאַנט מיט צװײ פּאָר פערד און צופאָרן צו זײנע ײדן, בײ װעמען ער האָט ערלײדיקט זײנע געשעפטן.

די ײדישע באַפעלקערונג האָט ביסלעכװײז אָפּגעקױפט בײם כראַביע די פּלעצער פון די הײזער, װו זײ האָבן געװױנט. פאַר אַ נישט קײן טײערן פרײז האָט מען געקענט באַקומען אַ קװיטל אויף דעם פּלאַץ. די רײכערע ײדן, װאָס האָבן געפירט מיטן כראַביע געשעפטן מיט תבואות און װעלדער, האָבן אָפּגעקױפט בײ אים גרעסערע שטחים אין שטעטל און ביסלעכװײז איז דאָס גאַנצע שטעטל איבערגעגאַנגען אין ײדישע הענט.

עס פאָרט אַ באַן

ערשט אין יאָר 1904 האָט מען אָנגעהױבן בױען אין סאַרנאַקי אַ באַן־ליניע, װאָס האָט פאַרבונדן שעדלעץ מיט דער סטאַציע טשערעמכע דורך סאַרנאַקי. אַ שטרעקע פון 100 ק״מ, װאָס האָט זיך גערופן די באַן־ליניע װילנע—װאַרשע.

ביז דאַן איז אין שטעטל נישט געװען קײן שום מאָדערנער פאַרקער. מיט פורן פלעגט מען ברענגען סחורות אין שטעטל און מען איז געװען אָנגעװיזן אויף גרויסע סכנות אין די װעגן. פיל מאָל האָט פּאַסירט, אַז מען האָט די סוחרים באַרױבט אויף די װעגן און צוגענומען בײ זײ דאָס געלט אָדער די סחורה, איבערהױפּט װען מען איז געפאָרן בײנאַכט דורך די װעלדער. די באַנדיטן האָבן שױן געװוּסט װען אױסצופירן זײערע פּלענער.

די באַן־ליניע איז געװען צפון זײט פון סאַרנאַקי, אַ קילאָמעטער װײט פון שטעטל. װי די אינזשעניערן האָבן דערצײלט, האָט די סטאַציע געדאַרפט זײן אין סאַרנאַקי, אָבער דער כראַביע פּלאַטער, װעלכער האָט דורכאױס געװאָלט, אַז די סטאַציע זאָל זײן נאָענט צו זײן צענטראַלע, האָט אװעקגעשענקט גרויסע שטחים אינדערװײט פון 5 ק״מ פון שטעטל און דאָרט האָט מען געבױט די באַן־סטאַציע און די גערופן אויף זײן נאָמען פּלאַטעראָװע.

דאָס אװעקרוקן די סטאַציע פון שטעטל איז געװען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער באַפעלקערונג. די סוחרישע קרײזן האָבן אָנגעהױבן אינטערװענירן בײ די אױבער־נעמער פון דער באַן־ליניע, װעלכע זענען געװען ײדן. מען איז דערגאַנגען אַפילו קײן פּעטערבורג צום קיסר. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. די באַשטעטיקונג איז שױן געװען אַ געשעענער פאַקט.

די אײנציקע, װאָס זענען געװען צופרידן דערפון, װאָס די סטאַציע ליגט װײט פון שטעטל, זענען געװען די 4 בעלי־עגלות: בײניש קאַרשנבױם, יענקל נאַכטיגאַל, ישראל סאַלימאָן און משה ליבערמאַן, װאָס פאַר זײ האָט זיך געעפנט אַ פרנסה: פירן „פּאַרשױנען", װי אױך סחורה, צו דער באַן און צוריק.

אין די עטלעכע יאָר, װאָס מען האָט געבױט די באַן־ליניע און די אײזערנע בריק אויפן טײך בוג אין מאַטשקעװיטש, האָבן זיך געפונען אַרום שטעטל הונדערטער

ארבעטער — איטאליענער און רוסישע קאצאפעס, וועלכע פלעגן קומען אין שטעטל אַפּנעמען די אויסצאָלונגען ווייל די ביוראָס פון די אונטערנעמער זענען געווען אין שטעטל. דער גאנצער שטאב פון אָנגעשטעלטע און קאסירער זענען געווען פרומע יידן.

דאָס שטעטל האָט אויפגעלעבט. סוחרים, קרעמער און בעלי־מלאכות האָבן געהאַט שיין פרנסה פון די ארבעטער, וואָס האָבן איינגעקויפט זייערע פּראָדוקטן און קליידונג אין שטעטל.

אין יאָר 1907 האָט זיך פארענדיקט דאָס בויען פון דער באַן־ליניע, און די צוגן האָבן אָנגעהויבן פארביילויפן נעבן שטעטל מיטן פייף פון די לאָקאָמאָטיוון. דאָס גאנצע שטעטל, פון גרויס ביז קליין, פלעגט יעדן שבת ארויסגיין שפּאצירן צו דער באַן־ליניע און געשטוינט איבער דעם וווּנדער ווי דער לאָקאָמאָטיוו שלעפּט צענדליקער וואגאָנעס מיט פאסאזשירן און ווי מענטשן קוקן ארויס דורך די פענצטערלעך און ווערן שנעל פארשווּנדן — — —

רעוואָלוציאָנערע שטימונגען

אין יאָר 1905 זענען אויך ביי אונדז אין שטעטל קענטיק געווען שפּורן פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. עס האָבן זיך געפונען געציילטע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן דער דאמאָלסדיקער באוועגונג. די יידן פון שטעטל האָבן זיי גערופן: אנארכיסטן, „צעציליסטן״.

די רעוואָלוציאָנערן האָבן מיט טעראָר געפאָדערט געלט ביי די יידישע פאר־מעגלעכע לייט. און אמאָל, פרייטיקצונאכטס, האָבן זיי אויסגעשאָסן אין בית־המדרש מיט א רעוואָלווער צו דער סטעליע. דער דאמאָלסדיקער דיין ר׳ שלום, דעם רבס איידעם, האָט זיך מיט זיי ארומגעיאָגט מיט א האנטוך ארום בעלעמער...

דער רוסישער סטראזשניק „יארמארק״ האָט געוווּסט פון דער געשיכטע, אָבער ער האָט מורא געהאַט צו מעלדן וועגן דעם דער העכערער מאכט. א פחד האָט דאַן באהערשט דאָס שטעטל צוליב די רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געוואָלט אראָפּווארפן דעם אלמעכטיקן צארישן רעזשים.

מען האָט פרייער אָפּגעאָטעמט ווען די רוסישע מאכט האָט זיך דערוווּסט וועגן אָט דער טעטיקייט און האָט אָנגעהויבן ארומצוזוכן די רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן געמאכט פליטה קיין אמעריקע און דאָרט פארבליבן.

אזוי האָט זיך דאָס לעבן שטיל געצויגן ביז עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה.

די רוסן טרעטן־אָפּ

אלע „זאפאסנע״ מענער זענען גערופן געוואָרן קיין שעדלעץ צום פראָנט אין קאמף מיט די דייטשן. געווען איז עס דעם „שווארצן תשעה באָב״ 1914. צענדליקער יונגעלייט זענען אוועק קיין שעדלעץ זיך מעלדן ביים מיליטערישן נאטשאלניק. פון דאָרט זענען זיי אוועקגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט.

אין שטעטל איז געווען „חורבן״. מען האָט געריסן קברים אויפן בית־עולם. דער קלאַפּ האָט געטראָפן כמעט יעדע פאמיליע ווייל דאָס גאנצע שטעטל איז געווען

צווישן זיך פארבונדן מיט קרובהשאפט. טאָגטעגלעך איז מען געלאָפן 3 א זייגער אויף פּאָסט אָפּנעמען די צייטונג אָדער בריוו.

די פּאָסט איז דאַמאָלס געווען ביי הערשל שטערן אין שטוב (ווי מען האָט זיי גערופן „די שקאָפּעס"). דער רוסישער פּאָסט־נאַטשאַלניק, מיט א קמץ־בערדל, פלעגט צוטיילן די צייטונגען מיט די בריוו און דער עולם האָט זיך גענומען דיסקוסירן איבער די באריכטן פון פראָנט.

די מפּלה פון סאַמסינאָווס ארמיי אין מזרח פּרייסן, וואָס איז אינגאַנצן צעקלאַפּט געוואָרן, האָט שטאַרק געווירקט אויף דער באַפעלקערונג. מען האָט געוווּסט, אז דער פראָנט דערנענטערט זיך צום שטעטל און די רוסן וועלן מוזן אנטלויפן. מען האָט גערעכנט, אז ביי אונדז וועלן פּאָרקומען גרויסע קאַמפן ביים טייך בוג, ווו מען האָט אויפגעשטעלט א הילצערנע בריק איבערן וואַסער. אָבער די סטראַטעגיקער האָבן פאָרגעזאָגט, אז מען וועט אונדז אויסמיידן ווייל ביי אונדז זענען נישטאָ קיין שאָסייען, נאָר זאַמדיקע וועגן; די רוסן וועלן לויפן פון שעדלעץ דורך מעזשריטש — ביאַלע צו דער בריסקער פעסטונג.

אזוי איז טאַקע געווען. קיין גרויסע קאַמפן זענען ביי אונדז נישט פאָרגעקומען, נאָר קליינע צוזאַמענשטויסן פון קליינע גרופּן דייטשן מיט קאָזאַקן, וועלכע זענען געבליבן די לעצטע און האָבן אָנגעטאָן אביסל צרות און פאַרן אָפּטרעטן באַרויבט די יידן.

ביי דער דייטשער אָקופּאַציע

אין חודש אלול האָבן זיך באַוויזן די דייטשע פאָרפּאָסטנס (ראַזוויעדקעס) מיט ראַווערן און איינגענומען דאָס שטעטל מיט עטלעכע שאָסן צו די לעצטע אָפּטרעטנ־דיקע קאָזאַקן. דער עולם איז ארויס פריי אין די גאַסן, פּונקט ווי משיח וואָלט געקומען, ווייל — וועלכער ייד האָט זיך נישט געקענט אויסטענהן מיט די דייטשן? (געווען זענען עס אנדערע דייטשן, נישט די וועלכע מיר קענען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה).

אין שטעטל האָט זיך געעפנט א דייטשע קאָמענדאַנטור. דער הויפּט־קאָמענדאַנט איז געווען לויטנאַנט פאָן פענער. וועלכער האָט אָנגעהויבן איינפירן אָרדנונג. ביינאַכט איז געווען פארבאָטן ארויסגיין אין גאַס פון 9 ביז 6 פאַרטאָג. ארויסגיין פון שטאָט אָן א פּאַסיר־שיין איז געווען פארבאָטן. ווען מען האָט געכאַפּט וועמען אונטערוועגס אין א דאָרף, האָט מען אים געבראַכט צום קאָמענדאַנט און באַשטראָפט מיט 5 רובל געלט אָדער 3 טעג ארעסט. די הויפּט־קאָמענדאַנטור פון אונדזער געגנט איז געווען אין רישניעווע, ווו עס איז איינגעשטאַנען דער גאַנצער שטאַב פון דער דייטשער מאַכט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם אזוי־גערופענעם עטאַפּן־געביט.

שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן די יידישע געמיינדע. בירגערמייסטער איז געווען יעקב משה פייערשטיין. פּאָליציי־לייט זענען געווען יעקב צוקער און שמואל מאיר זשעלאַזע. אלס סאָלטיס האָט געדינט יצחק גוס („דער באַלעמאַטש"). די וווינונג פון דער יידישער געמיינדע איז געווען אויפן אָרט פון דער רוסישער פּאָסט און איר פּערסאָנאַל האָט אָנגעפירט מיט דער יידישער באַפעלקערונג.

די אויפגאבע פון דער געמיינדע איז געווען טיילן ברויט־קארטן פאר די איינוואוינער, ווייל די דייטשן האָבן צוגעטיילט א געוויסן קאָנטינגענט מעל פאר דער יידישער באפעלקערונג. ווי אויך צושטעלן יעדן טאָג צוואנג־ארבעטער אויסצוברוקירן אין שטעטל א שטיינערנעם וועג. יעדן טאָג האָט מען געמוזט צושטעלן 20 ארבעטער צום דייטשן ארבעטס־אָנפירער שטיכער. מען האָט אָבער געקענט שטעלן א געדונגענעם מענטש און נישט געמוזט גיין פערזענלעך צו דער ארבעט.

דער אָנפירער שטיכער איז געווען א שונא ישראל און פלעגט אויסזוכן פאר די יידן די שווערסטע ארבעט און אָפט פלעגט ער זיי אויך שלאָגן מיט זיין שטעקן.

אין דער צייט פון קריג זענען פון פינסק עוואקואירט געוואָרן צו אונדז אין שטעטל א 30 פאמיליעס „בעזשענצעס״ (פליטים). מען האָט זיי באזאָרגט מיט דירות און ארבעט אין שטעטל. צווישן זיי איז געווען א סטודענט לעאָן האָכשטיין. דאן איז נישט געווען קיין שולע אין שטעטל. איז געגרינדעט געוואָרן א שולע פאר יידישע קינדער און דער סטודענט האָכשטיין איז געוואָרן א לערער.

דער פארוואלטונגס־קאָמיטעט האָט געזאָרגט, אז אלע יידישע קינדער אין שול־עלטער זאָלן זיך לערנען און געשאפן א פאָנד אויסצוהאלטן די שולע. צוערשט איז די שולע געווען נעבן בית־המדרש. שפעטער, ווען די צאָל שילער האָט זיך פארגרעסערט און דער פלאַץ איז געווען צו קליין, האָט מען געדונגען דעם לאָקאל פון דער פאָסט ביי דעם קריסט טאָמאשוק. אין צוויי צימערן האָבן שוין געלערנט העכער 100 קינדער אין עטלעכע קלאסן.

אזוי איז עס געווען ביז 1918, ווען די דייטשן האָבן אָפּגעטרעטן און עס איז אויפגעשטאנען די פוילישע רעגירונג. די „בעזשענצעס״ זענען אהיים געפאָרן און אויך דער לערער האָכשטיין איז אוועק. די שולע איז ליקווידירט געוואָרן.

אונטער דער פוילישער זעלבשטענדיקייט

מיט דער אנטשטייאונג פון דער פוילישער זעלבשטענדיקייט אין 1918 האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן צו נאָרמאליזירן. עס איז געשאפן געוואָרן א פוילישע גמינע מיט א וואָיט בראש. עס האָט זיך געעפנט א פאָלקס־שולע, ווו עס האָבן געלערנט יידישע און קריסטלעכע קינדער אָן אויסנאם. דער האנדל האָט זיך אָנגעהויבן ווידער צו אנט־וויקלען. די בעלי־מלאכות האָבן אָנגעהויבן ארבעטן. עס האָט זיך געפילט א באפרייאונגס ווינטל פון אלע זייטן.

אָבער די נויט אין שטעטל איז נאָך געווען גרויס. עס האָט זיך געעפנט אין ווארשע דער „דזשאָינט״ קאָמיטעט, וואָס האָט פארטיילט הילף פאר נויטבאדערפטיקע. אונדזער שטעטל האָט אויך באקומען א גרויסע שטיצע פון „דזשאָינט״ אין פארשיידענע פראָדוקטן פון אמעריקע: מעל, רייז, צוקער, קאקאָ און אנדערע שפייז־מיטלען, וואָס האָבן אויסגעפעלט אין פוילן.

עס האָט זיך געשאפן א געמישטער קאָמיטעט פון יידן און קריסטן, וועלכער האָט אָנפאנגס פארטיילט צווישן דער באפעלקערונג רויע פראָדוקטן. שפעטער האָט דער „דזשאָינט״ אויפגעפאָדערט מען זאָל עפענען א קיך פאר קינדער און געבן

געקאָכט עסן. עס איז געעפנט געוואָרן א קיך, וואָס האָט פארטיילט צוויי מאָל אין טאָג געקעכטס און ווער עס איז געקומען האָט באקומען עסן פאר קינדער אָן באגרענצונג.

אין אָטדער צייט האָט זיך געגרינדעט די אלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאניזאציע, וואָס האָט ארומגענומען כמעט די גאנצע יידישע יוגנט פון מיטלשטאנד. אויך די אַ״בעטער־באוועגונג האָט זיך אָרגאניזירט און אָנגעהויבן פירן פּאָליטישע טעטיקייט.

אנטי־יידישע עקסצעסן

אין 1919 איז אויסגעבראָכן די פּויליש־סאָוויעטישע קריג. פיל יוגנטלעכע זענען אוועק אין פּוילישן מיליטער און דאָס שטעטל האָט ווידער אָנגעהויבן פילן דעם טעם פון מלחמה.

אויף דער סטאציע פּלאטעראָווע זענען פיל מאָל פאָרגעקומען עקסצעסן קעגן יידן. פון די אדורכפאָרנדיקע צוגן צום פראָנט פלעגן זיך אראָפּכאַפּן „האלערטשיקעס״ און „פּאָזנאנטשיקעס״, וועלכע פלעגן זיך מאכן פריילעך איבער די יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער סטאציע און אפילו אָפּשניידן בערד.

נאָך אזעלכע עקסצעסן האָט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אוועקגעשיקט א מעמאָראנדום צום ציוניסטישן נאציאָנאל־ראט אין ווארשע, וואָס איז געווען אָנגעפירט פון יצחק גרינבוים און אדוואָקאט הארטגלאס. זיי האָבן אינטערוועניִרט אין מיניסטעריום און עס איז אראָפּגעקומען א קאָמיסיע פון דער זשאנדארמעריע אויף א חקירה־ודרישה. אָבער ליידער האָבן די עדות, וועלכע זענען דאמאָלס בייגעווען, מורא געהאט עדות זאָגן, אזוי אז עס האָט נאָך געהאלטן דערביי, אז די ציוניסטישע לייטונג זאָל באשטראָפט ווערן פאר פאלשע מעלדונגען.

אינצווישן האָט די מלחמה זיך ווידער דערנענטערט צו אונדז. די פּוילישע ארמיי, נאָך דער מפּלה ביי קיִעוו, איז געלאָפן מיט א גרויסן ריקמארש און די סאָוויעטן האָבן זיי געיאָגט. ביים אָפּטרעטן האָט די לעצטע גרופּע פּאָליאקן פארכאַפּט 17 יידישע יונגעלייט פון סארנאקי און זיי באשולדיקט אין שפּיאָנאזש לטובת די סאָוויעטן. מען האָט זיי אָפּגעפירט קיין לאָשיץ, געוואָלט זיי שטעלן פאר א פעלד־געריכט און פארמשפּטן צו שיסן. נאָר אדאנק דעם דאמאָלסדיקן וואָיט וואווריניוק און דעם אָרטיקן גלח, וועלכע זענען אוועק קיין לאָשיץ, און נאָך אן ענערגישער אינטערווענץ ביי דעם פּוילישן קריגסשטאב איז זיי געלונגען צו באפרייען די 17 יונגעלייט.

סאָוויעטישע נאָכווייען

סארנאקי איז אין יאָר 1920 פארנומען געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער ארמיי. אין שטעטל איז באלד געשאפן געוואָרן א „רעווקאָם״ פון 3 קריסטן און 3 יידן, וועלכע האָבן אָנגעפירט גאנצע 8 טעג מיט דער אָרדנונג אין דער אָרטיקער גמינע. אָבער באלד האָבן די סאָוויעטן באקומען א מפּלה ביי ווארשע און זיך צוריקגעצויגן. די פּוילישע ארמיי האָט ווידער באזעצט דאָס שטעטל.

עס האָט געהאלטן דערביי, אז מען זאָל דערשיסן די 3 יידן פון „רעווקאָם״. אָבער א דאנק דעם וואָס קריסטן זענען אויך געווען דערביי, האָט מען אלע באפרייט.

אָבער סתם אביסל צרות האָט מען אָנגעטאָן. מען האָט פארנומען אלע וואָס זענען צוריקגעקומען פון סעמיאטיטש, געפייניקט זיי מיט ארבעט, אָפּגעשניטן די בערד, אָבער מען איז אָפּגעקומען אָן קרבנות. — די מלחמה האָט זיך געענדיקט, עס איז געשלאָסן געוואָרן דער שלום־אָפּמאַך מיט דער סאָוויעטישער רעגירונג אין בריסק און דאָס לעבן האָט זיך ווידער אוועקגעשטעלט נאָרמאל.

נייע וואלן

עס איז אויפגעקומען די וואל־קאמפאניע צום פוילישן סיים. פארשיידענע ליסטעס מיט בלאָקן זענען ארויסגעשטעלט געוואָרן דורך די פארטייען. אין אונדזער קרייז איז ארויסגעשטעלט געוואָרן אדוואָקאט הארטגלאס אויף דער ציוניסטישער ליסטע. עס איז אראָפּגעקומען אפילו דער סטאראָסטע פון יאנאָווע און אויפגעפאָדערט די יידישע באפעלקערונג זי זאָל נישט שטימען פאר אָטדער ליסטע. אָבער דאָך איז הארטגלאס אויסגעוויילט געוואָרן אין אונדזער קרייז אלס סיים־דעפּוטאט.

ביים באשטימען די מוניציפּאלע געזעצן וועגן וואלן צו דער גמינע מיט 12 ראטמענער זענען שוין אין 1923 פאָרגעקומען די ערשטע געהיימע וואלן צו דער גמינע אין סארנאקי. יידן האָבן דעמאָלט געפירט א גרויסן קאמף און אדורכגעפירט 2 ראטמענער, וועלכע האָבן געהאט אן אָנגעזעענע שטעלונג: יעקב צוקער (ז״ל) און פייוול זייערמאן. זייערע פאָרשלאָגן זענען שטענדיק רעספּעקטירט געוואָרן פון אלע פוילישע ראט־מענער און כמעט שטענדיק אָנגענומען געוואָרן.

דאָס קולטורעלע לעבן ווי אויך דאָסווירטשאפטלעכע וועזן האָט אין דער צייט פּראָגרעסירט. עס האָבן זיך אָרגאניזירט פארשיידענע פּאָליטישע פּארטייען, וואָס האָבן דאן עקזיסטירט אויף דער יידישער גאס און געפירט א גרויסע טעטיקייט אויף אלע געביטן.

פוילישע קאָנקורענץ

דאָס ווירטשאפטלעכע לעבן האָט געבליט. עס האָט זיך אנטוויקלט א פארצווייגטער מסחר אין אלע בראנזשעס. האנטווערקער זענען געווען באוואָרפן מיט ארבעט. עס האָט זיך געפילט די שפע אויף אלע געביטן. געווען איז עס אזוי ביז די דרייסיקער יאָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ענדעקישער קאמף קעגן יידן, איבערהויפּט כדי ארויסצורייסן דעם מסחר פון די יידישע הענט מיט דער לאָזונג „סוווי דא סוועגאָ״.

עס האָבן זיך געעפנט פיל קריסטלעכע געשעפטן. די „ספּולדזשעלניע״ האָט אָנגעהויבן פארברייטערן איר טעטיקייט אויף אלע געביטן. צוערשט האָט זי ארויס־געריסן דעם תבואה־האנדל פון די יידישע הענט. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבן האנדלען מיט מילך און אייער און צום סוף מיט בהמות. קריסטן האָבן געעפנט תבואה־שפּייכלערס אונטערן שטאָט און נישט דערלאָזט די פויערים אריינפירן די תבואה אין שטעטל צו די יידן. אזויארום איז ארויסגעריסן געוואָרן דער גאנצער מסחר פון די יידישע הענט. פיל מאָל איז דערגאנגען צו עפנטלעכע ארויסטרעטונגען פון די ענדעקעס קעגן די יידישע איינוווינער אין שטעטל. מען האָט געלעבט אין פּחד.

יידן האָבן אָנגעהויבן עמיגרירן קיין אמעריקע אָדער ארגענטינע און ווו עס איז נאָר געווען א מעגלעכקייט צו עמיגרירן. חלוצים האָבן אָנגעהויבן פאָרן אויף הכשרה און זיך אריבערגעקריגן קיין ארץ־ישראל — א טייל מיט סערטיפיקאטן, א טייל אומלעגאל.

ליכט וואָס האָט נישט געבראכט קיין גליק

אין 1933 איז סארנאקי באגליקט געוואָרן מיט עלעקטרישע באלייכטונג. די אייגנטימער פון דער מיל, שייע ראָזענבוים און זון, האָבן באקומען די קאָנצעסיע צו באלייכטן די גאסן. א גרויסער טייל פון דער באפעלקערונג האָט ארייַנגעצויגן עלעקטרישן שטראָם אין די וווינונגען און אין די געשעפטן. עס איז געוואָרן ליכטיק אין די גאסן. מען האָט שוין נישט געטאפּט בייַנאכט אין דער פינצטער אין די בלאָטעס. מען האָט שוין געקענט בייַנאכט גיין און נישט מורא האָבן פאר אן איבערפאל. אויך פארשיידענע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס האָבן זיך באנוצט מיט דער עלעקטרישער קראפט. אפילו דער בית־המדרש האָט באנוצט עלעקטרישע לאָמפּן. מען האָט אָנגעהויבן אוועקשטעלן אָן א זייט די נאפט־לעמפּלעך, וואס מען האָט ביי זיי געבלענדעט די אויגן.

אָבער דאָס ליכט האָט נישט געבראכט קיין גרויס גליק פאר דער יידישער באפעלקערונג, וועלכע האָט אדורכגעמאכט אין די לעצטע יאָרן שווערע און ביטערע צייטן. די פּרנסות האָבן זיך פיל פארקלענערט; די שטייַערן האָבן זיך פיל פארגרעסערט. דאָס ארויסטראָגן פון די סוחרים און האנטווערקער דאָס מעבל דורך די עקזעקוטאָרן איז געוואָרן אן אָפּטע דערשיינונג. אזוי אז דער עולם האָט שוין געלאכט ווען די עקזעקוטאָרן זענען געקומען. מען האָט זיך שוין צוגעוווינט צו די צרות און מען האָט זיך נישט געהאט פאר וועמען צו שעמען.

אָבער דאָך האָט מען געהאָפט, אז מען וועט איבערקומען די שלעכטע צייטן. „לא אלמן ישראל". יידן האָבן שוין געהאט ערגערע צרות און מען איז דערלייזט געוואָרן. מען האָט געגלויבט, אז דער וואָס לעבט אייביק וועט רחמנות האָבן אויף זיינע יידעלעך און וועט זיי מוזן ארויסהעלפן.

דער בטחון איז געווען אזוי גרויס, אז מען איז נישט אריינגעפאלן אין יאוש און מען האָט געפירט דאָס נאָרמאלע לעבן. דריי מאָל אין טאָג האָט מען געדאוונט, מען האָט געלערנט א בלאט גמרא אָדער א פּרק משניות, מען האָט געפייערט די שבתים און ימים־טובים ווי אמאָל אין יענע גוטע צייטן מיט בשר ודגים וכל מטעמים און געזונגען זמירות. מען האָט נישט פארשעמט חס־וחלילה די נשמה יתרה. אזוי האָט זיך עס געצויגן ביז עס איז אָנגעקומען די צווייטע וועלט־מלחמה און חרוב געמאכט דאָס שטעטל. עס איז נישט איבערגעבליבן קיין זכר פון איר הונדערטער־יאָריקער יידישער עקזיסטענץ.

אריה טענענבוים
רמת־גן



געווען איז א שטעטל...

געווען איז א שטעטל מיט שטעטלעך צוגלייך,
מיט הילצערנע הייזער, ווו זעלטן א מויער.
געוווינט האָבן יידן — ווער אָרעם, ווער רייך,
געהאנדלט, געוואנדלט מיטן שכן דעם פויער.

אין רואיקע צייטן איז געגאנגען א גאנג,
געפלאָסן דאָס לעבן שטיל און צופרידן.
פארגאָסן די גאסן האָט יונגער געזאנג —
אזוי האָבן געלעבט אין שטעטל די יידן.

געוועזן אין שטעטל איז אלץ מיט א שטייגער:
א רב און צוויי שוחטים און להבדיל א בעדער.
געגאנגען איז דאָס לעבן פונקט ווי א זייגער —
אין צייט פון מחלוקת איז ס׳שטעטל אויף רעדער.

געווען א מחלוקת, א פייער ט׳געברענט,
צעריסן אויף צדדים: רב — מורה־הוראה.
געקריגט זיך, געשאָלטן, געהויבן די הענט
און לצים פון זייט געשעפט האָבן הנאה.

געוועזן אויך צרות און דאגות גענוג,
שווער די פרנסה, דאָס שטיקעלע ברויט.
ענדעקעס, נאראָווצעס ווו דו גיסט נאָר א קוק,
פאָדאטקעס, עקזעקוטאָרס געריסן די הויט.

און דאָך איז געפלאָסן זיך ווייטער די צייט
און ס׳וואָלט שטעטל געלעבט זיך אזוי יאָר נאָך א יאָר.
ביז געקומען איז שטורעם אזוי בייז און פארשייט
און פון יידישן שטעטל נישט געבליבן איז קיין שפור.

הווי חיים

לעבנס שטייגער

דניאל פייערשטיין
מושב לימן

קליין, אָבער אימפּולסיוו

אונדזער ליב, קליין שטעטעלע!

געווען זענען אין פּוילן נאָך א סך ענלעכע שטעטלעך ווי אונדזערס. עס האָט זיך נישט געהאט מיט וואָס איבערצונעמען קעגן אנדערע: די גאסן זענען נישט געווען ברוקירט; דער מארק איז געווען א זאמדיקער; די גרעסטע צאָל הייזער — פון האָלץ און אויף די שינדלענע דעכער איז געוואַקסן מעך. קיין ספּעציעלע איינריכטונגען, ווי וואסער־לייטונג, גאז, עלעקטריציטעט איז נישט געווען. קיין באָדצימער האָט זיך אין קיין איין הויז נישט געפונען. נאָכן צורוימען די שטוב האָט מען די פּאָדלאָגע מיט זאמד באשאָטן; דאָס שטוב־מעבל איז געווען איינפאך, פון ווייס האָלץ. טייל שטיבער האָבן אינגאנצן קיין פּאָדלאָגע נישט געהאט. אָנשטאָט ברעטער — מיט ליים באשמירט. דאָס לעבן אין דעם רוב שטיבער — באשיידן, בצמצום.

דאָך איז אונדז דאָס שטעטעלע טייער געווען. יעדער מענטש איז אויף זיין אָרט געשטאנען, זיין פלאץ פארנומען. דער שניידער, דער שוסטער, דער בעקער, דער טישלער, דער בעל־עגלה — יעדער האָט זיין פלאץ געהאלטן לויט זיין ווערט, זיין ארבעט, זיינע מידות. יעדעס הויז — א פעסטונג. עס זענען געווען, נאטירלעך, סכסוכים, חילוקי־דעות איבער קהלשע ענינים, אָבער די שטעטלשע אחדות האָט עס נישט צעבראָכן; אין שעה פון שמחה, צי, חלילה, פון טרויער, האָבן אלע געבילדעט איין געשלאָסענע משפחה.

מיט דער צייט האָט די ציוויליזאציע גענומען אריינשיינען אין אונדזער שטעטל. די פינצטערניש האָט דאָ קיינמאָל נישט געוועלטיקט: עם־הארצות איז געווען א חרפה. למדנים, בני־תורה פון איין זייט און אפּיקורסים פון דער צווייטער זייט — יעדער איז מיט גלויבן, מיט הארץ און נשמה געגאנגען זיין וועג.

*

די לאנדשאפט ארום איז געווען צוזאמענגעוואַקסן מיטן שטעטל: אין מזרח — דער גרינער לאָנקע־טאָל. ווייטער — דער בארגיקער האָריזאָנט. דאָרט האָבן זיך געשפּרייט די פעלדער פון יענקל נחומס שטיינבערג — דער איינציקער גרויסער יידישער לאנדווירט אין געגנט. אויף צפון — די גרויסע דאַמף־מיל פון שייטשע ראָזענבוים און זין. אביסל ווייטער — די פעלדער, די סטאַוועס פון פּריץ שאָמער און דער שיינער בארג, „שוויענטי יאַן" — דאָס באליבסטע שפּאציר־ און אָפּרו־אָרט פון דער יוגנט.

די צוויי טייכן, וואָס האָבן ארומגעריגלט דאָס שטעטל פון צוויי זייטן, האָבן צוגעגעבן חן דעם שטעטלשן פּייזאזש און האָבן געדינט פאר א מקום־מנוחה פאר די שטעטלשע מענטשן אין די שבתים און ימים־טובים. ס'איז ממש א מחיה געווען דאָרט צו פארברענגען און לויפן מיט אלע קינדער גלייך... בערך א 3—4 קילאָמעטער פון שטעטל האָבן זיך געפונען גרויסע וועלדער, וועלכע זענען געווען א טייל פון דער

גרויסער וועלדער־קייט, וועמעס צענטער עס האָט זיך געפונען אין ביאלאוויעזש — די באקאנטע פוילישע „פושטשע".

פון אלע זייטן האָבן וועגן געפירט צום שטעטל און פון שטעטל צו די נענטערע דערפער און שפּעטער — צו די ווייטערע און נאָך ווייטער — צו די שכנותדיקע שטעטלעך: סעמיאטיטש, דראָהיטשין, לאָשיץ, קאָנסטאנטין, יאנאָוו פּאָדלאסקי און מיעלניק.

5 קילאָמעטער פון שטעטל, אויף מזרח און אויף צפון, האָט דער טייך בוג אָפּגעשלאָסן די פוילישע פּאָדליאשע־געביטן פון די קרעסן.

*

די עקאָנאָמישע באזע פון שטעטל זענען געווען די דערפער, פאר וועמען דאָס שטעטל איז געווען א באדינונגס־צענטער. 21 דערפער האָבן זיך אויסגעשפּרייט ארום שטעטל: כיבאָווע, האָלאָוושיץ, האראָשקע, קלופּאטשאָווע, סערפּעליץ, מערוויטשע, ראָזוואדאָוו, ליפּטשין, פּראנעפּאָלע, פּראנעלאָווע, בושקע, קיזיק, בען־דאָגע, ליפּנע, כלאָפּקעווע, פּלאטעראָווע, גזשיבאָווע, רישניעווע, פּלאסקעווע, קורניצע און זאבוזשע. אין טייל פון די דערפער האָבן געוווינט יידן — צו איינע און מער משפּחות. אין דאָרף פּראנעפּאָלע האָבן געוווינט: סעמיאטיצקי, דאר, און קורניצקי; אין דאָרף קיזיק — די משפּחה פון הערשל קארטש; אין דאָרף ראָזוואדאָוו — אברהם מרדכי שטיינמאַן, וועלכער האָט געהאט א פּאכט און צוגעשטעלט מילכיקס פארן שטעטל. אויף דער באן־סטאציע פּלאטעראָווע האָבן געוווינט עטלעכע יידישע משפחות, וועלכע האָבן זיך פארנומען מיט מסחר פון האָלץ א.א.וו. צו איינציקע משפחות האָבן געוווינט אין אנדערע דערפער. די יידן אין דידאָזיקע דערפער האָבן זיך נישט פארנומען מיט לאנדווירטשאפט, נאָר חוץ מיט מלאכה און ווער מיט מסחר.

די כסדרדיקע געמיינזאמע פארבינדונגען פון פּויער מיטן שטעטל און פארקערט האָבן געבראכט צו א דערנענטערונג צווישן די פּויערים מיט די יידן אין שטעטל. יעדער פּויער האָט געהאט זיין פארטרויליכען ייד, ביי וועמען ער פלעגט זיך אויפהאלטן ווען ער פלעגט קומען אין שטעטל אין א מארקטאָג, אָדער זונטיק אין קאָשטשאָל אריין. אזוי האָבן זיך דורך דורות געשטאלטיקט די קעגנזייטיקע באציאונגען.

דאָך איז יעדער פאר זיך געגאנגען זיין וועג: דאָס יידישע וועלטל האָט זיך אָפּגעשלאָסן אונטער אירע שטרענג־אָפּגעהיטענע מנהגים, טראדיציעס און דינים — א מלוכה פאר זיך; די גויישע וועלט איז געגאנגען אויף איר שליאך, געפירט פון גלח און זיינע דאָרפישע עלטסטע.

דאָס לעבן אין שטעטל איז תמיד געווען רעשיק. די שטורמישע תקופה, די גרויסע געשעענישן אין דער וועלט און אין פוילן האָבן געפונען זייער אָפּקלאנג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דיסקוסיעס, אין גאס, אין בית־מדרש, אין די חסידים־שטיבלעך און וווּ נאָר עס האָבן זיך צונויפגעטראָפן צוויי מענטשן. דאָס פלעגט געשען מייסטנס אין די נאָכמיטאָק־שעהן, ווייל קיין ליידיקגייערס האָבן אין שטעטל נישט געפעלט. פלעגט נאָך צו די וועלט־געשעענישן צוקומען עפּעס א מחלוקתל אין אייגענעם שטעטל, האָט דאָרט געקאָכט ווי אין א קעסל.

אזוי זענען מיר סארנאקער: קיינמאָל נישט גלייכגילטיק צום לעבן, תמיד שעפעריש, מיט איניציאטיוו, מיט ענערגיע — דאָס איז אונדזער כאראקטער־שטריך. כאָטש דאָס שטעטל איז געווען קליין, ווי א טל־ומטר אין א קליין סידורל, איז עס געווען גייסטיק רייך, אימפולסיוו און פול מיט לעבן.

*

נישטאָ מער אונדזער שטעטל סארנאקי, די היים פון אונדזער קינדהייט, דאָס וויגעלע, וואָס האָט אונדז אויסגעהויגט און דערצויגן; דאָס שטעטל, וואָס האָט אין אונדז בענקשאפטן דערוועקט פאר שיינע מענטשלעכע אידעאלן פון א בעסערן מאָרגן פאר דער מענטשהייט; וואָס האָט אין אונדז פארפלאנצט די משיח־וויזיע פארן אייגענעם געפּלאָגטן פאָלק און פאר אלע פעלקער. נישטאָ מער דאָס שטעטל פון דער ראָמאנטישער, אידעאליסטישער יוגנט.

נישטאָ מער דאָס שטעטל, ווו אונדזערע עלטער־זיידעס האָבן דורות פארזייט און זיי דערצויגן; געבויט א הויז נאָך א הויז, דערנאָך א מקום קדוש, א שול, א בית־המדרש; נישטאָ מער דאָס שטעטל, וואָס האָט אונדז געטוליעט צו זיך פון אלע ווייטן פון אונדזער צעשפרייטקייט...

נישטאָ מער!

אונדזערע פיס וועלן מער די דאָזיקע בלוטיקע ערד נישט באטרעטן! ווי בענקענדיק אונדזער הארץ זאָל זיך נישט ציען צו דער ערד פון אונדזער פארגאנגענהייט, צו די טראדיציעס, צו דער צעצווייגטער און געקניפּטער משפחהדיקייט, צו דעם שויס פון אונדזערע טאטע־מאמע, — וועלן מיר דערשטיקן די בענקשאפט אין אונדזער הארצן, א קריץ טאָן מיט די ציין: ניין! מיר וועלן זיך צו דערדאָזיקער בלוטיקער ערד נישט אומקערן! מיר זענען נישט מוחל פארן פארגאָסענעם בלוט פון אונדזערע טייערע!

פון דור צו דור וועלן מיר אויפוויקלען די שוידערלעכסטע פון אלע מגילות, א געשריבענע מיטן בלוט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, פארגאזטע און צום טויט־פארפייניקטע, געשענדעטע און לעבעדיק־פארשאָטענע, די מגילה פון גבורה און קדושה. די דאָזיקה מגילה וועלן מיר לייענען יעדעס יאָר און אונדזערע קינדער וועלן דאָס לייענען פאר זייערע קינדער — אזוי לזכר אויף אלע דורות.

די מגילה וועט דערציילן:

געווען איז א פאָלק צווישן פעלקער — די עלטסטע משפחה צווישן זיי; א פאָלק מיט א הויכער אלטער און נייער קולטור, וואָס האָט געלעבט זיין אייגן און אייגנאַרטיק שעפעריש לעבן.

איז געקומען א היטלער, זענען געקומען נאציס און מיט דער ווילדסטער אכזריות אומגעבראכט א דריטל פון אונדזער פאָלק; חרוב געמאכט די שטעט, די קולטור פארטיליקט.


און צו דער לאנגער און בלוטיקער מגילה פון אונדזער פאָלק וועלן מיר צושרייבן דאָס דאָזיקע בוך — די מגילה פון אונדזער פארטיליקט שטעטל ס א ר נ א ק י.



א ראנדעווו ביי די סטאוועס



אויף א וועלאָסיפעד אין דעם מארק פלאץ



ישראל שטיינמן
תל־אביב

עיירה שלא היו בה גבירים
אך גם לא פושטי־רגל

לא מרובות היו האפשרויות בעיירה הקטנה סארנאקי. חיי מותרות רחוקים היו מתושביה ורמת־חיים גבוהה לא ידעו. לא היו בעיירה בעלי השכלה גבוהה, כי מוסדות כאלה לא היו בה בנמצא. לא היה בה מעוף גדול, אך גם לא „עולם תחתון". לא היו בה גבירים וסוחרים גדולים, אך גם לא נוכלים ופושטי־רגל.

אך גאוותי על העיירה הקטנה, שהיו בה חיים תוססים ודינמיים לפי אמת־המידה של הימים ההם, חיי אנשי עבודה — בעלי־מלאכה קטנים מכל המקצועות המקובלים, שחיו על יגיע כפיהם, בעבודה עצמית בעזרת בני המשפחה; חנוונים מוכרי מכולת וטכסטיל וברזל וכו', אשר עיקר פרנסתם הוא מתושבי הסביבה — האיכרים הפולנים, אשר מעולם לא הצטיינו ברוב אהדה ליהודים. כולם־כולם קיימו את הפסוק: בזיעת אפיך תאכל לחם. כל אחד לפי האמצעים שבידיו קיים את משפחתו והיה שמח בחלקו.

מעריץ אני את הנוער שם לתקופותיו השונות, אשר על אף ההגבלות וצרות האופקים ידע לחרוג מהמסגרת הצרה.

מה היו אז המוסדות החינוכיים? סארנאקי ידעה רק את ה„חדר": בשלב ראשון — מלמד דרדקי ובשלבים יותר גבוהים — מלמד לגמרא ופוסקים, כמובן בלא כל לימודים כלליים, „חילוניים".

★

החיים בעיירה זרמו באפיק המסורתי. חסידים מ„חצרות" שונות — חסידי גור וסוקולוב ו„שטיבלעך" אחרים — טוו את מסכת חייהם תוך דבקות בעבר. סביב בית־הכנסת הישן („די אלטע שול") נרקמו אגדות מסתוריות.

בית־המדרש היה חלק בלתי נפרד מהווי החיים. לפני פתיחת החנות או לפני הליכה לעבודה קדמה התפילה בחפזון בבית־המדרש. לפנות ערב היה הקהל שוב נוהר

— הפעם שלא בחפזה — אל בית־הכנסת. כעת יש פנאי לשוחח בצוותא על חדשות העולם ולדון בפוליטיקה העולמית. גם שיחות עסקים היו חלק מהמגע־ומשא כאן, שהרי בית־הכנסת היה אחוז ודבוק בחיי יום־יום.

צורה אחרת לבשה העיירה ערב שבת, יום המנוחה. כל החנויות ובתי־המלאכה היו סגורים. ניגוני זמירות שבת, שבקעו מן הבתים, נשמעו למרחקים. ההתפרקות מעמל ימי החולין ניכרת היתה בכל בית. השבת, בעלת „הנשמה היתרה", שהיהודי הרגיש אותה בכל רמ"ח אבריו, האצילה השראה לכל ימות השבוע וחיזקה ידים רפות כדי לשאת בעול העבודה והפרנסה שאינה קלה.

★

אולם הנוער בעיירה לא שקט על שמריו. פיעם אותו רצון להשכלה, ללימוד והוא גילה שאיפה להרחבת אופקים. מאין אפשרויות רבות מצא פורקן בהתארגנות בכוחות עצמיים בחוג דרמתי, שהיה מופיע על הבמה בימי פגרה ואף היה מציג בעיירות הסמוכות, שאוכלוסיתן גדולה היתה מאוכלוסית סארנאקי.

ניצנים ראשונים לתנועות ציבוריות נתגלו בעיירה עוד ב־1905, שהיתה שנת גילויי מהפכנות פוליטית ברוסיה הצארית, אולם גם שנת פרעות ביהודים, שהתארגנו להגנה עצמית.

אך תנופה גדולה יותר, מלווה להט נעורים, נתגלתה לאחר אצהרת בלפור ב־1917. קמו הסתדרויות נוער חלוציות והחלה פעילות למען הקרנות הציוניות, שהכניסו תוכן חדש בחיי העיירה השקטה.

זכורני, עוד כשלמדתי ב„חדר", התגלגל לידי מאחת הספריות ספר זכרונות על השומרים הראשונים בארץ־ישראל, מהם שנפלו בידי פורעים ערבים בהגינם על הנפש ועל הרכוש היהודי. ספר זה הטביע עלי את השפעתו ועורר בי התעניינות בכל הנוגע לארץ־ישראל.

הרעיון הלאומי חדר לא רק אל שכבות הנוער, אלא אחז גם באנשים מחוגי ה„בעלי־בתים". אפילו אנשים דתיים ובעלי־מלאכה מפשוטי העם גילו התעניינות בנעשה ביישוב היהודי בארץ ובתנועת התחיה הלאומית. הם שמחו בהצלחותיו ובהישגיו של היישוב בא"י ונעצבו על כשלונותיו ואבדותיו.

לא־פעם גילו ציוני העיירה אומץ והזמינו מרצים ואנשי תנועה, דבר שערים יותר גדולות לא זכו לו. יחד עם זה אין לומר, כי כל יהודי סארנאקי היו ציונים. לא־פעם, בהרצאה או בפעולה אחרת, טעמתי את נחת זרועם של אנשי ה„בונד" או ה„אדומים" (קומוניסטים). מצד שני יצויין, כי אף פעם לא סבלנו מאנשי הקצה השני — מ„אגודת ישראל" ומקורביה.

★

למן התחלת העליה הרביעית ארצה נתנה גם סארנאקי את חלקה באופן יחסי לפי ממדי העליה באותה תקופה. בשנים 1928־9 היתה פעילות רבה ב„החלוץ". החברים התכוננו לצאת להכשרה בלי ידיעת ההורים ובדיעבד הסכימו לכך גם הם.

עד מלחמת השחרור היינו בארץ קומץ קטן — 15 איש וכל אחד מאתנו עבר את חבלי הקליטה הראשונים, בהתנסותו בכל מיני עבודות בחלקי הארץ השונים. את הכול קיבלו הראשונים באהבה, מבלי להתלונן, אם־כי רב היה אחוז ה„יורדים" בימים ההם. לא כל אחד נכון היה לסבול בעוד שבבית ההורים היה המצב יותר טוב. הגשרים לא היו אז שרופים עדיין ואפשר היה לחזור. אולם לא כן עשו אנשי סארנאקי, שידעו להחזיק מעמד.

לאחר מלחמת השחרור גדלה פתאום לשמחתנו ה„קולוניה" שלנו. נוספו לה מאות אנשים, שהצליחו להימלט בכל מיני דרכים מהגיהינום הנאצי ועברו את כל התלאות בפולין, בגרמניה, בברית־המועצות. אך לצערנו, כל אחד מהניצולים מרגיש את עצמו מיותם. קשה למצוא בית שלא סבל, קשה למצוא משפחה שלמה, שבניה לא נפלו קרבנות בימי השואה על־ידי הנאצים וגרוריהם וקשה להתנחם.

★ ★ ★

ישראל שטיינמאן
תל־אביב

עס זענען נישט געווען קיין גבירים,
אָבער אויך נישט קיין באנקראָטירער

עס זענען נישט געווען קיין גרויסע מעגלעכקייטן אינם קליינעם שטעטל סארנאקי. לוקסוס־באגריפן זענען ווייט געווען פון אירע איינוווינער און א הויכער לעבנס־ניוואָ איז איר געווען פרעמד. אין שטעטל זענען נישט געווען קיין הויך־געבילדעטע, ווייל קיין פאסנדע אנשטאלטן זענען דאָרט נישט געווען בנמצא. עס איז נישט געווען קיין איבער־שווונג, אָבער אויך נישט קיין אונטערוועלט. אינם שטעטל זענען נישט געווען קיין גבירים און גרויסע סוחרים, אָבער אויך נישט קיין שווינדלער און באנקראָטירער.

אָבער שטאָלץ בין איך אויף מיין שטעטעלע, ווו עס האָט געשפרודלט א ברויזנדיק און דינאמיש לעבן לויט דעם מאסשטאב פון יענער צייט, א לעבן פון ארבעטס־מענטשן — קליינע בעלי־מלאכות פון אלע געוויינלעכע פאכן, וועלכע האָבן געלעבט פון זייער אייגענער מי, מיט דער הילפס־ארבעט פון־די פאמיליע־לייט; הענדלער פון שפייז און טעקסטיל און אייזן א.א.וו.. וואָס זייער עיקר פרנסה איז געקומען פון די איינוווינער פון דער סביבה — די פוילישע פויערים, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט מיט ליבשאפט צו יידן. אלע־אלע האָבן מקיים געווען דעם פסוק: בזיעת אפיך תאכל לחם. יעדער איינער לויט זיין מעגלעכקייט האָט אויסגעהאלטן זיין פאמיליע און געווען שמח בחלקו.

איך פארהערלעך די דאָרטיקע יוגנט אין די פאַרשיידענע צייטן, וואָס טראָץ אַלע באַשרענקונגען און קליינקעפּלדיקייט האָט זי זיך געריסן צו ברייטערע האָריזאָנטן.

וועלכע דערציאונגס־אנשטאַלטן זענען דאַן געווען? געווען אין סארנאַקי איז בלויז א חדר: צוערשט — א מלמד דרדקי און שפּעטער — גמרא און פּוסקים, פאַרשטייט זיך אָן וועלכע עס איז אַלגעמיינע, „וועלטלעכע" לימודים.

*

דאָס לעבן אין שטעטל האָט געשטראָמט אין טראַדיציאָנעלן שטייגער. חסידים פון פאַרשיידענע „הויפן" — גערער, סאָקאָלאָווער און אַנדערע שטיבלעך — האָבן געשפּינט זייער לעבנס־געוועב זיך אָנהאַלטנדיק ביים אלטן. ארום דער אַלטער שול זענען ארומגעגאַנגען געהיימניספולע לעגענדעס.

דער בית־המדרש איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל פונם לעבנס־וועזן, פאַרן עפענען די קלייט אָדער פאַרן אָנהייבן די ארבעט האָט מען אריינגעכאַפּט א תפילה אין בית־המדרש. פאַרנאַכט האָט דער עולם ווידער געשטראָמט צו דער שול, אָבער יעצט איז שוין דאָ צייט. שמועסט מען וועגן די וועלט־נייעס און מען באַרעדט די אַלגעמיינע פּאָליטיק. אויך געשעפט־געשפּרעכן פלעגן דאָ פאָרקומען ווייל דער בית־המדרש איז דאָך געווען געקניפּט און געבונדן מיטן טאָגטעגלעכן לעבן.

אַן אַנדער פּנים האָט דאָס שטעטל באַקומען ערב שבת, אינם רו־טאָג. אַלע קלייטן און ווערקשטעלעס האָבן זיך פאַרמאַכט. ניגונים פון שבת־זמירות האָבן ארויס־געהילכט פון די הייזער און דערגאַנגען העט־ווייט. דאָס אָראָפּוואַרפן דעם וואָכעדיקן יאָך איז קענטיק געווען אין יעדן הויז. שבת מיט דער נשמה יתרה, וואָס דער ייד האָט איר געפילט מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים, האָט געגעבן השראה אויף דער גאַנצער וואָך און געשטאַרקט כדי אויסצוהאַלטן דעם יאָך פון ארבעט און פּרנסה, וואָס איז געווען נישט לייכט.

*

אָבער די יוגנט אין שטעטל איז נישט געווען זאָרגלאָז. זי האָט געהאַט א דראַנג נאָך בילדונג, נאָך לערנען און האָט געוואָלט אויסברייטערן אירע האָריזאָנטן. נישט האָבנדיק קיין פיל מעגלעכקייטן, האָט זי געזוכט אַן אויסלייזונג אין אָרגאַניזירן מיט אייגענע קרעפטן א דראַמאַטישן קרייז, וואָס פלעגט אויפטרעטן אויף דער סצענע אין פעריען־טעג און פלעגט אויך פאַרשטעלן אין נאָענטע שטעטלעך, וואָס זייער באַפעלקערונג איז געווען גרעסער פון סארנאַקי.

די ערשטע שפּראָצונגען פון געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען האָבן זיך דערוויזן אין שטעטל נאָך אין יאָר 1905, וואָס איז געווען א יאָר פון רעוואָלוציאָנערער פּאָליטישער טעטיקייט אינם צאַרישן רוסלאַנד. עס איז אָבער אויך געווען א יאָר פון פּאָגראָמען אויף יידן, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין א זעלבסטשוץ.

אָבער א גרעסערער אויפשוווּנג, באַגלייט מיט יוגנט־ברען, האָט זיך באַוויזן נאָך באַלפורס דעקלאַראַציע אין 1917. עס זענען אויפגעשטאַנען חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און עס האָט זיך אָנגעהויבן א טעטיקייט פאַר די ציוניסטישע קרנות, וועלכע האָבן אריינגעבראַכט א נייעם אינהאַלט אינם לעבן פונם שטילן שטעטל.

איך געדענק, אז ווען איך האָב נאָך געלערנט אין חדר, איז מיר אונטערגעקומען פון א וועלכער ביבליאָטעק א זכרונות־בוך פון די ערשטע שומרים אין ארץ־ישראל. האָב איך געלעזן וועגן שומרים, וועלכע זענען געפאלן פון אראבישע הענט, באשיצנדיק יידיש לעבן און גוטס. דאָס בוך האָט אויף מיר געמאכט אן איינדרוק און דערוועקט אינטערעס צו אלץ וואָס איז נוגע ארץ־ישראל.

דער נאציאָנאלער געדאנק איז אריינגעדרונגען נישט נאָר אין די יוגנט־שיכטן, נאָר אויך אין בעלי־בתישע קרייזן. אפילו פרומע לייט און פשוטע בעלי־מלאכות האָבן ארויסגעוויזן אינטערעס פאר די געשעענישן אין יידישן יישוב אין א״י און אין דער נאציאָנאלער אויפלעבונגס־באוועגונג. זיי האָבן זיך געפרייט מיט די הצלחות און דער־גרייכונגען פונם יישוב און זיך געקימערט איבער זיינע דורכפאלן און פארלוסטן.

אָפט האָבן די ציוניסטן פונם שטעטל באוויזן מוט און איינגעלאדן רעפערענטן און פונקציאָנערן, וואָס אפילו גרעסערע שטעט האָבן נישט זוכה געווען דערצו. נישט איינמאָל האָב איך, בשעת א רעפעראט אדער אנדער טעטיקייט, פארזוכט א קלאַפּ פון א בונדיסט אָדער פון א „רויטן״. גלייכצייטיק זאָל באצייכנט ווערן, אז קיינמאָל האָבן מיר נישט געליטן פון די עקסטרעמע פון דער אנדערער זייט — „אגודת ישראל״ און אירע אָנהענגער.

*

פונם אָנפאנג פון דער פערטער עליה האָט טארנאקי געגעבן איר טייל פּראָפּאָרציאָנעל לויט די באגריפן פון יענער צייט. אין די יאָרן 9־1928 איז געווען א גרויסע טעטיקייט אין „החלוץ״. די חברים האָבן זיך געגרייט צו הכשרה אָן דעם וויסן פון די עלטערן און בדיעבד האָבן זיי אויך איינגעשטימט.

ביז דער באפרייאונגס־מלחמה זענען מיר געווען אין לאנד א קליינע צאָל — א פּופּצן פּערזאָן און יעדער איינער פון אונדז האָט אדורכגעמאכט די ערשטע „געבורט־ווייען״ (חבלי קליטה), ווערנדיק געפּרוּווט ביי כלערליי ארבעטן אין פארשיידענע לאנד־טיילן. אלץ האָבן זיי מקבל באהבה געווען, זיך נישט באקלאָגנדיק, כאָטש דאן איז געווען א גרויסער פּראָצענט „יורדים״. נישט יעדער איינער האָט געוואָלט ליידן בעת ביי טאטע־מאמע אין שטוב איז די לאגע געווען בעסער. די בריקן זענען דאן נאָך נישט געווען פארברענט און מען האָט געקענט צוריקפאָרן. אָבער נישט אזוי האָבן געטאָן די סאראנאקער. זיי האָבן אויסגעהאלטן.

נאָך דער באפרייאונגס־מלחמה איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן אונדזער „קאָלאָניע״. עס זענען צוגעקומען הונדערטער מענטשן, וועלכע עס איז געלונגען צו אנטלויפן אין פארשיידענע וועגן פון דעם נאצישן גיהינום און אדורכגעמאכט אלע ליידן אין פוילן, דייטשלאנד און ראטן־פארבאנד. אָבער לײדער, יעדער איינער פון די אָפּגעראטעוועטע פּילט זיך פאריתומט. שווער צו געפינען א פאמיליע, וואָס האָט נישט געליטן, וואָס אירע קינדער זענען נישט געפאלן קרבנות אין די גרויל־טעג דורך די נאצים מיט זייערע נאָכלויפער און עס איז שווער זיך צו טרייסטן.

פסח פרלמן
עכו

ימי ילדות

בגיל רך מאד חליתי במחלת הדזינטריה ומכיוון ששני אחי הגדולים ממני מתו ממחלה זו, חששו הורי לחיי. הובלתי לוארשה ולפי סיפורי אבי יוסף, לא האמין איש שאשאר בחיים.

אבי התהלך בחוצות הכרך וחיפש אדם, שיוכל לעזור לו, אולם לשוא. הוא היה שרוי במרה שחורה וכמעט הגיע למצב יאוש. אולם ברגעים אלה נפגש עם דוד יורעס. מסופר עליו, שהיה איש תם וצדיק וידע מדעים מודרניים וגם היו לו ידיעות ברפואה. לאחר שאבי שפך את לבו המר לפניו, לא חשב האיש הרבה ואמר, שיש להביאני לרבי מסוקולוב.

הורי עזבו את וארשה ופנו אל הרבי מסוקולוב, שפסל את כל תרופותיהם של הרופאים וציווה להאכילני בשוקולד מבית־חרושת „פלוטוס". העצה היתה מוזרה, אולם את מצוות הרבי אין לדחות. סיפר אבי כי מרגע לרגע ומשעה לשעה לאחר שאכלתי את השוקולד מבית־החרושת „פלוטוס" התחלתי להבריא עד שהמחלה המסוכנת הסתלקה וחזרתי לאיתני. הורי מסרו דו"ח לרבי, שקרן מרוב אושר וציווה שעלי לבוא אליו ללמוד תורה לאחר שאגדל. בקשה זו לא נתמלאה, כי בהיותי בן שלוש־עשרה וחצי פרצה מלחמת־העולם השניה.

לא היה בעירנו ילד — ובמידה רבה גם ילדות — שלא התחילו ללמוד תורה עוד בהיותם בגיל רך. ניתן לומר, כי ברגע שהתחלתי לדבר ולהתהלך על רגלי הביאו אותי אל הרבי ללמוד. בעיירה היו מספר מלמדים. המלמד שמואל קלמן (סבי) לימד את הילדים הגדולים יותר וכן גם משה איצל. אולם המלמד דרדקי אייזיקל, קראנו לו אייזיקל מונט, היה מלמד את התינוקות.

זכור לי עד היום — ולפי סיפורי אבי הייתי אז בן שלוש — כשהוליך אותי אבי אל אייזיקל ובדרך קנה לי ארנק עור והבטיח, שאם אדע את הא"ב, יזרוק לי המלאך משמים מטבע. הגעתי אל ה„חדר" ובו נתקלתי ברעש והמולה. היה זה חדר אחד ללא רצפה, מלא ילדים שורצים עליה. הרבי אייזיקל קם לקראתנו, בירך את אבי לשלום ולקח אותי בידי והושיבני ליד השולחן.

אייזיקל זה, בעל זקן תיש, לא מצא חן בעיני למן הרגע שראיתיו לראשונה, אולם לא העזתי לומר דבר לאבי. מלבד זה השתוקקתי מאד לחמש האגורות, שהמלאך יזרוק לי. הרבי פתח סידור תפילה והחל ללמדני: א' ולאחר־מכן: ב'. פתאום נפל על הסידור מטבע בן 5 אגורות. תפסתי את המטבע ושאלתי: איך הגיע אלי מהשמים? הסביר לי הרבי, כי בתקרה יש פתחים והצביע על הפתחים, שבעדם נופלים המטבעות, הנזרקים מהשמים על־ידי המלאכים.

לאחר מאורע זה הסכמתי, שאבי יעזוב את ה„חדר" ואני נשארתי שם. לא היה ילד מאושר כמוני. הצגתי לפני הילדים את המטבע והם טענו, כי גם הם קיבלו מטבע ביום הראשון ללימודיהם. אולם טענתי, כי קיבלתי גם ארנק ובזה היתה ידי על העליונה.

ביום זה אכלנו את לחמנו, שהבאנו אתנו מהבית ובשעות אחרי־הצהרים הושיבו את כל הזאטוטים על הספסל, שעמד לאורך השולחן והתחלנו ללמוד א"ב. לרוב הילדים

היו כבר ידיעות כלשהן ואני חזרתי אחריהם במקהלה על האותיות, אשר אייזיקל הצביע עליהן. ראיתי, כי כולם מתנדנדים תוך כדי פיזום וכן עשיתי גם אני. פתאום קרה משהו מבהיל. הספסל, שעמד בחדר זה, שלא היתה לו רצפה, התהפך וכולנו נפלנו ארצה. נפילה זו פגעה בי מאד. קמתי, התחלתי לרוץ וכך הגעתי הביתה. שם הודעתי, כי לא אלך עוד ל„חדר" כזה. שום שידולים לא הועילו ונשארתי בבית.

כעבור כמה חדשים החליט סבי שמואל קלמן לקבל לחדרו כיתה של זאטוטים כמוני וכך התחלתי ללמוד אצל סבי. כאן הייתי מאושר. הרי זה משום שמשפחתנו גרה באותה חצר, שבה היה ה„חדר" של סבא. שנית, כאן נפגשתי עם גדולים ממני ועל־ידם יכולתי ללמוד מעשי קונדס כגון נהיגה בגלגל ברזל, רדיפה אחר גנבים, כיבוי שריפות וכד'. מפי הנערים שמעתי כל מיני מעשי גבורה, ששימשו לי מקור שעשוע ופיעמה אותי השאיפה להגיע למעמדם ולדרגת ידיעותיהם.

ב„חדר" אצל סבי הכרתי מספר חברים, שעד היום נשארו חרותים בזכרוני. אציין את שבתאי לצמן (עד היום אני נפגש אתו). בחור זה היה משכיבני לישון ומספר לי סיפורים על יציאת מצרים, על שדים ורוחות. בעיקר הייתי אסיר תודה לו על שהיה הראשון, שלימדני לנהוג בגלגל ועזר לי לעשות פנס־רוח בחורף. הוא גם שהדריך אותי בתקופה מאוחרת יותר להחליק על הקרח.

החל מהבוקר התכנסנו ב„חדר", שגם הוא היה בן חדר אחד. הריהוט שבו היה שולחן ארוך וסביבו ספסלים („שלאָף־באנק"). הרבי שמואל קלמן ישב על כסא בראש השולחן. מחולקים היינו לכיתות. הקטנים למדו א"ב ולאחר־מכן את התפילות; הגדולים יותר — חומש וגמרא. בשעה שכיתה אחת למדה סביב השולחן, בילו הנותרים, בקיץ, בחצר. אחדים היו משננים בעל־פה את הלימודים, אחרים שיחקו בכפתורים או בגפרורים. הקטנים ביותר היו חופרים תעלות ושופכים לתוכן מים. לעתים התארגנו כנופיות ויצאו למשחקי מלחמה.

ה„חדר" שימש לנו כבית שני. שם אכלנו, משם יצאנו בצוותא לכל מיני מאורעות כגון „קריאת שמע" אצל יולדת, הדלקת נרות חנוכה בבית־המדרש, לתחפושות בפורים, לביקור תלמידים חולים. הגדולים היו גם משתתפים בהלוויות.

בשנות לימודי אצל סבי הכרתי את החברים: גצל וייסברג, לוי זייארמן, אברהם ביר, איציק חיבובסקי, אפרים זילברנאגל, הרשל נורטמן, נפתלי אקרמן, נוסקה זילברמן, דוד הרש זילברמן ועוד רבים, ששמותיהם כבר אינם זכורים לי. חלק נכבד מהם נשארו בחיים ורבים אחרים לא זכו להגיע לימים אלה.

בגיל שבע התחלתי לבקר בבית־הספר העממי ובגמר השיעורים באנו ל„חדר", מקום שם למדנו עד שעות הערב המאוחרות. איש לא העיז לעזוב את ה„חדר" עד לאחר „קריאת שמע".

הרבי וה„חדר" הטביעו עלי את השפעתם. הם נטעו בנו ערכי יהדות ועוררו בנו כיסופי גאולה. דיברנו תמיד על המשיח הגואל. האמנו, כי בנו היהודים יש נשמה ואילו בגויים יש רוח, אשר לא תעמוד להם בעולם הבא.

שמענו מהרבי סיפורים על גשר־הנייר וגשר־הברזל. היהודים יעברו על־פני גשר־הנייר בשלום ואילו הגויים יפלו למים אף־על־פי שיצעדו על גשר־ברזל. כהוכחה לכך שימש תמיד לרבי הסיפור על יציאת מצרים, עת היהודים עברו בים בחרבה.

בהיותי בן 10 למדתי בבית־הספר העממי בכיתה ג'. יחד אתי למדו גם לוי זייארמן ואפרים זילברנאגל וכן גם בנות: חנהלה נובאק, רוזה רודסקי, שיינדל חיבובסקי, רייזל

נורטמן. המחנכת שלנו היתה גב׳ גראבצ׳יקובה. מורה זו היתה מטבעה בעלת מרץ רב. קולה היה עבה ונשמע למרחקים. זוכר אני, כי את צעקותיה בכיתה שמענו במרכז העיירה, מרחק חצי ק״מ לערך.

בתקופה זו התחלנו לרכוש ידיעות ראשונות בהוויות העולם. שמענו על גרמניה, על היטלר, שנאת יהודים, עריכת פרעות ונישול יהודים ממקומות מגוריהם. שמענו גם על גב׳ פריסטר, שדרשה בסיים איסור השחיטה היהודית. בבתי־המדרש היו ויכוחים סוערים על בעיות מכירת הבשר הכשר. הקצבים התארגנו בקואופרטיבים ולא־פעם שמענו מהמבוגרים כי אילו פילסודסקי היה חי, לא היה המצב מגיע לידי כך.

מעט מאד יכולנו אז להבין את מצבו של היהודי, אם־כי התחלנו להרגיש על בשרנו. בין כתלי בית־הספר העממי היינו לא־פעם ללעג ולקלס על־ידי התלמידים הגויים. לא־פעם פרצו מלחמות בינינו. ברוב המקרים היו הגויים מנצחים אותנו, אולם רוחנו לא נפלה. בעיירה היו פורצות תגרות בין יהודים לבין גויים, שהשתכרו בימי חג. כפי שזכור לי קמה אז מעין „הגנה״. עסקנים כגון משה בירנבוים, פייבל זייארמן ועוד וכן גם צעירים כגון יוסף אקרמן ואחיו גרשון ועוד לא ידעו פחד. הם יצאו, השיבו מלחמה ועמדו בכבוד.

בימי השוק היו בעיות יותר רציניות. ריכוז גדול של גויים גרם תמיד לחששות. היו יהודים, שהתקינו תריסים חזקים לחלונות כדי למנוע שבירת שמשות, במיוחד אלה שהתגוררו ברחוב הראשי או בסביבות השוק. באחד מימי ראשון, עד כמה שזכור לי היה זה ב־1936, התנפלו איכרים פולנים על שייע הטוחן במרכז העיר והכו אותו קשות. יהודים, שחשו לעזרתו, ספגו מכות אף הם. המשטרה המקומית הגיעה בדרך כלל לאחר שהתוקפים כבר הסתלקו מהמקום. אבי הוכה פעם קשות בכפר חיבוב שבקרבת העיר; כנופית גויים רגמה אותו באבנים בשעה שהוביל פרה העירה. רק לאחר שהכירו אותו, כאשר אחד מהם קרא: „זה יהודי שלנו!״ — הפסיקו להכותו.

באווירה עוינת זו גדלנו. כצעירים, שהתחלנו להצטרף לארגונים שונים כגון בית״ר ו„החלוץ״, שמענו בפעם הראשונה על ארץ־ישראל, שבה יש להילחם נגד הערבים. אחרים טענו, שיש לעשות עבודה שקטה ויש לגאול את האדמה. בסתר לבי התעוררו כבר אז מחשבות, שאין לחכות באפס מעשה למשיח הגואל, אלא יש לעשות משהו.

בבית־הכנסת ובבית־המדרש הייתי מאזין לדברי פוליטיקה. רוב היהודים ניבאו, שכך לא יימשך המצב. היו שטענו, כי אנגליה וצרפת לא יתנו לגרמניה הנאצית לשעבד אחרים. היו שטענו, כי סטאלין הוא שיעשה משהו להצלת אירופה. — עד שבאו המאורעות, שהיו איומים מכל דמיון.

★

פסח פערלמאַן
עכו

קינדער־צייט

זייענדיק א קליין קינד בין איך קראַנק געוואָרן אויף דעזינטעריע און אַזוי ווי מיינע צוויי עלטערע ברידער זענען געשטאָרבן פון דערזעלבער קראַנקייט, זענען מיינע עלטערן געווען זייער באַזאָרגט איבער מיר. מען האָט מיר אָוועקגעפירט קיין וואַרשע און ווי מיין פאָטער יוסף האָט דערציילט, האָט קיינער נישט געגלויבט, אַז איך וועל לעבן בלייבן.

מיין פאָטער איז אַרומגעגאַנגען אין דער גרויסשטאָט און געזוכט עמיצן, וואָס זאָל קענען העלפן, אָבער אומזיסט. ער איז געווען גאַנץ פאַרצווייפלט. דאַן האָט ער באַגעגנט דוד׳טשע יורעס. מ׳האָט דערציילט, אַז ער איז א פרומער און ערלעכער מאַן, אַז ער קען מאָדערנע וויסנשאַפטן און האָט אויך ידיעות אין מעדיצין. נאָכדעם ווי מיין פאָטער האָט פאַר אים אויסגעגאָסן זיין האַרץ, האָט דער מאַן קיין סך נישט געקלערט און האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף מיר ברענגען צום סאָקאָלאָווער רבין.

מיינע עלטערן האָבן פאַרלאָזט וואַרשע און זיך געווענדעט צום סאָקאָלאָווער רבין. ער האָט געפּסלט אַלע מעדיקאַמענטן פון די דאָקטוירים און געהייסן מיר געבן צו עסן שאָקאָלאַד פון „פלוטאָס״ פאַבריק. די עצה האָט אויסגעזען אויסטערליש, אָבער דעם רבינס געבאָט קען מען נישט אָפּוואַרפן. מיין פאָטער האָט דערציילט, אַז פון מינוט צו מינוט און פון שעה צו שעה נאָכן עסן דעם „פלוטאָס״ שאָקאָלאַד האָב איך אָנגעהויבן קומען צו זיך ביז די געפערלעכע קראַנקייט איז אַריבער. מיינע עלטערן האָבן געמאָלדן דעם רבין, וואָס האָט געשטראַלט פון גליק און האָט געהייסן, אַז איך זאָל קומען צו אים לערנען תורה ווען איך וועל גרויס ווערן. זיין ביטע איז נישט אויסגעפילט געוואָרן ווייל ווען איך בין אַלט געוואָרן 13 און א האַלב יאָר איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

און אונדזער שטאָט איז נישט געווען קיין יינגל — און אין א גרויסער מאָס אויך מיידלעך — וואָס האָבן נישט אָנגעהויבן לערנען תורה אין גאַנץ פריען עלטער. מען קען זאָגן, אַז אין מאָמענט ווען איך האָב אָנגעהויבן רעדן און גיין האָט מען מיר געבראַכט צום רבין לערנען. אין שטעטל זענען געווען עטלעכע מלמדים. דער מלמד שמואל קלמן (מיין זיידע) האָט געלערנט די גרעסערע קינדער און אַזוי אויך משה איצל. דער דרדקי־מלמד אייזיקל, וועמען מיר האָבן גערופן אייזיקל מאַנט, האָט געלערנט די קליינע קינדער.

איך געדענק ביז היינט — לויט ווי מיין פאָטער האָט דערציילט בין איך דאַן אַלט געווען דריי יאָר — ווי דער פאָטער האָט מיר אָוועקגעפירט צו אייזיקלען און אויפן וועג האָט ער מיר געקויפט א לעדערנעם טייסטער און מיר צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל קענען דעם אלף־בית, וועט דער מלאך פון הימל מיר אַראָפּוואַרפן א מטבע. איך בין געקומען אין חדר און האָב אָנגעטראָפן א רעש און געפילדער. געווען איז עס איין צימער אָן א פּאָדלאָגע, וווּ עס האָבן זיך געוואַלגערט א מענגע קינדער. ר׳ אייזיקל איז אונדז אַנטקעגן געקומען, באַגריסט מיין פאָטער, מיר אָנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעזעצט ביים טיש.

אייזיקל, מיט א ציגענעם בערדל, איז מיר נישט געפעלן געוואָרן פון דער ערש־טער מינוט אָן. אָבער איך האָב נישט געוואגט זאָגן מיין פאָטער. אויסערדעם האָב איך זייער געוואָלט באקומען די פינף גראָשן, וואָס דער מלאך וועט מיר צוּוואַרפן. דער רבי האָט געעפנט א סידור און מיר אָנגעהויבן לערנען: א׳ און דאן ב׳. פלוצלונג איז אויפן סידור אראָפּגעפאלן א מטבע פון 5 גראָשן. איך האָב אויפגעכאַפּט די מטבע און געפרעגט: ווי פאלט עס אראָפּ פון הימל? דער רבי האָט מיר דערקלערט, אז אין סופיט זענען דאָ עפענונגען, האָט אָנגעוויזן אויף זיי און געזאָגט, אז פון דאָרט וואַרפן די מלאכים אראָפּ די מטבעות.

נאָך דער געשעעניש האָב איך איינגעשטימט, אז מיין פאָטער זאָל אוועקגיין און איך בין געבליבן אין חדר. איך בין געווען זייער גליקלעך. איך האָב געוויזן די קינדער די מטבע און זיי האָבן געזאָגט, אז אויך זיי האָבן באקומען א מטבע דעם ערשטן טאָג. איך האָב אָבער געטענהט, אז איך האָב באקומען אויך א טייסטער און דערמיט האָב איך אָפּגעהאלטן א זיג.

יענעם טאָג האָבן מיר געגעסן דאָס ברויט, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון דער היים. נאָך מיטאָג האָט מען דאָס גאנצע קליינוואַרג אוועקגעזעצט אויף א באנק, וואָס איז געשטאנען לייגאויס דעם טיש און מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען א״ב. מערסטע קינדער האָבן שוין געקענט עפּעס־וואָס און איך האָב איבערגעחזרט צוזאמען מיט זיי די אותיות, וואָס אייזיקל האָט אָנגעוויזן. אלע האָבן זיך געשאָקלט אונטערזינגענדיק און איך מיט זיי. פלוצלונג איז געשען עפּעס שרעקעדיקס. די באנק אינם צימער, וואָס איז געווען אָן א פאָדלאָגע, האָט זיך איבערגעדרייט און אלע זענען מיר אראָפּגעפאלן. דאָס האָט מיר זייער דערשיטערט. איך בין אויפגעשטאנען, אָנגעהויבן לויפן און דערלאָפן א היים. דאָרט האָב איך געלאָזט וויסן, אז מער אין אזא חדר גיי איך נישט. קיין שום איבעררעדונג האָט נישט געהאָלפן און איך בין געבליבן אין דער היים.

אין עטלעכע מאָנאטן ארום האָט מיין זיידע שמואל קלמן באשלאָסן ארייננעמען אין זיין חדר א קלאס פון קליינוואַרג ווי איך, און אזוי האָב איך אָנגעהויבן לערנען ביי מיין זיידן. דאָ בין איך געווען גליקלעך. אונדזער פאמיליע האָט דאָך געוווינט אין איין צימער און ס׳איז געווען זייער ענג. אויסערדעם האָב איך זיך דאָ געטראָפן מיט גרעסערע יינגלעך און פון זיי האָב איך געקענט אָפּלערנען שטיפערייען ווי למשל דרייען אן אייזערנע ראָד, נאָכיאָגן גנבים, לעשן שריפות א. אז. וו. פון די יינגלעך האָב איך געהערט וועגן פארשיידענע העלדן־טאטן, וואָס האָבן מיר פריילעך געמאַכט און איך האָב געשטרעבט זיך גלייכן מיט זיי.

ביים זיידן אין חדר האָב איך זיך באקאנט געמאכט מיט עטלעכע חברים, וואָס ביז היינט זענען זיי פארבליבן אין מיין זכרון. איך געדענק שבתאי לאנצמאן (ביז היינט צוטאָג טרעפן מיר זיך). ער פלעגט מיר שלאָפן לייגן און מיר דערציילן מעשיות פון יציאת מצרים, וועגן שדים און רוחות. ספּעציעל בין איך אים געווען דאנקבאר ווייל ער האָט מיר צוערשט אויסגעלערנט דרייען א ראָד און האָט מיר געהאָלפן מאכן א ווינט־לאַטערנע אום ווינטער. עד האָט מיר אויך שפּעטער אויסגעלערנט זיך גליטשן אויפן אייז.

פון פרימאָרגן זענען מיר זיך צוזאמענגעקומען אין חדר, וועלכער איז אויך באשטאנען פון איין צימער. געווען איז דאָרט א לאנגער טיש און ארום אים שלאָף־בענק.

דער רבי איז געזעסן אויף א שטול אין שפיץ טיש. מיר זענען געווען פארטיילט אין קלאסן. דאָס קליינוואַרג האָט געלערנט א״ב און שפּעטער — די תפילות; די גרע־סערע קינדער — חומש און גמרא. ווען איין קלאס האָט געלערנט ארום טיש, האָבן די איבעריקע פארבראכט, זומערצייט, אויפן הויף. אייניקע האָבן געחזרט אויסנווייניק די לעקציעס, אנדערע האָבן זיך געשפּילט מיט קנעפּלעך אָדער מיט שוועבעלעך. די גאנץ קליינע האָבן געגראָבן קאנאלן און געגאָסן אהין וואסער. צייטנווייז פלעגן זיך אָרגאני־זירן באנדעס און פירן מלחמה־שפּילן.

דער חדר איז געווען פאר אונדז א צווייטע היים. דאָרט פלעגן מיר עסן, פון דאָרט פלעגן מיר ארויסגיין אויף פארשיידענע פארלויפענישן ווי קריאת־שמע ביי א קימפּעטאָרין, חנוכה ליכט־צינדן אין בית־המדרש, פורים פארמאסקירונג, א באזוך ביי קראנקע שילער. די גרעסערע פלעגן זיך אויך באטייליקן אין לוויות.

לערנענדיק ביים זיידן, האָב איך באקענט די חברים געצל ווייסבערג, לוי זייער־מאן, אברהם ביר, איציק כיבאָווסקי, אפרים זילבערנאגעל, הערשל נאָרטמאַן, נפתלי אקערמאַן, נאָסקע זילבערמאַן, דוד הערשל זילבערמאַן און פיל אנדערע, וואָס זייערע נעמען געדענק איך שוין נישט. א טייל פון זיי זענען לעבן געבליבן, אָבער פיל אנדערע האָבן נישט זוכה געווען.

אלט זייענדיק זיבן יאָר, האָב איך אָנגעהויבן באזוכן די פאָלקס־שול און נאָך די לעקציעס פלעגן מיר קומען אין חדר, ווו מיר האָבן געלערנט ביז שפּעט אין אָוונט. קיינער האָט נישט געוואגט אוועקגיין ביז נאָך קריאת־שמע.

דער רבי און דער חדר האָבן אויסגעאיבט אויף מיר זייער איינדרוק. זיי האָבן אין אונדז איינגעפלאנצט יידישקייט און דערוועקט גאולה באגערונג. מיר האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן משיחן. מיר האָבן געגלויבט, אז מיר יידן האָבן א נשמה און די גויים האָבן א גייסט, וואָס וועט זיי נישט בייִשטיין צו דערפירן אויף עולם הבא.

פון רבין פלעגן מיר הערן מעשיות וועגן דער פאפירענער בריק און אייזערנער בריק. די יידן וועלן אריבערגיין בשלום די פאפירענע בריק און די גויים וועלן אריינ־פאלן אין וואסער כאָטש זיי וועלן טרעטן אויף אן אייזערנער בריק. אלס באווייז פלעגט דער רבי תמיד ברענגען די דערציילונג וועגן יציאת מצרים, ווען די יידן זענען אריבער דעם ים אין דער טריקעניש.

אין עלטער פון 10 יאָר האָב איך געלערנט אין דריטן קלאס פאָלקס־שול. צוזאמען מיט מיר האָבן געלערנט לוי זייערמאַן און אפרים זילבערנאגעל ווי אויך די מיידלעך: חנהלע נאָוואַק, ראָזא רודסקי, שיינדל כיבאָווסקי, רייזל נאָרטמאַן. אונדזער דערציערין איז געווען מאדאם גראבטשיקאָווא. זי איז געווען זייער ענערגיש און איר דיקע שטימע האָט מען געהערט גאנץ ווייט. איך געדענק, אז אירע געשרייען אין קלאס זענען דערגאנגען ביזן צענטער שטעטל, א שטרעקע פון א האלבן קילאָמעטער.

אין יענער צייט האָבן מיר באקומען אָנהויבלעכע ידיעות אין וועלט־זאכן. מיר האָבן געהערט וועגן דייטשלאנד, וועגן היטלערן, אנטיסעמיטיזם, פּאָגראָמען און ארויס־טרייבן יידן פון זייערע וווינפלעצער. מיר האָבן געהערט וועגן מאדאם פּריסטער, וואָס האָט געפאָדערט אין סיים פארבאָטן די יידישע שחיטה. אין די בתי־מדרשים זענען געווען שטורמישע דיסקוסיעס וועגן די פּראָבלעמען פון פארקויפן כשר פלייש. נישט

איינמאָל האָב איך געהערט עלטערע מענטשן זאָגן, אַז ווען פּילסודסקי וואָלט געלעבט, וואָלט דערצו נישט דערגאַנגען.

גאַנץ ווייניק האָבן מיר דאַן געקענט פאַרשטיין די יידישע לאַגע, כאָטש מיר האָבן עס אָנגעהויבן פילן אויף זיך אַליין. אין דער פאָלקס־שול פלעגן די קריסטלעכע שילער אָפּלאַכן פון אונדז. צייטנווייז פלעגן אויסברעכן קאָנפליקטן צווישן אונדז. מערסטנטייל פלעגן זיי אונדז באַזיגן, אָבער מיר זענען נישט געוואָרן אַנטמוטיקט. אין שטעטל פלעגן פאָרקומען קריגערייען צווישן יידן און גויים, וואָס פלעגן זיך אָנשיכּורן אין יום־טוב טעג. איך געדענק, אַז דאַן איז אַנטשטאַנען אַ מין „הגנה" (שוץ־אָרגאַניזאַציע). טוערס ווי משה בירנבוים, פייוול זייערמאַן א. אנד., ווי אויך יונגעלייט ווי יוסף אַקערמאַן און זיין ברודער גרשון האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן. זיי האָבן אָפּגעענטפערט די שלעגערס און זענען ביי־געשטאַנען בכבודיק.

אין יאַריד־טעג איז די לאַגע געווען ערנסטער. אַ גרויסע צוזאַמענקונפט פון גויים האָט שטענדיק אַרויסגערופן זאָרג. אייניקע יידן האָבן איינגעריכט שטאַרקע שלוזן צו די פענצטער כּדי זיך אויסהיטן פון אויסברעכן די שויבן, הויפּטזעכלעך די וועלכע האָבן געוווינט אין דער הויפּט־גאַס אָדער אין אומגעגנט פון מאַרק. אין אַ געוויסן זונטיק, דאַכט זיך אין 1936, זענען פּוילישע פּויערים אָנגעפאַלן אויף שייע דעם מילנער אין מיטן שטאָט און אים שטאַרק געשלאָגן. יידן, וואָס זענען געקומען צו הילף, האָבן אויך אַריינגעכאַפּט קלעפּ. די אָרטיקע פּאָליציי פלעגט געוויינלעך אָנקומען נאָכדעם ווי די אָנגרייפער האָבן זיך שוין אָפּגעטראָגן. מיין פאָטער איז אַ מאָל צעשלאָגן געוואָרן און דאַרף כּיבאָוו; אַ באַנדע גויים האָט אים באַוואָרפן מיט שטיינער ווען ער האָט געפירט אַ קו אין שטאָט אַריין. ערשט נאָכדעם ווי מען האָט אים דערקענט, ווען איינער פון זיי האָט אויסגערופן: „דאָס איז דאָך אונדזערס אַ ייד!" — האָט מען אויפגעהערט אים שלאָגן.

אין אַזאַ פיינטלעכער אַטמאָספער זענען מיר אויפגעוואָקסן. יונגערהייט האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן אָן פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס ווי „בית"ר" און „החלוץ", געהערט דאָס ערשטע מאָל וועגן ארץ־ישראל, ווו מען דאַרף קעמפן מיט די אַראַבער. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף טאָן שטיל, אָן געפּילדער און אויסלייזן די ערד. אין טיפן האַרצן האָבן זיך שוין דאַן דערוועקט אין מיר געדאַנקען, אַז מען דאַרף נישט וואַרטן טאַטלאָז אויף משיחן, נאָר מען דאַרף טאָן עפּעס.

אין שול און אין בית־מדרש פלעג איך זיך צוהערן צו פּאָליטיק־שמועסן. מערסטע יידן האָבן געזאָגט, אַז אַזוי קען עס ווייטער נישט גיין. טייל האָבן געטענהט, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלן נישט דערלאָזן, אַז דייטשלאַנד זאָל פאַרשקלאַפן אַנדערע פעלקער. אַנדערע זענען געווען און דער מיינונג, אַז סטאַלין וועט עפּעס טאָן אָפּצוראַטעווען אייראָפּע. — ביז עס זענען אָנגעקומען די געשעענישן, וואָס זענען געווען שרעקלעכער פון יעדער פאָרשטעלונג.



אסתר גרונוביץ׳ (לבית מונצ׳אז׳)
חיפה

יצאתי בחשאי להכשרה

ביזמת כמה חברים וחברות בגיל צעיר מאד, בני השכבה ה„בעל־ביתית", נתארגן בעיירתנו ב־1926 סניף „החלוץ הצעיר" בהדרכת המרכז. הפעולות הראשונות היו הסברה על תנועת הפועלים בכללה ובייחוד על תנועת הפועלים המתחדשת בארץ־ישראל.

היינו קומץ קטן וכדי לאפשר את קיומו נאלצנו להרחיב את הסניף. היו בינינו שהתנגדו לצירוף בני שכבות יותר עממיות וגם מצד ההורים היו הפרעות במובן זה. אף־על־פי־כן הצלחנו להתגבר על המכשולים והסניף התרחב.

התחלנו לנהל פעולה יותר ענפה ומגוונת בתחום ההסברה ועשינו נסיון ראשון להכשרה חקלאית: שתלנו גן ירק על שטח אדמה, שקיבלנו למטרה זו ממשפחת רוגוז׳יק. האדמה היתה מוזנחת מאד וכמעט ללא כלים השתרענו על חלקת־אדמה זו והפכנו אותה לגן־ירק פורח. מים להשקייה היינו מביאים בדליים מבאר קרובה. ראינו ברכה בעמלנו ואת יבול הגן מכרנו בבתים פרטיים. את התמורה הקדשנו לקרן הקיימת. לאשרנו לא היה גבול.

בתחומי הגן היתה לנו פינה מטופחת יפה, שתולה פרחים ושיחים, גדורה בלבנים מסויידות. מקרשים ישנים התקנו שולחן וספסלים ומקום זה שימש לנו לעריכת הפעולות, מאין אפשרות לשכור מועדון.

קרה ובכ׳ תמוז, ב„ערב הרצל", דקלמנו ושרנו ופתאום שמענו צעקה בפולנית. הסבנו את ראשינו וראינו פניו הזועמים של מפקד המשטרה. לא הועילו שום הסברים ונאלצנו להתפזר. שני חברים נלקחו לתחנת המשטרה, שם נחקרו ובחצות שוחררו. המשטרה חשדה, שנעשות כאן פעולות בלתי חוקיות. הדבר חרה לנו מאד, כי הושבתה פעולה חשובה. אך למחרת בבוקר באנו שוב לעבודה ובערב המשכנו בפעולותינו.

אם־כי היינו צעירים למדי, נדרשנו על־ידי המרכז לצאת להכשרה קיבוצית כדי להתכונן לעליה ארצה. לבנו פעם בהתרגשות לקראת המאורע הזה, אך גם אפף אותנו עצב, כי ידענו שניתקל בהתנגדות עזה מצד ההורים. אם־כי רובם־ככולם היו ציונים, לא רצו שילדיהם יהיו הראשונים היוצאים להכשרה הרחק מהבית.

הואיל וידענו זאת מראש, התחלנו לתכנן יציאה בחשאי. אני הייתי בין הראשונים ברשימה וידעתי, כי הורי לא ירשו לי לצאת. מצפוני הציק לי מאד והחלטתי לגלות את הדבר לאמי. התחלתי לדבר אתה סחור־סחור ובהתקרבי אל הנושא, הרגשתי שהמלים נעתקו מפי. בקושי, תוך גמגום, גיליתי לה את רצוני. ראיתי, כי פניה לבשו עצבות והיא פסקה בקצרה: „אבל לא תחזרי הביתה!"

את הרגשתי אז אין לתאר. ניסיתי להתגונן ולהסביר, אולם לשוא. אמא לא רצתה לשמוע עוד. מאז נשתנה אלי היחס בבית והתהלכתי כמו סהרורית.

גמרתי־אומר לצאת בחשאי. היה זה בראשית קיץ 1928 עת התחלתי להתכונן לכך יחד עם חברתי איטקה גרייצר (נמצאת כיום בארצות־הברית). התחלתי להוציא בגדים מן הבית מבלי שירגישו בזה. פעם הרגישה אחותי פרל, שאני מחטטת בארון־הבגדים והתחילה לחקור אותי ואף בקושי נחלצתי ממנה. כך נמשך הדבר כמה ימים עד שהצלחתי להוציא את הבגדים הנחוצים, שאותם הכנסתי לביתו של יהושע נאבוז'ני,



קבוצת חברי „החלוץ הצעיר"

ציוני נלהב ואיש מתקדם, שידענו כי לא יגלה את הסוד להורים. כמוני נהגה גם חברתי איטקה.

היום הנכסף התקרב. התלבטנו קשה, כי חסר היה לנו כסף להוצאות הדרך. חלק מההוצאות מומן על־ידי הסניף, אך מקורות אחרים לא היו לנו להשלמת החסר. פניתי אל בן־דודי יעקב אקרמן וביקשתי ממנו הלוואה בסך 5 זהובים, שלהם אני זקוקה עוד הערב. הוא התחיל לחקור אותי ותשובתי לא סיפקה אותו, כי הרגיש שאני מעלימה ממנו משהו. נכנסתי אז אל השכן הרשל זילברשטיין ובאין ברירה ביקשתי בשם אבי

5 זהובים כהלוואה ליומיים. כמובן, שלא השיב את פני ריקם. אחר־כך, מהדרך, כתבתי מכתב להורים וביקשתי סליחה על שהעזתי לעשות דבר כזה; התנצלתי בטענה, כי לא רציתי לגנוב כסף מהבית.

בזה נסתיימו ההכנות. אותו ערב נשארתי בבית כדי שלא לעורר חשד מאחר שבמשך כל היום התרוצצתי לרגל הסידורים האחרונים. נראה, כי סודנו נודע בחוץ, שכן בערב נכנס אלינו יעקב שולשטיין (אשר גם אחד מבניו היה ב„החלוץ") ופנה אל אבי בזו הלשון: דע לך, כי בתך אסתר הוציאה ממגרה בחנותך 50 זהובים והיא יוצאת הלילה למקום שקוראים לו קבוּצה!...

זוכרת אני כאילו היה זה עכשיו, כי תשובתו של אבי הטוב היתה: אינני גביר כזה, שלא ארגיש שחסרים לי 50 זהובים!...

אחרי שיצא שולשטיין החלו בני הבית להמטיר עלי שאלות בדבר נכונות הדברים. השאלות היו מכוּונות בנוגע לקבוצה; אשר לכסף היה ברור, כי לא אעשה דבר כזה. מובן, כי הכחשתי מכּול וכול, אולם הרגשתי כי דמי זורם אל ראשי.

לאחר התייעצות משפחתית קצרה הוחלט, שאחותי פרל תישן אתי במיטה כדי שתוכל לשמור עלי לבל אסתלק. בשעות שנותרו לי לא עצמתי עין, כי הייתי נרגשת מאד וכן גם חששתי שמא אאחר לבוא לשעה שנדברנו עם העגלון, שהיה צריך להביא אותנו אל תחנת הרכבת בפלאטרוֹבה.

אמי לא ישנה עדיין, כי התכוננה לנסוע לוארשה לפנות בוקר, זמן־מה אחרי. עובדה זו גרמה לי חששות נוספים. הגיע הזמן לצאת מהמיטה. אחותי ישנה שנת ישרים. לבשתי מעיל קיץ ופסעתי לעֵבר הדלת. אמי שאלה אותי: לאן פניך מועדות במבּול כזה? עניתי לה, כי תיכף אחזור. היא קיבלה את דברַי כפשוטם ויצאתי מהבית.

אותו לילה כיסו עננים כבדים את פני השמים וגשם עז ניתך בליווי ברקים ורעמים. מזג־האוויר בחוץ הוסיף על הסערה והמבוכה בנפשי ולבי ייסרני על שבאופן כזה אני עוזבת את הבית. אולם לא היה בזה כדי לעכב בעדי.

יחד עם חברתי הגענו לפלאטרוֹבה רטובות עד לשד עצמותינו ונאלצנו להחליף בגדים. הגענו לשדלץ בבוקר ונסענו לחברה שלנו כדי להשאיר אצלה את חבילותינו, כי היה עלינו לחכות כמה שעות לרכבת, שתצא ללובלין ומשם למקום ההכשרה טראווניקי. בינינו לבין עצמנו לא העזנו לדבר על המתרחש בבית לאחר בריחתנו. אולם כל אחת מאתנו הרגישה כאילו פשעה כלפי ההורים, אם־כי מטרתנו היתה כה נעלה.

כאפריון תכלת נמתחו שמי הבוקר על־פני העיר שדלץ ואנו טיילנו ברחובותיה מלאות התפעלות. היתה זו פעם ראשונה, שנזדַמנו לעיר יותר גדולה. פתאום ראינו דמות, מוּכרה לנו מאד, מתקרבת אלינו. היתה זו אחותה של איטקה — ציפה, שבאה לשם יום קודם־לכן לרגל עסקים. — מה אתן עושות כאן? מדוע לא סיפרת אתמול, כי את נוסעת לשדלץ? — היו שאלותיה.

למזלנו לא היו החבילות אתנו ויכולנו לענות לה, כי אנו באות לכינוס „החלוץ" ומחר נחזור הביתה. היא האמינה לנו והלכה לדרכה. נשמנו לרווחה.

קרונות הרכבת מלאים היו עד אפס מקום. מצאנו איזו פינה והצטנפנו בה. מצב־רוחנו לא היה מרומם, כי מחשבותינו היו נתונות לבית. בקושי נחלצנו מחברתם של שני גברתנים פולנים, שישבו מולנו וניבלו את פיהם. ביקשתי את עזרתו של גבר אחר, שחזות פניו העידה עליו כבעל תרבּות. הוא יעץ לנו שלא נמשיך לטראווניקי,

כי לשם נגיע במאוחר; מוטב שנרד בלובלין ונלון שם; הסביבה שורצת אנשים, הנטפלים אל נערות ויש להיזהר.

בלובלין לא ידענו אל מי לפנות והחלטנו לחפש בית־מלון זול ביותר, כי הכסף שבידינו היה מועט. בהסתובבנו בתחנה הלוך ושוב, ראינו שני צעירים לבושים מדי תנועה ציונית. אורו פנינו. לשאלתנו על מועדון „החלוץ" בעיר נענינו ונסענו לשם בכרכרה. נזהרנו עד כדי כך, שעלה על דעתנו לחטוף מבט על מספרו של העגלון, שהיה צמוד לכובעו.

הגענו לחצר, שמאחד הבתים שבו בקעה שירה עברית. בהיכנסנו לשם פרצנו בבכי. לאחר מאמץ רב מצד החברים נרגענו וסיפרנו את אשר עבר עלינו. הם הביאו לנו ארוחת ערב ואחת החברות הזמינה אותנו ללינת לילה. בבוקר ליוותה אותנו החבריא לתחנת הרכבת וגם קנו לנו כרטיסי נסיעה. נסענו לטראווניקי.



קבוצת חברי „החלוץ"

בקיבוץ נתקבלנו בסבר פנים יפות ולמחרת יצאנו עם שאר החברים לעבודת השדה. העבודה מצאה חן בעינינו, אם־כי לא־פעם היתה קשה. עבדנו עם פולנים ולעתים עברנו עליהם בחריצותנו. זכינו למחמאה, שהתגלמה במלה אחת: „ז׳ידים״.

כעבור זמן קצר חזרה איטקה הביתה בהשפעת דודתה, שבאה לקחתה. העבודה נסתיימה והיה עלינו לעבור לקיבוץ אחר, שיש בו עבודה במשך כל השנה. לדאבוני לא יכולתי להצטרף אל שאר החברים, כי לא היו לי בגדי חורף. החלטתי איפוא לנסוע הביתה על אף ניתוק הקשרים.

מכתבים קיבלתי רק מהסניף ומאחי גרשון. מהם נודע לי על התגובות לעזיבתי. אכן, היינו הסנוניות הראשונות. אנו סללנו את הדרך ואחרינו יצאו חברים להכשרה כמעט ללא הפרעה מצד ההורים. הם השלימו עם הרעיון וידעו, כי התנגדות מצדם לא תועיל. גם לגורם הזמן בפולין ומצב היהודים בה היתה השפעה לא־מבוטלת על הסכמת ההורים לעלית הבנים ארצה.

באחד הימים, בין השמשות, חזרתי לעיירה ונכנסתי אל המועדון, שהיה אז כבר לרשות „החלוץ״. הביתה לא העזתי לגשת. חיש־מהר פשטה השמועה כי חזרתי וכן הגיעה גם להורי. במקרה נפגשתי שם עם חבר מרכזי בסניף, שליווני הביתה. לברכתי „ערב טוב״ לא קיבלתי מענה. אך כעבור זמן נרגעו הרוחות בבית.

התחלתי לרמוז, כי רוצה אני לחזור לקיבוץ ובאתי רק כדי לקחת בגדים. התחלתי לאספם והפעם לא בהסתר אלא בגלוי, אך התחילו להפריע לי. ביקשתי את אחותי פרל, שתאמר לאמא, כי החלטתי היא איתנה.

ממרכז „החלוץ״ הודיעו לי, כי עלי להצטרף לקיבוץ איבאצֶביץ׳ שליד בּאראנוביץ׳. שם היו כבר 2 חברים מהסניף: יעקב אקרמן וְשמעון שׂונשיין. להוצאות הנסיעה נדרש סכום גדול מפאת המרחק. הצטרף אלי גם שבתי טננבוים, וגזבר הסניף אמר לנו, כי לא יוכל לממן אלא חלק מההוצאות ועלינו לדאוג לשאר הסכום. במקרה נודע לי, כי חיה קפלן, בתו של משה־אהרן, מחפשת שתי נשים לאסוף תפוחי־אדמה. לא נרתעתי מעבודה זו, אם־כי מימי לא עסקתי בכך. בטראוווניקי נעשתה העבודה בעזרת מכונות ואנו אספנו את תפוחי־האדמה כאשר היו כבר על־פני הקרקע. בבוקר סתיו, כשקרעי עננים שטו בשמים, יצאתי לעבודת חפירה במעדר. עבדתי יחד עם חברה, רבקה שטרן והשתדלנו להחזיק מעמד מול שתי נוצריות, שעבדו אף הן אתנו.

בחזרי הביתה לאחר יום העבודה, לא מצאתי את בגדי: התלבושת האחידה של חברי „החלוץ״. נראה, כי להורי נודע על עבודתי והם התביישו בה והיה זה רמז־אזהרה בשבילי. לאחר משא־ומתן באמצעות אחותי הוחזרו לי הבגדים. המשכתי בעבודה כמה ימים והשלמתי את סכום ההוצאות.

בהתקרב המועד יצאנו לדרך אני ושבתי. האווירה בבית היתה מתוחה. אחותי פרל רמזה לי על חבילה, שהכילה צידה לדרך. ידעתי, כי יד אמי היתה בהכנות אלו. אולם לברכותי נעניתי אך ברפיון.

הגענו בשלום למחוז חפצנו. היו שם כ־80 חברים וחברות. רבים מהם לא עבדו, כי קפאו אצבעות רגליהם. היה אז חורף קשה מאד. הטמפראטורה הגיעה עד 29° מתחת לאפס. תוך כמה ימים הסתגלתי לעבודת המנסרה. שהיתי שם כחצי שנה וחזרתי הביתה כדי להתכונן לעליה.

ההפרעות בבית פחתו וההורים השלימו עם הרעיון. היתה זו כבר אז „צרת רבים", שכן עוד חברים היו כבר בהכשרה והתכוננו לעלות. למחרת בואי יצא להכשרה אחי אייזיק יחד עם עוד חברים. בבית הכינו לי בגדים ונעלים יותר מכפי מבוקשי. אך החשוב ביותר: יחס ההורים אלי הוטב.

למחרת ראש־השנה תרפ"ט עזבתי את הבית. גם יציאה זו היתה בלילה, אך במצב־רוח שונה לחלוטין. כולם היו נרגשים, לרבות סבי מצד אמי, משה אקרמן, שהיה אז בן 90 ומעלה. בהיפרדו ממני, אמר לי: — אסתר'קה, לעולם כבר לא נתראה! ראיתי שתי דמעות נוצצות בעיניו.

הבית היה צר מהכיל את כל האנשים, שבאו להיפרד ממני. היו ביניהם לא רק קרובים ובני קרובים. זכור לי, כי כאשר כבר הייתי מעבר לסף הבית, פנה אלי שמעון שונשיין, באמרו: — אסתר, הסתכלי היטב־היטב בעיירה, כי בודאי לא תוסיפי לראותה!



חברי „החלוץ" בטיול

אמא ליוותה אותי עד וארשה ושם קנתה בשבילי חפצים להשלמת החסר. בתחנת הרכבת תחבה לידי כמה דולרים — להוצאות בַּדרך.

לא שיערתי אז, כי לעולם כבר לא אראה את עיר מולדתי, שהיתה כה יקרה לי ואת בני משפחתי הענפה, שלעולם לא ימושו מעיני ומלבי.

אחרי המלחמה הגיעו ארצה בני דודים ובני דודות ואחת מהן, שראתה את אמא בפעם האחרונה בסארנאקי, כאשר קלגסי היטלר כבר השתוללו בה, שמעה מפיה: — הלוואי שעוד ילדים היו גורמים לי חרפה כמו אסתר ואייזיק, כי אז היה טוב לי עכשיו!

אמי המסכנה, אהבתה לילדיה היתה ללא מצרים!

שרה רובעל (רויזענבוים)
חיפה

יונגע יאָרן

די שיינע, יונגע יאָרן לאָזן זיך נישט פארגעסן. ס'געדענקט זיך יעדע פאסירונג, יעדער מאָמענט. ווי שיין זענען געווען אונדזערע יונגע יאָרן!

די פיס זענען קיינמאָל נישט מיד געווען צו טאנצן האָרא, און אונדזער געזאנג האָט זיך צעגאָסן אין שטעטל ווי א טייך. ווי איינדרוקספול זענען געווען די ל"ג בעומר אויספלוגן אין קיזקער וואלד!

אלץ וואָס מיר האָבן געטאָן האָבן מיר אין דעם אריינגעלייגט הארץ, אמונה, באגייסטערונג. יעדע טעטיקייט אין דער באוועגונג האָט אונדז אָנגעפילט מיט שטאָלץ. יעדע פייערונג האָט מיטגעבראכט גלויבן, אז דו ביזט א שותף צום גרויסן ציוניסטישן אויפבוי.

סארנאקי, מיין טייער, קליין שטעטל סארנאקי! ווי הייס און שטארק מיר האָבן דיך געליבט! ווי נאָענט ביזטו אונדז געווען מיט דיינע צעגרינטע בוימער, מיט דיין ליפטשינער בארג, מיט דיין הויפישער גאס!

איך געדענק דיינע הארציקע, פשוטע יידן, וואָס האָבן איינער דעם אנדערן אזוי גוט געקענט, געפרייט זיך צוזאמען אויף שמחות און ארויסגעהאָלפן אין אן עת צרה. דאָס זענען דאָך געווען מענטשן מיט ווארימע יידישע הערצער, שטענדיק גרייט צו העלפן מיט א גמילות־חסד און קיינער האָט זיך נישט באריכט דערמיט. יעדער איינער איז שטאָלץ געווען ביי זיך שטיל און באשיידן. מען האָט זיך געטיילט מיט ליבע איינער מיטן צווייטן.

די יאָרן זענען שנעל אריבער און מיר זענען מיט זיי מיטגעגאנגען. אומעטום זענען מיר געווען אקטיוו, שטענדיק זענען מיר געווען שטאָלץ, געפינענדיק א גייסטיקע באפרידיקונג.

אין די שווערסטע טעג און אין די ערגסטע אומשטענדן האָבן מיר געהאָפט, אז גאָט וועט אונדז באשיצן און נישט פארלאָזן. אָבער ליידער איז עס נישט אזוי געווען. גאָט האָט נישט באשיצט און דער בטחון האָט אָפגענארט.

ווען מיר האָבן פארלאָזט אונדזערע היימען און געוואָרן פליטים, נע־ונד איבער שטעט און לענדער, ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אז מיר וועלן שוין די היים קיינמאָל מער נישט זען, אז מיר האָבן זי שוין פארלאָזט אויף אייביק, אז משפחות וועלן בלייבן אזוי עלנט, אומגליקלעך און פאריתומט!

עס זענען אומגעקומען מיינע פעטערס און מומעס מיט זייערע קינדער, וואָס האָבן ווי טויבן אויסגעשטרעקט זייערע העלדזער אונטערן חלף נאָך איידער זיי האָבן דעם טעם פון לעבן פארזוכט. עס זענען אומגעקומען מיינע קוזינען, שכנים און גוטע פריינט, מיינע בעסטע צוויי חברטעס. עס זענען שוין נישטאָ די אלע, וואָס זענען געווען אזוי נאָענט און ליב! זיי זענען ברוטאל צעטראָטן געוואָרן אונטערן נאצישן שטיוול מיט דער הילף פון די פוילישע אויסוואורפן און מיט זייער בלוט האָבן זיי אָנגעטרונקען די ערד.

סארנאקי, מיין יידיש שטעטל, ווער קען דיר דען פארגעסן!

אסתר גרונוביץ' (לבית מונצ'אז')
חיפה

הבאר שממנה שתינו

במרחק מטרים ספורים מביתנו נמצאה הבאר („דער פלומפ"). היא היתה מכוסה בקרשים בלתי מהוקצעים. באחד הקצוות ניצבה המשאבה — גוף מתכת, מעליה כיפה מחודדת, דמוית כובע, שהיתה מורכבת על ציר. לגוף זה היתה זרוע, שנסתיימה בגולה בגודל ראש של תינוק, אשר בהפעלתה עלו המים מקרקעית הבאר.

מרבית האוכלוסיה היהודית שאבה מים מאותה באר, שמקומה היה במרכז העיירה, מקום מגוריהם העיקרי של היהודים.

לא־פעם נפוצו שמועות, שגויים הטילו לחם לתוך הבארות ערב חג הפסח וכדי להיות בטוחים בכשרותם של המים באו לבאר זו, היחידה בעיירה, שהיתה מכוסה.

בקיץ היו שלוליות מים מצטברות ליד הבאר והואיל והרחובות לא היו מרוצפים, נתהווה בוץ סביב. אנו הילדים היינו משחקים כאן, בונים בתים ומגדלים, עושים עוגות־חול בעזרת כל מיני כלים, שהיינו מוצאים מהבית וכן גם היינו מדשדשים יחפים בתוך הבוץ.



בני משפחת וולפקה מונצ'אז'

עם שקיעת החמה היתה המתכת עוטה גוון ארגמן. בלילות בהירים, כאשר הירח שט לו בנחת בשמים, היה צבעה אפרפר והיתה נראית ממרחק. אך לא כן היה בלילות אפלה; אז היה צורך לגשש כדי להגיע למקום. זכורתני, לא־פעם כאשר אצלנו בבית הרגשנו, כי מישהו מגשש ליד הבאר, היינו פותחים דלת כדי להאיר ולהקל על שואב המים.

כאשר עמוד־השחר אך החל להבקיע, כבר באו גברים אל הבאר כדי להכין מים ולעזור בזה לעקרות־הבית. היו אלה יראי־שמים, שמיהרו לעבודת הבורא ואחר־כך אל עיסוקי הפרנסה. היו שבאו עם דלי אחד והיו שהביאו שני דליים תלויים על אסל. שני הסבלים ברלה וביינים היו נושאים מים אל בתיהם של אמידים.

שונה היה המצב בחורף. העיירה עטתה מעטה של שלג, גוף המתכת של הבאר התקשט בצעיף לבן ומעליו הכיפה נראתה כעין פאה נכרית. בלילות־כפור כאלה, כאשר התושבים היו מתכרבלים בשמיכותיהם, קפאה המשאבה ועם בוקר לא היתה נענית ללקוחותיה. אך האנשים ידעו את סודה. אצל אחד השכנים היו מכינים מים רותחים, שהורקו אל מתחת ל„כובע" והמיסו את הקרח. המשאבה היתה מתחממת, עורקיה מתרחבים והמים היו שוב עולים אל על בפכפוך מרנין.

בימים אלה היו המים קופאים סביב הבאר והאנשים, שהרוח הצליפה בהם, היו מהלכים בשביל כמו על חבל נטוי, כי הצבת רגל בצורה בלתי זהירה הפרה את שיווי המשקל. אולם בהתרחקם ממקום הסכנה, היו צעדיהם כמו על מרבד רך בתוך השלג. בכל־זאת היו מקרים, שאנשים החליקו על־פני הקרח, נפלו והשתטחו מלוא קומתם והמים נשפכו עליהם. היו ששברו רגל או יד. בהיותנו ילדים היו מקרים אלה משעשעים אותנו, אולם משבגרנו היתה הרגשתנו אחרת ולבנו כאב למראה כזה.

בבוא האביב היה השלג נמס ומגוף המתכת נטפו אגלי זעה, שהתנוצצו בשמש וסביב הבאר נתהווה בוץ.

בערבים, כאשר היינו חוזרים הביתה לאחר טיול, היינו מתעכבים תמיד ליד הבאר — הן לשתית מים והן כתחנה להמשך השיחה. בייחוד כשאנו, הנערים והנערות, התחלנו לטייל בצוותא, אהבנו מאד את המקום הזה. שם נרקמו חלומות נעורים. כך גנזה הבאר במעמקיה סודות כמוסים, שמעולם לא גילתה אותם.

מים רבים זרמו מאז. הבאר עודנה נמצאת באותו מקום, אולם לא היהודים שותים ממימיה. ילדי יהודים אינם משחקים בקרבתה. צעיר יהודי אינו מחליק כאן על הקרח. יד של יהודי אינה נלפתת סביב הגולה, הקפואה בחורף והלוהטת בקיץ. כעת אני מרגישה ביתר־שאת את היופי הטבעי מאז, שהפעים את לבותינו הצעירים.

אנו, החיים פה כיום, הבאר נשארה חרותה בזכרוננו. בטיילי בפעם הראשונה על שפת ימה של תל־אביב, ראיתי ילדים משחקים בחול באותם משחקים כמו ליד הבאר בעיירתנו. תמונות ימי הילדות שבו ועברו לנגד עיני והן שבו והזכירו לי את חוויות אותם הימים.

אריה טענענבוים
רמת־גן

אן אויסטערלישער גאסט

ווי א פישער, וואָס לאָזט אראָפּ זיין ווענדקע אויפצוכאפּן פון ים גאָלדענע פישעלעך, פּרוּוו איך ארויפצוטויכן פון ים פון פארגעסנהייט גאָלדענע פישעלעך־עפּיזאָדן. און ווי זיס זיי זענען, אָט יענע עפּיזאָדן, יענע געשעענישן, יענע יאָרן, וואָס זענען אוועק און וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן!

וועגן איינעם אזא עפּיזאָד וויל איך דערציילן.

★

זומער 1919, נאָכן פארענדיקן זיך פון דער גרויסער וועלט־מלחמה און פארן אָנהויב פון דעם קלענערן פּויליש־באָלשעוויסטישן קריג. איבער די פּוילישע שטעט און שטעטלעך האָבן געשטראָמט מאסן נע־ונדניקעס, אָפּגעריסענע באָרוועסע מדינה־גייער. אונדזער שטעטלדיקער בית־המדרש איז שטענדיק פול געווען מיט פארשיידענע טיפּן אָרעמע־לייט און מיר חדר־יינגלעך האָבן זיך באמיט מיט וואָס מעגלעך זיי ארויסהעלפן, צונויפשאפן א פּאָר גראָשן אָדער עפּעס עסן.

ס'איז געווען די שבועות וואָך, ווען צווישן די אָרעמע־לייט האָבן מיר, מיט אונדזער יינגלשן חוש, דערשמעקט איינעם, וואָס כאָטש אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן באָרוועס און האלב נאקעט, ווילד פארוואָקסן און מיט א שראם אויפן שטערן — האָבן מיר דאָך דערפילט אין אים עפּעס אויסטערלישעס, וואָס אונטערשיידעט אים פון אלע איבעריקע. פון פּנים, וואָס איז געווען ארומגעקרויזט מיט א ווילד־צעוואקסענער באָרד, האָבן ארויסגעשמייכלט א פּאָר יונגע, שוואַרץ־פינקלדיקע אויגן.

מיר יינגלעך האָבן זיך גאָר גיך דערוווּסט אייניקע פּרטים וועגן אָטדעם פארשוין. א יונגערמאן פון א שטעטל נעבן ווארשע, געענדיקט אין פּוילן אן אגראר־שול און אוועק נאָך פארן ערשטן וועלט־קריג קיין ארץ־ישראל, געארבעט אין ראשון־לציון אין ווייַן־קעלער. נאָכן אויסברוך פון קריג איז ער, אלס רוסישער בירגער, דעפּאָרטירט געוואָרן דורך די טערקן און פארבלאָנדזשעט ווי א קריגס־געפאנגענער קיין דייטשלאנד. ארבעטנדיק אין דייטשלאנד אין א קוילן־גרובן, איז אים אראָפּגעפאלן אויפן קאָפּ א שטיק קויל און פון דעם איז דער שראם אויפן שטערן.

★

אינגיכן האָבן זיך דערוווּסט וועגן אויסטערלישן מדינה־גייער עטלעכע אָרטיקע ציוניסטן. דעם רבס זון (וועלכער איז גאָר אינגיכן אומגעקומען פון די הענט פון די פּוילישע זעלנער), דער איינציקער דאן אין שטעטלע, וואָס האָט פריי גערעדט עברית (מיט פּתחן), איז שוין נישט אָפּגעטרעטן פון אים און כסדר געפירט מיט אים לאנגע געשפּרעכן, צו וועלכע מיר חדר־יינגלעך האָבן זיך מיט גרויס אינטערעס צוגעהערט, גאנץ ווייניק פארשטאנען, אָבער דאָך געווּסט, אז דאָ רעדט זיך וועגן ארץ־ישראל.

די ציוניסטישע יונגעלייט האָבן באשלאָסן אויסצונוצן אָטדעם ארץ־ישראל־ייד, וועלכער האָט אגב דערקלערט, אז ער רייסט זיך כסדר אויף מזרח און זיין איינציקער ציל איז צו דערגרייכן די ברעגעס פון ציון. זיי האָבן אָרגאניזירט אין שטעטל אויף מוצאי שבועות אן אָוונט פאר אן עפנטלעכן ארויסטריט פונם גאסט. ס'האָט געהייסן א דיסקוסיע־אָוונט מיט רעכט פאר קעגנער זיך ארויסצוזאָגן. מיר, יינגלעך, האָבן פיל צוגעהאָלפן ביים אָרגאניזירן דעם אָוונט.

מוצאי שבועות איז שוין דער זאל פון דער „אגודת הציונים” געווען העל באלויכטן. ס'זענען געקומען נישט דווקא ציוניסטן, נאָר אויך קעגנער. נאָכן פייערלעכן ארויסטריט פון גאסט — ווען עס איז שווער געווען צו דערקענען, ווייל אָפּגעראזירט, אָנגעטאָן אין לייטישע מלבושים, האָט עד באקומען א גאנץ אנדערן אויסזען — האָבן זיך אנטוויקלט לאנגע דיסקוסיעס, אין וועלכע עס האָבן אויך אָנטיילגענומען די שטעטלדיקע בונדיסטן, פאר וועמען ארץ־ישראל איז געווען טריף ווי פאר א פרומען יידן — חזיר. די דיסקוסיעס האָבן זיך פארצויגן ביז שפּעט נאָך האלבער נאכט און זיי וואָלטן זיך אזוי געצויגן און געצויגן ווען נישט א פּלוצלונגער אויסגעשריי: „די זשאנדארמען!”

ס׳איז אנטשטאנען א גרויסער טומל. מ׳איז געלאָפן דורך די טירן, געשפּרונגען דורך די פענצטער. אונדזער משונהדיקן גאסט, וועמען ס׳וואָלט געדראָט מיט גאנץ ערנסטע קאָנסעקווענצן, ווען מ׳וואָלט אים געכאפּט, איז געלונגען צו פארשווינדן. צומאָרגנס גאנץ פרי איז ער נעלם געוואָרן פון שטעטל, געוויס אין דער ריכטונג קיין מזרח.

דערפאר אָבער האָבן די זשאנדארמען, אונטער וועמעס אויסשליסלעכער מאכט אונדזער שטעטלע איז געווען אונטערגעוואָרפן, פארהאלטן און ארעסטירט א גרופּע ציוניסטן. ס׳איז דעמאָלט געווען די ערשטע צייט פון דער פּוילישער זעלבשטענדיקייט, די טרויעריק־בארימטע צייט פון די האלערטשיקעס, פון מעשה פּינסק, די צייט פון שניידן יידישע בערד, צומאָל מיטן פלייש. אונדזערע ציוניסטישע יונגעלייט, וועמען מ׳האָט שוין געוואָלט אָפּשיקן אין בריסקער פעסטונג, האָבן געדראָט גאנץ ערנסטע פאָלגן און אפשר דער טויט. מיט גרויס מי און שוחד איז קוים געלונגען זיי ארויסצורייסן פון די וועלפישע ציין.

●

אריה טענענבוים

מען קען נישט פארגעסן

ווען עמיצער פרעגט מיך פונוואנען איך שטאם, הויב איך אָן שטאמלען: — נו, פון שעדלעץ! ... אָדער איך זאָג: — פון סעמיאטיטש, נעבן בוג...

גיי דערצייל א מעשה, אז איך בין פון קליינטשיק טל־ומטר שטעטעלע, וואָס הייסט סארנאקי!

און דאָך איז עס געווען א שטעטעלע מיט מיט שטעטעלעך צוגלייך: מיט א שול, מיט א בית־מדרש און א מענגע חסידים־שטיבלעך; מיט א רב, א מורה־הוראה, מיט צוויי שוחטים, וואָס האָבן שטענדיק צווישן זיך געפירט א „קאלטן קריג" — א חוץ זייער הייסער און בלוטיקער מלחמה קעגן דער עופות־וועלט — אויך מיט א פּרעזעס און מיט דאָזאָרעס, וואָס אפילו דער וואָיט און דער סטאראָסטע האָבן זיך נישט איינמאָל אריינגעמישט אין זייער אויסוואל.

און איצט אזא טייערע יוגנט, צעטיילט אויף אלע פּארטייען — ככתוב, אזוי ווי עס האָט זיך געפירט אין אלע בכבודיקע פּויליש־יידישע שטעט און שטעטלעך.

קיין קהלשע קריגערייען האָבן נישט געפעלט. די לעצטע מחלוקת, וואָס האָט צעשפּאָלטן דאָס שטעטל אויף צוויי קעמפערישע מחנות, איז ארויסגערופן געוואָרן אין יאָר 1939 צוליב דער פראגע: יאָ אנטלויפן קיין סעמיאטיטש אָדער נישט אנטלויפן? יאָ אריבערגיין דעם בוג אָדער נישט?

שלעכט איז אָבער געוואָרן ווען דער צד פאר בלייבן אויפן אָרט איז געוואָרן אָנגרייפעריש און געוואָלט מיט כוח שטערן דעם צווייטן צד פארלאָזן דאָס שטעטל. צום גליק איז עס אָבער זיי, טראָץ זייער מי, נישט געלונגען. אן ערך פון א האלב שטעטל איז אנטלאָפן און אזויארום זיך געראטעוועט פון אויסזידלונג קיין טרעבלינקע. אָבער אייניקע פון די הייסע „ניין זאָגער" זענען די לעצטע מינוטן קליגער געוואָרן און שנעל אָפּגעצויגן און אזויארום זיך געראטעוועט פון די היטלערישע באנדיטן.

טייער שטעטעלע סארנאקי! ווער וועט דיך דערמאָנען, ווער וועט דיך געדענקען? צוליב דיין קליינקייט, דיין באשיידנקייט, האָסטו דאָך אפילו נישט קיין קלאָגער און קיין ריכטער! א חוץ די יידן פון ארומיקע שטעטלעך: מאָרד, לאָשיץ, סעמיאטיטש — ווייס דאָך קיין אנדערער פּוילישער ייד אפילו נישט דיין נאָמען.

דיינע עטלעכע הונדערט יידן זענען אין טרעבלינקע פארגאזט געוואָרן. דיין בית־הקברות איז פאראקערט און אין פרילינג און זומער פּאליען זיך דאָרט, אויף דער פעטער ערד, גאָלדענע ווייצן־זאנגען. דיין הילצערנע שול איז שוין פון לאנג צעריסן און צענומען, אז מען קען דאָס אָרט נישט מער דערקענען. אין דיין געמויערטן בית־המדרש וווינט איצט א וואָנסעדיקער גוי. אויף דיין מארק־פּלאץ קויפן אויף גוישע פשעקופּקעס אייער און הינער און קריסטלעכע תבואה־סוחרים האנדלען מיט קאָרן און ווייץ.

ווער־זשע דערמאָנט דיך, שטעטעלע סארנאקי, א חוץ די עטלעכע על־פּי־נס געראטעוועטע יידן, וואָס האָבן אין דיינע גרענעצן געלעבט? זיי געדענקען דיר און וועלן דיך קיינמאָל נישט פארגעסן.



הענעך זייערמאַן
קרית־נחום

דער מלמד וויל ווערן א סוחר

שבת צונאכטס, שוין טיף אין חודש חשוון. ר׳ שלמה דער דרדקי מלמד קומט אהיים פון בית־המדרש, ברומט ארויס אונטער דער נאָז א „גוט וואָך״ און מאכט הבדלה.

שלמה שפרייזט ארום אין שטוב אהין און צוריק, הערט נישט אויף צו זאָגן. אָפּגעזאָגט „המבדיל״, הויבט ער אָן „ויתן לך מטל השמים״, זאָגט און שפרייזט איבערן צימער.ביים שמאָלן טירל פון קאמער, וווּ עטקע זיצט, בלייבט ער שטיין א ווײַלע מיט א לעמפל אין דער האנט. דאָס ליכט פון לעמפל פאלט אויף עטקעס פראָפיל און ער באטראכט איר — פונקט ווי ער וואָלט איר געזען דאָס ערשטע מאָל. — וואָס פון איר איז געוואָרן! — טראכט ער. דאָס ראָזע ליכטיקע פנים, וואָס פלעגט לייכטן ווי דער עמוד־האש ביינאכט, איז איצט גרוי ווי אש; דאָס העלדזעלע דאר ווי דאָס וואלגערהעלצל; די פלייצע געבויגן — און אין גאנצן זעט זי אויס עפּעס אזוי דאר ווי א קליין קינד. ער רעדט קיין וואָרט נישט, טראכט, זוכט עפּעס א פאסיק וואָרט אָנצוהויבן דעם שמועס מיט זיין ווייב.

עטקע טראכט זיך: עס איז געווען אזא געראָטן יאָר אויף ליען, אזוי פיל לייוונט האָבן איר די גויעס אָנגעטראָגן, אז זי קען זיך גאָר קיין עצה נישט געבן. יעדע גויע ברענגט א גאנצן וואל לייוונט און וויל באלד האָבן די פארטיקע העמדער. און אלע מיטן זעלבן תירוץ: זיי האָבן א „כאסלערע״ (חתונה).

אמת טאקע, ס׳הויבט זיך ערשט אָן דער סעזאָן פון „כאסלערעס״. אלע האָבן שוין אראָפּגענומען די תבואה פון די פעלדער, און די שייערן זענען שוין פול. זיי האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָרגן, מאכן זיי „כאסלערעס״. וואָס דען, אזוי ווי ביי מיר? לאה איז שוין אונטערגעוואָקסן, שוין א שפּאָרע מויד קיין עין־הרע, קיין בייז אויג. דער קאָפּ ווערט מיר שוין צעבראָכן. איך שלאָף נישט קיין נאכט. מען דארף שוין זען עפּעס א שידוך פאר אירעטוועגן. קיין נדן איז נישטאָ. איך האָרעווע טאָג און נאכט, ביי העמדער פון זייער גראָבע לייוונט. די הענט ברעכן, די זייטן שטעכן. אין קארגעניש און וואָרגעניש האָב איך אָפּגעשפּאָרט גאנצע 40 קארבוינעס, און ביי היינטיקער צייט א ליאדע באנק־קוועטשער הייסט זיך געבן כאָטש 300 רובל נדן.

דער קאָפּ ווערט מיר צעזעצט. און דער שיינער טאטע — עס זאָל אים אָנהויבן אפילו עפּעס צו ארן. ער קנעלט גאנצע טעג מיט די קינדער דעם אלף־בית, מער ווייס דאָס נישט.

אזוי זיצט עטקע ביי דער מאשין, שטעפּט די גראָבע לייוונט, מאכט העמדער פאר גויישקע כלות און טראכט וועגן איר אייגענער טאָכטער, וואָס דארף שוין אויך באלד האָבן א חתן.

עטקע זיצט ביי דער מאשין און שטעפּט די לייוונט. זי באמערקט זיין שטיין ביים טירל, זיין אוועקזעצן זיך ביים אויוון. זי פילט אויף זיינע בליקן, עס דאכט זיך איר ווי מען וואָלט איר געשטאָכן אין פלייצע מיט אָנגעגליטע שפּיזלען. זי שטעלט אָפּ א ווײַלע די מאשין, וויל עפּעס הערן פון אים. אָבער מען הערט קיין וואָרט נישט. זי דערשרעקט זיך. די שטילקייט — דאכט זיך איר — שרייט, ליארעמט, קערט וועלטן.

— עטקע! — הערט זי פּלוצלונג אזא שטיל און צארט קול ווי א קליין קינד, וואָס בעט זיך ביי דער מאמען. ערשט איצט דרייט זי אויס דעם קאָפּ און הויבט אָן באטראכטן איר מאן שלמהן.

— עטקע! — הערט זי ווידער. שוין גענוג אויף היינט, קום אהער צום טיש. איך דארף מיט דיר עפּעס רעדן!

עטקען ווערט גוט אויפן הארצן, הערנדיק אזעלכע ליבלעכע רייד. זי רוקט זיך צו מיטן בענקל צום טישל, זעצט זיך פּונקט קעגנאיבער שלמהן, ווארפט אויף אים אירע בליקן, באטראכט אים, אזוי ווי זי זאָל אים זען דאָס ערשטע מאָל. אויפן קאָפּ אָנגעטאָן די שלאָף־יארמולקע, דער שטערן ביז ארויף צעקנייטשט, די באקן־קנאָכן סטארטשען ארויס שארף. די באָרד ארום פּנים צעקנאָדערט, אָפּגעשאָטן מיט ווייסע, מער ווי מיט שווארצע האָר.

שלמה נעמט אפּויר די הענט פון אונטער דער גאָמבע, נעמט ארויס דאָס פּושקעלע, טוט א גרויסן שמעק טאבאק און הויבט אָן מיט א טיפן קרעכץ.

— דו הערסט, עטקע! האָב איך היינטיקן חול־המועד געהאט א יאריד, זאָל גאָט שומר ומציל זיין!! אזויווי מען זאָל אָפּטאָן א כישוף. ווו איך בין ארייננעקומען — איז אלץ נישט און נישט. קוים מיט צרות צוזאמענגעזשעברעוועט 13 פויגעלעך.

— זאָג נאָר, שלמה, — איך האק דיר איבער די רייד — ווי אזוי ווייסטו דאָס ווו עס זענען דאָ די קינדערלעך פאר דיר צו געבן אין חדר? אפשר דאָרט ווו ס'איז דאָ א קינד, גייסטו נישט, און דאָרט ווו ס'איז נישטאָ — גייסטו גראָדע יאָ און דעריבער האָסטו דאָס מאָל נישט צוגעטראָפן?

שלמה טוט א שמייכל: — ס'איז טאקע, מיין ווייב, א קלוגע פראגע! דו ביזט זייער א קלוגע יידענע. אָבער שלמה איז אויך נישט קיין נאר. איך ווייס וויאזוי צו פירן דאָס געשעפט. — הער־זשע אויס מיט קאָפּ, וועל איך דיר דערציילן. דו ווייסט דאָך, אז איך דאוון שטענדיק אין קאָצקער שטיבל. איז פארוואָס פרעגסטו נישט: הלמאי פרייטיק צונאכטס גיי איך דאווענען אין בית־המדרש אריין? איז די מעשה אזוי. דו ווייסט, אז ביי וועמען עס ווערט געבוירן א יינגל אָדער א מיידל גייט מען צום שמש ר' הירש דודן, מען נעמט שיר־המעלותן, געדרוקטע אויף א שיין פּאפּיר — פון אויבן א קאפּיטל שיר־המעלות פון תהילים און פון אונטן מיט פעטע שריפט די סגולה: מכשפה לא תחיה, תחיה לא מכשפה, לא מכשפה תחיה, מכשפה תחיה לא. דאָס פארהיט פון אלע פיר זייטן די מכשפה זאָל נישט קענען אריינקומען.

מען הענגט־אויף אויף אלע טירן און פענצטער די שיר־המעלותן, אפילו אויפן קוימען אויך — דאָס איז די סגולה פאר די שדים און אלע שלעכטע רוחות ר״ל. איז אויב עס ווערט געבוירן א ייִנגל, זאָגט מען שוין אָן דעם שמש הירש דודן ער זאָל בעטן דעם גאנצן עולם אויפן שלום־זכר. פרייטיק צונאכטס, אזוי ווי מען ענדיקט נאָר דאָס דאווענען, טוט דער שמש א קלאפּ אין בעלעמער, דער עולם בלייבט שטיין אויף די ערטער; מען וויל הערן וואָס ער וועט מעלדן. הירש דוד רופט אויס: ר׳ שיע בראָנשטיין בעט דעם גאנצן עולם אויפן שלום־זכר!

אז איך דאוון אין בית־המדרש, בין איך אויך איינער פון עולם. טו איך זיך אָן נאָכן עסן די קאַפּאָטע, אויך דאָס סאַמעטענע היטל, מען דארף גיין ווי א מענטש אָנגעטאָן, מען זאָל האָבן אביסל דרך־ארץ פאר מיר. איך קום אריין אויפן שלום־זכר צו ר׳ שיען. — מזל טוב, ר׳ שיע! — זאָג איך אים. ר׳ שיע ענטפערט מיר: מיט מזל זאָלט איר לעבן! איך זעץ מיר א נידער ביים טיש. אויפן טיש איז אָנגעשטעלט טעלערס מיט געזאָטענע ארבעס און קערעלעך, אז עס צוגייט אין מויל. מען דערלאנגט דעם עולם גלעזער ביר, מחיה נפשות. דערנאָך דערלאנגט מען יעדן א טעלער קאָמפּאָט פון געטריקנטע בארנעס מיט פלוימען און ראָזשינקעס, ממש טעם גן־עדן — זאָג איך דיר.

די חדר־קינדער לייענען אָפּ די קריאת־שמע און מען בענטשט אָפּ. גיי איך צו צום בעל־שמחה און ווינטש אים „מזל־טוב" און דאנק אים, און טו אים כלאחר־יד א פרעג: — ווען וועט זיין מיט מזל דער ברית? — מיטוואָך — ענטפערט ער מיר. — זאָל זיין מיט מזל! — זאָג איך; איך וועל איה״ש קומען אויפן ברית. — א גוטן שבת, א גוט יאָר! — ענטפערט ער מיר.

איך דערוואַרט שוין קוים ביז מיטוואָך. גאנץ פרי גיי איך מיר גלייך אין בית־המדרש אריין, איך טו אָן טלית און תפילין, זעץ מיר אוועק ביים טיש און דאוון מיר אָפּ „פון פאַרנט", איך זאָל זיין גרייט יעדע מינוט צושטעלן זיך דאווענען גלייך מיטן מנין פון ברית. איך מיש זיך אויס מיטן עולם און איידער וואָס — ווען אברהם יענקל זינגט שוין „וכרות עמו הברית", מען שטייט שוין שמונה־עשרה. דער עולם יאָגט און איילט זיך, איך ווייס נישט וואָס די איילעניש אויף זיי, אזוי ווי זיי וואָלטן שוין 3 טעג נישט געגעסן.

מיר קומען אריין אין שטוב. די טישן שטייען גרייט, מען עסט, מען טרינקט, אזא שפע, איך זאָג דיר, אז מיט נסים האָב איך זיך קוים דערוואַרט אויפן בענטשן. נאָכן בענטשן שטעלן זיך שוין אלע אויף. דו מיינסט זיי גייען שוין אוועק, ניין, זיי הויבן ערשט אָן צו טאנצן. איך קען שוין מער נישט אויסהאלטן. איך גיי צו צו שיען, זאָג אים: א גוטן טאָג, ר׳ שיע, איר זאָלט אים אויפהאָדעווען אין נחת און אין פריידן, ער זאָל אויפוואקסן א געזונטער בחור און א ווױלער ייד! איה״ש, אין גיכן וועל איך קומען נעמען אים אין חדר אריין! — הלוואי, — זאָגט ער — א גוטן טאָג, א גוט יאָר! איך בין קוים ארויס מיטן לעבן.

אזויווי איך קום נאָר אהיים, נאָך איידער איך טו אויס די קאַפּאָטע, נעם איך ארויס מיין קאַיעט און פארשרייב: תרנ״ד, פרשת נח, לר׳ שיע ומלכה בראָנשטיין נולד בן, ונקרא שמו בישראל קאָפּל יחיה. ערשט פארשטייסטו שוין פון וואנען איך ווייס ווו צו גיין. איז אז עס קומט חול־המועד פסח און סוכות, נעם איך ארויס מיין

קאיעט און נעם א פּאפּיר און שרייב ארויס אלע קינדער פון יאָר תרנ״ד און אויך פון תרנ״ג. היינט האָבן מיר שוין תרנ״ח, הייסט עס, אז די קינדער זענען שוין אלט 4 יאָר און אנדערע שוין 5 יאָר, ביז הונדערט און צוואנציק. אזוי גיי איך ארום מיט דער ליסטע צו אלע קינדער, איז ביז חול־המועד האָט דער אויבערשטער געהאָלפן, אמאָל האָב איך געהאט 24 קינדער, אמאָל עפּעס מער, איך האָב נישט געהאט קיין תרעומות צום רבונו־של־עולם.

אָבער היינט, מען זאָל באהיט און באשירעמט ווערן, אזויווי מען זאָל אָפּטאָן א כישוף: 13 קינדער, דאָס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן. זאָג אליין, קען מען אויסקומען מיט די פּאָר גילדן פון 13 קינדער?

— איז וואָס־זשע קען מען טאָן? — פרעגט זיין ווייב עטקע.

— טאָ ווארט, לאָז מיר רעדן. די גאנצע פּאָר וואָכן פון נאָך סוכות אָן גיי איך ארום צעבראָכן און צושטאָכן. איך שלאָף נישט גאנצע נעכט, איך שלאָג מיר מיט דער דעה. איך וויל אוועקווארפן אין גאנצן דאָס מלמדות. וואָס׳י, דאָס גאנצע שטעטל קען לעבן אָן מלמדות, וועל איך מיט גאָטס הילף אויך לעבן.

— האָב נישט פאראיבל, שלמה, וואָס איך שלאָג דיר איבער די רייד. וואָס איז געשען וואָס פּונקט דאָס יאָר האָסטו נישט געקענט צוזאמענשטעלן קיין מלמדות? זענען מיט 4 יאָר צוריק נישט געבוירן געוואָרן קיין יינגלעך אָדער איז עפּעס אנדערש געשען? עס מוז דאָך עפּעס זיין א סיבה וואָס פּונקט דאָס מאָל האָט מען דיר נישט געוואָלט געבן קיין קינדער.

— עטקע, דו האקסט מיר אלע מאָל איבער די רייד און איך ווייס נישט ווו איך האלט אין דער וועלט. דו פרעגסט מיר, צי זענען יענץ יאָר נישט געבוירן געוואָרן קיין יינגלעך, קען איך דיר זאָגן, אז אין מיין צעטל איז פארשריבן, אז אין יענע צוויי יאָר זענען געבוירן געוואָרן 67 יינגלעך, געשטאָרבן פון זיי זענען 12, איז געבליבן א קיימא לן פון 55 יינגלעך.

— איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אז דו ביזט אזא חכם. איך האָב גאָרנישט געוווּסט ווּעמען איך פארמאָג. אפילו פון די פארשטאָרבענע ווייס ער אויך.

— נארעלע, מען דארף נישט זיין אזא גרויסער חכם. פּראָסט־פּשוט, אלע ערב פּסח און ערב סוכּות גיי איך אריין צום רב. ביים רב איז פארשריבן ווער עס ווערט געבוירן און ווער עס שטארבט. נעם איך די אלע געשטאָרבענע און מעק אויס ביי מיר אין צעטל. וועסטו פרעגן: פארוואָס דארף מיר דאָ דער רב העלפן? ווייל דער רב וויל ביי מיר וויסן גענוי ווער עס איז געבוירן געוואָרן, ווייל א סך יידן ווילן נישט גיין צום רב איינשרייבן די קינדער. דער רב נעמט איינשרייב־געלט א גילדן פאר א יינגל און א האלבן גילדן פאר א מיידל. דערפאר לייענט ער מיר אויס דעם צעטל פון די געשטאָרבענע קינדער, און איך לייען אים פאָר די געבוירענע קינדער. די געשטאָרבענע מוז מען קומען צום רב אויסשרייבן, אויב נישט — קען מען זיי נישט מקבר זיין. ערשט ווייסטו שוין, אז איך בין נישט קיין נאר, איך ווייס זיך ווו צו קערן און ווו צו ווענדן. אָבער דאָס מאָל האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן מיין קלוגשאפט, אז ווו איך האָב זיך געקערט און געווענדט — נישט און נישט.

איך וועל עס מאכן בקיצור. זאָלסט וויסן, אז איך האָב באשלאָסן איין מאָל פאר אלע מאָל, אז ס׳האָט אזוי געקענט זיין, ווארף איך אוועק דאָס מלמדות און

איך ווער א סוחר פון תבואה. דעם דינסטיק בין איך עקסטרע ארויסגעגאנגען באקוקן דעם יאריד, זען וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט, וויאזוי מענטשן האנדלען.

שלמה נעמט נאָך אמאָל א שמעק טאבאק און הויבט אָן געלאסן: — אז־יווי איך גיי נאָר ארויס פון אונדזער געסעלע, איך טו א קוק, דער גאנצער מארק איז פארשטעלט מיט וועגענער און טישלעך, איך האָב שוין נישט ווי צו גיין. בין איך מיר מיישב, אז שטענדיק דארף מען גיין רעכטס, נישט לינקס. איך גיי אביסל ווייטער און איך פארנעם זיך רעכטס. ס׳איז טאקע דאָ א שטיקל וועג דורכצוגיין.

דאָ שטייט א גאנצע שורה מיט טישלעך, צוגערוקט איינס צום אנדערן, אויף יעדן טישל אָנגעלייגט בערגער חזיר־פלייש. איבער יעדן טישל גייט אזוי איינגעארבעט א שטעקן, אָנגעהאָנגען פול מיט חזיר־קישקעס. טראכט איך אָפּ אין זינען דעם פסוק „שקץ תשקצנו ותתעב תתעבנו" און שפּיי אויס דריי מאָל אין דער פאטשיילע אריין, קיין גוי זאָל חלילה נישט באמערקן.

איך גיי אראָפּ ווייטער. ערשט מוז איך מיר שוין פארנעמען לינקס, איך וועל דאָך נישט גיין צום קלויסטער. גרינג אָפּצורעדן: איך גיי. מען קען דען אדורכגיין? עס איז אָנגעשטעלט פול מיט וועגענער, די פערד אויסגעשפּאנט, שטייען מיט די קעפּ צוגעבונדן צום וואָגן. איך קריך ארום צווישן די וועגענער און צווישן די פערד. עס נעמט מיר שוין אָן א פּחד. איך זע נישט קיין איין ייד, נאָר גויעס מיט גויים. קוים מיט צרות געלינגט מיר זיך אדורכרייסן אביסל ווייטער.

זע איך שוין ווי עס דרייען זיך צווישן די וועגענער שמעון מאַנטשער, לאָזערקע און נאָך עטלעכע יידן פרעמדע, וואָס איך קען נישט. זיי טאפּן די זעקלעך וואָס אויף די וועגענער, רעדן מיט די גויים. לאָזערקע האלט א גאנצן גארשטש מיט געלט און ציילט אריין דעם גוי אין האנט אריין. שמעון מאַנטשער שטופּט אונטער א פולן וואָגן מיט תבואה, העלפט דעם גוי זיך ארויסרייסן פון צווישן די וועגענער. איך בלייב נישט שטיין און גיי מיר נאָכן וואָגן און איך שטיי שוין טאקע נעבן שמעון מאַנטשערס שטוב. דער גוי פאָרט אריין צו שמעונען אין הויף און איך גיי מיר ווייטער לינקס.

דאָ איז שוין אביסל לויזער, מען קען כאָטש אדורכגיין. אין דער גאנצער ברייט, ביז די קראָמען, איז אָנגעשטעלט מיט שעפּסלעך און נאָך אנדערע זאכן אויף די וועגענער. אָטאָ שטייט א גוי מיט א פור קרויט, שטייען די ווייבער מיט זעקלעך און קלויבן הייפּטן קרויט און לייגן אין די זעקלעך אריין.

איך גיי ווייטער. עס איז אָנגעשטעלט מיט בהמות. גויים מיט גויעס טאפּן די אָקסן, מעלקן די קי. אלע מאָל א געשריי פון א קו, א ריטשע פון אן אָקס. איך דערשרעק מיר און גיי ווייטער. דאָ טו איך א קוק, טראכט איך מיר: ארויס פון איין סכנה, אריין נאָך אין א גרעסערער סכנה. די גאנצע גאס ביז ארויף איז אָנגעשטעלט מיט פערד. עס דרייען זיך קאָניוכעס מיט גויים, מען פּאטשט זיך אין די הענט, מען שרייט און מען ליארעמט. אָריש האלט א פערד ביי א שטריקל צוגעטשעפּעט ביי דער מאָרדע, שרייט און שלעפּט עס. אָבער דאָס פערדל איילט זיך נישט. משהלע פון יענער זייט הויבט אויף די בייטש און שמייסט אין הינטן אריין. אָריש מיטן פערדל הויבן אָן צו לויפן, גלייך אויף מיר ארויף. איך טו א געשריי „שמע ישראל" און לויף מיטן גאנצן כוח באלכסון. איך זעץ מיר אנידער

אויפן פלומפ, אָפּגעראַטעוועט זיך קוים מיטן לעבן. שבת, איה״ש, וועל איך שוין בענטשן גומל. א נס מן השמים — זאָג איך דיר.

אָבער איך בין נאָך נישט פארטיק. טראַכט איך מיר: וויאַזוי קומט מען ערשט אהיים, אז ס'איז פארשטעלט ארום און ארום? איז דאָך אָבער גאָט א גרויסער פאָטער. איך הויב אויף די אויגן און טו א קוק: אלטער גייט, טאקע אונדזער אלטער. — אלטער — זאָג איך — וואָס דרייסטו זיך דאָ ארום? — איך באקוק דעם יאריד — זאָגט ער. — לאָז מיר שוין אָפּ דעם יאריד, קום, לאָמיר שוין גיין אהיים, איך בין שוין שיער נישט געניזוקט געוואָרן, קוים מיטן לעבן אנטלאָפן פון אַרישס פערדל.

ערשט נעם איך אלטערן און גיי שוין אביסל זיכערער. נעבן מירטשען שטייען פורן, נעבן די פורן הויכע קאָזלעס, באהאָנגען מיט סאמע נייע שטיוול און הויכע ווייבערישע שיך און קינדערישע שיכעלעך. די גאנצע לענג ביז לאָזערקען אָנגעפּאַקט מיט שיך און שטיוול. גויים און גויעס האלטן אין איין מעסטן. דאָס זעלבע נעבן הירשל נחומס. עס שטייען אָנגעשטעלט ביידלעך גאנצע אזויווי קראָמען. אינעווייניק אָנגעהאָנגען מיט אַנטועכץ, אלץ ווארעמע זאכן, גראָבע מארינארקעס, וואטענע פאלטנס, הויזן גראָבע ווי די ברעטער. אפילו בורקעס און פּעלצלעך זענען אויך דאָ.

אלטער שלעפּט מיר ווייטער. ער ווייזט מיר, אז דאָרט שטייט א גוי מיט א טישל, אָנגעלייגט א גאנצער בארג מיט געוויקלטע צוקערקעס. אויפן טישל שטייט אזא געשטעל, א קיילעכדיק רעדל אָנגעשריבן מיט ציפערן, אויפן רעדל שטייט א קאטשקע, האלט א געגנדזענע פּען אין מויל און די שקצים צאָלן איין א צוויייער און טוען א דריי די קאטשקע; אויף וועלכן נומער די קאטשקע שטעלט זיך אָפּ — אזוי פיל צוקערקעס באקומען זיי. אלטער שלעפּט מיר: — קום זען די קאטשקע! — אז איך קוק אויף דיר, דארף איך שוין נישט קיין אנדערע קאטשקעס. מיר שטייען דאָך שוין נעבן שטוב, קום! און איך בין שוין אין שטוב.

מענטשן האנדלען־וואנדלען מיט ליימענע טעפּ, מיט אייזערנע רעשעטעס, מיט כלעבנעם קוואס, מיט תבואה, מיט אלץ אין דער וועלט און האָבן, ב״ה, פרנסה. נאָר איך מוז זיצן גאנצע טעג און נעכט און קנעלן דעם אלף־בית, און פרנסה ווייסטו דאָך ווי איך האָב.

ס'איז טאקע נישט אין גאנצן נאָר פרנסה, ס'איז טאקע דאָ אין דעם עפּעס א הייליקייט, אָן עבודת הבורא. ביי מיר אין חדר הויבט ערשט אָן דאָס קינד ווערן א ייד. ווען א ייד לערנט די תורה און ווייס אלע זאכן וואָס א ייד דארף טאָן און וואָס ער דארף נישט טאָן, ווען ער ווייס וואָס יידן האָבן אדורכגעמאכט די גאנצע צייט, זייערע פריידן אוןליידן, מעג ער אפילו נישט מקיים זיין אלע מצוות, אָבער ווען ער ווייס אלצדינג, קען זיין אז ער וועט אמאָל מקיים זיין; ווען אפילו נישט, איז ער אויך א ייד. אָבער ווען ער לערנט נישט קיין תורה און ער ווייס נישט פון די ליידן און פריידן, מיט וואָס איז אזא איינער א ייד?

דאָס איז א הייליקע ארבעט ביי מיר. איך טו און גאָט דארף מיר העלפן. אָבער אז איך זע, אז גאָט אליין וויל מיר נישט העלפן אז איך זאָל האָבן פרנסה און דער עיקר קענען חתונה מאכן לאהן, מוז איך שוין אוועקלייגן די ארבעט ווי טייער זי זאָל מיר נישט זיין און מוז ווערן א סוחר. אלע מענטשן האָב איך געזען אויפן יאריד האנדלען און האָבן פרנסה, וועל איך אויך, איה״ש, האָבן פרנסה. איך וועל מאכן

א פּאָר הונדערט קערבלעך, געבן א נדן און חתונה מאכן לאהן. דו וועסט מיר געבן די 40 קערבלעך, וואָס דו האָסט אָפּגעשפּאָרט און, איה״ש, דינסטיק, אין א מזלדיקן טאָג, וועל איך ארויסגיין אין גאס און קויפן תבואה גלייך מיט אלע סוחרים. ערשט פארשטייסטו שוין וואָס איך האָב געוואָלט רעדן מיט דיר?

זאָלסט צוגרייטן דאָס געלט, גוט איינוויקלען. איך וועל עס אריינלייגן אָט דאָ אין דער כאָלעווע. האָב קיין מורא נישט, קיינער וועט עס ביי מיר נישט ארויסנעמען און איך וועל עס חלילה נישט פארלירן. איך ווייס וויאזוי צו האלטן געלט, בפרט נאָך אזא געלט, וואָס דו האָסט אויף דעם געהאָרעוועט גאנצע טעג און נעכט. זאָלסט גאָרנישט מורא האָבן. אלזאָ איצט דאַרף מען שוין גיין שלאָפן, ס׳איז שוין שפּעט.

— דו האָסט שוין אלעס אָפּגערעדט, לאָז מיר אויך עפּעס זאָגן!

— זאָג, זאָג, ווער לאָזט דיר נישט?

— ערשטנס האָב איך שוין נישט קיין 40 רובל. דו ווייסט נישט, אז אשר איז דאָ געווען, אראָפּגעקומען פון לאָדזש אויסגעפּוצט ווי א פּראַנט, א גאנצער „טעלעגענט״. — מאמע — זאָגט ער — דו מוזט מיר ארויסהעלפן, אז נישט קומט מיר אויס צו ליגן אויף דער גאס. דאָרט איז נישט דאָ, אז מען צאָלט נישט קיין דירה־געלט, קומט אריין דער ווירט מיטן סטרוזש און ווארפט ארויס די בעטלעך אָן טענות ומענות; דו קענסט שרייען „חי וקיים״, עס העלפט גאָרנישט. איך בין שוין שולדיק פאר דריי חדשים דירה־געלט. איך האָב קוים מיט צרות געפּועלט ביי אים ער זאָל אונטערוואַרטן ביז א וואָך נאָך סוכות. איך האָב אים געזאָגט, אז איך פאָר קיין סארנאקי צו די עלטערן און איך וועל אים ברענגען געלט. נאָך א נס וואָס ער האָט זיך געלאָזט איינרעדן. אלזאָ, מוזטו מיר געבן — זאָגט ער — 10 רובל, אז נישט בלייב איך אָן א דירה. ער הייסט זיך געבן 3 קארבן א חודש. האָסט א ברירה? ס׳איז דאָך לאָדזש. איך גיי ארום אין די גבירישע הייזער און גיב זייערע קינדער לעקציעס אין יידיש, העברעאיש. מוז איך אריינקומען לייטיש אָנגעטאָן, אז נישט וועט מען מיר נישט ארײנלאָזן איבער דער שוועל. איז אלץ גוט און פיין, אָבער דירה־געלט האָב איך נישט צו באצאָלן. דו מוזט מיר, מאמע, איצט ארויסהעלפן. איך וועל נישט קענען צוקוקן אז מיין פרוי און קינדער זאָלן ליגן אין גאס. איך וועל מיר אָנטאָן א לעבעדיקע מעשה. הערסט, מאמע? — — —

נו, ווי האָב איך געקענט צולאָזן צו אזא זאך? האָב איך ארויסגענומען 10 רובל און אים געגעבן. איך בין א מאמע, צי ניין? זעסטו, אז ס׳איז שוין נישטאָ קיין 40 רובל ווי דו האָסט געמיינט!

דינסטיק גאנץ פרי טוט זיך שלמה אָן וואָכעדיק. ער גייט צו צו דער מאשין ווו עטקע זיצט און נייט. — עטקע — זאָגט ער — היינט איז שוין דינסטיק, א מזלדיקער טאָג, גיב שוין די עטלעכע קערבלעך, לאָמיר שוין ארויסגיין האנדלען אין א מזלדיקער שעה.

עטקע האָט נישט קיין גרויסן חשק און האָט אויך נישט קיין צוטרוי צו זיין האנדל. אָבער נאָך אלעמען וואָס זי האָט געהערט האָט זי נישט קיין ברירה. זי טוט א טיפן קרעכץ און שלעפּט ארויס פון זאק א שמאטקע, בינדט אויף און ציילט אויס 30 קארבן. זי זוכט אויס א שטיק גראָבע נייע לייוונט, ציילט נאָך א מאָל אין לייוונט אריין, שלמהן אין די אויגן, די 30 קערבלעך, פארבינדט און דערלאנגענדיק אים,

זאָגט זי: — הערסט, שלמה, דאָס איז מיין גאַנץ פאַרמעגן, מיין האָרעוואַניע פון 40 יאָר. דאָ ליגט מיין צעבראָכענע פלייצע. דאָ ליגט מיין צעקנייטשטער פּנים און דאָ ליגט אויך מיין האָפנונג, די האָפנונג צו קענען לייטיש חתונה מאַכן לאהן. דו זאָלסט פילעווען דאָס געלט ווי דיינע אויגן און איך ווינטש דיר דו זאָלסט האָבן הצלחה און פאַרדינען א סך געלט. — אָמן! — זאָגט שלמה, נעמט דאָס געלט און עטקען אין די אויגן רוקט ער עס אריין אין דער רעכטער זייט כאָלעווע פון לינקן שטיוול און גייט ארויס אין גאַס.

ער דרייט זיך ארום אין גאַס און זעט גאָרנישט. ליידיק, פּוסט, נישטאָ קיין איין פור תבואה. ער זעט אפילו נישט קיין איין גוי פאַר די אויגן. ער דרייט זיך ארום אין אַלע עקן שטעטל. יאָ, ער זעט שוין. פון ליפּטשענער וועג פאָרט א פור אָנגעלאָדן מיט זעק. ער לויפט שוין אנטקעגן, שטעלט אָפּ דעם גוי און פרעגט אים:
— וואָס האָסטו צו פאַרקויפן? ער טוט א טאַפּ דעם זאַק און דער גוי זאָגט אים:
— קאָרן האָב איך. — וויפל ווילסטו פאַר א זאַק? דער גוי זאָגט: — דריי רובל. ער בלייבט שטיין, ווייס נישט וואָס מען טוט. זאָגט ער צום גוי: — וואַרט א רגע. איך לויף נאָר צו עטקען א פרעג טאָן, קום איך באַלד ארויס.

ער לויפט שנעל צו עטקען, דערציילט איר וואָס דער גוי האָט און וויפל ער פאַרלאַנגט. עטקע הייסט אים גיין גיכער און קויפן. — ס'א מציאה — זאָגט זי. ער לויפט שוין אביסל גיכער צום גוי, ער'ט באַלד קויפן און פאַרדינען געלט — טראַכט ער. אָבער ביז ער קומט־צו צו דער פור, זעט ער שוין ווי לאָזערקע זיצט אויפן וואָגן און דער גוי פאָרט שוין צו אים אין שפּייכלער. טראַכט זיך שלמה: נו, מילא, האָט יענער איין מאָל געכאַפּט א מציאה. ערשט ווייס ער שוין, ער וועט שוין ערשט נישט אָפּלאָזן. זאָל נאָר א גוי ארויסברענגען א פור קאָרן, נעמט ער זי באַלד צו.

דרייט ער זיך שוין ארום אין מאַרק זיכער, — זאָל מען נאָר עפּעס דערזען. און אָט דערזעט ער שוין פאָרן אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט זעק פון מערוויטש. ער גייט צו און פרעגט גלייך: — וויפל ווילסטו פאַר א זעקל? ער פרעגט שוין נישט וואָס ער האָט אין די זעקלעך. דער גוי זאָגט: — פיר מיט א האַלבן רובל. — הא?
— פאַרוווּנדערט זיך שלמה. נאָר־וואָס האָט מען געקויפט פאַר 3 רובל א זעקל.

— וואָס הייסט? — שרייט דער גוי. דאָס איז ריינע ווייץ ווי גאָלד! דערהערט ווייץ, ווערט ער שטיל און פאַרגאַפט. וואָס טוט מען? זאָגט ער דעם גוי:
— וואַרט צו איין מינוט, זאָלסט קיינעם נישט פאַרקויפן, איך קום שוין צוריק, איך גיי נאָר צו צו עטקען. ער קומט צו צום שטוב, עפנט די טיר, ער גייט שוין נישט אריין. ביי דער טיר דערציילט ער איר, אַז פריער די פור קאָרן האָט לאָזערקע צוגענומען, און ערשט וויל מען פאַר ווייץ, ווי גאָלד, פיר מיט א האַלבן רובל. עטקע הייסט קויפן.

אָבער גייענדיק צו דער פור, זעט ער שוין ווי שמעון מאָנטשער מיטן גוי שלעפּן אראָפּ די זעק פון וואָגן אין שטוב אריין. נו, ערשט ווייס איך שוין אַלעס: קאָרן, ווייץ, וואָס עס וועט זיך נאָר מאַכן וועל איך שוין קויפן. און טאַקע באַלד זעט ער א פור פאָרט פון רעווישיק. ער גייט שוין אויפן גרייטן מקח. אָבער באַלד הערט ער פון גוי, אַז ער האָט האָבער אויפן וואָגן, 6 זעק האָבער. — א וויסטער

חלום זאָל אויסגיין צו זיין קאָפּ, צו זיינע הענט און פיס — טראַכט ער. איך האָב אפילו נישט וואָס צו פרעגן עטקען. מילא, פון קאָרן מאַכט מען ברויט, פון ווייץ — חלות, אָבער ווער וועט קויפן האָבער? גדליה פלוסקעווער מאַכט גריץ, קויפט ער 10 פונט האָבער, האָט ער עס אויף א גאַנצן ווינטער.

פונדעסטוועגן גייט ער אהיים, ער וועט דערציילן עטקען אויף טשעקאַוועס. עטקע הייסט אים זיך זעצן. — רו זיך אביסל אָפּ, וועל איך דיר דערציילן ווער עס קויפט האָבער. ביי אונדז אין שטעטל געפינען זיך דאָך א זיבן בעלי־עגלות, וואָס האָבן פערד, און פערד מוז מען געבן צו פרעסן האָבער. גיי ברענג נאָר אריין א פורל האָבער, וועסטו זען מען וועט עס דיר צוכאַפּן ווי מצה־וואַסער.

שלמה גייט ארויס אין גאַס, ערשט ווייס ער דאָך שוין אַלעס: קאָרן, ווייץ, האָבער. וואָס עס וועט זיך מאַכן — קויפט ער שוין. ער דרייט זיך ארום אין אַלע זייטן, קוקט און אָט זעט ער טאַקע פאָרן א פור מיט זעק פון גריבעוועֶ. דאָ איז ער שוין זיכער, אז ס׳איז זיין פור. קיין שום אנדערע סוחרים זעט ער דאָ נישט, ער טוט געלאַסן א פרעג דעם גוי: — וואָס האָסטו צו פאַרקויפן? — גערשטן — זאָגט דער גוי. טוט ער א שפּיי און גייט אַוועק. — אַלע וויסטע חלומות זאָלן אויסגיין צו אים. נא דיר גאָר גערשטן אויף זיין קאָפּ! ביז אצינדערט איז נאָך געווען אברהם טשעמעניקער, האָט ער א מילכל ביי משה אהרנען אין שטאָל, מאַכט ער שוואַרצע רעטשענע קאַשע, פּערל קאַשע און גערשטענע קאַשע. האָט מען נאָך געקענט ביי אים לייזן פאַר א זעקל גערשטן. איך האָב זיי שוין אַלעמען אין דר׳ערד מיט זייער האַנדל. איך וויל שוין אפילו נישט גיין צו עטקען. ס׳איז מיר שוין א חרפּה און א בושה.

ער קומט אריין אין שטוב, זעצט זיך אנידער אויפן בענקל. רעדט גאָרנישט. עטקע מאַכט זיך נישט וויסנדיק און זאָגט: — וואָס זיך צום עסן, איך גיי אָנוואַרעמען די גריץ. האָסט דאָך א גאַנצן טאָג גאָרנישט געגעסן. — ס׳איז שוין נישט ווייט צו נאַכט, איך וועל שוין גיין פרי אין בית־המדרש אריין דאַווענען מנחה ומעריב, וועל איך כאָטש האָבן אריינגעכאַפּט א תענית.

עטקע איז שוין אין כּעס: — גיי שוין פון מיינעט וועגן ווּ דו ווילסט און דריי מיר נישט דעם קאָפּ! גיב שוין אהער דאָס געלט און גיי ווּ דו ווילסט.

שלמה שטעקט אריין די האַנט אין לינקן שטיוול, טאַפּט און טאַפּט, די הענט הויבן אים אָן צו ציטערן. ער שלעפּט ארויס די נאָגעוויצעס, ער זעט גאָרנישט. עטקע לויפט שוין צו מיט א געוואַלט: — ווּ איז דאָס געלט? ער קען נישט ענטפערן. זי רייסט אים אַראָפּ די שטיוול, שאָקלט און שאָקלט, — נישטאָ. זי קערט איבער די שטיוול מיט די מיילער אַראָפּ, שאָקלט פעסט איין מאָל, נאָך אַמאָל, — נישטאָ. זי הויבט זיך אָן רייסן ביי די האָר: — ווייי איז מיר, ווינד איז מיר! מיין גאַנץ פאַרמעגן, מיין גאַנץ לעבן!

שלמה לויפט ארויס אין גאַס, נישטערט אין אַלע ווינקעלעך פון מאַרק. דאָ לויפט ער, דאָ גייט ער געלאַסן, דער קאָפּ אראָפּגעלאָזט צו דער ערד און זוכט. ווּ ער זעט עפּעס אביסל העכער זאַמד, שאַרט ער מיטן פוס, גייט, קרעכצט און זוכט. דערווייל כאַפּט ער זיך, אז אין דרויסן איז שוין טונקל: אוי, ער וועט נאָך פאַרשפּעטיקן א מנחה אויך.

לויפט ער אין בית־המדרש אריין. ער זאָגט שוין נישט קיין „אשרי״, ס׳איז שוין שפּעט, און שטעלט זיך גלייך „שמונה־עשרה״. ער מאַלט די ווערטער, ער פּילט נישט וואָס ער זאָגט. אין דעם דערהערט ער א קלאַפּ אין בעלעמער. הירש דוד דער שמש רופט אויס: — איך בין מודיע דעם עולם, ווער עס האָט היינט אָנגעוווירן געלט זאָל אריינגיין צום רב און אָנגעבן סימנים, וועט ער קענען אָפּנעמען זיין אבידה.

שלמה טוט שוין אויף גיך א מאָל צו דאָס רעשט „שמונה־עשרה״, לויפט אוועק צום רב. — רבי, איר האָט מיין געלט!!

דער רב קוקט אים אָן: — וואָס הייסט איך האָב דיין געלט?

— הערש דוד האָט ערשט אויסגערופן אויפן בעלעמער — — —

— הא, פארשטייט שוין דער רב. דו האָסט היינט אָנגעוווירן געלט.

— א ודאי האָב איך היינט אָנגעוווירן, עטקעס גאַנץ פּארמעגן.

— וויפל געלט? — פרעגט דער רב.

— דרייסיק רובל.

— וועלכע געלט?

שלמה טוט א טראַכט אביסל: — פיר קנאַקעדיקע פינפערס — איז שוין וויפל? — צוואַנציק; איין דרייערל — איז שוין דריי און צוואַנציק; און זיבן איינציקע רובל — איז נישט דרייסיק.

— יאָ, — זאָגט דער רב. אין וואָס איז געלעגן דאָס געלט?

— אין א נייע שטיק לייוונט, וואָס עטקע נייט פאר די דאָרפישע גויעס.

— ריכטיק, נא האָסטו דאָס געלט.

שלמה כאַפּט דאָס געלט: — איך וואָלט גאָר וועלן וויסן ווער עס האָט געפונען און פארדינט אזא גרויסע מצווה, די גאַנצע עולם הבא.

— אָט זיצט א ייד.

שלמה טוט אים א קוק אין פּנים. הא, ס׳איז דאָך וואָלפקע מרימס. יש קונה עולמו בשעה אחת. — וואָלפקע, דו האָסט זיך אין איין מינוט איינגעקויפט די גאַנצע עולם הבא.

דער רב טוט א זאָג: — וואָלפקע האָט זיך טאַקע איינגעקויפט עולם הבא. אָבער דו, ווייס נאָך אמאָל וויאזוי צו האַלטן געלט. וואָס וואָלט געווען ווען עס געפינט עס א גוי? האָסט גליק וואָס וואָלפקע האָט געפונען!

שלמה לויפט גיך אהיים.

דניאל פייערשטיין
מושב לימן

דער גרויסער יאריד

דער גרויסער יאריד, וואָס פלעגט פּאַרקומען יאָר־יערלעך אין הארבסטצייט אין סאַרנאַקי, איז נישט געווען נאָך איין יארידל צו די, וואָס פלעגן פּאַרקומען וועכנטלעך אין שטעטל מיט א גרעסערן אָדער קלענערן דערפּאָלג.

דער גרויסער יאריד איז געווען א געשעעניש אין לעבן פון שטעטל און פון דער גאַנצער ארומיקער סביבה. טויזנטער מענטשן, סוחרים און פּויערים, פלעגן זיך צונויפפאָרן פון שטעט און שטעטלעך און פון די דערפער קיין סאַרנאַקי. דאָס גאַנצע שטעטל האָט דעמאָלט מיט זיך פאַרגעשטעלט איין גרויסן מענטשן־מוראַשניק. פאַר די איינוווינער, יידן און נישט יידן, האָט דער יאריד געהאַט א גרויסע עקאָנאָמישע באַדייטונג.

★

ס׳איז הארבסט (די פּאָליאַקן האָבן געהאַלטן די דאָזיקע צייט פאַר דער שענסטער אין יאָר און זי גערופן: „פּוילישער גאָלדענער הארבסט״). די זוניקע טעג האָבן פאַרלוירן זייער שאַרפקייט. די זון האָט נאָך געשיינט, אָבער נישט געבריט; די טעמפּעראַטור איז געוואָרן מילדער.

די הארבסטיקע ווינטן האָבן אַראָפּגעשאָקלט די געלע בלעטער פון די צווייגן. די אָוונטן זענען געוואָרן קילער און די מענטשן האָבן זיך שוין געגרייטקט אין וואַרעמע קליידער. די פעלדער זענען באַדעקט געוואָרן מיט געלע פליכעס נאָך די אָפּגעשניטענע תבואות, וועלכע זענען שוין געלעגן געבונדענע אין סנאָפּעס, אין די פּויערישע שייערן, אָדער אין גרויסע סטירדעס. ווו נישט ווו האָבן זיך נאָך געזען גרינע פּאַסן פון נאָך־נישט אויסגעקאָפּעטע קאַרטאָפל אויף די פעלדער; אין די טאָלן, נאָענט פון די טייכן און וואַסער־קוואַלן, האָבן זיך געווייסט גרויסע זאַפטיקע הייפּטן קרויט; אין שכנות, אויף גרויסע פלייצן, האָט זיך געטריקנט דער לען; דער האָריזאָנט האָט אָנגעזאָגט אויף ווינטער.

ביים פּויער אין שפּייכלער איז געווען איינגעזאַמלט זיין גאַנץ יאָר פּראַצע. און יעדער פּויער האָט אויסגעחשבונט וואָס ער דאַרף פאַר זיך און פאַרן בני־בית, וואָס ער דאַרף אויף פּאַשע פאַר די בהמות און פערד און וואָס ער קען פאַרקויפן כדי זיך איינצוקויפן די נויטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים, קליידער, שטיוול און אַלץ וואָס מען דאַרף האָבן ביזן צווייטן שניט.

מיט דעם איינקויף האָט ער געוואַרט אויפן גרויסן יערלעכן יאריד.

הכנות לויט דער ריי

די ערשטע, וואָס האָבן זיך גענומען גרייטן צום יאריד זענען געווען די שוסטערס. א 10 משפחות אין שטעטל האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אויסאַרבעטן טאַנדעטנע שטיוול און זיי פאַרקויפט אויף די מערק און יארידים.

אויפן ערשטן אָרט פון די שוסטערס זענען געווען די בני־נוסקעס. עטלעכע ברידער זענען זיי געווען און קיין איינעם האָט מען נישט גערופן לויט זיין פאַמיליע־נאָמען, נאָר נאָכן פאָטער: זלמן נוסקעס, פייוול נוסקעס א.א. וו. און די אַלע זענען געווען שוסטערס, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט שטיוול און זיי פאַרקויפט אויף די יאַרידים.

די אַלע טאַנדעטנע שוסטערס האָבן געפירט קליינע וואַרשטאַטן, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט כמעט נאָר די אייגענע משפחות: א פאָטער מיט זיינע זין; זעלטן ווער עס האָט באַשעפטיקט א פרעמדן אַרבעטער, א געזעלן. דעריבער איז דאָס אָנגרייטן שטיוול צום גרויסן יאַריד בלויז מיט די אייגענע הענט געווען נישט קיין לייכטע אַרבעט. דערפאַר טאַקע האָבן זיך די שוסטערס די ערשטע גענומען גרייטן צום גרויסן יאַריד.

און אַז די שוסטערס האָבן מער אַרבעט, מערקט זיך דאָס אויך ביי די שטעפּערס, כאָטש די שטעפּערס האָבן זיך געפונען אין א בעסערער לאַגע: זיי האָבן נישט אויסגעקוקט דווקא אויף די טאַנדעטנע שוסטערס מיט זייערע „כאַדאַקעס" און זיי האָבן נישט גערן אויסגעפירט די אַרבעט פאַר זיי. האָט זיך אָנגעהויבן א לויפעניש צו די שטעפּערס: אַרטשע, מאַך מיר די אַרבעט! ענטפערט אַרטשע: מאָרגן. און מאָרגן ענטפערט ער ווידער דאָס זעלבע. אַזוי האָבן זיך געדרוקט די מאָרגנס און דאָס פּעקל לעדער איז געלעגן פאַרשטעקט ערגעץ אויף א פּאָליצע און געוואַרט אויף מאָרגן...

סוף־סוף איז געקומען דער מאָרגן און די כאָלעוועס, אויסגעשטוקעוועטע לויט אַלע המצאות און פאַכמענישע קאָמבינאַציעס, זענען דאָך פאַרטיק געוואָרן און אָט שטייען זיי פאַר די אויגן פון אַלע דורכגייערס און וואַרעמען זיך אויס אויף דער האַרבסטיקער זון, נאָך דעם ווי זיי האָבן אַריינגעכאַפּט א שפּאָר ביסל קלעפּ פון שוסטערישן האַמער, כדי זיי זאָלן זיך נישט קנייטשן, נישט פאַלדעווען, נאָר האַלטן פאַסאָן... און זיי, די שטיוול, האָבן געפּאָלגט: זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק פון די „פּראָווידלעס", צו וועלכע דער שוסטער האָט נאָך צוגעגעבן קלינעס, אַז די שטיוול זאָלן זיך צעציען, ברייטער ווערן, אַז דעם פּויערס צעכליאַפּעטע פיס, פון א גאַנצן זומער באָרוועס־גיין, זאָלן מיט די אָניצעס לייכט אַריינקריכן אין די שטיוול ביים מעסטן זיי.

נאָכן אויסענדיקן די שטיוול און אונטערקאָווען זיי מיט פּאַדקאָוועס, הענגען זיי ביי די אויערן און וואַרטן אויפן טאָג פון גרויסן יאַריד אין סאַרנאַקי.

די צווייטע וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צום יאַריד זענען געווען די קאָניוכעס. זיי האָבן אָנגעפּילט די שטאַלן מיט שקאַפּעס און יעדן פאַרנאַכט זיי אַרויס־געפירט אויפן מאַרק און אויסגעפּרוּווט אין לויפן. די לויפנדיקע פערד האָבן אויפן זאַמדיקן מאַרק אויפגעהויבן א געדיכטן שטויב. דער טומל פון די פערד און זייערע בעלי־בתים די קאָניוכעס איז געווען א גרויסער, אָבער דאָס האָט קיינעם נישט געשטערט; פאַרקערט, אין שטעטל איז פריילעכער געוואָרן. מען האָט זיך צוגעהערט צו די קאָניוכישע וויצן און צוגעשמייכלט. די קאָניוכעס האָבן געהאַט זייער אייגענעם לעקסיקאָן, ווי למשל: „זע נאָר, זי שרייבט דאָך רוסיש"! דאָס האָט געמיינט, אַז דאָס פערד פּלאָנטערט מיט די פיס בעתן לויפן. אָדער: „זעסט א גענגעלע, זי לויפט,

ווי א מזמור״. און נאָך אזעלכע גלייכווערטלעך. צוזאמען האָט דאָס אלץ געמאכט דעם איינדרוק פון א גוט־אויסרעזשיסירטע ספעקטאקל,ביי וועלכן מען פארווײַלט זיך א פאָר שעה.

די קרעמערס האָבן צוגעגרייט נייע סחורות אויף די פּאָליצעס. און וואָס עס האָט נישט געקענט ארויף אויף די פּאָליצעס האָט מען באשטאט אונטער די טישן, אָנגעשטאָפּט די ווינונגען.

נאָך די קרעמער האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן די קצבים, די תבואה־סוחרים א. א. וו. דאָס צונויפזאמלען געלט פארן יאריד, פאר די גרויסע איינקויפּעכצן איז נישט געווען פון די לייכטע זאכן. האָט זיך אָנגעהויבן א ״יאריד״ ערב דעם יאריד: א לויפעניש נאָך הלוואות, גמילות חסדימלעך, נאָך טובהלעך — יעדער לויט זיין באשעפטיקונג און זיינע באדערפעניש.

נאָר א קליין הייפל יידן זענען געשטאנען אָן א זייט און נישט יארידעוועט. דאָס זענען געווען די כלי־קודש פון שטעטל. די שוחטים, מלמדים א. אנד. ווי עס וואָלט גאָר קיין יאריד אויף דער וועלט נישט געווען, האָבן זיי פאָרגעזעצט מיט זייער הייליקער ארבעט, געלערנט מיט די קינדער און עוסק געווען אין דער הייליקער תורה.

דאס שטעטל באקומט א ניי פנים

דער טאָג פארן יאריד איז געווען א פיבערדיקער: עס זענען געבוירן געוואָרן פרישע סוחרים, וואָס האָבן א גאנץ יאָר זיך נישט באשעפטיקט מיט האנדל. מען האָט צוגעגרייט — ווער געבעקס, ווער צוקערווארג און ווער געטראנקען, כדי מאָרגן ארויסצושטעלן א טישל אויפן מארק און צוהאנדלען אביסל.

ארום 4 אזייגער נאָך מיטאָק האָבן זיך באוויזן אויפן מארק די ערשטע פורן, באלאָדענע מיט סחורה, באדעקטע מיט פּלאנדעקעס און אונטער זיי האָט מען געזען קאָפערס, קאסטנס און פּעק. דאָס זענען געווען די סעמיאטישער קאָנפעקציע־סוחרים. ארום זיי האָבן זיך אָנגעהויבן זאמלען נייגעריקע: צוערשט די שטעטלשע קינדער און שפּעטער די דערוואקסענע, כדי צו באטראכטן די ערשטע יאריד־געסט.

און טאקע באלד זענען זיי צוגעטרעטן אויפשטעלן זייערע בוידן. און שוין זענען געשטאנען די ערשטע סטראגאנעס פון קאָנפעקציע אין א שורה איינס נעבן אנדערן. באלד זענען אָנגעקומען די בעדנער מיט הויכע דראביאסטע וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט פעסער, דייזשקעס, עמערס און אנדערע בעדנערישע אויסארבעטונגען. אזוי זענען אָנגעקומען איינער נאָכן אנדערן מיט פארשיידענע סחורות צום יאריד.

אויך סתם פרעמדע מענטשן זענען געקומען, אָן שום סחורות, מיט ליידיקן און געגאנגען פון איין סטראגאן צום צווייטן, מיט קיינעם נישט גערעדט און געמאכט האָבן זיי דעם איינדרוק פון שפּיר־הינט, וואָס ניוכען אויס דאָס פּאסיקע אָרט און צייט פאר זייער האנדל...

פון שטעטל האָבן זיך א שיט געטאָן גרויס און קליין צום מארק, אָנצוקוקן די נייע בוידן מיט סחורה, די נייע מענטשן, א דאנק די אויסגעשטעלטע סטראגאנעס האָבן זיך געבילדעט נייע גאסן. נישט צו דערקענען דאָס שטעטל! סארנאקי איז פארענדערט געוואָרן, האָט באקומען א ניי פנים.

פון די שטעטלשע, וועלכע האָבן נאָך נישט געהאט פארענדיקט די צוגרייטונגען צום יאריד, זענען געווען די בעקערס און די שענקערס. ביי די בעקערס האָט דער אויוון נישט גערוט. פארנאכט, ווען די לופט איז געוואָרן אביסל פייכטער, האָט דער אומאויפהערלעכער רויך פון די בעקערישע אויוונס, וואָס האָט זיך ביז איצט געשלענגלט ארויפצו צום הימל, זיך גענומען שפרייטן אין דער נידער און פארדרויכערט די לופט צום אָטעמען. א קליייניקייט, — אויף אזא קאָמפאקט אָרט ארבעטן אָן אויפהער 8 בעקערייען! לאָמיר פארצייכנען זייערע נעמען, ווי מען האָט זיי אין שטעטל גערופן: מענדל סערלס, דער פארטרעטער, רבקהלע חיים נאָטעס, ישראל יצחק קאָזע, דער ויכרות, פאליק, גדליה כלאָפקאָווער און הערש פישל. עס זענען אויך געווען נישט אָפיציעלע בעקערס און אלע צוזאמען האָבן געבאקן פארן יאריד בלויז ווייס געבעקס: חלה, שטריצן א.ד. גל. קיין שווארץ ברויט האָט אין דער צייט נישט געהאט קיין אָפגאנג. דער פויער עסט יעדן טאָג שווארץ ברויט אין זיין היים און אז ער קומט אויפן יאריד מיט ווייב און קינד, פונדעוועט ער זיי ווייס געבעקס...

צו די שענקערס זענען אָנגעקומען גרויסע פעסער ביר פון שאָמערס ברויערי; קאסטנס מיט פלעשער ביר האָט מען אָנגעוואָרפן ביי יעדן שענק; מיט בראָנפן (וואָדקא) און צובייסנס האָט מען זיך נאָך פריער געהאט פארזאָרגט; איצט פאָרעט מען זיך ביי איינשטעלן וואָס מער טישן און בענקלעך פאר די טרינקערס.

די נאכט האָט זיך אָנגערוקט. די שטעטלשע קינדער זענען זיך צעגאנגען יעדער אין זיין היים. געבליבן זענען די דערוואקסענע, סיי די אָנגעפּאָרענע, ווי די אָרטיקע, געשטאנען אין קוכקעס, כמעט א גאנצע נאכט און געשמועסט אויפן קול וועגן יאריד. דערביי האָט מען זיך געוויצלט, אָפגעחוזקט פון דעם, פון יענעם, געלאכט און געלאכט.

טיפער אין דער נאכט, ווען די גרופקעס זענען זיך צעפאלן, האָט מען געזען אויפן מארק נאָר די יוגנטלעכע, פון שטעטל און די צוגערייזטע פון די שכנותדיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן דאָ געשלאָסן קאנטשאפט מיט נייע חברים און ארומשפאצירט.

א געשווימל פון פארקויפער און אויפקויפער

גאנץ פרי, ווען דאָס שטעטל האָט זיך אויפגעוועקט, איז דעם מארק שוין נישט געווען צו דערקענען אין פארגלייך מיטן אויסזען, וואָס ער האָט געהאט נעכטן ביינאכט. איבער נאכט און אין די פריע מאָרגן־שעהן זענען זיך צונויפגעפאָרן נאָך סוחרים און פארנומען פלעצער אויפן מארק מיט זייערע סחורות.

ס'איז אָנגעפאָרן דער סעמיאטיטשער גלאָז־סוחר — א דיק יידל מיט א געל בערדל, א רויט פנים און רויטן קארק; אויפן בויך ביי אים האָט זיך געבאָמבלט א קייטל פון א זייגער און דערנעבן איז געווען צוגעשפּילעט א גרויס לעדערן בייטל אויף געלט. פון א גרויסן דראביאסטן וואָגן האָט ער אויסגעפּאקט זיין סחורה: גלעזער, טעלערס, שיסלען, סערוויזן, נאפט־לאָמפן א.א.וו. דאָס אלץ האָט ער אויס־געשטעלט אויף א ברייטן פלאץ, נעבן וואָגן. אין שכנות פון אים האָט א צווייטער סוחר אויסגעשטעלט זיינע עמאלירטע ארטיקלען: טעפּ, שיסלען, טשייניקעס, קאנען א. אנד. ווייטער זענען דערוויייל צעשטעלט געוואָרן ליידיקע טישן און בענק, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער סחורה, וואָס די סוחרים האָבן נאָך נישט באוויזן צו ברענגען.

אויפן מארק, נעבן די געשעפטן פון פיורען ביז דעם הויז פון מענדל זייערמאן, האָבן אויפגעשטעלט זייערע סטראגאנעס די חזירניקעס. עס זענען געהאָנגען גאנצע זייטן פון חזיר־פעטס (סלאָנינא), גרויסע פלאכן „באטשעק", וווּרשטן, שינקע און אנדערע פליישן. נעבן יעדן סטראגאן איז געשטאנען אן אויוועלע מיט א קעסל, אין געשטאלט פון א סאמאָוואר, פון וועלכן עס איז געגאנגען א רויך, און א נישט געשמאקער ריח האָט זיך פון דאָזיקן אָרט פארשפרייט. יידן האָבן דעם דאָזיקן ריח נישט פארטראָגן און זיי האָבן דאָס אָרט פון די חזירניקעס אויסגעמיטן. מיט יעדער שעה ווייטער האָבן מער סוחרים פארנומען פלעצער, ביז דער גאנצער מארק איז באדעקט געווען מיט סטראגאנעס, בוידן, געשטעלן א.א.וו. אלט און יונג זענען ארומגעגאנגען פון געשטעל צו געשטעל און מיט נייגער באקוקט די סחורות און די סוחרים. אָפּגע־ציטערטע קינדער האָבן געפּועלט ביי זייערע מאמעס מען זאָל זיי קויפן ניי שפּילצייג און זיסוואַרג ביי די שטעלן.

די ערשטע קונים אויפן יאריד זענען געווען די שטעטלשע באלעבאָסטעס; זיי זענען די ערשטע ארויס אויפן מארק אויסצוכאפּן די שיינע שטוב־ארטיקלען: סערוויזן, קלאָשן א.א.וו. דאָס זענען סחורות, וואָס ווערן שנעל אויספארקויפט.

ארום 10 אזייגער פרי הויבן אָן אָנקומען די פויערים פון די דערפער — ווער מיט פערד און וואָגן און ווער צופוס. אויף די „גאָשטשינצעס" האָבן זיך געצויגן לאנגע רייען פורלעך, איינס הינטערן אנדערן, ווי א מיליטערישער אָבאָז וואָלט זיך באוועגט אין איין ריכטונג — צום שטעטל. אויף יעדן פורל האָבן זיך געפונען פּראָדוקטן פון דער אייגענער באלעבאטישקייט, וואָס די פויערים האָבן געפירט צו פארקויפן. דאָס אריינקומען אין שטעטל, דאָס דורכשטופּן זיך דורך דער געדיכטעניש פון מארק, האָט געדויערט עטלעכע שעה. האָבן די פויערים פארנומען פלעצער ווו זיי האָבן געקענט, אָן א סדר, כאאָטיש.

פון דורכגיין צווישן די פויערישע פורלעך איז קיין רייד נישט געווען; מען האָט זיך פשוט געמוזט דורכברעכן א וועג, ווער עס האָט געמוזט, אָדער שפּרינגען איבער די וועגענער.

אָבער צום האנדל האָט עס דאָך נישט געשטערט. די סוחרימלעך האָבן שוין געוווּסט, ווער און וואָס עס האָט צו פארקויפן. שוין ביים אריינפאָרן אין שטעטל זענען די פויערישע וועגענער באטאפּט געוואָרן פון הענדלער און הענדלערקעס, וועלכע האָבן זיך געפלייסט צו זיין די ערשטע אויפקויפערס פון די פּראָדוקטן, וועלכע זענען מייסטנס גאנגבאר. אויך די שטוב־באלעבאָסטעס האָבן באוויזן דורכצונישטערן דעם פויערישן מארק, באטאפּט יעדן זאק און קוישל אויפן פויערישן וואָגן. טייל סחורות זענען געלעגן אויבנאויף פאר די אויגן, ווי: הינער, גענדז, אינדיקעס א. אנד. די גענדז, געוווינטע צו דער דאָרפישער רואיקייט און צום וואסער, האָבן אויסגעשטרעקט זייערע לאנגע פארטריקנטע העלדזער און זיך צעשריגן מיט רוגזה אויפן גאנצן יארידישן טאראראם.

סחורות און מערקווירדיקייטן

מיטאָקצייט, ווען די זון האָט זיך געפונען אין מיטן הימל און געשפּיזלט די ערד און אלץ וואָס אויף איר מיט אירע שטראַלן־פּיילן, האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די נאַטור נעמט אָנטייל אינם יאַריד.

איך בין געגאַנגען דעמאָלט צום צענטער פון יאַריד. כאָטש דער שטח איז נישט געווען קיין גרויסער, האָט ער אָבער — צוליב די שטערונגען אין גאַנג און די מערקווירדיקייטן, וואָס האָבן צוגעצויגן דאָס אויג — אויסגעזען אַ סך גרעסער ווי ער איז געווען. אָבער דער דראַנג זיך צו באַקענען מיט אַלץ, וואָס אויפן יאַריד, איז געווען שטאַרקער פון די שוועריקייטן און איך האָב, אין געפּלאָנטער פון איין סטראַגאַן צום צווייטן, אַרומגעקרייזט דעם גאַנצן יאַריד.

אין צפון־מזרח זייט פון מאַרק זענען געזעסן די פּויערטעס אויף די וועגענער, אַרומגעלייגט מיט אייער, פּוטער, קעז, עופות. זייער באַציאונג צו די קונים איז נישט געווען קיין העפלעכע און אויסגעדריקט זיך אין דענערווירטקייט און פאַרדאַכט. ׳אויפן יאַריד האָבן זיך אומגעשלייכט גנבים און שווינדלער און די פּויערטעס האָבן געקוקט מיט אומצוטרוי אויף יעדן קונה. נאָכן פאַרקויפן די גאַנצע סחורה, ווען די פּויערטע אַליין איז געוואָרן אַ קונה און איינגעקויפט פאַר דער באַלעבאַטישקייט וואָס זי דאַרף, דאָס איבעריקע געלט האָט זי פאַרקניפּלט אין דער פאַטשיילע, האָט זי זיך ערשט באַרואיקט און צוריק באַקומען די פּויערישע געמיטלעכקייט.

די מענער, די פּויערים, האָבן פאַרקויפט תבואות, קאַרטאָפל, קרויט א.ד.גל. דאָס פאַרקויפטע האָבן זיי אַליין צעטראָגן אין די הייזער. די קאַרטאָפל זענען גיך פאַרקויפט געוואָרן, ווייל יעדער ייד האָט זיך צוגעגרייט קאַרטאָפל אויף ווינטער. אין וועלכער יידישער שטוב דו ביסט אין דעם טאָג אַריינגעקומען האָסטו געקענט טרעפן אַ באַרג קאַרטאָפל אויסגעשיט אין מיטן שטוב, ביז מען האָט אויסגעפונען אַ פּאַסיקן פּלאַץ פאַר זיי.

דער אמתער יאַריד האָט זיך אָבער געפונען אויף דרום פון מאַרק. אַז ביסט געקומען אַהין, האָסטו נישט געוווּסט ווו פריער דיינע אויגן צו ווענדן: אויף יעדע פּאָר טריט — אַ געשטעל מיט אַן אַנדער סחורה. און אַלע סוחרים צוזאַמען רופן די קונים, רעקלאַמירן זייער סחורה און שווערן זיך מיט טויטע קללות, אַז נאָר זייער סחורה איז די בעסטע.

די גרויסע מאַסע פּויערים האָט זיך שוין אָפּגעפּאַרטיקט מיט פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן, געפינען זיי זיך איצט צווישן די קונים ביי אַלע געשטעלן: ביי די שטיוול, ביים איינקויפן ווינטער־קליידער, שטוב־זאַכן, זיסוואַרג. — אַלץ, וואָס די אויגן זעען, דאַרף מען האָבן.

דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט איין סוחר, אַרום וועמען עס האָבן זיך אַרומגעקליבן יידן און גויים. אויף אַ טיש אין מאַרק איז געשטאַנען אַ מאָדנער פּאַרשוין, וועמעס קליידונג, האַלטונג און מאַנירן זענען געווען נישט קיין געוויינלעכע; אַלץ איז ביי אים געווען אַרטיסטיש צוגעפּאַרבט. מיט איין האַנט האָט דער דאָזיקער סוחר אויפגעהויבן עפּעס אַ מאָדנע סחורה, פאַרגעשטעלט זי פאַרן נייגעריקן עולם, באַלד אַ צווייטע סחורה, אַ דריטע, ביז אין זיינע הענט האָבן זיך געפונען גאַנצע

12 מינים סחורות. דעמאָלט האָט ער געמאָלדן, אז דאָט אלץ גיט ער אוועק פאר בלויז 1 זלאָטע. פארקויפט איין קאָמפלעט פאר א זלאָטע, האָט ער אָנגעהויבן פון דאָס ניי. די מציאות זענען באשטאנען פון טאשן־טיכלעך, שיך־בענדלעך, נאָדלען, שפּילקעס א.אז.וו. דער עולם ארום איז אלץ געוואקסן און מען האָט באוווּנדערט דעם אופן, ווי פלינק דער פארשוין מאכט דאָס אלץ. באזונדערס איז דאָס געפעלן געוואָרן דער יוגנט, וואָס האָט געקוקט ווי אויף א שיינעם ספעקטאקל.

נאָך מער אינטערעס האָבן ביי דער יוגנט ארויסגערופן די פארשיידענע שפּילערייען און לאָטעריע־טישלעך מיט פארשיידענע מינים פאנטן, וועלכע האָבן פארנומען א באזונדער ווינקל אויפן יאריד. דאָס איז געווען די אטראקציע פון יאריד. פרוּוון דאָס גליק, אָדער זיך פארמעסטן דווקא אויפן גרעסטן געווינס — דאָס האָט געלאָקט די יוגנט.

אין שענקל אריין...

די מיטל־יעריקע און עלטערע פויערים האָבן נישט געזוכט אזעלכע עמאָציעס. פארקויפט דאָס ביסל פּראָדוקטן, אָנגעהאָרעוועט זיך א גאנצן טאָג, דאָס הארץ האָט געצויגן נאָך, אויף דער נשמה איז קאלעמוטנע, — קלייבט מען זיך צו א פּאָר גוטע ברידער און מען גייט אין שענק „דאָ אייזיקא“, אָדער צו אנדערע.

אין שענק זענען די געסט באדינט געוואָרן פלינק און אויפן ווונק. אויפן טיש איז אויסגעוואקסן א פלעשל בראָנפן מיט גלעזעלעך לויט דער צאָל געסט, וואָס האָבן זיך ארום טיש ארומגעזעצט, אוועקגעשטעלט פארבייסעכץ און — חברה האָט זיך נישט געלאָזט בעטן... אויסגעטרונקען איין גלעזל, נאָך איינס. און אז עס האָט זיך אָנגעהויבן ארויסזען דער דנאָ פון פלעשל, איז אויסגעוואקסן א צווייטס אויפן טיש. ווען עס האָט געהאלטן ביים דריטן און פערטן גלעזל, זענען די ציינגער לויז געוואָרן, די געמיטער — צעהיצט, די קעפּ — שווערער און עס האָט זיך אָנגעהויבן א גערײידעריי. צוערשט שטיל, שפּעטער העכער. אָבער די, וואָס האָבן נאָך נישט אין גאנצן פארלוירן די קעפּ, האָבן גיך באצאָלט דעם חשבון און פארלאָזט די שענק.

די קאָניוכעס האָבן אָנגעהויבן זייער האנדל אין די פרימאָרגן־שעהן. פריער האָבן זיי ארויסגעפירט אויפן מארק בלויז איינציקע פערד, אָבער שפּעטער, ווען עס זענען זיך צונויפגעקומען מער קונים, האָט חברה קאָניוכעס — נאָך דעם ווי זיי האָבן געמאכט א געזונטן לחיים — זיך באוויזן מיט זייער גאנצער לעבעדיקער סחורה מיט רעש און געטומל. די פערד זענען געווען גוט צוגעפּאשעט. ספּעציעלע גרעסערע פּאָרציעס האָבער האָבן זיי באקומען אין די לעצטע טעג פארן יאריד. זיי זענען אויך געווען אויסדרעסירט ווי צו שטעלן פיסלעך ווען מען פּרוּווט זיי אויס אין לויפן.

צו דעם האָט זיך באזונדערט אויסגעטויגט אונדזער יוגנט־חבר סראָלע גאָרפינקל — א הויכער, א דארער, מיט לאנגע פיס, וואָס האָט זיך שטענדיק געדרייט ארום די קאָניוכעס. אויף יעדן יאריד איז ער געווען דער לויפער, וואָס פלעגט ארויספירן דאָס פערד, עס אויספּרוּוון אין לויפן אהין און צוריק. אויסגעפּרוּווט, פלעגט זיך אָנהויבן דאָס דינגעניש מיטן קונה אויפן קול, מיט א פּאטשעריי אין די הענט. און אז דער קונה האָט נישט געוואָלט געבן דעם פארלאנגטן פּרייז, האָט מען אים געפּרייזט

איינרעדן א ביליקערן פערדל. — „סראָלע, גיב נאָר אהער דעם קאשטאַן״! — האָט דער קאָניוך געטאָן א רוף און באלד איז דאָס פערדל געשטאנען גרייט צום לויפן.

נאָך יעדן פארקויפטן פערד האָט מען געמאכט א שנאפּס. די פּויערים האָבן געטרונקען, אָבער זיי, די יידישע קאָניוכעס, האָבן נישט איבערגעכאַפּט די מאָס; מ׳דארף נאָך האנדלען, מ׳דארף פּרנסה, אין דער הייםווארט א פרוי מיט קינדער. האָט מען געטרונקען מיט שכל...

ארום 2 נאָך מיטאָק האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקקער אהיים אין די דערפער. פריער איינציקע פּויערים, שפּעטער מערער, ביז אויפן פּויערישן מארק האָט אָנגעהויבן שיטער ווערן, דער דורכגאנג צווישן די וועגענער איז געוואָרן באקוועמער.

די צפון־זייט פון שטעטל האָט זיך אין גאנצן אָפּגעליידיקט פון די פּויערישע פורלעך, די דרום־זייט דאקעגן האָט אויסגעזען, ווי נאָך א שלאכט: דאָ — עטלעכע סטראגאנעס, דאָרט — אָפּגעליידיקטע טישלעך און בענקלעך.

די לעצטע האָבן זיך געפּלאָנטערט אויפן מארק די שיכורים: אזעלכע, וואָס האָבן זיך אָנגעשיכורט, כדי צו מאכן אוואנטורעס, שלאָגן יידן, און אזעלכע, וואָס האָבן פּאיאצעוועט און ארויסגערופן געלעכטער. יעדער שיכור האָט אויף זיין שטייגער אָפּגעשפּילט זיין ראָל און אוועק אהיים.

די פרעמדע סוחרים האָבן, נאָכן פארפּאקן זייערע סחורות, געשפּאנט די פערד און — צוליב זיכערקייט אויף די וועגן — זיך געלאָזט אין א קאראוואן אהיים פאָרן.



א יאריד אין שטעטל

שרגא זייערמאַן
חיפה

קליין-אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען

פון ווינט־מילן — צו א מאָטאָר־מיל

אָנקומענדיק אין שטעטל אריין פון מערב זייט, האָבן זיך שוין פון א 3 ק״מ ארויסגעזען די 3 ווינט־מילן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי א שורוק. די מיל, וואָס איז געשטאַנען אין עק שטאָט, אָנקומענדיק פון לאָשיץ הארט בייַ׳ וועג, האָט אָנגעוואָרפן א פחד אויף די פאַרבייפאָרער מיטן רעשיקן דרייען זיך פון די 4 גרויסע פליגלען אינם שטאַרקן ווינט. די אנדערע צווי ווינט־מילן זענען געשטאַנען אין דער צווייטער זייט פון שטעטל, אין דאָרף כיבאָווע.

די ערשטע ווינט־מיל האָט פון שטענדיקע יאָרן געהערט צו יידן, הגם מען פלעגט אויך דאָרט האלטן שטענדיק א גויישן מילנער צו מאָלן שבת. מען קען זאָגן, אז אין יענע צייטן זענען די ווינט־מילן געווען די איינציקע באַזאָרגער מיט מעל פאר דער יידישער און קריסטלעכער באפעלקערונג אין דער גאנצער געגנט. יעדע מיל איז געווען געאייגנט אויך צו מאָלן ווייצן מעל. די קוואליטעט פון דעם ווייצן מעל איז נישט געווען קיין געהויבענע, האָט מען טאקע צוגעבראַכט מעל פון וואָלינער געגנט, וואָס מען האָט גערופן „קרעמטשאטקער מעל״. ווער עס האָט זיך געקענט דערלויבן האָט טאקע געקויפט די בעסערע מעל אויף שבתדיקע חלות.

אין יאָר 1910 האָט מען אין שטעטל אויפגעבויט א געמויערטע מיל פון 3 שטאָק, וועלכע איז שוין געוואָרן איינגעאָרדנט לויט דער דאמאָלסדיקער לעצטער מאָדערנער איינריכטונג: דריי פאָר וואלצן מיט עטלעכע פאָר שטיינער און א גרויסער מאָטאָר, וואָס איז געוואָרן געטריבן מיט ראָפּע. דאָס קלאַפּן פון מאָטאָר האָט מען געהערט עטלעכע ק״מ ווייט.

דער באזיצער פון דער מיל איז געווען א קריסט. ער האָט זיך נישט פארנומען מיט האנדל, נאָר בלויז געמאָלן די תבואה, וואָס די פויערים האָבן געבראַכט, די מיל האָט אויפגעלעבט דעם תבואה־מסחר אין שטעטל, און אויך די קרעמער און בעלי־מלאכות האָבן דערשפירט א טעם פון אויפלעבונג. עס זענען געקומען פיל פויערים מאָלן זייערע תבואות, האָבן זיי שוין מיטגענומען אויך א ביסל תבואה צו פארקויפן און אויך איינגעקויפט אין שטעטל פראָדוקטן פאר זייער געברויך. אויך די בעלי־מלאכות האָבן באַקומען פון די פויערים ארבעט. עס איז ממש געוואָרן אן אויפלעבונג אין אלע בראַנזשעס.

נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט דאָס שטעטל, האָט זיך דער קריסטלעכער אייגנטימער פון דער מיל נישט געקענט פארשטענדיקן מיט די דייטשן, האָט ער איבערגעגעבן די מיל אין ארענדע א יידישער פאמיליע ווישניע, וועלכע זענען געווען מילנער פאכלייט און זיך אויך געקענט פארשטענדיקן מיט די דייטשן. די דייטשע מאכט האָט איינגעפירט פאר דער יידישער באפעלקערונג ברויט־קארטן, און אויך די פויערים האָבן נישט געקענט מאָלן אָן א דערלויבעניש פון דער מאכט. איז טאקע געווען א נס וואָס די מיל איז איינגעשטאַנען אין יידישע הענט. אזוי האָט מען טאקע נישט געוווּסט פון קיין הונגער אין שטעטל.

אין יאָר 1916 איז דער מילנער ווישניע געשטאָרבן, און די מיל האָט איבערגענומען די פאמילע ראָזענבוים, וואָס האָט עס שפּעטער אָפּגעקויפט. די מיל איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון ר׳ עזריאל ראָזענבוים מיט 50 פּראָצענט, און ר׳ שייע מיטן זון משה — די אנדערע 50 פּראָצענט. כמעט די גאנצע משפחה פון די ראָזענבוימס זענען געוואָרן באשעפטיקט ביי דער מיל.

די פאמילע ראָזענבוים האָט זיך שוין פארנומען מער מיט מסחר פון תבואה און מעל, און נישט געווען אָנגעוויזן בלויז אויף פויערישער ארבעט. די מיל האָט גענומען ארבעטן טאָג און נאכט אויף א גרויסן מאסשטאב. זי האָט געליפערט מעל אין דער גאנצער אומגעגנט, און פון צייט צו צייט ארויסגעשיקט וואגאָנעס מעל אין די גרעסערע שטעטישע

צענטערן. דעריבער האָט זיך געפּאָדערט פאַר דער מיל א גרויסע קוואנטום תבואה און אירע אייגנטימער האָבן געמוזט צאָלן בעסערע פּרייזן פאַר תבואה. דאָס שטעטל איז געוואָרן באוווּסט מיט אירע גוטע פּרייזן פאַר תבואה, און דאָס האָט מיטגעבראכט א גרויסן האנדלס־פארקער אין שטעטל.

מיט דער צייט איז די מיל געוואָרן איבער־געענדערט. מען האָט ארייגעשטעלט נייע מאָטאָרן און געמאכט איינריכטונגען צו פּראָדו־צירן אייל. אין יאָר 1932 האָט די מיל באקומען די קאָנצעסיע צו אינסטאלירן עלעקטרע אין שטעטל און עס איז געוואָרן ליכטיק אין יעדן ווינקל.

אויפגעבויט א מיל אוים עקשנות

די צווייטע מאָטאָר־מיל האָט געשטעלט דער יידישער גוטבאזיצער ר׳ יענקל שטיינבערג. אין יאָר 1921 האָט שטיינבערג געבראכט צו מאָלן תבואה אין ראָזענבוימס מיל און האָט פארלאנגט, אז דאָס מעל זאָל זיין פון זיין אייגענער תבואה, ווייל זי איז גוט אויסגעריי־ניקט. ווען מען האָט זיין פארלאנג נישט גע־וואָלט נאָכקומען, האָט ער זיך אויסגעדריקט: אויב אזוי, מוז איך מיר מאכן אן אייגענע מיל!

ווייל ער איז געווען א גרויסער עקשן, איז ער מיט זיין פור תבואה אָפּגעפאָרן צוריק א היים און דערקלערט, אז ער נעמט שטעלן א מיל. ער האָט זיך גלייך גענומען צו דער ארבעט און אין א קורצער צייט איז געוואָרן פארטיק זיין מיל, וועלכע האָט אויך אויס־געפירט דעם פּרינציפּ, אז יעדער, וואָס וויל זיך מאָלן זיין תבואה באזונדער, קען זיצן אוןווארטן און באקומען דאָס מעל פון זיין תבואה. דאָס האָט געמאכט א שטארקן רושם אויף דער גאנצער געגנט און די מיל איז שטענדיק געווען פול מיט פּויערים, וואָס זענען געקומען מאָלן זייערע תבואות.

פּרנסה פון א קריסטלעכער ברויז

אָנקומענדיק אין שטעטל פון דער באן, האָבן זיך פון דער ווייטנס שוין ארויסגעזען די גרויסע רויטע ציגלנע קוימענס פון דער ברויעריי. עס האָט געמאכט דעם איינדרוק אויף די אָנגעקומענע, אז דאָס שטעטל באזיצט



דער ברויז אייגנטימער שומער מיט די ארבעטער

פאבריקן. די ברויז איז געווען די איינציקע אין דער גאנצער געגנט און זי האָט געשפּייזט צענדליקער יידישע פאמילעס. נישט בלויז די ארבעטער, וואָס זענען געווען אין דער ברויז באשעפטיקט, זענען כמעט אלע געווען יידן, נאָר אין צענדליקער שטעטלעך ארום אונדז, ווו אלע שענקען און רעסטאָראציעס זענען געלעגן אין יידישע הענט, איז געווען פארשפּרייט נאָר דאָס געשמאקע ביר פון סארנאקער ברויז.

דער אייגנטימער איז געווען א סוחרישער קריסט און ער האָט געגעבן אלע יידישע קליענטן די בעסטע באדינגונגען כדי מען זאָל אין זיין ביר גוט פארדינען, און נישט ברענגען קיין ביר פון אנדערע ברויערייען. ער פלעגט אויך באָרגן געלט אלע זיינע יידישע אָפּנעמער אויף חתונה מאכן קינדער, אויסער די געלטער וואָס מען איז אים שולדיק געווען פארן ביר. שוין אָפּגערעדט פון די שטעטלדיקע שענקערס, וואָס האָבן זיך געבויט הייזער און חתונה געמאכט קינדער מיט דער הילף פון ברויז־אייגנטימער. אויך אלע פּראָדוקטן און מאטעריאלן, וואָס מען האָט געדארפט צו דער ברויז, האָט ער געקויפט נאָר ביי יידן. אפילו די פעלדער האָט ער פארדונגען דעם יידישן אָגראָדניק, עס איז טאקע געווען פאר מער יידישע פאמילעס אין שטעטל פּרנסה פון דער ברויז.

די אלעארניע האט געארבעט א גאנץ יאר

אין די 4 אָלעארניעס אין שטעטל האָט מען געקוועטשט אייל פון אלע מינים קערנער, וואָס גיבן אייל. צוויי אָלעארניעס זענען געווען פּרימיטיוו איינגעאָרדנט, געבויט נאָך אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט.

דאָס זענען געווען גרויסע הילצערנע געביידעס מיט הילצערנע איינריכטונגען. דאָס מאָלן די קערנער איז געמאכט געוואָרן מיט א פערד, וואָס מען האָט אים פארבונדן די אויגן און ער האָט זיך ארומגעדרייט אין א גרויסן קרייז און געפּירט די וואלצן, וועלכע האָבן געמאָלן די קערנער. די צומאָלענע קערנער האָט מען אויסגעשיט אויף א קיילעכדיקן שטיין; אויף דעם איז געווען אן אויבערשטער מיל־שטיין. מען האָט איינגעשפּאנט א פערד מיט פארמאכטע אויגן, וואָס האָט דעם שטיין ארומגעפירט אויף די געמאָלענע קערנער און האָט דאָס גוט צעריבן אויף מעל, דאָס מעל האָט מען אָנגעוואַרעמט אין א קעסל, וואָס מען האָט געדרייט אויף א פייער. ווען פון קעסל איז ארויס א פּארע, האָט מען עס אראָפּגענומען פון פייער און ארייגעשיט אין א פּראָסטן לייוונט. דאן האָט מען עס ארונטערגעלייגט אונטער לאנגע, דיקע, פיר־קאנטיקע קלעצער מיט שרויפן, וואָס צוויי מענטשן האָבן געדרייט מיט לאנגע דרענגער. די קלעצער האָבן געפּרעסט און ארויסגעקוועטשט דעם אייל, וואָס איז ארייגערונען אין די טעפּ, וואָס זענען געווען אונטערגעשטעלט.

די ערשטע און גרעסטע אייל־פאבריק איז געווען ביי משה אָלעארניק, וייל זיין אָלעארניע איז געווען אין צענטער פון מארק, און האָט אויך געהאט א גרויסן הויף, ווו עס זענען זיך אָנגעפאָרן צענדליקער פורן מיט פּויערים מאכן אייל פון זייערע תבואה־קערנער. אין דער צייט, וואָס זיי האָבן געדארפט ווארטן, האָבן זיי געקענט איינקויפן זייערע פּראָדוקטן ביי די קרעמער. זיין אָלעארניע האָט געארבעט א גאנץ קיילעכדיק יאָר, ווייל ער איז אויך נישט געווען אָנגעוויזן בלויז אויף דער פּויערישער ארבעט. ער האָט אליין איינגעקויפט תבואה אוף אייל, געפּירט אין א גרעסערן מאסשטאב דעם מסחר און האָט געשפּייזט מיט אייל דאָס גאנצע שטעטל א גאנץ יאָר, און אויך פארקויפט אין די ארומיקע שטעטלעך.

די צווייטע פּרימיטיווע אָלעארניע, געבויט אויפן זעלבן סיסטעם, איז געווען די אָלעארניע פון משה זילבערמאן, אָדער ווי מען האָט אים גערופן „מאָשקע מיטן פּונקט". ער האָט געארבעט אין זיין אָלעארניע נאָר ווינטער־צייט, אין די צייטן פון „פּאָסט", ווען עס איז געווען א גרויסער דראנג פון די פּויערים צו מאָלן און קוועטשן אייל. זומער־צייט האָט ער געמוזט זיך זוכן אנדערע פּרנסות. דאן איז ער ארומגעפאָרן אין די דערפער און ארייגעשטעלט שויבן.

די דריטע אָלעארניע איז געווען שוין געבויט אין יאָר 1920 אין א געמויערטער געביידע, מער מאָדערן איינגעאָרדנט. און ווען עס האָט זיך באוויזן אין שטעטל עלעקטרע, האָט דער אייגנטימער דוד אפּעלבוים איינגעריכט די וואלצן מיטן פּרעסן די אייל אויף עלעקטרישער קראפט. ער האָט געארבעט כמעט א גאנץ יאָר אין זיין אָלעארניע, ווייל ער האָט זיך אויך פארנומען מיטן אייל מסחר און נישט געוואָלט זיין אָנגעוויזן נאָר אויף פּויערישער ארבעט.

די פּערטע אָלעארניע איז געווען אין דער מיל ביי די ראָזענבוימס, וועלכע איז שוין געוואָרן איינגעריכט מיט די לעצטע מאָדערנע איינריכטונגען. אָבער די פּויערים האָבן טאַקע דערפאר נישט געוואָלט דאָרט מאכן קיין אייל. זיי האָבן דערקלערט, אז אין די פּרימיטיווע ערטער איז דער אייל געשמאקער. די אָלעארניע האָט זיך דעריבער כמעט אויסשליסלעד פארנומען מיטן מאכן אייל צו פארקויפן אין די שטעטלעך.

גרעמפּלארניעס ברענגען אריין באוועגונג

דריי גרעמפּלארניעס האָבן אויך פיל מיטגעהאָלפן צו פארבעסערן די פּרנסה אין שטעטל. כמעט א גאנצן ווינטער האָבן די פּויערים נישט קיין ארבעט אין פעלד, און די פּויערטעס פארנעמען זיך דאן מיט שפּינען שעפּסענע וואָל און אויסארבעטן דערפון שטאָפן פאר זיך.

זענען טאקע אלע דריי גרעמפּלארניעס געווען שטענדיק באוואָרפן מיט ארבעט פון די פּויערים, וואָס פלעגן ברענגען די געשוירענע וואָל צום שפּינען. פון פרי ביז שפּעט אין דער נאכט פלעגן זיי זיצן און ווארטן אויף דער ריי זיי זאָלן שוין קענען אָנקומען צו דער מאשין אדורכדרייען זייער וואָל. די הויפּט גרעמפּלארניע איז געווען ביי „אברהם מרדכי קיטיע", וואָס האָט אויך געארבעט כמעט א גאנץ יאָר. ערשטנס איז דאָס געווען אין מיטן רעכטן צענטער פון מארק, און עס איז אויך געווען א הויף, ווו די פּויערים האָבן געקענט שטעלן זייערע פורן, און גלייכצייטיק זיך איינקויפן אין די קראָמען. אויך האָבן זיך דאָרטן מיט דער ארבעט באשעפטיקט מענער, וועלכע פלעגן העלפן די וואָל אדורכלאָזן דורך דער מאשין.

די גרעמפּלארניע פון שמואל קלמן דעם מלמד איז געווען שוין אין א גאס, ווו מען פאָרט צו דער באן. עס איז דאָרט נישט געווען קיין פּלאץ פאר די אָנגעפּאָרענע פורן, אויך האָט זיך מיט דעם באשעפטיקט נאָר דעם מלמדס פרוי פייגה־ברײַנטשע, וועלכע האָט נישט געקענט העלפן די פּויערים דרייען די מאשין, האָט אויך א ביסל נישט דערזען אויב עס פארהאלט זיך עפּעס אין דער מאשין, און דאָס קען גורם זיין, אז פיל וואָל זאָל פארבלייבן אין די גרויסע אייזערנע קאמען, וואָס די בעלי־בתים האָבן עס יעדן אָוונט ארויסגענומען פאר זיך אלס „לקט, שכחה, פאה". דעריבער האָט די גרעמפּלארניע נישט געצויגן אזוי פיל קליענטן, נאָר בלית ברירה, ווען אלע אנדערע גרעמפּלארניעס זענען שוין געווען פארזאָרגט מיט ארבעט אויפן גאנצן טאָג, צוריק פאָרן א היים איז שוין נישט געווען קיין פּלאן, איז מען געווען געצוווּנגען זוכן א פּלאץ, ווו מען האָט געקענט אָנקומען.

ביים סטאָלער שמעון „סאָס" איז די גרעמפּלארניע געווען גאָר אין א שמאָל געסעלע, ווו עס איז איבערהויפּט נישט געווען מעגלעך זיך אריינשטופּן מיט א פור. אויך האָט זיך זיין פרוי פארנומען נאָר מיט אכטונג געבן אויף דער ארבעט, אָבער העלפן האָט זי נישט געקענט. דאָס איז געווען די הויפּט סיבה וואָס די גרעמפּלארניע האָט געארבעט נאָר ווייניגער אין דעם הויך־סעזאָן, אָבער זומער איז זי געשטאנען ליידיק, אָן ארבעט, און די פּרנסה האָט מען אויסגעזוכט ביי סטאָלעריי. אויך א צייט איז שמעון סטאָלער געווען א סאָלטיס אין שטעטל, פלעגט אים די גמינע צאָלן א קליינעם געהאלט, און א ביסל האָט ער געמאכט ביי דער זייט, און זיך אויסגעלעבט.

די דריי קליינע אונטערנעמונגען זענען אין פארלויף פון ווינטער־צייט טאָג־טעגלעך געוואָרן באזוכט דורך צענדליקער פּויערישע משפּחות, וועלכע האָבן געדארפט ווארטן דעם גאנצן טאָג. זענען די פּויערים אוועק אין די שענקען עסן און טרינקען, אויך דערביי איינגעקויפט פארשיידענע פּראָדוקטן, וואָס זיי דארפן אין שטוב־ווירטשאפט.

די נייע בעקעריי האט געשיט מיט קייזערקעס

ביזן יאָר 1909 זענען די 8 בעקערייען אין שטעטל געפירט געוואָרן אויפן פּרימיטיוון שטייגער. די טייג איז געוואָרן געקנעטן אין קיילעכדיקע דייזשעס; די ווייצענע טייג אויף חלות איז געקנעטן געוואָרן אין הילצערנע מולטערס. געבאקן האָט מען אלץ אין פּראָסטע אויוונס. עס איז נישט געווען קיין גרויסע קאנטעניש דערביי. יעדע יידענע האָט זיך געקענט מאכן אזא בעקעריי, און אז ס'איז עפּעס געווען אין שטעטל א גוישע חגא, אָדער אן „אָטפּוסט", א יריד, האָט מען געבאקן אין יעדן הויז און ארויס אין גאס מיט דער סחורה.

אין געקומען א דאר יידל — מען האָט אים גערופן פּרץ דער בעקער — און האָט זיך איינגעאָרדנט ביי הינדע שקאָפּעס אין מויער א דייטשע בעקעריי. מען איז געלאָפן זען דעם גרויסן ווונדער ווי אזוי פּרץ דער בעקער זיצט אין א גרוב און שיט ארויס פרישע קייזערקעס פון אויוון ארויס. די קייזערקעס ווערן אונטערגעטראָגן אין אויוון אריין אויף לאנגע ברעטער, וואָס האָבן זיך געקילט אין דרויסן.

דאָס גאנצע שטעטל איז געלאָפן צו אים קויפן ברויט, זעמל, חלות. די איבעריקע בעקערייען האָבן געהאלטן ח״ו ביי אונטערגיין. די 2 גרעסערע פּרימיטיווע בעקערייען פון פאליק מאָרגנשטערן און מענדל זייערמאן האָבן נישט געהאט קיין ברירה און האָבן געמוזט באנייען זייערע אלט־מאָדישע איינריכטונגען אויף דעם זעלבן סיסטעם וואָס פּרץ דער בעקער האָט געבאקן. און דאָס שטעטל האָט טאקע געהאט הנאה פון די פרישע קייזערקעס מיט די געשמאקע חלות און ברויטן, וואָס זענען געבאקן געוואָרן אין די מאָדערנע אויוונס אויף דער פּארע, און דאָס טייג איז געוואָרן געקנעטן אין לאנגע גרויסע קאסטנס.

אָטדי אלע אזוי־גערופענע קליין־פאבריקאציע אונטערנעמונגען האָבן געהאט זייער א גרויסע באדייטונג פאר דער יידישער באפעלקערונג, און געשאפן פּרנסה־קוועלן פאר די שטעטלדיקע סוחרים און בעלי מלאכות. די אנטיסעמיטן האָבן עס נישט געקענט ארויסרייסן פון די יידישע הענט.

גיטל פּלאט (יורבערג)
קרית־חיים

א מחלוקת אין שטעטל

ווען איך טראכט וועגן אונדזער געבורט־שטעטעלע סארנאקי, דערמאָן איך זיך די מחלוקתן, וועלכע זענען פאָרגעקומען כמעט אין יעדן הויז צוליב א מורה־הוראה. וואָס איז פון ערגעץ־ווו אראָפּגעקומען און געוואָלט זיך באזעצן אין שטעטל.

די מחלוקת איז באשטאנען אין דעם, וואָס א טייל בעלי־בתים האָבן געוואָלט, אז דער מורה־הוראה זאל בלייבן אין שטעטל, אָבער אנדערע בעלי־בתים האָבן געטענהעט, אז איין רב איז גענוג. כמעט אין יעדן הויז זענען פאָרגעקומען קריגערייען. קינדער האָבן זיך צעווערטלט מיט זייערע עלטערן און אויך מאן און ווייב פלעגן זיך ארומרייסן. די פרויען האָבן געזאָגט, אז איין רב אין שטעטעלע איז אויך שווער אויסצוהאלטן, ווייל אין שטעטל זענען דאָ מער קבצנים ווי גבירים.

אין בית־מדרש פלעגן פאָרקומען אזוינע קריגערייען און געשרייען, אז מען האָט געקענט מיינען, אז מען שלאָגט זיך.

געוווינט האָט דער מורה־הוראה ביי מיין פעטער יאָסל נוסקעס. אפילו ביי אונדז אין שטוב פלעגט מיין מאמע גישע־לאה זאָגן מיין פאָטער פייוול נוסקעס, אז ער זאָל זיך נישט מישן אין די קהלשע געשעפטן, ווייל מיין טאטע איז געווען פאר דעם אז דער מורה־הוראה זאָל בלייבן.

געדויערט האָט די מחלוקת ביז עס איז אויסגעבראָכן אין 1928 די שריפה אין שטעטעלע. נאָכדעם האָט דער מורה־הוראה פארלאָזט סארנאקי. מען האָט טאקע די שריפה צונויפגעבונדן מיט דער מחלוקת, גלויבנדיק אז דאָס איז א שטראָף פון גאָט און אז זי האָט דערבראכט דערצו, אז כמעט א העלפט פון סארנאקי איז אָפּגעברענט געוואָרן.

אריה טענענבוים
רמת־גן

פאריתומטע היים

שטייען הייזער ניט באוווינטע,
שטוינענדיקע, צו שטילקייט ניט געוווינטע,
אינעם ליידיק פוסטן שטעטל.

שטייט אין שטוב אָן אויסגעליידיקט קינדיש בעטל,
שטייט א וויגל אָן א קינד,
וויגט זיך שטיל פון ווינט,
וואָס בלאָזט אריין דורך אויסגעהאקטע שויבן.

פליען אום אין הויף פאריתומטע די טויבן.
שטייט א קאָזע און מעקעט תמעוואטע
און קען גאָרניט באגרייפן
ווו ס׳זענען בעלי־בתים.

זיצט די קאַץ און וואַרעמט זיך
אויפן קאַלטן קוימען
און וועבט זיך אינדערשטיל
אירע אַלטע טרוימען.

שלאָפן אויפן בוידעם פסחדיקע כלים
און וואַרטן
אויף ערב־פסחדיקע טעג
אויפצושטיין תחית המתים פון דעם שלאָף דעם הארטן.

קומען וואָנסעדיקע גויים,
גראָב־בייכיקע גויעס מיט פליישיקע הענט,
הענגען הייליקע בילדער אויף יידיש פרומע ווענט,
שטעלן אוועק אין ווינקל א שוואַרץ־געפּארבטן צלם
און מאכן חמצדיק די פסחדיקע כלים.

זיצט די קאַץ און מיאוקעט אויפן קוימען,
פרווט ווייטער וועבן אירע אַלטע טרוימען
און די קאָזע שטייט, מעקעט תמעוואטע —
קען זיך ניט געוווינען צו נייע בעלי־בתים.

אריה טענענבוים

פרעמד געוואָרן...

פרעמד ביסטו מיר אָרט,
ווו געשטאַנען איז מיין וויג.
איך בין אוועק פון דיר
און וועל נישט קומען שוין צוריק.

טייכל מיינס, וואָס ריזלסט איצט
אין פרילינגדיקע טעג,
אויף אייביק דיך פאַרלאָזן שוין,
איך בין פון דיר אוועק.

ערב־פּסחדיקע לבנה,
איבער דעכער אין מיין שטעטל,
באַלייכטסט שוין נישט דורך פענצטער מער
דאָס קינדערישע בעטל.

פאַרלאָזן כ׳האָב מיט ווייטאָק אייך,
ארום מיין שטוב די בוימער,
און דיך, מיין בוים, ביים פענצטער אויך
פלעגסט היטן ווי א שומר.

פאַרלאָזן אייך, איר פעלדער מיינע,
צעאַקערטע מיט קברים.
דערמאָנען זיך די קברים טייערע,
איז נאָגט אין הארץ א וואָרעם...

ארגונים פוליטיים
ומוסדות ציבוריים

פאליטישע ארגאניזאציעס
און געזעלשאפטלעכע
אינסטיטוציעס

שרגא זייערמאן
חיפה

טעטיקייט פון דער יידישער קהילה

ביזן יאָר 1914, אויסברוך־צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז די אָנפי־רערשאפט פון דער יידישער קהילה און סארנאקי געווען אין די הענט פון דריי פערזאָנען, וועלכע האָבן זיך גערופן דאָזאָרעס. זיי זענען געוויילט געוואָרן יעדע 5 יאָר אויף עפנטלעכע פארזאמלונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין בית־המדרש אין דער אָנוועזנהייט פון שטאָטישן וואָיט, וועלכער איז געווען באפולמעכטיקט פון יאנאָווער פאָוויאטאָוון נאטשאלניק.

די וואלן זענען געווען אָפענע, נישט קיין געהיימע. דער וואָיט האָט פאָרגעלייגט 3 פערזאָנען און די פארזאמלטע האָבן — אויפהויבנדיק די הענט— געשטימט פאר די פאָרגעלייגטע קאנדידאטן. וואל־רעכט האָבן געהאט נאָר די וואָס האָבן געצאָלט עטאט אין דער קהילה.

דער אינטערעס פון די שטעטלדיקע בעלי־בתים צו ווילן די קהילה־פאָרשטייער איז געווען א קליינער און קיין גרויסער עולם פלעגט נישט קומען אויף די פארזאמ־לונגען. די קאנדידאטן האָבן נישט געהאט קיין קאָנקורענטן און זענען אויסגעוויילט געוואָרן איינשטימיק.

אין פארלויף פון 15 יאָר זענען געווען דיזעלבע דאָזאָרעס, וואָס זענען אויס־געוויילט געוואָרן אין די 3 קאדענצן. די דאָזאָרעס, זענען געווען: מענדל זייערמאן, אברהם הירש בעקערמאן און מרדכי כיבאָווסקי.

די אלגעמיינע פונקציע פון דער קהילה איז געווען א באגרענעצטע. די הויפט פונקציע איז געווען צונויפשטעלן יעדעס יאָר דעם בודזשעט פון דער קהילה, באשטימען די פענסיע וואָס דער מרא דאתרא האָט געדארפט באקומען. די איינקונפט איז געווען פון עטאט, וואָס די פארמעגלעכע בעלי־בתים פון שטעטל און פון די ארומיקע יישובים נעבן שטעטל פלעגן צאָלן. די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין פלאטעראָווע, מענזשענין, רישניעווע, דראזשניעווע און אנדערע דערפער, האָבן געמוזט צאָלן דעם עטאט אויס־צוהאלטן די קהילה אין סארנאקי.

די דאָזאָרעס האָבן יעדעס יאָר צוזאמענגעשטעלט א פרישע רשימה פון די פארמעגלעכע יידישע איינוווינער און יעדן באשטימט די גרויס פון אָפצאָל לויט זייער איינזען. פארשטענדלעך, אז דאָס רוב איז נישט געווען צופרידן פונם אָפצאָל, וואָס מען האָט אויף זיי ארויפגעלייגט און מען האָט שטענדיק געהאט טענות צו די דאָזאָרעס, אז מען באַעוולהט זיי און אז זיי קענען נישט צאָלן אזוי פיל. מיטן גוטן ווילן האָט מען נישט געצאָלט און די קאסע איז געווען ליידיק. מען האָט נישט געקענט אפילו באצאָלן דעם רב די פענסיע. עס זענען דעריבער געווען אינטערווענצן ביים פאָוויאטאָוון נאטשאלניק און עס איז דערגאנגען דערצו, אז עס איז ארויסגעקומען א שטרענגער באפעל צו די דאָזאָרעס, אז זיי זאָלן איבערגעבן די ליסטע פון די וואָס ווילן נישט צאָלן דעם וואָיט פון דער גמינע כדי ער זאָל אויפמאָנען די פארלעגענע חובות.

באקומענדיק די ליסטע, האָט דער וואָיט שטענדיק אויסגעקליבן פרייטיק אלס די צייט אויפצומאָנען דעם עטאט. אויפן האלדז האָט ער זיך אָנגעטאָן די אייזערנע קייט מיטן גרויסן רוסישן אָדלער און אין דער באגלייטונג פון סטרוזש פון דער גמינע האָט ער זיך ארויסגעלאָזט איבערן שטעטל. ווען עמיצער האָט נישט געוואָלט באצאָלן, האָט ער צוגענומען זיינע מעשענע לייכטער, וואָס זענען שוין געשטאנען אויפן טיש צו צינדן ליכט.

האָט זיך באלד געמאכט א גערודער אין שטעטל. מען האָט אָנגעהויבן לויפן צום פרעזעס פון דער קהילה מיט א „ויצעקו": מען האָט נישט אין וואָס ליכט צו בענטשן! דער וואָיט האָט צוגענומען די לייכטער! האָט מען זיך ווי־עס־איז פארגלייכט, געגעבן אביסל געלט, דאָס איבעריקע צוגעזאָגט אויסצוצאָלן — און באקומען א קוויטל ארויסצונעמען די לייכטער. דאָסזעלבע איז פאָרגעקומען אין די ארומיקע יישובים.

די איבעריקע קהלשע אנשטאלטן ווי דער בית־המדרש, די שול און להבדיל דער מרחץ, דער בית־הקברות זענען אויך אָפיציעל געווען אין דער קאָמפעטענץ פון די דאָזאָרעס, נאָר זיי האָבן דערמיט דירעקט נישט פארוואלטעט. אין בית־המדרש איז געווען א גבאי, וועלכער האָט געזאָרגט פאר אלע זאכן: ליכט, האָלץ א. אז. וו. דאָס געלט האָט ער געשאפן פון עליות, וואָס מען האָט פארקויפט. דער בית־הקברות האָט געהערט צו דער חברה קדישא, וואָס האָט געהאט הכנסות פון די משפחות פון די נפטרים, וואָס האָבן געמוזט גוט באצאָלן פאר א קרקע. טיילמאָל האָבן די קינדער פון דעם נפטר געפירט גרויסע קאמפן מיט דער חברה קדישא ביז מען איז פארטיק געוואָרן מיטן פרייז פאר דער קרקע.

דער מרחץ איז געווען דאָס אייגנטום פונם בעדער. ער האָט געהאט זיינע הכנסות פון די וואָס האָבן זיך געטובלט אין מקווה אָדער ווען מען האָט אלע 4 וואָכן געהייצט די באָד. אזוי האָט עס זיך אויסגעהאלטן אליין.

פון 1914 ביז 1921 איז נישט געווען קיין קהילה־פאָרשטייער. ביי דער דייטשער אָקופּאציע איז געווען א יידישער בירגערמייסטער מיט א סאָלטיס, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די יידישע באפעלקערונג. ביי דער אנטשטייאונג פון דער פוילישער מאכט אין 1918, ביז עס האָט זיך געענדיקט די מלחמה מיט רוסלאנד, איז געווען א תוהו־ובוהו.

נאָכן שלום־שליסן צווישן פוילן מיט רוסלאנד איז אין יאָר 1921 אָנגענומען געוואָרן דורכן פוילישן סיים דאָס געזעץ וועגן וואלן צו די יידישע קהילות. זענען אויך אין סארנאקי פאָרגעקומען וואלן צו דער קהילה לויט די נייע געזעצן מיט פארעפנטלעכטע ליסטעס און געהיימע אָפּשטימונג. וואל־רעכט האָבן געהאט יידן פון 21 יאָר אלט. געוויילט ווערן האָט מען געקענט נאָר ביי פולע 30 יאָר.

עס זענען געוויילט געוואָרן 8 מיטגלידער צו דער קהילה־פארוואלטונג. צו די ערשטע וואלן זענען נישט געווען קיין ציוניסטישע קאנדידאטן־ליסטעס ווייל צווישן דער ציוניסטישער יוגנט האָט זיך נישט געפונען קיין פערזאָן אין דער עלטער, וואָס זאָל קענען געוויילט ווערן.


אָבער צו דער צווייטער קאדענץ, אין יאָר 1925, זענען שוין געווען 4 ליסטעס, אינצווישן אויך א ציוניסטישע ליסטע, וואָס האָט באקומען 2 מאנדאטן: די ציוניסטישע טוער העניך זייערמאן און משה בירנבוים. צוויי מאנדאטן האָט אויך באקומען די

ליסטע פון די בעלי־מלאכות און עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן אליה קליידערמאכער און אלעזר אקערמאַן.

נישט אָפיציעל האָט אָנגעפירט מיט דער גאנצער ארבעט דער קהילה־מיטגליד גרשון טאנדעטער, הגם פאקטיש איז דער פּרעזעס פון דער קהילה ביי דער ערשטער קאדענץ געווען עזריאל ראָזענבוים, ביי דער צווייטער און דריטער — לוי יצחק ווייסמאַן.

ביי דער לעצטער קאדענץ, אין יאָר 1935, איז שוין פאָרגעקומען ביי די קהילה־וואלן א גרויסער קאמף. די ערשטע וואלן זענען געפּסלט געוואָרן נאָך דער אָנקלאגע פונם ציוניסטישן בלאָק און מען האָט געוויילט א צווייט מאָל. די ציוניסטישע ליסטע האָט שוין דאן באקומען 3 דעלעגאטן און עס איז צוגעקומען הערשל זינגער. אלס פּרעזעס איז געוויילט געוואָרן הענעך זייערמאן פון דער ציוניסטישער ליסטע. ער האָט איבערגענומען די גאנצע לייטונג אין זיינע הענט און איינגעפירט א מוסטערהאפטע אָרדנונג אין דער גאנצער בוכפירונג. די הכנסות פון דער גאנצער שחיטה זענען אריינגעפלאָסן אין דער קאסע פון דער קהילה און פון אָטדי געלטער האָט מען אויס־געצאָלט די פּענסיעס דעם רב, די שוחטים און די איבעריקע כלי־קודש. אזוי האָט זיך עס געפירט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס גאנצע יידישע לעבן איז אזוי גרויזאם אונטערגעגאנגען.


מיטגלידער פון דער לעצטער קהילה פארוואלטונג




לוי יצחק ווייסמאַן



אליהו קליידערמאכער ז״ל



משה בירנבוים



גרשון טאנדעטער



הענעך זייערמאן

שרגא זייערמאַן
חיפה

אויפקום פון ציוניזם

שוין אין אָנפאַנג פון הײנטיקן יאָרהונדערט האָבן זיך געפונען אין שטעטל דערוואַקסענע, משכילישע בית־מדרש בחורים פון חסידישע עלטערן, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון ציוניסטישן געדאַנק און געהיים זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין א קרייז פון בחורים און מיידלעך מיטן ציל צו גרינדן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין סאַרנאַקי. דאָס זענען אליה זילבערמאַן, יוסף מייטקעס, הערשל קאָרנהענדלער, נחום בעסלער (וועלוול שטעפּערס זון), מלכה קאָרנהענדלער, חיה יאַבלאָן א. אנד.

די ערשטע געלעגנהייט זיך צו פאַרזאַמלען האָבן זיי אויסגענוצט אין יאָר 1904, נאָכן טויט פון ד״ר הערצל. אויפן הויפּישן וועג האָט זיך געפונען א גאַרבערײ און איר אייגנטימער איז אויך געווען א סימפּאַטיקער פונם ציוניסטישן געדאַנק. האָבן די חברה יונגוואַרג אײַנגעאָרדנט שבת פרי א „מאַיוווקע״ און זיך צוזאַמענגעטראָפן אין דער גאַרבערײ צו באַהאַנדלען די ציוניסטישע פּלאַטפאָרם, וואָס איז דאַן געווען אַקטועל.

האָט זיך פונקט געטראָפן, אַז זעליגל דעם מאַכערס איז אַרויסגעגאַנגען אין דערזעלבער צײַט אויף דעם הויפּישן וועג פּאַשען די קי אין די ראָוועס ביי דער גאַרבערײ. אויך אַרקע מאַנטשאַזש („דער קצב״) איז געקומען פּאַשען זײַן ציג. האָבן זיי ביידע באַמערקט עפּעס, אַז בחורים מיט מיידלעך געפינען זיך שוין באַלד אַזוי פרי אין דער געביידע פון דער גאַרבערײ און פירן לעבהאַפטע געשפּרעכן... נישט פאַרשטייענדיק וואָס דאָ טוט זיך, זענען זיי אַוועק אין בית־המדרש צום דאַווענען און דערציילט וועגן דעם גרויסן פאַרברעכן, וואָס זיי האָבן געזען. ווער ווייס וואָס פאַר אן אומגליק קען עס ברענגען אויפן שטעטל!

דער עולם אין בית־המדרש האָט געקאָכט ווי אין א קעסל. ווען דער מרא דאתרא הרב ר׳ מרקל שלמה איז אַרײַנגעקומען אין בית־המדרש, האָבן די צוויי עדות אים גלייך דערציילט די שרעקלעכע זאַך, וואָס זיי האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן. עס איז באַלד באַשלאָסן געוואָרן נישט לאָזן לייענען, און רופן די פּושעי ישראל צו עפנטלעכער אויספאָרשונג; אויב זיי וועלן נישט קומען, זאָלן מען זייערע עלטערן נישט אַרײַנלאָזן אין בית־המדרש ביז עס וועט נישט זײַן „וביערת הרע מקרבך״.

דאָס גאַנצע שטעטל איז אויפגערודערט געוואָרן צוליבן גרויסן פאַרברעכן און מען האָט נישט געהערט קיין אַנדער טעמע אין גאַס. פאַרשטייט זיך, אַז די משכילים האָבן זיך אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער געשיכטע און האָבן דרייסט אויפגעקלערט, אַז זייער ציל איז צו פאַרשפּרייטן אין שטעטל דעם ציוניסטישן געדאַנק, צוגרייטן די יידישע יוגנט צום פּאָליטישן ציוניזם, וועלכער זאָגט, אַז מען דאַרף שאַפן א היים פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל כדי עס זאָל זײַן גלייך מיט אַלע פעלקער.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסער קאַמף צווישן דער יוגנט און די חסידישע קרייזן, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם געדאַנק פון ציוניזם מיט א יידיש לאַנד, נישט וואַרטנדיק אויפן אמתן ביאת המשיח. א ייד, וואָס גלויבט נישט אין

ביאת המשיח, איינע פון די 13 „אני מאמינ״ס, איז דאָך איבערהויפּט נישט ווערט צו זיין אין כלל ישראל. נישט נאָר די קינדער, נאָר אויך די עלטערן מיט זייערע משפּחות האָט מען געוואָלט מחרים זיין און ארויסוואַרפן פון כלל ישראל. די מערהייט אין שטעטל האָט געזיגט, מען האָט זיך אונטערגעוואָרפן עפנטלעך די אָנווייזונגען פון די עלטערן און די גאַנצע ציוניסטישע ארבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

יאָרן לאַנג האָט אזוי געטליעט דער פונק פון ציוניזם ביי די משכילים פון בית־המדרש. אין 1912 זענען צוגעקומען צו דער גרופּע נאָך בחורים פון בית־המדרש: אלטער בעקערמאַן, הענעך זייערמאַן, משה בירנבוים, גדליה הערש פרידמאַן, שמעון גרינבערג א. א.

יום־טוב פּסח יענעם יאָר האָבן זיך די בחורים צוזאַמענגערעדט, אָנגעטאָן פּאַפּירענע ווייסע קעלנער מיט שניפּסלעך און אזוי געקומען אין בית־המדרש אריין. ווען יעקב משה פייערשטיין האָט דאָס דערזען, איז ער צוגעגאַנגען צום ערשטן בחור אלטער בעקערמאַן, אראָפּגעריסן דעם קאָלנער פון האַלדז און אים געגעבן פייערדיקע פּעטש. דער גאַנצער עולם אין בית־המדרש האָט צוגעהאָלפן, אויסרופנדיק, אז מען וועט נישט דערלאָזן, אז בחורים, וואָס זיצן ביי דער גמרא אין בית־המדרש, זאָלן ארויס לתרבות רעה מיט ווייסע פּאַפּירענע קעלנער. ווער ווייס וואָס דאָס קען חס וחלילה ברענגען! די בחורים האָבן זיך טאַקע דערשראָקן און די פרייהייט איז ווידער דערשטיקט געוואָרן.

אין 1916, שוין ביי דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די ציוניסטישע יוגנט געגרינדעט א יידישע שולע אונטער דער לייטונג פון לערער לעאָן האָכשטיין פון די היימלאָזע פון פּינסק. אונטער דער מאַסקע פון ועד פון די יוגנטלעכע צו באַזאָרגן די שולע האָט זיך באַנייט די ציוניסטישע ארבעט ביי דער יוגנט אין שטעטל. נאָך דער גרויסער בשורה פון דער באַלפור דעקלאַראַציע איז מען עפנטלעך ארויסגעטרעטן און געדונגען א לאָקאַל ביי יצחק צוקער אין צענטער גאַס און פאַררעגיסטרירט אלע בחורים און מיידלעך פון בעלי־בתּישע קרייזן פון שטעטל. אזוי איז געלייגט געוואָרן דער ערשטער גרונטשטיין פאַר דער אלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטעטל. אין דער אָנפירערשאַפט זענען געווען הענעך זייערמאַן, משה בירנבוים, גדליה הערש פרידמאַן — פון די עלטערע בחורים, און פון די יינגערע: חיים שמואל כ״ץ בן הרב, יעקב צוקער, פייוול זייערמאַן און אברהם שפּירא.

מען האָט געגרינדעט א ביבליאָטעק פון יידישע און העברעאישע ביכער און כמעט יעדן אָוונט איז מען זיך צוזאַמענגעקומען אין לאָקאַל פון דער אָרגאַניזאַציע. מען האָט איינגעאָרדנט חברישע געשפּרעכן, פאָרלעזונגען, רעפעראַטן און אזוי צוגעצויגן די יוגנט צו דער ציוניסטישער טעטיקייט.

די אָרגאַניזאַציע האָט אויך איינגעאָרדנט „קעסטל־אָוונטן״, אויף וועלכע עס פלעגן קומען אויך די מיטגלידער פון די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס ווי „בונד״ און קאָמוניסטן, וואָס פלעגן פירן מיט אונדז פייערדיקע דיסקוסיעס אויף די אָוונטן, וועלכע האָבן ארויסגערופן א שטאַרקן אינטערעס ביי דער יוגנט אין שטעטל.

נאָך דער אנטשטייאונג פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט אין 1918 האָט זיך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פאַרבונדן מיט דער וואַרשעווער צענטראַלע וועלכע

האָט שוין געגעבן אָנווייזונגען. עס איז געגרינדעט געוואָרן א „קרן קיימת״ קאָמיסיע, וועלכע האָט פארטיילט אין יעדן הויז די בלוי־ווייסע פושקע און יעדן מאָנאט איז מען ארומגעגאנגען אויסליידיקן די פושקעס און דאָס געלט איבערגעשיקט אין דער צענטראַלע קיין ווארשע אויסצוקויפן ערד אין ארץ־ישראל.

די ווייס־בלויע פושקע איז געוואָרן באליבט אין שטעטל און מען קען זאָגן, אז 90% פון שטעטל האָבן געהאט אויף די טירן דעם סימבאָל פון דער פושקע פון „קרן קיימת״.

אין יאָר 1920, ווען די מלחמה צווישן פוילן מיט רוסלאנד האָט זיך פארענדיקט און אין לאנד האָט זיך איינגעשטעלט א נאָרמאליזירטער לעבנס שטייגער, האָבן זיך די ציוניסטישע רייען אָרגאניזאציאָנעל פארשטארקט. מען האָט שוין געדונגען א גרויסן לאָקאַל ביי מלכה בראָנשטיין אויפן ערשטן שטאָק און מען האָט זיך אָנגעהויבן פארנעמען מיט פּאָליטישער ארבעט. די אָרגאניזאציע האָט גענומען אָנטייל אין די וואלן צו דער גמינע. מיט דער הילף פון די יידישע שטימען האָבן מיר שטענדיק געהאט א גרויסע ווירקונג ביים אויסוויילן דעם שטאָט־ראט מיט די 12 מאנדאטן. אויך ביי וויילן א וואָיט האָבן מיר פריער אונטערהאנדלט מיט די ראטמענער און צוגעזאָגט, אז מיר וועלן ווירקן, אז די יידישע שטימען זאָלן ווערן אָפּגעגעבן פאר די ליסטעס, וואָס האָבן צוגעזאָגט נאָכקומען די יידישע פּאָסטולאטן. אויך ביי די סיים־וואלן האָבן מיר געהאט אונדזערע ציוניסטישע פארטרעטער ביי די וואל־אורנעס.

שפּעטער, ביי די וואלן צו דער יידישער קהילה, האָט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע שוין אריינגעטראָגן אן אייגענע ליסטע און באקומען צוויי מאנדאטן: הענעך זייערמאַן און משה בירנבוים. ביי דער לעצטער קאדענץ זענען שוין געווען 3 מאנדאטן און עס איז צוגעקומען הערשל זינגער. דער פּרעזעס איז געווען דער פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער ליסטע הענעך זייערמאַן.

אין 1922 איז אראָפּגעקומען פון דער ווארשעווער צענטראַלע פון „קרן היסוד״ הרב דינעס, וואָס עטלעכע אָוונטן האָט ער געהאלטן אין בית־המדרש פייערדיקע רעפעראטן, וואָס האָבן פארכאַפּט אפילו די גאנצע חסידישע באפעלקערונג אין שטעטל. אלע האָבן זיך פארפליכטעט מיט וועקסלען אויף א יאָר צו צאָלן גרעסערע סומעס פארן „קרן היסוד״ און עס זענען געזאמלט געוואָרן אין שטעטל עטלעכע טויזנט זלאָטעס.

ווינטער, אום חמשה־עשר בשבט, זענען געבראַכט געוואָרן פון ארץ־ישראל פּרוכטן: פייגן, מאנדלען, טייטלען, באָקסער. עלטערע בעלי־בתים ווי משה ברוקמאַן און יצחק צוקער האָבן זיך אָנגעטאָן פארטיכער, אָנגעלייגט מיט פּירות, האָבן זיי עס פארטיילט אין די הייזער און געזאמלט געלט פאר „קרן קיימת״.

אין יאָר 1923, ווען עס איז פאָרגעקומען אין ווין די ערשטע פארזאמלונג פון דער „כנסת הגדולה״ און עס איז געשאפן געוואָרן די אגודת ישראל, האָט עס ביי אונדז אוועקגעריסן די חסידישע קרייזן פון דער ציוניסטישער טעטיקייט. זיי האָבן זיך שוין געשעמט מיטצוארבעטן עפנטלעך מיט די ציוניסטן. אָבער דאָס זאמלען שפּענדונגען פארן „קרן קיימת״ אין ט״ו בשבט, חנוכה, פּורים, ל״ג בעומר איז נישט געשטערט געוואָרן. די ווייס־בלויע פושקע איז געבליבן איבעראַל הענגען און יעדן

מאַנאַט האָט מען זי אויסגעליידיקט. דער שקלים־פאַרקויף האָט זיך דאָס יאָר פאַר־גרעסערט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט פאַרקויפט 600 שקלים און באַקומען דאָס רעכט צו שיקן א דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

אין יאָר 1923 איז פאָרגעקומען אין מעזריטש די קאָנפערענץ פארן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל. זענען געפאָרן פון שטעטל צו דער קאָנפערענץ 2 דעלעגאַטן און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער ארבעטער־פארטיי צ.ס. פועלי ציון. אין יאָר 1925 איז געגרינדעט געוואָרן די רעוויזיאָניסטישע פארטיי און אזוי האָט זיך געשאפן א שפּאַלטונג אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אין שטעטל האָט זיך געפירט א לעבהאַפטע טעטיקייט פון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען, וואָס האָבן זיך נאָר געפונען אויף דער יידישער גאַס. פון יונג ביז אַלט האָט יעדער געהאַט זיין קרייז, זיין באַוועגונג, זיין לאָקאַל. מען האָט זיך בעקעמפט אידעאיש, אָבער שטענדיק אויף אַן אָרנטלעכן אופן, נישט געשלאָגן זיך ווי עס איז פאָרגעקומען אין די פארטייען פון לינקן לאַגער. עס איז געווען א מחלוקת לשם שמים. יעדע פארטיי האָט געהאַט דעם ציל צו באַקומען מער סערטיפיקאַטן פאר אירע חברים, וועלכע זאָלן קענען עולה־זיין ארץ־ישראל.

עס זענען געשאַפן געוואָרן אין שטעטל הכשרה־פונקטן פון דער חלוצישער באַוועגונג און פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג. די חלוצים האָבן אדורכגעמאַכט די הכשרה ביי פעלד־ארבעט ביי פוילישע לאַנדווירטן און ביים יידישן לאַנדווירט אין שטעטל. ווינטערצייט, ווען עס איז נישט געווען קיין ארבעט אין פעלד, זענען די חלוצים געגאַנגען אויף שווארצע ארבעט. בחורים האָבן אפילו געהאַקט האָלץ און מיידלעך זענען געגאַנגען וואַשן וועש און פּאָדלאָגעס כדי אויסצוהאַלטן די הכשרה־פונקטן. פיל חלוצים זענען טאַקע עולה געווען פון די הכשרה־פונקטן קיין ארץ־ישראל און אזוי געראַטעוועט געוואָרן פון די נאַצישע מערדער.



שלום קליידערמאכער
ניו־יאָרק

אנטוויקלונג פון דער בונדישער ארגאניזאציע

אין דער ערשטער העלפט פון 1922 איז געגרינדעט געוואָרן אין שטעטל א יוגנט־אָרגאניזאציע אונטערן נאָמען „יוגנט־קלוב קולטור סארנאקי״. די גרינדער — לייב טענענבוים, חיה ראָגאָזשיק ז״ל, חיים נאבאָזשני ז״ל א. א. — זענען נישט געווען קיין בונדיסטן און אויך נישט קיין ארבעטער. דאָס זענען געווען קינדער פון אזויגערופענעם קליינבירגערטום. די אויפגאבע פון דער אָרגאניזאציע איז געווען צו פארשפרייטן קולטור און וויסן צווישן די ברייטע מאסן יוגנטלעכע אין סארנאקי.

געווען איז עס איינע פון די שענסטע און נאָבלסטע אויפגאבן אין יענער צייט, ווען כמעט די גאנצע באפעלקערונג פון שטעטל האָט געלעבט אין אָפגעשטאנענקייט און רעליגיעזן פאנאטיזם. צו אזא ארבעט האָט זיך געפאָדערט א מאסן־אָרגאניזאציע. צו דעם צוועק איז געפירט געוואָרן א גרויסע אגיטאציע צווישן די יוגנטלעכע ארבעטער. דער ערשטער מיטגליד פון צווישן די ארבעטער איז געווען דער שרייבער פון אָט די שורות. הגם אין יענער צייט בין איך געווען נאָך גאָר יונג, האָב איך געהאט א געוויסן איינפלוס צווישן די יוגנטלעכע ארבעטער אין שטעטל. די אָרגאניזאציע האָט זיך פארגרעסערט פון טאָג צו טאָג מיט נייע מיטגלידער פון דער ארבעטער־יוגנט און סתם יוגנטלעכע פון דער פאָלקס־מאסע.

כדי אויסצוארבעטן א טעטיקייטס־פראָגראם האָט זיך געפאָדערט א קאָנטאקט מיט א צענטראלער קערפערשאפט. פאר דעם צוועק האָבן מיר זיך געווענדעט צו דער צענטראלער „קולטור ליגע״ וועגן אינסטרוקציעס פאר אונדזער קולטור־ארבעט. די „קולטור ליגע״ איז געווען אונטער דער השפעה פון „בונד״ און אזויארום האָט דער צענטראל קאָמיטעט געשיקט א פאָרשטייער פון ווארשע. עס איז אָפגעהאלטן געוואָרן א פארזאמלונג און א רעפעראט און אונדזער ארבעט איז איינגעשטעלט געוואָרן.

שפעטער האָבן מיר געשיקט אונדזערס א דעלעגאט, דעם ח׳ לייב טענענבוים, קיין ווארשע און ער איז צוריקגעקומען מיט א פארטיקן פראָגראם און אויך פארזיכערט

אן ענדערונג אין אונדזער נאָמען: אָנשטאָט „יוגנט־קלוב קולטור סארנאקי״ ווערן מיר אָנגערופען יוגנט־אָרגאניזאציע „צוקונפט״. פון דאן הויבן מיר אָן פירן א בונדישע טעטיקייט אויף אלע געביטן פון פארטיי־לעבן.

מיר הויבן אָן פארשפרייטן די בונדישע „פאָלקס־צייטונג״, וואָס איז נאָך דאן דערשינען 2 מאל א וואָך, ווי אויך דעם מאָנאטלעכן אָרגאן פון דער יוגנט־אָרגאניזאציע „צוקונפט״ — „יוגנט וועקער״, וועלכער איז פארשפרייט געוואָרן אין 40 עקזעמפלארן. ס׳שווימט ארויף די פראגע פון שאפן א ביבליאָטעק, וואָס זאָל קענען באפרידיקן די גייסטיקע באדערפעניש פון דער מיטגלידערשאפט. לאנגזאם ווערט אזא ביבליאָטעק געשאפן. מיר גרינדן א דראמאטישן קרייז פון אונדזערע פייאיקסטע קרעפטן, וועלכער שפילט „גאָט, מענטש און טייוול״ מיט גרויס דערפאָלג. די פאָרשטעלונג ברענגט אריין א געוויסע סומע אין דער קאסע. ווי שטארק עס איז געווען דער דראנג נאָך קולטור אין יענער צייט — אויף דעם זאָגט עדות דער פאָלגנדער פאקט. ווען עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון אויסגראָבן קארטאָפל אויפן פעלד, האָט א געוויסע צאָל מיידלעך זיך געשטעלט גראָבן קארטאָפל א טאָג כדי אָפּצוגעבן דעם לוין לטובת דער ביבליאָטעק.

מיר האָבן אויך געשאפן א לעקטאָרן קרייז צו לערנען לעזן און שרייבן. צום לעקטאָרן קרייז האָבן געהערט פאָלגנדע חברים: חיים נאבאָזשני ז״ל, חיה ראָגאָזשיק ז״ל, אייזיק מאָנטשאזש, שלום קליידערמאכער, גבריאל צוקער ז״ל. הגם קיינער פון אונדז איז נישט געווען קיין פּעדאגאָג, האָט זיך יעדער פון אונדז באמיט צו טאָן זיין ארבעט וואָס בעסער. שוועריקייטן זענען געווען מיט א לאָקאל. קיין עפנטלעכן לאָקאל האָבן מיר נאָך אין יענער צייט נישט געהאט און די לעקציעס זענען געגעבן געוואָרן אין פּריוואטע דירות פון די חברים.

אין דער צווישנצייט האָבן זיך דערנענטערט די וואלן צום סיים. קיינער פון אונדזערע מיטגלידער איז נישט געווען פוליעריק (21 יאָר אלט) כדי צו שטימען, אָבער מיר האָבן שוין געפירט אן אינטענסיווע אויפקלערונגס־ארבעט צווישן דער באפעל־קערונג אָפּצוגעבן די שטימע פארן „בונד״. דאָס האָבן מיר געטאָן דורך פארטיילן וואל־ליטעראטור און איינאָרדנען רעפעראטן, אראָפּברענגענדיק דערצו פון דערבייאיקן שטעטל לאָשיץ דעם ח׳ יוסף מינץ, וועלכער האָט געהאלטן א פּאָר מאָל זיינע רעפעראטן אין בית־המדרש. דעם לעצטן שבת פאר די וואלן איז אונדז געלונגען צו באקומען א רעפערענט פון ווארשע, דעם ח׳ הייסעראָוויטש (באקאנט אונטערן פּסעוודאָנים קרימסקי), וועלכער האָט געמאכט א שטארקן איינדרוק מיט זיין רעדע. ס׳איז דאן אָפּגעגעבן געוואָרן א באדייטנדיקע צאָל שטימען פארן „בונד״.

שפּעטער האָבן מיר פארברייטערט אונדזער פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייט. אָפּט האָבן מיר אָרגאניזירט טאנץ־אָוונטן כדי צו געבן אונדזערע מיטגלידער א מעג־לעכקייט זיך אויסצולעבן. די טאנץ־אָוונטן האָבן אריינגעבראכט א באזונדערע אינטימע פריינטשאפט און ראָמאנטישע שטימונג. מיט איין וואָרט, די אויפלעבונג און דאָס חברישע פארברענגען פון דער סארנאקער יוגנט אין יענער צייט האָט געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון דער סביבה און אין שטעטל זענען אָפּט געקומען מיידלעך און יינגלעך פון די ארומיקע שטעטלעך, ווערנדיק מיטגעריסן מיט אונדזער פארברענגען און פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג.

אין דער צייט ווען מיר קומען צו אזעלכע דערגרייכונגען כמעט אויף אלע געביטן דרינגט אריין אן אומצופרידנהייט אין די חברישע באציאונגען. אין דער אָרגאַניזאציע שאפן זיך 2 לאַגערן: ארבעטער־יוגנט און בירגערלעכע עלעמענטן. אזא צושטאנד האָט נישט געקענט לאנג אָנהאלטן. ענדע 1923 איז גערופן געוואָרן א פארזאמלונג כדי צו באהאנדלען די פראגע פון דער געשאפענער לאגע. עס זענען ארויסגעטרעטן 3 רעדנער. אויב איך האָב נישט קיין טעות, זענען עס געווען לייב טענענבוים און גבריאל צוקער פון דעם אזוי־גערופענעם בירגערלעכן לאגער און מיין וויניקייט פון ארבעטער־לאַגער.

די פארזאמלונג האָט געבראכט צו א שפאלטונג אין דער אָרגאַניזאציע, וואָס האָט געציילט אומגעפער 40 מיטגלידער. 25 מיטגלידער זענען געבליבן מיט מיר אונטערן נאָמען יוגנט־אָרגאַניזאציע „צוקונפט״. די איבעריקע זענען זיך פונאנדער־געגאנגען. עס זענען אוועקגעגאנגען אינטעלעקטועלע קרעפטן — באזונדערס לייב טענענבוים און די אידעלע יידישע טאָכטער חיה ראָגאָזשיק ז״ל — און זעלבפאַר־שטענדלעך איז עס געווען א גרויסער פארלוסט. אָבער שנעל זענען מיר געקומען צו זיך מיטן באוווסטזיין, אז אן אָרגאַניזאציע שטיצט זיך נישט אויף א פערזאָנען־קולט, נאָך אויף אן אידעאָלאָגישן גרונט. מיט אָטדעם באוווסטזיין זענען מיר צוגעטרעטן צו צעמענטירן אונדזער אָרגאַניזאציע. עס איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרן א נייע פארוואלטונג. אין פרעזידיום זענען אריין: שלום קליידערמאכער, שמואל ווייסבערג ז״ל און שלמה קליידערמאכער. מיר האָבן פאָרגעזעצט די אקטיוויטעט צווישן דער ארבעטער־יוגנט און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די שפאלטונג איז געווען א געווינס פאר אונדז. עס זענען צוגעקומען נייע מיטגלידער פון דער ארבעטערשאפט, וואָס האָבן פריער נישט געהאט קיין צוטרוי צו דער אזויגערופענער „געמישטער אָרגאַ־ניזאציע״... זייענדיק איצט א פארבאנד פון בלויז ארבעטער־עלעמענטן, זענען זיי אין איר אריינגעטראָטן מיט יוגנטלעכן אייפער, מיטן ווילן זיך צו לערנען און מיטבאטייליקן אין אונדזער ארבעט און שאפן.

מיט דער אויסברייטערונג פון דער אָרגאַניזאציע אנטשטייען נייע שוועריקייטן. עס איז אויפגעקומען דער געדאנק צו גרינדן א פראָפעסיאָנעלן לעדער פאראיין, ווו מיר זאָלן קענען פירן מער לעגאל אונדזער אויפקלערונגס־ארבעט צווישן די ברייטערע ארבעטער־שיכטן. מיר האָבן זיך געווענדעט צום צענטראל־ראט פון די פראָפעסיאָנעלע קלאסן־פאראיינען כדי צו עפענען ביי אונדז אן אָפטיילונג פון לעדער פאראיין. נאָך גרויס מי איז אונדז געלונגען צו באקומען לעגאליזאציע און אין יאָר 1924 האָבן מיר געעפנט א לעדער פאראיין. אין דער אָנפירונג פון פאראיין זענען געווען: שלום קליידערמאכער — פאָרזיצער און סעקרעטאר, חיים שמואל ווייסבערג ז״ל — קאסירער, לייב יורבערג ז״ל, יעקב ראָזענפעלד ז״ל.

מיר זענען צוגעטרעטן אָרגאַניזירן די לעדער־ארבעטער, וואָס א גרויסער טייל פון זיי האָט נישט באלאנגט צו קיין שום אָרגאַניזאציע. עס איז געווען א שווערע אויפגאבע ארויספירן די ארבעטער צו א שטרייק, אָבער מיר האָבן זיך נישט אָפגעשראָקן דערפון. צום אָנקומענדיקן סעזאָן, אין 1924, פינף וואָכן פאר פסח, האָבן מיר פראָקלאמירט דעם ערשטן שטרייק. געווען איז עס נישט פאר לוין העכערונג, נאָר פאר אן 8 שעהדיקן ארבעטס־טאָג.

די ארבעטס־געבער זענען דאן געווינט געוועזן, אז די ארבעט דויערט פון פריסטן באגינען ביז אין דער שפעטער נאכט אריין. אונדזער ציל איז געוועזן צו געווינען צייט פאר די ארבעטער כדי זיי זאלן קענען לעבן מענטשלעך: זיי זאלן האבן ווען צו לערנען, לייענען א בוך, קענען פארברענגען א.אז.וו. אין יענער צייט איז עס געווען זייער שווער צו רעאליזירן. די עלטערן פון די קינדער זענען געווען ארימע מענטשן, וואס האבן אויסגעקוקט די מאטעריעלע הילף פון די קינדער. און דא רוקט זיך אן דער יום־טוב פסח און די עלטערן ווען נישט האבן קיין מעגלעכקייט אריינצו־ברענגען דעם פסח אין הויז אריין אן די קינדערס הילף. די פארביטערונג פון די עלטערן פון די שטרייקנדיקע קינדער איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז ווען איך האב מיך באוויזן אין גאס, האבן די עלטערן געווארפן נאך מיר שטיינער.

עס דערמאנט זיך מיר אן עפיזאד. אין סארנאקי איז געווען א מלמד מיטן נאמען אלטער, א גרויסער ארימאן נעבעך. ער האט געהאט א זון שמחה, א ייִנגל פון א יאר 15, אבער שוין א שוסטער־ארבעטער. איינמאל אין א פרימארגן קומט דער ייד צו אונדזער הויז און טרעפט מיין פאטער אין גאס. — דיין זון הייסט שלום? — פרעגט ער אים. באקומענדיק אן ענטפער, פאלט דער ייד אריין צו מיר נישט־טויט נישט־לעבעדיק און כאפט מיר אן פאר די ארבל: אוי, שלום! דו ביזט עס דער שלום? וואס ווילסטו פון מיין געפגרטן שמחה?... ער איז דאך נאך ערגער ווי געפגרט!...

די ווערטער זענען ארויסגעגאנגען אויסגעזונגען מיט א גמרא ניגון, אנגעזאפט מיט צער און ווייטאק צוליב דעם וואס דער איינציקער שפייזער, דער 15־יעריקער זון וועט נישט קענען העלפן צונויפשטוקעווען דעם כשרן יום־טוב פסח.

געוויס וואלט געווען לייכטער צו פירן דעם שטרייק ווען צו אונדזער דיספאזיציע וואלטן געווען געלט־מיטלען, ווען מען קען למשל ארויסנעמען 25 זלאטעס און געבן דעם ייד צושטייער אויף יום־טוב. אבער מיר האבן אזעלכעס נישט פארמאגט. דערפאר האב איך געפילט, אז איך טראג א צו שווערע לאסט פון פאראנטווארטלעכקייט פאר דידאזיקע ארימע יידן.

דערווייל איז געשען א פאטאלער פאל מיט א קריסטלעכן שוסטער־ארבעטער, וועלכער האט נישט געוואלט צושטיין צום שטרייק. מיר האבן אים אויפגעפאדערט 3 מאל צו קומען אויף א פארזאמלונג און ער איז נישט געקומען. עס איז נישט געבליבן קיין אנדער אויסוועג ווי ארופנעמען אים פון דער ארבעט מיט געוואלט. עס איז אנטשטאנען א סקאנדאל, וואס האט זיך פארענדיקט מיט א פאליציי־פראטאקאל. די געריכטס־פארהאנדלונגען זענען פארגעקומען מיט א צייט שפעטער און 4 מאן זענען פארמשפט געווארן אויף 14 טעג ארעסט. הגם דער שרייבער פון אטדי שורות איז אין פראטאקאל נישט געווען פארמישט, האט ער אויך באקומען 4 טעג ארעסט אלס פארזיצער פון פאראיין — פאר דערלאזן צו טעראר־אקטן.

אין דער צווישנצייט האבן מיר געפירט אונטערהאנדלונגען מיט די ארבעטס־געבער און איינגעגאנגען אויף א 9 שעהדיקן ארבעטס־טאג. די ארבעטער האבן זיך צוריקגעקערט צו דער ארבעט מיט מער מוט ווייל זיי האבן דאך עפעס דערגרייכט מיטן שטרייק. עס זענען נאך געבליבן 3 וואכן פאר פסח און די ארבעטער האבן נאך באוויזן צו פארדינען אויף יום־טוב.

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט די צייט ווען מיר האָבן געדאַרפט ארייַנגיין אין דער „קאָזע". הגם מען קען נישט פארגלייכן די סארנאקער „קאָזע" מיט די תפיסה־מויערן פון ווארשעווער „פאוויאַק" אדער „ציטאַדעל", איז עס נישט געווען קיין געשמאַקער ביסן. דאָ האָט מען געקענט צו יעדער צייט אונדז באַזוכן, אריינברענגען עסן און ביכער צום לעזן, אָבער די געפּרעסטע לופט און די שאַרפע ריחות זענען געווען אומאָנגענעם. איך האָב זיך געפילט שולדיק אין באַצוג צו מיינע חברים. נאָך 4 טעג אָפּזיצן בין איך ארויס אויף דער פריי און זיי האָבן געמוזט שמאַכטן נאָך 10 טעג. אָבער העלפן האָב איך זיי נישט געקענט.

נאָכן אָפּזיצן די צייט האָבן מיר באַנייט אונדזער טעטיקייט אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט. אָבער דאָס האָט געדויערט נישט לאַנג. 4 וואָכן נאָך אונדזער באַנייטער טעטיקייט האָט אונדז די אייגנטימערין פון לאָקאַל געמאָלדן, אַז מיר זאָלן זיך ארויסציען פון דאָרט ווייל זי דאַרף דעם לאָקאַל פאַר זיך. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען לויט אַ ווונק פון דער מאַכט. אָבער די לעגאַליזאַציע האָט מען נישט געקענט בטל מאַכן ווייל דאָס איז געווען פון אַ העכערער אינסטאַנץ.

די טיילווייזע לעגאַליטעט האָבן מיר אויסגענוצט פאַר אונדזער פּאַרטייאישער אַרבעט, וועלכע האָט זיך געפירט אין 3 קרייזן אין פּריוואַטע דירות פון חברים. געווען איז עס ווינטערצייט. זומער האָבן מיר געפירט אונדזער טעטיקייט אויפן פרייען פעלד. מיר פלעגן זיך צוזאַמענעמען, יינגלעך און מיידלעך, אויף אַ שפּאַציר, אוועקזעצן זיך אויף אַ לאָנקע, הערן פאַרלעזונגען און פירן דיסקוסיעס אין פראַגן, וואָס זענען אין יענער צייט געווען אַקטועל. אויך האָבן מיר איינגעאָרדנט אָפטע „קעסטל־אָוונטן", וואָס האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן אויפן דערציערישן געביט.

אונדזער דראַמאַטישער קרייז האָט זיך אויסגעצייכנט אויספירנדיק פּיעסעס פון גאָרדין, שלום אש, גאָלדפאַדן, אַנ־סקי. דאָס האָט אונדז מאַטעריעל פיל געהאָלפן צו פאַרגרעסערן אונדזער ביבליאָטעק.

ביי אַלע אונדזערע גרעסערע אונטערנעמונגען — ווי עפנטלעכע פאָרלעזונגען, טאַנץ־אָוונטן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען — זענען מיר אונטערשטיצט געוואָרן פון די אַרבעטער־שיכטן פון די ארומיקע שטעטלעך, וועלכע פלעגן קומען אונדז באַזוכן.

מיט מיטגלידער פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום ערנסטע קאָנפליקטן. אדרבא, עס זענען אפילו געווען פאַלן ווען מיר האָבן צוזאַמען געשפּילט טעאַטער. דאַקעגן זענען אָפטמאָל פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן און שטערונגען מצד דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואָס אירע מיטגלידער האָבן געוואָלט ארונטעררייסן אונדזערס אַ פאָרלעזונג אָדער אַ פאַרזאַמלונג. ווען דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן, האָבן זיי פּראָבירט אָנווענדן טעראָר. אַזוי איז שלמה קליידערמאַכער, נאָכן ארויסגיין פון אַ פאָרלעזונג, באַפאַלן געוואָרן פון הינטן, צעקלאַפּט געוואָרן מיט אַ ברעט און געבליבן ליגן אויפן גאַס. אָבער עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן צעברעכן אונדזער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט — מיט איר אַוואַנגאַרד פון באַוווּסטזיניקע סאָציאַליסטן — אין אַ קורצער צייט פון איר אויפקלערונגס־אַרבעט באַוויזן צו זאַמלען ארום זיך די ברייטסטע מאַסן פון אַרבעטער און פאָלקס מענטשן.

אין 1926, נאָך פּילסודסקיס איבערקערעניש אין פּוילן, איז אַ גרעסערע גרופּע בונדיסטן אַוועק קיין ווארשע און איך צווישן זיי. די אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע

האָבן איבערגענומען דוד פערלמאַן ז״ל — פאָרזיצער, לייב נאַרטמאַן ז״ל — סעקרעטאַר, שלמה קליידערמאַכער — קאַסירער, שמואל ווייסבערג, דבורה אַקערמאַן. די אָרגאַניזאַציע ווערט דאַן לעגאַליזירט אונטערן נאָמען „קולטור ליגע״. עס ווערט געעפנט א לאָקאַל, וואָס גיט א ברייטע מעגלעכקייט פאַר ווייטערדיקער ארבעט.

מיט דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט אין שטעטל ווערט אויך פאַרגרעסערט די אָרגאַניזאַציע און עס פאָדערט זיך א באַזונדער קערפּערשאַפט, וואָס זאָל פירן אַן אויפקלערונגס־ארבעט צווישן די ניי־צוגעקומענע מיטגלידער. די עלטערע מיטגלידער ווערן אַריבערגעפירט אין דער פּאַרטיי „בונד״. פאַר די ייִנגערע מיטגלידער דינט די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״. עס ווערן דאַן אויסגעוויילט 2 אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן. צו דער פּאַרטיי אָנפירונג געהערן: דוד פערלמאַן — פאָרזיצער, הערשל רודסקי — סעקרעטאַר, שמואל ווייסבערג — קאַסירער, שלמה קליידערמאַכער — קאָמיסאַר פון דער טעגלעכער בונדישער צייטונג. אין דער אָנפירונג פון „צוקונפט״ זענען געווען: לייב נאַרטמאַן ז״ל — פאָרזיצער, דבורה אַקערמאַן — סעקרעטאַרין, צאַלקע מאַנדעלבוים — פרעסע קאָמיסאַר פון מאָנאַטלעכן זשורנאַל „יוגנט וועקער״.

אַזאַ אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט פאָדערט, זעלבפאַרשטענדלעך, קאָנטאַקט מיט די ברייטע פאָלקס־מאַסן פון שטעטל. עס זענען אָראָפּגעבראַכט געוואָרן פון וואַרשע רעפערענטן, וועלכע האָבן געהאַלטן עפנטלעכע פאָרטראַגן אויף סאָציאַל־פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס. די אָרגאַניזאַציע פלעגט איינלאַדן פאַרשטייער פון פאַרשיידענע ריכטונגען צו קומען און שטעלן פראַגן און אָנטיילנעמען אין דיסקוסיעס. אַזוי האָבן מיר געשטויסן זיך צו אָריענטירן אין פּאָליטישע פּראָבלעמען און אידעאָלאָגישע שטעלונגען.

שפּעטער איז אויך געגרינדעט געוואָרן אין שטעטל א „סקיף״ אָפּטיילונג — סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד. אָבער די צייט שטייט נישט אויף איין אָרט. די יוגנטלעכע וואַקסן־אויף און עס אַנטשטייט דער נאַטירלעכער דראַנג צו זעלבשטענדיקן פאַמיליען־לעבן. די גרעסטע טייל מיטגלידער הייראַטן און באַזעצן זיך אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין סאַרנאַקי האַלטן נאָך אויס א קורצע צייט דעם לאָקאַל און זעצן פאָר די טעטיקייט אין א קלענערן מאַסשטאַב. אָבער לאַנג אָנהאַלטן אַזוי איז שוין נישט געווען מעגלעך און אין 1936 איז דער לאָקאַל געשלאָסן געוואָרן.

צוויי איבערגעבליבענע חברים, הערשל רודסקי און שלמה קליידערמאַכער, פירן נאָך ווייטער זייער בונדישע טעטיקייט אין פּריוואַטע דירות, בלייבנדיק מיט א קליינע צאָל מיטגלידער. זיי פאַרשפּרייטן אויך די טעגלעכע און מאָנאַטלעכע פרעסע פון דער פּאַרטיי. אַזוי ווערט די ארבעט געפירט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. שלמה קליידערמאַכער פירט דאַן אוועק די ביכער קיין סעמיאַטיטש און שענקט זיי אוועק דער אָרטיקער פאָלקס־ביבליאָטעק. דאַן זענען געקומען די נאַצישע בעסטיעס און עס איז פאַרשניטן געוואָרן א בליענדיק לעבן פון טרוימער און קעמפער, וואָס האָבן געחלומט און געשאַפן פאַר א נייער צוקונפט.

פון דער אַמאָליקער פאַרצווייגטער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין סאַרנאַקי זענען לעבן געבליבן בלויז 5 פערזאָנען: שלום און שלמה קליידערמאַכער (ניו־יאָרק), הערשל רודסקי, צאַלקע מאַנדעלבוים (מאָנטרעאַל), דבורה אַקערמאַן (ישראל).

שרגא זייערמאַן
חיפה

רעוויזיאניזם און בית״ר ארגאניזאציע

די רעוויזיאָניסטישע באוועגונג האָט זיך געגרינדעט ביי אונדז אין שטעטל אין יאָר 1925, באלד אין אָנפאנג פון איר אנטשטייאונג אויף דער יידישער גאס אין פוילן. א גרופע אָנגעזעענע חברים פונם אלגעמיינעם ציוניסטישן לאגער האָט באשלאָסן זיך אָפרייסן פון דער פארטיי און שאפן די רעוויזיאָניסטישע אָרגאניזאציע.

די חברים זענען געווען: יעקב צוקער, גבריאל צוקער, משה ראָזענבוים, נטע ראָזענבוים, שרה נאָרטמן, חוה שטיינבערג, דבורה שטיינבערג, חנהטשע ראָזענבוים, שבתי ביר און יבל״ח מאיר פרידמאַן, פייוול זייערמאַן, לייב טענענבוים און פיל אנדערע. אויף דער גרינדונגס־פארזאמלונג איז געוואָרן אויסגעקליבן א פארוואלטונג פון 5 חברים: מאיר פרידמאַן, פייוול זייערמאַן, לייב טענענבוים, און יבל״ח יעקב צוקער און משה ראָזענבוים, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך די אויפגאבע אויסזוכן א לאָקאל און דורכפירן א ווערבירונגס־אקציע צווישן די ציוניסטישע מיטגלידער און סימפאטיקער.

און דער ניי־געשאפענער אָרגאניזאציע זענען אריינגעטראָטן פיל חברים־ות, בערך 25 עלטערע מיטגלידער און 25 יוגנטלעכע אונטער 20 יאָר. מען האָט געדונגען



בית״ר חברים אויף אן אויספלוג

א לאָקאל ביי מלכה בראָנשטיין אויפן שטאָק און עס האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע טעטיקייט אויף אלע געביטן. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן עטלעכע מאָל אין דער וואָך חברים געשפּרעכן, פאַרלעזונגען, אויפקלערונגען אויף פאַרשיידענע ציוניסטישע פּאָליטישע טעמעס בכלל און די אויפגאַבן פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי בפרט.

דער אָפּקלאַנג אין שטעטל פון דער גרויסער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי האָט ארויסגערופן פיל סכסוכים מיט די אנדערע פּאַרטייען פונם ציוניסטישן לאגער און קאַמף מיט די לינקע נישט־ציוניסטישע גרופּירונגען, וועלכע פלעגן זיך אריינרייסן אין לאָקאל אריין, אויפרייסן די פאַרזאַמלונגען און אָפטמאָל צעשלאָגן די אָנוועזנדיקע חברים.

אין יענער צייט איז נאָך פאָרגעקומען די מיטבאַטייליקונג אויף אלע ציוניסטישע געביטן, איינשליסלעך „קרן קיימת" און „קרן היסוד", לויט א פּאַרטיי־שליסל, פאַרטרעטן פון אלע ציוניסטישע ריכטונגען. מיט דער „קרן קיימת" קאָמיסיע האָט אָנגעפירט אלס מורשה ח' פייוול זייערמאַן. די ארבעט האָט זיך געפירט נאָרמאַל. יעדן מאָנאַט זענען געוואָרן באַשטימט חברים פון אלע פּאַרטייען אויסצולײדיקן די „קרן־קיימת" בלוי־ווייסע פּושקעס. אויך ביי אלע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע פייערלעכקייטן — צ.ב.ש. ל"ג בעומר, כ' תמוז, חנוכה, ט"ו בשבט, פּורים — אויך אויף חתונות און בריתן זענען די „קרן קיימת" אקציעס דורכגעפירט געוואָרן מיט בשותּפותדיקע כוחות פון אלע פּאַרטייען.

אינם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן האָט די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי, מיט איר מוסטערהאַפטער ארבעט, געהאַט א גרויסע השפּעה אויף דער יידישער באַפעלקערונג. צו דער יידישער קהילה האָבן מיר נישט געקענט אריינפירן אונדזערס א קאַנדידאַט ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין פּאַסנדיקן חבר איבער 30 יאָר — ווי די וואַל־אָרדינאַציע האָט פאַראָרדנט. אָבער ביי סיים־און מוניציפּאַלע וואַלן האָבן מיר געשפּילט א באַדייטנדיקע ראָלע און 2 פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי זענען געווען ראַטמענער אין דער גמינע פאַרוואַלטונג: די חברים פייוול זייערמאַן און יעקב צוקער.

דער פּאַרטיי־לאָקאַל איז געווען יעדע נאַכט אָפן און איז באַזוכט געוואָרן פון א גרויסע צאָל חברים און סימפּאַטיקער. דאָרט זענען געווען צייטונגען, זשורנאַלן, אויך פאַרשיידענע ביכער. פרייטיק צונאַכטס, שבת, און שבת צונאַכטס זענען אָפטער פאָרגעקומען דיסקוסיעס איבער אקטועלע פּראָבלעמען און דער לאָקאַל איז געווען געפּאַקט.

אין יאָר 1927 האָט זיך די פּאַרטיי איבערגעטראָגן אין א גרעסערן לאָקאַל פון 2 צימערן — ביי הינדע שטערן אויפן ערשטן שטאָק. דער לאָקאַל האָט זיך געפונען אין סאַמע צענטער פון שטאָט און האָט געקענט אויפנעמען א גרעסערע צאָל באַזוכער. דאָ זענען אויך פאָרגעקומען טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון צייט צו צייט.

אין 1928 איז געגרינדעט געוואָרן די בית"רישע באַוועגונג, וועלכע האָט געציילט איבער 30 חברים־ות אונטער 20 יאָר. מפקד בית"ר איז געווען ח' פייוול זייערמאַן, וואָס האָט געקענט די מיליטערישע איבונגען פון דער פּוילישער ארמיי. כמעט יעדן פאַרנאַכט זענען זיך אלע מיטגלידער צוזאַמענגעקומען אין בית"ר אוניפאָרם און מאַרשירט איבער די גאַסן מיט געזאַנג און אוועק אונטערן שטאָט מאַכן מיליטערישע איבונגען. שבת נאָכמיטאָג האָט עס געטראָגן א מער פייערלכן כאַראַקטער.

ווען אלע בית״רים זענען געווען אויסגעפוצט מיטן גאנצן פראכט־אוניפאָרם, דער מפקד — מיט דעם „אָפיצערסקן פשעפּאַסעק״ אין דער זייט. די מושטירונגען אויף עברית האָבן אָפּגעקלונגען איבערן גאנצן שטעטל. עס האָט אויסגעזען ווי אן עכט־מיליטערישע גרופּע מארשירט איבער די יידישע און קריסטלעכע גאסן, מיט דעם געזאנג פון רעוויזיאָניסטישע און בית״רישע לידער.

דער ארויסטריט האָט ארויסגערופן בייז בלוט ביי די לינקע פארטייען, וועלכע פלעגן נאָכוואַרפן שטיינער און נאָכשרייען באליידיקונגס־אויסדרוקן ווי „פאשיסטן״ א. אנד. זידלערייען. אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעשראָקן און עס האָבן זיך נאָך מער פארשטארקט די בית״רישע רייען. דאקעגן די קריסטן האָבן געהאט גרויס רעספּעקט פאר דער מארשירנדיקער גרופּע מיט די מיליטערישע מונדורען און זיי האָבן באמערקט, אז די יידן דארפן טאקע שאפן אן אייגענע מלוכה מיט אייגענע מיליטער און ארויספאָרן קיין פּאלעסטינע.

דער מפקד בית״ר האָט באקומען אין שטעטל דעם נאָמען „קדימה״ ווייל דאָס ליד „קדימה בית״ר״ איז געווען דאָס הויפּט־ליד ביים מארשירן. אויך זיינע קינדער זענען געוואָרן געקרוינט מיטן זעלבן נאָמען און מען האָט זיי איבעראל נאָכגעשריען „קדימה״. אויך אין דער פּוילישער שולע האָט מען זיי גערופן מיט דעם נאָמען.


בית״ר מיטגלידערין
אסתר זייערמאן (לעווין)

אין דער צייט ווען דער ראש בית״ר זאב זשאבאָטינסקי איז ארויסגעטרעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע און די באוועגונג האָט מער נישט מיטגעארבעט מיט די ציוניסטישע קרנות, האָבן מיר געשאפן דעם „קרן תל־חי״ און געזאמלט געלט אין שטעטל פאר דעם פאָנד און עס איבערגעשיקט קיין ווארשע אין דער צענטראלע. דעמאָלט האָבן זיך נאָך מער פארשטארקט די רייבונגען מיט די איבעריקע ציוניסטישע און נישט־ציוניסטישע עלעמענטן אין שטעטל און עס פלעגן אָפטער פאָרקומען פארשיידענע צוזאמענשטויסן.

אין די יאָרן 1932—1935 האָט די בית״רישע באוועגונג געמאכט פארשיידענע אויספלוגן אין די שכנותדיקע שטעטלעך. דער ערשטער אויספלוג איז געווען קיין ביאלא פאָדלאסקא, ווען דער בית״ר האָט דאָרט געעפנט א נייעם לאָקאל. אונדזער בית״ר־גרופּע פון איבער 30 חברים איז פארנאכט אויף 2 וועגענער אוועקגעפאָרן אהין דורך די שטעטלעך קאָנסטאנטינאָוו און יאנאָווע. מען האָט אונדז דאָרט ווארעם אויפגענומען. עס האָט געמאכט אויף די דאָרטיקע יידן אן איבערראשנדיקן איינדרוק. מיר זענען גאנץ פרי אָנגעקומען קיין ביאלא. דאָרט זענען געווען פארזאמלט הונדערטער בית״רים פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך ווי מעזריטש, בריסק, טערעספּאָלא און אנד. מיר זענען אריינגעטרעטן אין רייען און צוזאמען מיט אלע מארשירט איבער די ביאלער הויפּט־גאסן. דער בריסקער אָרקעסטער האָט געשפּילט און דער גאנצער

צוזאמענפאַר, אויסגעשטעלט אין רייען פירווייז אין מוסטערהאפטער אָרדנונג, האָט מארשירט. עטלעכע טויזנט מענטשן, יידן און קריסטן, האָבן באגלייט דעם צוג ביז צום באשטימטן פלאַץ וווּ עס איז געווען א צוגעגרייטע טריבונע. דער דעלעגאט פון דער ווארשעווער בית״ר צענטראלע מנחם בעגין האָט געהאלטען א באגריסונג אין 3 שפּראכן: יידיש, פויליש און עברית. דער ביאלער סטאראָסטע האָט געענטפערט מיט א פייערדיקער באגריסונג, און געווונטשן צו שאפן א יידישע מדינה מיט איר אייגענער ארמיי.

דער צווייטער אויספלוג איז פאָרגעקומען אין יאָר 1933 קיין בריסק. מיר זענען ארויס פון שטעטל מיט דער זעלבער אָרדנונג דאָנערשטיק פארנאכט און אָנגעקומען קיין בריסק פרייטיק מיטאָג. מיר זענען געוואָרן איינגעשטעלט אויף פּרץ גאס 10, וווּ עס זענען שוין געווען פארזאמלט הונדערטער בית״רים פון די ארומיקע שטעט. מיר האָבן אויך פארנומען אונדזער באשטימטן פּלאַץ און געוואָרן באזאָרגט מיט עסן און נאכטלעגער. שבת צונאכטס האָט געזאָלט פאָרקומען דער רעפעראט פון ראש בית״ר



בית״ר מיטגלידערינס (פון רעכטס צו לינקס):
שפרה קארץ, אסתר זייערמאן, חנה אייזענשמיד, חיה ווייסמאן

זאב זשאבאָטינסקי אויף דער טעמע די „סטאַווסקיאדע״ אין גרויסען קינאָ־זאל „סארוועס״. פארנאכט איז געוואָרן דער זאל באזעצט פון אלע בית״רישע גרופּעס. אונדזער אָפּטיילונג האָט פארנומען די גאלעריע און מיר זענען געוואָרן פאראנטוואָרטלעך דאָרט פאר דער אָרדנונג. דער רעפעראט האָט געדויערט 4 שעה און איז אריבער אין דער בעסטער אָרדנונג. נאָכן רעפעראט זענען מיר אוועק אויפזוכן אונדזערע פורן. אויפן וועג זענען מיר געוואָרן באפאלן פון א באנדע לינקע עלעמענטן און מען האָט עטלעכע פון אונדז גוט צעשלאָגן.

אין יאָר 1934 איז פאָרגעקומען דער אויספלוג אין נאָענטסטן שטעטל סעמיאטיטש, ווו עס איז פאָרגעקומען א בית״ר צוזאמענפאָר פון ביעלסקער ראיאָן. מיר האָבן אויך אין סעמיאטיטש פארנומען אן אָנגעזעען אָרט אויפן צוזאמענפאָר. אין סעמיטיטש זענען אלע געווען באקאנטע און פריינט פון אונדזערע חברים. מען האָט אונדז דאָרט זייער ווארעם אויפגענומען. נאָך דער פייערלעכער צערעמאָניע, וואָס איז פאָרגעקומען אין בית־המדרש, ווו עס זענען געוואָרן געהאלטן רעפעראטן, האָבן מיר מארשירט איבער די הויפט־גאסן מיט די ווייס־בלויע פענער, זינגענדיק בית״רישע לידער. אויך דאָרט זענען מיר געווען פון די רעפרעזענטאנץ־גרופן.

אזוי האָבן מיר איינגעפלאנצט אין דער יוגנט די בית״ר לאָזונג „הדר". מיט איין וואָרט, אונדזער אָרגאניזאציע האָט זיך נישט פארשעמט איבעראל ווו מיר זענען אויפגעטראָטן. אין די שפּעטערע יאָרן, נאָכדעם ווי די עלטערע חברים האָבן חתונה געהאט, האָבן אָנגעפירט מיטן בית״ר ייִנגערע חברים. עס זענען אָנגעקומען נייע כוחות, וועלכע האָבן פאָרגעזעצט די מוסטערהאפטע ארבעטן פון בית״ר. עס פלעגן ווידער פאָרקומען ארויסמארשן אין די ארומיקע שטעטלעך, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אלץ איז צעשטערט געוואָרן. א גרויסער טייל פון די בית״ר חברים זענען אומגעקומען אויף פארשיידענע וועגן און נישט זוכה געווען צו קעמפן אין די מיליטערישע רייען פארן באפרייען די יידישע מדינה לויט זייערע שטרעבונגען.

שרגא זייערמאן
חיפה

דראמאטישע קרייזן — א ליכט־שטראל אין שטעטל

אויפן געביט פון דראמאטישע קרייזן און טעאטער־פאָרשטעלונגען איז סארנאקי נישט אָפּגעשטאנען. אסך אזעלכע קרייזן זענען אָרגאניזירט געוואָרן אין שטעטל.

אלע פאָרשטעלונגען, אָרגאניזירטע מיט אייגענע כוחות, האָבן געהאט גרויס דערפאָלג און זענען באזוכט געוואָרן פון רוב איינוווינער פון שטעטל. וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאט די געלעגנהייט צו זען א קינאָ־אָדער א טעאטער פאָרשטעלונג פון א גרויס טעאטער. דעריבער האָבן די איינוווינער ארויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס צו באזוכן די אייגענע קולטורעלע דראמאטישע קרייזן, וועלכע האָבן אויפגעבראכט פּיעכּעס ווי אמתע ארטיסטן. עס איז פאָרגעקומען, אז דאָס פּובליקום האָט לאנג, מיט גרויס פארגאפונג, נישט געקענט דערקענען ווער זענען די ארטיסטן, אפילו ווען זיי זענען געווען זייערע אייגענע קינדער אָדער שוועסטער און ברידער...

מיט גרויסע שוועריקייטן איז אָנגעקומען דאָס באקומען א פּלאץ אויסצופירן די פאָרשטעלונגען. עס איז געווען נאָר א פּראָוויזאָרישע שאָפּע, וועלכע האָט געדינט פאר די פייערלעשער פון דער גמינע. דער לאָקאל איז געווען גרויס, נאָר אָן א פּאָדלאָגע. אויסצופירן דאָרט ווינטער א פאָרשטעלונג איז געווען ממש א סכנה ווייל די ברייטע טויערן האָבן זיך געמוזט עפענען אין די גרויסע פרעסט כדי אריינצונעמען דאָס פּובליקום. און די ארטיסטן אויף דער סצענע, וועלכע האָבן געמוזט אויפטרעטן אין לייכטע קליידער, האָבן געציטערט פאר קעלט. דער סופלאָר, וואָס איז געזעסן אין קעסטעלע אונטער דער סצענע, איז פּשוט געפרוירן געוואָרן.

אין 1924 האָט די פאראייניקטע ציוניסטישע אָרגאניזאציע אויסגעפירט דאָס ערשטע מאָל „די שחיטה". די הויפט־ראָל אלס רבי האָט געשפּילט פייוול זייערמאן, אלס תלמיד — לייבל טענענבוים. ווען די סצענע האָט זיך געעפנט, איז געזעסן דער רבי מיטן תלמיד און געלערנט דעם ערשטן פּרק אין מסכתא חולין: „הכל שוחטין ושחיטתן כשרה" מיטן סקארבאָוון גמרא־ניגון. דאן האָבן זיך ביים פּובליקום געשטעלט

שרגא זייערמאַן
חיפה

חרוב געוואָר'ענע הייליקייטן

די אלטע שול, געבויט פון האָלץ, איז געווען די העכסטע געביידע אין שטעטל, העכער פון צוויי שטאָק. אָבער ווייל זי איז געשטאַנען אין סוף פון שולהויף, אין א טאָל, נאָנט צו די קריסטלעכע סעדער מיט בוימער, וואָס האָבן איר פאַרשטעלט, האָט מען איר נישט ארויסגעזען פונדערווייטנס.

עס ווערט דערציילט, אז די שול איז געבויט געוואָרן אין אָנפאַנג פון 18־טן יאָרהונדערט. אין 1909 איז זי שוין געווען „נוטה ליפול" און עס איז געווען א סכנה דאָרט צו דאַווענען. אין דעם יאָר האָט די חברה קדישא באַקומען טויזנט רובל פאַר קובר זיין א רייכן בר־מינן און זי האָט באַשטימט 500 רובל צו רעמאָנטירן די שול. דער רעמאָנט איז געווען א גרינטלעכער. מען האָט איר ארומגענומען פון אלע 4 זייטן מיט נייע דיקע באַלעס; דרויסן און אינעווייניק ארומגעשרויפט און פאַרפעסטיקט מיט גרויסע אייזערנע שרויפן; מען האָט געמאַכט א נייעס דאַך פון שינדלען; אויך טרערן אין די אויגן.

רעזשיסירט האָבן בונים ווײַמאַן פון פּלאַ־טעראָווע (וועלכער איז אומגעקומען דורך די נאַציס) און זיין שוועסטער טריינע ווײַמאַן (וועלכע געפינט זיך איצט אין ארגענטינע). דאָס פּובליקום איז באַשטאַנען נישט נאָר פון יוגנטלעכע. אויך עלטערע בעלי־בתים מיט זייערע פרויען זענען געקומען זען די קינסטלערישע אויפפירונג פון אייגענעם דראַמאַטישען קרייז. די גאַנצע הכנסה איז געווען באַשטימט פאַר „קרן קיימת".

אין די שפּעטערע יאָרן, ווען די ציוניסטישע פאַרטיי האָט זיך געשפּאָלטן אויף רעכטס און לינקס, האָט זיך יעדע פאַרטיי געפירט איר דראַמאַטישן קרייז. אזוי זענען שפּעטער אויס־געפירט געוואָרן די פּיעסעס: „גנבים", „דער דאָרפסיונג" און פיל אנדערע. עס האָבן אָנטייל גענומען הענעך זייערמאַן, משה בירנבוים, רחל צוקער, אברהם שפּירא און נאָך. אלע הכנסות זענען געווען באַשטימט פאַר ציוניסטישע קרנות.

די צעירי אגודת ישראל האָבן אויסגעפירט היסטאָרישע פאָרשטעלונגען. אין 1936 האָט זייער קרייז — אונטער דער אָנפירערשאַפט פון נחום בראָנרויט — פאָרגעשטעלט אין דער שטאָטישער רעמיזע „מגילת אסתר". אלס אסתר המלכה האָט געשפּילט אסתר זייערמאַן (לעווין). די פאָרשטעלונג האט ארויסגערופן אין די פרומע יידישע קרייזן גרויס באַגייסטערונג.

אויך דער „בונד" און די אנדערע ארבעטער־פּאַרטייען האָבן געפירט זייערע דראַמאַטישע קרייזן און אין פאַרלויף פון דער צייט אויס־געפירט פיל יידישע פּיעסן. אָנגעפירט מיט די קרייזן האָט אברהם לאַווענדער, זיין שוועסטער סאַלע, אויך די קאָרנהענדלערס און די סעמיאַ־טיצקיס. די הכנסות פון זייערע פאָרשטעלונגען האָבן זיי פאַרניצט פאַר קולטורעלע צוועקן ביי די ארבעטער־באַוועגונגען.

מען דאַרף דערביי דערמאָנען, אז בונים ווײַמאַן, וועלכער איז געווען דער הויפּט־לייטער פון די דראַמאַטישע קרייזן אין סאַרנאַקי, מיט זיין שוועסטער טריינע (היינט — קאַרשנשטיין אין ארגענטינע), זענען געקומען צו אונדז פון מעזריטש, ווו זיי האָבן זיך אויסגעבילדעט אין די דאָרטיקע דראַמאַטישע קרייזן אלס גענייטע פאַכלייט. זיי האָבן אָפּגעגעבן פיל צייט און ארבעט ביים אויספירן די אלע פּיעסעס. צענדליקער מאָל דאַרפן זיי געמוזט קומען פון פּלאַטעראָווע, א שטרעקע פון 5 קילאָמעטער, צו פוס, קיין סאַרנאַקי, ווו זיי האָבן געמאַכט די רעפּעטיציעס ביז די שפּעטע שעהען אין דער נאַכט. אינדערפינצטער זענען זיי ווידער געגאַנגען צופוס אָדער געפאָרן אהיים אין די גרויסע בלאָטעס... אָבער די רעזולטאַטן זענען געווען א גוטע קאָמפּענסאַציע — — —

די עזרת נשים האָט מען איבערגעבויט. נאָך די אלע אויסבעסערונגען וואָלט זי נאָך געקענט שטיין הונדערטער יאָרן.

די שול איז געווען ספּעציעל פּאַרהייליקט. אפילו קיין מזוזה האָט מען אויף איר נישט אָנגעקלאַפּט, נאָר אריינקומענדיק האָט מען געקושט דעם אושאק ווו איינער האָט דערלאַנגט — ווייל יעדעס פּיצעלע דערפון איז געווען הייליק.

אינמיטן דער וואָך איז די שול געווען געשלאָסן, נאָר שבת און יום־טוב האָט מען דאָרט געדאַוונט. שבת איז געקומען אין שול דאָס „עמך", ווייל מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען 7 א זייגער. דערפאַר אָבער ימים נוראים האָט דאָ געדאַוונט דאָס גאנצע כלי קודש מיטן רב בראש און נאָך אנדערע גרויסע מיוחסים. אויך די עזרת נשים איז געווען באַזעצט אין די ימים נוראים.

שוין אריינקומענדיק אין שול, האָט דער פּאַליש — ווי מען האָט אים גערופן — געוואָרפן א פּחד. אין איין ווינקל איז געשטאַנען די טהרה־ברעט, אין צווייטן ווינקל — די חופּה מיט די פיר דרענגלעך. אז דער שמש האָט געדאַרפט נעמען די חופּה־דרענגלעך צו א חתונה אָדער — פרייד שמחות — אז איינער איז געשטאָרבן און מען האָט געדאַרפט ארויסנעמען די טהרה־ברעט, האָט ער געדאַרפט 3 מאָל אָנקלאַפּן מיטן האמער, וואָס האָט געדינט צום קלאַפּן צו סליחות, און אריינשרייען כדי בעטן די נשמות זאָלן פאַרלאָזן די שול, זאָלן מוחל זיין וואָס מען איז זיי מטריח, און דאַן פלעגט ר'ער שמש עפענען און נעמען וואָס ער האָט באַדאַרפט. עס איז נישט געווען קיין סוד' פאַר קיינעם, אז די נשמות קומען יעדע נאַכט אין שול אריין דאַווענען און לייענען אין דער תורה און פראַווען תפילות.

פאַרבייגייענדיק ביינאַכט נעבן דער שול, האָט יעדן אָנגענומען א פּחד. מען האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ אויף דער צווייטער זייט מען זאָל נישט זען די פייערלעך, וואָס בלישטשען ארויס פון די נשמות דורך די פענצטער פון דער שול.

אין דרום זייט איז געווען צוגעשטעלט א קליין שולעכל צו דער שול־וואַנט. ווען עס איז געשטאָרבן ווער פון סאַרנאַקער סביבה און מען האָט געבראַכט דעם בר־מינן אין שטאָט אריין צו קבורה, האָט מען אים אריינגעפירט אין שולעכל און דאָרט געמאַכט די טהרה און פון דאָרט איז געווען די לוויה. דאָס איז אויך געווען די סיבה פון ארויסרופן פּחד.

דער בית־המדרש איז געשטאַנען א 20 מעטער פון דער שול. געבויט איז ער געוואָרן אין 1902, נאָך דער ערשטער שריפה פון שולהויף. דער בנין איז געווען פון רויטע ציגל. ווייזט אויס, אז עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט אים אָפּצוטינקעווען פונדרויסן. די צווייטע העלפט איז געווען די עזרת נשים. אין דערזעלבער געביידע, אין א דריי צימער וווינונג, האָט געוווינט דער מרא דאתרא מיט זיין פאַמיליע.

דער בית־המדרש האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן. פון 4 פאַרטאָג ביז שפּעט נאָך האלבער נאַכט האָט מען געדאַוונט און געלערנט.

די בית־המדרש בחורים פלעגן קומען פאַרטאָג, באלד אָנגעהויבן לערנען מיט התמדה און פאַרקלונגען מיט די גמרא־ניגונים דעם גאַנצן בית־המדרש. אויך סתם בעל־הביתישע יידן פלעגן זיך אריינכאַפּן באלד אין דער פרי לערנען א בלאַט גמרא. יידן בעלי־מלאכות, סוחרים, דאָרפס־גייער זענען געקומען אינדערפינצטער זאָגן א

פאַר קאַפּיטלעך תהילים איידער דער מאָרגנשטערן האָט זיך באוויזן און מען האָט נאָך נישט געטאָרט דאַווענען שחרית. נאָכדעם האָט מען גדאַוונט איין מנין נאָכן צווייטן ביז 11 א זייגער. בעלי־בתּישע יידן האָבן אויך געלערנט זייער שיעור גמרא — ווער ביחידות, ווער מיט א שותּף אָדער מיט די בחורים. — הכּלל, עס האָט געקלונגען פון לערנען.

די ווייבער־שול איז אויך געווען באזוכט יעדן טאָג פון נשים צדקניות — פרומע ווייבער, וואָס האָבן געוואָלט אריינכאַפּן א ברכו, א קדושה און מיטדאַווענען מיטן מנין.

די לערנערס פלעגן זיך א היים כאַפּן נאָכן דאַווענען, שנעל איבערבייסן און קומען צוריק לערנען, זיי האָבן געלערנט א גאַנצן טאָג, נישט זייענדיק געשטערט פון קיינעם.

צו מנחה איז דער בית־המדרש געוואָרן פול געפּאַקט פון רוב שטעטלדיקע יידן, וואָס פלעגן קומען אהער נאָך א גאַנצן טאָג ארבעט, נאָכן זיין פאַרנומען מיט געשעפט־עניינים, איבערלאָזן אלץ און לויפן דאַווענען מנחה ומעריב.

צווישן מנחה און מעריב זענען אלע טישן געווען באזעצט. אויבן־אָן, לינקס, זהאָבן געלערנט דעם דף היומי די לומדישע יידן; רעכטס — סתּם בעלי־בתּישע לערנערס האָבן געלערנט זייערע שיעורים — א בלאַט גמרא מיט תּוספות, ביחידות אָדער בחברותא. אויף די זייטיקע טישן האָט געלערנט א חברה משניות אויף איין טיש; אויפן צווייטן טיש — א חברה חיי אדם; אויפן דריטן טיש האָט געלערנט חברה עין יעקב. און ווער עס האָט נישט געקענט לערנען מיט די חברות האָט זיך אוועקגעזעצט אין א זייט און געזאָגט תהילים.

אונטערן אויוון האָבן זיך אויך שטענדיק געפונען גרופּקעס, וואָס פלעגן שמועסן פּאָליטיק אָדער סתּם וועלטלעכע זאַכן, שיחת חולין.

אויך האָט דער בית־המדרש געדינט אין א פאַל ווען עס איז געווען א חולה מסוכן און די פאַמיליע האָט שוין געטאָן אלץ מיט דאָקטוירים און רעצעפּטן און עס האָט נישט געהאָלפן. האָבן זיך ווייבער פון דער פאַמיליע צוזאַמענגענומען און אריינגעריסן זיך אין בית־המדרש אריין מיט א געשריי און געיאָמער, אויפגעפּראַלט דעם ארון־קודש און געפּאָדערט פון ריבונו־של־עולם ער זאָל צושיקן א רפואה שלמה פאַרן קראַנקן, עס זאָלן חס־ושלום נישט בלייבן קיין אלמנה מיט יתומים.

די געשרייען און געוואָלטן פון די פרויען האָבן אויפגערודערט אלע לערנערס. אָפּטמאָל האָט זיך עולם אָפּגעריסן פון לערנען צוליב „פּיקוח נפש", געפרעגט דעם נאָמען פונם קראַנקן, אויפגעשריבן אויף א צעטעלע, עס אויפגעהאַנגען אויפן עמוד נעבן אויפשריפט „שויתי ה' לנגדי תמיד" און מען האָט גענומען זאָגן תהילים בציבור א פּסוק נאָך א פּסוק. מען האָט אויסגעזוכט ספּעציעלע קאַפּיטלעך, וואָס מען זאָגט בעת צרה און ספּעציעלע פּסוקים לויטן נאָמען פון קראַנקן און מען האָט פאַרזיכערט די משפּחה, אז גאָט וועט שוין זיכער שיקן א רפואה שלמה.

נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן דאַווענען מעריב. יעדע גרופּע, וואָס האָט געענדיקט לערנען, האָט גדאַוונט באזונדער מיטן מנין מעריב — ביז אלע זענען פאַרטיק געוואָרן מיטן לערנען און דאַווענען און יעדער איז געגאַנגען אהיים. נאָר די בחורים די לערנערס זענען נאָך געבליבן ענדיקן זייער שיעור ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין.

שבת פלעגן שטענדיק דאווענען אין בית־המדרש 2 מניינים. מתנגדים האָבן אָפּגעדאווונט מיטן ערשטן מניין און נאָכדעם האָבן געדאווונט די חסידישע יידן מיטן צווייטן מניין. ימים נוראים זענען אויך חסידים פון די שטיבלעך געקומען אין בית־המדרש און געדאווונט צוזאמען די הייליקע תפילות.

חסידים שטיבלעך אין סארנאקי זענען געווען דריי. די גערער חסידים האָבן געהאט אן אייגן שטיבל, וואָס איז געווען אָפּגעזאָגט דורך א צוואה פון א חסיד א מלמד הערשל לייבלס, וואָס האָט נישט געהאט קיין קינדער. עס איז געווען אין א געמויערט הויז, דאָס גרעסטע פון די אנדערע שטיבלעך. עס האָבן דאָרט געדאווונט א פיר מניינים חסידים אום שבת און ימים נוראים.

די אָנגעזעענסטע חסידים פון שטעטל — ווי מיכאל ווארשאווסקי דער מלמד, הערש פישל, יעקב משה פייערשטיין, גרשון טאנדעטער, בונים נאָרטמאן, ישראל יצחק טאמע און נאָך פיל אנדערע — האָבן דאָרט געפּראווועט שטענדיק שלוש סעודות מיט הויך געזאנג און גרויס התפעלות.

דאָס צווייטע שטיבל איז געווען דאָס סאָקאָלאָווער — אין א פּריוואטער שטוב ביי הערש לייזער דעם מלמד. דאָרט האָבן געדאווונט די שענסטע סאָקאָלאָווער חסידים, צווישן זיי אברהם שלמה זילבערשטיין, יעקב הערש דער זייגערמאכער און אנדערע אויסגעווייקטע חסידים פון סאָקאָלאָווער הויף. אָבער ימים נוראים האָט מען דאָרט נישט געדאווונט, ווייל כמעט אלע חסידים פלעגן פאָרן צום סאָקאָלאָווער רבין צום טיש אויף ימים נוראים.

דאָס דריטע שטיבל איז געווען דאָס קאָברינער שטיבל — ביי מרדכי נאָסקעס אין הויז. דאָרט האָבן געדאווונט די גאנצע פאמיליע פון געצל קאפּלאן מיט זיינע 6 בנים און סתם „עמך", וואָס האָבן זיך געקלעפּט צום קאָברינער רבין, וואָס פלעגט יעדעס יאָר פּרשת וארא אראָפּקומען אין שטעטל אריין און ווײלן די גאנצע וואָך אין שטיבל. פרייטיק פלעגט ער אָפּפאָרן צום נאָנטסטן שטעטל דראָגאָטשין, אויף שבת. פון שטיבל איז ער געוואָרן ארויסבאגלייט פון אלע חסידים ביז עטלעכע קילאָמעטער פון שטעטל. ימים נוראים האָט מען דאָרט נישט געדאווונט ווייל עס איז נישט געווען קיין בעל־תפילה און אלע מתפללים פון דעם שטיבל האָבן געדאווונט אין בית־המדרש.

אויך איז געווען א מניין פון סתם מתפללים, וואָס האָבן געדאווונט נאָר שבת — ביי משה ברוקמאן דעם אָלעארניק. געווען זענען עס שכנים, וואָס האָבן געוואָלט אָפּגעבן כבוד דעם בעל־הבית פון מניין און דאווענען אין א נענטערער סביבה.

דאָס אלץ האָט זיך צוזאמענגעגאָסן טאָג־איין טאָג־אויס, בייטאָג און ביינאכט, וואָך און שבת און יום־טוב, אין אן איינהייטלעך געזאנג לעבודת הבורא.



סערל בורשטין (זייערמאַן)
בועגאָס איירעס

דראַנג נאָך בילדונג

אונדזער קליין שטעטעלע האָט קיין וועלטלעכע יידישע שולן נישט געהאַט זינט דער אנטשטייאונג ביזן אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט. דאָס גאַנצע דערציאונגס־וועזן איז באַשטאַנען פון חדרים פאַר ייגלעך.

אַז אַ יינגל איז אַלט געוואָרן 3—4 יאָר, האָט מען אים אַוועקגעשיקט צו אַ דרדקי מלמד. וואָס דאָס קינד איז עלטער געוואָרן, איז עס אַריבער צו גרעסערע מלמדים, ביז ר׳ מיכאל און ר׳ הירש־לייזער, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר די גרעסטע מלמדים אין שטעטל און האָבן געלערנט מיט די תלמידים גמרא.

אונדזערע פרומע עלטערן האָבן זייער געזאָרגט — אויף זייער שטייגער — פאַר דער דערציאונג. אליין האָט מען נישט דערעסן, נישט דערטרונקען, אבי דעם שכר־לימוד יעדע וואָך דעם רבין צו באַצאָלן. דער זון איז דאָך דער, וואָס וועט „איבער הונדערט יאָר״ זיין דער קדיש־זאָגער, האָט מען דעם גאַנצן כוח אריינגעלייגט אין די זין.

אַ טאָכטער דאַרף קענען דאַווענען פון סידור און לעזן דעם טייטש־חומש; דאָס איז פאַר איר גענוג — האָבן געזאָגט אונדזערע קליינשטעטלדיקע עלטערן. פאַר דעם צוועק האָט יעדער דור געהאַט אַ פּאָר עלטערע ווייבער, וואָס האָבן געלערנט מיט די מיידלעך.

פון אונדזער דור געדענקט זיך איינע איטקע, וואָס מ׳האָט איר גערופן די משוגענע, גאָר אַן אַלטע, די צווייטע, סאַלאַמיכע, איז אויך געווען אַן אַלטע, אָבער די מיידלעך, וואָס האָבן געלערנט ביי איר, האָבן געקענט בעסער עברי. די דריטע, מיכלע פון דער „גלינקע״ — וואָס איז געווען אויך אַ „פּאַרזאָגערין״ אין שול פאַר די ווייבער, וואָס האָבן נישט געקענט דאַווענען — איז געווען אַ סך יינגער פון יענע צוויי.

די צייט שטייט נישט. סיי איטקע סיי סאַלאַמיכע זענען אַוועקגעגאַנגען אויפן אייביקן וועג. אויף זייער אָרט זענען געקומען אַנדערע. צווישן זיי האָט זיך אויסגעצייכנט איינע ליבעלע. דעם פאַרצויגענעם נאָמען האָט זי באַקומען צוליב איר נידריקן וווּקס.

זי איז געווען א געבוירענע סארנאקער, אָבער די לעצטע צייט האָט זי געוווינט אין בריסק ביים בוג. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די גאנצע באפעלקערונג פון בריסק איז עוואקואירט געוואָרן צוליב די שלאכטן, וואָס זענען דאָרט פאָרגעקומען, איז זי צוריקגעקומען קיין סארנאקי און שוין געבליבן א לענגערע צייט.

ביים לערנען מיט די מיידלעך האָט זי געהאט איר אייגענעם שטייגער. זי איז געגאנגען צו יעדער שילערין אין שטוב אריין אויף א שעה יעדן צווייטן טאָג. האָט א מיידל נישט געקענט באצאָלן פאר א גאנצער שעה, האָט זי געלערנט א האלבע שעה. טיילמאָל האָבן זיך עטלעכע מיידלעך געלערנט צוזאמען. א חוץ עברי האָט זי געלערנט אויך לייענען און שרייבן יידיש, פויליש און אריטמעטיק.

ווען די שילערין האָט שוין געקענט לייענען דעם טייטש־חומש און אויסלייגן יידישע ווערטער, האָט זי אָנגעהויבן לערנען שרייבן א בריוו, — ווי א מעשה מאכט זיך, די שילערין וואקסט־אויף און באקומט א חתן פון אן אנדער שטאָט, זאָל זי אים קענען אָנשרייבן א בריוו. פאר דעם צוועק האָט זי געהאט שומרס א בריוונשטעלער מיט דעם דייטשמערישן אויסלייג. פון אנדערע מינים בריוו האָט מען דאָרט אינגאנצן דעמאָלט נישט געקלערט.

די מיידלעך, וואָס האָבן געקענט דאווענען, לייענען דעם טייטש־חומש און אָנשרייבן א יידיש בריוול, זענען דערמיט געווען שטאָלץ ווייל זיי האָבן זיך שוין גערעכנט פאר וועלטקענערינס. ליידער האָבן פיל סארנאקער מיידלעך נישט געהאט די מעגלעכקייט דאָס קליינע ביסל קענטעניש צו לערנען. עס זענען געווען פאלן וואָס די עלטערן האָבן אליין געלערנט מיט די טעכטער. אזוי איז אָנגעגאנגען דער לימוד אין סארנאקי זייט איר אנטשטייאונג ביזן יאָר 1915.

אין איינעם א טאָג איז אין שטעטל אָנגעקומען דער לערער לעאָן האָכשטיין. ווי מיר האָבן זיך שפעטער דערוווּסט, איז ער געווען א פינסקער. גערעדט האָט ער דייטש, אפשר כדי צו ציען צו זיך מער רעספעקט בעת פוילן איז געווען אָקופּירט דורך די דייטשן. ער האָט עס געגרינדעט אין סארנאקי די ערשטע וועלטלעכע שולע.

די שולע איז באשטאנען פון איין גרויס צימער. פון ביידע זייטן זענען געווען בענק, אינמיטן — א דורכגאנג. אין איין זייט האָבן געלערנט די קינדער פון דער ערשטער גרופּע, אין דער צווייטער זייט — די קינדער פון דער צווייטער גרופּע. פאר העכערע קלאסן זענען קיין שילער נישט געווען. ביידע גרופּן האָבן געלערנט אין דיזעלבע שעהן אינדערפרי. געלרנט האָבן יינגלעך מיט מיידלעך צוזאמען. אין פּראָגראם זענען אריינגעגאנגען פאָלגנדיקע קעגנשטאנדן: דייטש, פויליש, העברעאיש, מאטעמאטיק און זינגען. די אונטערריכט־שפּראך איז געווען דייטש, אָבער ביי א סך שילער איז שוין דעמאָלט געווען א ווידערווילן צו דער דאָזיקער שפּראך.

אז מ׳האָט שפּעטער געדארפט מאכן א קלאסן־ארבעט אין דעם לשון, איז ביי א סך שילער ארויסגעקומען א דערציילונג אין יידיש מיט דייטשע בוכשטאבן.

די שולע האָט געהאט אלע אייגנשאפטן פון א מאָדערנער שולע מיט אלע פּיטשעווקעס: מיט א גלאָק, בענקלעך פאר די שילער, א שטענדער פארן לערער, א גרויסע טאפל מיט א טאָג־דיזשורנע, וואָס האָט געדארפט זען ס׳זאָל זיין א שמאטקע

און קרייד צום שרייבן. נאָך יעדער שעה לערנען האָט מען געמאכט א פויזע און איבערגעגאנגען צו א צווייטן קעגנשטאנד.

אין אָוונט האָבן געלערנט בחורים און מיידלעך, וואָס זענען שוין געווען ארויסגעוואַקסן פון שול־עלטער.

מיטן אָנקומען פון לערער האָכשטיין איז לעבעדיק געוואָרן אין שטעטל, בפרט פאר אונדז קינדער: קודם כל איז אויפגעקומען א חשק צום לערנען; א חוץ דעם איז יעדער יום־טוב אויסגענוצט געוואָרן פאר פארשיידענע פארוויילונגען פאר די קינדער. עס געדענקט זיך א ל״ג בעומר, ווען דער לערער האָט מיט אונדז קינדער געמאכט אן אויספלוג צום בערגל, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן שטאָט, „שוויענטי יאן״. מיר זענען געגאנגען פאַרוויז, זינגענדיק איבערן שטאָט מיט בלוי־ווייסע פענדלעך אין די הענט. ווער האָט זיך דעמאָלט געקענט צו אונדז גלייכן?



לעאָן האָכשטיין מיט די שילער (ביים בית־המדרש)

לויט ווי פאר אונדזער שטעטל זענען די פארמעסטן פאר פארוויילונגען געווען גרויסע. מ׳האָט שוין איינגעאָרדנט א פאָרשטעלונג אין דער שאָפע פון די פייערלעשער. דאָס איז געווען דאָס איינציקע גרויסע אָרט, ווו עס פלעגן איינאָרדנען פאָרשטעלונגען סיי יידן סיי קריסטן. שפעטער איז אויף דעם אָרט אויפגעבויט געוואָרן א גרויסע געביידע, ווו איין אָפטייל איז געווען פאר די פייערלעשער און דער צווייטער — פאר פאָרשטעלונגען און טאנץ־אָוונטן.

די פאָרשטעלונג איז באַשטאנען פון געזאנג־נומערן, רעציטאציעס א. ד. גל.,

אויסגעפירט דורך די שול־קינדער מיט דער מיטהילף פון דערוואקסענע סימפאטיקער פון דער שולע.

אלץ וואָלט געווען גוט. מיר קינדער זענען געווען זייער צופרידן, ממש גליקלעך. וואָס האָבן אָבער געזאָגט אונדזערע עלטערן דערצו? ווו האָבן זיי אַזעלכעס געזען, אז יינגלעך מיט מיידלעך זאָלן לערנען צוזאמען, כאָטש מיר זענען נאָך דעמאָלט געווען 8—10 יאָריקע קינדער? האָבן זיי זיך פארנומען דאָס ביסל גליק אונדזערס צו צעשטערן. מיט זייער קאמף קעגן דער שולע האָבן זיי אייניקע קינדער אָפּגעריסן. אָבער זיי האָבן געזען, אז עס וועט זיי גאָרנישט העלפן. האָבן אייניקע פאנאטישע עלטערן זיך אָנגעכאפּט אָן לעצטן שאנס. זיי האָבן נישט געוואָלט געבן קיין שכר־לימוד פארן לערער. אָבער דאָ האָבן זיי ווייטער פארשפּילט. די מיידלעך האָבן פארקויפט די שאָלן פון קאַרטאָפל פון א גאנצן חודש און מיט דעם געלט באצאָלט דעם לערער. די יינגלעך האָבן זיך מסתמא אן עצה געגעבן אויף אן אנדער אופן.

כ׳געדענק נישט ווי לאנג די שולע האָט עקזיסטירט — אפשר א יאָר און אפשר צוויי. עס האָט זיך דאן פארשפרייט די טיפוס עפּידעמיע און פיל מענטשן זענען קראנק געוואָרן, א סך מאָל פאטאל. איז דער לערער האָכשטיין אויך קראנק געוואָרן. ווען ער איז צום גליק ארויס מיטן לעבן, איז ער נעלם געוואָרן פון שטעטל.

זיין אוועקפאָרן איז פאר אונדז קינדער געווען א שטארקער קלאפּ, ווייל דער חשק צום לערנען איז געווען גרויס. אינגיכן איז די צייט געוואָרן אומרואיק. דער דייטש האָט קאַפּיטולירט. די פּאָליאקן האָבן איבערגענומען די מאכט. דעמאָלט האָבן די יידן אין פּוילן איבערגעלעבט שווערע צייטן און בתוכם אונדזער שטעטל. די פּאָליאקן האָבן דעם גאנצן כעס, וואָס זיי האָבן געהאט אונטער דער דייטשער אָקופּאציע, אויסגעלאָזט צום ביסל אומשולדיקע יידן. מ׳האָט געשלאָגן, געהרגעט, געשניטן בערד ביי די עלטערע. אין א קורצער צייט ארום האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה צווישן רוסלאנד און פּוילן. — אין אזא צייט ווער האָט אין זינען געהאט לערנען?

די מלחמה האָט זיך געענדיקט, די צייט האָט זיך נאָרמאליזירט. איז געקומען צו אונדז אין שטעטל דער הינקעדיקער לערער אייזנבערג. ער האָט געלערנט מיט די קינדער פון שול־עלטער, אין א פּריוואטער וווינונג, די ניצלעכסטע קעגנשטאנדן ווי יידיש, העברעאיש, אריטמעטיק און פּויליש. ביינאכט האָט ער געלערנט מיט דערוואקסענע.

לאנג האָט דער לערער אייזנבערג נישט געקענט אָנהאלטן ווייל ס׳האָבן זיך געעפנט פּוילישע פאָלקס־שולן, ווו די יידישע קינדער זענען צוגעלאָזן געוואָרן צום לערנען. מערהייט קינדער אין שול־עלטער זענען אוועק אין די פּוילישע שולן. דער לערער איז נאָך געבליבן א שטיקל צייט אין שטעטל און געלערנט מיט דערוואקסענע, אָבער האָט דערפון קיין פרנסה נישט געהאט און איז אוועק.

עס איז דערנאָך געקומען דער לערער אָרעמלאנד. ער איז אויך לאנג אין סארנאקי נישט געווען. דערנאָך איז געקומען די לערערין שיינע־פרומע שפּיגלמאן. זי איז שוין געבליבן אין סארנאקי ווייל אירע עלטערן האָבן זיך דאָ באזעצט. האָט זי אין שטעטל חתונה געהאט און געבליבן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווו זי האָט געטיילט דעם גורל פון די 6 מיליאָן.

די יידישע קינדער האָבן אין די פּוילישע פאָלקס־שולן קיין גרויס נחת נישט

געהאט. דער אנטיסעמיטיזם מצד די פוילישע קינדער האָט זיך געלאָזט שטארק פילן. „זשיד" און „זשידוווקא" האָט מען געהערט אויף יעדן טריט און שריט. די מיידלעך האָבן אפילו אין דער צייט פון דער פויזע מורא געהאט צו פארלאָזן די קלאסן ווייל אין די קאָרידאָרן האָט מען געקענט קריגן אונטערגעהאקט די זייטן.

מיט א סך געדולד האָבן אייניקע שילער געענדיקט די פאָלקס־שול. די מערהייט האָט פארלאָזט דאָס לערנען אין פינפטן און זעקסטן קלאַס. די וואָס האָבן געענדיקט די פאָלקס־שול האָבן אויך נישט געהאט די מעגלעכקייט ווייטער צו שטודירן, ווייל ביי אונדז אין שטעטל איז קיין גימנאזיע נישט געווען. פאָרן לערנען אין אן אנדער שטאָט איז געווען פארבונדן מיט פיל שוועריקטן און גרויסע הוצאות און אונדזערע עלטערן נישט זיי האָבן פארשטאנען, אז קינדער דארפן לערנען וועלטלעכע לימודים, נישט זיי האָבן געהאט דערצו פינאנסיעלע מעגלעכקייטן.

בסך־הכּול זענען ביי אונדז אוועק לערנען 2 שילער. איינער פון זיי, חיים נאבאָזשני, האָט שוין געענדיקט לערנען אלס אדוואָקאט, — איז אָנגעקומען די צווייטע וועלט־מלחמה און ער האָט פארענדיקט זיין יונג לעבן אין א סאָוויעטישער טורמע. דער צווייטער האָט נאָך געלערנט אין די נידעריקע קלאסןביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט זיך געראטעוועט אין סאָוויעט־רוסלאנד. היינט געפינט ער זיך אין פוילן. ער האָט אָבער זיין שטודיום נישט פארענדיקט.

כאָטש די מעגלעכקייטן צום לערנען זענען געווען זייער קארגע, איז געווען גרויס דער דראנג דערצו. דאָס וואָס מען האָט נישט געקענט דערגרייכן אויפן קולטורעלן און פאָליטישן געביט דורך לערנען — האָט מען באנומען פון זעלבסטבילדונג.

ס'איז געווען גענוג געווען צו באזוכן די „קעסטל־אָוונטן" און דיסקוסיע־פארזאמלונגען כדי זיך צו איבערצייגן אין דעם באוווסטזיין פון דער סארנאקער יוגנט. די פארטייאישע לאָקאלן זענען תמיד געווען פול מיט יוגנטלעכע, וואָס האָבן געוווסט וואָס זיי זאָגן און צו וואָס זיי צילן.



א גרופע פון דראמאטישן קרייז

שרגא זייערמאַן
חיפה

מעדיצינישע וועזן

עס איז ממש צו באַוווּנדערן אַז רוב מגיין ורוב בניין פון שטעטל, וואָס זענען דאָך געווען יידן לומדים, חסידים און יראי־שמים, און אפילו סתם „עמך"־יידן, וואָס זענען געווען נזהר במצווה קלה כבחמורה, האָבן אַוועקגעקוקט פון דעם בפירושן פסק־הלכה פון תלמוד ירושלמי (סוף מסכתא קידושין): ר׳ חזקיה, ר׳ כהן אמרו בשם רב: אסור לדור בעיר, שאין בה רופא (מען טאָר נישט וווינען אין אַ שטאָט, ווו עס איז נישטאַ קיין דאָקטאָר).

לויט ווי מיר געדענקען, איז אין אונדזער שטעטל נישט געווען קיין דאָקטאָר. אין פאַלן פון קראַנקייטן אָדער עפּידעמיעס האָט מען מיט גאַנץ גרויסע צרות זיך געקענט דערשלאָגן אַראָפּברענגען אַ דאָקטאָר פון דער פרעמד, אָדער אַוועקפירן דעם קראַנקן אין נאָענטסטן שטעטל, סעמיאַטיטש אָדער שעדלעץ. מיט אַ שווער קראַנקן האָט מען געמוזט פאָרן קיין וואַרשע.

אין דאָרף פּאָטשיץ, אַ 10 ק"מ פון סאַרנאַקי, איז געווען אַ גוטבאַזיצער, ד"ר נאַשילאָווסקי, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פּראַקטיק און פלעגט פאָרן צו קראַנקע אין דער גאַנצער סביבה.

אין יענע צייטן האָט ער גענומען פאַר קומען אויף אַ וויזיט ביי אַ קראַנקן אין סאַרנאַקי 10 רובל. אויב דער קראַנקער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער און האָט געקענט באַצאָלן די 10 רובל, האָט מען שנעל געשיקט אַ שליח צום דאָקטאָר מיטן געלט. עס זענען געווען פאַלן ווען דער דאָקטאָר איז נישט געווען אין דער היים — ער איז אַרומגעפאָרן אין דער אומגעגנט צו קראַנקע אָדער געפאָרן קיין לאָשיץ צו קראַנקע — האָט דער שליח דאָן געוואַרט ביז דער דאָקטאָר איז אַ היים געקומען. עס האָט געקענט זיין ביי נאַכט, איז ער אויך געקומען צום קראַנקן. די איבעריקע אין שטעטל האָבן שוין אויסגענוצט די געלעגנהייט און מען האָט דעם דאָקטאָר אַרומגעפירט צו אַלע קראַנקע פון שטוב צו שטוב, און ער האָט גענומען פאַר יעדן וויזיט נאָר 1 רובל.

שלעכט איז געווען ווען דער מסוכנדיקער קראַנקער איז געווען אַ ייד אַן אָרעמאַן, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט די 10 רובל. האָט מען גענומען זוכן שותפים, קראַנקע וועלכע זאָלן צושטייער געבן. די השתדלות און דאָס אַרומזוכן די שותפים האָט געדויערט פיל צייט. ביז דער שליח איז אַוועק און ביז דער דאָקטאָר איז געקומען צום קראַנקן האָט פיל מאָל פּאַסירט, אַז דער דאָקטאָר האָט שוין נישט געהאַט וועמען צו ראַטעווען. אַז דער קראַנקער האָט נאָך געלעבט און דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז מיט רעצעפּטן קען מען נישט מער העלפן, מען מוז דעם קראַנקן אַוועקפירן קיין וואַרשע אין שפּיטאָל צו אַ דרינגענדיקער אָפּעראַציע, איז ביז מען האָט געשאַפן די נויטיקע סומע געלט איינצוצאָלן אין שפּיטאָל און אויף הוצאות הדרך, און ביז מען איז אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע און פון דאָרט קיין וואַרשע אין שפּיטאָל אַריין, און ביז דער קראַנקער איז געוואָרן דאָרט דורך די דאָקטוירים אונטערזוכט, איז שוין געווען צו שפּעט און דער קראַנקער איז שוין נישט אַ היים געקומען.

אין שטעטל איז געווען נאָר א פעלדשער, אן עלטערער קריסט פון א יאָר 75. מען האָט אים גערופן ראָזשיגאָווסקי, ער האָט זיך א ביסל פארשטאנען אויף א קרענק און באנוצט די ערשטע מיטלען ווי שטעלן באנקעס, מאכן א קאנע; אויך פלעגט ער צייטנ־ווייז פארשרייבן א רעצעפּט. דאָס איז געווען די ערשטע הילף און מיט זיינע פרימיטיווע מיטלען האָט ער אויך פיל מענטשן אָפּגעראַטעוועט פון טויט.

אויך מיט אן אקושערקע איז געווען א פּראָבלעם אין יענע צייטן, ווען אין יעדער פאמיליע זענען געבוירן געוואָרן פון 5 ביז 8 קינדער. אז א פרוי איז געגאנגען צו קינד, האָט מען גערופן די „באָבע ראַשקען", א פרוי אין די 70־ער יאָרן. פלעגט זי זיצן ביי דער קימפּעטאָרין און העלפן קרעכצן. ווען דאָס קינד איז נאָך די שווערע ווייען געקומען אויף דער וועלט, האָט זי אָפּגעשניטן דאָס נאָפּעלע, עס אָפּגעבאָדן און אָפּגעוואשן מיט וואַרעם וואסער אין א שיסל, און געווונטשן דער קימפּעטאָרין מיטן טאטן מזל־טוב.

אָבער אז די געבורט איז געווען נישט קיין נאָרמאַלע, די פרוי איז געווען א „מקשה ללדת", איז געווען זייער שלעכט. צוערשט האָט מען געשיקט אין בית־המדרש אריין זאָגן תהילים. מען האָט צוזאמענגענומען פון אלע חדרים די „תינוקות של בית רבן" מיט די מלמדים אין דער שפּיץ און מען האָט געגומען זוכן די ספּעציעלע קאַפּי־טלעך תהילים, און גאָט האָט געהאָלפן און ס'איז געבוירן געוואָרן א בן־זכר, און אלע קינדערלעך פון די חדרים זענען געלאָפן יעדן טאָג צו דער קימפּעטאָרין לייענען ביים בעטעלע קריאת־שמע, און דערפאר באקומען בייטעלעך מיט געזאָטענע ארבעס און באניעקערן.

אז ס'האָט זיך געמאכט אין שטעטל אין דער זעלבער צייט 2 קימפּעטאָרינס, האָט מען צו דער צווייטער קימפּעטאָרין גערופן איר טאָכטער, „ציפּקע ראַשקעס" און זי האָט געקענט די זעלבע תורה ווי איר מוטער ראַשקע.

דאָס גאנצע שטעטל פון קליין ביז גרויס האָט געהאט רעספּעקט פאר דער „באָבע ראַשקע", ווייל כמעט אלע זענען געווען אירע קינדער, וואָס זי האָט אָפּגענומען ביי די מוטערס און געגעבן די ערשטע מעדיציניש̈ע הילף, קומענדיק אויף דער וועלט.

דערפאר ווען עס איז געקומען דער פריילעכער פּורים, פלעגט זי שיקן אלע אירע קינדערלעך שלח־מנות, און יעדער האָט איר אָפּגעשיקט צוריק מיט א פּדיון, לויט ווי די מעגלעכקייטן האָבן דערלויבט.

דער ערשטער דיפּלאָמירטער דאָקטאָר איז אראָפּגעקומען אין שטעטל אין יאָר 1918, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק. געווען איז עס א קריסט, ד"ר ווּרובלעווסקי, וואָס איז אנטלאָפן פון רוסלאַנד מיט זיין גאנצער פאמיליע און זיך באזעצט אין דאָרף כיבאָוו נעבן סאַרנאַקי.

זיין ספּעציאַליטעט איז געווען גינעקאָלאָגיע, אָבער ער האָט געמוזט זיך פארנע־מען אויך מיט אנדערע קראנקייטן, ווייל עס איז נישט געווען קיין אנדער דאָקטאָר. מיט דער צייט האָט ער זיך ספּעציאַליזירט אויף אלע געביטן און איז געוואָרן א בארימ־טער דאָקטאָר, און מען האָט אים גענוצט צו אלע קראנקייטן. ער האָט באקומען א גרויסע פּראַקטיק אין שטעטל, ווי אויך אין דער גאנצער אומגעגנט, און מען איז שוין ארויס פון דער סכנה פון זיין אָן א דאָקטאָר. דערנאָך האָט ער זיך אריינגעצויגן צו פּשעסמיצקין אין הויף, וואָס איז געווען בלויז א פינף מינוט גאנג פון שטעטל. ווען מען האָט אים נאָר געגעבן א רוף, איז ער גלייך געקומען.

דאָס האָט געדויערט אַן ערך פון א יאָר צען. ד״ר ווראָבלעווסקי איז געוואָרן רייך און בארימט. אין א שיינעם העלן טאָג איז ער אָבער אוועק פון שטעטל קיין לאָשיץ, וואָס איז געווען פיל גרעסער ווי סארנאקי. מיר זענען ווידער געבליבן אָן א דאָקטאָר.

דער נייער אַפטייקער פיאָטראָווסקי האָט געמאָלדן אין די צייטונגען, אז דאָס שטעטל סארנאקי זוכט א דאָקטאָר. אויף אָטדער ווענדונג איז געקומען דער ערשטער יידישער דאָקטאָר מנשה בלידשטיין.

פארשטענדלעך, דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך מיט דער ידיעה שטארק דערפרייט: מיר וועלן האָבן א יידישן דאָקטאָר, מען וועט קענען רעדן מיט אים אויף מאַמע־לשון. ס׳זענען געווען פיל יידן, וואָס האָבן מיטן פוילישן דאָקטאָר נישט געקענט זיך גוט אויס־רעדן; מען האָט נישט פארשטאַנען וואָס ער האָט אָנגעזאָגט, און מען האָט געמוזט לויפן נאָכאַמאָל איבערפרעגן ווי אזוי נעמען די רעצעפּטן.

מיטן אָנקומען פונם יידישן ד״ר בלידשטיין קיין סארנאקי האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונדז אין שטעטל א נייע עפּאָכע. דער שרייבער פון די שורות און מיין חבר יעקב צוקער ז״ל זענען געווען פון די ערשטע, וואָס זענען געגאַנגען אין נאָמען פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע באַגריסן דעם יידישן דאָקטאָר צו זיין אָנקומען אין שטעטל.

אין דעם ערשטן געשפּרעך האָט דער נייער דאָקטאָר, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער שטאָט קאָלאָמיי, מזרח גאַליציע, אונדז דערציילט זיין ביאָגראַפיע. ער האָט אונדז פארשפּראָכן מיטצוהעלפן אין דער ציוניסטישער פּאָליטישער ארבעט ביי אונדז אין שטעטל. אויך האָט ער פארשפּראָכן צו שטיצן די ציוניסטישע „קרנות״ ווי „קרן קיימת״, „קרן היסוד״ א.אז.וו. און האָט זיך אויך ארויסגעוויזן אלס א ייד מיט א וואַרעם הארץ. ער פלעגט קומען יום־כיפּור צו „כל נדרי״ אין שול דאַווענען און האָט שטאָלצירט מיט זיין יידישקייט.

אין זייער א קורצער צייט האָט ער מצליח געווען מיט זיין מעדיצינישער פּראַק־טיק און איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אין שטעטל און אויך אין דער גאַנצער אומגעגנט. באזונדער פאַר דער יידישער באפעלקערונג האָט ער זיך זייער מוסר נפש געווען און באהאַנדלט אלע יידישע פּאַציענטן מיט ליבע און רעספּעקט.

נאָך א קורצער צייט האָט ער אַראָפּגעבראַכט זיין פרוי מיטן טעכטערל. די פרוי וואָס איז געווען א דענטיסטין, האָט געעפנט א קאַבינעט און אויך געהאַט זייער פיל פּראַקטיק. מען האָט שוין נישט געדאַרפט מער פאָרן מיט יעדן צאָן־ווייטאָק קיין סעמי־אַטיטש אָדער שעדלעץ, וואָס נישט יעדער האָט זיך געקענט אויף דעם דערלויבן, און דעריבער זענען פיל נישט פארמעגלעכע געבליבן אָן א צאָן אין מויל. זייט פרוי ד״ר בלידשטיין האָט געפירט דעם קאַבינעט האָט זי פיל אָפּגעראַטעוועט זייערע ציינער.

אין יאָר 1934 פארלאָזט ד״ר בלידשטיין מיט זיין פאַמיליע פּלוצלונג דאָס שטעטל. לויט ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט, איז ער אוועק אליין קיין ווילייקע, נעבן ווילנע, געפירט דאָרט די פּראַקטיק ביזן קריגס־אויסברוך און וואַרשיינלעך דאָרט אומגעקומען פון די נאַצישע מערדער.

זיין פרוי מיט דער טאָכטער זענען געווען אין וואַרשע אין דער צייט פון קריג און זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַרשעווער געגנט אויף אַרישע דאָקומענטן. שפּעטער האָבן זיי ארומגעוואַנדערט אין די געטאָס, אויך אין די וועלדער ארום וואַרשע און אזוי־

ארום ניצול געוואָרן פון די נאַציס. נאָכן קריג האָבן זיי זיך באַזעצט אין וואַרשע. די טאָכטער האָט פאַרגעזעצט איר שטודיום און געענדיקט פילאָלאָגיע.


צאָן דאָקטאָרין בלידשטיין

אין 1953 שטאַרבט פרוי בלידשטיין מיט א נאַטירלכען טויט און דערלעבט נישט צו זען נחת פון איר איינציקער טאָכטער, וועלכע פאַרנעמט נאָכן ענדיקן איר שטודיום א וויכטיקן אמט אין וואַרשעווער היסטאָרישן אינסטיטוט, ווו זי האָט געפאָרשט די נאַצישע תקופה, ספּעציעל די היסטאָריע פון לאָדזשער געטאָ און איבערזעצט די דאָקומענטן פון וואַרשעווער נאַצישן גובערנאַטאָר ד״ר האַנס פראַנק.

נאָכדעם ווי ד״ר בלידשטיין האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, איז געקומען צו אונדז אלס דאָקטאָר זיין יינגערער ברודער, וועלכער האָט איבערגענומען זיין דירה מיט דער פּראַקטיק, אָבער ער איז אויך נישט לאַנג פאַרבליבן.

אין יאָר 1936 איז געקומען ווידער א יידישער אַרצט — ד״ר ניוועס. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין יידישע סענטימענטן. ער האָט זיך געשעמט מיט זיין יידישקייט און איז געווען אַן איינגייער אין די קריסטלעכע קרייזן. ווייזט אויס, אַז ער איז געווען פון אסימילאַטאָרישער אָפּשטאַמונג. אָבער נישט לאַנג איז ער געווען אין שטעטל און איז פאַרשוווּנדן.

דערנאָך איז געקומען א יידישע פרוי ד״ר אננא ענגעל (מאָזעס), זייער א באַליבטע פרוי מיט א וואַרעם יידיש האַרץ. זי האָט זייער מצליח געווען מיט איר פּראַקטיק, ווייל דאָס איז געווען די ערשטע פרוי אלס דאָקטאָרין ביי אונדז אין דער געגנט. נאָכן פאַרן קריגס־אויסברוך האָט זי פאַרלאָזט סאַרנאַקי און איז אַוועק צו איר פאַמיליע קיין וואַרשע.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע קומט זי קיין סאַרנאַקי און געפינט א פּלאַץ ביי א רייכן קריסט, 7 ק״מ פון שטעטל, זיך אויסצובהאַלטן און לעבט איבער דעם גאַנצן חורבן אין אונדזער אומגעגנט, א דאַנק איר גוטן נאָמען, וואָס זי האָט באַקומען זייענדיק ביי אונדז אין שטעטל. איצט געפינט זי זיך אין תל־אביב מיט איר פאַמיליע.

דער לעצטער יידישער דאָקטאָר אין סאַרנאַקי איז געווען ד״ר דרוטמאַן, וועלכער איז פון סאַרנאַקי אַוועק מיט אַלע יידן קיין סעמיאַטיטש און מען ווייס נישט ווו ער איז נעלם געוואָרן.

דניאל פייערשטיין
מושב לימן

אלטע טראדיציעס און נייע שטרעמונגען

די שולגאס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א קלומפּער פון הייזער, וועלכע זענען ענג געשטאנען איינס נעבן אנדערן, איינס הינטערן אנדערן, אָן א פּלאן. פון דעם דאָזיקן הייזער־קלומפּער האָבן זיך אויסגעטיילט 2 גרויסע בנינים: די שול און דער בית־המדרש.

די שול — א הויכע, הילצערנע געביידע — איז געשטאנען אָפּגערוקט פון רוישיקן ארום. די אייגנארטיקייט פונם בנין און איר צוגעקליבן אָרט, הארט נעבן די מיעשטשאנסקע הויפן, האָבן די שול איינגעהילט אין א מיסטעריעזער אטמאָספער.

א גאנצע וואָך איז די שול געשטאנען פאראיינזאמט. מיט אירע אלטע גרויע ווענט און גרויסע וויטראזשנע פענצטער, פלעגט זי אָנוואַרפן א פחד אויף די פארבייגייער אין די אָוונטן. אָבער אין די שבתים און ימים־טובים פלעגט די שול צוריק באקומען איר געשטאלט. שבת פון גאנץ פרי פלעגן אָנקומען מתפללים מיט זייערע קינדער און גלייך איז די שול און די געגנט ארום געוואָרן איבערפולט און אויפגעלעבט.

די קינדער און דאָס יונגוואַרג איז געווען אויסגעפּוצט אין יום־טובדיקע קליידער, לויטן נייעם פאסאָן. דער גאנצער מאָדערנער שניט פון דער בעל־מלאכה־שער יוגנט האָט זיי צוגעגעבן דעם אויסזען פון אמתע „פּראנטן". דאָס יונגוואַרג האָט זיך לאנג אין שול נישט פארהאלטן. זיי זענען גלייך ארויס אויפן גרויסן פּלאַץ, וואָס ארום דער שול און געגומען שטיפן. קענטיק, אז די עלטערן האָבן נישט שטארק מקפּיד געווען אויף די קינדערס מיט־דאַווענען. איז טאקע ארום דער שול געווען זייער פריילעך, בפרט אז דער טאָג איז געווען א שיינער.

דאָס דאַווענען אין שול האָט זיך אָנגעהויבן און פארענדיקט פריער ווי אין אנדערע בתי־תפילה אין שטעטל; דער בעל־מלאכהשער עולם פון דער רישניעווער גאס און פון שולהויף האָט געדאוונט אָן שהיות. אָפּגעגעבן גאָט וואָס אים קומט — און אהיים געגאנגען טועם זיין פון די שבתדיקע מאכלים און געניסן פון עונג־שבת. ווי נאָר דער עולם איז זיך פאנאנדער געגאנגען, האָט די שול באקומען דעם אויסזען פון א פוסטער פעסטונג — אזוי ביזן אנדערן שבת, אָדער יום־טוב.

אָן אויסנאַם איז געווען אין דעם טאָג, ווען אין שטעטל איז פאָרגעקומען א חתונה: מען פלעגט חתן־כלה מיט מוזיק צו דער חופּה פירן איבערן שטעטל צו דער שול, אָדער ווען, חלילה, א חשובער בעל־הבית איז אין שטעטל נפטר געוואָרן און מען האָט אים מספּיד געווען אין שול.

★

אָן אנדער גייסט האָט געהערשט אין און ארום בית־המדרש. דער פון רויטע ציגל געמויערטער בית־המדרש איז געשטאנען הארט נעבן די וווינהייזער און איז געווען איינגעגלידערט אין דער שולהויף־געגנט. אהער זענען יידן געגאנגען טאָג־איין,

טאָג־אויס, אין די פרימאָרגן־שעהן — ווער צום דאווענען און ווער פון דאווענען. די טירן פון בית־מדרש זענען געווען אָפן פון די פריסטע פרימאָרגן־שעהן ביז שפעטער נאכט.

אין בית־המדרש אריין איז מען געקומען נישט בלויז דאווענען, נאָך אויך לערנען א בלאט גמרא, אריינכאפן א קאפיטל תהילים און דערביי א שמועס טאָן פון פאָליטיק, אָדער פון שטעטלשע נייעס. יעדע שעה האָט זיך דער עולם געביטן. אין די פרימאָרגן־שעהן, מיטן ערשטן מניין, האָבן געדאוונט בעלי־מלאכות, דאָרפס־גייער, מלמדים און בכלל ארבעטס־מענטשן. אביסל שפעטער זענען געקומען קרעמער, קצבים און סתם יידן. מיטן לעצטן מניין, צווישן 10—11 אזייגער פאר מיטאָג, האָבן געדאוונט לומדים, בית־המדרש־בחורים, יונגעלייטלעך אויף קעסט און אויך אייניקע אָנגעזעענע חסידים.

נישט געווען כמעט אין שטעטל קיין ייד, וואָס זאָל נישט קומען דאווענען בציבור אין בית־המדרש. אזוי א גאנץ קיילעכדיק יאָר. דאָ האָבן די יידן געשעפט זייער גייסטיקע חיונה. געווען אזעלכע, וואָס זענען געזעסן אין בית־המדרש יום ולילה און געלערנט תורה. דער בית־המדרש איז אויך געווען דער צענטער פון קהלשן לעבן, ווו ס׳זענען אנטשידן געוואָרן פראגן פון געזעלשאפטלעכן, רעליגיעזן און מאָראלישן כאראקטער. פאר א סך יידן איז דער בית־המדרש געווען זייער צווייטע היים.

עס זענען דאָ אויך געווען שטענדיקע וויצלער און גלייכווערטל־זאָגער. ווער אין שטעטל האָט דען נישט געקענט אליה דעם אגענט, שעפסעלע יצחק אייזיקס, נחום אשרקע, שאולקע און נאָך חברה, וואָס פלעגן שיטן מיט וויצן און עולם פלעגט לאכן.

געווען אויך קאָמישע טיפן, וואָס מיט זייער בלויזן באוויזן זיך האָבן זיי ארויסגערופן געלעכטער. אָט, למשל, אייזיקל דער דרדקי מלמד: א קליינינקער מיט א שיטער בערדעלע, פלעגט צושטאמלען און דערצו געווען נישט קיין גרויסער בר־דעת. ווו צוויי איז אייזיקל געווען דער דריטער. און ווייל ער איז געווען א כבד־פה, האָט ער ליב געהאט צו רעדן און עולם האָט זיך דערווייל פארווײלט. א צווייטער טיפ איז געווען שייעלע „פלידעס" שטיינמאַן: א נידעריקער מיט ברייטע פלייצעס, מיט א גרויסן קאָפּ געדיכטע קודלאטע שווארצע האָר און אויך נישט קיין גרויסער בעל־שכל. געהאט האָט ער א פארשטאָפּטן קאָפּ צום לערנען. ווי נאָר ער האָט זיך באוויזן אין בית־המדרש, איז ער גלייך ארומגערינגלט געוואָרן פון חברה לצים, וואָס האָבן געפּראוועט איבער אים לצנות און עולם האָט געלאכט. א דריטער, וואָס פלעגט מיט זיין באוויזן זיך ארויסרופן געלעכטער איז געווען יצחק דער „בלישטש", מענדל בעדערס זון: א הויך־געוויקסיקער יונגאטש, א קהלשער בעזעם. צו אלע מלאכות־בזיונות פלעגט מען אים רופן. אויך מיט אים האָט מען געלצעוועט. זיין אויסקויף־געלט פון דער חברה לצים איז געווען דאָס נאָכמאכן ווי א קאָזע מעקעט.

געווען אויך קריגערישע טיפּן אין בית־המדרש. אזא איז געווען דער יוסטע בעל־הבית מרדכי „זלמנקעס" כיבאָווסקי — א ייד אין די יאָרן, געהאט זיין שטענדיק אָרט אין בית־המדרש, א טאטע פון א פארצווייגטער משפחה, א זיידע פון פיל אייניקלעך, תמיד האָט ער צו אלץ און צו אלעמען געהאט פּרעטענזיעס. זיין שטענדיק אָרט אין בית־המדרש איז געווען א מין קריגס־פּאָזיציע, פון וואנען עס האָט זיך שטענדיק געהערט זיין קריגעריש קול. ווו עפּעס א מחלוקת — דאָרט איז מרדכי

זלמנקעס דער ערשטער, זיין קול הערט זיך העכער פון אלעמענס, כאָטש אָפט מאָל האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז גאָרנישט קיין צד־שכנגד.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער שמש הערש דוד. זומער, ווי ווינטער, איז ער געווען אָנגעטאָן אין 2 קאַפּאָטעס, א שאליקל אויפן האלדז; געגאַנגען אביסל געבויגן; א מרוק, הערצו האָט ער אונטערגעפּאָנפּעט, אָדערגעמרוטשעט; נישט געזען ביי אים קיין מאָל קיין פרייליכע מינע; שטענדיק אָנגעכמורעט, בייז; תמיד זיך נאָכגעיאָגט נאָך קינדער, ווי נאָך פארברעכערס. דעם בית־המדרש האָט ער געהיט ווי אן אויג אין קאָפּ. חנוכה, ביים צינדן דאָס ערשטע ליכטל, פלעגן די קינדער אים איפּנעמען מיט געפּילדער, מיט טופּעריי, אויסגעשרייען, ביז ער פלעגט א דערמוטיקטער פארלאָזן דעם בית־המדרש.

*

אנדערש איז געווען אין בית־המדרש אין די שבתים און ימים־טובים. די חסידישע יידן האָבן געמאַכט שבת פאר זיך — אוועק דאַווענען אין זייערע חסידים־שטיבלעך. געבליבן זענען די מתנגדים. דאָך איז אין די דאָזיקע טעג דער בית־המדרש געווען פול מיט מתפּללים. די חשובע בעלי־בתים — אויבנאָן, אין מזרח־וואַנט; אביסל נידעריקער, ביי די זייטיקע טישן זענען אויך געזעסן חשובע מענטשן, נאָר ווייניקער פארמעגלעכע ווי די ערשטע, מיט ווייניקער תקיפות; און גאָר אונטן — א געמישטער עולם בעלי־מלאכות, דאָרפס־הענדלער א. אנד.

דער פּשוטער ייד — דער שניידער, שוסטער און סתם קבצנים — האָבן מיט קנאה געקוקט אויף די מזרח־וואַנט־יידן, וואָס בעמען צו אלע כיבודים. דעם אָרעמען בעל־מלאכה איז זעלטן ווען צוגעטיילט געוואָרן אן עליה, שוין אָפּגערעדט פון א שישי, אָדער מפטיר. אזא ייד האָט באדאַרפט וואַרטן ביז שמחת־תורה, אָבער אויך דעמאָלט זענען די כיבודים נישט געווען קיין גלייכע. האָט זיך טאַקע געשאַפן א נישט־זעבארע מחיצה צווישן „פּראָסטן" עולם און די יידן פון דער מזרח־וואַנט.

אָבער די הייליקייט פון שבת, אָדער יום־טוב האָט עס נישט אָנגערירט. אין יעדן ווינקעלע אין בית־המדרש איז געווען גוט צוגערוימט; די באלייכטונג — שטאַרקער; דער פּרוכת אויפן ארון־קודש — א שענערער; דער עולם — פיל גרעסער; דער בעל־תפילה — א ייד א בעל־מנגן.

און אז עס זענען געקומען די ימים־נוראים — ראש־השנה, יום כיפור — איז די חשיבות פון שול און בית־המדרש נאָך שטאַרקער געוואַקסן. פריער מיט צען טעג האָבן זיך אָנגעהויבן די סליחות. פישל דער שול־שמש פלעגט אין פינצטערן פארטאָג אומגיין פון שטוב צו שטוב און קלאַפּן אין די לאָדנס, וועקן דעם עולם צו סליחות. די צוגרייטונגען צום יום־טיב, דאָס נאָכלויפן די שניידערס און שוסטערס זיי זאָלן ארויסענדיקן די יום־טובדיקע קליידער און שיך, דאָס ארומשמייען פון די בעל־הביתטעס אריינצופירן דעם יום־טוב אין שטוב אריין — דאָס האָט פארשטאַרקט די יום־טובדיקע שפּאַנונג.

מיטגעווירקט צו דער חשיבות פון יום־טוב האָט אברהם יאנקל דער שוחט, וועלכער איז אויך געווען בעל־תפילה אין שול. נאָך אייניקע וואָכן פאר די ימים נוראים פלעגט אברהם יאנקל קאָמפּלעטירן זיין משוררים־כאָר און מיט זיי איינשטודירן

די תפילות, צוגעבן אייגענע איינפאלן, אייגענעם נוסח. האָט זיך דאָס געזאנג פון חזן מיט די משוררים צעטראָגן איבערן שטעטל און אָנגעזאָגט, אז ראש השנה רוקט זיך שוין אָן.

דער בעל־תפילה אין בית־המדרש איז געווען לייב הערש, אויך א שטעטישער שוחט. לייב הערש איז געווען א געהער חסיד, א גרויסער בן־תורה, און א שטרענגער מענטש. שטרענג איז ער געווען צו אלץ און צו אלעמען: אזוי צו פרומקייט, צו זיינע קינדער — 6 דערוואקסענע ישיבה־בחורים — אזוי אויך אין באציאונג מיט מענטשן. דאָס שטעטל האָט אים געקענט פאר אן אָפגעהיטענעם ייד און געהאט צו אים א גוטע באציאונג, אים געהאלטן פארן ריכטיקן שליח־ציבור אין די פארכטיקע טעג. ער האָט געהאט א שטארקע שטימע און ממש מרעיש־עילם געווען. ווען לייב הערש דער חזן איז געקומען צום „ונתנה תוקף" און צעלאָזט זיין כלי ביים „מי יחיה ומי ימות" — האָט דאָס גאנצע בית־המדרש געוויינט, און פון דער ווייבער־שול איז דאָך שוין אָפגערעדט.

א נחת־רוח איז געווען צו זען ווי לייב הערש שטייט פארן עמוד און פון ביידע זייטן — די משוררים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען זיינע 6 ישיבה־בחורים: איטשע, פסחקע, שמחה, משה, שלמה און נחום.

אין שול, ווו דער בעל־תפילה איז געווען אברהם יאנקל דער חזן, איז די ימים־נוראימדיקע שטימונג געווען א מילדערע. אברהם יאנקל איז געווען א שטילער, מילדער מענטש, א גוטמוטיקער און אָפגעהיטענער חסידישער ייד און א הארציקער בעל־תפילה. זיין גוטמוטיקייט און הארציקייט איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין זיין קול־נגינה און אין די תפילות און געמאכט א שטארקן רושם.

דער הויפט פון זיינע משוררים — אין דער צייט וואָס איך פארצייכן דאָ — איז געווען, ארעלע אקערמאן, אפרים גרשון אקערמאנס א זון. די אנדערע זענען געווען שיע בירנבוים און זיין זון יצחק און אליה דער אגענט. צו זיי זענען געווען נאָך משוררים און אלע צוזאמען מיטן חזן פלעגן צוציען אין שול אריין אויך אזעלכע, וואָס זענען געווען פריידענקער. יום כיפור צו „כל נדרי" פלעגן קומען אין שול אריין אויך אייניקע קריסטן כדי צו הערן די דאָזיקע תפילה.

✶

א באזונדער אָרט אין לעבן פון בית־המדרש האָבן פארנומען די בית־המדרש־בחורים, וועלכע פלעגן דאָרט זיצן יום־ולילה און עוסק זיין אין גאָטס תורה, בציבור און ביחידות. זייער געזאנג ביים לערנען האָט אָפגעהילכט ווייט אין די שטילע שטעטלשע געסלעך. די גאנצע וועלט איז פאר די דאָזיקע בחורים געווען די 4 ווענט פון בית־המדרש און אויף יעדער נייעס, וואָס איז געקומען אויסער זייער וועלט, האָבן זיי געהאט איין ענטפער: „אין חדש תחת השמש".

ווער עס האָט עוסק געווען אין דער תורה לשמה, ווער עס האָט געזוכט דערפון צו מאכן א „פראָפעסיע" און קריגן היתר הוראה כדי ווערן רב ביי יידן, און אנדערע האָבן זיך אָפגעקערט פון דעם וועג און זיך גענומען דראפען אויפן לייטער פון פראָגרעס.

די בית־המדרש־לערנער האָבן זיך געטיילט אין 2 כיתות. די שענסטע געשטאַלט פון דער עלטערער כיתה אין דער צייט פון דער באשרייבונג איז געווען נחום, א זון פון שמילע מיכאלס איידעם, א בחור מיט אלע מעלות: א הדרת־פנים מיט א גאונישן קאָפּ. ווייטער: די ברידער איטשע און פסח בראָנרויט — לייב הערש דעם שוחטס קינדער. צו דער יינגערער כיתה האָבן געהערט די שטיפברידער שמילע און שייע (יורעס), די ברידער שמחה און משה בראָנרויט, הערשל רודסקי, זעליג הערשבערג, דוד פייערשטיין, יעקב אקערמאַן א. אנד.

★

די יאָרן 1914—1918 — די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון דער דייטשער אָקופּאַציע — האָבן געבראַכט גרויסע ענדערונגען אינם שטייגער לעבן פון שטעטל. א שטראָל פון רענעסאַנס האָט אָנגעהויבן אריינדרינגען. אויפגעכאַפּט דעם דאָזיקן שטראָל האָט קודם־כל די יוגנט און עס האָט זיך אָנגעהויבן צעטרייסלען דער אלטער סדר, די געוווינהייטן און די דורותדיקע טראַדיציעס. אויף דער שטעטלשער אַרענע איז אויפגעטרעטן דער נייער דור.

אויבנאויפיק האָט זיך נאָך ווינציק געלאָזט מערקן די ענדערונג אין שטעטל. דער בית־המדרש האָט, ווי פריער, משפיע געווען אינם גייסטיקן, געזעלשאַפטלעכן און אוודאי אין רעליגעזן לעבן. עס פלעגן, ווי פריער, אראָפּקומען מגידים און משולחים, מייסטן אויף שבת, האַלטן פייערדיקע דרשות און ציען אַן עולם.

איין מגיד האָט שטאַרק אויסגענומען און א גרופּע בעלי־בתים האָט געוואָלט אים אויפנעמען פאַר א דיין. עס האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע מחלוקת צווישן צוויי צדדים: יאָ אויפנעמען אָדער נישט אויפנעמען? די מחלוקת האָט זיך אוועקגעצויגן א לאַנגע צייט.

די יוגנט האָט זיך שוין קנאַפּ וואָס באַטייליקט אין דעם דאָזיקן קאַמף. זי איז שוין באַהערשט געוואָרן פון אַנדערע, נייע שטרעמונגען.

א טייל פון די פרומע יונגעלייט האָבן פּלוצלונג אראָפּגעוואָרפן די לאַנגע קאַפּאָטעס און זיך גענומען קליידן קורץ: מען איז אריינגעקראָכן אין ווייסע, שטייפע, גומענע קעלנער, אין העמדער מיט מאַנקעטן און בלישטשענדיקע ספּינקעס. אַנדערע האָבן די זעלבע פרומע קליידער אביסל מאָדערניזירט. די ערשטע בחורים, וואָס האָבן זיך אָנגעטאָן מעשה־דייטש, זענען געווען די ברידער הענעך און פייוול זייערמאַן, יענקל און שייע צוקער, אברהם שאַפּירא, שימעלע גרינבערג און אלתר בעקערמאַן.

עס איז געשען א פאַל, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל: ווען אלתר בעקערמאַן איז געקומען אין בית־המדרש אריין אָנגעטאָן אינם שטייפן גומי־קאָלנער, איז צו אים צוגעקומען דער שטרענגער גערער חסיד, יעקב משה פייערשטיין, ביי וועמען בעקערמאַן האָט פריער געלערנט גמרא, און אָנגעריסן זיין קאָלנער. מען ווייס נישט צי דאָס איז געווען א שפּאַס, אָדער דער חסיד האָט אים געוואָלט צערייסן דעם קאָלנער, אָבער אין בית־המדרש איז אויסגעבראָכן א גרויסער סקאַנדאַל. שייע בירנבוים האָט געפּאַטשט יעקב משהן פאַר דער חוצפּה.

טאָג־טעגלעך זענען געקומען ענדערונגען אין שטעטלשן לעבן. אויך אינעווייניק, אין בית־המדרש, האָבן אָנגעהויבן קומען נייע געסט. בייטאָג, ווען חוץ די לערנער

איז אין בית־המדרש קיינער נישט געווען, פלעגן זיך באַווייזן נישט אָפיציעלע אגי־טאַטאָרס און פלעגן מיט אונדז פירן הייסע דיסקוסיעס. געווען אין יענער צייט 2 ברידער, וועמען מען האָט גערופן „די לאָנדאָנער". זיי זענען געווען אנאַרכיסטן. געקומען זענען אויך די ברידער „די וועווקעס". דער בית־המדרש איז געוואָרן א נעסט פון אידעען־געסט, וועלכע האָבן געלויערט אויף די בית־המדרשניקעס.

די שאַרפסטע ענדערונג איז געקומען מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און מיט דער אנטשטייאונג פון נייעם פוילן. דאָ זענען שוין נישט געקומען קיין יחידים, נאָר גאַנצע אָרגאַניזאַציעס. עס זענען געקומען רעדנער פון קאָמבונד און אָפגעהאַלטן מיטינגען אין שול און אין בית־המדרש. זייערע הויפּט־רעדנער אין יענער צייט זענען געווען אברהם לאַוואָנדער („דער קייסער") און יענקל דאַר.

עס איז אנטשטאַנען א ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אָפן געפירט איר טעטיקייט אין שטאָט און אין בית־המדרש. מיט דער צייט זענען אויפגעקומען אָרגאַניזאַציעס פון אַלע שאַטירונגען און 80—90 פּראָצענט פון דער יוגנט האָבן געהערט צו די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס. די ווירקונג פון בית־המדרש אויפן געזעל־שאַפטלעכן לעבן אין שטעטל איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. צווישן די אויפגע־קומענע אָרגאַניזאַציעס איז אויך געווען די אָרטאָדאָקסישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צעירי אגודת ישראל", וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם רבס קינדער, מרקל און סראָלקע כ"ץ און חנינא עפּעלבוים.


ליגה למען ארץ-ישראל העובדת בפולניה
פאַרבאַנד פאַרן אַרבעטנדן ארץ-ישראל אין פוילן

№

כרטיס-חבר
מיטגלידס-קאַרטע

הועד המרכזי:
צענטראַל-קאָמיטעט:

חתימה:
אונטערשריפט:

הועד המקומי:
אָרטיקער קאָמיטעט:

חתימה:
אונטערשריפט:

חבר! הפועל העברי בארץ עומד על משמרת [illegible] העבודה, ולוחם על עתידך! הוא זקוק לעזרתך! היה חבר נאמן בליגה והרבה את מספר חבריה!

חבר! דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטער קעמפט פאַר דיין צוקונפט. ער נויטיקט זיך אין דיין הילף! ווערבירט מיטגלידער פאַרן פאַרבאַנד!

כרטיס־חבר של הליגה למען א״י העובדת
בחתימת יו״ר סניף סארנאקי דוד זילברשטיין

מסורת ומנהגים

טראדיציע און מנהגים

שרגא זייערמאַן
חיפה

אין פאַרלויף פון דורות האָט זיך גאָרנישט געענדערט

די מנהגים און טראַדיציעס, וועלכע זענען געווען איינגעפּירט אין שטעטל אין אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט ביז דער ליקווידאַציע — ווי דער לעצטער דור געדענקט — זענען כמעט נישט געענדערט געוואָרן. עס האָבן זיך געביטן די מענטשן, עס זענען אוועק יאָרן, אָבער דער מנהג האָט זיך נישט געענדערט. יעדע זאַך איז געווען ווי א הלכה למשה מסיני און אָן איר וואָלט דאָס שטעטל קיין קיום נישט געהאַט. קיינער פון די שטעטלדיקע איינוווינער וואָלט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אָן אַפּנויג אפילו ווי א קוצו של יוד.

פּסחדיקע הכנות

באַלד נאָך פּורים האָט מען אָנגעהויבן שמועסן וועגן כשרן די מילן און די אָלעאַרניעס אויף פּסח. עס האָט זיך אָנגעהויבן א שקלא־וטריא צווישן די אייגנטימער פון די מילן און די אָלעאַרניעס מיטן רב פון שטעטל וועגן אַלע ענינים פון כשרות, צ.ב.: זאָלן די מילן געכשרט ווערן מיט די עלעוואַטאָרן אָדער אָן די עלעוואַטאָרן? און עס האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם ויכוח בעלי־בתים חסידים, וואָס האָבן געוואָלט דווקא מעל פון א מיל אָן עלעוואַטאָרן.

אויך מיט די אָלעאַרניעס זענען געווען פאַרשיידענע פּראָבלעמען. עס איז געווען א דינגעניש וועגן פּרייז פון כשרן. די מילנער און אָלעאַרניקעס האָבן געטענהעט, אַז זיי לוינט נישט אַזייפיל צו באַצאָלן פאַרן כשרן. דער אָלעאַרניק משה ברוקמאַן האָט אַמאָל געהאַט א טענה צום אלטן רב ר׳ מרקיל שלמה זצ״ל, הלמאַי ער פאָדערט צופיל געלט פאַרן כשרן בעת עס איז נישטאָ וואָס צו טאָן דערביי. האָט דער רב געענטפערט מיט זיין ליטווישער אויסשפּראַך מיט א שאַרפן רייש: „מען נעמט 5 רובל און מען זאָגט, אַז עס איז כשר. דאָס איז עס״. אָטדאָס ווערטל איז געבליבן אין שטעטל אויף שטענדיק.

סוף־כל־סוף איז מען פאַרטיק געוואָרן מיטן פּרייז על צד היותר טוב. און אַזוי איז עס געגאַנגען יאָר־איין יאָר־אויס.

נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן שאלות אויף ווייץ: וועלכע זענען כשר לפּסח? די תבואה־סוחרים האָבן א גאַנצן ווינטער אָפּגעקלויבן אין די שפּייכלערס די שענסטע ווייצן אויף פּסח. נאָכן כשרן די מילן האָט מען זיך געטראָגן מיט די פּראָבעס ווייץ אין רויטע, גרינע, בלויע, ווייסע פּאַטשיילעס צום רב. מען האָט עס אויסגעשיט אויפן טיש און געציילט די קערנער. דאַן האָט מען געזוכט אין די ספרים תשובות אויף שאלות. א טייל קערנער איז געווען כשר לפּסח, א טייל — נישט.

די תבואה־סוחרים אין שטעטל זענען דאַן געווען: ישראל לייב שאַנשיין, שמעון רובינשטיין, אליעזר גאָלדמאַן, יענקל שולשטיין — די אלטע תבואה־סוחרים פון שטעטל. ביסלעכווייז האָבן זיי אָפּגעגעבן די געשעפטן זייערע קינדער. עס זענען

איך אויפגעקומען יונגע, נייע תבואה־סוחרים. אָבער די מנהגים האָבן אָנגעהאלטן יעדעס יאָר.

אויף פסח איז געמאַכט געוואָרן א פארבאנד און דאָס גאנצע מעל איז אריינ־געגומען געוואָרן אין איין שפייכלער. עס איז באשטימט געוואָרן א געוויסער פרייז פאר א פוד מעל מיטן צוגאָב פון א קליינעם אָפּצאָל לטובת מעות חיטים. יעדער תבואה־סוחר האָט געהאט זיין חלק און מען האָט געהאלטן דעם פרייז כדי די מעות חיטים זאָל נישט פארלוירן גיין.

צוויי וואָכן פאר פסח האָט מען געכשרט אלע שיוואלניעס, ד. ה. די ערטער ווו מען באַקט מצות. אָנגעהויבן באַקן האָט מען שטענדיק זונטיק. די ערשטע אויוונס צום באַקן האָבן באַקומען די שענסטע מיוחסים פון שטעטל: ר׳ מיכל, ר׳ הערש פישל, ר׳ לייב הערש שוחט, ר׳ בינם באַרטמאַן — ווייל עס זענען געווען בלויז 5 אַזעלכע שיוואלניעס אין שטעטל.

דאָנערשטיק פארנאַכט האָבן זיך די אלע שיינע יידן מיט זייערע קינדער אָפּגעדאַווענט פריער מנחה און יעדער האָט זיך גענומען אין זיין שיוואלניע צוויי עמער מיט א שטיקל לייוונט צו פארדעקן און מען איז אוועק צום טייך אָנשעפּן וואסער מיט א ספּעציעל קווערטל. דאָס איז געווען „מים שלנו״ צו די מצות אויף זונטיק פרי. עס איז געווען א גרויסער כבוד צו גיין בחברותא אונטערן שטאָט מיט די עמער, גיסן דאָס וואסער דורך א לייוונט עס זאָל חלילה נישט אריין קיין חשש חמץ און קומען צוריק אין שטעטל אריין, ווערנדיק באגלייט פון אלעמענס בליקן מיט קנאה און דרך־ארץ.

הויבט מען אָן באַקן מצות, דערמאָנט זיך יעדער, אז ער דאַרף זיך שוין אויך צוגרייטן א תור אין דער שיוואלניע כדי זיך באַזאָרגן מיט מצות אויף פסח. זינטיק פארטאָגס האָבן שוין די צוויי מעל־טרעגער בייניש און בערעלע אָפּגעטראָגן פון די שפייכלערס דאָס מעל אין די שיוואלניעס אריין, זייענדיק פארדעקט מיט א ווייסן ליילעך ווייל זיי זענען געווען בלוז חמץ. געווען איז עס זייער חזקה.

דאָס באַקן — רעדט מען שוין נישט ווי עס איז געווען שטרענג אָפּגעהיט. יעדער בעל־הבית פון די איבנדערמאָנטע מיוחסים איז געקומען באלד זונטיק מיט דער גאנצער פאמיליע אין דער שיוואלניע, ווו עס האָבן געאַרבעט 18 העלפערס. האָבן זיי אכטונג געגעבן, אז יעדעס מיידל פון די וועלגערינס זאָל זיך אָפּוואשן די הענט נאָך יעדער מערע און אָפּקראַצן די וואלגערהעלצער מיט די טישן און די שטופּלער און אז די בעקנס זאָלן יעדעס מאָל געביטן און געוואַשן ווערן, די מעל־שיטערס זאָלן חס־וחלילה זיך נישט אָנטרעפן מיט דעם וואסער־גיסער. דער משגיח איז אלע מאָל געקומען זען צי עס איז אלץ אין אָרדנונג און דער רב פלעגט זיך אויך אריינכאַפּן נאָכזען אויב אלץ פירט זיך לויט די הלכות פסח.

נאָכן אָפּבאַקן די מצות האָט יעדער געטרונקען בראָנפן און געווונטשן זיך א כשרן פסח. מען האָט איבערגעלאָזט לעצטגעלט פאר די העלפערס און געווונטשן זיך א כשרן און פריילעכן יום־טוב.

די מענטשן האָבן זיך געביטן, די בעקערייען האָבן זיך געטוישט, די וועלגערינס האָבן זיך געוועקסלט, אָבער די אלע טראַדיציעס זענען געבליבן.

אכט טעג פאר פסח האט זיך שוין אנגעהויבן דער ביעור חמץ אין די הייזער. דאס אלטע מעבל מיט די בעטן און בעטגעוואנד זענען ארויסגעטראגן געווארן אויף די הויפן. די ספרים זענען געווארן אויסגעלייגט אויף ברעטער — זיי זאלן זיך אויסלופטערן פון חמץ. אין די הייזער האט מען געקאלכט, געוואשן, געשייערט, געריבן, געקראצט — לויט אלע כללים פון שולחן ערוך. די לעצטע צוויי טעג פאר פסח האט מען שוין נישט געגעסןביים טיש, נאר אויף א בענקל ביי דער טיר און מען האט אונטערגעהאלטן די האנט עס זאל חס וחלילה נישט אראפפאלן קיין ברעקל חמץ.

די נאכט פאר ערב פסח איז יעדער געקומען פון בית־מדרש מיט א ליכטל, וואס מען האט באקימען ביים שמש צו בדיקת חמץ. אהיים קומענדיק האט שוין יעדע בעל־הביתטע געהאט אנגעגרייט אויף פארשיידענע ערטער שטיקלעך ברויט כדי דער מאן זאל נישט מאכן א ברכה לבטלה. דער מאן האט אנגעצונדן א ליכטל, גענומען א לעפל מיט 2 געגנדזענע פעדער, געמאכט די ברכה „על ביעור חמץ", צוזאמענגענומען די באהאלטענע שטיקלעך ברויט, אריינגעלייגט צוזאמען מיטן פעדער אינם לעפל, פארבונדן מיט א שמאטקע און צומארגנס פאר 10 א זייגער פארברענט דעם לעפל מיטן חמץ אויף די באשטימטע פלעצער.

נאכן פארברענען דעם חמץ האט מען געגנובען גליען די קיך און כשרן די כלים, וועלכע האבן געפעלט צום פסחדיקן קאמפלעט. מען האט אראפגענומען דאס פסחדיקע געפעס פונם בוידעם און ארויסגעטראגן דאס תמצדיקע געפעס, אויסגעפוצט די שטוב, אוועקגעשטעלט דאס פסחדיקע געפעס אויפן פלאץ, באדעקט דעם טיש מיט א יום־טובדיקן טישטוך, ארויפגעשטעלט די כוסות פאר דער גאנצער פאמיליע און ארויסגענומען דעם צוגעגרייטן ראזשינקעס־וויין פאר די ארבע כוסות. דאן האט מען געשיקט קויפן א האלבן קווארט עכטן וויין פון א וויין־קעלער — עס זאל זיין אויף קידוש. מען איז געגאנגען אין מרחץ אריין מיט אלע בנים, זיך געטובלט לכבוד דעם הייליקן יום־טוב, אנגעטאן די נייע מלבושים, וואס יעדער האט זיך געמאכט און זיך געלאזט מיט דער משפחה אין בית־המדרש אריין.

די צייט פון סדר איז דאס גאנצע שטעטל געווען איינגעהילט אין א טויטער שטילקייט. די גאנצע לבנה, וואס האט דאן באלויכטן דאס שטעטל, האט אראפגעקוקט אויף די הייזער ווי די יידן זענען אויסגעזעצט ביי די טישן אויף די היסב־בעטן, זיך אנשפארנדיק אויף די ווייסע קישנס ווי בני־מלכים און ריכטן־אפ דעם סדר מיט זייערע משפחות, די קינדער פרעגן די קושיות און מען זאגט מיט גרויס התלהבות די הגדה מיטן סקארבאוון ניגון, וואס הערט זיך איבערן גאנצן שטעטל.

עס זענען געווען לצים, וואס האבן פריער געענדיקט און געגאנגען אונטערקוקן אונטער די פענצטער ווי די עמי־הארצים ריכטן־אפ דעם סדר און זעצן די ווערטער ווי אן אגראדניק זעצט אוגערקעס: תרח אבי, אברהם אבי א. א. ו. ווען מען האט געעפנט די טיר פאר אליהו הנביא, האבן די לצים אריינגעלאזט צום סדר א קאזע, וואס האט אנגעמאכט א חורבן און איבערגעקערט דעם סדר מיט די כוסות...

טרויער־טעג און ימים נוראים

פון פסח ביז שבועות און די גאנצע צייט פון ספירה האָט מען געקענט אָנטאָפּן דעם טרויער מיט די הענט. יעדער האָט מיטגעטרויערט אויף די 12,000 תלמידים פון ר' עקיבא, וואָס זענען אומגעקומען. אין אָטדער צייט איז נישט פאָרגעקומען קיין שום חתונה, קיין פאַרוויילונג. מען איז נישט געגאנגען צום טייך זיך באָדן — עס זאָל חס־ושלום נישט געשען קיין אומגליק. ל"ג בעומר זענען די מלמדים אביסל ארויסגעגאנגען מיט די תלמידים אויף פרישע לופט און די קינדער האָבן געמאַכט פיילנבויגנס און געשאָסן אינדערלופטן.

פון שבועות ביז שבעה־עשר בתמוז איז געווען די בעסטע צייט ביי יידן אין שטעטל. מען האָט געקענט חתונה מאכן קינדער, שרייבן תנאים מיט א טאָכטער, גיין פארנאכט זיך באָדן אין די סטאוועס און ווער שמועסט פרייטיק, ווען מען גייט זיך טובלען אין טייך. עס איז ממש מחיה נפשות גיין איבער די גרינע לאָנקעס א קילאָמעטער וועגס, זיך אָנזאַפּן מיט פרישע לופט און דופט פון די קליינע, רויטע און קאָלירטע בלימעלעך, וואָס לאָזן ארויס אזוינע געשמאַקע ריחות פון צווישן די גראָזן.

נישט לאַנג האָט עס געדויערט און עס זענען אָנגעקומען די דריי וואָכן מיט די ניין טעג. עס איז ווידער געוואָרן אומעטיק ווען יידן האָבן זיך דערמאָנט אין חורבן בית־המקדש. אין די ניין טעג האָט מען נישט געקענט פארזוכן קיין פליישיקס. די שוחטים האָבן נישט געשאָכטן און האָט זיך חס־וחלילה געמאַכט א חולה מסוכן, וואָס האָט געמוזט האָבן אביסעלע יויך אויף א רפואה, האָט מען געמוזט ברענגען פון רב א היתר צו שעכטן אן עוף.

תשעה באָב ביינאַכט איז געוואָרן אין גאנצן שטעטל פינצטער. אלע זענען אוועק אין בית־מדרש און זיך געזעצט אויף די איבערגעקערטע בענק און טישן זאָגן קינות. קונדסים האָבן געוואָרפן „בערעלעך", וואָס פלעגן זיך צוקלעפּן צו די בערד און ס'איז געווען שווער עס ארויסצונעמען — זכר לחורבן. צומאָרגנס נאָך די קינות איז מען געגאנגען אין די זאָקן אויפן הייליקן אָרט. די קינדער האָבן מיטגענומען הילצערנע שווערדלעך אריינצושטעקן אין די קברים. אהיימקומענדיק האָט מען געדאַוונט מיט די תפילין און מען האָט געפאַסט ביז נאכט.

ראש חודש אלול האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן. אלע פרימאָרגנס נאָכן דאַווענען האָט מען אָנגעהויבן בלאָזן שופר אין בית־המדרש און מען האָט זיך דערמאָנט, אז עס דערנענטערט זיך דער יום־הדין.

ווייבער האָבן אָנגעהויבן גיין אויפן בית־הקברות. דער חזן מיטן שמש האָבן זיך שוין דאָרט געפונען יעדן טאָג אינדערפרי און געמאַכט אלע באזוכערס „אל מלא רחמים".

אכט טעג פאַר ראש השנה האָט דער שמש יעדן פרימאָרגן, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער, געקלאַפּט אין די לאָדנס און אויפגעוועקט דעם עולם צו די סליחות. מענער, פרויען און קינדער זענען געלאָפן אין בית־המדרש אריין זאָגן סליחות און צוגרייטן זיך צו די מוראדיקע טעג בין כסה לעשור.

די עשרת ימי תשובה האָט מען געזען ווי דאָס גאנצע שטעטל ציטערט פאַרן יום־הדין. יעדער איז געלאָפן דריי מאָל אין טאָג דאַווענען. מען האָט געטיילט צדקה, געשלאָגן כפרות מיט ווייסע הענער אלס א כפרה אויף די זינד.

צו „כל נדרי" זענען אלע געגאנגען מיט דער גאנצער פאמיליע אין די זאָקן, מענער מיט זיידענע קאַפּאָטעס, ווייבער אין ווייסע קליידער און ווייסע פאטשיילעס אויף די קעפּ. די דירות זענען געבליבן ליידיק, אפילו די פּיצלעך קינדער האָט מען מיטגענומען אין שול אריין. נאָר די גרויסע ליכט האָבן געברענט אין די הייזער לזכר די נשמות פון די פארשטאָרבענע. א גאנצן יום כיפּור זענען אלע געזעסן און נישט ארויסגעטראָטן פון בית־המדרש און שול, א גאנצן טאָג געדאוונט און געבעטן גאָט אויף געזונט און פּרנסה.

מוצאי יום כיפּור, נאָר צוריקגעקומען פון שול, נאָכן אָפּעסן, האָט מען זיך גענומען אויפצושטעלן די סוכה. ביז סוכות האָט מען צוגעגרייט די סוכה, געדעקט מיט סכך און ארומגעזוכט א לולב מיט אן אתרוג. פינף שותפים האָבן געקויפט אזא „שפאָן": איינער וואָס דאוונט אין גערער שטיבל, איינער אין סאָקאָלאָווער שטיבל, איינער אין שול און צוויי וואָס דאווענען אין בית־המדרש ביי צוויי מניינים — כדי יעדער איינער זאָל האָבן דעם לולב צו שאָקלען באזונדער און נישט דארפן ווארטן.

נאָך סוכות האָבן זיך אָנגעהויבן פרישע דאגות: אָנגרייטן האָלץ אויף ווינטער, אראָפּשיטן עטלעכע מעטער קארטאָפל אין קעלער אריין, באזאָרגן די קינדער מיט ווארעמע זאכן אויף ווינטער, אָנדינגען די קינדער אין חדר ביי גוטע מלמדים. א גאנצן חול־המועד סוכות האָט מען זיך געדרייט דעם קאָפּ און נישט געקענט דעצידירן צו וועמען מען זאָל שיקן דעם „תכשיט" אין חדר אריין.

אזוי האָט זיך געפירט דאָס לעבן אין שטעטל. פון דור דורות האָט עס זיך אזוי געצויגן. די מענטשן האָבן זיך געטוישט, אויך די צייטן האָבן זיך געביטן, נאָך די מנהגים און טראַדיציעס האָבן זיך נישט געענדערט ביזן אומקום פונם שטעטל מיט אירע איינוווינער, ווען דאָס אלץ איז אונטערגעגאנגען — — —

ישראל שטיינמן
תל־אביב

בהתקדש החג

קבלת שבת

ערב שבת לפני שקיעת השמש. הולך לו פישל השמש, יורד מהרחוב המוארך, ה„שול־הויף", כשידיו שלובות לו מאחוריו. בשקט ובמתינות צועד הוא, לבוש בגדי שבת.

פישל הוא גבוה, חסון, בעל זקן צהוב ודליל, כמעט מחודד, מסורק לכבוד שבת. מגפיו מרוחים במשחה מבריקה. צועד הוא לאט־לאט, עקב בצד אגודל ובהילוכו מורגשת מעין גאווה, שיש באפשרותו לעצור את חיי החולין בעיירה בקריאה אחת: „אין ש־ר־ר־ל א־ר־א־יי־ן"...

כל עבודת היום־יום, התנועה בכל מקומות־העבודה ובמסחר נעצרת לפי קריאתו של פישל השמש. מתחילות להזדרז הנשים, שעוד לא הספיקו להביא את ה„צ׳ולנט" אל התנור המוסק של השכנה או לתנור המאפיה, שלא מזמן גמרו להוציא ממנו את החלות האחרונות ואשר נשמר בו החום מכל ימות השבוע. זו נזכרת, שאין לה נרות שבת וממהרת לחנות הקרובה, אשר עוד מעט תיסגר למשך השבת לפי קריאתו של פישל השמש.

בהליכתו הוא מתעכב ב„תחנות" בארבע פינות המרכז, שכן מכל פינה מתפלגים רחובות צדדיים. לכל רחוב ולכל בית מגיע קולו של השמש והאנשים מתחילים להזדרז ולגמור את עבודת החולין ומתכוננים לשבת.

וכך שבוע אחרי שבוע, ערב שבת וערב חג נותן פישל את האות להיפרד מהעבודה הגשמית ולקבל פני שבת ומועד.

כל זה היה בעבר. לא ידוע כמה דורות וכמה שנים התקיים המנהג הזה, אבל לצערנו יודעים אנו מתי נפסק. לדאבון לבנו נשארה סארנאקי בלי יהודים, בדומה לרוב הערים והעיירות בפולין ואין זכר בה להווי יהודי.

תשליך

הנהר, הזורם על־יד שדותיו של יענקל נחומס, עם גשרון־העץ הקטן, שימש כל השנה לתושבי העיירה לצרכים שונים. באביב ובקיץ מרבים היו בני־הנוער לבלות על גדותיו. עקרות־הבית שוטפות היו במימי הנהר את הלבנים אחרי הכביסה. סגולה מיוחדת להם למים אלה: הם רכים ומשפרים את הלבנים. אף־על־פי שהמרחק מהעיירה לנהר הוא לא־קטן, לא התעצלו הנשים והטריחו את עצמן אליו.

בחורף, כאשר השלג נח על השדות סביב והמים קפואים, אז מתגנבים הנערים, בלי ידיעת הוריהם, אל הנהר ומחליקים עליו במחליקיים, במיוחד בשבת. היה זה ספורט נעים וחלק מבני־הנוער ידעו ליהנות ממנו מלוא חפניים.

אך יומו הגדול של הנהר היה ראש־השנה. כל העיירה הולכת אז ל„תשליך". הלכו זקן ונער, חסיד ומתנגד, אדוק וחפשי בדעותיו, צעירים וצעירות, ולכבוד ראש־השנה הולכים הבנים לחוד והבנות לחוד. אי הצייר, שיצייר את התמונה הססגונית הזאת, את הפסיפס הנאה של מיני הלבוש של בני העיירה בלכתם בצעד חגיגי אל הטקס המקודש! כל העיירה פלשה לרחוב אחד: תשליך!

הולכים החסידים מה„שטיבלעך" וה„מחזור" בידם, ובצדם ילדים קטנים וגדולים לבושים קאפוטה של אטלאס. הולכים „עמך", „מתנגדים", שלפני בואם ל„תשליך" הספיקו לומר בהת־להבות כמה פרקי תהלים בבית־הכנסת. הולכות נשים זקנות לאט־לאט עם ה„ציפקעס" (עטיפות־ראש) הנוצצים לראשן ונשים עם „שייטלעך" (פאות נכריות), כמובן כל אחת עם ה„קרבן־מנחה סידור". ונשים יותר צעירות — מטפחות לראשן, המחזיקות את ה„מחזור" בארנק או בעטיפת נייר, מבויישות כלשהו מפני צעירים, הנפגשים בדרך.

מהלכות כאן חבורות צעירים הלוך וחזור. אלה אינם הולכים להשליך את עבירותיהם לתוך מי הנהר, אלא רק מתוך סקרנות ונפגשים הב עם קבוצות צעירות, שגם הן הולכות בדרך זו ומחליפים קריצות־עין... נזכרים הם בזכרונות משותפים מטיולים בדרך הזאת.

ואותם, שכבר הספיקו לפרוק את צרור העבירות מכל ימות השנה, חוזרים ושביעות־רצון נסוכה על פניהם. מקווים הם, שהשנה תהיה טובה ומבורכת.

והמים בנהר זורמים באפיקם עד היום — —

ישראל שטיינמאן
תל־אביב

יום־טובדיק

קבלת שבת

ערב שבת פאר זון־אונטערגאנג. פישל דער שמש שפאנט, אראָפּגייענדיק פונם שולהויף, האלטנדיק די הענט צוזאמענגעלייגט הינטער־ויילעכטס. שטיל און געלאסן שפאנט ער, אָנגעטאָן שבתדיק.

פישל איז א הויכער, א פעסטער. זיין געל, שיטער, געשפּיצט בערדל איז געקעמט לכבוד שבת. גייט ער זיך לאנגזאם, טריט ביי טריט און אין זיין גאנג פילט זיך א מין גאווה, ווייל ער קען אָפּשטעלן דאָס גאנצע וואָכעדיק לעבן אין שטעטל מיט איין אויסרוף: „אין ש־י־י־ל א־ר־א־י־י־ן"...

די גאנצע טאָג־טעגלעכע ארבעט, די באווע־גונג אין אלע ארבעטס־פּלעצער און אין מסחר ווערט אָפּגעשטעלט לויט פישל דעם שמשס אויס־רוף. די ווייבער הויבן אָן זיך צואיילן אריינ־שטעלן דעם טשאָלנט אינם אויסגעהייצטן אויוון פון דער שכנטע אָדער אין דעם בעקעריי־אויוון, וואָס אָט־אָט האָט מען פון אים ארויסגענומען די לעצטע חלות, וועלכער איז ווארעם פון דער היץ פון דער גאנצער וואָך. דאָ דערמאָנט זיך איינע, אז זי האָט נאָך נישט קיין ליכט אויף שבת און לויפט אינם נאָנטן געוועלב, וועלכער האלט שוין ביים פארמאכן נאָך פישל דעם שמשס רוף.

גייענדיק שטעלט ער זיך אָפּ אין די פיר ווינקלען פונם צענטער, פון וועלכן עס צוטיילן זיך זייטיקע גאסן. אין יעדער גאס און אין יעדן הויז הערט זיך דעם שמשס קול און די מענטשן הויבן זיך אָן צואיילן כדי צו ענדיקן די וואָך־ארבעט און גרייטן זיך צו שבת.

און אזוי א וואָך נאָך א וואָך, ערב שבת און ערב יום־טוב גיט פישל דעם צייכן זיך צושיידן מיט דער גשמיותדיקער ארבעט און מקבל זיין שבת און יום־טוב.

דאָס אלץ איז געווען אין דער פארגאנ־גענהייט. מיר ווייסן נישט וויפל דורות און יאָרן האָט דער מנהג אָנגעהאלטן, אָבער לײדער ווייסן מיר ווען ער האָט אויפגעהערט. לײדער איז סארנאקי געבליבן אָן יידן, גלייך ווי דאָס רוב אנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, וווּ ס'איז נישטאָ קיין זכר פון א יידיש וועזן.

תשליך

דער טייך, מיט דער קליינער הילצערנער בריק, וואָס שטראָמט פארביי יענקל נחומס פעלדער, האָט א גאנץ יאָר געדינט די שטעטל־איינוווינער פאר פארשיידענע צוועקן. פרילינג און זומער פלעגן די יוגנטלעכע ליב האָבן צו פארברענגען ביי זיינע ברעגעס. פרויען פלעגן קומען אהער שווענקען זייער וועש נאָכן וואשן. א באזונדער אייגנשאפט האָט דאָס וואסער געהאט: עס איז געווען ווייך און פלעגט פאר־פיינערן די וועש. טראָצדעם וואָס דער טייך איז געווען נישט גאנץ נאָנט צום שטעטל, האָבן די פרויען זיך נישט געפוילט און געקומען אהער.

ווינטער, ווען דער שניי איז געלעגן אויף די פעלדער ארום און דאָס וואסער איז געווען פארפרוירן, פלעגן יינגלעך קומען אהער אָנם וויסן פון זייערע עלטערן און זיך גליטשן אויף ליזשוועס, ספּעציעל שבת. דאָס איז געווען א באליבט ספּאָרט און יוגנטלעכע האָבן עס אויסגענוצט און פיל הנאה געהאט.

אָבער דער גרויסער טאָג איז געווען ראש־השנה, ווען דאָס גאנצע שטעטל פלעגט גיין צום טייך צו תשליך. עס זענען געגאנגען יונג און אלט, חסיד און מתנגד, פרום און פריי, יינגלעך און מיידלעך, און לכבוד ראש־השנה זענען די יינגלעך געגאנגען באזונדער און די מיידלעך באזונדער. וועלכער מאָלער קען אויס־מאָלן אָטדאָס פּילפּארביקע בילד, די שיינע מאָזאיק פון זייערע בונטע קליידער גייענדיק מיט הדרת קודש צו דער הייליקער צערעמאָניע! דאָס גאנצע שטעטל איז געווען אויף איין פּלאץ: תשליך!

עס גייען חסידים פון די שטיבלעך מיטן מחזור אין האנט און פירן מיט זיך קליינע און גרויסע קינדער אָנגעטאָן אטלאסענע קאפּאָ־טעס. עס גייען עמך, מתנגדים, וואָס פארן קר־מען צו תשליך האָבן זיי דבקותדיק געזאָגט קאַ־פּיטלעך תהלים אין שול. עס גייען אלטע ווייבער לאנגזאם־לאנגזאם, מיט די ציפּקעס, וואָס שיינען אראָפּ פון זייער קאָפּ און פרויען מיט שייטלעך, פארשטייט זיך — יעדע איינע מיטן קרבן מנחה סידור, און יינגערע פרויען מיט א טיכל אויפן

קאַפּ האלטן דעם מחזור אין א בייטל אָדער איינגעפּאַקט אין פּאַפּיר, זיך שעמענדיק פאַר יונגעלייט, וואָס גייען פארביי.

הין און צוריק שפּאַנען דאָ גרופּן יוגנטלעכע. זיי גייען נישט אריינוואַרפן זייערע עבירות אין טייך אריין, נאָר אויס נייגיריקייט. דאָ טרעפן זיי זיך מיט גרופּן מיידלעך און וואַרפן צו זיי „אויגן"... זיי דערמאָנען זיך דערביי בשותפותדיקע ערינערונגען פון דעם פּלאַץ.

די וועלכע האָבן זיך שוין אָפּגעטרייסלט פון די עבירות פון א גאַנץ יאָר שפּאַנען צוריק מיט צופרידנקייט. זיי האָפן, אז דער שטן המקטרג וועט נישט קענען טענהען אין בית־דין של מעלה, אז זיי האָבן עבירות און זיי זענען זיכער, אז עס קומט א גוט און געבענטשט יאָר.

און דאָס וואַסער פליסט אינעם טייך ביז היינט צוטאָג — — —

יצחק פלאַט
קרית־חיים

ווען יעדער ייד איז געווען א מלך

אין די שבתים און ימים־טובים פלעגט דאָס שטעטעלע אויסטאָן די וואָכעדיקע קליידער און ווי מיט א כישוף־שטעקעלע האָט זיך געענדערט די שטימונג.

די געשעפטן האָבן זיך געשלאָסן. דער רויך פון די קוימענס האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון אלע יידישע הייזער האָבן געגומען שיינען די שבת־ליכט. א חנעוודיקע רו האָט זיך פארשפּרייט.

די ימים־טובים זענען געפייערט געוואָרן מיט פיל פראכט אויפן טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן שטייגער. אויך יוגנט און נישט שטרענג רעליגיעזע פלעגן קומען אין בית־המדרש און שול הערן א חזניש שטיקל פון אברהם־יענקל דעם חזן און לייב־הערש דעם שוחט.

ווי ווונדערלעך זענען געווען די שבתים און ימים־טובים אין שטעטעלע. די תפילות האָבן צעלייגט מוי־ערן. צעבראָכענע הערצער פון יידישע מאַמעס האָבן זיך אויפגעלייזט אין קרעכצן און טרערן, געפינענדיק אין זיי א טרייסט.

ווער האָט נישט געזען פרייטיק, שפּעט פאר שבת, דאָס לויפן אין באָד אריין כדי צו קענען קומען אין שול ריין, באַנייט, בארואיקט, פריש, שיין געקליידעט — נאָך א גאנצע וואָך שווערע ארבעט.


אין שול אָדער בית־מדרש פלעגט יעדער ייד זיין א מלך. דאָ, אין די תפילות צום רבונו־של־עולם, פלעגט יעדער אויסגיסן זיין הארץ און אויסדריקן זיינע ווונטשן. אומפארגעסלעך זענען מיר געבליבן די תפילות פון מיין זיידן ר' פייוול נוסקעס ז"ל.

ספּעציעל געדענק איך דעם ערב יום־כיפור, ווען בעת „כל נדרי" פלעגט זיך איבערן שטעטעלע טראָגן אן אמתער פחד. יונג און אלט פלעגן זיך צוהערן צום אלטן טרויעריקן ניגון פון די תפילות.

עס שטייט אויך פאר מיינע אויגן משה ברוקמאַן, דער אַלעארניק, וואָס שמחת תורה פלעגט ער טאַנצן אין די גאַסן, אָנגעטאָן א גלאַנציקע אטלאַסענע קאַפּאָטע מיט א יאַרמולקע אויפן קאָפּ, מיטן טלית אויף די פּלייצעס, דערשוויצט, פריילעך, משמח זייענדיק די יידן פון שטעטעלע.

בימי סבל ושואה

לייד און אומקום



פסח פרלמן
עכו

אלף ימים בגיטו ובמחתרת

האווירה בקיץ 1939 היתה מתוחה. עוד באביב נקראו גילאים שונים מבני העיירה להתגייס לצבא הפולני. בעת שסיימנו את שנת הלימודים דובר בבית־הספר על הגנה אנטי־אווירית וקיבלנו שיעורים מיוחדים לכך.

בציבור התהלכו שמועות, שעומדת לפרוץ מלחמה. בעלי חנויות החלו להחביא סחורות כגון סוכר, מלח, נפט, גפרורים. טענו, כי גם במלחמת העולם הראשונה היה מחסור במצרכים אלה.

באותו קיץ נסעתי לעיר הסמוכה סמיאטיץ׳, מקום שם התארחתי אצל דודי יוסקה, בעל חנות מכולת. היתה זו בשבילי הפגישה הראשונה עם עיר יותר גדולה ועם ציבור יותר נרחב מהציבור שהכרתי. שם נתקלתי בארגונים יהודיים יותר מפותחים, בבתי־הרושת גדולים שהעסיקו פועלים רבים. היתה לי שם הרגשת בטחון גדולה יותר, אולם עם זאת מצאתי שם את עצמי תמיד במבוכה, כי שיחת היום היתה גם שם המלחמה התלויה־ועומדת מעל לראשנו. נוכחתי לדעת, כי רבים מדברים על יציאה מהארץ — אלה לאמריקה ואלה לארץ־ישראל. בסופו־של־דבר פורסם ברבים, כי ריבנטרופ נסע למוסקבה. הפוליטיקאים בבית־המדרש ניבאו מלחמה וכן היה.

חזרתי לעיירה בסוף אוגוסט 1939 כדי להתכונן לשנת־הלימודים החדשה. עליתי אז לשנת־הלימודים השביעית. נעשו פעולות רישום התלמידים, אולם הנוער היהודי לא המשיך עוד בלימודיו, כי פרצה המלחמה.

התקפות־אוויר ראשונות

בוקר יום שישי רגיל היה האחד בספטמבר 1939, אך פתאום כמו רעמים כבדים נשמעו יריות והתפוצצויות גם יחד.

כולנו התעוררנו ואמי ז״ל הודיעה לנו, כי פרצה מלחמה. בשבילי ובשביל אחי היה זה דבר משעשע. אמנם, בבית־הספר למדנו על התגוננות אנטי־אווירית, אולם במציאות

לא חשנו כלל את המצב החמור. במהירות קפצנו ממיטותינו, יצאנו לחצר, אזנינו קלטו את היריות ושמעו את הזמזום החד־גוני של המטוסים. התבוננו ברקיע בכיוון לגשר פרונולוב ע"נ בוג וראינו תמרות עשן מתאבך. המבוגרים אמרו, כי אלו הן התפוצציות הפגזים מחיל התותחנים, החונה ליד הגשר.

במעמד זה פרצה מהבית סבתי פייגה בראנצ'ה. היתה זאת אשה יראת־שמים, שכל חייה היו קודש לצדקה ולגמילות חסדים. היתה חברה בחברה קדישא, ב„הכנסת כלה", בקופת חולים. בימי חג ושבת היתה משכימה קום, לוקחת את סידור „קרבן מנחה" ומבלה בבית־המדרש. בימי שישי היתה מתחילה את יומה הגדול בהכנות לשבת ותמיד חששה שמא לא תספיק. והנה פרצה החוצה ובקול בכי תמרורים הביעה את טענותיה: — לשם מה להם להילחם? האם אי־אפשר ליישב ביניהם את המחלוקת בלא שפיכות דמים?

דבריה אלה נאמרו בכנות, אולם כל העומדים בחצר פרצו בצחוק. אמי, אסתר „די געלע", פנתה אליה: — „היכנסי הביתה לבשל ואל תעסקי בפוליטיקה!"

בשבילנו הקטנים היה זה רגע של צחוק ובדיחות־הדעת. אולם מיד אחרי זה התחלנו לעקוב אחר ההתרחשויות. ההודעות הרשמיות מסרו, כי פרצה מלחמה; הגרמנים התקיפו; אנו נילחם בכל כוחותינו עד טיפת הדם האחרונה.

היהודים החלו להתלחש, שיש להכין מצרכים כגון סוכר, מלח, גפרורים, סיגריות. זכור לי, כי אבי הכין לעצמו סיגריות בכמות גדולה וחשב, כי בזה יצא ידי חובתו.

אותו יום שישי חלף תוך כדי ציפיה ממושכת מצד כל תושבי העיירה. נפוצו שמועות על קרבות המתנהלים במערב, ופה ושם נרמז על־ידי יודעי־דבר, כי הרוסים מתחילים להתקדם מערבה.

בבית־המדרש נערכו עדיין התפילות כרגיל, אולם רוב הנוער עסק בויכוחים.

לא רצינו לחזור בידים ריקות והחלטנו להתקרב לכפר. המוביל היה משה. למקום הגענו לאחר שעה. ירד גשם מלווה רעמים וברקים וחשכה שררה סביב, פרט לאורות הברקים, שהאירו את החשיכה. משה ושבסל חדרו לתוך רפת במשק הראשון, שהיה בדרכנו, וכעבור דקות מספר יצאו ואתם 3 כבשים גדולים, קשורים זה לזה ברצועות ובחבלים. הכבשים פתחו בריצה ואנו אחריהם. כל אחד מאתנו החזיק בחבל או בזנב כבש וכך רצנו אולי כשעה. עד היום נדמה לי, כי לא כבשים היו אלה אלא שדים, כי למעשה הם שמשכו אותנו.

רצנו דרך שדות וגנים עד שהגענו לדרך עפר. התקדמנו מספר קילומטרים והגענו לכביש. איש מאתנו לא ידע מהו המקום, שבו אנו נמצאים. לצד הכביש ראינו בתים. משהחלו כלבים לנבוח, לא היתה לנו ברירה והערנו את אחד האיכרים כדי לשאול אותו. געצל ניגש אל הבית, דפק בחלון ויצא איכר, שהציג את עצמו כראש הכפר. ביקשנו ממנו לחם והוא סירב לתת. שאלנו אותו לשם המקום והוא השיב ברוגזה, כי זהו חלופקוב..

עזבנו אותו והתחלנו ללכת כשפנינו מזרחה. בינתיים פסק הגשם והשמים התבהרו. היה כבר לאחר חצות. הכבשים רצו קדימה ואנו אחריהם. פתאום שמעתי צרור יריות וראינו אש לנגד עינינו. שמעתי צעקה בפולנית: עמדו! עזבנו את הכבשים והתחלנו לרוץ.

זינקתי מן הכביש לתוך תעלה מלאה מים. היריות נמשכו ושמעתי קול צעדים בקרבתי על הכביש. ראיתי צינור, ששימש כנראה למעבר מים מתחת לכביש וזחלתי לתוכו. מצעקות בפולנית הבינותי, כי הפולנים רוגזים על שכולנו הספקנו לברוח. חולקו פקודות לסריקת השטח. שומרים הוצבו על הכביש. שמעתי, כי אחד מהם אומר, שייכנס לתעלה כדי לבדוק את מעבר המים וראיתי פנס מאיר מצדו השני של המעבר. חזרתי אחורנית ויצאתי מהצינור ושוב הייתי בתוך התעלה. על הכביש התהלך זקיף ומרחוק שמעתי קולות צעקה. החלטתי לנסות לברוח והתחלתי לזחול כדי לצאת מהתעלה ולהיכנס לשטח זרוע תבואה.

לאט־לאט התקדמתי מבלי שמישהו ירגיש בי. זחלתי עד למרחק כמאה מ׳ מהכביש ופתאום שמעתי קריאה: עמוד! נפתחה עלי אש. קמתי והתחלתי לרוץ בזיגזגים. מכל הכיוונים נפתחה עלי אש ואני רצתי. ראיתי לפני פסגת תל וחשבתי, כי אם אצליח להגיע אל הפסגה, הרי בירידה שוב לא יצליח איש לתפסני. אולם כוחותי לא עמדו לי, התחלתי ליפול ולרוץ שוב. הרודפים התקרבו אלי וכבר ראיתי את אלומות האור של פנסיהם. שמעתי קריאות: עמוד, אחרת נהרוג אותך! אולם

המשכתי בריצה. נכשלתי ונפלתי — עד שהרגשתי, כי לא אוכל עוד. כך נשארתי שוכב בשדה, בתוך התבואה.

במוחי התרוצצו מחשבות שונות ומשונות. דאגתי העיקרית היתה, שאבי ואחַי לא ידעו אפילו את מקום קבורתי. השניות חלפו באטיות. שמעתי, כי מתקרבים אלי. אחד עבר על פני מבלי להרגיש בי וכן גם שני ועוד מספר אנשים, שהמשיכו ללכת קדימה. נדמה היה לי, כי הצלחתי, אך פתאום ראיתי, כי הגיע עוד אחד. היה זה האחרון, שהלך וקילל בלי הרף. שוב שרבבתי את ראשי באדמה והפסקתי לנשום. הוא הגיע ודווקא נתקל ברגלי, פלט צעקה וירה באוויר. הוא פקד עלי לשכב וקרא לעזרה.

שמעתי, כי רבים באים בריצה ופתאום הרגשתי מכה איומה בראשי ומיד לאחר־מכן מכות בכל גופי. הם הקימו אותי והוסיפו להכותני. צעקתי וקראתי לעומתם: מה אתם רוצים ממני? מה רעה עשיתי לכם? האם לא די שהגרמנים הרגו את כל בני משפחתי ואתם רוצים להרוג גם אותי? — — —

תוך כדי בכיה חזרתי כמה פעמים על דברי אלה והם הפסיקו להכותני וציוו עלי ללכת אחריהם. הם הובילוני לכיוון היער מבלי לדבר דבר. כל הדרך שקלתי בדעתי מה לומר להם. בינתיים הכרתי אחד מהם. היה זה בחור מחלופקוב בשם ז׳אנדארצ׳וק. לא ידעתי אם כדאי לפנות אליו או אולי מוטב להתנכר לו.

הובאתי לתוך חורשה, שבה היה מחנה הפארטיזאנים הפולנים. הוכנסתי לתוך סכּכה והמנהיג שלהם החל לחקרני. סיפרתי, כי אני יהודי מסארנאקי ומסרתי את שמי. הוא שאל אותי אם אני קומוניסט. אמרתי, כי אני עדיין ילד ורוצה להישאר בחיים כדי לנסות למצוא את קרובי. אחר־כך שאל: היכן הייתי עד עכשיו ומי היה אתי? טענתי, כי הייתי ביער; יש שם עוד יהודים בודדים וכל אחד חי בנפרד. הוא דרש שאספר לו ממה אני מתקיים. אמרתי, כי אני מסתובב בכפרים ואוסף צרכי אוכל וקצת אני מלקט בשדות.

המנהיג שאל אותי אם אני יודע מי הוא ואנשיו. אמרתי, כי הם בודאי פולנים, הנלחמים בגרמנים. הוא אישר זאת, אך הוסיף: גם בקומוניסטים. בסוף ביקש שאראה להם את היער, שבו התחבאתי כל הזמן. כאן התחלתי להסס ולא עניתי מיד. הם התחילו להכותני, סתמו את פי עד כי כמעט נחנקתי. אחר־כך כיסו את עיני, הוציאוני החוצה וקשרוני לעץ. חשבתי, כי בא קצי. הם אמרו, כי אם אראה להם את היער, שבו התחבאתי, לא יעשו לי רעה. עניתי, כי לא הייתי במקום קבוע וכל פעם עברתי למקום אחר. — אם כך — אמר אחד מהם — תמות מיד!

באותם רגעים הייתי מוכן לתת את נפשי. חששתי שאם אביא אותם אל היער, יוציאו להורג את בני חבורתנו. אמרתי לעצמי: מוטב שאני איהרג והשאר יהיו לפליטה.

פתאום שמעתי פקודה: מכיוון שאני מסרב לשתף פעולה, יש לירות בי. חיכיתי לירִיה, אולם היא לא באה. הם התירו את הקשר מעל עיני וראיתי את המנהיג, שהמשיך ואמר, כי הוא רוצה לתת לי את ההזדמנות האחרונה להוכיח את נכונות דברי; הוא אומר לשחררני מכיוון שאני עיף ועצבני כעת וכעבור יומיים ירצה לפגוש אותי ביער, שבו אני נמצא. לזאת הסכמתי. אמרתי, כי אחכה לו ליד המעיין ביער זאבוז׳ה בשעה 6 בערב. אחר הדברים האלה פקד לשחררני. שני

פארטיזאנים הובילוני לקצה החורשה ועזבוני לנפשי. לא נתתי אמון בהם וחששתי שמא יירו בי. ביקשתי אותם לחזור והם חזרו אתי לתוך החורשה. משם זינקתי פתאום ולאחר שניות ספורות התרחקתי כבר מהמקום והמשכתי לרוץ בלי הפסק.

בחוץ נצנץ השחר. לא הכרתי את הדרך, אבל ידעתי, כי עלי לפנות מזרחה ורצתי באותו כיוון. המרחק, עד למחוז חפצי היה כ־10 ק"מ. רצתי בלא הפסק והגעתי לכפר הולובצ'יץ כאשר השמש היתה כבר במלואה ברקיע ואנשים התהלכו בחוץ. ראיתי, כי מסתכלים בי, אבל באין ברירה המשכתי בריצה. בהגיעי אל היער, האטתי את הקצב, הלכתי לאט והרהרתי בחברי, אשר לא ידעתי אם הצליחו להימלט.

עלה בדעתי, כי אם מישהו מחברי הגיע לפני וסיפר את אשר אירע, יחשבוני בודאי למת או לשבוי, הנתון לעינויים כדי לגלות את מקומות הסתר.

בהבחיני בעקבות טריים, זיהיתי את טביעות הסוליה של געצל. הייתי בטוח, כי הוא עבר כאן לפני. שקט מוזר שרר בקרבת מקום־המגורים שלנו. שרקתי קלות, אולם לא נעניתי. הבינותי, כי כולם עזבו את המקום. לא היה זכר לשום איש. אך הבחנתי, כי לא־מכבר דלקה שם אש. פחד נפל עלי, אך מיד התאוששתי והחלטתי להישאר כאן מתוך אמונה שאבא יבוא לבדוק שמא חזרתי.

חלפו דקות ספורות ושמעתי רשרוש ממרחק רב. נצמדתי אל הקרקע והרגשתי, כי הוא נגרם על־ידי אדם. הדקות חלפו באטיות מורטת עצבים. שכבתי חבוי בין שיחים ופתאום ראיתי, כי אבא הולך בצעדים זהירים והגיע כבר למרחק מטרים ספורים ממני. ראיתיו בבירור. עיניו היו אדומות וכתמים שחורים עטרו אותן. סבל ופחד נשקף מהן. מיד פרצה מגרוני צעקה גדולה: „אבא!". אבי זינק לפתע והחל לברוח. קמתי וצעקתי בקול: — אני כאן לבדי והנני חי! אך שוב לא ראיתי את אבא. התייצבתי במלוא קומתי כדי שאבי יראה אותי. מיד הגיע בריצה, נפל על צווארי והחל לבכות בכי מר. לא יכולתי להרגיעו. ניסיתי לספר לו את אשר אירע, אולם הוא לא היה מסוגל לשמוע. הוא מלמל, כי אסור לי לעזוב אותו לבדו עם שני הילדים; אם אני אלך לאיבוד, אין תקווה גם לו ולילדים הקטנים.

סוף־סוף הצלחתי להרגיעו והוא סיפר לי, כי געצל בא עם שחר וסיפר על מאורעות הלילה. הם כבר לא האמינו שנחזור ועזבו את המקום. אולם אבא החליט בכל־זאת לחזור ולחפשני אחרי שרק אני ומשה נעדרנו.

אבי הביאני אל המקום, שאליו עברו והתחלתי לספר בפרטי־פרטים את קורות הלילה. סוכם שלא אקיים את הבטחתי להיפגש עם הפארטיזאנים הפולנים, שהרי ידענו את כוונתם הרעה. חברי חקרו אותי אם גיליתי את מקום הימצאנו ושאר פרטים, הנוגעים לנו. בכיתי וטענתי, כי לא גיליתי דבר.

שבסל החליט לשכב בקרבת המקום הקודם ולחכות לאחיו. ואכן, למחרת, עם שחר, הגיע משה. מפיו נודע, כי הוא רץ בלי הרף, הגיע לסביבת לושיץ, התחבא בשדות, קיבל אוכל מאחד האיכרים ונשאר שם עד הלילה, אחר־כך חזר. בשורות טובות הביא אתו. האיכר סיפר לו, כי הגרמנים נסוגים וכי משהו עומד להתרחש. לפי השמועות היו כבר הרוסים קרובים מאד.

הצבא האדום מתקרב

רוחנו התרוממה שוב. התארגנו במקומנו החדש והחלטנו שלא לצאת לעתים קרובות ולא להתרחק אלא לכפרים הסמוכים. בלילות שמענו פיצוצים אדירים. מטוסים חגו בשמים. הפיצוצים נשמעו בבירור, אם־כי ממרחקים גדולים מאד. הבינונו, כי אלה הם רעמי תותחים. חישבנו, כי בלילות ניתן לשמוע ממרחק כמאה ק"מ ויש לעשות משהו כדי להיות מוכנים לבאות.

מקום מחבואנו היה מוצלח, אולם היה מחסור במים. כדי להגיע למעיין, שקודם ישבנו בקרבתו, היה עלינו ללכת מרחק 4 ק"מ. ההליכה היתה בשלושה. היה לנו כד חלב, שנקשר למקל ארוך, שנישא בידי שניים; השלישי היה נושא דליים. בלילה אי־אפשר היה ללכת שמה, כי הדרך היתה בין שיחים צפופים וההליכה היתה גורמת רעש גדול. על כן היינו הולכים עם שחר או עם שקיעת החמה. רצינו להחליף את המקום. אבא אמר, כי זכור לו מקום בקרבת הבוג, בכיוון מרביץ', שם יש נחל, שקילוחו דק, הזורם מההרים. הוחלט לצאת לחפשו ובינתיים רצינו להשיג אספקה, כי אין לדעת כמה זמן נהיה מבודדים, ללא קשר עם איש מהחוץ.

היה זה כבר בסוף יוני. יצאנו בערב אל הכפר ואבי היה בין ההולכים. בכפר הולובצ'יץ נודע לנו, כי צבא גרמני עומד להגיע; המשטרה הזמינה חדרים אצל ראשי הכפרים; בסארנאקי נראים טאנקים ותותחים. השמועות אמרו, כי הגרמנים מתכוננים להילחם על גדות הבוג. בשבילנו היתה זו בשורת איוב. לבנו היה מר עלינו. כל אחד חשב בלבו: החזקנו מעמד זמן כה רב בתנאים בלתי אנושיים וחבל מאד אם דווקא כעת, בהתקרב הגאולה, נפול כקרבנות.

אותו לילה אספנו מצרכי־מזון, שיכלו להספיק לכולנו למשך חודש לערך. עם שחר חזרנו ליער. בהתקרבנו לסביבת המעיין, שמענו צעקות כאילו גדוד שלם חדר ליער. שכבנו לארץ והקשבנו. הדיבור היה בפולנית ולפי הרעש הבינונו, כי מקימים סככות. היו אלה פארטיזאנים פולנים, שלגבינו היו מסוכנים לא פחות מהגרמנים. אנשי א. ק. („ארמיה קראיובה"), התנגדו לשלטון הגרמני, אך גם לרוסים. יהודים לא־מעטים נפלו מידיהם. וכעת הם ודאי חוששים מתוצאות מעשיהם ואינם רוצים שיישארו עדים חיים, שיספרו על מעלליהם.

חזרנו למקומנו וסיפרנו על המתרחש ביער. לפי־שעה לא יכולנו ללכת להביא מים לצרכינו. מלאי המים היה דל מאד. נקבע קיצוב במים. כך נטינו אוזן במשך שלושה ימים — עד כי נדמה היה לנו, כי נשתרר שקט. ביום הרביעי החלטנו לצאת להביא מים לשתיה. געצל היה הראשון שהתנדב לכך ואחריו שבסל ואני. השמש החלה לשקוע ואנו לקחנו אתנו כד ודלי ויצאנו לדרך. צעדנו בזהירות, כשאזנינו נטויות לכל רחש. כעבור זמן קצר רכשנו בטחון עצמי. הגענו לקצה החורשות הצעירות והיה עלינו להיכנס ליער עבות. משם היה המעיין קרוב.

כשהגעתי לקצה החורשה, התכופפתי מתוך זהירות כדי לסקור את הסביבה. לא ראיתי כל דבר חשוד והמשכנו ללכת. פתאום נתגלה על־ידי אדם שוכב ובידו רובה. לקול צעקתו עמדנו. מיד נשמעה יריה. זרקתי את הכד, שהיה בידי ופתחתי בריצה. גם שבסל וגעצל עשו כמוני. רצנו בלי הפסק כל אחד בכיוון אחר, כשאנו קולטים קולות יריה. לאחר 10 דקות לערך החלטתי לעמוד ולהאזין. שמעתי רשרוש

ושריקה קלה ועניתי. הגיע אלי געצל, כולו לבן כסיד. אז תיארתי לי כיצד אני נראה. לא ידענו היכל נמצא שבסל. החלטנו להמתין ואמנם, כעבור זמן קצר הגיע גם הוא.

בהיותי למוד נסיון במקרים כאלה, אמרתי לאגוף את המקום ולחזור מכיוון אחר. וכך עשינו. אולם החשכה, שירדה בינתיים, הפריעה לנו ובקושי מצאנו את המקום. איש לא היה שם. החלטנו להמתין והקימונו רעש בכוונה. פתאום שמענו רשרוש. אנשינו חזרו כולם וסיפרנו להם את אשר עבר עלינו. אך חזרנו בלי מים והחלטנו שלא ללכת עוד לאותו כיוון.

בצפיה מתוחה לקראת השחרור

היינו כבר קבוצה לא־קטנה, כי בינתיים הצטרפו אלינו עוד מספר פליטים. לאחר ליל נדודים מצאנו את עצמנו על גבעה מיוערת. החלטנו להישאר במקום ולבדוק את הסביבה לאור היום. בבוקר ראינו, כי הגבעה הנה גבוהה מאד, היער נראה לכל הכיוונים, בצד צפון־מזרח נמצא הבוג. התחלנו לתור את הסביבה ולמזלנו גילינו זרם מים דקיק, שמחתנו היתה רבה. טעמנו מהמים והנה הם קרים ונקיים. חפרנו בור קטן כדי ליצור מאגר ובעזרת ספלים שאבנו מים לשתיה. כאן התמקמנו והחלטנו שלא להדליק אש, אלא עם שחר בלבד; נחכה ונראה מה יביא יום.

היה זה כבר בסוף יוני. בלילות שמענו קולות פיצוץ מחרידים ומדי לילה נשמעו יותר קרובים אלינו. היה זה אות, שהגאולה קרובה, אבל חדלנו כבר להאמין בה. כך חלפו כמה ימים. שקט שרר ביער, שקט שלפני הסערה. ואכן, בבוקר לא־עבות אחד שמענו רעש וצעקות וככל שיכולנו להבחין, היה זה דיבור גרמני. בלי הרף נשמע רעש מנועים והגיעו קולות יריה מכל הכיוונים. חששנו שמא סופנו הגיע. שכבנו בלי נוע ומבלי להוציא הגה מפינו.

למחרת נשמעו יריות תותחים. מעל ליער התעופפו פצצות משני הכיוונים. בשעת הפגזה באחד הלילות נעקרו עצים, חיות־בר התרוצצו מבוהלות. ומעניין, דווקא חיות־פרא אלו רבצו בקרבתנו מבלי להזיק לנו, כאילו הרגישו, שאנו בעלי גורל משותף. ההפגזה הופסקה עם שחר. שמענו עוד דיבורים ביער והבינונו, כי הוא מלא צבא גרמני.

באותם הימים כמעט לא אכלנו ולא שתינו. בעיה חמורה יותר היה המחסור בסיגריות למעשנים. טבק לא הצלחנו להשיג וראיתי, כי אבא סובל מאד. הוא היה מלקט שרשי עצים ומנסה להציתם כדי לעשן, אולם לא הצליח בזה. היינו מבוהלים מאד, כי הסכנה ארבה לנו על כל צעד ושעל. כך חלפו כעשרה ימים, מבלי שנדע מה מתרחש.

פתאום נשתרר שקט ביער. נשמע רק טרטור מטוסים, שחגו בשמים. עוד יומיים ישבנו מכורבלים במקומנו ומאחר שפסקו אותות המלחמה מהחוץ, החלטנו שיש לבדוק את המצב. געצעלע אמר, כי אם אני אלך, יצא אתי. רציתי מאד לזוז מהמקום, אולם אבי התנגד לכך. בכל־זאת שוכנע, כי אין מנוס מזה.

בשורה שהגיעה בכרוז ממטוס

גדמה לי, כי היה זה בשבת אחר הצהרים, — אז כבר אבד לנו חשבון הימים. ביער מצאנו עקבות חיילים ומקומות, שהיו בהם סימנים, כי הוקמו שם אהלים וסככות. החלטנו להתקדם ולהגיע לעת ערב לכפר כדי לשמוע חדשות. מעל ליער חג מטוס ואנו הסתתרנו. מן המטוס הוטלו כרוזים, שנתפזרו בסביבה. למזלנו הגיע אלינו אחד הכרוזים נישא ברוח. הוא היה כתוב ברוסית ובגרמנית: אל צבאות הוירמאכט מאת הצבא האדום. בכרוז נאמר, כי הצבא האדום כבש כבר את לובלין ומתקדם לעבר וארשה וכי החיילים הגרמנים נמצאים מוקפים. הכרוז הציע להם להיכנע מיד, שאם־לא־כן יהיה מאוחר מדי. הכרוז, שעליו חתום היה מפקד הצבא האדום, נשא תאריך 19.7.44.

החלטנו לחזור מיד בריצה ולהראות את הכרוז לבני החבורה שלנו. בדרך היינו עדי ראיה לקרב בין נץ לארנבת. הנץ התגבר על הארנבת והחל לטרוף מבשרה. אנו יידינו אבנים בנץ, שנמלט, ותפסנו את הארנבת.

בני החבורה התנפלו עלינו, ברצותם לראות את הכרוז. לאט־לאט הצלחנו לפענח את תוכן הכרוז בחלקו הגרמני והיה ברור, כי עומדים אנו על סף גמר המלחמה. אבל לא ידענו אם אמנם כבר נכנעו הגרמנים. החלפנו דעות והחלטנו להמתין. כאמור, היה על הכרוז תאריך 19 ביולי ואנו לא ידענו באיזה תאריך אנו עומדים, — היינו, אם היה זה אתמול או שלשום. מישהו הצליח לחַשב, כי היום 20 בחודש וכי הכרוז הוא מאתמול.

את בשר הארנבת בישלה מלכה׳לה וכל אחד קיבל את מנתו יחד עם מרק תפוחי־אדמה. היה זה לאחר שכמה ימים כמעט לא בא אוכל אל פינו.

למחרת שרר שקט, אולם אנו חיינו במתיחות וחוסר סבלנות. קשה היתה הציפיה. בלילה הגיעו אלינו צעקות ורעש גדול מכיוון הבוג, כאילו מחנות צבא צולחים את הנהר. במשך כל הלילה עמדנו על רגלינו, הקשבנו ורצינו לקלוט לו לפחות מלה אחת כדי לדעת אם החיילים הם גרמנים או רוסים. לא הצלחנו לתפוס מאומה, אולם הצעקות הגיעו עד לב השמים. נשמעה תנועת כלי־רכב, קולות סוסים ועגלות, מין ערבוביה של תכונה עצומה.

היה זה הלילה הארוך ביותר בימי חיי. לא עצמנו עין ולא ישבנו לרגע. עם שחר החלטנו לצאת לאותו כיוון. היה זה בכיוון הקולוניות של זאבוז׳ה בקרבת הבוג. שוב קיבלנו על עצמנו את השליחות אני וגעצל. משום מה הייתי בטוח, כי אלה הם הרוסים, אולם הרוב חששו, כי זהו צבא גרמני.

מול קצין סובייטי יהודי

אור השמש החל להפציע ואנו עלינו על דרך עפר בשטח שבין זאבוז׳ה למרביץ׳. התקדמנו לעבר זאבוז׳ה. ביער היה שקט. גם כאן גילינו עקבות חיילים. ראינו גם עקבות טאנקים ומכוניות. מרחוק קלטנו קולות צעקה ופקודות. הגענו לקצה היער, אך פחדנו לצאת מבין העצים הגבוהים.

פתאום נתגלו לנגד עינינו שני חיילים רכובים על סוסים במרחק כמאה מ׳ מאתנו. הבחנתי בסמל אדום על כובעיהם, שהיו מוארים באור השמש, אם־כי געצל

אמר, כי אלה הם גרמנים. אותו רגע הבחינו בנו החיילים ופתחו בדהירה אלינו. נשארנו עומדים קפואים במקומנו. בהתקרבם אלינו, שאלו ברוסית: מי אתם? אמרנו: יהודים. הם ירדו מהסוסים והתחילו להתחבק אתנו. התחלנו לשאול אותם שאלות והתענינו לדעת אם יש ביניהם יהודים. אחד החיילים הלך וכעבור כמה דקות התקרבה אלינו בדהרה קבוצת חיילים ובראשם קצין. הקצין ירד מהסוס. היה זה מאיור, שפתח ביידיש, שאל מי אנחנו והחל להתנשק אתנו. משמשע, כי יש קבוצת יהודים ביער, ציווה לארגן כיתת חיילים, שתלך אתנו. בינתיים הביאו לנו אוכל. אכלנו ושמחנו ולא ידענו את נפשנו. החיילים הרוסים הקיפו אותנו. היו ביניהם חיילות, שהציגו את עצמן לפנינו בשמותיהן. המאיור אמר לנו, כי מאז עזב את מינסק לא ראה יהודי ואנו הראשונים, שפגש בדרך. מפיו שמענו, כי הם נוקמים בגרמנים בעד כל מה שעוללו לנו.

הכיתה התארגנה, החיילות נשאו את מכשירי הקשר ויצאנו אתם. בדרך לימדו אותנו לירות וגם אנו פלטנו יריות. היתה זו הילולה נאה. מרוב שמחה שכחנו, כי אנשי החבורה ישמעו את היריות ויחשבו, כי חוסלנו.

התקרבנו אל החורשה, מקום המחבוא של החבורה. מרוב שמחה התחלנו לצעוק בקולי־קולות וגם החיילים השמיעו את קולם ברוסית. לא בקלות האמינו אנשי החבורה, כי הרוסים אמנם הגיעו.

הם שוכנעו. כולם באו בריצה לקראתנו. אבי רץ ראשון ואחריו כל אנשי החבורה. כולם נפלו על צווארי החיילים ושתי החיילות נישקו אותם ובכו מרוב שמחה. החיילים בכו יחד אתנו.

אבי ביקש מהחיילים סיגריה, טבק. כולם פתחו שקיות ומילאו לו טבק בתוך נייר עתון. הוא גלגל סיגריה וידיו רעדו בשעת מעשה. הוא החל לשאוף אל קרבו את העשן ואפשר היה לראות בעליל, כי הוא חוזר לתחיה. החיילים הוציאו קופסות שימורי מזון וכיבדו אותנו בהם.

לא עבר זמן רב והתחלנו לזוז עם החיילים לכיוון העיירה. בכפר הולובצ׳יץ פגשנו טורי חיילים רוסים, שנעו לעבר סארנאקי. הם הזמינו אותנו לשבת על־גבי תותחים וכך הגענו לעיירה.

ניצולים, אך בודדים בעולם אכזרי

קבלת־הפנים, שהתושבים הפולנים ערכו לנו ברחוב, היתה נלהבת. ז׳אבורובסקי הזמין את אבי לארוחת צהרים וגם אחרים הזמינו את מכיריהם. היינו לבושי סחבות ואחרים היו ממש יחפים.

את הדירות בעיירה מצאנו ריקות. בדירתנו התגוררו קציני משטרה שנמלטו. התחלנו לשקם את עצמנו ורק עכשיו הרגשנו את האסון הגדול, שירד עלינו. כל הזמן הרי חשבנו רק כיצד להישאר בחיים ורק עכשיו נוכחנו לדעת מה בודדים ואומללים הננו בעולם הגדול והאכזרי הזה — — —

הצבא המשיך בהתקדמותו. השלטון התחיל להתבסס. הוקמה בעיר מפקדה. היהודים התכנסו מכל החורים, שבהם היו תקועים במשך שנים. תוך חודש הצלחנו להתאושש וכל אחד החל לחיות את חייו על־פי דרכו. בינתיים התעכב הצבא הרוסי

ליד וארשה. בלובלין הוקמה ממשלה פולנית זמנית. נתגלה מחנה ההשמדה מיידאנק; נסענו לבקר שם וזועזענו למראה עינינו.

רבים מאתנו החלו לבקש דרך לעזוב את בית־הקברות הגדול ועקרו לעבר לבוב. השאר נותרו במקום. ידענו, כי לא נוכל לשבת כאן זמן רב. אך לפי־שעה לא היתה ברירה. הגיעו שמועות, כי מחתרת פולנית אנטי־סובייטית החלה לפעול. התחלנו לחשוש. ואמנם, בחודש דצמבר נהרג סרולה, שהתגייס למשטרה וכן נהרגו מספר שוטרים אחרים בשעת מילוי תפקידם.

פחד נפל שוב עלינו והתחלנו לתכנן את העזיבה. בראשית מרץ הצלחנו לברוח. ממש ברגעים האחרונים ניצלנו מידי הפולנים, שהחלו לירות ברוסים וביהודים.

בני משפחתנו נמלטו ללודז׳ ומשם שמרנו על קשרים עם אנשי החבורה, שהיו אתנו ביער. שבסל אברהמצ׳הס ושיע מרדכי געצלס חזרו לסארנאקי לשם סידור ענייניהם ושם נורו על־ידי חיילי א.ק.

החלטנו לעלות לארץ־ישראל. אנו הילדים הצטרפנו לתנועות נוער. אני וזלמן נסענו דרך איטליה ולאחר שהות במחנה־מעצר למעפילים בקפריסין הגענו ארצה ב־1947. האב ואחי אליהו עלו במאי 1948. אבא זכה לראות במו עיניו בתקומת מדינת ישראל, ושבע הרבה נחת ממראה בניין הארץ והתגאה בבניו. ב־2 בספטמבר 1963, לאחר מחלה ממארת קצרה, בהיותו בגיל 67, נפטר האב, אשר כה הרבה דאג לנו ואשר הודות לו נשארנו בחיים.

★


שנים עברו מאז ימי השואה. אורח־חיינו נשתנה לחלוטין והננו אזרחים גאים בארץ החפשית שלנו. בהביטנו כעת בעיני־רוחנו אל עבר אותם ימי האימה והטבח הנאצי, שוב קשה להאמין עד היכן יכול משטר עריצות להגיע, לאיזו דרגת שפלות יכולים בני־אדם לרדת וכיצד יכולים אנשים נרדפים להחזיק מעמד בכל אלה, בתנאים כה בלתי אנושיים.

בודאי, לא מרניני־לב הם זכרונות אלה. אולם לא נשכחם כל עוד נשמה בקרבנו. נעלה את זכרונות הימים ההם, נוקיע את מבַצעיהם לדראון, כי אסור לשכוח.



פסח פערלמאן
עכו

טויזנט טעג אין געטא
און אין אונטערגרונט



שרגא זייערמאַן
חיפה

טעטיקייט פון דער יידישער קהילה

ביזן יאָר 1914, אויסברוך־צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז די אָנפירערשאפט פון דער יידישער קהילה און סארנאקי געווען אין די הענט פון דריי פערזאָנען, וועלכע האָבן זיך גערופן דאָזאָרעס. זיי זענען געוויילט געוואָרן יעדע 5 יאָר אויף עפנטלעכע פארזאמלונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין בית־המדרש אין דער אָנוועזנהייט פון שטאָטישן וואָיט, וועלכער איז געווען באפולמעכטיקט פון יאנאָווער פאָוויאטאָוון נאטשאלניק.

די וואלן זענען געווען אָפענע, נישט קיין געהיימע. דער וואָיט האָט פאָרגעלייגט 3 פערזאָנען און די פארזאמלטע האָבן — אויפהויבנדיק די הענט— געשטימט פאר די פאָרגעלייגטע קאנדידאטן. וואל־רעכט האָבן געהאט נאָר די וואָס האָבן געצאָלט עטאט אין דער קהילה.

דער אינטערעס פון די שטעטלדיקע בעלי־בתים צו וויילן די קהילה־פאָרשטייער איז געווען א קליינער און קיין גרויסער עולם פלעגט נישט קומען אויף די פארזאמלונגען. די קאנדידאטן האָבן נישט געהאט קיין קאָנקורענטן און זענען אויסגעוויילט געוואָרן איינשטימיק.

אין פארלויף פון 15 יאָר זענען געווען דיזעלבע דאָזאָרעס, וואָס זענען אויסגעוויילט געוואָרן אין די 3 קאדענצן. די דאָזאָרעס, זענען געווען: מענדל זייערמאַן, אברהם הירש בעקערמאַן און מרדכי כיבאָווסקי.

די אלגעמיינע פונקציע פון דער קהילה איז געווען א באגרענעצטע. די הויפט פונקציע איז געווען צונויפשטעלן יעדעס יאָר דעם בודזשעט פון דער קהילה, באשטימען די פענסיע וואָס דער מרא דאתרא האָט געדארפט באקומען. די איינקונפט איז געווען פון עטאט, וואָס די פארמעגלעכע בעלי־בתים פון שטעטל און פון די ארומיקע יישובים נעבן שטעטל פלעגן צאָלן. די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין פלאטעראָווע, מענזשעניך, רישניעווע, דראזשניעווע און אנדערע דערפער, האָבן געמוזט צאָלן דעם עטאט אויסצוהאלטן די קהילה אין סארנאקי.

די דאָזאָרעס האָבן יעדעס יאָר צוזאמענגעשטעלט א פרישע רשימה פון די פארמעגלעכע יידישע איינוווינער און יעדן באשטימט די גרויס פון אָפּצאָל לויט זייער איינזען. פארשטענדלעך, אז דאָס רוב איז נישט געווען צופרידן פונם אָפּצאָל, וואָס מען האָט אויף זיי ארויפגעלייגט און מען האָט שטענדיק געהאט טענות צו די דאָזאָרעס, אז מען באעוולהט זיי און אז זיי קענען נישט צאָלן אזוי פיל. מיטן גוטן ווילן האָט מען נישט געצאָלט און די קאסע איז געווען ליידיק. מען האָט נישט געקענט אפילו באצאָלן דעם רב די פענסיע. עס זענען דעריבער געווען אינטערווענצן ביים פאָוויאטאָוון נאטשאלניק און עס איז דערגאנגען דערצו, אז עס איז ארויפגעקומען א שטרענגער באפעל צו די דאָזאָרעס, אז זיי זאָלן איבערגעבן די ליסטע פון די וואָס ווילן נישט צאָלן דעם וואָיט פון דער גמינע כדי ער זאָל אויפמאָנען די פארלעגענע חובות.

ביי דעם מעמד איז ארויסגעקומען מיין באָבע פייגע בראנטשע. געווען איז זי א פרומע יידענע, וואָס איר גאנץ לעבן האט זי אָפּגעגעבן פאר צדקה און גמילות חסדים. זי איז געווען א מיטגליד אין חברה קדישא, הכנסת כלה, קראנקן־קאסע. שבת און יום־טוב פלעגט זי אויפשטיין פרי, פלעגט נעמען דעם קרבן־מנחה סידור און זיצן אין בית־המדרש. פרייטיק איז געווען איר גרויסער טאג, ווען זי פלעגט מאכן די הכנות אויף שבת און שטענדיק מורא האָבן טאָמער וועט איר די צייט נישט גענוג זיין. און אָט איז זי ארויסגעקומען און אָנגעהויבן ביטערלעך וויינען און טענהן: — וואָס דארפן זיי מלחמה האלטן? צי קענען זיי נישט צווישן זיך אדורכקומען אָן בלוט־פארגיסונג?

די דאָזיקע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן אויפריכטיק, אָבער אלע אָנוועזנדיקע האָבן אָנגעהויבן לאכן. מיין מוטער, אסתר „די געלע", האָט איר געזאָגט: — „גיי א היים קאָכן און מיש דיך נישט אין פּאָליטיק!"

פאר אונדז קליינוואַרג איז עס געווען א מאָמענט פון שפּאס. אָבער באלד האָבן מיר אָנגעהויבן נאָכפּאָלגן די געשעענישן. די אָפיציעלע מעלדונגען האָבן איבערגעגעבן, אז עס איז אויסגעבראָכן א מלחמה; די דייטשן האָבן אָנגעגריפן; מיר וועלן קעמפן מיט אלע כוחות ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

די יידן האָבן אָנגעהויבן זיך שושקען, אז מען דארף אָנגרייטן ארטיקלען ווי צוקער, זאלץ, שוועבעלעך און פּאפּיראָסן. איך געדענק, אז מיין פאָטער האָט זיך אָנגעגרייט א גאנצן פּאַק פּאפּיראָסן און געמיינט, אז דערמיט איז ער יוצא.

יענער פרייטיק איז אריבער מיט אומגעדולדיקער דערוואַרטונג. קלאנגען זענען ארומגעגאנגען, אז קאמפן ווערן געפירט אין מערב. אויך האָט מען געשמועסט, אז די רוסן הויבן זיך אָן רוקן צו מערב זייט.

אין בית־המדרש זענען נאָך די תפילות אָפּגעריכט געוואָרן ווי געוויינלעך. אָבער דאָס רוב יוגנט האָט פארבראַכט די צייט מיט דיסקוסיעס.

שבת איז פאַריבער און די באנען זענען נאָך געגאנגען. פיל מיליטער איז איבערגעפירט געוואָרן. זונטיק, צומאָרגנס, אין אָוונט, איז ווידער געווען אן אָנגריף אויף דער בריק און די הארמאטן האָבן אָפּגעשטויסן די עראָפּלאנען, וועלכע זענען פארשוואונדן.

פיל מענטן זענען נאָך געפאָרן צו דער באַן־סטאַציע לויט די מאָביליזירונגס־באַפעלן און די פּאטריאָטן האָבן געטענהט, אז די דייטשן וועלן ברעכן דעם קאָפּ און פארשפּילן די מלחמה. מען האָט געזאָגט, אז ענגלאנד און פראנקרייך זענען מיט אונדז און דעריבער איז אונדזער נצחון געזיכערט.

פארשיידענע קלאנגען זענען ארומגעגאנגען. אָבער ענדע וואָך האָבן זיך באוויזן אין שטעטל פרעמדע מענטשן, אנטלאָפענע פון פארשיידענע ערטער אין פוילן. דערציילט האָבן זיי גרויל־געשיכטן וועגן פראָנט. זייער ריכטונג איז געווען קיין מזרח. ספּעציעל האָבן די אָנגעקומענע באטאָנט, אז מענער דארפן זיך היטן פון די דייטשן, אָבער פרויען און קינדער האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן. יעדער איינער האָט דאן געפּלאַנט פלענער. מיין מוטער האָט שוין צוגעגרייט פארן פאָטער א רענצל מיט שפּייז־ארטיקלען אין פאל ווען ער וועט דארפן אנטלויפן.

אזוי איז אריבער א וואָך. פאַקטיש האָבן מיר נאָך נישט געפילט די מלחמה. אָבער געלעבט האָבן מיר אין אַן אָנגעשטרענגטער אטמאָספער. די אָרטיקע מאכט — די שטאָט־פארוואלטונג און פּאָליציי — האָט נישט געהאט קיין שום קאָנטאקט מיט דער צענטראלער רעגירונג און האָט נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך.

דעם צווייטן שבת, ביים דאווענען, האָט מען זיך דערוווּסט, אז די רויטע ארמיי איז אריבער די פּוילישע גרענעץ און שפּרייזט קיין מערב און איר ציל איז ווארשע. פאר אונדז איז עס געווען א גוטע בשורה. מען האָט דערציילט, אז אין רוסלאנד זענען אלע בירגער גלייכבארעכטיקט און לעבן אין גוטע באדינגונגען. געווען איז עס געוויס א בעסערע ברירה איידער צו זיין אונטערוואָרפן די דייטשן.

אין וואלד אריין און צוריק

יענער שבת איז נאָך געווען א שבת ווי עס באדארף צו זיין. מען האָט ארויסגענומען דעם טשאָלנט פון אויוון ווי געוויינלעך און די עלטערע לייט האָבן זיך געלייגט שלאָפן נאָך מיטאָג. אָבער פארנאכט איז געווען אן אלארם און 3 עראָפּלאנען האָבן אָנגעגריפן די בריק און דאָס שטעטל. מיר זענען אלע אנטלאָפן אונטערן שטעטל, אין דער ריכטונג פון בית־הקברות. עס האָבן זיך געהערט שטארקע אויפרייסונגען. דער אָנגריף האָט געדויערט ביזן זון־אונטערגאנג, ווען די עראָפּלאנען זענען פארשוווּנדן געוואָרן.

צוריקקומענדיק אין שטעטל, וואָס איז געווען ארומגעהילט מיט רויך און שטויב, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז אהרן אקערמאנס הויז איז געשעדיקט געוואָרן, זיין פרוי חנה מרים און זיין טאָכטער גיטל זענען פארוווּנדעט געוואָרן. דערציילט וועגן דעם האָט משה זילבערמאַן. מיין פאָטער איז באלד אוועקגעלאָפן אהין און איך מיט אים, ווייל חנה מרים איז געווען מיין טאנטע. קומענדיק אהין, האָבן מיר געזען, אז דאָס הויז איז געוואָרן א חורבה. פּייערלעשער האָבן זיך באמיט צו ראטעווען אהרנען. חנה מרים מיט דער טאָכטער זענען שוין געלעגן אָן לעבנס־אָטעם אויף דער פּאָדלאָגע אין משה טשעשלערס דירה, וועלכע איז געווען קעגנאיבער.

דאָס שטעטל האָט געקאָכט און קלאנגען זענען ארומגעגאנגען, אז עס שטייען פאָר נייע באָמבארדירונגען און אז מען דארף אנטלויפן אין וואלד אריין. אלע בעלי־בתים האָבן אָנגעהויבן איינפּאקן זייערע סאמע נויטיקע זאכן און אוועק אין וואלד. מיין פאָטער האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן. מיר האָבן באהאלטן אלע סחורות, וואָס די מוטער האָט געהאט. דאן האָבן מיר גענומען אונדזערע פּעקלעך און די 3 קי, וואָס זענען געווען אין שטאל און אוועק צום וואלד נעבן דאָרף פּלאָסקאָוו. קומענדיק אהין גאנץ פרי, האָבן מיר דאָרט שוין געטראָפן פיל מענטשן. מיר האָבן זיך ארייַנגעזעצט צווישן די בוימלעך און אויסגעקוקט די דייטשע עראָפּלאנען. דער טאָג איז אריבער און מיר האָבן געהערט אָפּקלאנגען פון ווייטע אויפרייסן. אלע האָבן געזאָגט, אז מסתמא איז די פּראָנאָלאָוו־בריק געשעדיקט געוואָרן. אזוי איז געווען אויך צומאָרגנס. דאָ האָבן מיר אָנגעהויבן פילן די מלחמה־שרעקן. מענטשן האָבן נישט געהאט וואָס צו עסן. מיר האָבן נאָך געהאט עטוואָס און האָבן עס פארטיילט די קינדער.

דעם דריטן טאָג האָבן מיר געהערט, אז די דייטשן קומען אָן. מענטשן האָבן זיך געזאמלט אין גרופּקעלעך און מען האָט בארעדט די לאגע. ס׳איז געווען א מיינונג, אז מען דארף צוריק אהיים גיין, ווייל אויב מען וועט אונדז געפינען אין וואלד, וועט מען אונדז אָננעמען פאר שפּיאָנען און אוועקהרגענען. אנדערע האָבן געהאט אן אנדער מיינונג. מיין פאָטער האָט באשלאָסן צוריקגיין און אזוי האָבן מיר אָנגעהויבן שפּאנען אהיים, א שטרעקע פון 4 ק״מ און נאָך אונדז עטלעכע פאמיליעס, צווישן זיי אונדזער טייערער פעטער אלי זילבערמאן („דער אגענט").

אויפן וועג, פארבייגייענדיק דעם דאָרף כיבאָוו, האָבן מיר באגעגנס מחנות אומבאקאנטע מענער. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז זיי אנטלויפן פון די דייטשן פון ווארשעווער געגנט און ווילן דערגרייכן קיין בריסק אויפן בוג. זיי האָבן דערציילט, אז די דייטשן הרגענען אויס די יידישע מענער, אָבער פרויען, אלטע און קינדער האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן.

מיין פאָטער האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן און מיין מוטער האָט אים צוגעאיילט ער זאָל פארלאָזן דאָס שטעטל און מיטגיין מיט די אנטלויפנדיקע. אָבער ער האָט נישט געוואָלט פארלאָזן אויף קיין פאל. קומענדיק אין שטעטל, האָבן מיר עס געפונען ליידיק פון מענטשן, אָבער די הייזער זענען געשטאנען אויף זייער פּלאץ. דער ערשטער, וואָס האָט אונדז מקבל־פּנים געווען, איז געווען שמעון שאָנשיין. זיין פּנים איז געווען שמערצפול און ער האָט אויסגעזען ווי דער אומגליקלעכסטער אויף דער וועלט. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז זיין פרוי איז געשטאָרבן, זייענדיק פארוווּנדעט פון דער באָמבארדירונג שבת־צו־נאכטס. געהייסן האָט זי אידעס (יהודית) שפּירא.

מיר זענען געבליבן אין דער היים און די מאמע האָט באשלאָסן באקן ברויט. ביזן אָוונט זענען כמעט אלע יידן צוריקגעקומען. עטלעכע טעג איז געווען שטיל אין דער געגנט. מיר האָבן געהערט, אז די דייטשן זענען דערגאנגען ביז לאָשיץ און האָבן איר פארלאָזט. קיינער האָט נישט געקענט דערקלערן וואָס עס שטייט אונדז פאָר. דערווייל זענען פארביי אין שטעטל גרופּן פּוילישע זעלנער, טיילווייז אָרגאניזירט, טיילווייז אין אומאָרדנונג. פון זיי האָבן מיר געהערט גרויל־געשיכטן פון פראָנט און דערציילונגען וועגן דער קראפט פון די דייטשע מחנות, וועלכע האָבן אין אזא קורצער צייט באזיגט די פּוילישע ארמיי. די זעלנער זענען געגאנגען קיין בריסק. טייל פון זיי האָבן פארקויפט זייער אויסשטאטונג און זיך געקליידט ציוויל, טייל האָבן ווייטער זיך אָנגעגעבן אלס זעלנער.

די רויטע ארמיי קומט אן

ראש־השנה איז אריבער אָן א רעגירונגס־מאכט און עשרת ימי תשובה האָט מען געווארט אויף דאָס אומבאוווּסטע. אלע האָבן געפילט, אז עפּעס מוז געשען. עמיצער האָט דערציילט, אז די רויטע ארמיי האָט פארנומען די פּראָגאָלאָוו־בריק, זי גרייט זיך פאָרזעצן איר וועג צו מערב און די גרענעץ צווישן די רוסן און די דייטשן וועט זיין דער טייך ווייסלע, נעבן ווארשע. עס האָט דאָן נישט געקענט זיין קיין בעסערע בשורה.

און ווירקלעך, צומאָרגנס זענען געקומען אין שטעטל 4 רוסישע זעלנער און דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען זיי אַנטקעגן. זיי זענען דערגאַנגען ביז דער שטאָט־ראַט געביידע און מיט דער מיטהילף פון א דאָלמעטשער האָבן זיי געמאָלדן, אז די רויטע אַרמיי קומט באפרייען פוילן; זיי האָבן נישט קיין טעריטאָריעלע פאָדערונגען און ווילן נאָר אויפשטעלן א מאכט, באַגרינדעט אויף גלייכבארעכטיקונג, אָן אויסנאַם פון רעליגיע, ראַסע און געשלעכט. זיי האָבן געבעטן די שטאָט־פאָרשטייער אָרגאַניזירן א ציטוויילעכע וואך, וואָס זאָל זיין די פאַרוואַלטונג און געזאָגט, אז אין עטלעכע טעג אַרום קומט דאָס מיליטער. זיי זענען גרייט געווען ענטפערן אויף פראַגן און עס זענען געשטעלט געוואָרן פאַרשיידענע פראַגן. די פוילישע שטאָטישע האָבן געפאָדערט, אז די יידן זאָלן אויפעפענען זייערע קלייטן און פאַרקויפן סחורות, ספּעציעל זאַלץ און פּאַפּיראָסן. די זעלנער זענען געווען אָנמעכטיק אין דעם זין און האָבן צוגעזאָגט, אז אין עטלעכע טעג אַרום וועלן זיי ברענגען אַלע נויטיקע סחורות און עס וועט גאָרנישט אויספעלן.

מיר זענען זיך צעגאַנגען, האָפנדיק אויף א ניי אַרט לעבן. די יוגנט איז אַרויס אין גאַס און שפּאַצירט אין דער גאַנצער ברייט פון טראָטואַר. די יידישע קאָמוניסטן האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און קאָנצענטרירט אַרום זיך אָנהענגער. עס האָבן זיך געפירט ענדלאָזע דיסקוסיעס וועגן דעם צוקינפטיקן רעזשים. ספּעציעל איז מען געווען צופרידן וואָס די דייטשן קומען נישט אהער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אָנגעהויבן אַדורכגיין אין שטעטל רוסישע זעלנער — אינפאַנטעריע, רייטער, טאַנקן און האַרמאַטן. געפאָרן זענען זיי אויף מערב לויטן אָפּמאַך צווישן ראַטנפאַרבאַנד מיט נאַצישער דייטשלאַנד. די זעלנער האָבן געזאָגט, אז זיי צילן קיין וואַרשע. די האַרמאַטן האָבן זיך געצויגן מיט פערד און הויפּטזעכלעך איז דער גאַנג געווען צופוס. פאַר אונדז איז עס געווען א רעטונגס בשורה. אין צענטער שטאָט איז אויפגעשטעלט געוואָרן א קיך און עס איז פאַרטיילט געוואָרן עסן — טאַקע מאָגער, אָבער געשמאַק.

די ערשטע טעג סוכות זענען אַריבער אונטערן שוץ פון דער רויטער אַרמיי און קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אז עס שטייט פאָר א נייע ווענדונג — ביז אין איין שיינעם פרימאָרגן, דאַכט זיך עס איז געווען דעם ערשטן טאָג חול־המועד סוכות, זענען מיר אויפגעשטאַנען און געזען לאַנגע קאָלאָנעס פון דער רויטער אַרמיי טרעטן צוריק אין דער ריכטונג פון בוג. עס איז באַלד געוואָרן א פּאַניק און די שטאָט־־פאַרזאָרגער האָבן זיך געווענדעט צו די רוסישע אָפיצירן און זיך אָנגעפרעגט וועגן צוריקטריט. זיי האָבן זיך דערוווּסט, אז עס איז דאָ א באַפעל צוריקצוטרעטן און אז די גרענעץ צווישן ראַטנפאַרבאַנד מיט דייטשלאַנד וועט זיין דער בוג.

די ידיעה האָט אונדז געטראָפן ווי א דונער. מענטשן האָבן פאַרלוירן די האָפנונג. באַלד איז פאַרשפּרייט געוואָרן א קלאַנג, אז מען דאַרף פאַרלאָזן דאָס שטעטל צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי.

יציאת סארנאקי

פאמיליעס האָבן אָנגעהויבן פאקן די פעקעלעך און ארויפלייגן אויף וועגענער. געפאָרן איז מען קיין סעמיאטיטש. מענטשן האָבן גענומען גרויסע לאסט־אויטאָס פון דער רויטער ארמיי און זיך אוועקגעלאָזט צו מזרח זייט. דאָס בילד איז געווען טרויעריק. געוויין און געלעכטער האָבן זיך צוזאמענגעמישט. די קינדער האָבן זיך געפרייט וואָס זיי פאָרן און די עלטערע האָבן געוויינט וואָס זיי מוזן פארלאָזן זייער גוטס און וואנדערן אין דער פרעמד. די פאמיליעס האָבן זיך באראטן צווישן זיך. די האָבן געזאָגט, אז מען דארף פארלאָזן דאָס שטעטל, אנדערע האָבן געהאט אן אנדער מיינונג. ראובן כיבאָווסקי, דער שטארקער דעה־זאָגער אין אונדזער פאמיליע, האָט געזאָגט, אז מען דארף נישט פאָרן, ווייל די פליטים וועלן נישט קענען אויסהאלטן דעם ווינטער; אזוי איז אויך געווען מיט די פליטים אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אנדערע האָבן געטענהט פארקערט, אז די דייטשן וועלן אונדז אלעמען אויסראָטן און עס איז נישטאָ וואָס צו פארלירן.

מיינע עלטערן האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דעה: יאָ פאָרן, נישט פאָרן? דער פאָטער האָט געבראכט 3 וועגענער און אָנגעהויבן אָנלאָדן די שטוב־זאכן, אָבער די מאמע האָט אָנגעהויבן וויינען און רייסן די האָר פון קאָפּ: וואוהין וועלן מיר גיין און וואָס וועלן מיר טאָן? מיר אלע האָבן אָנגעהויבן וויינען און די וועגענער זענען צוריקגעפאָרן ליידיקערהייט.

איך געדענק, אז א ספעציעלער שליח איז געקומען פון לאָשיץ — אלטער בעקערמאן, וואָס האָט געטענהט, אז דער יאנאָווער רבי האָט געזאָגט, אז מען דארף נישט פאָרן. דער שטאָטישער רב, הרב כ״ץ, האָט אליין נישט געוווסט וואָס צו טאָן. ראובן כיבאָווסקי און שיע שולמייסטער (דער אָגאָראָדניק) האָבן אים געזאָגט: — „רבי, ווו וועלן מיר פאָרן און וויאזוי וועט איר אונדז איבערלאָזן? וואָס עס וועט זיין מיט אונדז וועט זיין אויך מיט אייך!" און אזוי איז מען זיך צעלאָפן פון שטעטל און יעדן טאָג האָבן זיך הייזער אויסגעליידיקט. עמיצער האָט געזאָגט, אז ער פאָרט נישט און צומאָרגנס איז ער שוין נישט געווען. די גאנצע צייט האָבן זיך געצויגן קאָרדאָנען אינפאנטעריע און ארטילעריע פון דער רויטער ארמיי פון דער ריכטונג פון לאָשיץ, שעדלעץ און אנדערע נאָנטע שטעטלעך. אין אָטדער אטמאָספער זענען מיר יונגווארג געזעסן און געווארט, נישט וויסנדיק אויף וואָס. ס׳זענען געווען פאלן, ווען יינגלעך פון מיין עלטער האָבן פארלאָזט זייערע עלטערן און געפאָרן קיין סעמיאטיטש, אָבער די עלטערן האָבן זיי צוריקגעבראכט. איך געדענק, אז משה כיבאָווסקי איז געלאָפן און צוריקגעבראכט זיינע 2 טעכטער און זיין זון איטשע. מיר האָט עס געפרייט, ווייל איך האָב באקומען א חבר אין מיין עלטער.

אָטדי לאגע האָט זיך געצויגן ביז סוף אָקטאָבער. דאן איז באשטימט געוואָרן אנטגילטיק, אז די גרענעץ וועט אָפגעשלאָסן ווערן דאָנערשטיק, 23.10.39. יענעם טאָג האָבן מיר געזען ווי די לעצטע טרופן פון דער רויטער ארמיי פארלאָזן און עס בלייבט נאָר איין אויטאָ מיט עטלעכע אָפיצירן אין צענטער שטאָט. די גאס איז געווען ליידיק. סיי יידן סיי קריסטן האָבן מורא געהאט פאר דער ערשטער באגעגעניש מיט די דייטשן. מיר קינדער זענען ארויס דרויסן און נייגיריק זיך ארומגעקוקט.

אין דער באשטימטער צייט, פּינקלעך 10.00 א זייגער, איז אריין אין שטעטל א פראכטפולער אויטאָ פון ריכטונג פון פלאטעראָווע און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן שטעטל, נעבן דעם רוסישן אויטאָ. פון דעם אויטאָ, אויף וועלכן עס האָט זיך געהויבן די האקן־קרייץ פאָן, זענען ארויס עטלעכע שיין־געקליידעטע אָפיצירן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן רעדן מיט די רוסן. נאָך הארציקע האנט־דריקערייען האָב איך געהערט די דייטשן רעדן און פארשטאנען זייער שפּראך. צוזאמען מיט די אנדערע בחורים, וועלכע זענען דאָרט געווען, האָב איך זיך געוווּנדערט, וואָס די דייטשן רעדן א לשון, וואָס איז אונדז פארשטענדלעך. די דייטשן האָבן אויף אונדז אויך געמאכט א שטארקן רושם מיט זייער אויסערלעכן אויסזען.

אָטדי באגעגעניש האָט געדויערט א צען מינוט. די דייטשן זענען צוריק־געטראָטן. אין א פערטל שעה ארום איז אָנגעקומען א דייטשע מעכאניזירטע טרופּע און זיך גלייך געווענדעט צו דער שול־געביידע און זיך דאָרט באזעצט. יענעם טאָג זענען די זעלנער געווען באשעפטיקט מיט איינאָרדנונגען אין זייער לאגער און זענען נישט ארויס אין שטעטל.

איך בין בייגעווען ווי די דייטשע זעלנער האָבן זיך איינגעאָרדנט אין הויף פון דער פאָלקס־שול. די עלטערע האָבן נישט געוואגט זיך צוקוקן. מיר האָבן געלעבט אין שפּאנונג און מורא געהאט אז די דייטשן וועלן אָנהויבן באלד אונדז אויסשעכטן אזוי ווי מען האָט דערציילט — און אָט איז עס נישט אזוי.

דאָס מיליטער — געווען זענען עס ווערמאכט גרופּן — האָט געזאָרגט נאָר פאר דעראָבערונג צוועקן. דעם זעלבן טאָג זענען די זעלנער ארויס אין שטעטל און באזוכט פארשיידענע געשעפטן, וועלכע זענען נאָך געווען אָפן און אָנגעהויבן אויפקויפן זאכן „וואָס עס מאכט זיך". יידן האָבן דאן געמאכט כלערליי געשעפטן. איך געדענק, אז מרדכי דער מהר"ל (פון „די שקאָפּעס") האָט געבאקן פארשיידענע קוכנס און די זעלנער זענען געשטאנען אין דער רייע און פיין געצאָלט.

ווער עס האָט געהאט א קו האָט פארקויפט די זעלנער קאלט אָדער ווארעם מילך. זיי האָבן זיך שיין באצויגן צו די סוחרים און מיר האָבן זיך געוווּנדערט זעענדיק, אז די דייטשן זענען העפלעך און אָנשטענדיק.

ספּעציעל האָבן די זעלנער געקויפט ביר פון שומערס פאבריק. דאן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער דיקער ארבעטס־אָנפירער, וואָס האָט געארבעט ביי שומערן, האָט געקענט גוט דייטש און איז געווען פון דייטשער אָפּשטאמונג. דאָס האָט אונדז זייער איבערראשט, ווייל שטענדיק האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אלס נאציאָנאליסטישער פּאָליאק.

דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פירן רעגולער. אין די ליידיקע הייזער האָבן זיך ביסלעכווייז ארייגעצויגן כלערליי דאָרפישע פויערים, וועלכע האָבן געעפנט שפּייז־ און שיך־קלייטן און פריזוריעס.

דאָס קאפע־הויז, וואָס האָט געהערט צו אונדזער שכן בוטשע שאָנשיין, איז אריבער צו א פּאָליאק פון דאָרף כיבאָוו, וועלכער האָט געהייסן נימיוווסקי. זיין פרוי און טאָכטער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גאסטפריינטלעכקייט און דאָס גאנצע מיליטער האָט ביי זיי באזוכט.

געווען איז עס א שטילע צייט. די ערשטע גרופע פון ווערמאכט האָט בלויז צוגעגרייט דעם באָדן פאר די אנדערע טרופּן. אונדז יידן האָט אָטדי גרופּע נישט געשטערט און מיר האָבן פארבראכט די צייט — אומגעפער א מאָנאט, פון אָקטאָבער ביז אָנהויב נאָוועמבער — אָן דערשיטערונגען.

דאס שטעטל ווערט אפגעלאזן

איך בין בייגעווען אויף דער אויסנאם זיצונג ביי מאָטעלע בעקערמאַן און האָב געהערט, אז אין שטעטל זענען געבליבן א 70 פאמיליעס. קודם כל האָבן געוויסע פאמיליעס געטוישט זייערע וווינונגען און זיך באזעצט אין בעסערע דירות, נענטערע צום צענטער, וועלכער איז באוווינט געווען פון יידן. מיר האָבן זיך קאָנצענטרירט אינם קווארטאל נעבן בית־המדרש, דער פלאץ ווו שפּעטער איז געווען דער געטאָ. יעדע פאמיליע האָט דאן נאָך געהאט שפּייז־מיטלען און האָלץ צום הייצן. ביי אייניקע איז עס געווען די הויפּט־סיבה פארוואָס זיי האָבן נישט פארלאָזט דאָס שטעטל. די פאכמענער — שניידער און שוסטער — האָבן אָנגעהויבן ארבעטן פאר די דאָרפישע, וועלכע האָבן געבראכט ארבעט. אזויארום האָט מען נישט שטארק געפילט די ענדערונג. אָבער עס איז געווען זייער לאנגווייליק. איך האָב געזען גאנצע הייזער אין מיטן שטאָט — געגנצלעך ליידיק. די גרויסע געשעפטן ביי דעם ברונעם אינם צענטער זענען געווען אויפגעריסן און ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן צענעמען די טירן און פענצטער. דאָס שטעטל האָט באקומען א פּנים פון א חורבה.

פאר דער שארית הפליטה איז געווען א פראגע: ווו צו דאווענען. מיר האָבן מורא געהאט ארייננגיין אין בית־מדרש, אָדער אין שול, ווייל מיר האָבן נישט געוווסט וויאזוי די דייטשן וועלן אויף דעם רעאגירן. דעריבער האָבן מיר ארויסגענומען פון דאָרט אלע ספר־תורות. עטלעכע ספרים זענען צוטיילט געוואָרן צווישן פארשיידענע בעלי־בתים און די איבעריקע האָבן מיר באהאלטן אויפן בוידעם ביי שלמה נאָטשיטשעל.

די נאָנטע שכנים פון יענקל נאכטיגאל (דער קאָגוט) האָבן אָנגעהויבן דאווענען ביי אים שבת. די דייטשן האָבן אונדז געזען גייענדיק שבת מיט די טליתים, אָבער זיי האָבן זיך נישט אומגעקוקט אויף אונדז. די יידן, וועלכע האָבן געוווינט נעבן רבס הויז, האָבן זיך פארזאמלט ביי אים און אויך דאָרט האָט מען געדאווענט כדת וכדין.

דאן האָבן מיר אָנגעהויבן בענקען נאָך די אנטלאָפענע באקאנטע. כמעט אלע שטאָטישע זענען דאָך געווען נאָנט צונויפגעלעבט. מיר האָבן אויך נישט געהערט קיין שום נייעס פון דער וועלט און קיין שום ייד פון דרויסן איז נישט ארייננגעקומען. מען האָט געשמועסט, אז די דייטשן וועלן אונדז קאָנצענטרירן אין א גרויסער שטאָט, אָבער מען האָט זיך נישט פיל געזאָרגט דעריבער. מען האָט אויסגערעכנט, אז אין משך פון עטלעכע מאָנאטן וועלן די ענגלענדער און פראנצויזן באזיגן דייטשלאנד און די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

אין יענער צייט איז אָנגעקומען דער ערשטער שליח פון לאָשיץ. געווען איז עס אלטער בעקערמאַן, מאָטלס ברודער. איך האָב אים שוין געקענט פון זיין ערשטן באזוך, ווען מאסן האָבן פארלאָזט דאָס שטעטל צוזאמען מיט דער רויטער ארמיי. אלס א גרויסער אָפּטימיסט האָט ער דערציילט וועגן דעם לעבן אין לאָשיץ און וועגן

די נייע געשעפטן מיט די זעלנער, וועגן נייע קאפע־הייזער און קלייטן, וואָס זענען געעפנט געוואָרן, — ממש א גוט לעבן. ער האָט אויך דערציילט, אז לויט ידיעות פון דער צווייטער זייט בוג איז די לאגע פון די פליטים זייער שלעכט; זיי וווינען אין כלערליי קהלשע געביידעס, ליידן הונגער און שילטן דעם טאָג, וואָס זיי האָבן באשלאָסן צו אנטלויפן. אלטער האָט באטאָנט, אז מיר דארפן זיך פילן גליקלעך וואָס מיר זענען געבליבן אין דער היים. מיין פאָטער האָט געזאָגט: וואָס קענען די דייטשן אונדז טאָן? אויב זיי וועלן אונדז נעמען אויף ארבעט, וועלן מיר גיין! יעדער איינער האָט נאָך ברויט און קארטאָפל וויינעקסטנס אויף א יאָר צייט און ביז דאן וועט די מלחמה זיך ענדיקן!

אלטער האָט געגעכטיקט ביי זיין ברודער. יענעם אָוונט בין איך געווען ביי זיי ווייל מאָטל בעקערמאן איז געווען אונדזער שכן נאָכדעם ווי ער האָט אָפגעקויפט דאָס הויז פון ביינישׁ קארשענבוים. מיר האָבן אויסגעהערט זיינע מעשיות און הנאה געהאַט.

שעדלעכע אילוזיעס

מיר האָבן זיך שוין נישט געפרייט צומאָרגנס, ווען מיר האָבן געזען, אז די ווערמאכט־גרופע פארלאָזט די שטאָט. אונדזער הארץ האָט אונדז געזאָגט, אז דאָס איז א שלעכטער סימן. איך געדענק, אז מרדכי (דער מהר״ל) האָט געזאָגט: נו, מיר וועלן זען ווער קומט נאָך זיי! מיליטער איז מיליטער און איצט קומט געוויס די זשאנדארמעריע — האָט ער צוגעגעבן. א מעת־לעת איז געווען שטיל. ביסלעכווייז זענען אָנגעקומען אנדערע זעלנער, וועלכע האָבן זיך נישט אונטערשיידעט אויסערלעך פון די פריערדיקע, אָבער זיי האָבן געהאַט אנדערע עמבלעמען. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז זיי וועלן אָרגאניזירן די גרענעץ־וואך.

שוין דעם ערשטן טאָג האָבן זיי זיך צעלאָזט אין שטאָט און געכאַפּט יידישע מענער צו ארבעט. די געכאַפּטע זענען געבראַכט געוואָרן אין הויף פון דער שול. איך בין דאן נאָך געווען א קינד און געגאַסן פון פרייהייט. האָב איך זיך ארומגעדרייט אין גאס און אלץ באקוקט. די דערשיטערנדיקסטע סצענע איז געווען ווי מען האָט געפירט דעם רב כ״ץ צו דער ארבעט. דער נעבעכדיקער רב איז געווען בלייך ווי קאלך. געטראָגן האָט ער א שווארצע קאַפּאָטע, זיין באָרד איז געווען צעשויבערט. די גאס איז פול געווען קריסטלעכע יונגווארג, וואָס זענען געגאנגען אין דער קירכע און האָבן הויך זיך צעלאַכט. די דייטשע זעלנער האָבן געשטופּט דעם רב מיט די פיס און ער איז געלאָפן א דערשראָקענער.

ענדיקנדיק צונויפזאמלען די מענער, א פופציק פערזאָן, האָבן זיי געהייסן אויסרייניקן די שטאלן אין שומערס פאבריק. די ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן. איך האָב געזען, אז שיע שולמייסטער איז צוגעגאנגען צו א זעלנער און געזאָגט, אז ער וויל רעדן מיטן אָפיציר. צוערשט האָט דער זעלנער געוואָלט פטור ווערן פון אים, אָבער שפּעטער האָבן צוויי זעלנער מיט באגנעט־ביקסן אים געפירט צו דער שול, איבער דעם שאַסיי. מיר האָבן געמיינט, אז מען גייט אים טאָן שלעכטס. אָבער נאָך עטלעכע מינוטן האָבן מיר געזען, אז מען האָט דעם רב באפרייט פון ארבעט און ער איז אוועק.

מיר האָבן ארומגערינגלט דעם רב און אים אפּגעפירט אהיים. עס איז פאר אונדז געווען א גליקלעכער מאָמענט. ווייל מיר האָבן געזען, אז מען קען אדורכקומען מיט די דייטשן, האָבנדיק א פירער. איך האָב דאן געמיינט, אז שיע איז די פּאסנדיקע פערזאָן אונדז צו רעפּרעזענטירן. פארנאכט האָבן די מענער געענדיקט די ארבעט און צוריקגעקומען אהיים. אויפן וועג האָט מיין פאָטער אָפּגערעדט מיט שיען, אז צומאָרגנס זאָלן אליין קומען א צען מענער און זיך צושטעלן צו דער ארבעט, אזוי אז די זעלנער וועלן נישט דארפן איבערפאלן כדי צו כאפּן מענער. און אזוי איז געווען. די ארבעט האָט געדויערט 3 טעג ביז אלץ איז פארטיק געוואָרן און די מיליטער־גרופּן זענען געקומען אין שטעטל אריין. די שלעכטע פאָרגעפילן האָבן זיך פארווירקלעכט. אָטדי גרופּע האָט זיך אָנגעהויבן ארייננמישן אינם אינערלעכן לעבן פון דער אומגליקלעכער קהילה און אין משך פון עטלעכע טעג זענען אויסגעפירט געוואָרן טעראָר־אקטן.

מיט אויפרייס־מאטעריאל האָבן די דייטשן צעלייגט די אלטע שול מיטן אויסרייד אז מען דארף דאָס האָלץ צו הייצן ווינטער. זיי האָבן אויפגעעפנט אלע יידישע קלייטן און געצוווּנגען צו פארקויפן אלע סחורות פאר נידעריקע פרייזן. זיי האָבן אויך געזוכט אין די הייזער אויסבאהאלטענע סחורות און עס פארטיילט די קריסטלעכע דאָרפס־לייט. די דאָרפישע זענען דאן אָנגעקומען אין שטעטל מיטן ציל צו רויבן. צווישן די זעלנער זענען געווען פויליש־רעדנדיקע, און דאָרפס־פרויען פלעגן זיי אָנווייזן אויף געוויסע קלייטן. איך בין בייגעווען ווי די קלייט פון מאָטלס מוטער איז אויפגעעפנט געוואָרן. א ווילדע מאסע האָט זיך ארייינגעריסן אין קלייט און צעשלעפּט אלץ. די דייטשן האָבן געהיט, אז דער כלומרשטער פארקויף זאָל זיך פירן אין אָרדנונג. אין א פערטל שעה ארום איז קיין זכר נישט געבליבן פון קלייט. די אלטע מירטשע האָט ביטער געוויינט. זי האָט געשאָלטן מיט אלע קללות אין דער וועלט. די זעלנער האָבן איר דערלאנגט די פושקע מיטן ביסל געלט פאר דער סחורה און זי האָט נאָך געמוזט זיי דאנקען. אזוי איז געווען אויך אין די קלייטן פון מאָטעלע און יענקל יורעס.

דאָס איז געווען טאטזעכלעך די ערשטע באגעגעניש מיטן דייטשן רעזשים. דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן דער אמתער פרצוף פון געוויסע פּאָליאקן. אָבער מיר האָבן זיך געטרייסט דערמיט וואָס מען שלאָגט נישט יידן, ווי מען האָט דערציילט וועגן אנדערע ערטער. בשעת די „עפנטלעכע אויספארקויפן" האָבן טאקע די זעלנער אָפּגעהיט, אז די צעווילדעוועטע מאסן זאָלן נישט באשעדיקן די סוחרים קערפּערלעך.

יענע טעג איז פארעפנטלעכט געוואָרן די ערשטע מעלדונג פון דער אָקופּאציע מאכט. זעלנער האָבן אויפגעקלעפּט די מעלדונג, וועלכע האָט געטראָגן דעם נומער 1 און אויף איר איז געווען דער שווארצער האקן־קרייץ. געשריבן איז עס געווען אין דייטש און פויליש. דאָס שטעטל האָט אינגאנצן געקאָכט. יעדער ייד האָט געוואָלט לעזן דעם טעקסט, אָבער מען האָט מורא געהאט ארויסגיין ווייל דאָס שטעטל איז פול געווען דאָרפישע קריסטן. די שכנים האָבן מיר געשיקט איבערלעזן די מעלדונג. איר אינהאלט איז געווען:

Dla podżegaczy politycznych, hjen gospodarczych i wyzyskiwaczy żydowskich nie będzie miejsca w kraju stojącym pod zwierzchnictwem władzy niemieckiej.

ד.ה.: „פאַר פּאָליטישע אינטריגאַנטן, ווירטשאַפטלעכע היענעס און יידישע אויסניצער וועט נישט זיין קיין פּלאַץ אינם לאַנד, וואָס געפינט זיך אונטער דער סוווערניטעט פון דער דייטשער מאַכט".

אָטדי שורות האָב איך איינגעחזרט און זיי זענען מיר געבליבן אין זכרון ביז היינט. אין דער היים האָבן אויף מיר געוואַרט שיע שולמייסטער, יענקל יורעס און מאָטל בעקערמאַן און איך האָב זיי דערציילט דעם אינהאַלט. א ציטער איז אונדז אריבער אין קערפּער ווען מיר האָבן באַגריפן דעם אינהאַלט פון דעם אויפרוף. מיר האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך. אָבער שנעל זענען מיר געקומען צו זיך: וואָס קען עס דען שאַדן? אויב מען וועט אונדז אַוועקטרייבן צום בוג, וועלן מיר גיין און ווי געוויינלעך וועלן מיר מיט גאָטס הילף אַלץ איבערקומען בשלום.

דער אינהאַלט פונם אויפרוף האָט געדינט אלס א טעמע אין אַלע הייזער — יידישע ווי נישט־יידישע. פאַר אונדז איז עס געווען דער ערשטער צוזאַמענטרעף מיט דער שטעלונג פון דער מאַכט אין באַציאונג צו יידן. מיר האָבן זיך געטרייסט, אז מען מיינט דאָ נאָר די אויסניצער און מיר ווילן דאָך אַרבעטן פּראָדוקטיוו. קיין קלייטן האָבן מיר שוין נישט; דער האַנדל איז געליימט און גייט אריבער אין פּוילישע הענט; וואָס האָבן מיר מורא צו האָבן? אַזוינע אילוזיעס האָבן מיר געהאַט און געלעבט האָבן מיר מיט דער האָפענונג, אז עס וועט זיין גוט.

די געסטאַפּאָ קומט

דאַן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין שטעטל איינצלנע יידן פון פאַרשיידענע געגנטן אין פּוילן כדי אריבערגיין דעם בוג און אַנטלויפן קיין רוסלאַנד. אָטדי יידן זענען געקומען פון לאָדזש, וואַרשע, קאַטאָוויץ און אַנדערע ערטער אין מערב. אַלע האָבן זיי דערציילט גרויל־געשיכטן. זיי האָבן געזאָגט, אז דאָ איז גן־עדן און געטענהט:
— איר ווייסט נישט וואָס די דייטשן זענען, ביז איר וועט דערקענען די געסטאַפּאָ!
אַזוי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז די געסטאַפּאָ־לייט פּייניקן יידן, רויבן און מאָרדן אָן אויפהער. שוין דאַן האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן חרטה־האָבן וואָס מיר האָבן נישט פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

אָנפאַנג דעצעמבער האָט שולמייסטער באַקומען א מעלדונג פון דעם פּאָרזיצער פון דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג פּשעסמיצקי, אז ער זאָל קומען 4 א זייגער נעבן דער פאַרוואַלטונג־געביידע כדי אָפּצוּוואַרטן א גאַסט. שנעל איז די ידיעה פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די יידן און מיר האָבן מורא געהאַט אז עס קומט די געסטאַפּאָ. אין דער באַשטימטער שעה איז יעדער נייגיריקער שוין געווען אויפן פּלאַץ. שיע איז געשטאַנען נעבן דעם פאַרוואַלטונג־פּאָרזיצער. און אָט איז אָנגעקומען א הויכע פּערזאָן, גרין געקליידט, מיט א שוואַרצער בינדע, אויפן היטל — א טויטן־קאָפּ, מיט א חשיבותדיקן רעגירערישן אויסזען. נאָך א קורצן געשפּרעך מיט דעם פאַרוואַל־טונג־פּאָרזיצער, האָט ער זיך געווענדעט צו שיען און געזאָגט, אז אין משך פון 24 שעה מוז גרייט זיין דער בניין און ער האָט אָנגעוויזן דעם בניין פון פּאָליציי, קעגנאיבער דעם פאַרוואַלטונגס־הויז. ער האָט צוגעגעבן, אז דאָרט דאַרפן זיין בעטן,

טישן, האַלץ צו הייצן און אַלץ דאַרף בלישטשען פון ריינקייט. אויב דאָס אַלץ וועט נישט זיין פּאַרטיק ביז מאָרגן 4 א זייגער, און דערביי האָט ער געכאַפּט א בליק אויפן זייגער, וועלן אַלע יידן גיין אהין — און ער האָט אָנגעוויזן אויפן הימל.

שיע איז אויפגעשפּרונגען אויף „אכטונג״ און געזאָגט מיט א זיכערן טאָן: אַלץ וועט זיין פּאַרטיק, מיין הער! און האָט געוואָלט אוועקגיין. דער אָפיציר האָט אים באַפוילן: — לויף! און ער האָט אָנגעהויבן לויפן.

דאָס איז געווען א דערנידערונג, צו וועלכער מיר זענען נישט געווען געוווינט. שיע, אונדזער נישט־געקרוינטער אָנפירער, איז עפּנטלעך דערנידעריקט געוואָרן דורך א געסטאַפּאָ־מאַן און מיר האָבן נישט געקענט רעאגירן דערויף. מען מוז זיך באַהערשן און אָפּוואַרטן.

שיע האָט מאָביליזירט אַלע פרויען און מענער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן נאָך דעם זעלבן טאָג ריניקן די פּאָליציי־געביידע. אין אָוונט איז די אַרבעט איבערגעריסן געוואָרן און אין פרימאָרגן איז זי באַנייט געוואָרן. דערווייל האָבן די מענער אויפגעזאַמלט בעטן, קאָלדרעס, טישן. יעדער איינער האָט פרייוויליק געגעבן און אַלץ איז געווען גרייט. מען האָט אָנגעהויבן הייצן די אויוונס. מען האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט נישט באַוויזן און אויך קליינוואַרג זענען גערופן געוואָרן צו הילף.

עס איז געוואָרן ביי 3 א זייגער. די שפּאַנונג איז געווען גרויס. איך בין זיכער, אַז קיין שום ייד האָט יענעם טאָג נישט געגעסן. דער רב האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט בעטן א גאַנצן טאָג, אַז מיר זאָלן באַוויזן די אַרבעט.

א זייגער 4 זענען געקומען 4 מענטשן, ענלעך געקליידעט ווי יענער אָפיציר. איינער פון זיי האָט אַלץ באַקוקט, גייענדיק פון צימער צו צימער. שיע און דער ראַט־פאַרוואַלטער פשעסמיצקי האָבן אָפּגעוואַרט אומגעדולדיק. ענדלעך האָט דער העכסטער אָפיציר אויסגערופן, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג און האָט באַפוילן, אַז שיע זאָל קומען מאָרגן פרי צו אַרבעטן ביי זיי. א שטיין איז אַראָפּגעפאַלן פון אַלעמענס הערצער. מיר האָבן דערוואַרט עפּעס ערגערעס און פאַרבליבן צופרידן דערווייל וואָס עס האָט זיך אַזוי געענדיקט.

זיך פונאַנדערגייענדיק זענען מיר געווען אין א גוטער שטימונג. אָבער די 4 געסטאַפּאָ־לייט האָבן געוואָרפן אויף אונדז א שרעק. זיי זענען געווען געקליידט אַנדערש ווי די ווערמאַכט־זעלנער. נעבן דעם רעוואָלווער האָבן זיי געהאַט א שטעקן צו שלאָגן. מיר האָבן זיך געטרייסט דערמיט וואָס דער ערשטער צוזאַמענטרעף איז אַריבער בשלום און געגלויבט, אַז שיע אָגאַראָדניק וועט אויפטאָן נסים.

צומאָרגנס זענען געסטאַפּאָ־לייט אַרויס שפּאַצירן אין שטעטל. צוערשט זענען זיי אַריין אין נימיוווסקיס קאַפע־הויז (אָנשטאָט בוטשע שענקער) אין דער דריטער מאַי גאַס 32. זיי האָבן זיך אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען און אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. אָנטרעפנדיק עזריאלן, אַלטערס זון, זענען זיי — גאַרנישט רעדנדיק — אים באַפאַלן און געשלאָגן אכזריותדיק מיט זייערע גומי־שטעקנס. עזריאלקע איז אומגעפאַלן און זיי האָבן אים געטראָטן מיט די פיס ביז ער האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח צו שרייען. זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט און ער איז געבליבן ליגן. בשעת מעשה זענען אַלע יידן אַנטרונען פון דער גאַס, אָבער די גויים — ספּעציעל זשאָנטאַקס זין און אויך פּאַיאָנק, וואָס האָט געעפנט א קאַפע־הויז אין ראובן כיבאָווסקיס שטוב — האָבן

געשאלט פון פרייד. שיע האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם פאל און ער איז געלאָפן צו די געסטאפּאָ־לייט אין צענטער שטאָט, וווּ זיי זענען נאָך ארומגעגאנגען. ער איז צוגעגאנגען צו זיי, אראָפּגענומען דאָס היטל און זיי געזאָגט, אז ער האָט צוגעגרייט פאר זיי אייער און פלייש און האָט זיך געבעטן זיי זאָלן נישט שלאָגן יידן; אלע זענען גרייט צו ארבעטן און טאָן אלץ וואָס מען וועט זיי זאָגן. זיי האָבן אים געקלאפּט איבער דער פּלייצע און זענען אוועקגעגאנגען.

פון יענעם טאָג אָן איז געפאלן א שרעק אויף אלע יידן. זעענדיק די געסטאפּאָ־לייט אין גאס, זענען זיי באלד פארשוווּנדן געוואָרן. אָבער א וואָך שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן באזוכן יידישע הייזער און שלאָגן יעדן מאן, וואָס איז זיי אונטערגעקומען. די מענער פלעגן דעריבער נישט זיצן אין דער היים און ביינאכט זענען זיי געשלאָפן אויפן בוידעם אָדער אין שטאל. כמעט ביי יעדן הויז איז געווען א שטאל אָדער א קאמער און דאָרט פלעגן זיי זיך אויסבאהאלטן. יענע גרופּע געסטאפּאָ־לייט איז געבליבן אין שטעטל דעם ווינטער. שיע האָט זיי געדינט די גאנצע צייט און זיי זענען געווען צופרידן. ער פלעגט זיי ברענגען אָפט טייערע מתנות און זיי האָבן אונדז ווי־עס־איז געלאָזט לעבן רואיק.

עס קומען פליטים פון די מערב־געגנטן

אמאָל, אָנהויב דעצעמבער 1939, האָבן מיר געפילט אן אויסטערלישע באוועגונג. עס איז אָנגעקומען א גרופּע דייטשן, וועלכע האָבן געפאָדערט פון פארוואלטונגס־פאָרזיצער און פון אלע דאָרף־עלטסטע צושטעלן זיי וועגענער מיט פערד. יעדער איינער וואָס האָט א פערד־און־וואָגן האָט באקומען א באפעל פאָרן צו דער באַן־סטאציע פּלאטעראָווע. עס איז ארומגעגאנגען א קלאנג, אז מען ברענגט יידן, וואָס זענען ארויסגעטריבן געוואָרן פון דייטשלאנד אָדער אנדערע ערטער אין מערב און מען וועט זיי באזעצן אין אונדזער שטעטל.

מיר האָבן געווארט א גאנצן טאָג, אָבער די פורן זענען נישט צוריקגעקומען. דרויסן איז געווען א פראָסט און א שטארקער ווינט האָט געבלאָזט. די מענטשן האָבן זיך פארמאכט אין דער היים. א זייגער 8 אינאָוונט זענען אָנגעקומען די וועגענער פול מענטשן פון פארשיידענעם עלטער. באלד איז באוווּסט געוואָרן, אז די אלע זענען קריסטן, ארויסגעטריבענע פון די גרענעצן אין די מערב־געגנטן. אממערסטן האָבן זיי גערעדט פויליש און דייטש. די דייטשן, מיט דער באגלייטונג פון דער ראט־פארוואלטונג און אנדערע טיכטיקע פּאָליאקן, האָבן אָנגעהויבן זיי איינקווארטירן אין הייזער, וואָס זענען געבליבן ליידיק נאָך די ארויסגעוואנדערטע יידן און די איבעריקע זענען געשיקט געוואָרן אין דערפער. מיר האָבן אזויארום באקומען נייע שכנים. שוין די ערשטע טעג האָבן די שכנים אָנגעהויבן צעלייגן פארשיידענע געביידעס כדי צו באנוצן דאָס האָלץ צו הייצן און קאָכן. קודם־כל האָבן זיי דעמאָנטירט אלע האָלץ־מאטעריאלן פון בית־המדרש. צוערשט האָבן זיי ארויסגעשלעפּט טיר־און־פענצטער, שפּעטער האָבן זיי צעלייגט די פּאָדלאָגע און דעם סופיט און נאָך נישט געוואגט פונאנדערנעמען דעם ארון־קודש. איך געדענק ווי די עלטערע יידן האָבן געוויינט, זעענדיק דעם חורבן בית־המדרש, נישט קענענדיק גאָרנישט אויפטאָן.

שפּעטער איז אויך דער ארון־קודש צעלייגט געוואָרן און פון בית־המדרש זענען געבליבן בלויז די ווענט און די לעכער, וואָס זענען געווען פענצטער. ביסלעכ־ווייז זענען פארנומען געוואָרן אלע ליידיקע הייזער און עס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן אויך די געביידעס, וואָס יידן האָבן געהאלטן אלס מאגאזינען און דאָרט האָבן זיך באזעצט ארויסגעטריבענע פּאָליאקן.

די פרעמדע באפעלקערונג האָט מיטגעבראכט נייע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. די ארויסגעטריבענע זענען געקומען „בלויז מיט איין העמד אויפן לייב". זיי זענען אלע געווען ערד־ארבעטער און קומענדיק האָט זיי שוין געפעלט עסן און בעטצייג. די מאכט האָט געהייסן די דאָרפס־לייט ברענגען פאר אָטדי פאמיליעס מעל, קארטאָפל און גרינוואַרג. די שטאָטישע האָבן די דייטשן נאָך נישט אָנגערירט. אָבער די ארויס־געטריבענע, וואָס האָבן געקענט דייטש, ספּעציעל די יונגע מיידלעך, זענען שנעל באפריינדעט געוואָרן מיט די געסטאפּאָ־לייט און אָנגעהויבן מסרן אויף יידן, אז זיי באהאלטן אויס סחורות און ווערטפולע זאכן בעת די ארויסגעטריבענע פּאָליאקן זענען געבליבן מיט ליידיקע הענט. די יידן האָבן זיי גערעכנט פאר פיינט נישט ווייניקער געפערלעכע ווי די געסטאפּאָ־לייט און כדי צו פארשטאָפּן זייערע מיילער האָבן מיר אָנגעהויבן פארטיילן צווישן יענע פאמיליעס פארשיידענע מתנות. מיין פאָטער פלעגט געבן די שכנים, וועלכע האָבן געוווינט אין הויז פון מיין זיידע שמואל קלמן, וואָל אויף בעטגעוואנט, ראובן כיבאָווסקי האָט געגעבן מילך, שיך — כל מיני גרינוואַרג. דער שניידער זאוול מאנדעלבוים האָט זיי גענייט קליידער, — אלץ כדי זיי צו געפעלן און כדי זיי זאָלן ווייניקער מסרן פאר דער געסטאפּאָ.

אונדזער מאטעריעלע לאגע איז געווען נישט שלעכט. יעדער איינער האָט נאָך געהאט א געוויסן רעזערוו. די בעלי־מלאכות, הויפּטזעכלעך שניידער און שוסטער, האָבן אָנגעהויבן ארבעטן פאר די פּויערים, וועלכע האָבן באצאָלט מיט לאנדווירט־שאפטלעכער פּראָדוקציע. א טייל יידן האָבן געהאט קי, ציגן און עופות. צוויי מילן האָבן אָנגעהויבן ארבעטן. אין די יידישע הייזער איז געווען ווארעם און ליכטיק, און געווען איז עס מערקווירדיק, אז אלע האָבן מיר באדויערט יענע, וועלכע זענען אריבער אויף דער רוסישער זייט. אין אָוונט, ביים עסן, אָדער זיך לייגנדיק שלאָפן אין א ווארימער בעט, האָבן אונדזערע לייט באוויינט די קרובים, וואָס „ווער ווייס ווו זיי זענען איצט". אין יענע טעג זענען איינצלנע מענטשן צוריקגעקומען פון יענער זייט בוג און האָבן דערציילט שוידערלעכע געשיכטן וועגן די שוועריקייטן, וואָס אונדזערע באקאנטע שטייען אויס. די אלע ידיעות האָבן געשטארקט אונדזער ווילן ביישטיין אלע ליידן, וואָס שטייען אונדז פאָר פון די דייטשן. און אזוי האָבן מיר געלעבט אויף דערווייל, זייענדיק צופרידן, אז עס איז אריבער א טאָג אָן אן אָנשיקעניש.

אויסגעוויילט דעם „יודנראַט"


סוף דעצעמבער, אין א שיינעם־העלן טאָג, ווען דער שניי האָט שוין אָנגעהויבן באדעקן די גאסן, איז אָנגעקומען דער בריוונטרעגער צו אונדזער שכן מאָטל בעקערמאַן און געבראכט א טעלעגראמע. מאָטל האָט עס געעפנט און געפרוווט לייענען. די טעלעגראמע איז געווען באשטימט פאר די סארנאקער יידן, געשריבן אין דייטש. מיר

האָבן פאַרשטאַנען, אַז זי אַנטהאַלט אַ באַפעל, אַז אין 24 שעה זאָל אין סאַרנאַקי באַשטימט ווערן אַ „יודנראַט” פון פינף פאַרשטייער. מאָטל האָט זיך דערשראָקן און געפרעגט דעם בריוונטרעגער פאַרוואָס האָט ער אים געבראַכט די טעלעגראַמע און געבעטן ער זאָל עס אָפּגעבן עמיצן אַנדערש. אָבער דער בריוונטרעגער האָט געענטפערט, אַז ער איז שוין געווען ביי יואַלקע דעם בעקער, וועלכער האָט אים געשיקט צו שלמה נאַוטשיטשעל, אָבער ער האָט אָנגעוויזן אויף מאָטלס הויז און דאָ איז שוין זיין לעצטע סטאַציע.

מאָטל האָט גענומען די טעלעגראַמע און האָט אַלאַרמירט שיע שולמייסטער. מאָטל האָט אים דערציילט וויאַזוי די טעלעגראַמע איז צו אים אָנגעקומען און שיע האָט אים געזאָגט, אַז אַזיווי יואַלקע און שלמה דער שלאַבאַן ווילן זיך אַרויסדרייען פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, דאַרפן זיי אָנגעהערן צום יודנראַט. און ער האָט צוגעגעבן: קינדערלעך, איך האָב שוין נישט קיין ברירה; איך וועל טאָן אַלץ פאַר דער שארית הפליטה, אָבער זיי מוזן זיין אין יודנראַט. דאַן האָבן שיע, מאָטל און מיין פאָטער געטראַכט אויף וועמען נאָך קען מען אַרויפלייגן די אויפגאַבע. איז אָנגעקומען יצחק דער וונוק, וועלכער איז אַריין אין גרונט פון דער זאַך און האָט געטענהט, אַז עס מוזן זיין פאַרשטייער וואָס פאַרשטייען עטוואָס דייטש און האָט פאָרגעלייגט צוקאָאָפּטירן צו שיען אויך שמואל אבא הערשבערגן, וואָס איז שפּעטער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער. מאָטל האָט אַוועקגעשיקט אַן ענטפער טעלע־גראַפיש און האָט באַצייכנט די נעמען פון די קאַנדידאַטן.

אַזוי איז אַנטשטאַנען דער יודנראַט אין סאַרנאַקי. דאַן האָט קיינער נישט געוווּסט און האָט נישט געקענט וויסן וואָס וועלן זיין זיינע אויפגאַבן, וואָס מען וועט אויף אים אַרויפלייגן און וויאַזוי וועט ער עס קענען אויספירן. איינס איז געווען קלאָר, אַז שיע דער אַגראָנאָדניק איז דער אומגעקרוינטער אָנפירער פון די יידן אין שטעטל און אַז ער איז דער פאַסנדיקסטער פון אַלע איבערגעבליבענע. און ווירקלעך, אין אַ קורצער צייט האָט ער אַרויסגעוויזן אַ ריכטיקע באַנעמונג לגבי שווערע פּראָבלעמען און האָט זיי געלייזט דערפאָלגרייך.

די ערשטע טעג האָט דער יודנראַט נאָך נישט געהאַט פּאַקטיש וואָס צו טאָן. מיר האָבן געוואַרט אומגעדולדיק אויף די צוקונפטיקע געשעענישן. מיר האָבן געוווּסט, אַז עס וועלן אָנקומען אָנווייזונגען און באַפעלן. און ווירקלעך, דעם 27־טן דעצעמבער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ באַפעל פון דער מאַכט, אונטערגעשריבן דורך דעם קרייז־גובערנאַטאָר. אין באַפעל איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז פון דעם 1־טן יאַנואַר 1940 דאַרף יעדער ייד אין קרייז אָנטאָן אויף דער רעכטער האַנט אַ לענטע אין דער ברייט פון 10 ס״מ; אויף דער לענטע דאַרף זיין אַ בלויער מגן־דוד — 8 ס״מ די הויך און די ברייט, — דאָס הייסט אַז יעדע זייט דאַרף האָבן 8 ס״מ און די ברייט פון די זייטן — 2 ס״מ יעדע זייט. די לענטע דאַרף דער ייד טראָגן אויף דעם רעכטן אַרבל פונם אויבערשטן בגד שטענדיק ווען ער גייט אַרויס דרויסן. צו ענדע זאָגט דער פּלאַקאַט, אַז אַ ייד, וואָס וועט נישט פאָלגן אָטדי אָנווייזונג, וועט שטרענג באַ־שטראָפט ווערן.



אָטדער באפעל איז אייגנטלעך נישט געווען פאר אונדז קיין נייעס. מיר האָבן שוין געזען יידן, וועלכע זענען אָנגעקומען פון די מערב־געגנטן, וועלכע האָבן געטראָגן אזוינע צייכנס. זיי זענען געווען איבערראשט זעענדיק, אז ביי אונדז איז עס נישט איינגעפירט. אייניקע האָבן זיך געטרייסט: וואָס איז עס אזוי שלעכט אויב א ייד טראָגט א „מגן־דוד" אויפן ארבל? דאָס איז דאָך געווען דער ווונטש פון אונדזערע ציוניסטישע פירער, וועלכע האָבן באשטימט אלס סימבאָל די וויס־בלויע פאָן און אָט קומט היטלער און פארפליכטעט אונדז טראָגן אונדזער פאָן! — — —

אָבער נישט אזוי האָבן געמיינט די גויים. פיל געדענקען נאָך א ודאי דעם פאָליאק פאנצערסקי, וועלכער איז באקאנט געווען אלס גנב פון ווייץ און שפייז־ארטיקלען; ער איז געזעסן אין ארעסט אין דער צייט פון דעם פוילישן רעזשים. איצט האָט ער זיך געהאלטן אלס א נגיד אין שטעטל. האָט זיך באזעצט אין א יידיש הויז צוזאמען מיט זיין פרוי און קינדער און האָט אָנגעהויבן זיך באשעפטיקן מיט האנדל. אויפן דייטשן באפעל האָט ער רעאגירט גאנץ אָפן: די דייטשן באצייכנען די יידן כדי מען זאָל זיי דערקענען ווען מען וועט אָנהויבן זיי אויסהרגענען, נישט צו הרגענען פאָליאקן. איך האָב עס דערציילט דעם פאָטער און מאָטלען. זיי האָבן געזאָגט, אז ער וועט עס נישט דערלעבן.

מאסן ארויסגעטריבענע פילן־אָן דאס שטעטל

דאן איז פאָרגעקומען א וויכטיקע ענדערונג אין דעם צוזאמענשטעל פון דער יידישער באפעלקערונג. געשען איז עס אזוי: פרייטיק־צו־נאכטס, ווען אלע יידן זענען געזעסן יעדער אין זיין הויז, איז אָנגעקומען צולויפן שיע, קוים כאפנדיק דעם אָטעם, צוזאמען מיט זיין זון סרולע. ער האָט דערציילט מיין פאָטער און מאָטלען, אז באלד קומען צו אונדז פון פלאטעראָווע פיל ארויסגעטריבענע יידן און ער האָט באקומען א באפעל זיי איינקווארטירן אין שטעטל. פון איין זייט האט עס אונדז געפרייט וואָס עס קומען צו אונדז נאָך יידן און מיר וועלן נישט בלייבן בלויז 70 פאמיליעס, אָבער פון דער צווייטער זייט איז אויפגעשווומען די וווינונגס־פראגע. אויפן פלאץ האָט שיע באשלאָסן, אז יעדע פאמיליע זאָל אריינעמען צו זיך אן אנדער פאמיליע אָדער צווי — לויטן גרויס פון דער דירה. באלד זענען אָנגעקומען נאָך עטלעכע יידן, צווישן זיי דוד קיזקער, גדליה און משה כיבאָווסקי און מיר האָבן אָפגעווארט די ארויסגעטריבענע. דרויסן איז געווען א פראָסט און א שניי איז געפאלן. שיע האָט געשיקט מעלדונגען צו שלמה דער קאטאָליק אין מיל און צו יצחק דער וונוק און געבעטן זיי זאָלן קומען העלפן. זיי זענען אראָפגעקומען און אזויארום זענען מיר געווען א געגוג גרויסע מאנשאפט אויפצונעמען די יידן, וואס אין דעם מאָמענט זענען זיי געווען פאר אונדז אן אנאָנים.

איך און מיין ברודער זלמן זענען נאָך יונג געווען: איך — 13 און א האלב יאָר, מיין ברודער — 11 און א האלב. מיר האָבן דאן געדינט אלס שליחים און מיט איבערגעגעבנהייט אויסגעפירט פארשיידענע שליחותן. מיר זענען געלאָפן פון הויז צו הויז און אלעמען געמאָלדן וועגן נייעם באפעל. אלע יידן זענען גרייט געווען אויפנעמען די ארויסגעטריבענע. אייניקע האָבן שוין באלד צוגעגרייט שטרוי צום געלעגער.

א זייגער 9 אין אָוונט זענען אָנגעקומען די וועגענער און מיר האָבן אָנגעטראָפן אומגעפער 300 פאמיליעס; אלטע לייט, יונגע, קינדער — מיט פעקלעך. די קינדער האָבן ביטער געוויינט, פרירנדיק אין פראָסט, און די ווייבער האָבן דערציילט גרויל־געשיכטן וועגן דער רייזע אין די וואגאָנעס פון קאליש ביז פלאטעראָווע אָן וואַרעם וואסער און אָן א וואַרעם געקעכטס. מיר האָבן נישט געהאט קיין צייט אויסצוהערן און אָנגעהויבן פארטיילן די פאמיליעס אין די הייזער. עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו איבערקלייבן און מיר האָבן פארטיילט ווי עס איז אונטערגעקומען. צוערשט האָבן די טויער אריינגענומען צו זיך אהיים די פליטים און שפעטער האָבן מיר זיי געפירט פון הויז צו הויז. עס איז געווען א גרויסער כאאָס: קינדער האָבן געוויינט, נישט געפינענדיק איינס דעם צווייטן. מיר האָבן געוויינט צוזאמען מיט זיי, אָבער עס איז נישט געווען קיין צייט אויף סענטימענטן. ביז האלבע נאכט האָבן מיר באוויזן איינצוקווארטירן אלע ארויסגעטריבענע און קיינער איז נישט געבליבן דרויסן. איך האָב געזען וויאזוי שיע איז ארומגעלאָפן און איך האָב זיך צו אים באצויגן מיט צוטרוי און פאַרערונג.

די הייזער זענען געוואָרן אָנגעפילט און יעדע פרוי האָט געמאכט טיי, געגעבן די פליטים צו טרינקען און זיי געלייגט שלאָפן. איך האָב געזען מיט וואָס פאד א וואַרימקייט האָבן געשמועסט מיטאיינאנדער מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס צוזאמענגעטראָפן און ווען נישט היטלער וואָלטן זיי זיך קיינמאָל נישט געטראָפן. צווישן די נייע זענען געווען מער אינטעלעקטועלע מענטשן ווי ביי אונדז אין שטעטל און אָט האָט דער ביטערער גורל זיי פאראייניקט. די מענטשן פון קאליש און בלאשקי האָבן אונדז ארומגענומען און געקושט, זאָגנדיק אז מיר זענען מלאכים און נישט קיין מענטשן. זיי האָבן געזאָגט, אז ווען נישט מיר וואָלטן זיי אויסגעגאנגען אין גאס פון קעלט און הונגער.

שיע האָט זיך דערמאָנט, אז מיר האָבן נאָך קיינעם נישט געבראכט צו אליה מאנדעלבוים און ער האָט גערופן מיר און זיין זון. מיר האָבן גענומען מיט זיך עטלעכע פאמילעס, וואָס זענען צוליב וועלכער סיבה צוריקגעקומען פון שטאָט־צענטער, אָבער מיר האָבן געפונען דאָס הויז איינגעהילט אין פינצטערניש. שיע האָט אָנגעהויבן קלאפן אין טיר, אָבער קיינער האָט נישט געעפנט. ער האָט געהייסן סרולען אויפברעכן די טיר. דאן האָט זיך די טיר אויפגעפראלט און דרויסן זענען ארויסגעשפרונגען אליה און באשע פייגע און אָנגעהויבן פילדערן. שיע האָט אויף זיי אָנגעשריען: — שעמט אייך! ער האָט דאָרט אריינגעלאָזט די דאכלאָזע, זאָגנדיק: — דאָ איז אייער שטוב! אויב די געמיינע וועלן אייך אָנטאָן צרות, וועל איך זיי ארויסטרייבן דרויסן! די פליטים זענען אריין און מיר זענען אוועקגעגאנגען. געווען איז עס דער איינציקער פאל וואָס עמיצער פון די איינוווינער האָט זיך געוואָלט ארויסדרייען אין אזא נויטלאגע.

די נייע באפעלקערונג, א 1,500 פערזאָן, האָט פארענדערט דאָס אויסזען פון שטעטל. עס האָט געווירקט, אז מיר זאָלן זיך פילן בעסער, זיכערער. אָט זענען מיר פיל, א גרויסער יישוב און ווי־עס־איז וועלן מיר איבערקומען אלע שוועריקייטן. אָבער די פראָבלעמען זענען אָנגעוואקסן איינס נאָך אן אנדערער.

די ווינ־באדינגונגען זענען געווען אומדערטרעגלעך. אין יעדן צימער זענען געווען פון 10 ביז 20 פערזאָן. דער בית־המדרש האָט זיך אָנגעפילט איינוואוינער, טראָץ דעם וואָס דאָרט זענען נישט געווען קיין טיר־און־פענצטער. מענטשן האָבן זיך דאָרט אריינגעצויגן און פארשטאָפּט די לעכער מיט קאָלדרעס, דיקטן און וואָס עס האָט זיך געמאַכט. די בלעכער, ספּעציעל יוסעלע בלעכער, האָבן אָנגעהויבן פּראָדוצירן קליינע בלעכענע אויוונס מיט א קוימען, וואָס מען האָט ארויסגעפירט דרויסן, כדי אויסצוהאלטן דעם שטארקן פראָסט. געווען איז דאן א שווערער ווינטער און די טעמפּעראטור איז דערגאנגען ביז מינוס 30 גראד.

די קאַלישער און בלאשקער איז געלונגען מיטצונעמען אביסל געלט און קליידער, וואָס זיי פלעגן אויסבייטן ביי די פּויערים און באקומען שפּייז־ארטיקלען און אזויארום איז אנטשטאנען א מין מסחר. פאכלייט פון די אָנגעקומענע האָבן אָנגעהויבן ארבעטן ביי זייער פאך און אזוי האָבן זיי פארטראָטן די פארלאָזענע פלעצער. דערביי זענען אויפגעשווומען סאָציאַלע פּראָבלעמען : א געוויסע צאָל מענטשן זענען נישט געווען קיין פאכלייט און האָבן נישט געהאט וואָס צו פארקויפן און זענען געווען געצווונגען בעטן נדבות. דער יודנראט איז געקומען צוהילף און האָט געעפנט א געמיינשאפטלעכע קיך אין בית־המדרש. דאָרט האָט יעדער באדערפטיקער געקענט באקומען א מיטאָג גאנץ אומזיסט.

דער ערשטער מארד־פאל

דער בוג איז געווען געפראָרן ווינטער־צייט און אויפן אייז האָט מען געקענט אריבערגיין. יידן האָבן דאן אויסגענוצט אָטדי מעגלעכקייט כדי צו פארלאָזן דעם דייטשן געביט און אריבערגיין צו דער רוסישער זייט. דאָ האָבן מיר זיך געטראָפן מיט מענטשן וואָס זענען אָנגעקומען פון מערב און פון ווארשע — איינצלנע און גאנצע פאמיליעס — וואָס זייער ציל איז געווען רוסלאנד. זיי האָבן דערציילט שרקלעכע געשיכטן וועגן דער האנדלונג פון די דייטשן און אלע האָבן זיי געזאָגט, אז ביי אונדז איז א גן־עדן. די דאָזיקע האָבן געדונגען וועגווייזער אריבערצוגיין די גרענעץ. אלס וועגווייזער האָבן געדינט סיי יידן פון שטעטל, וואָס האָבן געקענט יעדן שטעגל, סיי דאָרפישע פּויערים. אָטדי קאָמוניקאציע האָט געדינט אלס א פּרנסה ווייל די פּליטים זענען געווען פארמעגלעכע.

פאראלעל מיט אָטדער קאָמוניקאציע האָט זיך אויך אנטוויקלט א שמוגל פון סחורות. יידן האָבן אָנגעהויבן אריבערגיין די גרענעץ און אריבערשמוגלען סחורות קיין רוסלאנד און פון דאָרט — גאָלד. דאָס געשעפט האָט זיך גוט אנטוויקלט און פיל פון די אנטלאָפענע פון שטעטל זענען צוריקגעקומען און זיך באשעפטיקט מיט שמוגל. אָטדי תקופה איז געווען א רואיקע. די מאכט האָט נאָך נישט געפּייניקט און די געסטאפּאָ־לייט, וואָס זענען שוין געווען אין שטעטל, האָבן זיך באנומען געלאסן א דאנק דעם גוטן קאָנטאקט, וואָס שיע שולמייסטער האָט מיט זיי אָנגעקניפּט.

אינמיטן יאנואר 1940, פרייטיק פארנאכט, זענען געסטאפּאָ־לייט אריינגעקומען אין נימיוווסקיס קאפע־הויז (פון פריער — ברוך שאָנשיין) כדי צו פארברענגען דעם אָוונט. דאָס איז געווען א געוויינלעכע דערשיינונג און די יידן פלעגן דאן, גייענדיק צום דאווענען, זיך היטן און זיי אויסמיידן. ביי האלבער נאכט האָבן די געסטאפּאָ־לייט

פֿאַרלאָזן דאָס קאַפּעהויז. זייענדיק נימיווסקיס שכנים, האָבן מיר פֿון דאָרט געהערט אַן אויסטערליש גערויש און געלעכטער. געווען זענען זיי פֿיר מאַן. איך בין נאָכגעגאַנגען די געסטאַפּאָ־לייט ווען זיי זענען אַוועק אין דער ריכטונג פֿון הויף פֿון די „קאָניוכעס". בלייבנדיק שטיין נעבן דעם ברונעם, האָב איך פֿון דער ווייטנס געהערט ווי מען שרייט און כלים ווערן צעבראָכן. אין הויז פֿון די „קאָניוכעס" איז געווען ליכטיק. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שאָס פֿון הויז. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן פֿאַרלאָזט דעם פּלאַץ און אַוועק אַהיים. צוזאַמען מיט מיין פֿאָטער און מאָטל בעקערמאַן זענען מיר צוגעגאַנגען און געזען אַז בערל איז דערשאָסן. אַ טויט־שרעק האָט אונדז אַרומגענומען. קיינער פֿון אונדז איז שוין יענע נאַכט נישט געשלאָפֿן. מיר האָבן דערוואַרט עפּעס שלעכטעס, אָבער זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט דעם קרבן.

צומאָרגנס אין דער פֿרי האָבן מיר באַגלייט אונדזער חבר בערל אויף זיין לעצטן וועג. אין יעדן איינעם האָט געבראַזט אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז דאָס וועט זיין אונדזער סוף ביי די רוצחים. די גאַנצע קהילה איז אויפֿגעשיטערט געוואָרן. וועגן אַזוינע פֿאַלן האָבן מיר שוין געהערט פֿון די פֿאַרשיידענע פּליטים, אָבער דאָס אַלץ איז געווען ווייט פֿון אונדז און מיר האָבן געגלויבט, אַז דאָ וועט עס נישט געשען. און אָט איז די ביטערע ווירקלעכקייט — מיר זענען אין די מערדערישע הענט.

שיע האָט געטרייסט, צוגעזאָגט אַז ער וועט זיך טרעפֿן מיט זיי. ער האָט געטענהט, אַז זיי זענען געווען שיכור. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָבן מיר זיך געלאָזט איינרעדן. אָבער גלייכצייטיק האָבן מיר באַשלאָסן, אַז יעדער איינער זאָל זיך איינריכטן אין הויז אַ באַהעלטעניש, ווייניקסטנס פֿאַר די מענער, אין פֿאַל ווען די מחבלים וועלן קומען ביינאַכט. אייניקע האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף נישט עפֿענען די טיר ביינאַכט, ווייל לויטן געזעץ האָט קיינער נישט קיין רעכט צו קומען ביינאַכט אין אַ פֿרעמד הויז. אָטדי האָבן פֿאַרגעסן, אַז שוין דאַן זענען מיר געווען ביי דער געסטאַפּאָ אויסערן געזעץ.

די נאַכריכט וועגן דעם מאָרד־פֿאַל איז דערגאַנגען אויך אויף יענער זייט בוג. די פּליטים פֿון שטעטל האָבן עס דאָרט געהערט און אָנגעהויבן אונדז באַווייַנען וואָס מיר זענען געבליבן אין סאַרנאַקי. אייניקע האָבן געפּרוּווט אונדז איבעררעדן אַז מיר זאָלן אַריבערגיין דעם בוג, אָבער זייער צורעדן האָט נישט געהאָלפֿן. ס'איז ווידער געווען אַ שאָד פֿאַרלאָזן אַ וואַרעם הויז און מאַגאַזינען מיט פּראָדוקטן, און אָטדי אויסרעכענונגען האָבן דעצידירט. מיר האָבן טאַקע געוווּסט, אַז דאָס איז דער לעצטער שאַנס, ווייל כל זמן דער טייך איז געפֿרוירן קען מען אַריבערגיין, אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט. אדרבא, עס איז אַפֿילו געווען אַ וואַנדערונג אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג. געוויסע מענטשן זענען צוריקגעקומען פֿון רוסישן גן־עדן און דערציילט גרויל־געשיכטן וועגן גורל פֿון די פּליטים. מען האָט דערציילט, אַז עס איז נישטאָ קיין נאַכטלעגער אַפֿילו אין די באַן־סטאַציעס פֿון ביאַליסטאָק און אַנדערע ערטער, וועגן קעלט, הונגער און קראַנקייטן. בעסער שטאַרבן איידער ליידן אַזוי פֿיל — האָט מען געמיינט.

איך געדענק, אַז מחנות פּליטים זענען געקומען צו אונדז פֿון יענער זייט גרענעץ און מיר פֿלעגן זיי פֿאַרקויפֿן די ווייסע לענטע מיט דעם בלויען „מגן־דוד" אָנצוטאָן אויפֿן אָרבל. דערפֿאַר האָט מען געצאָלט אַ זלאָטי. די לענטע האָט זיי נישט געשאַדט.

יעדער ייד האָט פאר זיי געעפנט זיין טיר און זיי האָבן באקומען נאכטלעגער און עסנווארג. יעדער איינער איז געפאָרן ווייטער אהיים, אויב ער האָט נאָך געהאט ערגעצוווּ א היים. די שטאָטישע האָבן דאן אָנגעהויבן איבערקלערן וועגן די קרובים פון יענער זייט בוג און מען האָט אפילו געפרוּווט אריבערגיין אהין כדי איבעררעדן די יעניקע זיי זאָלן צוריקקומען אהיים. און מערקווירדיק: מען האָט באמת אָנגעהויבן צוריקקומען. צווישן די צוריקגעקומענע זענען געווען מיין זיידע שמואל קלמן מיט זיין פרוי און טאָכטער, ברוך שאָנשיין מיט זיינע זין שמעון און שבתי און נאָך איינצלנע אין א גאנץ היפשער צאָל. אין אזא אטמאָספער האָבן מיר איבערגעלעבט דעם שווערן ווינטער 40—1939, וועלכער איז אריבער מיט איין קרבן און פיר טויטפאלן פון קראנקייטן, וואָס האָבן זיך פארשפרייט צווישן די איינוווינער פון בית־המדרש.

מען לעבט אין שרעק

אין מערץ 1940 זענען די געסטאפּאָ־לייט פון סארנאקי איבערגעפירט געוואָרן אין דער באן־סטאציע פלאטעראָווע. דאָס איבערפירן אליין האָט אין אונדז דערוועקט האָפנונגען, אז דאָס לעבן וועט זיין לייכטער און מען וועט שוין נישט אזוי מורא האָבן. זייער זיץ־פּלאץ האָבן פארנומען די פּוילישע פּאָליציי־לייט, וועלכע זענען אָנגעקומען פון דרויסן און נאציאָנאל זענען זיי געווען „פאָלקס־דויטשע". זיי האָבן געדארפט האלטן אָרדנונג און זיכערהייט אין שטאָט. ווידער האָט שיע זיך באפריינדעט מיט זיי. אָטרי פּאָליציאנטן זענען געווען נויטבאדערפטיקע און האָבן גערן גענומען וואָס מען האָט זיי געגעבן. אזוי האָט זיך דערמערגלעכט א האנדל מיט די פּויערים אום זונטיק.

די געסטאפּאָ־לייט האָבן זיך באזעצט אין פלאטעראָווע נעבן דעם טארטאק. אין יענער צייט האָט זיך אנטוויקלט א מסחר צווישן סאָוויעט־רוסלאנד און דייטשלאנד. וואגאָנען געלאָדענע מיט האָלץ האָבן זיך געצויגן צו מערב און וואגאָנען מיט ברענשטאָף — אין דער צווייטער ריכטונג. די רוסן האָבן אויסגעברייטערט די באן־שינעס אין זייער געביט, אזוי אז מען האָט געדארפט אריבערטראָגן די סחורות פון די רוסישע טראנספּאָרטן אין די דייטשע וואגאָנען און דערצו האָט מען געדארפט ארבעטס־הענט. די געסטאפּאָ־לייט האָבן אָנגעהויבן אָרגאניזירן די ארבעט. זיי האָבן זיך געווענדעט צו שיען און געפאָדערט צוערשט 100 ארבעטער און שפּעטער 200 ארבעטער א טאָג.

דער יונדנראט האָט געהאלטן א זיצונג און באשלאָסן, אז יעדער מאן פון 16 יאָר אָן וועט ארבעטן לויט א ליסטע וואָס וועט פארעפנטלעכט ווערן. פאקטיש האָט דער ארבעטס־פּלאץ געראטעוועט פון הונגער פיל איינוווינער, ווייל א פארמעגלעכער האָט געקענט דינגען עמיצן צו ארבעטן אָנשטאָט אים. אזוי איז אנטשטאנען א מאסע ארבעטער, וואָס זענען געשטאנען נעבן ביוראָ פון יודנראט און געווארט אויף עמיצן כדי אים צו פארבייטן. שפּעטער איז איינגעפירט געוואָרן דורכן יודנראט אז יעדער פארמעגלעכער האָט באצאָלט א געוויסע סומע און דער יודנראט האָט אויסגעצאָלט די סטאבילע ארבעטער.

יעדן פרימאָרגן זענען די ארבעטער ארויסגעגאנגען קיין פלאטעראָווע און דאָרט געארבעט ביים לאָדן. זיי האָבן געהאט א צוטריט צו די רוסישע לאָקאָמאָטיוו־

טרייבער, אָבער נישט געטאָרט רעדן מיט זיי. פאקטיש זענען אָטדי ארבעטער געווען אן אינפאָרמאציע־קוועלע און האָבן געבראכט נייעס פון דער וועלט צוגאָבלעך צו די נייעס פון דער אָפיציעלער פרעסע. אלע האָבן זיך באצויגן פאָזיטיוו צו דער ארבעט 3 טעג אין דער וואָך אָן געהאלט און צו שטייערן פארן יודנראט כדי צו פארשטאָפן דאָס מויל פון דער געסטאפּאָ.

אָבער דערמיט האָבן די געסטאפּאָ־לייט זיך נישט באגנוגנט. ווי־נענדיק אין פּלאטעראָווע, האָבן זיי אָנגעהויבן קומען אין שטעטל אויף פארווײַלונג און שלאָגן יעדן ייד, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן. די יידן האָבן אויסגעמיטן זיך צו דרייען אין די גאסן ווען מען האָט זיך דערוווּסט אז זיי קומען. אָבער ווען זיי האָבן נישט אָנגעטראָפן קיין ייד אין גאס, האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן קרבנות אין די הייזער. ווען זיי האָבן אָנגעטראפן א מאן, האָבן זיי אים געשלאָגן ביז בלוט אָדער ביז ער איז געפאלן אין אָנמאכט.

איך געדענק, אז אין א שיינעם־העלן טאָג, אין פרילינג 1940, האָבן די געסטאפּאָ־לייט אָפּגעהאלטן אזא מין באזוך. זיי זענען ארויס פון נימיוווסקיס קאפע־הויז און באזוכט צוערשט אונדזער הויז. די מענער זענען נישט געווען אין דער היים, נאָר מיין מוטער און נאָך עטלעכע פרויען פון די קאלישער פּליטים, וואָס האָבן געוווינט ביי אונדז. נאָכדעם ווי די געסטאפּאָ־לייט האָבן גרינטלעך רעווידירט דאָס הויז און אויך באקוקט דעם בוידעם און זיך איבערצייגט, אז קיין מענער זענען נישט פאראן, האָבן זיי אָנגעהויבן שלאָגן די פרויען. איך בין געשטאנען דרויסן, נעבן זלמן אליהס הויז, קעגנאיבער און געזען וועלכע קלעפּ זיי האָבן אראָפּגעלאָזט אויף מיין מוטער. ביז היינט קען איך נישט פארשטיין וויאזוי איז איר קאָפּ נישט צעשפּאָלטן געוואָרן. זיי האָבן געפאָדערט זי זאָל אויסזאָגן ווו די מענער באהאלטן זיך אויס. אָבער זי האָט נישט געענטפערט און האָט, ווערנדיק געשלאָגן, נישט געשריען. ענדלעך, ווען זיי זענען שוין מיד געווען שלאָגנדיק מיט די הענט און מיט די גומי־שטעקנס, האָבן זיי געכאפּט א גרויסן בלומענטאָפּ און געוואָרפן צו דער מוטער, אָבער דורך א נס האָט עס איר נישט געטראָפן.

פון אונדזער הויז זענען זיי אוועק צום צענטער און ארייַנגעדרונגען אין ראובן כיבאָווסקיס הויף. זיי זענען ארייַן אין הויז און גערופן ראובנען. מיר יונגווארג האָבן נאָכגעשפּירט און געזען, אז זיי האָבן אים געשלאָגן. דאן האָבן זיי אים געשלעפּט, אראָפּגענומען די טיר פון די זאוויעסעס, אים דערויף ארויפגעלייגט אויפן רוקן און אָנגעהויבן טאנצן אויף אים. ראובן האָט געמאכט שרעקלעכע געוואלטן און זיי האָבן געלאכט. ענדלעך האָט ער אויפגעהערט שרייען, מן הסתם איז ער פארחלשט געוואָרן, און זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט. דאן זענען זיי אוועק אין דער ריכטונג פון שולהויף און געשלאָגן וועמען עס איז נאָר ארייַנגעפאלן אין זייערע הענט. טרעפנדיק שיע דעם פארבער, האָבן זיי אים געיאָגט הין און צוריק, געצופּט זיין באָרד און ווי־עס־איז איז ער פון זיי פּטור געוואָרן, קענענדיק נאָך גיין אויף די פיס. ראובן כיבאָווסקי איז געבליבן ליגן קראנק נאָך די קלעפּ און אין א מאָנאט ארום איז ער געשטאָרבן.

אזוינע סצענעס האָבן זיך אָפט איבערגעחזרט. עס איז דערגאנגען דערצו, אז ווען מיר האָבן נאָר דערהערט דאָס גאלאָפּירן פון דער געסטאפּאָ־דראָזשקע, האָבן פיל פון אונדז באקומען א לויזן מאָגן. ווער עס האָט נישט געהאט קיין קלאָזעט נעבן הויז

איז געגאנגען אין דער ריכטונג פון דער מקווה. איצט האָט דער פלאַץ געדינט אלס א באהעלטעניש און די מענער פלעגן זיך דאָרט אויסבאהאלטן צווישן די דערנער. עס זענען געווען פאלן ווען אייניקע האָבן נישט באוויזן צולויפן אהין צוליבן לויזן מאָגן, וואָס איז זיי אָנגעקומען פאר שרעק. פרויען האָבן דערציילט, אז עס האָט זיי אָנגעכאפט קאָפּ־ווייטאָק און בויך־ווייטאָק. קיינער איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן.

אזוי איז אריבער דאָס יאָר 1940. מען האָט נאָך געווינט אין די אייגענע הייזער, זיך באשעפטיקט מיט מלאכה און אביסל האנדל. אייניקע האָבן געוואגט און געפאָרן אין א שטאָט ווי ווארשע און געבראכט פון דאָרט סחורות. די נייע איינוואוינער האָבן זיך צוגעוווינט צו די באדינגונגען. זומער איז געווען פיל לייכטער לעבן אין ענגשאפט ווי ווינטער. מענטשן זענען געשלאָפן אויף די הויפן און מיר האָבן געהאָפט, אז די מלחמה וועט זיך באלד ענדיקן, מיר וועלן לעבן בלייבן און זוכה זיין צו זען א נייע וועלט.

דערווייל זענען געווען קלאנגען, אז פון יענער זייט בוג האָבן די רוסן אוועק־געשיקט אלע פּליטים פון גרענעץ־געביט, ווארשיינלעך קיין טיף רוסלאנד. געוויסע פּליטים האָבן זיך פארשריבן צוריקצופאָרן אין דייטשן געביט. אייניקע זענען צוריק־געפאָרן, אָבער די מערסטע איז עס נישט געלונגען. מיר זענען געווען צעטומלט. עס איז געווען א וווּנדער: וואָס איז געשען אין אונדזער וועלטל? מיר קענען זיך נישט שענקען וואָס מיר זענען נישט אריבער די גרענעץ און אנדערע ווילן צוריק קומען.

צווישן די צוריקגעקומענע איז געווען אויך שייעס זון פון מיל, משה מיט זיין פרוי סאָניע. אָטדי פאמיליע איז געווען א הויך אינטעלעקטועלע לויט די באגריפן פון יענער צייט. האָט מען געזאָגט, אז אויב משה איז צוריקגעקומען, מסתמא ווייס ער וואָס ער טוט און געוויס איז דאָ בעסער ווי דאָרט. די נאָענטע צוקונפט האָט אונדז באוויזן, אז אויך משה האָט געמאכט א פעלער.

שוין אין די קאָמיסיעס פאר פּליטים־אויסטויש אין בריסק האָבן די דייטשן געשריען צו די יידן: וואָס שטופּט איר זיך קיין דייטשלאנד? מיר ווילן אייך נישט! אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. מען האָט דערציילט, אז עס זענען געווען לאנגע רייען צו דער רעגיסטראציע און מען האָט זיך שרעקלעך געשטויסן. יעדער איינער האָט געוואָלט אָנקומען אהיים און נישט בלייבן אין רוסלאנד.

אייגנטלעך האָט זיך אלץ געפירט לויט א געוויסער אָרדנונג אין שטעטל. ווער עס האָט געהאט געלט האָט אלץ באקומען. צווישן יידן איז געווען א מיינונג, אז די פּראָבלעמען זענען עקאָנאָמישע און אויב מיר וועלן האָבן צו עסן, וועלן מיר לעבן בלייבן. לויט מיין מיינונג האָט דער שטאנדפּונקט געשטאמט פון דעם פאקט וואָס מענטשן זענען געווען הונגעריק, ספּעציעל די געקומענע פון קאליש און בלאשקי.

ענדע הערבסט האָט זיך דער יודנראט אָרגאניזירט עפעקטיווער. ער האָט אָנגעהויבן באזאָרגן די באדערפטיקע מיט האָלץ צו הייצן, ברויט און קארטאָפל. אלע בעלי־בתים האָבן זיך גוט באצויגן און באצאָלט די שטייערן. עס איז נאָך געווען אין שטעטל א גוטע שטימונג און מיר האָבן אלע געגלויבט, אז דער שווערער קאָשמאר וועט שנעל אריבערגיין. אויטאָריטאטיווע מענטשן האָבן פאָראויסגעזאָגט, אז די ענגלענדער וועלן באזיגן די דייטשן אין פרילינג. דעריבער האָבן מיר זיך געגרייט זאָרגפעלטיק צום קומענדיקן פרילינג.

צוואנגס־ארבעט

סוף דעצעמבער 1940 האָט מען געפילט, אז עפּעס אומגעריכטעס „הענגט אין דער לופט". יעדער איינער האָט געפילט, אז עפּעס מוז געשען, אָבער עס איז שווער געוועזן פאָראויסזען וואָס אזוינס. היטלער ימ"ש האָט צוגעזאָגט, אין זיין רעדע צום דייטשן פאָלק ערב ניי־יאָר, אז אייראָפּע און די גאנצע וועלט וועט דעם נייעם יאָר קענען לערנען, אז דאָס דייטשע פאָלק איז פאראינטערעסירט אינם פראָגרעס פון די פעלקער און אין שאפן א נייע וועלט.

אין אונדזער געגנט איז געווען א שטארקע באוועגונג פון מיליטער. מען האָט אָנגעהויבן פארריכטן די שאָסייען. וואגאָנען מיט סחורות האָבן זיך געצויגן קיין סאָוויעט־רוסלאנד און אין דער פארקערטער ריכטונג. די דאָרפישע האָבן דערציילט, אז מיליטער־לאגערן ווערן אויפגעשטעלט אין געגנט פון בוג. עס זענען אָנגעקומען פיל באשטעלונגען אויף ארבעטער און דער יודנראט איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צושטעלן צוואנגס־ארבעטער און מען איז שוין געשיקט געוואָרן אויף 5 טעג ארבעט אין דער וואָך אָנשטאָט 3 ביז איצט.

עס איז פארעפנטלעכט געוואָרן א באפעל, אז די יידן זאָלן וווינען אין איין קווארטאל פאר זייער זיכערהייטס־וועגן און אין שטעטל איז באשלאָסן געוואָרן, אז דער קווארטאל זאָל זיין פאקטיש דאָרט ווו מיר וווינען, אויסער די וועלכע וווינען אויסערן שטאָט, ד. ה. די מילנער און די איינוווינער פון צפון צו דער דריטער מאי גאס. מיר האָבן אָנגענומען די גזירה און אריבער אין דער צווייטער זייט. אזוי האָבן אויך געטאָן די נישט־יידן, וואָס האָבן געוווינט אין דעם יידישן קווארטאל. פאקטיש איז עס אלזאָ געווען אן אויסטויש.

אונדזער פאמיליע האָט באקומען די דירה ווו מיין פעטער שלמה קליידערמאכער האָט געוווינט און אין אונדזער דירה איז אריין דער קאָמענדאנט פון דער פּוילישער פּאָליציי. די גאנצע אקציע האָט מען נישט אָנגענומען אלס אן אומגליק. מיר האָבן נאָר געבעטן, אז עס זאָל נישט זיין ערגער. אין פיל הייזער איז געמאכט געוואָרן רעמאָנט און אלע איינוווינער האָבן זיך איינגעאָרדנט. ביז דאן איז נאָך דער יודנראט געווען אן אינסטיטוציע, וואָס אלע איינוווינער האָבן געהאט צו איר צוטרוי און אונטערשטיצט אין אלע היגזיכטן.

דער ווינטער איז אריבער אָן גרויסע ענדערונגען. עס איז געווען א מין בארואיקונג. די געסטאפּאָ־לייט האָבן אויפגעהערט אונדז אָנגרייפן און האָבן באזוכט דאָס שטעטל נישט אָפט. דאָס דייטשע מיליטער האָט אָנגעהויבן שטראָמען. יעדער וואלד און דאָרף איז פול געווען זעלנער. דער טארטאק אין פלאטעראָווע האָט אָנגעהויבן ארבעטן אין פולן גאנג. מען האָט געפאָדערט ארבעטער און איך און מיין פאָטער האָבן אָנגעהויבן דאָרט ארבעטן טאָג־טעגלעך. מיר האָבן באמערקט, אז מען גרייט צו מאטעריאל צו בויען בריקן. צווישן פלאטעראָווע און סארנאקי, נעבן דעם יונגן וועלדל, איז אויפגעבויט געוואָרן א זייטיקע באן־ליניע, א פיל ברייטערע ווי די געוויינלעכע ליניע. דער שאָסיי פון פלאטעראָווע איז געוואָרן פארריכט און מיליטער איז דאָרט געפאָרן אָן אויפהער. אין דאָרף כיבאָוו איז אויפגעבויט געוואָרן א נייער טארטאק און מען האָט ברוקירט נייע וועגן. די דייטשן האָבן צעשטערט דעם יידישן

בית־עלמין און אויפגעריסן אלע מצבות און דאָס מאַטעריאַל האָבן זיי באַנוצט אויף צו ברוקירן. אויך האָבן זיי צעשטערט דעם גרויסן אַלטן שטיין־פּלויט. מיר האָבן זיך געטרייסט דערמיט וואָס מען האָט צענומען אויך די שטיינער פון קריסטלעכן בית־הקברות.

קיינער האָט נישט געוווּסט גענוי, אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. לויט די הכנות האָבן מיר געפילט, אַז די דייטשן האָבן מורא און מיר יידן זענען געווען זיכער, אַז די רוסן וועלן זיגן און אָפּשטויסן די דייטשן ווייניקסטנס ביז בערלין. די גויים פון געגנט האָבן אויך מורא געהאַט אַז עס וועט אַזוי זיין און זיי האָבן אָנגעהויבן אונדז אונטערחנפענען. פיל זענען געקומען אונדז באַזוכן און האָבן געטענהט, אַז עס וועט נעמען אַן ענדע צו דער לאַגע, מיר וועלן ווידער לעבן בשלום און געוויס וועלן אויך צוריקקומען די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. מיר האָבן אויפריכטיק געגלויבט די קלאַנגען. מיר האָבן שוין געוואַרט אויף דער מלחמה און פאַקטיש האָבן מיר זיך געגרייט צו דער מלחמה. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז די קאַמפן, וואָס וועלן פאָרקומען אין אונדזער געגנט, וועלן אויך אונדז אויסראָטן, אָבער מיר האָבן געגלויבט, אַז די רוסן וועלן נישט פּלאָגן די ציווילע באַפעלקערונג.

אַזוי איז אַריבער דער פרילינג און געקומען איז דער זומער. איך האָב דאַן געאַרבעט אין טאַרטאַק צוזאַמען מיט מיין פאָטער און נאָך יידן. אַנדערע האָבן געאַרבעט, ווי געזאָגט, אויף דער באַן־סטאַציע. וואַגאָנען זענען געקומען פון דער רוסישער זייט און געפאָרן צוריק. מיר האָבן זיך געוווּנדערט זעענדיק, אַז עס פירט זיך נאָך אַ האַנדל צווישן ביידע שונאים, וואָס איינער פון זיי — ווי מיר האָבן שוין געוווּסט — גרייט זיך צו מלחמה.

אין טאַרטאַק זענען אָנגעקומען פיל באַשטעלונגען. לויטן מאַטעריאַל האָבן מיר געזען, אַז אַלץ איז גרייט צו בויען בריקן. דאָס מיליטער האָט צוגעאיילט די אַרבעטס־אָנפירער און אויך אַ געוויסע צאָל זעלנער האָט מיטגעהאָלפן אַרבעטן.

מלחמה־שפורן

יולי איז אָנגעקומען. די זעלנער זענען געווען אין אַן אָנגעשטרענגטער שטימונג און האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שטאָט אין דער ריכטונג פון בוג. דעם 20־טן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ מעלדונג, אַז מען זאָל גראָבן שוץ־אויסגראָבונגען נעבן יעדן הויז אין פאַל פון מלחמה. אַלע האָבן אָנגעהויבן גראָבן מיט אַ פריילעכער שטימונג; מען האָט געגלויבט, אַז אָט קומט די דערלייזונג. געאַרבעט האָבן מיר ווי געווייינלעך. צומאָרגנס, פרייטיק, האָבן מיר געזען אויפן וועג קיין פּלאַטעראָווע, נעבן וועלדל, אויף די באַן־שינעס, אַ ריזיקן האַרמאַט, וואָס ביז דאַן האָבן מיר אַזעלכן נישט געזען. דער האַרמאַט האָט זיך באַוועגט אויף ספּעציעלע שינעס, וואָס זענען געווען אָנגעשלאָסן אָן דער געווייינלעכער ליניע און באַהאַלטן צווישן די יונגע בוימלעך. די ריכטונג פון זיין לופע איז געווענדעט געווען צום בוג. אויף דעם פּלאַץ איז געווען אַ קאָנטראָל און אונדז האָט מען באַזאָרגט מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש כדי מיר זאָלן קענען ווייטער גיין צו דער אַרבעט אויף דעם וועג.

שבת האָט דאָס שטעטל גערודערט. אלע האָבן געגלויבט, אז אין א טאָג־צוויי ארום וועלן מיר זיין פרייע מענטשן. מיר האָבן זיך געפילט שטאָלץ וואָס מיר האָבן אויסגעהאלטן ביז איצט. אָט זענען מיר אלע לעבן געבליבן און מיר וועלן זיך נאָך זען מיט אלע אונדזערע פריינט. תפילות זענען אָפּגעריכט געוואָרן אין פארשיידענע פלעצער. מיר האָבן געגעסן און געטרונקען און זיך געמאכט פריילעך.

אין גאס איז קיין מענטש נישט געווען. דאָ און דאָרט זענען פארבייגעפאָרן מיליטער־אָפּטיילונגען, אָבער קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. פארנאכט איז די יוגנט ארויס שפּאצירן. מיר האָבן אָנגעטראָפן באקאנטע פון די פּאָליאקן און פון זיי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז זיי האָבן מורא פאר דער מלחמה בעת מיר האָבן זיך געפרייט און איר אויסגעוואַרט.

פארנאכט איז שטיל געוואָרן. איך בין געגאנגען מיטן פאָטער ארבעטן די דריטע שיכט אין פלאטעראָווער טארטאק. קומענדיק אהין, האָבן מיר אָנגעהויבן ארבעטן ווי געוויינלעך, נישט פילנדיק קיין שום באזונדערעס. ארום 3 א זייגער האָבן זיך אוועקגעשטעלט נעבן דעם טויער פון באטריב 4 באוואָפנטע זעלנער מיט ביקסן מיט אויפגעשפּיזטע באגנעטן. מיר האָבן זיך דאן געוווּנדערט, אָבער גאָרנישט געפרעגט. די פוילישע ארבעטער האָבן זיך אינטערעסירט ביי די זעלנער, אָבער האָבן זיך גאָרנישט דערוווּסט. א זייגער 03.15 האָבן מיר געהערט אן עראָפּלאן פליט און אין א מינוט ארום האָט זיך דערהערט א שיסעריי פון אלער ארט וואפן, הויפּט־זעכלעך הארמאטן. א שרעק האָט אונדז אלעמען ארומגעכאַפּט און מיר האָבן געוואָלט איבעררייסן די ארבעט און אָפּשטעלן די מאשינען. מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן דרויסן, אָבער די זעלנער האָבן אָנגעשטעלט צו אונדז די ביקסן און געהייסן ווייטער ארבעטן.

די שיסערייען האָבן נישט אויפגעהערט. פריער האָבן מיר געמיינט, אז די דערלייזונג איז נאָנט און אָט איז געקומען די אנטוישונג. פון די אויפרייסונגען האָבן מיר פארשטאנען, אז די ריכטונג פון די שיסערייען איז פון אונדזער זייט צו די רוסן, אָבער פון זיי איז נישט געקומען קיין ענטפער. אָנפאנגס האָבן מיר געמיינט, אז דאָס איז א טריק, באלד וועט אויסברעכן די רוסישע קעגן־אטאקע און אין א שעה־צוויי קומען זיי אהער.

אָבער די צייט איז געקראָכן לאנגזאם. די שיסערייען האָבן נישט אויפגעהערט, נאָר זיך געהערט אלץ מער פונדערווייטנס. א זייגער 04.30 האָבן מיר באמערקט, אז דער הימל אין צפון און מזרח איז רויט — א סימן אז אין דער געגנט זענען אויסגעבראָכן שריפות. אומגעפער אין א שעה ארום האָט מען אונדז באפרייט פון דער ארבעט. מען האָט אונדז געמאָלדן, אז היינט ארבעט מען נישט צוליב יום־טוב — זונטיק און אויך נישט מאָרגן, ביז א נייער מעלדונג. מיר האָבן באקומען דורכגאנג־שיינען און זענען אוועקגעגאנגען.

אויפן וועג האָבן מיר געהערט אָפּטע אויפרייסן פון הארמאט־שראַפּנעלן. מיר האָבן פארשטאנען, אז דאָס איז פון דעם נייעם הארמאט אין וועלדל. אזוי איז עס ווירקלעך געווען. שפּעטער האָבן מיר זיך איבערצייגט, אז אָטדער הארמאט איז געווען 120 קילאָמעטער דיסטאנס־פעאיק און זיינע שראַפּנעלן זענען געפאלן ביז ביאליסטאָק.

קומענדיק אהיים האָבן מיר געזען, אז דאָס שטעטל איז כמעט אויסגעליידיקט, אלע זענען אנטלאָפן אין ריכטונג פון די פעלדער, נעבן דעם קריסטלעכן בית־הקברות,

אויפן וועג צום דאָרף גריבאָווע. מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן אונדזער פאַמיליע און אויסגעוואַרט אומגעדולדיק. עס האָט זיך דערנענטערט די שעה 9 פרי און די שיסערייען האָבן נישט אויפגעהערט. אין א שעה שפּעטער זענען אָנגעקומען עראָפּלאַנען און לויטן זשומען האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען רוסישע. און ווירקלעך האָבן מיר געהערט שיסערייען צו זייער זייט. די עראָפּלאַנען האָבן ארומגעקרייזט איבערן שטעטל און אָנגעהויבן באָמבאַרדירן. די באָמבעס האָבן געטראָפן אין צענטער שטעטל, און אין שולהויף איז אויסגעבראָכן א גרויסע שריפה. מיר זענען געלאָפן אהיים כדי צו ראַטעווען עפּעס וואָס. ביזן אָוונט האָבן מיר געהאָרעוועט און ארויסגעשלעפּט פון שטוב וואָס מיר האָבן נאָר געקענט. די מערסטע הייזער אין דעם יידישן קוואַרטאַל זענען אָפּגעברענט געוואָרן. געבליבן זענען נאָר די, וואָס זענען געווען צפון זייט פונם גרויסן בניין, וואָס האָט געהערט צו משה׳לע אקערמאַן.

דרויסן האָבן די דייטשן געפייערט זייער זיג. א מעגאַפאָן פון אן אויטא האָט אָן אויפהער אויסגערופן אין דייטש און פּויליש, אַז די רויטע ארמיי האָט געכאַפּט א מפּלה און ציט זיך צוריק אין פּאַניק; די דייטשע ארמיי גייט פאָרויס און נעמט איין אָן קאַמף די גרויסע שטעט ווי ביאַליסטאָק, בריסק, נאָוואָגרודעק און באַראַנאָוויטש. אויך האָבן זיי געמאָלדן, אַז די באַפעלקערונג נעמט זיי אויף אלס באַפרייער פונם קאָמוניסטישן יאָך.

אין די גאַסן זענען דורכגעפירט געוואָרן רוסישע געפאַנגענע, וואָס האָבן געמאַכט א זייער נעבעכדיקן איינדרוק. מיר האָבן זיי אָנגעקוקט און באַלד דערזען אונדזער אייגענעם גורל. דער טאָג איז אריבער און מערסטע איינוווינער זענען געבליבן אָן א דאַך איבערן קאָפּ צוליב דער שריפה.

צוזאַמענס האָבן מיר אָנגעהויבן זיך צוזאַמענשטופּן אין די געבליבענע הייזער. טייל זענען אריין צו קרובים, אנדערע אין בית־המדרש און אייניקע האָבן אויפגעשטעלט סוכות. דער יודנראַט האָט אָנגעהויבן טעטיק זיין און האָט געזאָרגט פאַר אלע אנדערע. די שריפה האָט איבערגעלאָזט פיל איינוווינער גענצלעך פארמעגנלאָז, אָבער קיינער האָט זיך נישט געזאָרגט וועגן פאַרמעגן. די וועלט איז אונדז פינצטער געוואָרן. מיר האָבן געפילט, אַז איצט וועלן די דייטשן האָבן צייט זיך צו פאַרנעמען מיט די יידן און מיר האָבן מורא געהאַט פאַר דער צוקונפט. אייניקע האָבן געגלויבט, אַז דאָס איז בלויז אַן אגיטאַציע־מיטל, אַז אין עטלעכע טעג ארום וועלן די רוסן צוריקקומען אונדז באַפרייען. אָבער די צוקונפטיקע טעג האָבן געבראַכט גאַנץ אנדערע ידיעות און מיר האָבן געזען, אַז אונדזער האָפנונג איז פאַרלוירן.

אין א טאָג־צוויי ארום האָט זיך די מאכט צוריקגעקערט צום פריערדיקן שטייגער. די אָרטיקע פּאָליציי האָט אָנגעהויבן פּאַטרולירן אין די גאַסן, די געסטאַפּאָ האָט ווידער אָנגעהויבן באַזוכן אין שטעטל. די נאָכפראַגע אויף ארבעטער איז פאַרטאָפּלט געוואָרן און יעדער איינער האָט שוין געמוזט ארבעטן די גאַנצע וואָך. די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. עס זענען געווען קלאַנגען, אַז מען וועט אָפּשליסן די יידישע קוואַרטאַלן און באַשטימען א געטאָ. אָקטאָבער זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פּלאַקאַטן, אַז די פּוילישע באַפעלקערונג זאָל איבעררייסן דעם קאָנטאַקט מיט די יידן צוליב אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. דאָס איז פאַקטיש געווען די צוגרייטונג צו די שפּעטערדיקע גזירות.

אין אונדזער קוואַרטאַל איז ווירקלעך אויסגעבראָכן אַ טיפוס עפּידעמיע. עס זענען אויך געווען טויטפאַלן, הויפּטזעכלעך צווישן אָרימע און שפּעטער אויך צווישן רייכע לייט. דער ערשטער קרבן פון טיפוס איז געווען איינער פון די אַלטע איינוווינער, משה לאָשיצערס אַ זון, וואָס האָט געהאַלטן די מיל נעבן פּשעסמיצקיס הויז. כאָטש די לאַגע פון דער פאַמיליע איז געווען צופרידנשטעלנדיק. דער ווינטער האָט זיך שנעל דערנענטערט. פון פראָנט זענען אָנגעקומען נאַכריכטן, אַז די דייטשן גייען פאָרויס צו מזרח און שטייען שוין ביי סמאָלענסק. געפאַנגענע זענען געבראַכט געוואָרן אָן אויפהער. אין אונדזער געגנט און אין פּלאַטעראָווע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ געפאַנגענען־לאַגער. זיי זענען דאָרט געווען אונטערן פרייען הימל און מיט די אייגענע אויגן האָבן מיר געזען ווי מען שיסט יעדן געפאַנגענעם וואָס פּרוּווט אַנטלויפן. גרויסע פּלאַקאַטן האָבן געמאָלדן, אַז ווער עס וועט מיטהעלפן די געפאַנגענע צו אַנטלויפן, אָדער וועט העלפן די אַנטלאָפענע, וועט דערשאָסן ווערן.

אין יענער צייט האָבן מיר נאָך נישט פאַרשטאַנען גענוי וואָס עס שטייט אונדז פאָר. אין נאָוועמבער האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל געזען ווי מען פירט־אויס, אויף דעם הייליקן יאַנס בערגל, אַ טויט־שטראָף איבער 5 געפאַנגענע רוסן ווייל זיי האָבן געפּרוּווט אַנטלויפן. דער פאַקט האָט געלאָזן אַ שרעקלעכן איינדרוק אויף די יידן. אַ טויט־שרעק איז אויף אַלע אַרויפגעפאַלן. קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אין אַזאַ פרעכן שטייגער, אָן אַ משפּט, זאָל מען הרגענען מענטשן אין מיטן טאָג. די פּוילישע באַפעלקערונג האָט נאָך באַרעכטיקט דעם טאַט און פאַקטיש האָבן די פּאָליאַקן אַרויסגעגעבן די אַנטלאָפענע, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין דאָרף ליפּטשין. נאָך דער סצענע האָבן מיר אָנגעהויבן זען מיט אָפענע אויגן די שרעקלעכע בעסטיע, וואָס הייסט נאַצי־דייטשלאַנד, אָבער ס׳איז נאָך דאַן שווער געווען פאָראויסזען דאָס וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין אַ קורצער צייט אַרום.

אַ געטאָ אין שטעטל

אין דעצעמבער 1941 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ באַפעל וועגן אָפּשליסן דעם יידישן קוואַרטאַל „צוליב מורא פאַר פאַרשפּרייטן קראַנקייטן". ווער עס וועט פאַרלאָזן דעם קוואַרטאַל אָדער אַריינגיין אין אים אָן אַ דערלויבעניש וועט ווערן דערשאָסן.

מיר האָבן אונדזערע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. מענטשן האָבן געשמועסט צווישן זיך זייער באַזאָרגט. איך געדענק, אַז דער רב כ"ץ האָט גערופן צו זיך אַ צאָל יידן צו זאָגן תהילים. דער יודנראַט האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג און באַהאַנדלט די לאַגע. פּרוּוען האָבן געוויינט. מען האָט מורא געהאַט אַז מען וועט שטאַרבן פון הונגער און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַניק צו קויפן און איינמאַגאַזינירן שפּייז־מיטלען.

עס האָט זיך אָבער ביי אונדז געפונען אַ ייד, גדליה כיבאָווסקי, וואָס האָט געשריען גוואַלט, אַז מען דאַרף פאַרטיילן פאַר די אָרימע דאָס גאַנצע שפּייז וואָס יעדער פאַרמאָגט, ווייל מיר וועלן נישט שטאַרבן פון הונגער, נאָר די דייטשן וועלן אונדז אויסהרגענען.

דער קווארטאל, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאר יידן, האָט זיך אָנגעהויבן צפון זייט פון דער 3־טער מאי גאס, עק שעמינסקיס הויז, ביז זלמן אליהם הויז און פון דאָרט אין א גלייכער ליניע דרום צו, ד. ה. פון זלמן אליהס הויז ביזן בית־המדרש, אנטהאלטנדיק דעם ברונעם. פון דאנען זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן די ווינקל־הייזער פון די פּאָליאקן און די ליניע איז אריבער אין דער ריכטונג פון בייניש שעפּס הויז, פון דאָרט מזרח צו, לייגנאויס דעם שאָסיי און ווידער צפון צו. די מערסטע הייזער אין דער געגנט זענען אָפּגעברענט געוואָרן. דעריבער האָט דער יודנראט באַקומען א גרויסן באראק מיט 30 צימערן, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן פלאץ ווו עס איז פריער געשטאנען הערשל זינגערס הויז. די יידישע באַפעלקערונג איז אריינגעבראכט געוואָרן אין דער געגנט. עס איז אויסגעקומען, אז אין יעדן צימער זענען געווען נישט ווייניקער ווי 10 ביז 15 פּערזאָן.

דער יודנראט האָט דאן אָנגעהויבן זיין טעטיק. ער האָט געזאמלט געלט, געקויפט האָלץ צום הייצן און אויך שפּייז־ארטיקלען. די בלעכער האָבן געמאכט בלעך־אויוועלעך צו ווארימען דעם בית־המדרש און אנדערע וווין־ערטער ווו עס זענען נישט געווען קיין אויוונס. דרויסן זענען שטענדיק געשטאנען גרופּן און באַשמועסט די לאַגע. די דאָרפישע פּאָליקן האָבן מאסנווייז געבראכט ארבעט פאר שניידער און שוסטער און האָבן געפּאָדערט עס אויספארטיקן ביזן 1־טן יאנואר 1942. ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון אלע עקן, האָבן געזאָגט, אז איבעראל וועט דער געטאָ אָפּגעשלאָסן ווערן. עס איז געווען א האָפנונג, אז אייניקע וועלן באַקומען א דער־לויבעניש ארויסגיין און אריינקומען כדי צו ערליידיקן פארשיידענע לעבנסוויכטיקע אָנגעלעגנהייטן.

עס איז אויפגעשווומען די פראגע פון באהאלטן טויטע, ווייל די מאכט האָט נישט דערלויבט יידן ארויסגיין פון געטאָ־געביט. דאן איז דער גוי וולאדיסלאוו פּאנצערסקי באַפולמעכטיקט געוואָרן זיך צו פארנעמען מיט באַגראָבן יידישע מתים. עס איז באַשטימט געוואָרן, אז די באַגלייטער וועלן קומען ביז זלמן אליהס הויז, פון דאָרט וועט פּאנצערסקי איבערנעמען דעם קערפּער און אוועקפירן צום בית־הקברות. די פארביטערונג איז געווען גרויס. דער רב האָט זיך געווענדעט צום יודנראט מיט א פּאָדערונג, אז ער זאָל אויסאיבן זיין גאנצע ווירקונג אויף דער מאכט כדי צו ענדערן דעם באַפעל, ווייל אזוי איז נישט מעגלעך. ענדלעך איז אָנגענומען געוואָרן, אז איין פאָרשטייער זאָל באַקומען א דערלויבעניש אָנוועזנד צו זיין ביי דער קבורה.

מיר האָבן געוווינט ביי גדליה כיבאָווסקי און דער רב — ביי זאוול מאנדעלבוים, ד. ה. פון דער אנדער זייט וואנט. די רביצן האָט נישט אויפגעהערט רעדן און זיפצן איבער דעם וואָס א גוי וועט אונדז באַגראָבן. זי האָט געמורמלט אָן אויפהער און געבעטן ביי גאָט, אז ער זאָל צונעמען איר נשמה נאָך איידער דער געטאָ וועט אָפּגעשלאָסן ווערן כדי זי זאָל נישט באַגראָבן ווערן מיט גוישע הענט. אָבער דער גורל האָט דווקא איר געטראָפן. זי איז נפטר געוואָרן בלויז צען טעג נאָכן אָפּשליסן דעם געטאָ און איז געווען די ערשטע, וואָס איר קערפּער איז ארויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ און איבערגעגעבן געוואָרן אין פּאנצערסקיס הענט.

איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן די שרעקלעכע סצענע. אלע יידישע איינוווינער זענען געקומען צו דער לוויה. עס איז געווען קאלט און שניי איז געפאלן. נעבן דעם פּלויט פון גאָרטן ביי זלמן אליהס הויז איז געשטאנען פּאנצערסקי. ער האָט געהאט קליינע שליטלעך, צוזאמענגעבונדן מיט שטריק און איבער זיי 2 ברעטער און גראָב־געצייג. פון דער צווייטער זייט שאָסיי זענען געשטאנען די גויים, באזונדערס די וועלכע האָבן געארבעט ביי שומערן. מען האָט מספּיד געווען די רביצן. דער רב איז געשטאנען פון דער זייט. קיינער איז נישט געווען אומשטאנד אָפּהאלטן דעם שטראָם טרערן, וועלכע זענען גערונען ווי וואסער. יעדער איינער האָט געוויינט נישט נאָר אויף דער רביצן, נאָר אויך איבער זיך אליין.

נאָכדעם ווי פּאנצערסקי האָט איבערגענומען דעם קערפּער, האָט ער אָנגעהויבן שלעפּן די שליטנס מיט דער הילף פון זיין עלטסטן זון. נאָך זיי איז מיטגעגאנגען דער איינציקער ייד, וואָס האָט געהאט די דערלויבעניש. מיר האָבן ביטער געוויינט און געשריען. פרויען האָבן זיך געוואָרפן אין שניי. מענער האָבן געריסן קריעה און דער רב איז געשטאנען און געזאָגט תהילים. ענדיקנדיק, האָט ער געזאָגט, אז די רביצן איז געווען א צדקת און גאָט האָט איר צוגענומען כדי איר פארהיטן פון שווערערע ליידן. ער האָט געבעטן, אז אלע זאָלן דאווענען אָן אויפהער, אפשר בזכות פון דער תשובה און תפילה וועט קומען די גאולה.

געווען איז עס זונטיק. פון דער אומגעגנט זענען די דאָרפישע קריסטן געקומען ־וי געוויינלעך אין דער קירכע און האָבן געלייענט די אויפשריפט אויף די שילדן, וואָס זענען געשטאנען אין איינגאנג צום געטאָ. מיר זענען געשטאנען אויפן טראָטואר און אויך געלייענט די אויפשריפטן, וואָס זענען געווען געשריבן פון ביידע זייטן. יעדער איינער האָט באזונדערס געלייגט אויפמערקזאמקייט אויף דעם לעצטן אָפּזאץ: ווער עס וועט עובר זיין דעם באפעל וועט באשטראָפט ווערן מיט טויט־שטראָף. קיין שומרים זענען נישט אוועקגעשטעלט געוואָרן, זעלנער האָבן נישט פּאטרולירט, אָבער קיינער האָט נישט געוואגט ברעכן דעם באפעל. דאָ און דאָרט האָבן זיך פּאָליאַקן דערנענטערט צו אונדז און שרייענדיק פון דער ווייטנס האָבן זיי אויפגעקלערט כלערליי זאכן. באזונדערס די, וועלכע האָבן געלאָזט שטאָף ביי שניידער, האָבן געזאָרגט פאר זייערע אָנצוגער.

די ערשטע טעג זענען ארויסגעגעבן געוואָרן דערלויבענישן פאר לעבנס־וויכטיקע ארבעטן. איך בין געווען צווישן די גליקלעכע, וואָס האָבן באקומען א דערלויבעניש ארויסצוגיין פון געטאָ צום ארבעטס־פּלאץ. די ארבעטער זענען ארויס־געגאנגען יעדן פרימאָרגן און זיך צוריקגעקערט אין אָוונט אין געטאָ. דאָס איז געווען דער איינציקער קאָנטאקט מיט דער דרויסן־וועלט. אין געטאָ האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך שפּירן הונגער און אים האָבן נאָכגעפּאָלגט קראנקייטן. יענעם ווינטער זענען אויסגעשטאָרבן ארום הונדערט פּערזאָן, הויפּטזעכלעך אומפארמעגלעכע.

טויט־שטראף עקזעקוציע אין געטא

טייל יידן האָבן געמיינט, אז טויט־שטראָף פאר ארויסגיין פון געטאָ איז בלויז א דראָונג, ווייל עס איז דאָך נישט מעגלעך אז פאר אזא נישטיקייט זאָל מען אוועקהרגנען מענטשן. געוויסע יידן האָבן געוואגט זיך ארויסמאכן ביינאכט, דערגיין צו א וועלכן פּאָליאַק און ברענגען שפּייז, אויסגעטוישט אויף קליידער אָדער אנדערע ארטיקלען.

אין פארלויף פון יאנואר 1942 האָט מען קיינעם נישט געכאפּט. אָבער אָנפאנג פעברואר האָט די פּוילישע פּאָליציי געכאפּט אין דארף ראָזוואדאָוו שמואל דעם גלינדנס פרוי און איר פּופצן־יעריקע טאָכטער אסתר. די פּוילישע פּאָליציי האָט זיי ארעסטירט און אָפּגעגעבן א מעלדונג דער געסטאפּאָ אין פלאטעראָווע. די פרוי איז געוועזן אונדזערס א פארוואנדטע און מיר האָבן געבעטן גבריאל צוקערן ער זאָל העלפן. גבריאל און שיע האָבן זיך געווענדעט צו דער פּאָליציי, אָבער מען האָט אָפּגעזאָגט זייער ביטע.

צומאָרגנס מיטאָגצייט האָבן מיר געזען ווי די געסטאפּאָ־לייט קומען אָן, נעמען די צוויי פרויען אויף זייער שליטן, פירן זיי אוועק נעבן בית־הקברות און שיסן זיי. זיי זענען צוריקגעקומען אין שטעטל און באפוילן דעם יודנראט צו באגראָבן זיי. דאָס איז געווען די ערשטע עקזעקוציע פון א טויט־אורטייל צוליב פארלאָזן דעם געטאָ. אזוי איז אונדז קלאָר געוואָרן וואָס עס שטייט אונדז פאָר אין דער צוקונפט. אָטדער פאל האָט דערשיטערט די יידן, וואָס האָבן אָנגעהויבן קלערן אז מען דארף עפּעס טאָן, אָבער קיינער האָט נישט געוווסט וואָס. מיר האָבן געהאָפט, אז די לאגע אויפן מזרח פראָנט וועט זיך ענדערן. אָבער פארלויפיק האָט די פרעסע פארעפנטלעכט, אז דאָס דייטשע מיליטער זיגט אין אלע קאמפן. אלע האָבן דערווארט אז דער יודנראט זאָל זיך באמיען און עפּעס אויפטאָן. יונגעלייט האָבן געוואָלט דערווערבן געווער כדי זיך קענען שיצן ווען מען וועט באדארפן, און שטארבן בכבודיק און נישט ווי שאָף, וואָס מען פירט צו דער שחיטה.

דער פּנים פון יודנראט

דער יודנראט איז באשטאנען פון פארשיידענע מענטשן, וואָס מען האָט געקענט איינטיילן אין 3 טיפּן. איין טיפּ איז געווען ווי שלמה נאָוטשיטשעל — א ייד, וואָס איז נישט געווען פעאיק עפּעס אויפצוטאָן און האָט געדאנקט גאָט אז מען לאָזט אים צורו. א צווייטער טיפּ — א הארציקער ייד, וואָס איז גרייט מקריב צו זיין זיין געזונט און זיין לעבן פארן כלל. לײדער איז ביי אונדז געווען נאָר איינער אזא — שיע דער אָגאָראָדניק. א דריטער טיפּ — א קאריעריסט, וואָס זאָרגט פאר זיך אליין און גלויבט, אז ער וועט נישט געניזוקט ווערן. אזעלכער איז געווען דווקא דער עקזעקוטיווער אָרגאניזאציאָנעל, אדמיניסטראטיוו און רעפּרעזענטאטיוו — גבריאל צוקער.

פּאַקטיש האָט גבריאל צוקער געהאלטן אלע פולמאכטן פון יודנראט און איז געוואָרן א כול־יכול. ער האָט דעצידירט צום שלעכטן אָדער צום גוטן. ווען עס האָט געהערשט הונגער און אָרעמקייט אין געטאָ, האָט ער ארויסגעוויזן זיין רייכטום ווען אין זיין הויז איז געווען פון כל טוב. אָבער הויפּטזעכלעך האָט אויפגערעגט זיין

אויפפירונג. געוויס, נישט שטענדיק האָט ער געקענט העלפן די מענטשן, וואָס האָבן זיך געווענדעט צו אים מיט פארשיידענע ביטעס. אָבער ווען עמיצער האָט זיך פאר אים באקלאָגט אויף זיין לאגע, איז זיין טיפּישער ענטפער געווען: אויב דו קענסט נישט אויסהאלטן, דארפסטו שטארבן! אזוי האָט ער געענטפערט די נישט־פארמעגלעכע, וואָס פון זיי האָט ער נישט געהאט קיין נוצן, אָבער פאר די רייכע האָט ער געהאט אַן אנדער ענטפער.

לויט זיין אויפפירונג האָט מען געקענט פארשטיין, אז ער גלויבט, אז אים וועט קיין שלעכטס נישט געשען און ער וועט לעבן בלייבן. די מענטשן פון זיין ארט זענען געווען קורצזיכטיק און די מאכט האָט זיי גוט אויסגעניצט.

צום גליק קענען מיר היינט קוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן און זיך נישט שעמען. ביי אונדז אין שטעטל זענען נישט אָפּגעטאָן געוואָרן אזוינע מעשים ווי אין אנדערע ערטער. די ענדלעכע „אקציעס" זענען נישט פאָרגעקומען אין סארנאקי, אזוי אז קיינער איז נישט געשטעלט געוואָרן פאר א שווערן נסיון.

דאָס לעבן אין געטאָ האָט זיך געפירט ביזן 15־טן מאי 1942. עס איז אָנגעקומען א באפעל, אז פון דעם טאָג זאָל דער געטאָ אין סארנאקי ליקווידירט ווערן און אלע יידן זאָלן אריבערגעפירט ווערן קיין לאָשיץ און מאָרד. אין סארנאקי זענען געבליבן בלויז 80 מענער, וואָס האָבן געארבעט ביי לעבנס־וויכטיקע ארבעטן, צווישן זיי אויך איך און מיין פאָטער. די ארויסגעטריבענע זענען געשיקט געוואָרן מערסטנס קיין לאָשיץ און א קליינער טייל — קיין מאָרד.

דאָס איבערפירן איז אדורכגעגאנגען אָן קיין שום אינטערווענץ פון דער מאכט. דער יודנראט און די יידישע פּאָליציי האָבן עס אליין אויסגעפירט. עטלעכע טעג פריער איז פאָרגעקומען א זיצונג פון יודנראט, וועלכע האָט באשטימט ווער עס זאָל געשיקט ווערן קיין לאָשיץ און ווער קיין מאָרד. א פאָרשטייער פון לאָשיצער יודנראט איז אראָפּגעקומען אין שטעטל און ער האָט געהאט די פולמאכט נישט אריינצולאָזן געוויסע מענטשן אין זיין געטאָ. פון מאָרד איז קיינער נישט געקומען, ווייל דאָרט איז געווען א שוואכער יודנראט און אן עלנטע קהילה, נאָכדעם ווי אלע פארמעגלעכע זענען שוין פון לאנג אוועק קיין לאָשיץ. דער 15־טער מאי 1942 איז פּראָקלאמידט געוואָרן אלס א טאָג ווען דער סארנאקער געטאָ איז אָפן און יידן קענען אריבערפאָרן מיטן קירצעסטן וועג קיין לאָשיץ און מאָרד.

די פּויערים אין אומגעגנט האָבן באקומען א מעלדונג, אז זיי קענען פארדינען געלט ביי אריבערפירן די יידן פון סארנאקי. יענעם פרימאָרגן זענען זיך טאקע צוזאמענגעקומען אין צענטער שטעטל, נעבן דעם פּלומפּ, הונדערטער וועגענער. די יידישע פּאָליציי האָט געהיט די אָרדנונג. יעדער ייד האָט געדונגען א פור אָדער צוויי. מיין פאָטער האָט געדונגען א גרויסע פור, אויף וועלכער מיר האָבן אָנגעלאָדן אונדזערע זאכן. די מאמע און מיינע ברידער זלמן און אליה זענען געשיקט געוואָרן קיין לאָשיץ. צום סוף האָט דער יודנראט געדונגען א 30 פורן און איבערגעפירט אלע בית־המדרש איינוווינער און די אָרעמעלייט. זיי זענען געשיקט געוואָרן קיין מאָרד.

די גאנצע אויסזידלונג איז אויסגעפירט געוואָרן אין פארלויף פון איין טאָג און אין אָוונט זענען מיר געבליבן ארום 80 מענער אין שטעטל.

ארבעטס־לאגער אין סארנאקי

נאָכן טראנספּער קיין לאָשיץ און מאָרד זענען געבליבן אין שטעטל נאָר מענער, וועלכע האָבן געארבעט אין סטאבילע און לעבנס־וויכטיקע ארבעטס־פּלעצער ווי צ. ב.ביים טארטאק אין פלאטערזאווע, אין דער געסטאפּאָ, אויף דער באַן, אין מילן און ביי עטלעכע גרויסע פוילישע גוט־באזיצער. דער פּלאץ, וואָס איז באשטימט געוואָרן פארן לאגער, האָט אנטהאלטן 4 הייזער, א באראק און אויך א ברונעם, וואָס איז געווען נעבן בית־המדרש. דער פּלאץ איז ארומגעצוימט געוואָרן מיט שיטערן דראָט־צוים. מיר זענען דאָ געבליבן ארום 150 מענער, איינשליסלעך א צאָל פון בלאשקי.

זעלבפארשטענדלעך, דער אָנפירער פון לאגער איז געבליבן גבריאל צוקער, און שמואל אבא הערשבערגס צוויי זין — וועלוול און יצחק („די געלע קעפּלעך") האָבן אים צוגעהאָלפן. מער קיין וויכטיקע פונקציעס זענען שוין נישט פארבליבן. מען האָט אָרגאניזירט אן אלגעמיינע קיך און דאָס עסן איז פארטיילט געוואָרן נאָכדעם ווי אלע זענען צוריקגעקומען פון דער ארבעט. גבריאל האָט אלץ אָרגאניזירט שנעל און עפעקטיוו.

עס איז אויפגעשוווּמען די פראגע פון באזוכן די קרובים און גבריאל צוקער האָט באוויזן א גרויסע דערגרייכונג: יעדן שבת האָבן 50 מענטשן באקומען א דערלויבעניש גיין קיין לאָשיץ.

דאָס עסן פון דער אלגעמיינער קיך איז נישט גענוג געווען, אָבער כמעט יעדער איינער פון לאגער האָט געהאט צוגאָבלעכע מיטלען און האָט באקומען עסן פאר געלט. מעלע קאפּלאן האָט געעפנט א פּריוואטע קיך אין דער היים און האָט געקאָכט גוטע מאָלצייטן פאר א געהעריקן אָפּצאָל. מערסטע שטעטלשע יידן זענען געווען פארמעגלעכע און זייערע מיטלען האָבן זיך נישט אויסגעלאָזט. מיין פאָטער האָט געארבעט מיט מיר ביי רייניקן וואָל און מיר האָבן געהאט א גוטע איינקונפט, אזוי אז עס האָט אונדז גאָרנישט געפעלט. הויפּטזעכלעך האָבן מיר זיך געזאָרגט איבערן גורל פון אונדזערע קרובים, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן אין געטאָ.

שוין די ערשטע טעג האָט זיך געפילט א דערנענטערונג צווישן די מענטשן, וואָס איין גורל האָט זיי פארבונדן. מיר האָבן געוווינט אין א שרעקלעכער ענגשאפט. טאטזעכלעך האָבן מיר געהאט בלויז אן אָרט צום שלאָפן. א קלאָזעט האָבן מיר געהאט אן אלגעמיינעם; געווען איז עס א גרויסע גרוב, פארשטעלט מיט א וואנט, אויף קאָלעיאָווע גאס (די רישניעווער גאס).

זומער אָוונט פלעגן מיר זיצן אויף דער גאס. די יוגנטלעכע פלעגן זיך צעזינגען, בענקענדיק נאָך די קרובים. די עלטערע פלעגן בארעדן די לאגע; אלע פלעגן ארויסזאָגן די האָפנונג, אז די מלחמה וועט זיך אינגיכן ענדיקן און מיר וועלן לעבן בלייבן.

הויפּטזעכלעך פלעגט מען רעדן וועגן דעם באזוך אין לאָשיץ. מען האָט באשלאָסן, אז 50 מענטשן זאָלן ארויסגיין די ערשטע וואָך און עס איז באשטימט געוואָרן א גרופּע־אָנפירער, וואָס האָט באקומען א שריפטלעכע דערלויבעניש און איז געווען פאראנטוואָרטלעך דערפאר, אז די גרופּע זאָל אדורכגיין דעם וועג אין רייען און צוריקקומען מוצאי־שבת. עס איז נישט שווער געווען באשטימען די גרופּע און גבריאל צוקער האָט אלץ ערליידיקט אין גוטן מוט.

דער מארש קיין לאשיץ

דעם ערשטן שבת איז מיר נישט אויסגעפאלן דער גורל צו גיין קיין לאָשיץ, אויך נישט מיין פאָטער. מיר האָבן זיך באגנוגנט מיט שיקן בריוו מיט באקאנטע און מיר האָבן אויך באקומען בריוו פון די קרובים.

פון לאָשיץ זענען אָנגעקומען, פארהעלטניסמעסיק, גוטע ידיעות. דער געטאָ איז דאָרט געווען נאָנט צום הויפּט־שאָסיי און די פּויערים, קומענדיק אין מארק ארײַן, האָבן געקענט קומען אין קאָנטאקט מיט די יידן אין געטאָ. דער מסחר האָט זיך געפירט אין גאס און די דייטשן האָבן זיך נישט ארייַנגעמישט. געלט האָט נאָך געהאט א ווערט. וואסער האָט מען געקויפט אין עמערס, אָבער ס'האָט נישט אויסגעפעלט. מיטן יודנראט האָט אָנגעפירט איינער לעווין, וואָס האָט זאָרגפעלטיק באהאנדלט די פארשפארטע אין געטאָ. ער האָט געהאט א צוטריט צו די געסטאפּאָ־לייט און זשאנ־דארמעריע אין שטעטל און דעם קאָנטאקט האָט ער אויסגעניצט לטובת דעם געטאָ.

קיין לאָשיץ בין איך געקומען צוזאמען מיט מיין פאָטער מיטן צווייטן מארש. געווען איז עס א מאָנאט נאָכן צושיידן זיך מיט דער משפחה. נאָך פון הער ווייטנס האָבן מיר געזען פיל מענטשן, וועלכע זענען געשטאנען ביים גרענעץ פון געטאָ און אונדז אָפּגעוואַרט. די שמחה איז נישט געווען צו שילדערן. איך האָב זיך געטראָפן מיט דער מוטער און די יינגערע ברידער, מיטן זיידן און די איבעריקע באקאנטע. אלע האָבן געוואָלט וויסן ווי מיר לעבן אין לאגער און מיר האָבן זיך אינטערעסירט וועגן זייער לעבן. די דאָרטיקע באדינגונגען האָבן אונדז אויסגעזען איבערראשנדיק גוט. אָבער טאטזעכלעך האָבן מיר זיך געפילט גליקלעך, ווייל אין סארנאקי זענען מיר געווען אין אן אָפּגעם לאגער בעת פון לאָשיץ זענען שוין ארויסגעשיקט געוואָרן טויזנטער מענער אין צוואנגס־לאגערן און מען האָט אפילו נישט געוווּסט ווו זיי זענען.

דער ערשטער שבת איז אריבער שנעל און מען האָט גערדארפט צוריקגיין. עס איז געווען שבת נאָכמיטאָג. דער גרופּע־אָנפירער האָט קאָנטראָלירט די ליסטע פון די מענטשן און מיר האָבן אָנגעהויבן שפּאנען. דער דיסטאנס איז געווען 18 ק"מ. צוערשט האָבן מיר אָפּגעהיט אָרדנונג, אָבער שפּעטער זענען זיך די שורות צעפאלן און אייניקע זענען אָפּגעשטאנען. אָנקומענדיק אין דעם דאָרף אָסטראָמענטשין, זענען דאָרט עטלעכע פון אונדזערע לייט ארײַן עפּעס קויפן.

פלוצלונג האָבן מיר באמערקט אויפן שאָסיי א גאנץ באקאנטע קארעטע, די קארעטע פון דער פלאטעראָווער געסטאפּאָ. וועלכע האָט זיך דערנענטערט צו אונדז. מיר האָבן זיך באלד אייַנגעשטעלט אין רייען. אָבער די געסטאפּאָ־לייט, פיר פּערזאָן, האָבן געזען פון דער ווייטנס די אומאָרדנונג. זיי האָבן אונדז אָפּגעשטעלט. צוערשט האָבן זיי קאָנטראָלירט אונדזער דערלויבעניש און איבערגעציילט די מענטשן. דאן האָבן זיי זיך אוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ און יעדן דריילינג, וואָס איז פאר זיי פארבייגעגאנגען, האָבן זיי געשלאָגן מיט א בייטש. ענדלעך זענען זיי ארײַן אין דער קארעטע און אָנגעהויבן אונדז נאָכיאָגן. מיר זענען געלאָפן מיט אלע כוחות און יעדער איינער האָט זיך באמיט צו זיין פון די ערשטע. די צוריקשטייענדיקע זענען געשלאָגן געוואָרן ביז בלוט און געבליבן זיצן אין פעלד. אזוי זענען מיר געלאָפן ביזן דאָרף גריבאָווע. דאָרט האָט מען אונדז באפוילן זיך אָפּשטעלן און מען האָט אָנגעהויבן באזוכן אונדזערע זאכן.

איך האָב געהאט א רוקזאק און דאָרט האָט געשטעקט א פּאָר נייע סאנדאלן. דער פאָטער האָט ארויסגעכאפּט דעם רוקזאק פון מיין האנט. איך האָב פארשטאנען זיין כוונה און פּראָבירט ארויסציִען פון זיין האנט, אָבער ער האָט מיר נישט געלאָזט. דערווייל איז א געסטאפּאָ־מאן צוגעגאנגען צו מיין פאָטער און אים געהייסן אויסליידיקן דעם רוקזאק. ווען דער דייטש האָט באמערקט די סאנדאלן, האָט ער ארויסגעצויגן זיין רעוואָלווער און אים אריינגעשטעקט מיין פאָטער אין זייט און א געשריי געטאָן: ווו האָסטו עס געקויפט? אונדזער ארמיי האָט נישט קיין שיך און איר, שמוציקע יידן, פארמאָגט יאָ! איצט שטארבסטו דאָ אויפן פּלאַץ!

מיין הארץ האָט אויפגעהערט קלאפּן. מיין פאָטער, אָפּשטויסנדיק פון זיך דעם דייטשס האנט, האָט אים געזאָגט: — מיין הער, נעם דיר די סאנדאלן און לאָז מיר צורו! דער געסטאפּאָ־מאן האָט צוריקגעצויגן דעם רעוואָלווער און צוגענומען די סאנדאלן. פּלוצלונג האָט ער א שלאָג געטאָן מיט די סאנדאלן מיין פאָטער אין פּנים און אים צעבלוטיקט. איך האָב געוואָלט צוגיין העלפן, אָבער א קלאפּ מיט א בייטש האָט מיך אָפּגעהאלטן.

נאָך דער רעוויזיע האָט מען אונדז געהייסן לויפן. אזוי זענען מיר געלאָפן ביז דעם קריסטלעכן בית־הקברות און זיי נאָך אונדז. דאָרט האָבן זיי אונדז אָפּגעלאָזט און מיר זענען געלאָפן ווייטער ביזן לאגער. מיר האָבן איינער דעם אנדערן באנדאזשירט די וואונדן. צום גליק האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מיין פאָטער איז נישט שווער פארוואונדעט געווען און אז דאָס בלוט האָט געררונען פון זיין נאָז.

איך האָב מיר אדורכגעווערטלט מיטן פאָטער. איך האָב געטענהט, אז דעם רוקזאק האָב איך געזאָלט האלטן, און דער פאָטער האָט געזאָגט, אז ער איז געווען זיכער, אז די געסטאפּאָ־לייט וואָלטן מיר דערהרגעט צוליב די נייע שיך און לויט זיין מיינונג איז בעסער, אז איך, דער יונגער, זאָל לעבן בלייבן און ער זאָל שטארבן פריער און נישט צוזען ווי דער זון שטארבט.

אָטדער פאל האָט ארויסגערופן א דערשיטערונג און זיין אָפּקלאנג איז דער־גאנגען קיין לאָשיץ דורך די פּויערים. קלאנגען האָבן איבערגעגעבן וועגן פיל געהרגעטע און די פּאניק איז געווען גרויס. מיר האָבן געשיקט א ספּעציעלן שליח מיט אן אויספירלעכן בריוו און די מענטשן האָבן זיך בארואיקט. אין די שפּעטערע מארשירונגען זענען שוין די מענטשן געווען פאָרזיכטיקער כדי נישט אויפצורעגן די דייטשן.

מארד אין לאגער

דער מאָנאט מאי איז אריבער און יוני האָט געבראכט שלעכטע נאכריכטן פון די געטאָס און לאגערן. עס איז איבערגעגעבן געוואָרן, אז מען האָט אָנגעהויבן ארויסשיקן די יידן פון ווארשעווער געטאָ. לויט ווי מען האָט דערציילט שיקט מען זיי אין אַן אָרט, וואָס הייסט טרעבלינקע און דאָרט הרגעט מען זיי אויס. אָטדי נאכריכטן האָבן געבראכט פּאָליאקן וועלכע האָבן דערציילט גרויל־געשיכטן וועגן דער לאגע אין ווארשעווער געטאָ.

מיר האָבן טאקע געקלערט, אז עפּעס טוט זיך. אָבער דער שכל האָט נישט געקענט באגרייפן די ידיעות. מען האָט נישט געקענט זיך צוגעוווינען צום געדאנק.

יעדער איינער האָט געפרעגט: קען דען זיין, אז די דייטשן זאָלן אויסהרגענען די אַלע מיליאָנען יידן, וואָס לעבן נאָך אין פוילן? צי קענען מיר זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן ווי שעפסן צו דער שחיטה? יעדער איינער האָט נאָכגעטראַכט און קאָמענטירט. אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט גלויבן, אָדער ער האָט זיך אַליין אָפּגענאַרט. אייניקע האָבן געטענהט, אז אזוינס איז נישט מעגלעך, ווייל די דייטשן דאַרפן דאָך האָבן אַרבעטס־קראַפט און האָבן זיי דען ביליקערע אַרבעטער ווי די פוילישע יידן?

אויפן וועג פון לאַגער צום אַרבעטס־פּלאַץ האָב איך געזען קלאַפּאָטעקס זון, א פּאַליאַק, וואָס האָט געוווינט אין גדליה כיבאָווסקיס הויז. געווען איז עס אַן אָפּגעשטאַנען קינד. ער האָט מיר געזאָגט: דו ביזט א ייד, באַלד וועט מען אייך אַלעמען אויסהרגענען! — — — יענעם טאָג בין איך געווען אומגליקלעך. עס איז שווער געווען צו קלערן, אז איך מוז שטאַרבן נאָר ווייל איך בין א ייד בעת יענער דעבילער יינגל האָט דאָס רעכט צו לעבן. איך האָב געוויינט ווי א קליין קינד און דערציילט דעם פאָטער די געשיכטע. ער האָט געזאָגט, אז ער וואָלט געוואָלט וויניקסטנס אוועקהרגענען עטלעכע דייטשן איידער ער וועט שטאַרבן.

עטלעכע פון אונדז האָבן באַקומען געווער און מיר האָבן אָפּגעוואַרט די קומענדיקע געשעענישן.

איינמאָל אין יוני איז אונדז אָנגעקומען א ידיעה פון געטאָ מאָרד, אז די דייטשן האָבן אַריינגעשטופּט א הונדערט מענטשן — מענער, פרויען און קינדער — אין א שייער און זיי פאַרברענט לעבעדיקערהייט. צווישן זיי זענען געווען מיינע קרובים — עטל לאה און איר טאָכטער שרה זילבערמאַן. דער ווייטאָק איז געווען גרויס און אויך האָט באַאומרואיקט די סיבה, וואָס האָט באַוויזן די דייטשן דערצו: די טיפוס־קראַנקייט. דאָס האָט איבערצייגט, אז די דייטשן האָבן בדעה אויסצוראָטן פיזיש אַלע יידן.

אין א שיינעם טאָג, אין יוני נאָכמיטאָג, איז צו אונדז אין לאַגער אַראָפּגעקומען א דייטש, וועמען מיר האָבן גוט געקענט, ווערנער האָט ער געהייסן, דער אַרבעטס־אָנפירער, מיט א צווייטן דייטש, ציוויל געקליידעט. זיי האָבן אונדז אַלעמען געהייסן אַרויסגיין פון די צימערן און זיך אויסשטעלן אין הויף און אָנגעהויבן קאָנטראָלירן: ווער אַרבעט און ווער נישט. אַלע, וועלכע האָבן געהאַט א באַשטעטיקונג פון אַן אַרבעטס־פּלאַץ, זענען געשיקט געוואָרן אין א זייט און די איבעריקע זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין א שורה. יעדער איינער פון די וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין באַשטעטיקונג האָט געזאָגט עפּעס א תירוץ, אז ער איז קראַנק, אָדער ער האָט נישט גענוג עסן.

נאָכדעם ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז אזוינע זענען פאַראַן צען, האָט ווערנער גערופן איינעם פון זיי, פנחס נאַכטיגאַל, וואָס האָט אָנגעהויבן שפּאַנען צו אים. ווערנער האָט אים געשאָסן און ער איז געפאַלן. דאַן האָט ער געגעבן א צייכן זיין זון, משה נאַכטיגאַל, וואָס האָט אָנגעהויבן וויינען. ווערנער האָט אים דערשאָסן. דאַן איז אָנגעקומען די רייע צו סרולקען, פנחסעס ברודער, וועלכער האָט אָנגעהויבן לויפן. ווערנער האָט צו אים געשריען, ער האָט אָנגעהויבן גיין און דאַן איז ער דערשאָסן געוואָרן. אין דעם אויגנבליק האָט די גאַנצע שורה א שפּרונג

געטאָן, די מענטשן זענען זיך צעלאָפן אין אלע ריכטונגען. ווערנער האָט געשאָסן אין דער לופט, אָבער נישט נאָכגעיאָגט די אנטלויפנדיקע. ער האָט צוריקגעלייגט דעם רעוואָלווער אין שיידל, צוגערופן גבריאל צוקערן, וועלכער איז געשטאַנען דערביי, און אים א זאָג געטאָן: „באגראָבן די הינט!" — און איז אוועק.

מערסטע מענטשן זענען צוריקגעקומען און דאן האָבן מיר אָנגעהויבן גראָבן א גרוב נעבן מעלע קאפּלאנס פענצטער. אין גרוב האָבן מיר אריינגעלייגט פּנחס און משה'ס קערפּערס. ווען מען האָט אָנגענומען סרולקען, האָט ער אָנגעהויבן קרעכצן און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז שווער פארוואונדעט. באלד האָט זיך אָנגעהויבן א טומלעניש און מען האָט באשלאָסן אים אריבערפירן קיין לאָשיץ און וואָס ס'האָט צו זיין זאָל זיין. מען האָט געדונגען א פור און אים אוועקגעשיקט קיין לאָשיץ, אָבער אויפן וועג האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

אָטדער מאָרד, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך ווערנערן, וואָס איז אפילו נישט געווען אָנגעטאָן אין אוניפאָרם, און איז געווען בלויז א הויכער באאמטער, האָט ביי אונדז איבערגעלאָזט א טיפן וואונד. די מענטשן האָבן שוין נישט רעאגירט. אייניקע האָבן געזאָגט, אז בעסער איז שוין פּנחסן און די אנדערע געשטאָרבענע בעת מיר שטייען ערשט „אין דער רייע".

היינט צוטאָג קלער איך: וויאזוי האָט געקענט פּאסירן, אז איין פארשוין, אין דער באגלייטונג פון א צווייטן, זאָל שיסן מיט זיין רעוואָלווער אויף פיל מענטשן ווען דערביי געפינען זיך א פופציק מענער, וועלכע ענטפערן נישט אָפּ? אָבער אין יענער צייט זענען די מענטשן שוין געווען צעבראָכן גייסטיק, זיי זענען געשטאַנען פאר א מעכטיקער מלוכה־מאשין, אָפּגעשוואַכט און אָן מוט, זעענדיק דעם טויט פאר די אויגן.

דער לעצטער מארש צום לאשיצער געטא

די קלאַנגען, אז מען שיקט ארויס די יידן פון ווארשעווער געטאָ און מען הרגעט זיי אויס, זענען אָנגעקומען שפּעטער מיט מער איינצלהייטן. די פּרעסע האָט עס פארשוויגן, אָבער די פּאַליאַקן האָבן וועגן דעם דערציילט. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז דער פּאָרזיצער פון ווארשעווער יודנראט איז באגאנגען זעלבסטמאָרד ווייל ער האָט נישט אויסגעהאַלטן.

שבת, דעם 22־טן יולי, האָבן 80 מענטשן פון לאגער זיך געגרייט צו באזוכן די קרובים אין לאָשיץ. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט גאנץ פרי. צווישן די גליקלעכע זענען געווען אויך איך און מיין פאָטער. עס איז געווען א ווארעמער וועטער. דעם וועג זענען מיר אריבער בשלום. אָבער קומענדיק קיין שוויניאראָוועֶ, א 3 ק"מ פון לאָשיצער געטאָ, האָבן מיר געהערט א קלאפּעריי פון מאשינען־געווער און אויך איינצלנע שיסערייען פון דער ריכטונג פון געטאָ.

אונדז אלעמען האָט ארומגענומען א שרעק. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד און באשלאָסן אָפּוואַרטן און אויסקוקן וואָס עס טוט זיך. די שיסערייען זענען געווען קלאָר. קיינער האָט קיין פּליסטער נישט ארויסגעלאָזט, אָבער אין טיפן הארצן האָט יעדער פון אונדז געוויינט אויפן חורבן. מען האָט זיך אָנגעהויבן בעראטן. מיט אונדז איז אויך געווען גבריאל צוקער.

אייניקע האָבן געזאָגט, אז מען דאַרף אַריבערגיין אין געטאָ און וואָס עס וועט זיין מיט אַלע יידן וועט זיין אויך מיט אונדז. משה רודסקי איז געווען א הייסער אָנהענגער פון אָטדעם געדאַנק און ער איז אַוועק קיין לאָשיץ. אָבער קיינער איז אים נישט נאָכגעגאַנגען. עס זענען געווען מיינונגען, אז מען דאַרף צוריקגיין אין לאַגער און אפשר וועט נאָך עמיצער פון אונדז געראַטעוועט ווערן און עס וועט ווייניקסטנס איבערבלייבן ווער עס זאָל דערציילן פאַר דער וועלט וואָס אונדזער פאָלק האָט איבערגעלעבט.

עס איז אויסגעפאַלן א באַשלוס צוריקגיין קיין סאַרנאַקי. אָבער איידער מיר האָבן זיך גערירט פון פּלאַץ האָבן מיר געוואָלט אויספרעגן ביי די דאָרפס־לייט פון שוויניאַראָווע וואָס הערט זיך אין דער אומגעגנט. צוויי שליחים זענען אַוועק אין נאָענטן דאָרף און צוריקקומענדיק האָבן זיי מיטגעבראַכט שרעקלעכע נאַכריכטן. די דאָרפס־לייט האָבן זיי דערציילט, אז דער געטאָ איז אַרומגערינגלט מיט געסטאַפּאָ־לייט און באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן. מען קען נישט אַריין און מען קען נישט אַרויס. אַלע יידן זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון די הייזער און אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטן פּלאַץ. ווער עס האָט פּראָבירט אַנטלויפן איז דערשאָסן געוואָרן. מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען אין דער פרי פון נאָענטע לאַגערן, זענען נישט דערלויבט געוואָרן אַריינגיין אין געטאָ און זענען דערשאָסן געוואָרן ביים אַריינגאַנג. לויט ווי זיי האָבן דערציילט זענען פאַראַן פיל געהרגעטע. די דאָרפישע האָבן זיך געבעטן, אז די שליחים זאָלן וואָס שנעלער זיך אָפּטראָגן ווייל זיי האָבן מורא געהאַט טאָמער וועלן זיי באַשטראָפט ווערן אויסן חשד, אז זיי האָבן געגעבן הילף.

מיר זענען געבליבן ראַטלאָז. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט איינער דעם צווייטן, נישט קענענדיק אַרויסזאָגן א וואָרט. טרערן זענען נישט געווען, אָבער דאָס האַרץ איז געריסן געוואָרן אויף שטיקער. מיר זענען געווען בלויז שאָטנס, זעענדיק ווי אונדזערע נאָענטסטע ווערן אומגעבראַכט און ווייסנדיק, אז אויך מיר זענען שוצלאָז. יעדער איינער האָט געבעטן, אז די ענדע זאָל קומען וואָס שנעלער.

די ערשטע דערשיטערונג איז אַריבער און שפּעטער, אויס פאַרצווייפלונג, האָבן מיר אָנגעהויבן שפּאַנען צוריק צום לאַגער. די פּאָליאַקן האָבן אויף אונדז געקוקט ווי מתים וואָלטן געגאַנגען. און אַזוי, צעבראָכענע און צעווייטאָקטע, זענען מיר אָנגעקומען אין לאַגער.

איינער פון אונדז, וועלכער איז געווען אין שטאָט, האָט צוריקקומענדיק דערציילט, אז אין דער פּאָליציי־סטאַציע איז געבליבן בלויז איין פּאָליציאַנט און אַלע איבעריקע זענען געשיקט געוואָרן קיין לאָשיץ אין מיטן דער נאַכט. אויך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז די פּאָליציאַנטן וועלן צוריקקומען ערשט אין צוויי טעג אַרום.

אַזוי זענען אַריבער צוויי טעג און קיין שום נייע ידיעות זענען נישט אָנגעקומען. עס זענען געווען קלאַנגען, אז די יידן זענען איבערגעפירט געוואָרן קיין שעדלעץ און דאָרט האָט מען אויסגעפירט אויף זיי א שחיטה און די איבערגעבליבענע אַוועקגעשיקט אין אַן אומבאַקאַנטן פּלאַץ. די מענטשן זענען געווען אינגאַנצן פאַרצווייפלט. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין גאַס און געבעטן, אז ס'זאָלן קומען די געסטאַפּאָ־לייט און זיי אויסשיסן, אָבער אויך דער דאָזיקער פאַרלאַנג זייערער איז נישט מקויים געוואָרן. די מאַכט איז געווען זיכער, אז מיר וועלן נישט אַנטלויפן.

מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז אין קאָנסטאַנטינאָוו און ביאַלע עקזיסטירט נאָך דער געטאָ ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, אָבער אָטדער פאַקט האָט אונדז ווייניק געטרייסט, ווייל מיט א פּאָר טעג צוריק איז דאָך אויך דער לאָשיצער געטאָ געשטאַנען אויפגעריכט.

גענצלעך צעבראָכן געוואָרן איז משה רודסקי. ער איז ארומגעגאַנגען ווי א שאָטן, נישט געגעסן און נישט געטרונקען. ער האָט געוויינט ווי א קינד און זיך געבעטן דעם טויט. איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן זיין געבעט: גאָט, נעם אוועק מיין נשמה אזוי ווי דו האָסט אוועקגענומען די נשמות פון מיינע טעכטער ראָזע און חיה! — — —

מיין ברודער זלמן ברענגט נייעס

איינמאָל, דעם 24־טן יולי 1942, נאָכמיטאָג, זענען מיר געזעסן אין לאגער און געשמועסט. מיר האָבן פּראָבירט צוזאמענשטעלן פארשיידענע קלאַנגען כדי צו שאַפן א בילד וועגן דעם גורל פון די יידן אין געטאָ. פּלוצלונג האָבן מיר באמערקט, אז פון דער ריכטונג פון ברונעם דערנענטערט זיך א באָרוועסער יינגל, אָנגעטאָן קורצע הויזן. איך האָב אים באלד דערקענט. דאָס איז געווען מיין יינגערער ברודער זלמן. מיין פאָטער איז געבליבן אָן אָן אָטעם. מיר האָבן אונדזערע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. אלע זענען מיר אים באַפאַלן מיט פראַגן, אָבער זיין מויל איז געווען אויסגעטריקנט און ער האָט נישט געקענט רירן מיט דער צונג. ער האָט געבעטן וואַסער. באלד האָט מען איך געבראַכט אן עמער וואַסער און ער האָט זיך אָנגעטרונקען ביז מען האָט אים איבערגעריסן. ער איז געווען קראַנק און האָט געפיבערט.

דער פאָטער האָט אים אָנגענומען און ער האָט אָנגעהויבן רעדן. מיר האָבן זיך דערוווּסט פון אים, אז שבת אין דער פרי האָט מען באַפוילן, אז אלע יידן זאָלן ארויסגיין אין מאַרק. באלד האָבן די דייטשן זיי אָנגעהויבן יאָגן און שיסן אויף זיי. מיין מוטער — צוזאמען מיט 2 פאַמיליעס — האָבן זיך באהאַלטן אויף א בוידעם און זיצן נאָך דאָרט. צוויי טעג זענען דורכגעפירט געוואָרן רעוויזיעס און דאָס גאַנצע פארמעגן, וואָס איז געפונען געוואָרן, איז געוואָרן קאָנפיסקירט. די אויסבאַהאַלטענע זענען נישט געפונען געוואָרן, אָבער זייער לאַגע איז געווען זייער שווער און זיי האָט געדראָט אויסצושטאַרבן פון דאָרשט. זיי האָבן אויסגעוויילט זלמנען אלס שליח, ער זאָל גיין ברענגען הילף. ער איז דערגאַנגען צום דאָרף שוויניאַראָווע און דאָרט זיך געטראָפן מיט מיין פאָטערס א באַקאַנטן, וועמענס נאָמען ער האָט באַקומען פון דער מוטער און יענער האָט אים געהאָלפן קומען צו אונדז.

מען האָט אים געשטעלט כלערליי פראַגן. ער האָט דערציילט, אז ער האָט זיך געטראָפן מיט געוויסע מענטשן, אָבער אויף אנדערע פראַגן האָט דאָס 14־יעריקע יינגל נישט געקענט ענטפערן.

דער לאגער איז אויפגערודערט געוואָרן. פאַר אונדז האָט זיך געשטעלט א פראַגע: וויאזוי ראַטעווען די מוטער און מיין קליינעם ברודער אליהו? מענטשן האָבן אונדז מקנא געווען און אלע האָבן געזאָגט, אז מיין מוטער אסתר איז אן אשת חיל. מיין פאָטער האָט אָנגעהויבן באלד פועלן. מיט דער הילף פון א געוויסער סומע,

וואָס מיר האָבן געהאט, האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט א פוילישן פּאָליציאַנט, פון די אַמאָליקע באַקאַנטע, און ער האָט זיך אונטערגענומען אונדז העלפן. מיר האָבן אים איבערגעגעבן איינצלהייטן וועגן דער באהעלטעניש און ער איז געגאַנגען ביינאַכט כדי זיי אַרויספירן פון דאָרט.

עס איז שווער צו שילדערן אונדזער ציטערניש. פון איין זייט האָבן מיר געוווסט, אַז אויב מיר וועלן נישט טאָן עפּעס, דראָט אונדזערע טייערע א זיכערער טויט, פון דער צווייטער זייט האָבן מיר מורא געהאט פאַרן פּאָליציאַנט זעלבסט. אָבער דער פאָטער האָט באַשלאָסן אים איבערגעגעבן די שליחות ווייל עס איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה. אין א קורצער צייט אַרום איז דער פּאָליציאַנט צוריקגעקומען און געזאָגט, אַז ער האָט חרטה, ווייל ער האָט מורא פאַר זיין לעבן. דער פאָטער האָט אים געשענקט א געוויסע סומע און מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָפנדיק אַז ער וועט נישט אויסגעבן אונדזער סוד.

אויף צו מאָרגנס פרי איז געקומען צו אונדז א פוילישער פויער פון שוויניאַראָווע, מיין פאָטערס א חבר. ער האָט דערציילט, אַז מיין מוטער און דער יינגערער ברודער געפינען זיך אין קריסטלעכן בית־הקברות און אַז ער האָט זיי אַהין געבראַכט ביינאַכט. די ידיעה האָט אונדז זייער געפרייט. דער פאָטער האָט באַלד געבעטן א באַקאַנטן קריסט, אַז ער זאָל ברענגען די מוטער קיין קאָנסטאַנטינאָוו. דערווייל האָבן מיר זיך געטראָפן מיט זיי. מיר האָבן נישט געוווסט וועגן וואָס פריער צו רעדן. די מוטער האָט געוויינט און האָט באַדויערט וואָס זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן ווייל ווער ווייס וואָס עס וועט זיין. איך האָב געזאָגט, אַז דערווייל זענען מיר אַלע ביים לעבן און „שטאַרבן איז שטענדיק דאָ צייט”. מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט, אַז די מוטער זאָל איבערגעבן דעם וועגווייזער א בריוו וועגן דער לאַגע אין קאָנסטאַנטינאָוו און וועגן איר באַהעלטעניש.

צומאָרגנס איז דער קריסט צוריקגעקומען און האָט אָפּגעגעבן א באַריכט און א בריוו. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין קאָנסטאַנטינאָוו ווייס מען גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אין דער אומגעגנט. זיי האָבן טאַקע געהערט, אַז מען האָט די יידן אַרויסגעטריבן, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט גלויבן די גרוילגעשיכטעס. פון דאַן אָן האָבן מיר יעדן טאָג געשיקט א שליח — פאַרשטייט זיך פאַר געלט — און באַקומען ידיעות פון קאָנסטאַנטינאָוו. אויך האָבן מיר געשיקט עסנוואַרג פאַר דער מוטער.

דער מוטערס בריוו זענען געווען פול בענקשאַפט פון איין זייט און צער פון דער צווייטער זייט. זי האָט באַדויערט איר טאַט, דערקלערנדיק, אַז ממילא וועלן מיר נישט קענען איבערלעבן די אַלע צרות. מיר האָבן איר געמונטערט און געטענהט, אַז מיט גאָטס הילף וועלן מיר אויסהאַלטן. אין איין בריוו האָב איך באַצייכנט, אַז דער פאָטער האָט פיל באַקאַנטע אין דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און זיי זענען גרייט אונדז צו העלפן. אונדזער אויסדויער ביז איצט באַווייזט, אַז מיר האָבן געקריגן פיל הילף, אָן וועלכער מיר וואָלטן נישט געקענט זיך דערהאַלטן ביז איצט.

דריי וואָכן נאָך דעם ווי די מוטער איז געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָוו האָבן מיר פון איר באַקומען א קורצן בריוו. זי האָט געשריבן, אַז אַלע יידן פון שטעטל און אומגעגנט מוזן אַריבערגיין קיין ביאַלע און פון דאָרט וועלן זיי איבערגעשיקט ווערן ערגעץ אַנדערש. זי האָט געפרעגט: וואָס זאָל זי טאָן? „אייך, מענער, וועט

זיין לייכטער. איך וועל אייך נאָר באשווערן, זאָל אָטדער בריוו זיין א געזעגנונגס־בריוו".

ווי א דונער האָט עס אונדז געטראָפן. נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן מיר געשיקט מיט א וואָגן צוויי באקאנטע מיט א בריוו צו דער מוטער, און זיי האָבן געזאָלט איר אוועקפירן אין א געוויסן פלאַץ, ווו זי וועט האָבן באקוועמע באדינגונגען. מיר האָבן ארויסגעזאָגט די מיינונג, אז מיר וועלן אויסהאלטן ביז מיר וועלן קענען אלע זיין צוזאמען. דער פאָטער האָט געהייסן די שליחים זיי זאָלן נעמען די מוטער אפילו מיט געוואלט, אויב זי וועט נישט וועלן גיין.

אין פריען באגינען זענען די מענטשן צוריקגעקומען נאָכן אויספירן אלץ לויטן פלאַן. מיין פאָטער האָט פארלאָזט געהיים דעם לאגער און באזוכט די מוטער אין דער באהעלטעניש. זי האָט זיך אויסבאהאלטן אויף א בוידעם און האָט זיך גוט געפילט. מען האָט אפגערעדט, אז אין אָוונט זאָל זי ארָאפגיין אין שטוב און זיין צווישן מענטשן. מיר האָבן קיינעם וועגן דעם נישט דערציילט און נאָר די סאמע נאָענטסטע האָבן געוווּסט וועגן דער מוטער, וועלכע איז שוין דאָס צווייטע מאָל אָפּ־געראטעוועט געוואָרן.

איובס בשורה

צוויי טעג שפעטער נאָכדעם ווי מיין ברודער זלמן איז צו אונדז דערגאנגען, איז אָנגעקומען אין לאגער משה יאנאָווער, נוסקע האָלאָוויטשיצערס איידעם. ער איז געווען א געזונטער מאן, 1.85 מ' די הויך, מער ווי 100 קילאָ די וואָג. אָטדער משה איז געווען מיט אונדז אין לאגער, אָבער איז געבליבן אין לאָשיצער געטאָ ביז דער ליקווידאציע. ער האָט דערציילט איינצלהייטן וועגן די געשעענישן אין דעם טאָג ווען די יידן זענען ארויסגעטריבן געוואָרן. און אָט איז זיין דערציילונג.

דעם „שווארצן שבת" זענען אלע יידן פון לאָשיצער געטאָ קאָנצענטרירט געוואָרן אין מארק. די שטאָט איז געווען באלאגערט און שיסערייען האָבן געהילכט ארום. באלד האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אָרגאניזירן די מענטשן צו א מארש: אין שפיץ די מענער, דאן די קינדער, אלטע און פרויען. עס איז געגעבן געוואָרן א באפעל צו גיין אין דער ריכטונג פון מאָרד. ארום האָבן מארשירט די געסטאפאָ־לייט. זשאנדארמעריע און פאָליציי. די ערשטע קילאָמעטערס זענען פארביי ווי־עס־איז, אָבער שפעטער האָבן די דייטשן אָנגעהויבן יאָגן די מענטשן און די הינטערשטעליקע זענען געפאלן. לייט פון א געסטאפּאָ אויטאָ, וואָס איז געווען די הינטערשטע וואָך, האָבן געשאָסן פון א מאשין־געווער כדי צו דערהרגענען די צוריקשטייענדיקע.

משה האָט געהאלטן זיין זון דעם גאנצן וועג און האָט אויך מיטגעצויגן זיין פרוי און איר נישט אָפּגעלאָזט. גרויל־סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט. אלטע מענער און אויך פרויען זענען געפאלן און זייערע קרובים האָבן פּראָבירט זיי מונטערן כדי זיי זאָלן ווייטער גיין. א סך פון זיי האָט דער טויט אויסגעלייזט פון די שרעקלעכע ליידן. אין דער נידער איז געשטאנען א פייער־לעשער מאשין, וואָס האָט געשפּריצט וואסער אויף די מענטשן. עס איז דאן געווען א גרויסע היץ און זייענדיק דורשטיק, האָבן די מענטשן געצויגן איינער ביים צווייטן די קליידער, וועלכע זענען נאס געוואָרן. לויפנדיק אין טויט־שרעק זענען די מענטשן דערגאנגען קיין שעדלעץ, ווו מען

האָט זיי קאָנצענטרירט אין דער באַן־סטאַציע. אהין זענען געבראכט געוואָרן אויך יידן פון אנדערע שטעטלעך און אויך אָרטיקע. לויט ווי משה האָט דערציילט זענען דאָרט געווען צונויפגעזאמלט ארום 50,000 מענטשן — מענער, פרויען און קינדער. די מענטשן האָבן געבעטן, עס זאָל אראָפּגיין א רעגן, אָבער זייער תּפילה איז נישט אָנגענומען געוואָרן. אזוי איז אריבער די נאכט, ווען פון צייט צו צייט שיסט מען אין דער מאסע מענטשן פון די דעכער און ווערטאנדעס ארום דעם פּלאַץ.

באגינען האָבן די דייטשן אָנגעהויבן פירן די מענטשן צו די וואגאָנעס, וואָס זענען געשטאנען גרייט אין דער נאָנט. ביים ארייגאנג אין די וואגאָנעס האָבן זיי געגעבן שטארקע קלעפּ. נאָכדעם ווי אזא פראכט־וואגאָן איז פול אָנגעשטאָפּט געוואָרן, זענען צוגעגאנגען עטלעכע געסטאפּאָ־לייט און אינעווייניק ארייגעשאָסן כדי מער צונויפדריקן און נאָך מענטשן זענען ארייגעשטופּט געוואָרן. צום סוף איז דער וואגאָן פארמאכט געוואָרן און פארמאכנדיק זענען ווידער עטלעכע מענטשן דערהרגעט געוואָרן אָדער צעבראָכן הענט און פיס.

משהן, וועלכער איז געווען הויך און שטארק, איז געלונגען זיך צו דערשלאָגן צוזאמען מיט זיין זון ביזן פענצטער, ווו זיי האָבן געקענט שעפּן לופט און ארויסקוקן דרויסן.

נאָך דער אכזריותדיקער אקציע זענען איבערגעבליבן א 40 יידישע פּאָליציאנטן, וואָס האָבן געהאָלפן די דייטשן אָנלאָדן די מענטשן אין די וואגאָנעס. דער קאָמאנדיר האָט באפוילן מען זאָל באשטימען פאר זיי א ספּעציעלן וואגאָן אלס באלוינונג פאר זייער דינסט און מען האָט זיי טאקע ארייגעלאָזט אין א וואגאָן ביים ענדע פונם צוג. די באַן האָט זיך גערירט און אין 2 שעה ארום איז זי דערגאנגען קיין טרעבלינקע. ווען די וואגאָנעס זענען אויפגעעפנט געוואָרן, זענען ארויסגעגאנגען מיט די אייגענע כוחות בלויז א דריטל פון די מענטשן, וואָס זענען דאָרט אריין. דאָ האָט מען אָפּגעטיילט די געזונטע מענער פון די אנדערע. צווישן זיי איז געווען משה, וואָס איז געשיקט געוואָרן ארבעטן אין א נאָענטן לאגער. פון דאן האָט ער שוין נישט געזען זיין זון און די איבעריקע מענטשן. ער האָט זיך געטראָפן מיט מענער, וואָס האָבן געזאָגט, אז זיי ארבעטן אויפן פּלאַץ בלויז 48 שעה אומגעפער און זייער אויפגאבע איז אָנצולאָדן קליידער אין וואגאָנעס. פון דער ווייטנס האָבן זיי געזען פייער און רויך שלאָגן ארויס פון די קוימענס.

דאָס אָנלאָדן די קליידער האָט זיך געצויגן אָן אויפהער. די שומרים פלעגן זיך טוישן, אָבער די ארבעטער פלעגן ארבעטן דערביי ביז זייערע כוחות זענען אויסגעגאנגען און דאן זענען זיי געשיקט געוואָרן אין דער ריכטונג פון די קוימענס.

משה האָט באשלאָסן אנטלויפן און איז אריין אין א קליידער־וואגאָן. די ארבעטער האָבן אים פארדעקט און אים איז געלונגען זיך ארויסקריגן פון דאָרט. ווען די באַן איז שוין געווען ווייט פון די לאַגערן, איז ער ארויסגעשפּרונגען דורך א פענצטערל און נאָך צוויי טעג איז ער דערגאנגען צו אונדז.

ביז אהער איז די שילדערונג פון משה יאנאָווער. דאָס ליידן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, איז געווען אויף אים קענטיק. ענלעכע דערציילונגען האָבן מיר געהערט אויך פון אנדערע מענטשן, וואָס האָבן זיך אויף אזא אָדער אויף אן אנדער וועג ארויסגעראַטעוועט פון טרעבלינקער גיהינום.

פון אַטדער שילדערונג איז אונדז קלאָר געוואָרן דער גורל, וואָס דערוואַרט אונדז. יעדער איינער האָט אָנגעהויבן אויסקלערן רעטונגס־פּלענער. עס זענען אויפגע־שוווּמען פאַרשלאָגן צו פּראָבירן אנטלויפן אָרגאַניזירטערהייט אין די וועלדער און קריגן געווער. אָבער קיין שום פּלאַן איז נישט אויסגעפירט געוואָרן.

די געטאָס ווערן ניי ארגאנאזירט

צוויי וואָכן נאָכדעם ווי די געטאָס אין דער גאנצער אומגעגענט זענען ליקווידירט געוואָרן איז ארויסגעגעבן געוואָרן א באַפעל, וואָס פאָדערט אויף אלע יידן זיך קאָנצענטרירן ווידער אין געטאָס. אין יענע ערטער, ווו עס זענען געווען גרויסע געטאָס, וועלן אויפגעשטעלט ווערן קלענערע געטאָס „כדי צו אויפריכטן די יידן". פארשטייט זיך, אז די כוונה איז געווען צו כאַפּן די יידן, וואָס זיי איז געלונגען צו אנטלויפן, אָדער וואָס האָבן געארבעט אויסערן געטאָ און אין דער צייט פון דער ליקווידאציע זענען זיי נישט געווען אויפן פּלאַץ.

לויטן באַפעל — און צוליב די באַדינגונגען אין יענער צייט — זענען זיך צוזאמענגעקומען אלע יידן, וואָס זענען געווען נע־ונד. עס זענען געקומען באָרוועסע, אָן קיין שום קליידונג, אין אָנהויב הערבסט, ווען עס האָט זיך שוין געפילט קעלט. זיי האָבן געזוכט קליידער אין די דירות נאָך דעם רויב און גזלה, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די דייטשן און נאָך די עפנטלעכע אויספאַרקויפן, אין וועלכע עס האָט זיך באַטייליקט די פּוילישע באַפעלקערונג. די צוריקקומענדיקע האָבן זיך איינקוואַרטירט אין עטלעכע הייזער ווי עס איז באַשטימט געוואָרן דורך דער מאַכט. עמיצער האָט געזאָגט, אז מיר עסן די לעצטע הינער, וואָס זענען געשאָכטן געוואָרן דורכן בעל־הבית, כאָטש מיר ווייסן, אז קומען וועט א טאָג ווען דער בעל־הבית וועט אויך אונדז אויסשעכטן — — —

אזוי האָבן מיר געלעבט מיט דער האָפנונג, אז עס וועט געשען עפּעס א נס. די מוטער האָבן מיר ארויסגענומען פון דער באהעלטעניש און איר איבערגעפירט אין לאָשיצער געטאָ. דער פאָטער איז געבליבן מיט מיר און מיינע צוויי ברידער זלמן און אליהו אין סארנאקער לאגער און מיר האָבן דאָרט ווייטער געארבעט. געווען איז עס אין סעפּטעמבער 1942.

די מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך פארזאָרגן מיט געהיימע פּלעצער ביי פּאָליאַקן. איייניקע האָבן געפּלאָנט א באהעלטעניש אין וואלד. איינצלנע מענטשן האָבן געמיינט, אז זיי וועט זיין לייכטער זיך אויסבאהאלטן ווי א פאמיליע־גרופּע. מיין פאָטער האָט פּראָבירט ווירקן אויף הערשל און זלמן כיבאָווסקי אז זיי זאָלן צושטיין צו אונדז ווען עס וועט נויטיק זיין. אָבער זיי האָבן געטענהט, אז מיין פאָטער וועט זיין זייער שווער אין אזא לאגע, זייענדיק מיט א פרוי און 2 קליינע קינדער בעת זיי זענען יונגע, געזונטע בחורים און ווילן פּראָבירן זייער מזל. ביידע האָבן אונדז באַדויערט, זאָגנדיק, אז מיר האָבן זיך אזוי פיל אָנגעשטרענגט כדי געראַטעוועט צו ווערן און ווער ווייס אויב מיר וועלן קענען אויסהאלטן, הויפּטזעכלעך צוליבן נאָנטן ווינטער.

טייל מענטשן זענען אוועק קיין סעמיאטיטש און זיך דאָרט אָנגעשלאָסן צו זייערע באקאנטע, וועלכע זענען געבליבן אין קליינעם געטאָ. מיר זענען געבליבן אויפן פלאץ און דערווארט די צוקינפטיקע אנטוויקלונג.

נאָכדעם ווי עס איז פארעפנטלעכט געוואָרן דער באפעל, אז מיר זאָלן זיך קאָנצענטרירן אין גרעסערע לאגערן ביזן 30־טן נאָוועמבער 1942, האָבן מיר פארשטאנען, אז נישט דאָס איז מען אויסן. יעדער איינער האָט געפילט, אז נישט אזוי וועט עס געשען, נאָר אז אמאָל ביינאכט וועט מען אויספירן אן „אקציע" און דאָס וועט זיין די אנטגילטיקע ליקווידאציע פון די לעצטע יידן אין אָטדער געגנט. יעדער איינער האָט געפלאנט וויאזוי זיך צו ראטעווען.

מיין פאָטער האָט אונדז צוגעגרייט א באהעלטעניש אין א פאָלווארק נעבן פלאָסקאָוו (צוליב פארשטענדלעכע טעמים באצייכן איך נישט זיין נאָמען). אהין האָבן מיר באלד אריבערגעפירט די מוטער פון לאָשיץ און מיר זענען ארומגעגאנגען ווי שאָטנס אין סארנאקי. געוועז זענען עס טעג אָן א מאכט אויפזיכט, און אונדז האָט געמאטערט די פארצווייפלונג. יאָ גיין צו דער ארבעט, נישט גיין — עס איז געווען אלץ איינס.

דערווייל האָט מיין פאָטער באזאָרגט פארשיידענע באדערפענישן, פארקויפנדיק זאכן, וואָס ער האָט אויסגעביטן אויף מזומן געלט און אויף גאָלד. מיר האָבן נאָך געהאט א קוואנטום לייוונט פון אָנהויב מלחמה, וואָס איז געווען אויסבאהלטן ביי פויערים; די מוטער האָט אביסל צוגעהאנדלט; אלע סחורות האָבן מיר צוזאמענגענומען אין דער באהעלטעניש און פאקטיש איז עס איבערגעגעבן געוואָרן דעם פויער, וואָס אים האָבן מיר אָנפארטרויט אונדזער לעבנס־זיכערקייט.

טעג זענען אריבער און מען האָט פאָראויסגעזאָגט, אז עס וועט עפעס געשען. דאָס איז געווען ענדע נאָוועמבער, אין מיטן וואָך, און געוויינלעך פלעגן אלע אקציעס אויסגעפירט ווערן דורך די דייטשן ענדע וואָך. איייניקע האָבן אָנגעהויבן פארלאָזן דעם לאגער און אנדערע האָבן דאָרט געווילט אין משך פון טאָג, אָבער זענען נישט געקומען נעכטיקן דאָרט.

מיין פאָטער האָט באשלאָסן, אז מיר זאָלן נעלם ווערן דאָנערשטיק אָוונט, דעם 25־טן נאָוועמבער 1942. יענעם אָוונט האָבן מיר צוזאמענגעפאקט פערזענלעכע זאכן, וואָס מיר האָבן געהאט אין לאגער און ווען עס איז פינצטער געוואָרן זענען מיר זיך צוזאמענגעקומען אין אונדזער ארבעטס־פלאץ, זיך גezעגנט מיטן בעל־הבית און אויך מיט פאנצערסקי, אונדזער שכן פון איבער דער וואנט, און זיי מיטגעטיילט, אז מיר וועלן נישט גיין ווי שעפסן צו דער שחיטה און וועלן פראָבירן זיך ארויסמאכן. דערביי האָבן זיי אונדז צוגעזאָגט, אז זיי וועלן אונדז העלפן אין פאל ווען מיר וועלן דערגיין צו זיי. מיר האָבן געזאָגט, אז מיר וועלן נישט קומען אין שטאָט, נאָר בלייבן אין וואלד און גאָט וועט אונדז העלפן.

אין באהעלטעניש

פונם מאָמענט ווען מיר האָבן פארלאָזט דעם ארבעטס־פלאץ, גייענדיק קיין פלאָסקאָוו, האָבן מיר געפילט, אז מיר זענען אין א סכנה. מען האָט שוין קיינעם

נישט געקענט גלויבן. עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן מודעות, אז יעדער וואָס וועט זען אָדער וויסן וועגן יידן, וואָס וואנדערן אויסער זייער וווינונגס־ראַיאָן, און וועט נישט מעלדן דער מאכט, וועט געטויט ווערן. קריסטלעכע יוגנטלעכע האָבן אפילו געזוכט אוואנטורעס און געוואַרט אויף א געלעגנהייט אָנצוטרעפן יידן כדי צו שאנטאזשירן און בארויבן.

דער פאָטער האָט אונדז דערפירט צום באשטימטן פּלאַץ. דער בעל־הבית האָט אונדז אויפגענומען מיט גרויס באגייסטערונג.

עס איז שווער צו שילדערן אונדזער באהעלטעניש און עס גלויבט זיך נישט, אז מענטשן קענען וווינען אין אזא פּלאַץ. דאָס איז געווען א גרוב — 1.50 מ׳ די טיף, 2 מ׳ די לענג און 1.50 מ׳ די ברייט. די גרוב איז געווען אין א שפייכלער, באדעקט מיט שטרוי. דער איינגאנג אהין, בעסער געזאָגט — דאָס ארייַנקריכן אהין איז געווען דורך א שטאַל, אונטער דעם פערדס קאָריטע. מען האָט געדאַרפט אָפּרוקן אביסל שטרוי, אדורכציען דעם קערפּער דורך א שמאָלער עפענונג, ווו עס איז שווער געווען אדורכצוקריכן. עס האָט זיך געשטעלט א פראגע: וואָס איז כדאי אדורכציען פריער: דעם קאָפּ אָדער די פיס? מיין פאָטער איז געגאנגען דער ערשטער. ער האָט ארייַנגעוואָרפן זיינע פיס אין גרוב אריין, אָנגעצונדן א ליכט, און מיר נאָך אים.

אינעווייניק זענען מיר געווען באגראָבן אין דער ערד. מיר האָבן זיך שנעל איינגעאָרדנט און זיך איבערצייגט, אז אונז איז ווארעם, כאָטש דרויסן איז א פראָסט. מיר האָבן אָנגעטאָן פּידזשאמעס און זיך אויסגעזעצט אויסגערעכנטערהייט, ווייל מיר האָבן נישט געקענט זיצן אלע אין איין זייט. עס איז אויסגעקומען, אז דער פאָטער, די מוטער און מיין ייִנגסטער ברודער אליהו, וואָס איז דאן אלט געווען 12 יאָר, זענען געזעסן אין איין זייט, און איך און דער ברודער זלמן — אין דער צווייטער זייט, ארייַנשטעקנדיק אונדזערע פיס צווישן זייערע. אזא פּאָזיציע איז געווען אויס־צוהאלטן. מיטן בעל־הבית איז געווען אָפּגערעדט, אז איין מאָל אין טאָג וועט ער אונדז ברענגען שפייז און וועט ארויסנעמען דעם טאָפּ, וואָס איז באשטימט געווען צו מאכן אונדזערע באדערפענישן.

ארייַנגייענדיק אין גרוב, האָבן מיר נישט פאָראויסגעזען, אז מיר וועלן דאַרפן דאָרט זיצן גאנצע פינף מאָנאטן. ווען מיר וואָלטן עס געוווּסט, וואָלטן מיר אפשר גערן געגאנגען קיין טרעבלינקע כדי פּטור צו ווערן איינמאָל פאר אלע מאָל פון די צרות.

יענעם אָוונט האָבן מיר זיך דערמאָנט, אז מיר האָבן איבערגעלאָזט 100 דאָלאַר באהאלטן אין א וואָל־שפּולע אין אונדזער ארבעטס־פּלאַץ. דאָלארן זענען דאן געווען זייער חשוב, ווייל די קריסטלעכע באפעלקערונג האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער אָרטיקער וואלוטע. איך האָב געוואָלט גיין ברענגען דעם אוצר, אָבער די מוטער האָט נישט מסכים געווען, מורא האָבנדיק טאָמער וועט מיר געשען עפּעס שלעכטס. ענדלעך איז באשלאָסן געוואָרן, אז איך זאָל גיין.

אין שטעטל בין איך געקומען באגינען. די צימער־טיר האָב איך געעפנט מיט א שליסל, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך, און גענומען די דאָלארן. דאן בין איך אריין אין צימער, ווו איך האָב געוווינט פריער און דאָרט האָב איך געטראָפן מיינע קוזינען זלמן און הערשל כיבאָווסקי. אָבער באלד האָבן זיך פון דרויסן דערהערט געשרייען אין דייטש און פויליש: ארויסגיין!

א ציטער איז מיר אדורך אין קערפּער. מיינע קוזינען זענען בלאַס געוואָרן ווי קאַלך. אָבער עס נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן. די טיר איז אויפגעפּראַלט געוואָרן און עס איז אריין א זעלנער, באוואָפנט מיט א ביקס, וואָס האָט געהייסן ארויסגיין. דרויסן האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין רייען. די פּאָליציאַנטן זענען ארומגעלאָפן אהין און צוריק. פּלוצלונג האָב איך באמערקט, אז עמיצער, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, האָט א שפּרונג געטאָן אין א זייט און נעלם געוואָרן. עס איז נאָך געווען פינצטער, פאַר באַגינען. איך האָב א שפּרונג געטאָן אין א זייטיקער שמאָלער געסל, אריבערגעקלעטערט א פּלויט און איך בין שוין געווען אין הויף פון וואָיט. איך האָב געהערט איינצלנע שאָסן און געבליבן אין גאָרטן.

כ׳האָב מורא געהאט טאָמער געפינען זיך דייטשן אין די שטעטלשע גאַסן. האָב איך מיך צוגעהערט, אָבער ארום איז געווען שטיל. דער טומל, וואָס איז געקומען פון ריכטונג פונם לאַגער, האָט אויפגעהערט. איך האָב באַשלאָסן זיך דערווייטערן פון שטעטל. די זון איז אויפגעגאַנגען און איך האָב אָנגעהויבן לויפן. אויסמיידנדיק פאַרדעכטיקע פּלעצער, בין איך דערגאַנגען צום קריסטלעכן בית־עולם און געגאַנגען אין דער ריכטונג ווו דער פאָטער האָט אונדז געפירט א טאָג פריער. איך האָב געזוכט א באַהעלטעניש זיך אויפצוהאַלטן אין משך פון טאָג. אזוי בין איך דערגאַנגען ביז דער ווינטמיל אין די כיבאָווער פעלדער. פון בערגל האָב איך אראָפּגעקוקט אויפן דאָרף כיבאָוו. ארייַנגייענדיק אין דער מיל, האָב איך מיר איבערצייגט, אז איך קען דאָרט לאַנג נישט בלייבן אויס מורא טאָמער קומט עמיצער אָן און וועט מיר אַנטפּלעקן.

אין מזרח זייט איז געווען א יונג וועלדל און איך האָב געוווּסט, אז דאָרט, צווישן די הייזער, וווינט דער פּויער גרעגאָרטשיק. עס האָט זיך מיר געדאכט, אז יידן באַהאַלטן זיך אויס ביי אים. דער פּראָסט איז געווען שטאַרק און האָט געבריט מיין פּנים. פון די קוימענס האָט זיך געצויגן א רויך און איך האָב שטאַרק חשק געהאַט אריינגיין זיך אָנוואַרעמען. אָבער איך האָב איבערגעשטאַרקט דעם ווילן, אויסמיידנדיק א שייער, האָב איך מיך אויסגעווײלט א פּלאַץ הינטער א בינטל שטרוי. פּלוצלונג איז פאַר מיינע אויגן אויסגעוואַקסן א ייִנגל. איך האָב זיך נישט דערשראָקן און אים געפרעגט אויב ער איז גרעגאָרטשיקס זון. ער האָט מיר אָפּגעענטפערט: ביי אונדז זענען פאַראַן פיל פון דיינע חברים, קום, וועסט זיין מיט זיי צוזאַמען! ער האָט מיר געפירט אין דער ריכטונג פון שטאַל און געעפנט די טיר.

איך בין דערשטוינט געוואָרן. פאַר מיר איז געשטאַנען שיע מרדכי געצלס, וואָס דערזעענדיק מיר, האָט ער אָנגעהויבן שרייען: וואָס טוסטו דאָ? טראָג זיך אָפּ שנעל פון דאַנען!... ער איז געווען בלאַס ווי קאַלך פון שרעק. האָב איך געזאָגט שיען, אז איך וויל דאָ בלייבן בלויז ביזן אָוונט און אים צוגעזאָגט, אז אויב אפילו מען וועט מיך הרגענען, וועל איך גאָרנישט אויסזאָגן.

שיע האָט זיך באַרואיקט און האָט אָנגעהויבן מיך אויספאָרשן. איך האָב אים דערציילט וואָס מיט אונדז איז פאַרלאָפן און ער האט באַשלאָסן מיר איבערלאָזן, אָבער נישט אין דער באַהעלטעניש, נאָר אין שפּייכלער, ווו ער איז געזעסן מיט מיר צוזאַמען. ער האָט מיר דערציילט, אז דאָ געפינען זיך אויך מלכה די שניידערקע, אברהם איטשעס זין — שעפּסל און משה; צוזאַמען זענען זיי 10 פּערזאָן. שיע האָט פּראָבירט מיר פאָרשן אויך וועגן אונדזער באַהעלטעניש, אָבער איך האָב מיך ארויס־

געדרייט און נישט אויסגעזאָגט. מיר זענעןביידע אריין אין שפּייכלער און דאָרט געזעסן און געשמועסט. שפּעטער האָבן מיר געהאָלפן גרעגאָרטשיקס זון איינאָרדנען די שטרוי־בינטלעך און מיר האָבן באַקומען עסן.

די צייט איז געקראָכן גאַנץ לאַנגזאַם און אין אָונט־דעמערונג האָט שיע מיר באַגלייט דרויסן און מיר געוויזן דעם וועג.

איך בין שנעל אָנגעקומען אין הויף פון פויער, ווו מיר האָבן זיך באַהאַלטן. כ׳האָב אים געטראָפן אין שטאַל. ער האָט מיר גערופן ביים נאָמען: — פּסח, דו לעבסט נאָך? מען האָט דאָך געזאָגט, אז מען האָט דיר שוין געהרגעט! ער האָט מיר אויסגע־פרעגט כדי צו וויסן אויב עמיצער האָט מיר נישט דערשנאַפּט. איך האָב אים זיכער אָפּגעענטפערט, אז קיינער האָט מיר נישט באַמערקט א גאַנצן טאָג אין וואַלד. דער פויער האָט אריינגעשטעקט זיין קאָפּ אין עפענונג פון דער באַהעלטעניש און אָנגעזאָגט מיינע עלטערן, אז איך בין געקומען.

איך בין אריין אין דער באַהעלטעניש און דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט, אז מען האָט מיר שוין געהאַלטן פאַר א טויטן. אלע זענען געווען פאַרטרויערט. מיין מוטער האָט געלאָזט טרערן און אירע אויגן זענען רויט געווען. זי האָט געריסן פון זיך די האָר פון קאָפּ. אויך שוין זעענדיק מיר, האָבן מיינע עלטערן קוים געגלויבט, אז איך לעב. נאָך עטלעכע מינוטן פון שטילקייט האָט מיין מאַמע מיר אָנגעהויבן טאַפּן און מורמלען שטילערהייט: — ביסטו עס מיין זון? — — — —

איך האָב דערציילט אלץ וואָס איך האָב איבערגעלעבט און געטרייסט די עלטערן, אז אויב איך האָב געקענט זיך ארויסדרייען און צוריקקומען, איז א סימן, אז די לאַגע איז נישט פולשטענדיק אויסזיכטלאָז און מען דאַרף נישט פאַרלירן די האָפענונג. דער פאָטער האָט געשטיצט מיין מיינונג און אויך דער ברודער. אָבער די מוטער איז געבליבן אַפּאַטיש און האָט א זאָג געטאָן: — א שאָד וואָס מיר זענען נישט געגאַנגען מיט אלע יידן!

אמת, איך האָב אליין נישט געגלויבט מיינע אייגענע ווערטער, אָבער איך האָב געפילט, אז איך דאַרף אָוועקטרייבן שלעכטע מחשבות פון מיין מוטער. דער פאָטער האָט דערציילט, אז ווען דער פויער האָט צווויסן געגעבן, אז איך לעב שוין נישט, איז איר אוועק דער חשק צום לעבן.

צומאָרגנס האָט דער פויער אונדז דערציילט, אז אייניקע יידן האָט מען געכאַפּט און אויסגעהרגעט. מען זאָגט, אז יעדער וואָס וועט העלפן יידן וועט ווערן הינגעריכט. ער איז א גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן פון גרויס שרעק. אים דאַכט זיך, אז מען ווייס, אז ער באַהאַלט אונדז אויס.

דער פאָטער האָט פּראָבירט אים איבערצייגן, אז מיר האָבן מזל, גאָט וועט אונדז העלפן און אלץ וועט אריבערגיין בשלום. דער פויער האָט געגלויבט אין גאָט. ער האָט אָנגענומען כוח און האָט אונדז געבעטן זיין שטיל, כדי מיר זאָלן זיך נישט לאָזן הערן.

דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט און דער פויער האָט געזאָגט, אז די טעמפּעראַ־טור איז אראָפּ ביז 27 גראַד קעלט. מיר האָבן עס נישט געפילט ווייל אין גרוב איז געווען גאַנץ וואַרעם. צייטנווייז האָט זיך די ליכט אויסגעלאָשן צוליב מאַנגל אין זויערשטאָף.

אזוי זענען אריבער אומגעפער צען טעג און דער פויער האָט אונדז אָנגעזאָגט, אז זלמן כיבאָווסקי האָט מען געכאַפּט אין דאָרף כיבאָוו, בעטנדיק עסן ערגעץ אין א דירה, און מען האָט אים געהרגעט. אויך האָט ער געזאָגט, אז ווען דער שניי וועט פאלן, וועט מען אויסגעפינען אלע יידן, וואָס וווינען אין די וועלדער און לויט זיין מיינונג זענען פאראן א סך אזעלכע. מיר האָבן באוויינט זלמנען, אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט וועמען עס איז בעסער: יענעם וואָס איז געשטאָרבן, אָדער אונדז וואָס מיר שטייען אויס געברענטע צרות.

דעצעמבער איז אריבער און די צייטונגען האָבן אָנגעזאָגט, אז היטלער וועט האלטן זיין יערלעכע רעדע און פאָרשטעלן זיין פראָגראם צום נייעם יאָר. לייענענדיק אָטדי ידיעה פאר די עלטערן און ברודער, האָבן מיר געלערענט צווישן די שורות, אז די לאגע פון די דייטשן אין מזרח איז נישט פריילעך.

אין מיטן יאנואר 1943 איז געקומען אונדזער פויער און דערציילט א גרויל־געשיכטע. זיין שכן גרעגאָרטשיק האָט דערהרגעט די יידן, וואס זענען געווען ביי אים אין באהעלטעניש און עטלעכע פון זיי איז געלונגען צו אנטלויפן געגנצלעך נאקעט. ער האָט דערמאָנט שיעס נאָמען, וועלכער איז געקומען נאקעט צו זיין שכן, וואָס האָט אים באקליידט און דאן איז ער אנטלאָפן אין וואלד אריין. פון שיען האָט מען זיך דערוווּסט, אז גרעגאָרטשיק האָט אריינגעגאָסן הייס וואסער אין דער באהעלטעניש און ווער עס האָט פראָבירט ארויסגיין פון דאָרט האָט ער אים אָפּגעהאקט דעם קאָפּ מיט א האק.

אונדזער פויער האט געטאדלט אָטדעם גרויל־טאט, זאָגנדיק, אז אויב גרעגאָרטשיק האָט מורא געהאט האלטן די יידן ביי זיך, האָט ער זיי דאָך געקענט בעטן זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן און זיי וואָלטן דאָך געוויס נישט אויסגעגעבן דער מאכט. דער סוף פון דער געשיכטע איז געווען, אז די דייטשן זענען געקומען צו אים אין שטוב און ער האָט זיי געוויזן די טויטע קערפּערס פון זעקס פּערזאָן. די דייטשן זענען געווען זייער צופרידן, גענומען גרעגאָרטשיקן צו אן אויספאָרשונג און אים הינגעריכט און זיין הויז האָבן זיי אויפגעריסן. דאָס איז געווען פאר אונדז א טיילווייזע נחמה.

אָטדער פאל האָט געווירקט זייער שלעכט אויף מיין מוטער, וואָס האָט געטענהט, אז עס איז א שאָד אונדזער גאנצע מי און אז אונדז דערוואַרט דער זעלבער גורל ווי די יידן, וואָס זענען געווען אונטער גרעגאָרטשיקס אויפזיכט. איר שלאָף איז אוועק־געקומען. מיר האָבן פּראָבירט איר איבעררעדן און טרייסטן. אָבער די ידיעות, וואָס דער פויער פלעגט אָנזאָגן ברענגענדיק אונדז עסן, זענען געווען גאנץ אומעטיקע. ענדע פעברואר האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז מען האָט געמאכט רעוויזיעס אין די וועלדער און עס זענען אויסגעהרגעט געוואָרן 6 יידן אין פלאָסקאָווער וואלד. צווישן זיי זענען געווען גבריאל צוקער און שמואל אבא הערשבערגס צווי זין. אויך איז אומגעקומען אין פלאָשטשער וואלד, נעבן ראָזוואדאָוו, א גרופּע יידן, צווישן זיי הענעך פון מערוויטש.

ווידער האָט די מוטער אָנגעהויבן קלאָגן, זאָגנדיק, אז זי האָט מצליח געווען צו דערלעבן מיט די קינדער ביז איצט, אָבער איצט וועט זי מוזן זען ווי זיי שטארבן אוועק. מיר האָבן זיך באנוצט מיט אונדזערע אלע פעאיקייטן כדי אוועקצוטרייבן פון איר אזעלכע געדאנקען, און עס האָט זיך געדאכט, אז עס איז אונדז געלונגען, אָבער שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן אנדערש.

פון איין באהעלטעניש אין דער צווייטער

אין מיטן פעברואר 1943 האָט אונדזער פויער געטענהט, אז מיר קענען שוין נישט בלייבן אין גרוב ווייל אין פרילינג קען די שטרוי אין שפייכלער אײנפאלן און מען וועט קענען אויפנעמען דרויסן אונדזערע קלאנגען. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אז מיר זאָלן אויסגראָבן א גרוב אין שטאל און זיך דאָרט באהאלטן. צוערשט האָבן מיר שטארק מורא געהאט פאר אָטדעם פלאן, אָבער שפּעטער האָבן מיר איינגעזען, אז ער מיינט עס אויפריכטיק.

די נייע גרוב איז נישט געווען אזוי גרויס ווי די פריערדיקע. עס איז געווען אונטער דער קאָריטע פון א חזיר. דעם פלאץ האָבן מיר באדעקט מיט ברעטער, באשלאָגענע מיט בלעך. די אויסגעגראָבענע ערד האָבן מיר צעשפּרייט אינם גאנצן שטאל. באלד זענען אויפגעשווומען נייע שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן נישט פאָראויסגעזען. דאָס קליינע חזירל האָט דערפילט, אז אונטער דער קאָריטע איז געוואָרן א ליידיק רוים און עס האָט אָנגעהויבן שמעקן און ריטשען אָן א סוף. דער פאָטער איז ארויסגעגאנגען צוזאמען מיט מיר און מיר האָבן אים געקראצט דעם רוקן א גאנצן אָוונט און אזוי האָבן מיר אים בארואיקט. די קו אין שטאל האָט אָנגעהויבן לאָזן אוריך, וואָס איז אריינגעדרונגען אין סופיט פון גרוב. מיין פאָטער פלעגט ארויסגיין און אוועקשטויסן די קו אין א ווינקל ווען זי האָט געמאכט אירע באדערפענישן און אזוי האָט ער עס ווידערהאָלט יעדע נאכט. אין פארלויף פון דער צייט האָט זיך די קו איינגעוווינט צו מאכן אירע באדערפענישן אין דעם פלאץ ווו מיר האָבן איר געשיקט. די זעלבע געשיכטע איז געווען מיטן חזיר און מיר האָבן אויך אים אויסדרעסירט.

צוליב דער פייכטקייט איז געוואָרן אין גרוב א שלעכט גערוך און מיר האָבן אָנגעהויבן ליידן דערפון, אזוי אז מיר האָבן פארלאָרן דעם אפּעטיט. מיר האָבן זיך באמיט עס בייקומען און יעדע נאכט פלעגן מיר ארויסגיין פון גרוב כדי צו שעפּן פרישע לופט. מיר האָבן אלץ אָנגענומען באהבה. אָבער די לאגע פון דער מוטער האָט זיך פארערגערט. זי האָט אויפגעהערט עסן און שלאָפן. אָן אויפהער האָט זי געטענהט, אז ממילא וועלן מיר נישט אויסהאלטן און עס איז בעסער אז מיר זאָלן זיך איבערגעבן דער פּאָליציי.

דער פאָטער און איך און מיינע יינגערע ברידער האָבן פּראָבירט איר איינרעדן, אז אינגיכן וועט דער ווינטער פארבייגיין און זומער וועלן מיר ארויסגיין אין וואלד, דאָרט וועלן מיר טרעפן באקאנטע, וואָס זענען לעבן געבליבן. אָבער עס האָט אלץ נישט געהאָלפן.

א שיינעם פרימאָרגן האָט די מוטער אָנגעהויבן טענהן, אז אויב מיר וועלן נישט פארלאַזן די גרוב, וועט זי אָנהויבן שרייען אזוי, אז מען וועט הערן דרויסן. א שרעק האָט אונדז ארומגענומען. מיר האָבן פּראָבירט איר בארואיקן און ווירקן, אז זי זאָל אזעלכעס נישט טאָן, ווייל נישט נאָר מיר וועלן זיין אין געפאר, נאָר אויך דער פויער און זיין פרוי וועלן ווערן הינגעריכט. אָבער אלע אונדזערע רייד זענען געווען אומזיסט. זי האָט זיך געהאלטן ביי אירס און געמאָלדן, אז מאָרגן וועט זי אָנהויבן שרייען, און גע־בעטן, אז מיר זאָלן איר דערהרגענען, כדי פארמיידן דעם אומגליק. מיר האָבן איר צוגערעדט וויפל מיר האָבן נאָר געקענט. מיר האָבן פארשטאנען, אז זי איז אראָפּ פון

זינען אָדער עס האלט דערביי. זי האָט אָנגעהויבן שרייען און מיר זענען אויף איר באפאלן און פארשטאָפּט איר מויל. זי האָט פּראָבירט שרייען מיט אלע כוחות. אָבער מיר האָבן איר איבערגעשטארקט און זי איז אנטשוויגן געוואָרן אין אָנמאכט.

מיר האָבן זיך איינער דעם אנדערן איבערגעקוקט, נישט קענענדיק אויסרעדן א וואָרט. זלמן און אליה האָבן אָנגעהויבן וויינען פאר איר און איר קושן. מיר האָבן געבעטן ביי איר אנטשולדיקונג, אָבער זי האָט געענטפערט, אז א שאָד וואָס מיר האָבן איר נישט דערשטיקט — — —

נאָך דעם פאל האָט דער פאָטער געזאָגט, אז מיר מוזן פארלאָזן דעם פלאץ. עס האָט אונדז ארומגענומען א שרעק, ווייל אין גרוב האָבן מיר זיך געפילט זיכער. מיר האָבן זיך שוין ווי־נישט־ווי צוגעוווינט צו די באדינגונגען און געהאָפט, אז אָט־אָט גייט פארביי דער ווינטער און אין פרילינג וועט אונדז לייכטער זיין. אָבער דער פאָטער האָט געטענהט, אז בעסער איז מיר זאָלן אוועקגיין אין וואלד; ער קען גוט די אומגעגנט און דאָרט וועלן מיר זיך פילן בעסער.

ווען די מוטער האָט געהערט, אז עס האלט דערביי אז מיר זאָלן זיך איבערטראָגן פון דאנען, איז זי געווען צופרידן און אנטשוויגן געוואָרן. זי פלעגט פרעגן: ווען וועלן מיר שוין גיין? דאָס איז געווען אין מערץ און דער פאָטער האָט אָפּגעלייגט דעם ארויסגאנג אויף אפּריל, ווען עס וועט זיין אביסל ווארעמער. דערווייל האָט זיך דאָס לעבן געצויגן רעגולער. די מוטער איז זיך באגאנגען שטיל, אָבער כמעט נישט גערעדט. האָבן מיר געפילט, אז פון טאָג צו טאָג ווערט די סביבה איר מער פרעמד און אז אירע געדאנקען טראָגן איר אוועק ערגעץ ווייט פון אונדז. מיר האָבן פארשטאנען, אז איר לאגע איז פארצווייפלט און אונדזער הארץ האָט אין אונדז געוויינט. מיר האָבן געזען, אז זי קען ברענגען אויף אונדז אן אומגליק.

דעם 1־טן אפּריל האָט דער פויער אונדז געמאָלדן, אז דאָס געלט, וואָס ער האָט באקומען פון אונדז, איז אויסגעגאנגען און דער פאָטער האָט געזאָגט, אז ער וועט גיין ברענגען נאָך געלט. מיר האָבן באשלאָסן, אז איך זאָל גיין מיטן פאָטער אין דאָרף האָלאָווטשיץ. דאָס איז געווען א שווערע אָפּעראציע. הויפּטזעכלעך האָבן מיר מורא געהאט טאָמער וועט די מוטער אָפּטאָן עפּעס אין אונדזער אָפּוועזנהייט. מיר האָבן איר דערקלערט, אז מיר פארלאָזן אינגיכן דעם פלאץ און מיר גייען נאָכזען די לאגע אין וואלד. זי האָט צוגעזאָגט, אז זי וועט דערווייל גאָרנישט טאָן. די קינדער האָבן פארשטאנען ווי גרויס עס איז די פאראנטוואָרטלעכקייט און זענען געווען גרייט אויף דאָס שלעכטע; זיי האָבן צוגעזאָגט אז זיי וועלן נישט איינשלאָפן ביז מיר וועלן צוריקקומען.

דער פויער האָט אונדז געעפנט דעם שטאל און ווען עס איז פינצטער געוואָרן זענען מיר ארויסגעגאנגען. מיר זענען אָפּגעגאנגען א 6 ק״מ דורך פעלדער, טאָפּ־טשענדיק אין בלאָטע, אריבערגעגאנגען א קליין טייכל און אָנגעקומען אין דאָרף. פון דער ווייטנס האָבן מיר געהערט א געזאנג און מענטשלעכע שטימען. פון הינטער די געביידעס זענען מיר דערגאנגען צו דעם באשטימטן הויז. דאָס איז געווען דאָס הויז פון דעם פויער, וועלכער האָט זיך גערעכנט אלס מיין פאָטערס בעסטן פריינט. דאָך איז געווען א גרויס מורא ווייל פיל מאָנאטן האָבן מיר קיינעם נישט געזען פאר אונדזערע אויגן, בלויז דעם פויער, וואָס אונטער זיין שוץ זענען מיר געווען.

דער פּאָטער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. עמיצער האָט געעפנט די טיר און איז ארויס דרויסן. דאָס איז געווען דער בעל־הבית אליין און דער פּאָטער האָט אים באלד דערקענט און אָנגערופן מיטן פּריוואַט־נאָמען. דער פּוילישער פּויער האָט דער־קענט דעם פּאָטער לויט דער שטימע און אונדז אריינגערופן אין שטוב אריין. דער פּויער און זיין פרוי זענען דערשטוינט געוואָרן זעענדיק אונדז, ווייל זיי האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אז מיר לעבן נאָך. דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז פיל יידן זענען געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן און הינגעריכט געוואָרן.

אונדזערע פריינט האָבן אונדז געגרייט א טיש, מיר האָבן געגעסן און זיך דערמונטערט. דער פּאָטער האָט דערקלערט דעם פּויער דעם ציל פון אונדזער באַזוך. אונדזערע סחורות זענען געווען ביים פּויער און ער האָט איינגעשטימט אונדז געבן די געפאָדערטע סומע. דאכט זיך, אז דאָס איז געווען 2,000 זלאָטעס. ער האָט אונדז אויך צוגעזאָגט אָנגרייטן פאר אונדז נאָך א סומע צו א צווייטן באַזוך.

דער פּויער האָט נישט געוואָלט הערן ווו מיר באַהאַלטן זיך אויס. פון אים האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז אין וואלד וואנדלען ארום יידן. ער אליין האָט זיי נישט געזען, בלויז געהערט. ער האָט אונדז געוואָרנט, אז עס זענען פאראן שלעכטע מענטשן, וואָס מסרן די וואָס באַהאַלטן זיך אין וואלד. ווען נישט די מסירות — מיינט ער — וואָלטן די דייטשן נישט דערווישט אפילו איין ייד.

צוריקקומענדיק אין באַהעלטעניש, האָבן מיר געפונען אלץ אין אָרדנונג. דער באַזוך האָט אונדז צוגעגעבן פיל מוט און דער פּאָטער האָט באַשלאָסן פארלאָזן די גרוב ענדע אפּריל און אריבערגיין אין וואלד; אויב די מלחמה וועט נאָך דויערן ווינטער, וועלן מיר צוריקגיין צו דער גרוב. דער בעל־הבית האָט אָנגענומען דעם געדאַנק און האָט אונדז צוגעזאָגט הילף. ווידער איז אונדזער הארץ פול געוואָרן מיט האָפנונג.

צוזאמענטרעף מיט אפגעראטעוועטע

דאָס ארויסגיין פון דער באַהעלטעניש האָבן מיר געפּלאַנט זייער גרינטלעך. דער פּויער האָט אונדז צוגעגרייט א האַק, א קליין זעגל, 4 לעבלעך ברויט, זאַלץ, שוועבע־לעך, א פלאַש נאַפט און נאָך פּראָדוקטן. דער ארויסגאַנג איז אויסגערעכנט געווען אויף די שפּעטערע אָוונט־שעהן. עס איז געווען א פינצטערע סוף אפּריל נאַכט, 11 א זייגער. די שטאָל האָט זיך געעפנט און מיר, אָנגעטאָן און אויסגעשטאַט ווי געהעריק, האָבן זיך אלאָז געטאָן דרויסן.

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אז די מוטער איז נישט אומשטאַנד צו גיין. אויך אונדזערע פיס האָבן אונדז קוים געדינט, נאָך א לאַנגן זיצן אויף איין פלאַץ. מיר האָבן זיך אָנגעגאַרטלט, דער מוטער האָט דער פּאָטער געטראָגן אויף די הענט און א טייל צייט האָבן מיר איר אונטערגעהאַלטן. מיר זענען אריבער פעלדער, טייכן, בערגלעך, אויסמיידנדיק דעם דאָרף האָלאָווטשיץ, זיך ווענדנדיק צום זאַבוזשער וואלד.

באַגינען זענען מיר דערגאַנגען צום וואלד און אריין אין דער טיף פון 500 מ׳. דאָרט האָבן מיר זיך אויסגערוט און אַנטדרימלט געוואָרן. ווען מיר האָבן זיך אויפגע־כאַפּט, האָט די זון שוין געשיינט און אָנגעוואַרעמט די לופט. פאר אונדז איז עס געווען

א פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג נישט געזען: א שיינער, העלער טאָג, די זון שיינט, בוימער ארום אונדז און מיר אָטעמען פרישע לופט — — —

מיר האָבן זיך אונטערגעלעגט ס'הארץ און געווען אין גוטער שטימונג. מיר האָבן באַשלאָסן ארויסצוגיין אין אָוונט, איך מיטן פאָטער, צו דעם נאָנטן פאָלווארק כדי כאַפּן א שמועס מיטן בעל־הבית, וואָס דער פאָטער האָט אים געקענט נאָך פון דער צייט ווען מיר האָבן געוווינט אין יענעם דאָרף. מיר האָבן געוואָלט באַקומען ידיעות וועגן יידן, וואָס געפינען זיך געוויס אין דער אומגעגנט.

ווען עס איז פינצטער געוואָרן, זענען מיר ארויס פון וואלד און אָנגעקומען אין פאָלווארק. דער פאָטער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און דער פויער, וואָס איז ארויס צו אונדז, איז צוערשט אנטשטוינט געוואָרן, דאן האָט ער זיך צעשריען: — טראָגט זיך אָפּ פון דאנען! דו טויט־קאַנדידאַט, צוליב דיר קען איך נאָך הינגעריכט ווערן! אָן שהיות האָבן מיר א שלעפּ געטאָן אונדזערע פיס און זיך אָפּגעטראָגן.

מיר זענען געווען פארצווייפלט. דער פאָטער האָט געוואָלט גיין טיפער אין וואלד, וואָס לויט אונדזער אויסרעכנונג האָט ער זיך געצויגן ברייט־אויס דעם בוג, א 7 ק"מ, און לענג־אויס ביז אָן א סוף. ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועלן מיר נישט געפינען קיין וואסער־קוואלן, ווייל די אונדז באַקאַנטע קוואלן זענען נאָנט צו די הויפּט־וועגן, וואָס שניידן אדורך דעם וואלד. מיר זענען געווען אין א גרויסער פארלעגנהייט.

מיר האָבן געוואַרט אויף א נס. פּלוצלונג, אין אָוונט, האָבן מיר באַמערקט ווי 2 מענטשן דערנענטערן זיך צו אונדז. זייער גאַנג איז געווען וואקלדיק און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אז דאָס זענען נישט קיין דייטשן. זיך דערנענטערנדיק צו אונדז, האָבן מיר געזען, אז דאָס זענען רוסישע געפאַנגענע. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי זענען אנטלאָפן פון א געפאַנגען־לאַגער אין פויזן, א צוויי מאָנאַטן שפּאַנען זיי פון מערב אהער און זייער ציל איז דערגיין קיין רוסלאַנד און זיך אָנשליסן אָן דער רויטער ארמיי. צווישן אנדערע האָבן זיי אונדז דערציילט, אז זיי האָבן באַזוכט ביי א פויער אין דער נאָנט און אהין זענען געקומען 2 יידן, וואָס האָבן באַקומען שוץ. די געפאַנגענע האָבן פאָרגעלייגט יענע יידן זיי זאָלן זיך אָנשליסן אָן זיי, אָבער יענע האָבן נישט געוואָלט.

לויט סימנים האָט מיין פאָטער פארשטאַנען ווער דער פויער איז. אין אָוונט בין איך מיטן פאָטער ארויסגעגאַנגען צו דעם פאָלווארק. דער בעל־הבית האָט אונדז טאַקע פריינטלעך אויפגענומען און דערציילט, אז ער שטייט אין פארבינדונג מיט אייניקע יידן, וואָס געפינען זיך אין וואלד; מעגלעך, אז אין אָוונט וועלן זיי קומען אים באַזוכן. דערווייל האָט ער אונדז געגרייט א טיש. פון דער ריכטונג פון שייער האָט זיך געהערט א שאָרך און באלד דערנאָך — אן איבערגעריסענער פייף. דער פויער האָט אָפּגעענטפערט מיט 3 איבערגעריסענע פייפן און דאן זענען דערשינען 2 געשטאַלטן,וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז. מיר האָבן זיי באלד דערקענט. דאָס זענען געווען מיין קוזין הערשל כיבאָווסקי און יידל כיבאָווסקי. מיר זענען ארויפגעפאלן איינער אויפן אנדערן און זיך צווויינט. עס איז נישט געווען קיין צייט אויף א לאַנגן געשפּרעך. הערשל האָט גלייך פאָרגעלייגט, אז מיר זאָלן נעמען די קינדער און אריבערגיין אין זייער באַהעלטעניש.

דערוויסנדיק זיך וועגן דער באַגעגעניש, האָבן זיך די קינדער זייער געפרייט, אָבער די מוטער האָט נישט געוואָלט מיטגיין און האָט געבעטן מיר זאָלן איר דאָ

איבערלאָזן. נאָך א געהעריקן ווערטער־אויסטויש האָט זי איינגעשטימט גיין מיט אונדז. הערשל האָט באלד דערזען וואָס עס טוט זיך מיט דער מוטער און האָט אונדז צוגעהאָלפן איר טראָגן אין וועג. אזוי זענען מיר געגאנגען די גאנצע נאכט ביז מיר זענען באגינען דערגאנגען צו אונדזער ציל.

דאָס איז געווען א יונג, אָבער געדיכט וועלדל, וואָס ס'איז שווער אין אים אריינצוגיין און ווו מען זעט בלויז אויף א קורצע דיסטאנס. מיר זענען נאָכגעגאנגען אונדזערע וועגווייזער און דערגאנגען ביז א קליינער פּאָליאנקע. דאָרט איז געזעסן א גרופּע מענטשן, וואָס זענען איבערראשט געוואָרן אונדז זעענדיק. צוו. אנד. זענען דאָרט געווען: יצחק דער וונוק און זיינע זין, וועלוול דער בלעכער, הערצקע און משה קליידערמאכער, געצעלע ווייסבערג, שמואל ניסנס, משה און שעפּסל אברהמטשעס, שמעון בוטשעס, מלכהלע די שניידערקע, שיע מרדכי געצלס, עזריאל מאָנטשאזש, צביה פון סעמיאטיטש, סרולע דעם אָגאָראָדניקס, שרה פון בלאשקי. אויך זענען דאָרט געווען צוויי ברידער, בלאשקער, וואָס זייער צונעמעניש איז געווען די נעגוסעס (ווייל זיי זענען געווען שווארץ ווי נעגערס) און אויך 3 רוסישע זעלנער, וואָס זענען אנטלאָפן פון געפאנגענשאפט.

אלע האָבן אונדז פריינטלעך אויפגענומען. דאָס ערשטע מאָל נאָך 6 מאָנאטן זינט מיר זענען אנטלאָפן פון לאגער האָט אונדז ארומגענומען א זיכערקייטס־געפיל, אז אָט זענען מיר צווישן יידן.

עטלעכע מענטשן האָבן אונדז דערציילט זייערע איבערלעבונגען. באזונדערס בין איך דערשיטערט געוואָרן הערנדיק די געשיכטע פון געצל ווייסבערג, וואָס איז געווען די גאנצע צייט אליין אין א גרוב, נישט האָבנדיק קיין קאָנטאקט מיט וועמען עס איז. מיר האָבן זיך איבערצייגט, אז אויך אנדערע האָבן געליטן. עס האָט אויסגעזען, אז מיר זענען די איינציקע גרופּע, וואָס איז לעבן געבליבן און אויסער אונדז מעגלעך, אז בלויז איינציקע רעשטלעך זענען געבליבן דאָ און דאָרט. אָטדער פאקט האָט אונדז פארשטייט זיך ווייניק געפרייט.

דאס לעבן אין וואלד

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו א נייעם לעבן. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט קאָכן. דער פאָטער פלעגט ארויסגיין מיט די עלטערע מענטשן ביינאכט ברענגען עסן און נאָך 2 וואָכן האָב איך זיך אויך אָנגעשלאָסן אָן די גרופּן, וואָס פלעגן ארויסגיין ביינאכט. מיר פלעגן צוזאמענקלייבן כלערליי גרינס פון די פעלדער און זיך אויך אויסגעלערנט ארויסשלעפּן עופות פון די שטייגן, שפּעטער פלעגן מיר זיך נעמען אויך צו שעפּסן און קעלבער און אפילו חזירים.

מיין קוזין הערשל האָט געמאכט „יד אחת" מיט שמעונען און פאקטיש זענען זיי ביידע געווען די אומגעקרוינטע פירער פון דער גרופּע. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט ברענגענדיק שפּייז און מאכנדיק ווייטע עקספּעדיציעס און האָבן געהאט ענגע פארבינדונגען מיט פּאָליאקן. מיר האָבן זיך באמיט אויסלערנען פון זיי, וועלכע זענען געווען גוטע ראטגעבער. שמעון פלעגט אונדז אָפּשערן, נאָכדעם ווי די גאנצע צייט זענען מיר געווען באוואָקסן, אז ס'איז געווען א שרעק אונדז אָנצוקוקן.

אין יענער צייט זענען נישט אויסגעפירט געוואָרן קיין רעוויזיעס דורך די דייטשן און מיר האָבן געמיינט, אז אונדז וועט געלינגען אזוי ארורכשטופּן די צייט — ווער וויים ביז ווען. די מוטער פלעגט ליגן שטיל, נישט רעדנדיק, אָבער זי פלעגט אויך נישט נעמען קיין עסן אין מויל.

אין א שיינעם טאָג האָט מיין מוטער זיך געווענדעט צו שמעון בוטשעס און אים אָנגעהויבן דערציילן א געשיכטע וועגן אן אוצר — זילבער און גאָלד, וואָס זי האָט באהאלטן אין פּוילישן בית־הקברות; זי וויל גיין אהין כדי עס ברענגען און צעטיילן צווישן די גרופּע־מיטגלידער אויף גלייכע חלקים. דערביי האָט זי באמערקט, אז דער פאָטער וויל נישט עמיצער זאָל וויסן וועגן אוצר, ווייל ער וויל עס פאר זיך אליין.

די געשיכטע איז דערגאנגען צו מיין פאָטער, וואָס האָט עס זעלבפארשטענדלעך געווצלעך אָפּגעלייקנט. אָבער די מוטער האָט זיך געהאלטן ביי אירס און דערציילט אויספירלעכע איינצלהייטן — וויאזוי זי האָט אריינגעלייגט דעם אוצר אין א לעדערן





דער פאָטער —
יוסף פערלמאַן

די מוטער —
אסתר

זעקל און עס באגראָבן אין קבר פון אנדרושקעוויטש, א געוועזענער פּאָליציי־קאָמענדאנט; אויף דער מצבה איז אויסגעקריצט דעם נפטרס בילד און זי וויים גענוי ווו דער אוצר איז פאראן. מיר האָבן פארשטאנען, אז זי וויל קומען אין שטאָט און זיך איבערגעבן דער פּאָליציי.

די מענטשן האָבן איר דאָך געגלויבט, און נאָך א דיסקוסיע, וואָס האָט אָנגעהאלטן עטלעכע טעג, האָט דער פאָטער נישט געהאט קיין ברירה און האָט זיי דערלויבט גיין ביזן בית־הקברות „כדי צו ברענגען דעם אוצר". איידער הערשל און שמעון זענען ארויס צוזאמען מיט דער מוטער, האָט דער פאָטער זיי באשוואָרן, אז אין פאל ווען זיי וועלן דערפילן, אז די מוטער פּראָבירט אנטלויפן און זיך ארויסדרייען פון זיי, זאָלן זיי איר דערשיסן מיט זייער געווער, ווייל אין קעגנפאל וועט זי אונדז

מיר זענען געווען פּאַרזיכטיק און איר נישט איבערגעלאָזט אליין אפילו אויף איז אין אָנמאכט און קריכט אויף אלע פיר; שמעון און הערשל זענען אויך געווען צעבראָכן ווייל זיי האָבן געמוזט טראָגן דער מוטער כמעט דעם גאנצן וועג. זיי האָבן דערציילט, אז קומענדיק צום בית־הקברות, האָט זיך די מוטער אויסגעלייגט אויף דער ערד און דערקלערט: הרגעט מיר אַדער לאָזט מיר גיין צו דער פּאָליציי! עס האָט אויך אויסגעזען, אז זי האָט אריינגעכאַפּט קלעפּ. מיר האָבן אויך פארלאָרן דאָס גלייכגעוויכט און איר אָנגעהויבן שלאָגן. זי איז געלעגן און ווי גאַרנישט געפילט.

מיר האָבן געוויינט און זיך געבעטן ביי דער מוטער, אז זי זאָל אויפהערן ברענגען אויף אונדז צרות, אָבער איר ענטפער איז געווען, אז דאָסמאָל איז איר נישט ארויסגעבן צו די דייטשן. זיי האָבן צוגעזאָגט, כאָטש זיי האָבן נישט געהאלטן פון מיין פאָטערס מיינונג.

באגינען זענען זיי צוריקגעקומען. מיר האָבן באלד דערזען, אז די מוטער געלונגען, אָבער א צווייט מאָל וועט עס איר זיך איינגעבן.
געבן די גאנצע צייט. אָבער זי איז געלעגן אפאטיש און קיין זאך האָט איר נישט אינטערעסירט.

אין אלגעמיין איז יענע צייט געווען גאנץ אָנגענעם. מיר האָבן נישט געליטן א מינוט — סיי בייטאָג און סיי ביינאכט. די קלענערע ברידער פלעגן אויף איר אכטונג פון שיקאנעס און רעוויזיעס און געקענט זיך אויסהאלטן. מיר האָבן געוואַרט, אז די מלחמה זאָל זיך שנעל ענדיקן מיט א זיג איבער די דייטשן.

א באהעלטעניש אויף ווינטער־צייט

דער זומער איז אריבער. די פעלדער האָבן זיך אויסגעליידיקט און די בלעטער האָבן אָנגעהויבן אראָפּפאלן פון די בוימער. יעדער איינער פון די אונדזעריקע האָט אָנגעהויבן קלערן וועגן א באהעלטעניש־פּלאַץ אויף ווינטער. קיינער האָט דעם אנדערן נישט דערציילט געגוי זיין פּלאַן. אָבער אלע האָבן געוווּסט בערך וואָס דער אנדערער קלערט, נישט רעדנדיק דערפון.

מיין פאָטער האָט געשמועסט מיט זיין קוזין הערשל און אים פאַרגעלייגט ער זאָל צושטיין צו אונדזער באהעלטעניש. הערשל האָט נישט איינגעשטימט, טענהנדיק אז דער פּלאַץ איז צו קליין און האָט געזאָגט, אז ער וויל זיך אויסבאהאלטן מיט זיינע חברים יידל כיבאָווסקי און עזריאל מאָנטשאזש. דער פאָטער האָט אים אָפּגעשיל־דערט דעם צוגאנג צו אונדזער גרוב און געזאָגט, אז אין פאל ווען ער וועט עפּעס באדארפן, קען ער שטענדיק קומען צו אונדז. דערביי האָט דער פאָטער אים געגעבן דעם רעוואָלווער, וואָס ער האָט געהאַט. הערשל האָט אָפּגעדאנקט.

דער פאָטער האָט זיך אָפּגערעדט פון הארצן, זאָגנדיק אז מיר דארפן טאָן אלץ כדי לעבן בלייבן אז מיר זאָלן קענען דערציילן דער וועלט וואָס עס איז אונדז געשען און אפשר אויך נקמה נעמען פון די רוצחים און זייערע מיטהעלפער. געווען איז עס אין אָקטאָבער 1943, צוויי טעג איידער מיר האָבן פארלאָזט דעם וואלד און זיך אומגעקערט צו אונדזער באהעלטעניש.

די ערשטע טעג האָבן מיר געהאט א שווער שטיקל ארבעט. די גרוב איז געשעדיקט געוואָרן. די חזירטע, וואָס איז געשטאַנען איבער אונדז, האָט געלייגט א טוץ חזירימלעך, וואָס זענען דערוויייל אויפגעוואָקסן. פליסיקייט איז אריין אין גרוב. ביינאכט פלעגן מיר דרעסירן די קליינע חזירימלעך, זיי זאָלן מאכן זייערע באדערפענישן אין ווינקל פון שטאל — לויטן מוסטער פון דער אלטער חזירטע. מיר האָבן אלץ מקבל געווען באהבה, זיך ווילצלענדיק דערביי. מיר האָבן געגלויבט, אז מיר וועלן דאָס אלץ איבערלעבן. מיר האָבן געהאָפט, אז עס וועט קומען א פראָסט און פארפרירן די פליסיקייט איבער אונדז.

אין דעצעמבער איז אָנגעקומען א גוטע בשורה פון דעם מזרחדיקן פראָנט. אין אזוינע פאלן פלעגט דער פויער ארויסווייזן א בעסערע באציאונג צו אונדז. מיר האָבן פארשטאַנען, אז זיין לאגע איז אויך נישט פריילעך.

די אָפיציעלע פרעסע האָט איבערגעגעבן וועגן גרויסע שלאכטן אין מזרח און וועגן שטאַרקערע אָנגריפן פון דער רויטער ארמיי. מיר זענען געווען פול מיט האָפנונג און געפילט, אז עס דערנענטערט זיך דער סוף צו אונדזערע ליידן.

אָבער די לאגע פון דער מוטער האָט אונדז אלץ מער באאומרואיקט. זי איז געוואָרן אלעמאָל שוואכער. שלאָפן האָט זי נישט געקענט און זי איז געוואָרן גלייכגילטיק צו אלץ. זי פלעגט ווייניק עסן און טרינקען, נישט גערעדט, נאָר יעדעס מאָל מאכן באמערקונגען, אז עס איז נישט כדאי זיך אָנצושטרענגען ווייל אזוי צי אזוי וועלן מיר זיך נישט ראטעווען. מיר האָבן געבעטן אין הארצן, אז די רוסן זאָלן וואָס שנעלער קומען און דאן וועלן מיר אפשר קענען איר אָפראטעווען. אָבער דער גורל האָט געוואָלט אז ס׳זאָל זיין אנדערש.

סוף דעצעמבער האָבן מיר דערהאלטן א שרעקלעכע ידיעה פונם פויער, וואָס האָט דערציילט, אז אין וואלד זענען דערהרגעט געוואָרן 3 יידן: הערשל כיבאָווסקי, עזריאל און יידל. זייערע נעמען האָט ער געהערט פון מענטשן, נאָנטע צו פאָליציי־קרייזן. א טרויער האָט אונדז ארומגענומען. דער פאָטער האָט געוויינט ווי א קליין קינד. מיר, די קינדער, האָבן אים געטרייסט. עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז די דריי זענען דערשאָסן געוואָרן פון א לויערונג נעבן דעם קוואל.

דער טויט פון די דריי בחורים האָט אונדז דערשלאָגן און מיר זענען נישט געקומען צו זיך אפילו לייענענדיק היטלערס רעדע אין דער צייטונג ענדע יאָר, וואָס איז געווען פאר אונדז פול האָפנונג. פונם שונאס רעדע האָט זיך ארויסגעהערט א דעפעטיסטישער טאָן, אזויווי גאנץ אייראָפּע איז פארלוירן און אז „ער וועט זיך באמיען, צוזאמען מיט דער גאנצער קולטורעלער וועלט, זי אָפּראטעווען פון די קאָמוניסטן״.

א פאמיליען־אומגליק

יאנואר 1944 איז געווען א זייער מילדער וועטער. עס זענען געפאלן ווייניק שנייען און די קעלט איז נישט געווען אונטער 10—15 גראד פראָסט. מיר האָבן געוואָרט, אז אין פארלויף פון ווינטער זאָל אָנקומען די רויטע ארמיי, אָבער אונדזער האָפנונג איז נישט מקויים געוואָרן.

דערווייל איז די לאגע פון דער מוטער געוואָרן ערגער. מיר האָבן פארלוירן די האָפנונג איר צו אויפמונטערן און אָפּגעוואַרט די צוקונפט. פיל מאָל האָבן מיר געהערט ביינאכט אויפרייסן און מיר האָבן עס אויסגעטייטשט, אז דער פראָנט דערנענטערט זיך.

דעם 31־טן יאנואר 1944 ביינאכט האָב איך זיך פלוצלונג אויפגעכאפּט. די מוטער פלעגט געווייינלעך ליגן שטיל; אין אלגעמיין פלעגט זי נישט שלאָפן, נאָר באוועגן מיט די הענט. זיך אויפכאפּנדיק, האָט מיר געשרעקט די אויסטערלישע שטילקייט. איך האָב אויפגעוועקט דעם פאָטער, וואָס האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע און דאן האָבן מיר געזען די מוטער זיצנדיק אָנגעלענט אָן דער וואנט, אָן באוועגונג. איר מויל איז געווען אָפן, די אויגן אויפגעמאכט. די קליינע קינדער זענען געשלאָפן נעבן איר. דער פאָטער האָט איר אָנגערירט און איר גערופן ביים נאָמען אסתר, אָבער איר קאָפּ האָט זיך אראָפּגעבויגן אויף פאָרנט און מיר האָבן געזען, אז זי איז נישט ביים לעבן.

מיר האָבן נישט געוואָלט אויפוועקן די קינדער און באשלאָסן ארויסטראָגן דעם קערפּער פון גרוב אין שטאל. דאָס איז געווען נישט קיין לייכטע ארבעט. איך בין ארויסגעקראָכן דורך דער עפענונג און דער פאָטער האָט מיר דערלאנגט דעם קערפּער. עס איז געווען זייער שווער ווייל די עפענונג איז געווען שמאָל אפילו פאר א לעבעדיקן מענטשן, וואָס קען זיך איינבויגן און איינשרומפּן. מיר האָבן אוועקגעלייגט דעם קערפּער אויף ברעטער, וואָס זענען געווען ווי א פּאָליצע און עס פארדעקט מיט א קאָלדרע. עס איז געווען 5 א זייגער פארטאָג.

צוריקקומענדיק אין גרוב, זענען די קינדער נאָך געשלאָפן און גאָרנישט געוווּסט. מיר האָט ארומגעכאפּט א קעלט און עס האָט זיך מיר געדאכט, אז די ציינער פאלן מיר ארויס פון מויל. איך האָב געזען, אז אויך דער פאָטער ציטערט פון קעלט. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט, נישט רעדנדיק קיין וואָרט. דער פאָטער האָט דאן געזאָגט, אז מען דארף אויפוועקן די קינדער. ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאפּט, האָבן זיי געזען, אז די מוטער איז נישטאָ און האָבן זיך געפרעגט אויף איר. מיר האָבן זיי דערציילט וואָס עס איז געשען און זיי האָבן אויסגעבראָכן מיט א שטיל געוויין. אלע האָבן מיר געלאָזט טרערן. מיר האָבן נישט גערעדט צווישן זיך ביז אליהו, דער יינגסטער ברודער, וואָס איז דאן אלט געווען 14 יאָר, האָט ארויסגעמורמלט, אז דער מוטער איז איצט בעסער ווי פריער און ווער ווייס וואָס עס וועט זיין מיט אונדז. מיר האָבן זָפּגערעדט, אז מיר ווילן אליין זי באגראָבן אין נאָענטן וועלדל.

באגינען איז געקומען צו אונדז דער פּויער און מיר האָבן מיט אים אָפּגערעדט, אז אין אָוונט וועלן מיר ארויסגיין באגראָבן דעם קערפּער און אים געבעטן אָנגרייטן פאר אונדז לאָפּאטעס, דער פּויער האָט געבעטן מיר זאָלן אויסגראָבן א טיפע גרוב כדי די חיות זאָלן נישט קענען אויפדעקן, ווייל דאן וועלן זיך די דייטשן דערפון דערוויסן. מיר האָבן אים צוגעזאָגט.

יענעם טאָג האָבן מיר נישט אָנגעצונדן קיין ליכט, נישט געגעסן און נישט געטרונקען און אויך נישט גערעדט צווישן זיך. יעדער איינער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער האָט נישט געפונען קיין פּאסיקע ווערטער. די זון איז אונטערגעגאנגען און דער פּויער האָט געעפנט דעם שטאל. דער פאָטער האָט גענומען מיט מיר דעם

קערפּער. אין וועלדל האָבן מיר געפונען א גרוב אין דער טיף פון א האלבן מעטער. מיר האָבן געגראָבן נאָך מער ווי א מעטער און באגראָבן דעם קערפּער. נאָכן פארשיטן די גרוב האָט דער פאָטער געזאָגט קדיש און איך האָב נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט. איך האָב געוואָלט וויינען, אָבער נישט געקענט.

נאָך דער קבורה זענען מיר צוריקגעגאנגען אין גרוב און געפונען די קינדער זיצן און וויינען. א שרעק איז אונדז באפאלן. מיר האָבן געוואָלט פארלאָזן דעם פּלאץ, אָבער מיר האָבן געוווּסט, אז דאָס וועט זיין ממש זעלבסטמאָרד אויב מיר וועלן אוועקגיין איידער דער ווינטער וועט פארבייגיין. מיר האָבן באשלאָסן ארויסגיין דעם 21־טן מערץ, דער ערשטער פרילינגס־טאָג, זיך נישט רעכענענדיק מיטן וועטער.

צוויי טעג פארן ארויסגאנג בין איך געגאנגען מיטן פאָטער אין וואלד כדי נאָכזען אויב ס׳איז דאָרט פאראן עמיצער פון אונדזערע באקאנטע. מיר האָבן דערקענט די פּלעצער, ווו מיר האָבן פארבראכט דעם פאָריקן זומער, אָבער מיר האָבן דאָרט נישט געפונען קיין זכר פון עמיצן. אין אן אנדער פּלאץ האָבן מיר אנטפּלעקט סימנים אז דייטשן זענען דאָרט געווען: שפּורן פון פארנאָגלטע שיך, כלים וואָס האָבן געדינט צו האלטן וואסער דורכגעלעכערטע מיט קוילן. מיר זענען דערגאנגען נאָנט צום קוואל און נישט געזען קיין פרישע טריט. דאָס איז געווען פאר אונדז א סימן, אז קיינער איז נישט צוריקגעקומען אין וואלד אריין.

מיר האָבן ווייטער געזוכט כדי צו געפינען א זכר פון מיין קוזין הערשל און אויסגעפונען א פרישן קבר נעבן דעם וועג, וואָס פירט פון דאָרף האָלאָווטשיץ קיין זאבוזשע. מיר האָבן פארשטאנען, אז דאָ זענען באגראָבן הערשל, יידל און עזריאל. דער פּלאץ איז געווען ענלעך צום פויערס שילדערונג.

אָוונט־צייט האָבן מיר זיך אומגעקערט. עס האָט זיך ביי אונדז דערוועקט א צווייפל אויב מיר וועלן קענען איבערקומען די שוועריקייטן אין וואלד זייענדיק אליין. אָבער מיר האָבן באשלאָסן ארויסגיין אויף יעדן פאל, ווייל אין גרוב האָבן מיר שוין נישט געקענט בלייבן. די קינדער האָבן מיר דערציילט, אז דרויסן איז שוין נישט קאלט.

איינזאם אין וואלד

אין דער באשטימטער צייט, נאָך האלבער נאכט, זענען מיר ארויסגעגאנגען און באגינען זענען מיר אָנגעקומען אין וואלד. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט נעבן קוואל און אָנגעהויבן זאָרגן פאר נויטווענדיקע איינריכטונגען. מיר האָבן אויסגעשפּרייט א ליילנט צום שוץ פון דער זון, אויסגעגראָבן א גרוב אָנצוצינדן פייער און אָנגעזאמלט טרוקענע צווייגן, וואָס עס איז שווער געווען צו געפינען דאָן, ווען די ביימער זענען געווען נאס. אויך האָבן מיר אָנגעגרייט שפּייז אויף עטלעכע טעג.

באלד נאָכן איינאָרדנען זיך אויפן פּלאץ האָבן מיר אָנגעהויבן פילן א גרויסע איינזאמקייט. בעת דעם פריערדיקן זומער האָבן מיר זיך געטראָפן מיט פיל באקאנטע און איצט זענען מיר געווען בלויז זאלבעפערט. אמערסטן האָבן מיר פארבראכט מיט אויסשנאָפּן און אונטערהערן: אפשר געפינט זיך עמיצער אין וואלד? מיר האָבן געוווּסט, אז עטלעכע רוסן, וואָס זענען אנטלאָפן פון געפאנגען־לאגער, האָבן דאָ

פארבראכט דעם פאַריקן זומער און מיר האָבן געקלערט: אפשר וועלן מיר זיי טרעפן, אָבער מיר האָבן קיינעם נישט דערווישט.

עס זענען געווען רעגן־טעג. אין די מיטאָג־שעהן איז געווען גאנץ ווארעם, אָבער ביינאכט איז געווען זייער קאלט. מיר פלעגן זיך צודעקן מיט אן אלטן דיוואן, וואָס האָט געדינט זיינערצייט אלס א צודעק פאר א פערד, און מיט עטלעכע זעק. אונדזערע קליידער זענען געוואָרן אָפגעטראָגן. מיר האָבן געווארט אויפן זומער, וואָס איז געווען נאָנט.

די שפייז איז אונדז אויסגעגאנגען און מיר האָבן געזאָלט ארויסגיין פון וואלד כדי צו ברענגען פראָדוקטן. מיר האָבן געמוזט איבערלאָזן די קליינע ברידער, און איך מיטן פאָטער האָבן באשלאָסן זיך ארויסלאָזן אין וועג. מיר האָבן אָנגעזאָגט די קינדער זיי זאָלן נישט איינשלאָפן ביז מיר וועלן צוריקקומען. מיטן זון־אונטערגאנג זענען מיר ארויס און אונדזער הארץ האָט געציטערט. נעבן דעם דאָרף האָלאָווטשיץ האָבן מיר געפונען קארטאָפל אין גריבער, וואָס די פויערים האָבן איינמאגאזינירט אויף ווינטער. אויך האָבן מיר צוגעשלעפט עטלעכע הינער און נאָך האלבער־נאכט זענען מיר צוריקגעקומען אין וואלד. ארום איז געווען פינצטער און מיר האָבן קוים געפונען די שטעגלעך, וואָס פירן צום וועלדל ווו אונדזער באהעלטעניש איז געווען.

נאָך פון א קילאָמעטער די ווייט האָבן מיר געהערט א שנאָרכעריי און געמיינט, אז ווילדע חזירים האָבן זיך דאָ ארייגעקריגן. עס האָט אונדז ארומגענומען א שרעק פארן גורל פון די קינדער און מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן אין יענער ריכטונג. צווישן די קוסטעס זענען אונדזערע קליידער צעריסן געוואָרן לויפנדיק. כמעט אָן אָטעם זענען מיר אָנגעקומען און צו אונדזער שטיינען האָבן מיר דערזען, אז זלמן שנאָרכט עס אזוי הילכיק און נעבן אים שלאָפט זיך אליהו גאנץ געשמאק. אין די שפעטערדיקע טעג האָבן מיר זיך באמיט צוריקקומען פרי, לאָזנדיק זלמנען אלס שומר, אָבער ס'איז ווידער געשען, אז די קינדער זענען אנטשלאָפן געוואָרן. צו אונדזער מזל איז אלץ אריבער בשלום — ביז מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אנדערע אָפגעראטעוועטע.

ווידער א באגעגעניש מיט אָפגעראטעוועטע

אין מיטן אפריל, אין א שיינעם וועטער, האָבן מיר אָנגעהויבן ארומוואנדערן אין וואלד. מיטאָג־צייט זענען מיר דורכגעגאנגען א שטעגל נעבן א וועלדל און געפילט א רויך. קומענדיק אהין, האָבן מיר דאָרט אָנגעטראָפן שעפסלען און משה אברהם איטשעס, געצעלע און די צוויי ברידער פון בלאשקי, וואָס האָבן זיך גערופן די נעגוסן.

די שמחה איז געווען גרויס. זיי האָבן דערציילט, אז ערשט יענעם פרימאָרגן זענען זיי אָנגעקומען אהין. פאר אונדז איז עס געווען די ענדע פון איינזאמקייט, א בשורה פאר פרייהייט. ביינאכט פלעגן מיר ארויסגיין אין קליינע גרופעס. מיינע קלענערע ברידער פלעגן זיך באשעפטיקן מיטן קאָכן און זאמלען האָלץ צום הייצן. געצעלע איז מיר געוואָרן א גוטער פריינט; צוזאמען פלעגן מיר גיין שפאצירן און מיר האָבן פיל געשמועסט וועגן דער צוקונפט.

איינמאָל בין איך געגאַנגען מיט געצלען אין דאָרף האָלאָווטשיץ. עס איז נאָך געווען טאָג און מיר האָבן געוואגט אריבערגיין דעם שאָסיי צום דאָרף פּלאָסקאָוו. דער דאָרף איז געווען ליידיק און די איינוווינער זענען געווען פארזאמלט ארום דעם בילד פון דער הייליקער מאריע. מיר האָבן געהערט זייער געזאנג און פאר אונדז איז עס געווען א נישט געוויינלעכע איבערלעבונג, הערנדיק א געזאנג, וואָס האָט אונדז דערמאָנט די אמאָליקע גוטע צייטן.

אויפן וועג האָבן מיר געזען א ווייסע שטיק לייוונט, וואָס איז געהאנגען אויס־צוטריקענען. נישט קלערנדיק קיין סך, האָבן מיר עס מיטגענומען. דאָס איז געווען פון הויז־אויסארבעטונג, א 15 מ׳ די לענג.

ביינאכט האָבן מיר באוויזן צוזאמענעמען גענוג שפּייז און באגינען האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין וואלד. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס עמיצער פון אונדז האָט באקומען א שטיקל לייוונט און באלד איז אויפגעשווומען דער געדאנק אויפצונייען העמדער און אונטערהויזן. אונטער דער אָנפירונג פון מלכהלע די שניידערקע זענען מיר געוואָרן שניידערס. מיר האָבן צעטרענט א טייל פון לייוונט און זיך באנוצט דערמיט אלס פאָדעם. די אויפגענייטע זאכן זענען אונדז גוט צונוץ געקומען. אונדזער שליחות איז געווען אזוי געלונגען, אז מיר האָבן אָנגעהויבן פּלאנעווען נייע עקספּעדיציעס.

סכנה פון פוילישע פּארטיזאנער

אין יוני 1944 זענען מיר שוין געווען א געאייניקטע גרופּע. לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן באקומען, האָט די רויטע ארמיי מארשירט פאָראויס מיט ריזן־שריט; זי האָט איינגענומען קיעוו, און די דייטשן האָבן פארלאָזט סמאָלענסק. די פּויערים האָבן פאָראויסגעזאָגט, אז אין א מאָנאט קומען די רוסן אהער.

אָבער איינצייטיק האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז דאָס דייטשע מיליטער באוועגט זיך אין אונדזער געגנט און מיר האָבן פארשטאנען, אז אונדזער לאגע קען ווערן קריטיש ווען זיי וועלן זיך גרייטן צו באשיצן דעם בוג, וואָס אין זיין שכנות זענען מיר געווען.

מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן עצות. א טייל האָבן געמיינט, אז עס איז כדאי צוריקצוגיין צו די פּויערים. אָבער אויך דאָרט איז די סכנה געווען גרויס. מיר האָבן נישט געהאט קיין ברירה נאָר צו בלייבן אויפן אָרט און מיר האָבן באשלאָסן אָנגרייטן שפּייז אויף צוויי וואָכן, אויפן פאל ווען עס וועלן זיין קאמפן אין דער געגנט און מען וועט זיך נישט קענען רירן פון אָרט.

איינמאָל ביינאכט זענען מיר ארויסגעגאנגען א גרופּע פון 4 פּערזאָן: משה, שעפּסל אברהם איטשעס, געצל און איך. אונדזער ציל איז געווען דערגיין ווייט ווי מעגלעך און ברענגען שפּייז, הויפּטזעכלעך עטלעכע שעפּסן כדי מיר זאָלן קענען אָנגרייטן פלייש און שמאלץ. מיר זענען דערגאנגען ביז די פּלאָסקאָווער קאָלאָניעס און דאָרט באקומען ברויט. מיר זענען געגאנגען ווייטער דורך פעלדער און וועלדער און באגינען זענען מיר געקומען אין דער געגנט פון דאָרף מענזשעניץ.

משה און שעפּסל, וואָס האָבן גוט געקענט די געגנט, האָבן געזאָגט, אז מיר וועלן נישט באוויזן זיך אומקערן און אז מיר מוזן בלייבן אין וועלדל א גאנצן טאָג

און אין אָוונט ווען מיר ערשט קענען עפּעס מאכן. אזוי האָבן מיר טאקע געטאָן. אין אָוונט האָבן מיר אָנגעהויבן זיך רירן. דער וועטער איז געווען רעגנדיק. בליצן און דונערס האָבן געבושעוועט. מיר זענען געגאנגען א צוויי ק״מ פּאָראויס און פאַרבייגייענדיק א וועלדל — אין דער צייט ווען איך בין געגאנגען דער לעצטער — האָבן מיר פּלוצלונג דערזען א מענטש, פּאָרנדיק אויף א וועלאָסיפּעד אין אונדזער ריכטונג. דער מענטש איז אראָפּ פון וועלאָסיפּעד און אונדז אָנגעקוקט. מיר האָבן געהאט א שלעכט געפיל און ווירקלעך, פּלוצלונג האָבן מיר געהערט א שאָס און געזען פייער אין די אויגן. אינסטינקטיוו האָב איך א שפּרונג געטאָן אָן א זייט און זיך געקאָלערט אין א קאנאל אריין. איך בין אויפגעשטאנען און געלאָפן אין א וועלדל אריין און דערביי געהערט נאָך שיסערייען. אזוי בין איך געלאָפן און געשפּרונגען איבער בוימלעך און קוסטעס, ביז איך בין הענגען געבליבן אויף א קוסט. איך האָב מיר ארויסגעמאכט פון דאָרט און דערקענט געצלס טריט. כ׳האָב געטאָן א לייכטן פייף אלס אָן אָפּגערעדטן צייכן צווישן אונדז און ער האָט מיר אָפּגעענטפערט. דאן זענען מיר ביידע געגאנגען צוזאמען. לויט ווי ער האָט געזאָגט, איז קיינער פון די אונדזעריקע נישט געשעדיקט געוואָרן און מיר האָבן טאקע באלד געהערט א שאָרך און אלע פיר זענען מיר זיך צוזאמענגעקומען.

מיר האָבן נישט געוואָלט קומען מיט ליידיקע הענט און באשלאָסן צוקומען צום דאָרף. דער פירער איז געווען משה. אויפן פּלאץ זענען מיר דערגאנגען אין א שעה ארום. עס איז געגאנגען א רעגן, ס׳האָט געדונערט און געבליצט און פינצטער איז געווען, אויסער די בליצן וואָס האָבן באלויכטן די געגנט. משה און שעפּסל זענען אריין אין ערשטן שטאל, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן און זענען גלייך ארויסגעקומען, פירנדיק מיט זיך 3 גרויסע שעפּסן, צוגעבונדן איינער צום צווייטן מיט שטריק און רימענס. די שעפּסן האָבן אָנגעהויבן לויפן און מיר נאָך זיי. יעדער איינער פון אונדז האָט געהאלטן א שטריק אָדער ביי א וויידל פון א שעפּס און אזוי זענען מיר געלאָפן אפשר א שעה צייט. ביז היינט דאכט זיך מיר, אז דאָס זענען נישט געווען קיין שעפּסן נאָר שדים, ווייל טאטזעכלעך האָבן זיי אונדז געשלעפּט.

מיר זענען געלאָפן דורך פעלדער און גערטנער, ביז מיר זענען ארויפגעקומען אויף אן אומבריקירטן וועג. מיר זענען אָפּגעגאנגען עטלעכע ק״מ און געקומען צו א שאָסיי. קיינער פון אונדז האָט נישט געקענט דעם פּלאץ. אין דער זייט האָבן מיר געזען א רייע הייזער. ווען הינט האָבן אָנגעהויבן בילן, האָבן מיר נישט געהאט קיין ברירה און אויפגעוועקט א פויער כדי אים אויספרעגן. געצל איז צוגעגאנגען, אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און ס׳איז ארויסגעגאנגען א פויער, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט אלס וואָיט. מיר האָבן ביי אים געבעטן ברויט און ער האָט נישט געוואָלט געבן. אויף דער פראגע ווי דער דאָרף הייסט — האָט ער אָפּגעענטפערט ברוגזדיק, אז דאָס איז כלאָפּקאָוו.

מיר האָבן אים אָפּגעלאָזט און געגאנגען ווייטער צו מזרח זייט. דערווייל האָט דער רעגן אויפגעהערט און דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. עס איז שוין געווען נאָך האלבער נאכט. די שעפּסן זענען געלאָפן פּאָראויס און מיר נאָך זיי. פּלוצלונג האָב איך געהערט א שיסעריי און געזען פייער אין די אויגן. כ׳האָב געהערט א געשריי אין פּויליש: שטיין בלייבן! מיר האָבן אָפּגעלאָזט די שעפּסן און אָנגעהויבן לויפן.

איך האָב א שפּרונג געטאָן פון שאָסיי אין א וואסער־קאנאל. די שיסעריי האָט געדויערט און איך האָב געהערט טריט ביים שאָסיי. זעענדיק א רער, וואָס האָט מסתמא געדינט אלס וואסער־דורכגאנג אונטערן שאָסיי, בין איך אין אים אריינגעקראָכן. פון געשרייען אין פּויליש האָב איך פארשטאנען, אז די פּאָליאקן זענען בייז וואָס מיר אלע האָבן באוויזן צו אנטלויפן. עס זענען ארויסגעגעבן געוואָרן באפעלן אדורכ־צונישטערן די געגנט. שומרים זענען אוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן שאָסיי. כ׳האָב געהערט, אז איינער זאָגט דעם אנדערן אז ער זאָל אריינגיין אין קאנאל כדי נאָכזען דעם וואסער־דורכגאנג און כ׳האָב דערזען א לאָמטערן לייכט פון דער אנדערער זייט פון דורכגאנג. איך האָב מיר צוריקגעצויגן, ארויסגעגאנגען פון רער און כ׳בין ווידער געווען אין קאנאל. אויפן שאָסיי האָט געשפּאנט א וועכטער און פון דער ווייטנס האָב איך געהערט געשרייען. כ׳האָב פּראָבירט אנטלויפן און אָנגעהויבן קריכן כדי ארויסגיין פון קאנאל און זיך אריינקריגן אין א פארזייט פעלד.

לאנגזאם בין איך געגאנגען פּאָראויס, נישט ווערנדיק אנטפּלעקט. איך בין אזוי געקראָכן א הונדערט מ׳ פון שאָסיי. פּלוצלונג האָב איך דערהערט א געשריי: שטיין בלייבן! און מען האָט אָנגעהויבן שיסן אויף מיר. איך בין אויפגעשטאנען און אָנגעהויבן לויפן אין זיגזאגן. פון אלע ריכטונגען האָט מען אויף מיר געשאָסן און איך בין געלאָפן. כ׳האָב געזען פּאָראויס א שפּיץ בערגל און געקלערט, אז אויב איך וועל אריבערגיין דעם שפּיץ, וועט שוין קיינער מיר נישט קענען כאפּן אין דער נידער. אָבער איך בין געוואָרן אָפּגעשוואכט, כ׳האָב אָנגעהויבן פאלן און ווידער לויפן. די פארפאָלגער האָבן זיך דערנענטערט צו מיר און איך האָב שוין געזען די ליכט פון זייערע לעמפּלעך. כ׳האָב געהערט אויסרופן: — שטיי, ווען נישט, וועלן מיר דיר דערהרגענען! אָבער איך בין ווייטער געלאָפן. געפאלן און געלאָפן — ביז כ׳האָב געפילט, אז איך קען שוין נישט מער. אזוי בין איך געבליבן ליגן אויפן פעלד, אין דער תבואה.

אין קאָפּ זענען מיר ארומגעלאָפן פארשיידענע אויסטערלישע געדאנקען. הויפּט־זעכלעך האָב איך מיר געזאָרגט איבער דעם וואָס דער פאָטער און די ברידער וועלן אפילו נישט וויסן ווו איך בין באגראָבן. די סעקונדעס זענען אריבער לאנגזאם. כ׳האָב געהערט, אז מען דערנענטערט זיך צו מיר. איינער איז פארבייגעגאנגען נעבן מיר, נישט באמערקנדיק און אזוי אויך נאָך עטלעכע, וואָס זענען ווייטער געגאנגען. מיר האָט זיך געדאכט, אז מיר איז געלונגען, אָבער פּלוצלונג האָב איך דערזען, אז נאָך איינער קומט. געווען איז עס דער לעצטער. ער איז געגאנגען און געשאָלטן אָן א סוף. כ׳האָב ווידער אריינגעגראָבן דעם קאָפּ און אויפגעהערט אָטעמען. אָבער דער פארפאָלגער איז אָנגעקומען און פּונקט זיך אָנגעשטויסן אָן מיין פוס. ער האָט א געשריי געטאָן און אויסגעשאָסן אין דער לופט. ער האָט מיר געהייסן ליגן און גערופן הילף.

איך האָב געהערט ווי פיל מענטשן קומען צולויפן און פּלוצלונג האָב איך דערפילט א שרעקלעכן קלאַפּ אין קאָפּ און באלד דערנאָך — אין גאנצן קערפּער. זיי האָבן מיר אויפגעשטעלט און ווידער געשלאָגן. איך האָב געשריען צו זיי: — וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס האָב איך אייך געטאָן? איז דען נישט גענוג וואָס די דייטשן האָבן אויסגעהרגעט מיין גאנצע פאמיליע און איר ווילט אויך מיר אוועק־הרגענען? — — —

אזוי וויינענדיק האָב איך עטלעכע מאָל נאָכגעזאָגט די זעלבע ווערטער און זיי האָבן אויפגעהערט מיר שלאָגן און געהייסן איך זאָל מיט זיי מיטגיין. זיי האָבן מיר געפירט אין דער ריכטונג פון וואלד, נישט רעדנדיק קיין וואָרט. דערווייל האָב איך געטראכט וואָס זאָל איך זיי דערציילן. איינעם פון זיי האָב איך דערקענט. דאָס איז געווען א יונגנטלעכער פון כלאָפּקאָוו מיטן נאָמען זשאנדארטשוק. כ'האָב נישט געוווּסט אויב ס'איז כדאי זיך ווענדן צו אים אָדער אפשר איז בעסער זיך מאכן נישט ווייסנדיק.

מען האָט מיר געבראכט אין א וועלדל, ווו עס איז געווען א לאגער פון פּוילישע פּארטיזאנער. מען האָט מיר אריינגעבראכט אין אן אָפּדאך און זייער אָנפירער האָט אָנגעהויבן מיר אויספאָרשן. איך האָב דערציילט, אז איך בין א ייד פון סארנאקי און אָנגעגעבן מיין נאָמען. ער האָט מיר געפרעגט אויב איך בין א קאָמוניסט. איך האָב געענטפערט, אז איך בין נאָך א קינד און וויל לעבן בלייבן כדי אויסצוגעפינען מיינע קרובים. דאן האָט ער מיר געפרעגט: ווו בין איך געווען ביז איצט און ווער איז נאָך געווען מיט מיר? איך האָב געטענהט, אז איך בין געווען אין וואלד; דאָרט זענען פאראן נאָך איינצלנע יידן און יעדער איינער פון זיי וווינט באזונדער. ער האָט געפאָדערט איך זאָל אים דערציילן פון וואָס איך דערנער מיך. איך האָב געזאָגט, אז איך דריי מיר ארום אין די דערפער און באקום דאָרט עסנווארג, אויך קלויב איך א ביסל צוזאמען אין די פעלדער.

דער אָנפירער האָט מיר געפרעגט אויב איך ווייס ווער ער איז מיט זיינע לייט. איך האָב געזאָגט, אז זיי זענען געוויס פּאָליאקן, וואָס קעמפן קעגן די דייטשן. ער האָט עס באשטעטיקט און צוגעגעבן: אָבער אויך קעגן די קאָמוניסטן. ענדלעך האָט ער מיר געבעטן איך זאָל זיי ווייזן דעם וואלד ווו איך האָב זיך אויסבאהאלטן. זיי האָבן אָנגעהויבן מיר שלאָגן, האָבן פארשטאָפּט מיין מויל ביז איך בין כמעט דערשטיקט געוואָרן. דאן האָבן זיי פארבונדן מיינע אויגן, מיר ארויסגעלאָזט דרויסן און צוגעבונדן צו א בוים. איך האָב געמיינט, אז דאָס איז מיין סוף. זיי האָבן געזאָגט, אז אויב איך וועל זיי ווייזן דעם וואלד, ווו כ'האָב זיך אויסבאהאלטן, וועלן זיי מיר נישט טאָן קיין שלעכטס. איך האָב געענטפערט, אז איך בין נישט געווען אויף איין אָרט און יעדעס מאָל האָב איך געוואנדערט ערגעץ אנדערש. — אויב אזוי — האָבן זיי געזאָגט — וועסטו שטארבן דאָ אויפן פּלאץ.

אין יענע מינוטן בין איך גרייט געווען אוועקצוגעבן מיין לעבן. איך האָב מורא געהאט, אז אויב איך וועל זיי ברענגען אין וואלד אריין, וועלן זיי אויסהרגענען אונדזער גאנצע גרופּע. האָב איך צו זיך געזאָגט: בעסער איך זאָל אליין דערהרגעט ווערן און זאָלן די אלע לעבן בלייבן.

פּלוצלונג האָב איך דערהערט א באפעל: אזויווי איך זאָג זיך אָפּ זיי צו ענטפערן זאָל מען מיר דערשיסן. איך האָב געווארט אויף דער עקזעקוציע. אָבער זי איז נישט געקומען. זיי האָבן אָפּגעבונדן מיינע אויגן און איך האָב דערזען דעם אָנפירער, וואָס האָט צוגעגעבן, אז ער וויל מיר געבן דעם לעצטן שאנס אויפצווייזן אז איך רעד אמת; ער וועט מיר באפרייען ווייל איך זע אויס מיד און נערוועז, אָבער אין צוויי טעג ארום זאָל איך אים אָפּענטפערן נעבן וואלד ווו איך געפין זיך. דערצו האָב איך איינגעשטימט. דאן האָט דער אָנפירער געגעבן א באפעל מיר צו באפרייען.

צוויי פּאַרטיזאַנער האָבן מיר צוגעפירט צום ברעג וועלדל און מיר אָפּגעלאָזט. איך האָב נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיי און מורא געהאַט זיי זאָלן מיר נישט דערשיסן. האָב איך זיי געבעטן זיי זאָלן צוריקגיין מיט מיר אין וועלדל. פון דאָרט האָב איך פלוצלונג א שפּרונג געטאָן און אין עטלעכע סעקונדעס ארום בין איך שוין געווען ווייט און געלאָפן אָן אויפהער.

דרויסן איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן. דעם וועג האָב איך נישט געקענט, אָבער כ׳האָב געוווּסט, אז איך דאַרף זיך ווענדן צו מזרח זייט און כ׳בין געלאָפן אין יענער ריכטונג. דער דיסטאַנס ביז מיין ציל איז געווען א 10 ק״מ. כ׳בין געלאָפן אָן אויפהער און דערגאַנגען צום דאָרף האָלאָווסטיק ווען די זון איז שוין געווען הויך אין הימל און מענטשן זענען ארומגעגאַנגען דרויסן. כ׳האָב געזען, אז מען קוקט מיר אָן, אָבער נישט האָבנדיק קיין ברירה, בין איך ווייטער געלאָפן. קומענדיק אין וואַלד, האָב איך פארלאַנגזאַמט מיין גאַנג און געטראַכט וועגן מיינע חברים, נישט ווייסנדיק אויב זיי איז געלונגען אנטלויפן.

עס איז מיר איינגעפאַלן, אז אויב עמיצער פון מיינע חברים איז געקומען פאַר מיר, וועט מען מיר האַלטן פאַר א מת אָדער פאַר א געפאַנגענעם, וואָס ווערט געפּייניקט כדי ער זאָל ארויסגעבן די באַהעלטענישן.

דערזעענדיק פרישע טריט, האָב איך דערקענט דעם אָפּדרוק פון געצלס זוילן. איך בין געווען זיכער, אז ער איז דאָ פריער פארבייגעגאַנגען. אַן אויסטערלישע שטילקייט האָט געהערשט נעבן אונדזער וווין־אָרט. איך האָב לייכט א פייף געטאָן, אָבער קיין ענטפער איז נישט געקומען. האָב איך פארשטאַנען, אז אלע האָבן פארלאָזט דעם פּלאַץ. עס איז נישט געווען קיין זכר פון קיינעם. אָבער איך האָב באַמערקט, אז מיט א קורצער צייט צוריק האָט דאָרט געברענט א פייער. עס איז אויף מיר אָנגעפאַלן א שרעק, אָבער איך האָב מיר באַלד געשטאַרקט און באַשלאָסן בלייבן אויפן פּלאַץ מיט דער אויסרעכנונג, אז דער פאָטער וועט קומען אהער נאָכזען אפשר בין איך צוריגעקומען.

עס זענען אריבער איי‌ניקע מינוטן און איך האָב דערהערט א שאָרך פון דער ווייטנס. איך האָב זיך צוגעטוליעט צו דער ערד און געפילט, אז דאָס איז א מענטשלעכע באַוועגונג. די מינוטן זענען אריבער לאַנגזאַם און אומגעדולדיק. איך בין געלעגן באַהאַלטן צווישן קוסטעס און פלוצלונג האָב איך דערזען, אז מיין פאָטער דערנענטערט זיך מיט פאָרזיכטיקע שריט און איז שוין עטלעכע מעטער פון מיר. כ׳האָב אים געזען גאַנץ דייטלעך. זיינע אויגן זענען געווען רויט און שוואַרצע פלעקן האָבן זיי ארומגענומען. לייד און שרעק האָבן זיי אויסגעדריקט. באַלד האָב איך א געשריי געטאָן: „טאַטע!״. דער פאָטער האָט פלוצלונג א שפּרונג געטאָן און אָנגעהויבן לויפן. איך בין אויפגעשטאַנען און געשריען הויך: — איך בין דאָ אליין, איך לעב! אָבער איך האָב שוין דעם פאָטער נישט געזען. איך האָב זיך אויסגעצויגן מיט מיין פולער מאָס כדי דער פאָטער זאָל מיר זען. באַלד איז ער אָנגעקומען לויפנדיק, איז אויף מיר ארויפגעפאַלן און זיך ביטער צעוויינט. איך האָב אים נישט געקענט באַרויקן. כ׳האָב פּראָבירט אים דערציילן וואָס עס איז געשען, אָבער ער איז נישט געווען אומ־שטאַנד צו הערן. ער האָט געמורמלט, אז איך טאָר אים נישט לאָזן אליין מיט די 2 קינדער; אויב איך וועל אומקומען, איז ער מיט די קינדער אויך פארלאָרן.

ענדלעך איז מיר געלונגען אים בארואיקן און ער האָט מיר דערציילט, אז געצל איז געקומען באַגינען און איבערגעגעבן וועגן די נאכט־געשעענישן. זיי האָבן שוין נישט געגלויבט, אז מיר וועלן צוריקקומען און האָבן פארלאָזט דעם פלאץ. אָבער דער פאָטער האָט דאָך באשלאָסן צוריקקומען אהער, זעענדיק אז איך און משה פעלן.

דער פאָטער האָט מיר געבראכט צום פלאץ ווו אהין זיי זענען אריבער און איך האָב אָנגעהויבן דערציילן אויספירלעך וואָס עס איז מיט מיר געשען. מיר האָבן באשלאָסן, אז איך וועל נישט מקיים זיין מיין צוזאָג זיך צו טרעפן מיט די פוילישע פאר־טיזאנער, ווייל מיר האָבן געוווּסט זייער שלעכטע כוונה. מיינע חברים האָבן מיר אויסגעפרעגט אויב איך האָב אויסגעגעבן דעם פלאץ ווו מיר באהאלטן זיך אויס און אנדערע איינצלהייטן וועגן אונדז. איך האָב געווויינט, טענהנדיק, אז איך האָב גאָרנישט דערציילט.

שפעטער האָט באשלאָסן ליגן אין דער נאָנט און וואַרטן אויפן ברודער. צומאָרגנס, באַגינען, איז טאקע משה אָנגעקומען. פון אים האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז ער איז געלאָפן אָן אויפהער, דערלאָפן קיין לאָשיץ, זיך אויסבאהאלטן אין פעלדער, באקומען שפייז פון א פויער און געבליבן דאָרט ביז נאכט. ערשט דאַן איז ער צוריקגעקומען. גוטע בשורות האָט ער מיטגעבראכט. דער פויער האָט אים דערציילט, אז די דייטשן טרעטן צוריק און אז עפּעס האלט ביים געשען. לויט קלאנגען זענען שוין די רוסן געווען זייער נאָנט.

די רויטע ארמיי דערנענטערט זיך

אונדזער מאָראל האָט זיך ווידער געהויבן. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין נייעם פלאץ און באשלאָסן נישט ארויסגיין אָפט און נישט אוועקגיין ווייט, נאָר אין נאָנטע דערפער. ביינאכט פלעגן מיר הערן אויפרייסן גאנץ דייטלעך, כאָטש אעראָפּלאנען האָבן ארומגעקרייזט אין הימל פון דער ווייטנס. מיר האָבן פארשטאנען, אז דאָס זענען הארמאטן שאָסן. מיר האָבן אויסגערעכנט, אז ביינאכט קען מען הערן פון א הונדערט ק״מ ווייט — און מען מוז עפּעס טאָן כדי זיין גרייט צו די צוקינפטיקע געשעענישן.

אונדזער באהעלטעניש איז געווען א געלונגענע, אָבער ס׳האָט אונדז אויסגעפעלט וואסער. צום קוואל, וואָס פריער איז ער געווען אזוי נאָנט צו אונדז, איז איצט געווען א מהלך פון 4 ק״מ. געגאנגען זענען מיר דרייוויייז. מיר האָבן געהאט א מילך־קרוג, וואָס מיר האָבן געטראָגן זאלבעצווייט מיט א שטעקן; דער דריטער האָט געטראָגן עמערס. ביינאכט האָט מען נישט געקענט גיין אהין ווייל דער וועג איז געווען צווישן געדיכטע קוסטעס און די טריט האָבן געמאכט א גרויסן רעש. דעריבער פלעגן מיר גיין באַגינען אָדער מיטן זון־אונטערגאנג. געוואָלט האָבן מיר אומטוישן דעם פלאץ. דער פאָטער האָט געזאָגט, אז ער קען א פלאץ נעבן בוג, אין דער ריכטונג פון מערוויטש, ווו עס איז פאראן א טייכל, וואָס שטראָמט פון די בערג. מיר האָבן באשלאָסן ארויסגיין אים אָפּזוכן און דערווייל האָבן מיר געוואָלט באקומען שפייז, ווייל מען קען נישט וויסן ווי לאנג מיר וועלן זיין צוגעבונדן, אָן א קאָנטאקט מיט עמיצן פון דרויסן.

עס איז שוין געווען ענדע יוני. מיר זענען אָוונט־צייט ארויס אין דאָרף און דער פאָטער איז מיט אונדז מיטגעגאנגען. אין דאָרף האַלאָווטשיץ האָבן מיר זיך דער־

ווסט, אז דייטש־מיליטער דארף אָנקומען; די פּאָליציי האָט באשטעלט צימערן ביי די וואָיטן; אין סארנאקי זעט מען טאנקן און הארמאטן. קלאנגען זענען געווען, אז די דייטשן גרייטן זיך קעמפן ביי די ברעגעס פון בוג. פאר אונדז איז עס געווען אן איוב בשורה. מיר זענען געווען פארביטערט. יעדער איינער האָט געטראכט: מיר האָבן אויסגעהאלטן אזוי לאנג אין אוממענטשלעכע באדינגונגען און ס'איז א שאָד, אז דווקא איצט, ווען די גאולה איז נאָענט, וועלן מיר אומקומען.

יענע נאכט האָבן מיר אָנגעזאמלט פּראָדוקטן, וואָס זענען געווען גענוג אויף א מאָנאט צייט. באגינען זענען מיר צוריקגעקומען אין וואלד. דערנענטערנדיק זיך צום קוואל, האָבן מיר געהערט געשרייען פונקט ווי א גאנצער באטאליאָן וואָלט זיך ארייננגע־קריגן אין וואלד. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און צוגעהערט. די שפּראך איז געווען פּויליש. לויטן רעש האָבן מיר פארשטאנען, אז מען שטעלט אויף אָפּדאכן. דאָס זענען געווען פּוילישע פּארטיזאנער, וואָס פאר אונדז זענען זיי געווען געפערלעך נישט ווייניקער ווי די דייטשן. די א.ק. (ארמיא קראיאָווא)־לייט זענען געווען קעגן דער דייטשער מאכט, אָבער אויך קעגן די רוסן. נישט ווייניק יידן זענען אומגע־קומען פון זייערע הענט. איצט האָבן זיי געוויס מורא און ווילן נישט אז עס זאָלן בלייבן לעבעדיקע עדות, וואָס קענען דערציילן וועגן זייערע מעשים.

מיר זענען צוריקגעקומען צו אונדזער פּלאץ און דערציילט וואָס עס טוט זיך אין וואלד. פּאָרלויפיק האָבן מיר נישט געקענט גיין ברענגען וואסער. דער רעזערוו איז געווען גאנץ ווייניק. האָבן מיר באשטימט א ראציאָנירונג. אזוי האָבן מיר אונטערגע־האַרכט א 3 טעג — ביז אונדז האָט זיך געדאכט, אז ס'איז שטיל געוואָרן. דעם פערטן טאָג האָבן מיר באשלאָסן ארויסגיין ברענגען וואסער. געצל האָט זיך דער ערשטער פרייוויליק אָפּגערופן און נאָך אים — שעפּסל און איך. ווען די זון האָט געהאלטן ביים אונטערגיין, האָבן מיר גענומען דעם קרוג און עמער און זענען ארויס אין וועג. מיר האָבן געשפּאנט פּאַרזיכטיק, זיך צוהערנדיק צו יעדן שאָרך. אָבער באלד האָבן מיר זיך אָנגענומען מוט. מיר זענען צוגעקומען צום ברעג פון די יונגע וועלדלעך און האָבן געזאָלט ארייננגיין אין א געדיכטן וואלד. פון דאָרט איז שוין דער קוואל געווען נאָענט.

קומענדיק אין וועלדל, האָב איך זיך פּאַרזיכטיק איינגעבויגן כדי צו אָבסערווירן די געגנט. כ'האָב נישט געזען קיין שום פארדעכטיקעס, און מיר האָבן פאָרגעזעצט אונדזער וועג. פּלוצלונג איז נעבן מיר אויסגעוואָקסן א ליגנדיקער מענטש, וואָס האָט געהאלטן א ביקס. הערנדיק זיין אויסגעשריי, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. באלד האָט זיך דערהערט א שאָס. איך האָב אוועקגעוואָרפן דעם קרוג און אָנגעהויבן לויפן. אויך שעפּסל און געצל האָבן אזוי געטאָן. מיר זענען געלאָפן אָן אויפהער יעדער איינער אין אן אנדער ריכטונג און דערביי געהערט שיסערייען. אין א 10 מינוט ארום האָב איך באשלאָסן זיך אָפּשטעלן און צוהערן. כ'האָב געהערט א גערויש און א לייכטן פייף און כ'האָב אָפּגעענטפערט. געקומען איז געצל, בלייך ווי קאלך. דאן האָב איך מיר פאַר־געשטעלט וויאזוי איך זע אויס. מיר האָבן נישט געוווסט ווו שעפּסל איז. האָבן מיר באשלאָסן צוווארטן און באלד איז ער טאקע אויך אָנגעקומען.

זייענדיק דערפארן איז אזוינע פאלן, האָב איך געוואָלט ארומרינגלען און אָנקו־מען פון אן אנדער ריכטונג. אזוי האָבן מיר טאקע געטאָן. אָבער דערווייל איז געוואָרן פינצטער און מיר האָבן קוים געפונען דעם פּלאץ. קיינער איז דאָרט נישט געווען. מיר

האָבן אָפּגעוואַרט און ספּעציעל אָנגעמאַכט א טומל. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט א רעש. אונדזערע לײַט זענען זיך צוזאַמענגעקומען און מיר האָבן זיי דערציילט וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט. אָבער צוריקגעקומען זענען מיר אָן וואַסער און מיר האָבן באַשלאָסן שוין נישט גיין אין יענער ריכטונג.

אָפּוואַרטנדיק די באַפרייאונג

מיר זענען שוין געווען א גאַנץ היפּשע גרופּע, ווײַל דערווייל האָבן זיך צו אונדז אָנגעשלאָסן נאָך עטלעכע פּליטים. נאָך א שלאָפלאָזער נאַכט זענען מיר דערגאַנגען ביז א באַוואַלדעטן בערגל. האָבן מיר באַשלאָסן בלײַבן דאָרט און נאָכזען די געגנט אין ליכט פון טאָג. אין דער פרי האָבן מיר געזען, אז דאָס בערגל איז זייער הויך און אז פון דעם וואַלד זעט מען אין אַלע ריכטונגען, אז צפון זייט געפינט זיך דער בוג. מיר האָבן אָנגעהויבן אויסקוקן די געגנט און צו אונדזער גליק האָבן מיר אַנטדעקט א קליין וואַסער־שטראָם. מיר האָבן פאַרזוכט דאָס וואַסער; געווען איז עס קאַלט און ריין. האָבן מיר אויסגעגראָבן א קליין גריבל כדי צו שאַפן א רעזערוואַר און מיט טעפּלעך האָבן מיר געשעפּט וואַסער צו טרינקען. דאָ האָבן מיר זיך באַזעצט און באַשלאָסן נישט אָנצינדן פייער, נאָר בלויז באַגינען; מיר וועלן אָפּוואַרטן און זען וואָס וועט זײַן.

עס איז שוין געווען ענדע יוני. בײַנאַכט פלעגן מיר הערן שרעקלעכע אויפרייסן און יעדעס מאָל האָבן זיך די אָפּקלאַנגען דערנעענטערט צו אונדז. דאָס איז געווען א סימן אז די גאולה איז נאָנט, אָבער מיר האָבן שוין נישט געגלויבט. אזוי זענען אריבער עטלעכע טעג. אין וואַלד האָט געהערשט א שטילקייט, א שטילקייט פאַר א שטורעם. אין א שיינעם פרימאָרגן האָבן מיר טאַקע דערהערט א טומל און געשרייען. אַלץ וואָס מיר האָבן געקענט באַמערקן איז, אז דאָס איז געווען א געשפּרעך אין דייטש. אָן אויפ־הער האָט זיך געהערט א מאָטאָר־גערויש און פון אַלע ריכטונגען — שיסערייען. מיר האָבן מורא געהאַט אז דאָ איז אונדזער סוף. אזוי זענען מיר געלעגן זיך נישט באַוועגנדיק און נישט אויסרעדנדיק א וואָרט.

צומאָרגנס האָבן זיך געהערט הארמאַטן שיסערייען. איבערן וואַלד זענען געפלויגן באָמבעס פון בײַדע ריכטונגען. בעת אזא באָמבאַרדירונג אָמאָל בײַנאַכט זענען ביימער אויסגעריסן געוואָרן און ווילדע חיות זענען ארומגעלאָפן איבערגעשראָקענע. אינטערע־סאַנט, דווקא די בעסטיעס זענען געלעגן נעבן אונדז, נישט באַשעדיקנדיק, פּונקט ווי זיי וואָלטן געפילט, אז מיר האָבן א בשותפותדיקן גורל. די באָמבאַרדירונג האָט אויפ־געהערט אין דער פרי. מיר האָבן נאָך געהערט געשפּרעכן און פאַרשטאַנען, אז דער וואַלד איז פול מיט דייטש מיליטער.

יענע טעג האָבן מיר נישט געגעסן און נישט געטרונקען. א שווער פּראָבלעם איז געווען מיטן מאַנגל פון פּאַפּיראָסן. מיר האָבן נישט באַקומען קיין טאַבאַק און איך האָב געזען, אז דער פאָטער לײַדט דערפון זייער. ער פלעגט זאַמלען וואָרצלען און פאַרבירן עס אָנצינדן כדי צו רויכערן, אָבער עס איז נישט געלונגען. מיר זענען געווען איבערגעשראָקן ווײַל געפאַר האָט אונדז געדראָט אויף יעדן טריט און שריט. אזוי זענען פאַרביי א צען טעג, נישט וויסנדיק וואָס עס טוט זיך.

פלוצלונג איז שטיל געוואָרן אין וואלד. מען האָט געהערט בלויז דאָס זשומען פון די עראָפּלאַנען, וואָס האָבן ארומגעקרייזט אין הימל. נאָך 2 טעג זענען מיר געזעסן איינגעקורטשעט. אָבער ווען מיר האָבן באַמערקט, אז דער מלחמה־טומל איז אריבער, האָבן מיר באשלאָסן נאָכזען וואָס עס טוט זיך. געצל האָט געזאָגט, אז אויב איך גיי, גייט ער מיט מיר. איך האָב זייער געוואָלט זיך געבן א ריר, אָבער דער פאָטער איז געווען דאקעגן. דאָך איז ער איבערצייגט געוואָרן, אז עס איז נישטאָ קיין ברירה.

א בשורה אראָפּגעפאלן פון אן עראָפּלאַן

דאכט זיך, אז דאָס איז געווען שבת נאָכמיטאָג, — מיר האָבן שוין דאַן פארלאָרן דעם חשבון פון די טעג. אין וואלד האָבן מיר דערקענט טריט פון זעלנער און סימנים, אז דאָרט זענען געווען געצעלטן און אָפּדאכן. מיר האָבן באשלאָסן גיין פאָראויס און אָנקומען אין אָוונט אין דאָרף כדי צו הערן עפּעס נייעס. איבערן וואלד האָט ארומגע־קרייזט אן עראָפּלאַן און מיר האָבן זיך באהאלטן. פונם עראָפּלאַן זענען אראָפּגעוואָרפן געוואָרן אויפרופן, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט אין אומגעגנט. צום גליק איז דערגאנגען צו אונדז מיטן ווינט אזא אויפרוף. ס'איז געווען געדרוקט אין רוסיש און דייטש: צו דער ווערמאכט פון דער רויטער ארמיי. אינם אויפרוף איז געווען געשריבן, אז די רויטע ארמיי האָט שוין איינגענומען לובלין און מארשירט קיין ווארשע און אז די דייטשע ארמיי איז ארומגערינגלט. זי איז גערופן געוואָרן זיך אונטערגעבן זאָפאָרט, ווייל אויב נישט וועט זיין צו שפּעט. דער אויפרוף, וואָס אויף אים איז געווען אונטערגעשריבן דער קאָמאנדיר פון רויטער ארמיי, איז געווען דאטירט פון 19.7.44.

מיר האָבן באשלאָסן צוריקלויפן און ווייזן דעם אויפרוף אונדזערע גרופּע־לייט. אויפן וועג זענען מיר בייגעוועז א קאמף צווישן א שפּארבער און א האָז. דער שפּאר־בער איז געווען שטארקער און האָט אָנגעהויבן רייסן שטיקער פלייש פונם האָז. מיר האָבן געוואָרפן שטיינער אויפן שפּארבער, וואָס איז אנטלאָפן און מיר האָבן געכאַפּט דעם האָז.

אונדזערע לייט זענען אויף אונדז ארויפגעפאלן, וועלנדיק וויסן וואָס אין אויפרוף איז געשריבן. לאנגזאם האָבן מיר זיך אָריענטירט פון דעם אינהאלט פונם אויפרוף אינם דייטשן טעקסט, אז מיר שטייען שוין ביים סוף פון דער מלחמה. אָבער עס איז נישט געווען קלאָר אויב די דייטשן האָבן זיך שוין אונטערגעגעבן. מיר האָבן זיך אדורכגעשמועסט און באשלאָסן איבערוואַרטן. ווי געזאָגט, איז דער אויפרוף געווען דאטירט פון 19 יולי, אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט וועלכע דאטע עס איז: צי איז עס געווען נעכטן אָדער אייערנעכטן. עמיצער האָט אויסגערעכנט, אז היינט איז דער 20־טער און דער אויפרוף איז פון נעכטן.

דאָס פלייש פון האָז האָט מלכהלע אויסגעקאָכט און יעדער איינער האָט באקומען זיין פּאָרציע צוזאמען מיט קארטאָפל־זופּ. געווען איז עס נאָכדעם ווי עטלעכע טעג האָבן מיר כמעט גאָרנישט געגעסן.

צומאָרגנס האָט געהערשט א שטילקייט, אָבער מיר זענען געווען געשפּאנט און אומגעדולדיק. עס איז שווער געווען אויסצוּוואַרטן. ביינאכט פלעגן מיר הערן א געשריי און א טומל פון דער ריכטונג פון בוג, פונקט ווי מחנות מיליטער וואָלטן דורכגעשוווּמען

דעם טייך. א גאנצע נאכט זענען מיר געשטאנען אויף די פיס, ווען די פיס, וועלנדיק אויפכאפּן כאָטש איין וואָרט כדי צו וויסן צי זענען עס דייטשע אָדער רוסישע זעלנער. עס האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן, אָבער די קולות זענען דערגאנגען עד לב השמים. עס האָט זיך געהערט א באוועגונג פון וועגענער, הירזשען פון פערד, א מין מישמאש פון א קאָלאָסאַלער צוגרייטונג.

דאָס איז געווען די לענגסטע נאכט אין מיין לעבן. מיר האָבן נישט צוגעמאכט אן אויג און נישט געזעסן קיין מינוט. באגינען האָבן מיר באשלאָסן ארויסגיין אין יענער ריכטונג, צו די זאבוזשער קאָלאָניעס נעבן בוג. ווידער האָב איך און געצל גענומען אויף זיך די שליחות. איך בין עפּעס געווען זיכער אז דאָס זענען די רוסן, אָבער מער־סטע אונדזעריקע האָבן מורא געהאט, אז דאָס איז דייטש מיליטער.

אנטקעגן א יידיש סאָוויעטישן אָפיציר

זון־ליכט האָט זיך באוויזן ווען מיר זענען ארויף אויף א נישט ברוקירטן וועג צווישן זאבוזשע און מערוויטש. מיר זענען געגאנגען פאָראויס צו זאבוזשע. אין וואלד האָט געהערשט א שטילקייט. אויך דאָ האָבן מיר אנטדעקט טריט פון זעלנער, אויך שפּורן פון טאנקן און אויטאָמאָבילן. פון דער ווייטנס האָבן מיר געהערט געשרייען און באפעלן. מיר זענען דערגאנגען ביז עק וואלד און מורא געהאט ארויסגיין פון צווישן די הויכע ביימער.

פלוצלונג האָבן מיר דערזען 2 זעלנער רייטנדיק אויף פערד. איך האָב באמערקט א רויטן אָפּצייכן אויף זייערע היטלען, וואָס זענען געווען באלויכטן מיט זונען־ליכט, כאָטש געצל האָט געזאָגט, אז דאָס זענען דייטשן. אין דעם אויגנבליק האָבן די זעלנער אונדז דערזען און אָנגעהויבן גאלאָפּירן צו אונדז. מיר זענען געבליבן געפּלעפּט. אָנקו־מענדיק צו אונדז, האָבן זיי געפרעגט אויף רוסיש: ווער זענט איר? מיר האָבן געענט־פערט: יידן. זיי זענען אראָפּ פון די פערד און אָנגעהויבן זיך ארומנעמען מיט אונדז.

מיר האָבן זיי אָנגעהויבן אויספרעגן און זיך אינטערעסירט אויב צווישן זיי זענען פאראן יידן. איינער פון זעלנער איז אוועק און אין עטלעכע מינוטן ארום איז צו אונדז צוגעקומען גאלאָפּירנדיק א גרופּע זעלנער מיט אן אָפיציר אין דער שפּיץ. דער אָפיציר איז אראָפּ פונם פערד. געווען איז עס א מאיאָר, וואָס האָט גערעדט יידיש. ער האָט געפרעגט ווער מיר זענען און אָנגעהויבן זיך קושן מיט אונדז. הערנדיק, אז אין וואלד איז פאראן א גרופּע יידן, האָט ער באפוילן אָרגאניזירן א גרופּע זעלנער, וואָס זאָל מיטגיין מיט אונדז צו זיי. דערווייל האָט מען אונדז געבראכט עסן. מיר האָבן אָפּגעגעסן און געווען פריילעך, נישט גלויבנדיק די אייגענע אויגן. די רוסישע זעלנער האָבן אונדז ארומגערינגלט. צווישן זיי זענען געווען זעלנערקעס, וואָס האָבן זיך פאָרגעשטעלט פאר אונדז מיט זייערע נעמען. דער מאיאָר האָט אונדז געזאָגט, אז זייט ער האָט פארלאָזט מינסק האָט ער נישט אָנגעזען קיין ייד פאר זיינע אויגן און אז מיר זענען די ערשטע יידן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן. פון אים האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז זיי נעמען נקמה פון די דייטשן פאר אַלץ וואָס זיי האָבן אונדז אָנגעטאָן.

די זעלנער גרופּע האָט זיך איינגעשטעלט, צוויי זעלנערקעס האָבן געטראָגן די קאָמוניקאַציע־אַפּאַראַטן און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. גייענדיק האָבן די זעלנער אונדז געלערנט שיסן און מיר האָבן עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן. דאָס איז געווען אַ שיינע הוליאַנקע. פון גרויס שמחה האָבן מיר נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז אונדזערע לייט, הערנדיק די שיסערייען, וועלן מיינען, אַז מיר זענען „ליקווידירט".

מיר זענען צוגעקומען צום וועלדל, וווּ אונדזער גרופּע איז געווען באַהאַלטן. פון גרויס שמחה האָבן מיר אָנגעהויבן שרייען פּאַרטיזאַנדיק און אויך די זעלנער האָבן מיטגעשריען. נישט לייכט איז אָנגעקומען אונדזערע לייט צו גלויבן, אַז די רוסן זענען טאַקע אָנגעקומען.

זיי האָבן זיך אָבער איבערצייגט. אַלע זענען זיי געקומען צולויפן. מיין פֿאָטער איז געלאָפן דער ערשטער און נאָך אים אַלע אַנדערע. אַלע זענען אַרויפגעפאַלן אויף די זעלנער, און די צוויי זעלנערקעס האָבן אונדז געקושט און געוויינט פון פרייד. די זעלנער האָבן אויך געלאָזט טרערן צוזאַמען מיט אונדז.

דער פאָטער האָט געבעטן ביי די זעלנער אַ פּאַפּיראָס, טאַבאַק. אַלע האָבן זיי אויפגעעפנט בייטלען און אָנגעפילט טאַבאַק אין צייטונגס־פּאַפּיר. ער האָט איינגעשלונגען אין זיך דעם רויך און מען האָט געקענט זען באַשיימפּערלעך ווי ער לעבט אויף. די זעלנער האָבן אַרויסגענומען פּושקעס קאָנסערוון און אונדז טראַקטירט.

באַלד האָבן מיר זיך אָנגעהויבן באַוועגן צוזאַמען מיט די זעלנער אין דער ריכטונג פון שטעטל. אין דאָרף האַלאָוואַטשיץ האָבן מיר אָנגעטראָפן טרופּן רוסישע זעלנער, וואָס האָבן מאַרשירט קיין סאַרנאַקי. זיי האָבן אונדז אַרויפגעזעצט אויף האַרמאַטן און אַזוי זענען מיר אַריין אין שטעטל.

אָפּגעראַטעוועטע — איינזאַמע אין דער וועלט

דער קבלת־פּנים, וואָס די פּוילישע איינוווינער האָבן אונדז געמאַכט אויפן גאַס, איז געווען אַ באַגייסטערטע. זבאָראָווסקי האָט איינגעלאַדן מיין פאָטער אויף מיטאָג און אַנדערע האָבן אויך איינגעלאַדן באַקאַנטע. מיר זענען דאַן געווען אָנגעטאָן מיט שמאַטעס און אייניקע זענען געווען ממש באָרוועס.

די וווינונגען אין שטעטל האָבן מיר געפונען ליידיקע. אין אונדזער וווינונג האָבן געוווינט פּאָליציי־אָפיצירן, וואָס זענען אַנטלאָפן. האָבן מיר אָנגעהויבן זיך צוריקשטעלן אויף די פיס און ערשט איצט האָבן מיר דערפילט ווי גרויס איז דער אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפן. די גאַנצע צייט האָבן מיר בלויז געטראַכט וויאַזוי לעבן צו בלייבן און ערשט איצט האָבן מיר איינגעזען ווי איינזאַם און אומגליקלעך מיר זענען אין דער גרויסער און גרויזאַמער וועלט — — —

דאָס מיליטער האָט מאַרשירט פאָראויס. די מאַכט האָט אָנגעהויבן זיך פאַרפעסטיקן. אין שטעטל איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ קאָמענדאַנטור. יידן זענען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלע לעכער, וווּ זיי האָבן געשטעקט יאָרן לאַנג. אין פאַרלויף פון אַ מאָנאַט האָבן מיר זיך דערמונטערט און יעדער איינער האָט אָנגעהויבן זיך איינלעבן אויף זיין שטייגער. דערוויילן האָט זיך די רויטע אַרמיי אָפּגעהאַלטן נעבן וואַרשע. אין לובלין איז אַנטשטאַנען אַ פּוילישע ציוויליקע רעגירונג. עס האָט זיך אַנטפּלעקט דער

פארניכטונגס־לאגער אין מיידאנעק. מיר זענען געפארן אהין און דערשיטערט געווארן צוזעענדיק.

פיל פון אונדז האבן אנגעהויבן זוכן א וועג וויאזוי זיך ארויסקריגן פונם גרויסן בית־הקברות און האבן זיך איבערגעקליבן אין דער ריכטונג פון לעמבערג. די איבעריקע זענען דא געבליבן. מיר האבן געוווסט, אז לאנג וועלן מיר דא נישט קענען בלייבן. אבער פארלויפיק איז נישט געווען קיין ברירה. קלאנגען זענען ארומגעגאנגען, אז א פוילישע אונטערערדישע ארגאניזאציע האט אנגעהויבן טעטיק זיין. אויף אונדז איז געפאלן א מורא. און טאקע, אין דעצעמבער איז געהרגעט געווארן סרולע, וואס האט זיך אנגעשלאסן אן דער פאליציי און אויך זענען געהרגעט געווארן נאך עטלעכע פאליציאנטן, דערפילנדיק זייער פליכט.

מיר האבן זיך אנגעהויבן גרייטן צו פארלאזן. אנהויב מערץ איז אונדז געלונגען צו אנטלויפן. דאס איז שוין געווען אין די לעצטע מינוטן און אזוי האבן מיר זיך אפגעראטעוועט פון די פאליאקן, וואס האבן אנגעהויבן שיסן אויף רוסן און יידן.

אונדזערע פאמיליע־לייט זענען אנטלאפן קיין לאדזש און פון דארט האבן מיר אנגעהאלטן קאנטאקט מיט די גרופע־לייט וואס זענען געווען מיט אונדז אין וואלד. שעפסל אברהם איטשעס און שיע מרדכי געצלס זענען צוריקגעקומען קיין סארנאקי כדי צו ערליידיקן וועלכע זאכן און זענען דערשאסן געווארן דורך א.ק.־זעלנער.

מיר האבן באשלאסן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. מיר קינדער האבן זיך אנגעשלאסן אן יוגנט־ארגאניזאציעס. איך און זלמן זענען געפארן דורך איטאליע און נאכן אפזיין אין ארעסט־לאגער אין קפריסין זענען מיר אנגעקומען אין 1947 אין לאנד. דער פאטער און אליהו זענען עולה געווען אין מאי 1948. דער פאטער האט זוכה געווען צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן דאס אויפשטיין פון מדינת ישראל, האט געהאט פיל נחת צוזעענדיק דעם בנין הארץ און האט זיך געגרויסט מיט זיינע קינדער. דעם 2־טן סעפטעמבער 1963, נאך א קורצער שווערער קראנקייט, איז נפטר געווארן אין עלטער פון 67 יאר דער פאטער, וואס האט אזוי פיל געזארגט פאר אונדז און וואס א דאנק אים זענען מיר לעבן געבליבן.

★

יארן זענען אריבער זייט דעם גרויסן חורבן. אונדזער לעבנס־שטייגער האט זיך גענצלעך געענדערט און מיר זענען שטאלצע בירגער אין אונדזער פריי לאנד. קוקנדיק איצט רעטראספעקטיוו אויף יענע שרעקלעכע טעג פון דער נאצי־שחיטה, איז שוין שווער צו גלויבן ווי ווייט עס קען דערגריין א דעספאטישער רעזשים, צו וועלכער מדרגה פון נידערטרעכטיקייט קענען מענטשן ארונטערגריין און וויאזוי קענען גערודפטע מענטשן אויסהאלטן אין אזעלכע אוממענטשלעכע באדינגונגען.

געוויס, נישט פריילעכע זענען אטדי זכרונות. אבער מיר ווילן עס נישט פארגעסן כל זמן די נשמה האלט אן אין אונדזער קערפער. מיר ווילן די זכרונות פון יענע טעג דערמאנען, מיר ווילן די רוצחים צושטעלן צום שאנדסלופ, ווייל מען טאר נישט פארגעסן.



חיים זייערמאַן
חולון

מאסן־אויסוואנדערונג

דעם זעלבן גורל ווי אלע אנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן האָט דורכגעמאכט סארנאקי. קרבנות, געטאָ, פארשיקונגען און אלע אנדערע רדיפות האָבן נישט אויסגעמיטן דאָס שטעטל.

שוין אין אָנפאנג פון דער וועלט־מלחמה, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, פרייטיק גאנץ פרי, איז געווען דער ערשטער סימן. פיל איינוווינער זענען נאָך געווען פארזונקען אין טיפן שלאָף. אין גאס האָבן זיך געזען בלויז איינצלנע פרויען, וועלכע האָבן זיך געאיילט צוגרייטן אויף שבת. ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן איז איבערגעריסן געוואָרן די פרימאָרגנדיקע שטילקייט. ווי א דונער פון דער ווייטנס האָט זיך דערהערט א גערויש.

דאָס זענען געווען עראָפּלאנען, די באוווּסטע „מעסערשמיטן". זיי קומען נענטער, אָט זענען זיי שוין איבערן שטעטל און מיט א שרעקלעכן גערויש פליען זיי אריבער און פארשווינדן. מענטשן לויפן ארויס פון די הייזער און פארררייסן די קעפּ צום הימל. און באלד, מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, האָבן זיך געשאפן קליינע גרופּקעלעך מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן טראכטן: וואָס באדייטן די עראָפּלאנען?

דאן האָבן זיך באוויזן פון דער זעלבער ריכטונג נאָך עטלעכע עסקאדרעס עראָפּלאנען, וועלכע האָבן געטראָגן באָמבעס צו באָמבארדירן די אייזערנע באַן־בריק אויפן טייך בוג. יעדער ווייס שוין: עס איז מלחמה! קיינער האָט אָבער נישט געוווּסט, אז אָטדי עראָפּלאנען האָבן שוין צעשטערט אלע פּוילישע באנען און אלע פּוילישע מיליטערישע זאמל־פּונקטן.

9 א זייגער איז אין ראדיאָ איבערגעגעבן געוואָרן א מעלדונג, אז דייטשלאנד איז באפאלן פּוילן אָן קריגס־דערקלערונג. די ראדיאָ־אפּאראטן האָבן איבערגעגעבן אָן איבעררייס קאָמוניקאטן, רופנדיק די ארמיי צו פארטיידיקן דאָס פאָטערלאנד. די מאָביליזאציע ווערט פארברייטערט. נייע גרופּן, נייע יאָרגענג ווערן גערופן. אָבער באלד קומען פיל מאָביליזירטע צוריק; נישטאָ גענוג אוניפאָרמען און געווער פאר דער

גרויסער ארמיי. ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, איז דאָס אלץ געווען א רעזול־טאט פון פאררעט.

שבת, דעם 8־טן סעפּטעמבער פארנאכט, האָבן זיך באוויזן אעראָפּלאנען און באָמבארדירט דאָס שטעטל. טרויעריק איז געוואָרן ווען מען האָט דערהערט, אז א באָמבע פון אן אעראָפּלאן איז געפאלן אויפן הויז פון ארטשע לייבקעס, דער היטלמאכער, און דערהרגעט זיין פרוי חנה־מרים מיט זייער יינגסטע טאָכטער טויבע. צוזאמען מיט די 2 קרבנות זענען אומגעקומען נאָך 3 קינדער פון א שכן, וועלכע זענען צופעליק געווען און הויז פון ארטשע לייבקעס. די אעראָפּלאנען האָבן אויך אראָפּגעוואָרפן צינד־באָמבעס הינטערן שטעטל און ארויסגערופן פיל שריפות און גרויסע פאניקע ביי דער באפעלקערונג.

לאנג האָט געדויערט ביז עס איז געלונגען ארויסצובאקומען די צוויי קרבנות פון אונטער דעם איינגעפאלענעם הויז. נאָך איין קרבן איז געווען ארטשעס שכנה, וועל־כע איז פּלוצלונג ארויסגעגאנגען פון איר שטוב און געטראפן געוואָרן פון א שראַפּנעל געווען איז עס הדס שאָנשיין, שמעון בוטשעס פרוי, די טאָכטער פון מאָטל און איטע שפּירא. נאָך שווערע ליידן איז זי געשטאָרבן פון די ווונדן.



הדס שאָנשיין (צווייטע פון לינקס) אויף איר באלקאָן

די יידישע באפעלקערונג האָט דערזען, אז די לאגע איז גאנץ ערנסט און האָט מורא געהאט פאר ענלעכע באָמבארדירונגען. ס'איז נישט מעגלעך איבערצוגעבן וואָס סארנאקער יידן האָבן דאן איבערגעלעבט. מענטשן לויפן ווי פארסמטע מייז, יעדער איינער וויל ראטעווען זיין משפחה, זוכנדיק שוץ קעגן די אָנקומענדיקע אעראָפּלאנען. אין שטעטל ווערט א סומאטאָכע. יידן אנטלויפן וווהין זיי קענען. מען לויפט אין די וועלדער, אנדערע לויפן אויף די פארצעלעס צו זייערע גוט־באקאנטע גויים. א שטילקייט האָט ארומגענומען דאָס שטעטל ווען די באפעלקערונג איז זיך צעלאָפן.

פון צייט צו צייט זענען אין שטעטל אריין איינצלנע יידן, וועלכע האָבן נישט געקענט שלום מאכן מיט זייער גורל און לאָזן אויף הפקר זייער האָב און גוטס. האָבן זיי געזען, אז אלע יידישע הייזער זענען פארשלאָסן, די לאָדנס פארמאכט.

א פּאָר טעג שפּעטער, ווען דאָס גערויש פון די אעראָפּלאנען האָט זיך אביסל איינגעשטילט, האָבן די יידן זיך אָנגעהויבן צוריקקערן אין זייערע הייזער. דעם 17־טן סעפּטעמבער איז איבערגעגעבן געוואָרן אין ראדיאָ וועגן דעם נייעם אָפּמאך צווישן רוסלאנד און דייטשלאנד אז די רויטע ארמיי דארף זיך צוריקציען פון די פארנומענע פּוילישע געביטן. מען האָט אויך געהערט אז לויטן אָפּמאך געהערט סארנאקי צום דייטש. די גרענעץ דארף זיין דער טייך בוג. דאקעגן די אנדערע שכנותדיקע שטעטלעך פון דער צווייטער זייט בוג ווי סעמיאטיטש, דראָגאטשין, מעלניק און אנדערע וועלן געהערן צו די סאָוויעטן. איז געוואָרן א גרויסע מהומה. יידן האָבן שנעל אָנגעהויבן פארלאָזן דאָס שטעטל. א טייל האָבן געכאפּט זייערע משפחות און גלייך געלאָפן, איבערלאָזנדיק זייער גאנץ פארמעגן. א צווייטער טייל איז אוועק אין די שכנותדיקע דערפער צו זייערע באקאנטע פּויערים, וועלכע האָבן געהאט פערד און וואָגן און באשטעלט אריבערצופירן זיי מיט זייער פארמעגן. עס איז אָבער געווען א טייל וועלכער האָט געטראכט אז „דער טייוול איז נישט אזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט אים" און נישט געוואָלט פארלאָזן די היים.

עס איז קלאָר, די מערהייט פון די איבערגעבליבענע יידן זענען געווען בעסער סיטואירט און זיי איז געווען מער שאָד צו פארלאָזן זייער האָב און גוטס. עס האָבן נישט געהאָלפן די געבעטן פון די וועלכע זענען געווען גרייט צו פארלאָזן די היים. עס האָבן אויך נישט געהאָלפן די געבעטן פון די אייגענע קינדער, וועלכע זענען געווען דעצידירט צו לויפן אפילו אין פאל ווען זייערע עלטערן וועלן נישט וועלן פארלאָזן. די מערהייט האָט אָבער פארלאָזט סארנאקי און זיך באזעצט אין די שכנותדיקע שטעטלעך, וועלכע זענען געווען אונטער דער סאָוויעטישער הערשאפט.

וואָס איז געווען דער גורל פון די אנטלאָפענע און פון די געבליבענע?

די אנטלאָפענע האָבן זיך באזעצט אין די ארומיקע שטעטלעך. די פאכמענער האָבן געזוכט ארבעט ביי זייער פאך. די וועלכע האָבן נישט געהאט קיין פאך האָבן געזוכט פּרנסה ביים האנדל. א צענדליק פאמיליעס האָבן זיך אריבערגעשמוקלט סוף ווינטער קיין סארנאקי צום סיר־הבשר.

דאָס אלץ האָט געדויערט א קנאפּע 10 מאָנאטן. דעם 22־טן יוני 1940 האָבן די סאָוויעטישע מאכט־אָרגאנען ארויסגענומען ביינאכט פון אלע שטעט און שטעטלעך אלע „ביעזשענצעס", וועלכע האָבן נישט ארויסגענומען קיין פּעסער ביי דער מאכט און זיי עוואקואירט. די פּערזאָנען, וועלעכע זענען געווען אליין, אָן א משפחה, זענען פארשיקט געוואָרן אין די לאגערן ווו עס האָבן זיך געפונען בלויז איינצלנע פּערזאָנען, דאקעגן די, וועלכע זענען געווען מיט משפחות, זענען פארשיקט געוואָרן אין דערפער, אזוי־גערופענע „פּאשאָלקעס" אין טיף רוסלאנד — ארכאנגעלסקער געביט אדער קאָמי ס.ס.ר.

די אלע פארשיקטע, חוץ איינצלנע וועלכע האָבן נישט אויסגעהאלטן צוליב פארשיידענע סיבות און אומגעקומען סיי פון הונגער און סיי פון אנדערע אורזאכן, זענען אין סוף יאָר 1941 באפרייט געוואָרן פון די לאגערן און פארשיקונגען לויטן אָפּמאך, וועלכער איז געשלאָסן געוואָרן צווישן די סאָוויעטן און דעם פּוילישן גענעראל שיקאָר־סקי. זיי האָבן זיך באזעצט אין פארשיידענע שטעט אין ראטנפארבאנד און דאָרט געלעבט ביז די מלחמה האט זיך געענדיקט און שפּעטער צוריקגעקומען קיין פּוילן.

דער גורל פון די געבליבענע אין סארנאקי איז געווען ענלעך צו דעם גורל פון די יידן פון אנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן. אין אָנהויב איז געווען שטיל. דאָס שיקאנירן פון די דייטשן האָט נישט אָנגענומען קיין מאסן־כאראקטער — ווען זיי האָבן אָפּגעשוירן די באָרד, געגעבן א קלאַפּ, און אפילו צו שיסן א ייד האָבן זיי אויך געפונען א סיבה.

די לאגע האָט זיך אָבער פארערגערט פון טאָג צו טאָג. עס איז געשאפן געוואָרן א געטאָ, שפּעטער זענען געווען פארשיקונגען אין די לאגערן, ביזן אויסמאָרדן כמעט אלע איבערגעבליבענע, חוץ עטלעכע, וועלכע עס איז געלונגען זיך אָפּצוראטעווען און לעבן בלייבן. ווי אזוי דאָס איז זיי געלונגען און ווי אזוי די אלע אנדערע זענען אומגעקומען — דאָס לאָז איך איבער פאר די לעבעדיקע עדות, וועלכע האָבן עס דורכגעמאכט.



יחיאל שפירא נעבן זיין פריזוריע

שלום קליידערמאכער
ניו־יאָרק

וויאזוי מיר האָבן זיך געראטעוועט

גליקלעכערווייז איז — אין פאַרגלייך מיט אנדערע שטעטלעך אין פוילן — א גרעסערע צאָל יידן פון סארנאקי לעבן געבליבן נאָך דער גרויסער קאטאסטראָפע. דאָס איז געווען א דאנק צוויי סיבות.

לויט דעם אָפּמאך פון מאָלאָטאָוו — ריבענטראָפּ, האָט דער טייך בוג געזאָלט אָפּטיילן צווישן רוסלאנד און דייטשלאנד. אזיווי סארנאקי ליגט הארט ביים בוג, איז עס פאר דער יידישער באפעלקערונג געווען פשוט מיט דער האנט צו דערלאנגען — אריבערגיין די גרענעץ, בפרט ווען יעדער ייד פון סארנאקי האָט געוווּסט אלע וועגן און הינטערוועגן.

די צווייטע סיבה איז געווען דאָס, וואָס באלד ביים אָנהויב, ווען היטלער איז באפאלן פוילן, איז אונדזער שטעטל געווען צווישן די ערשטע, וואָס זענען באָמבארדירט געוואָרן פון די דייטשע „מעסערשמיט"־אעראָפּלאנען און גלייך געגעבן 5 קרבנות און פיל פארוווּנדעטע. דאָס האָט אריינגעבראכט צווישן די יידישע איינוווינער שרעק און פארצווייפלונג און זיי האָבן אָנגעהויבן לויפן מאסנווייז איבערן בוג צום נאָענטסטן שטעטל סעמיאטיטש, וואָס איז שוין דאן געווען אונטער דער סאָוויעטישער הערשאפט.

א דאנק דעם האָבן זיך אויך געראטעוועט אייניקע סארנאקער פאמיליעס, וועלכע האָבן געוווינט אין ווארשע די לעצטע יאָרן פאר דער מלחמה און זייערע עלטערן זענען געבליבן אין סארנאקי. נישט קענענדיק אין יענער צייט מיט זיי זיך קאָמוניקירן, זענען זיי געקומען — ווער צופוס, ווער מיט פערד און וואָגן, קיין סארנאקי. אָבער נישט טרעפנדיק זייערע משפחות, האָבן זיי אויך ארורכגעמאכט דעם גרענעץ־וועג קיין סעמיאטיטש. צווישן אָטדי פאמיליעס איז געווען אויך דער שרייבער פון אָטדי שורות.

אין סעמיאטיטש זענען פאר די איינגעוואנדערטע אנטשטאנען גרויסע שוועריקייטן ביים איינשאפן זיך א וווינונג. עס זענען דאן צוגעקומען אויך פיל היימלאָזע פון די ארומיקע שטעטלעך און די ענגשאפט איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. פארשטייט זיך, אז ביי אזא אָנגעלויף פון מענטשן האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן איינשטעלן א סטאבילע פרנסה צו דערנערן די פאמיליע. די, וועלכע האָבן נאָך געהאט אביסל געלט, האָבן אויך ביסלכעווייז אָנגעהויבן אונטערצוהונגערן ווייל די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אויסצולײדיקן פון אלץ — סיי פון סחורות און סיי פון שפייז, אזוי אז א גרויסע צאָל פאמיליעס האָט אויס פארצווייפלונג זיך אומגעקערט צוריק קיין סארנאקי.

שפעטער איז אונטערגעקומען די „פאספאָרטיזאציע". לויט א באפעל פון דער סאָוויעטישער מאכט האָט מען געדארפט ארויסנעמען פאספאָרטן. א גרויסע צאָל סארנאקער פאמיליעס האָבן ארויסגענומען סאָוויעטישע פעסער און שפעטער זענען זיי געווען געצווונגען צו פארלאָזן דאָס שטעטל און אריינוואנדערן טיפער אין רוסלאנד.

אָטדי לאגע האָט אויך דערפירט דערצו, אז פיל סארנאקער פאמיליעס האָבן זיך נישט פארשריבן אלס סאָוויעטישע בירגער כדי נישט פארשיקט צו ווערן, מיט דער האָפנונג אז סעמיאטיטש וועט נאָך דער מלחמה צוריק געהערן צו פוילן; מען וועט אזויארום בלייבן פוילישע בירגער און מען וועט זיך קענען אומקערן אהיים.

ווען די היטלעריסטישע ארמיי איז אָנגעפאלן אויף רוסלאנד, פארנעמענדיק א טייל פון דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, זענען די אלע אויפן פלאץ געבליבענע סארנאקער משפחות אומגעקומען. אנדערש וואָלטן מיר היינט געווען טאָפל אין צאָל. לויט מיין אָפשאצונג האָבן אין יענער צייט 70% פון דער יידישער באפעלקערונג פון סארנאקי פארלאָזט דאָס שטעטל.

ווי באוווּסט, האָט מען אונדז אין א שיינער יוני־נאכט אין 1940 ארויסגענומען פון די בעטן און פארשיקט קיין סיביר. הגם די לאגע איז דאָרט געווען קאטאסטראָפאל, האָבן זיך דאָך 90—95% פון די סארנאקער פארשיקטע אומגעקערט בשלום קיין פוילן. א ודאי האָבן מיר זיך נישט פאָרגעשטעלט, אז קומענדיק צוריק קיין פוילן, וועלן מיר באַגעגענען אזא קעגנערשאפט און פיינטשאפט פון אונדזערע שכנים, מיט וועלכע מיר האָבן צוזאמען געלעבט קארגע טויזנט יאָר. ס׳האָט זיך אויך ארויסגעוויזן, אז די שכנים נישט נאָר זיי ווייזן נישט ארויס קיין חרטה־געפיל לגבי די רדיפות אויף דעם יידישן פאָלק, נאָר דער האס און פאָגראָם־שטימונג צעפלאקערט זיך ביי זיי וואָס שטארקער פון טאָג צו טאָג.

ביי אזא לאגע האָבן מיר — פונקט ווי אלע אנדערע יידן — באשלאָסן ווידער צו נעמען דעם וואנדער־שטעקן אין האנט און לאָזן זיך אויף דעם וועג קיין דייטשלאנד מיט דער האָפנונג, אז פון דאָרט וועט זיך אונדז איינגעבן צו עמיגרירן אין ערטער, ווו מיר וועלן קענען רואיק אונדזערע קעפּ אוועקלייגן נאָך די אַלעליידן און וואנדלונגען. ביי היינט צוטאָג קענען מיר פעסטשטעלן, אז מיר האָבן זיך אין דעם זין נישט אנטוישט און מיר האָבן געפונען געהעריקע ערטער זיך איינצואָרדנען אין מענטשלעכע באדינגונגען.

בזכות פון אלע סארנאקער איז ווערט צו באצייכנען, אז קיינער פון אונדזערע לאנדסלייט האָט זיך נישט געלאָזט אויף דעם וועג ווי ס׳האָבן זיך געלאָזט געוויסע אנדערע יידן פון פוילן, אויף לייכטע פארדינסטן, איינאָרדנענדיק זיך אין דייטשלאנד. הגם א סך פון אונדז האָבן געהאט אזא מעגלעכקייט, האָט קיינער פון די סארנאקער נישט שלום געמאכט מיט דעם געדאנק צו לעבן צווישן די מערדער פון אונדזער פאָלק.

שמעון פיינלאַנד
בוענאָס איירעס

עלנט אין א באהעלטעניש

פאַר דער מלחמה האָבן מיר געוווינט אין מאָרד, 33 ק״מ פון סאַרנאַקי, ווו מיין פאָטער, בנימין פיינלאַנד, האָט באַקומען א שטעלע אלס שרייבער אין דער פּראָווער מיל. אָבער געבוירן בין איך אין סאַרנאַקי. מיינע עלטערן זענען אויך געבוירענע סאַרנאַקער.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1939, בין איך, דער עלטסטער פון די 7 קינדער אין דער משפחה (4 ברידער און 3 שוועסטער), דעמאָלט אלט געווען 21 יאָר.

באַלד בין איך גענומען געוואָרן אין פּוילישן מיליטער צו גראָבן טראַנשייען אונטער שעדלעץ און סטאַריוויעש, אונטער דער אומאויפהערלעכער באָמבאַדירונג פון די דייטשע אעראָפּלאַנען. אכט טעג האָבן מיינע עלטערן נישט געוווּסט וווּהין איך בין אוועקגעקומען. פון דאָרט בין איך דורכן פּוילישן מיליטער פאַרשלעפּט געוואָרן ביז מעזריטש. די פּאַניק איז געשטיגן און דאָס פּוילישע מיליטער גופא האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און אונדז געהייסן גיין ווו איינער וויל.

לויפנדיק צוזאַמען מיט א סך יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די באָמבאַרדירטע שטעטלעך, בין איך צוריקגעקומען קיין שעדלעץ. אָבער די זעלבע פּאַניק איז אויך דאָרט געווען. בין איך ווייטער געלאָפן, ביז איך בין אָנגעקומען ביינאַכט אין מיין שטעטעלע מאָרד.

אַז איך בין אָנגעקומען צו דער בריק, האָב איך דערזען א גרויס פייער און דערהערט געשרייען, אַז עס ברענט די מיל, ווו מיין פאָטער איז געווען דער שרייבער לאַנגע יאָרן. אין שטעטל האָבן מיר יידן דערציילט, אַז גאַנץ לאָשיצער גאַס איז שוין פאַרברענט. קוים מיט צרות בין איך דערקראָכן ביז מיין היים, אויף דער לאַנגער גאַס, ווו מיר האָבן געוווינט, אָבער איך האָב שוין דאָרטן קיינעם פון מיין משפּחה נישט געטראָפן. ביי די שכנים בין איך געוויור געוואָרן, אַז מיין משפּחה איז אוועק אין א שכנישן דאָרף, אָבער ווו ווייסן זיי נישט.

זייענדיק מיד, האָב איך זיך אוועקגעלייגט ביי אונדז אין גאָרטן און איינגע־שלאָפן. ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט ביים דערהערן טריט. איך האָב פּלוצלונג דערזען מיין משפּחה. מיין מוטער האָט א דערפרייטע אויס־געשריגן: „שמעון, מיין טייער קינד, גאָט צו דאַנקען, וואָס מיר זעען דיך א לעבעדיקן, מיר האָבן שוין געהאַט זייער שווערע געדאַנקען וועגן דיר!״

אָבער אין דער משפּחה האָט נאָך געפעלט מיין ברודער יאָסל, וואָס האָט דעמאָלט געאַרבעט אין וואַרשע ביי טריקאָטאַזש. ער האָט געוווינט ביי מיין מאַמעס איינציקן ברודער ישראל סקורא. מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז מיין ברודער יאָסל געקומען צופוס פון וואַרשע, אָבער יאָסל האָט אויסגעמיטן צו דערציילן, וואָס מיט זיי איז געשען.

צוביסלעך האָט ער דערציילט, אז בעת א באָמבארדירונג זענען זיי אלע אריין אין א קעלער פון זייער הויז, ווו עס האָט אויפגעריסן א באָמבע און זייער א סך זענען דאָרט דערהרגעט געוואָרן, צווישן זיי אויך איר ברודער מיט זיין פרוי. זייערע קערפּערס זענען צעפּיצלט געוואָרן, נישט צו דערקענען. יאָסל מיט זיינע 2 קוזינען, לייבל און אברהם, זענען מיט געציילטע מינוטן פריער ארויף אין שטוב ברענגען עסן פאר די עלטערן און אזוי זענען זיי ניצול געוואָרן פון א זיכערן טויט.

דעם 15־טן סעפּטעמבער 1939 זענען די היטלער־האָרדעס אריין אין אונדזער שטעטעלע מאָרד. ס'איז אויסגעבראָכן א שרעקלעכע פּאניק ביי דער יידישער באפעלקערונג. די מורא צו ווייזן זיך אין גאס האָט גורם געווען א הונגער אין די יידישע הייזער. קיין עסן איז ביי אונדז אין שטוב נישט געווען צוגעגרייט און די גאנצע משפּחה האָט אָנגעהויבן הונגערן. איך בין אוועק אין די דערפער צו זוכן שפּייז פאר דער משפּחה. ווען איך בין געגאנגען פון דאָרף סאסעניק אויפן שעדלעצער וועג, שוין נישט ווייט פון שטעטל, האָב איך דערזען ווי די דייטשן פירן אַן עולם געכאפּטע מענטשן. איך האָב שוין נישט באוויזן צו אנטלויפן און גלייך בין איך געוואָרן איינער פון דער צאָל געכאפּטע יידן און עטלעכע פּאָליאקן, וועמען מען האָט געפירט אויפן וועג קיין שעדלעץ.

ווען מיר זענען צוגעקומען גאָר נאָנט פון וואלד, איז מיר געלונגען צו אנטלויפן און שפּעטער בין איך אהיים געקומען.

ווען איך האָב די דאָזיקע איבערלעבונג דערציילט מיין פאָטער, האָט ער זיך אָנגערופן: קינדער, עס קומט א שרעקלעכע צייט אויף אונדז! ער האָט מיך געראטן צו אנטלויפן קיין ביאליסטאָק. די מאמע גיט צו, אז זי האָט קרובים אין ביאליסטאָק. איך וויל אָבער, אז מיין ברודער יאָסל זאָל אויך גיין מיט מיר. די עלטערן שטימען איין. מיר צעקושן זיך מיט די עלטערן, מען וויינט, מען קלאָגט, אין שטוב איז ווי ערב יום כיפור. מיר געזעגענען זיך מיט די ברידער און שוועסטער. מיין פאָטער טוט־אויס זיינע שטיוול און גיט זיי מיר. מיר גייען אויפן וועג קיין דראָגאָטשין. מיר דארפן אריבערגיין דעם בוג און די אריבערפירער פארלאנגען 50 זלאָטעס פון יעדן איינעם. מיר האָבן אָבער צוזאמען בלויז 60 זלאָטעס. צוויי ווארשעווער יידן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געטראָפן אויפן וועג, העלפן אונדז ארויס. אזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין דראָגאָטשין און פון דאָרט זענען מיר אוועק צופוס קיין סעמיאטיטש.

אין סעמיאטיטש זענען מיר געווען ביי אונדזערס א קרוין, אברהם דער היטלמאכער. דאָרט האָבן מיר אויך געטראָפן א פעטער, שמולע בעקער. אָבער אויך אין סעמיאטיטש איז דער הונגער געווען זייער גרויס. דער פעטער עצהט אונדז, מיר זאָלן וואָס פריער אוועק קיין ביאליסטאָק. אָבער פּלוצלונג האָט מיין ברודער חרטה און וויל זיך אומקערן. איך האָב באמערקט, אז ער בענקט זייער שטארק אהיים און אים דערקלערט:

טו ווי דו פארשטייסט, איך וועל זיך מער נישט אומקערן צו די דייטשע מערדערס!

מיין פעטער האָט מיר געגעבן אדרעסן צו זיינע 2 טעכטער אין ביאליסטאָק. איינע פון זיי, מאשע מיט איר מאן אברהם קאפּלאנסקי, האָבן געהאט א מאנופאקטור־פאבריק און איך האָב אָנגעהויבן ארבעטן אין פאבריק ביי איבערטראָגן סחורה. באלד איז ארויס א באפעל פון די סאָוויעטן, אז מען מוז ארויסנעמען סאָוויעטישע פּעסער, אנדערש וועט מען מוזן פאָרן צוריק איך האָב ארויסגענומען א סאָוויעטישן פּאס.

אין מיטן נאכט, אין חודש יוני 1941, זענען מיר אויפגעוועקט געוואָרן פון געוואַלטן. איך לויף ארויס אין גאס און זע, ווי צעטומלטע מענטשן לויפן האלב נאקעט און קיינער ווייס נישט וואָס ס׳איז געשען. איך לויף מיט מיין קוזינע אריין אין פאבריק, וואָס די סאָוויעטן האָבן געהאט רעקווירירט און מיר טרעפן פון דאָרט ארויסלויפן דעם קאָמאנדיר, וואָס איז דעמאָלט שוין געווען דער גאנצער בעל־הבית פון פאבריק, און מיר פרעגן אים וואָס ס׳איז געשען. ער האָט אונדז געענטפערט מיט א זייער טרויעריקער שטים: „טאָווארישטשי, וואָינאַ!״ ס׳איז, הייסט עס, מלחמה מיט דייטשלאנד. די דייטשן זענען אונדז באַפאלן.

איך בין דאַן אוועק צו מיין צווייטער ביאַליסטאָקער קוזינע, רייכל. איר מאַן איז געווען אין רוסישן מיליטער. ביי איר האָב איך אויך געטראָפן אירס א ברודער משה, אויך פון סעמיאטיטש, וועלכער איז געווען בוכהאלטער אין קאפלאנסקיס פאבריק. איך האָב זיך מיט אים געהאלטן אַן עצה וואָס צו טאָן און ער האָט געענטפערט: שמעון, לויף נישט! וואָס עס וועט זיין מיט אלעמען וועט אויך זיין מיט אונדז! בין איך געבליבן אין ביאַליסטאָק, געוווינט אויף יוראָוויעצקא 13.

די דייטשן הויבן אָן אריינצוקומען קיין ביאַליסטאָק. נישט לאנג געדויערט עס און איך ווער געכאַפּט אויף ארבעט. מען שיקט מיך אוועק אונטער לאַפּי, ביי וויסאָקי מאַזאָוויעצק. דאָרט האָט זיך שוין געפונען א גרופּע פון 380 יידן. מיר ארבעטן ביי א שאָסיי, וואָס ווערט אָנגערופן: „שאָסיי בערלין — מאָסקווע״, פון גאנץ פרי ביז שפּעט ביינאכט, אזוי לאנגע חדשים. אין דער צייט האָב איך דורכגעמאכט 3 סעלעקציעס. דאָס האָט געמיינט א סאָרטירונג: ווער עס טויג נאָך צו דער ארבעט און ווער עס ווערט אוועקגעשיקט צום אומקום. ביי דער ארבעט באַקען איך זיך מיט פּויערים פון דאָרף און עס ווערט ביי מיר געבוירן דער געדאנק זיך צוגרייטן צים אנטלויפן.

איך פאָרש די גאנצע צייט די פּויערים און געפין איינעם, וועמען איך קען אָנפאַרטרויען מיין פּלאַן. דאָס איז אַ פרומער גוי, מיט וועמען איך פּלעג א סך שמועסן וועגן רעליגיע, וועגן דער ביבל. ער איז געווען פאַרליבט אין דער ביבל. זיין נאָמען איז געווען וולאַדיסלאַוו מיצקאָווסקי.

אביסל שפּעטער האָט מען אונדז אריבערגעפירט אויף א צווייטן ארבעטס־פּלאַץ, אין יוזשעווא, נעבן שעפּעטאָווא. דאָרט האָבן מיר געארבעט א קורצע צייט ביים אויסענדיקן א בריק.

זונטיק ביינאכט, דעם 25־סטן נאָוועמבער 1941, איז אין די באראקן פון די פאַרהאַלטענע יידן אריינגעקומען א דייטש, ער האָט געהייסן שווארץ. דאָס איז געווען א האָלענדישער דייטש, וואָס האָט געארבעט ביי מאשינען פון קלאָפּן שטיינער. ער האָט אונדז איבערגעגעבן, אז מאָרגן וועלן מיר מער נישט גיין צו דער ארבעט, נאָר מיר וועלן ערגעץ ווערן ארויסגעפירט. מיר זענען דעמאָלט געווען 414 יידן אין לאַגער און אלע האָבן מיר באַקומען דעם פאַרגעפיל, אז מען גייט אונדז אומברענגען. אזוי האָט עס אויך דער האָלענדישער דייטש איבערגעגעבן א יידישן אינזשעניער, און אלע יידן האָבן זיך דערפון דערוווּסט.

א גאנצע נאכט איז שוין קיינער נישט געשלאָפן: געוויינט, זיך געזעגנט איינער מיטן צווייטן, אָבער אנטלויפן איז געווען אוממעגלעך. אָבער מיר האָבן באשלאָסן:

ווער נאָר עס קען זיך ראטעווען זאָל עס טאָן. גלייך ווי ס׳איז געוואָרן טאָג האָבן מיר דערהערט דעם באפעל: „אויפשטייז״! מען האָט אונדז געהייסן מיטנעמען וואָס איינער האָט, ווייל מען פירט אונדז איבער צו א ספּעציעלער ארבעט. איך האָב מיטגענומען מיין פּעקל סוכארעס פון געטריקנט ברויט, א פלאש וואסער, וואָס איך האָב שטענדיק געהאט ביי דער ארבעט אויפן שאָסיי און אויך א קורץ אייזנדל מיט א שארפן שפּיץ צו שפּאלטן שטיינער. ווען מיר זענען ארויס אויפן הויף פון לאגער, האָבן מיר דערזען אן אָפּטיילונג ס.ס., וועלכע מיר האָבן ביי דער ארבעט קיינמאָל נישט געזען.

מיר שטייען און ציטערן און עס קלאפּט אונדז צאָן אין צאָן. מיר פילן דעם טויט. נאָך איידער מען פירט אונדז ארויס, פאלט די וואָרנונג: „ווער עס וועט וואגן צו אנטלויפן וועט דערשאָסן ווערן!״

אָבער גלייך ווי מען פירט אונדז ארויס, הויבט זיך אויף א יאָמערלעך געשריי פון אלע 414 יידן, א געשריי וואָס האָט געדארפט שפּאלטן די הימלען. די גאנצע אומגעגנט ווערט אויפגעשווידערט; אויך די ס.ס.־לייט ווערן צעטומלט. עס ווערט פּלוצלונג א שיסעריי און אלע יידן צעלויפן זיך.

איך האָב אויך גענומען לויפן, ווי שדים וואָלטן מיך געטראָגן, ביז איך בין אריין אין וואלד. לויפנדיק אין וואלד, האָב איך דערפילט נאסקייט אין א האנט; איך טו אויס מיין גראָבע בורקע, מיין רעקל און דערזע בלוט. מיין רעכטע האנט איז דורכגעשאָסן, אָבער די קויל איז נישט געבליבן אין האנט. איך האָב גענומען א שטיק קאָרע פון א בוים און מעך, געמאכט דערפון א „באנדאזש״, ארומגעבונדן מיט א שטריקל, וואָס איך האָב געהאט אין קעשענע. די נאכט האָט גענומען צופאלן. האָב איך צונויפגעשארט די אראָפּגעפאלענע בלעטער, אויסגעבעט זיי אין א גרוב פון אן ארויסגענומענעם בוים און זיך אוועקגעלייגט שלאָפן אין דער נאָרע.

ליגנדיק האָב איך מיך דערמאָנט, אז איך האָב אמאָל געלערנט: „עס וועט קומען א צייט, ווען די שרעק וועט זיין אזוי גרויס, אז אפילו א צווייג אין א צווייג וועט זיך אָנרירן, וועסטו זיך דערשרעקן״. איך האָב דערפילט דעם אמת פון דעם, וואָס איך האָב אמאָל אין חדר געלערנט.

אין שלאָף האָב איך באקומען פיבער און דערפילט א גרויסן ווייטאָק. כ׳האָב זיך אויפגעכאפּט און מער נישט געקענט איינשלאָפן. אין דער נאָרע בין איך אָפּגעלעגן 3 טעג און 3 נעכט. זיך דערנערט מיט די סוכארעס און מיטן וואסער, וואָס כ׳האָב מיט זיך געהאט.

איך האָב צונויפגענומען די לעצטע כוחות און זיך געלאָזט גיין צום גוטן גוי וולאדיסלאוו מיצקאָווסקי. אָבער פּלוצלונג איז הינטער מיר אויסגעוואקסן א וועכטער פון לאגער, וואָס זוכט־ארום די אנטלאָפענע יידן און ער פרעגט מיך ווו איך בין געווען. איך זאָג אים, אז איך בין געווען אין וואלד. פרעגט ער מיך פארוואָס איך בין אנטלאָפן. איך הויב אָן זיך בעטן, וויינען, ער זאָל מיך לאָזן ווייטער גיין, מיר שענקען דאָס לעבן, אָבער ער זאָגט: דו מוזט גיין צוריק אין לאגער.

פּלוצלונג פאלט מיר איין א געדאנק און איך זאָג אים: הער זיך איין. מיינע פיס זענען פארבונדן מיט צעמענט־פּאפּיר, מיינע הענט זענען פארפרוירן; אראָפּנעמען דאָס פּאפּיר קען איך נישט; קום מיט מיר טיפער אין וואלד אריין, איך האָב דאָרט

באהאלטן א פארמעגן, וואָס וועט דיר קלעקן אויפן גאנצן לעבן. דאָס איז אים געפעלן געוואָרן און ער איז מיט מיר אוועק טיפער אין וואלד אריין. אין וואלד זענען געלעגן אָפּגעשניטענע קלעצער. האָב איך אים געזאָגט: איך וועל מיך זעצן אויף א קלאָץ און דו וויקל־אָפּ דאָס צעמענט־פּאַפּיר און פון דאָרט וועסטו ארויסנעמען דאָס פארמעגן. אזוי איז געווען. איך האָב מיך געזעצט אויפן קלאָץ און ער האָט זיך אָנגעבויגן און מיט התמדה אָנגעהויבן אָפּוויקלען דאָס פּאפּיר. ווען ער איז געווען אריינגעטאָן מיט אלע זיינע חושים צו באקומען דאָס גרויסע פארמעגן, האָב איך אָנגעטאַפּט אין מיין קעשענע דאָס פארשפּיצטע אייזן און מיט מיין גאנצן כוח אים געגעבן א זעץ אין קאָפּ אריין און בין אנטלאָפן. לויפנדיק האָב איך געהערט זיינע געשרייען: „א ייד האָט מיך דערהרגעט!"

מיין איינציקע שטרעבונג איז איצט געווען אָנקומען צום פּויער. איך מוז אויסמיידן די לויערנדיקע געפארן. איך גיי מיטן וואלד, נאָנט פון שאָסיי, נישט צו פארבלאָנדזשען. פרעגן טאָר מען נישט, גיי איך לויט מיין אינסטינקט דיקטירט מיר. ווען איך בין דורכגעגאנגען סאָקאָלע, נעבן וויסאָקי מאזאָוויעצק, איז מיר שוין דער וועג געווען גוט באקאנט, ווייל דאָרט האָב איך געארבעט אויפן שאָסיי. איצט דאַרף איך נאָך גיין ביז דער סטאציע שעפּעטאָוו און פון דאָרט אין דאָרף דעמבאָווקא, ווו דער פּויער וווינט. אָבער איך דערפיל, אז די כוחות לאָזן זיך מיר אויס. ס'איז שוין דער פערטער טאָג ווי איך בין אין וועג, קיין עסן האָב איך נישט, בעטן עסן ביי א פּויער האָב איך מורא. ווען ס'איז צוגעפאלן די נאכט, האָב איך געזוכט אן אָרט, ווו זיך אוועקצולייגן. פּלוצלונג האָב איך געפונען א „פּארסק". איך שאר אראָפּ מיט איין האנט די ערד און געפין א צוקער־בוראק. ווער קען זיך פאָרשטעלן מיין פרייד! דאָס האָט מיר געגעבן אביסל כוח צו גיין ווייטער.

ס'איז שוין געווען נאכט ווען איך בין אָנגעקומען. די שרעק איז ביי מיר געווען גרויס, ווייל איך האָב געוווסט, אזביים פּויער זענען פאראן 2 גרויסע הינט און זיי דערפילן דאָך[1] זיכער א פרעמדן. אָבער קיין ברירה האָב איך נישט. איך שטיי זייער לאַנג און וואַרט: אפשר וועט זיך דער פּויער באווייזן? איך דערוואַרט זיך אָבער נישט. איך זע, ווי דאָס ליכט אין פּויערס שטיבל ווערט פארלאָשן, די לאָדנס ווערן פארמאכט. איך באשליס: וואָס עס זאָל נישט זיין, איך גיי אריין אין הויף צום פּויער. נעבן מיר וואקסן אויס ביידע הינט און איך פיל, אז מיין לעבן איז איצט אָפּהענגיק פון די 2 כלבים. די הינט, א פּנים, פילן, אז מיט מיר האָט עפּעס שרעקלעכס געטראָפן און זיי קוקן אויף מיר מיט רחמנותדיקע אויגן. איך שטעל א פּאָר טריט און זיי גייען מיר נאָך, זיי באגלייטן מיך, ווי צוויי גוטע מלאכים. נעבן דער הינטישער בודע שטייט א שייער אויף פיר גרויסע שטיינער און אונטערן שייער איז הויל, בלויז שטרוי ליגט דאָרט אָנגעלייגט. מיט אלע כוחות מאך איך מיר א קבר דאָרטן און שטופּ אריין מיין קערפּער. איך דערפיל אין מיר א גרויסע פרייד. איך האָב דאָס פאָרגעפיל, אז דאָס וועט זיין מיין רעטונגס־אָרט. האָב איך שוין א באהעלטעניש. אָבער וואָס וועט זיין מיט עסן?

אביסל שפּעטער קריך איך צוריק ארויס פון מיין לעבעדיקן קבר. די 2 הינט האלטן מיך אין איין באגלייטן, לעקן מיר מיינע הענט, ווי זיי וואָלטן מיך געוואָלט קושן, ווי זיי וואָלטן מיר געזאָגט: ראטעווע זיך, ראטעווע זיך, מיר וועלן דיר העלפן!

נעבן ברונעם איז געשטאנען א קאָרעטע, וווּ מען גיט צו טרינקען די בהמות. האָב איך זיך אָנגעטרונקען. אויפן הויף איז אויך געווען א גרויסער קעסל, וווּ מען פלעגט קאָכן עסן פאר די חזירים. איך בין אריין אין דעם הייזעלע פון דעם פּארניק פונם קעסל און א גרויסע פרייד האָט מיך ארומגעכאפּט, ווען איך האָב דערזען אָפּגעקאָכטע קארטאָפל אין די שאָלעכץ. פאָרזיכטיק האָב איך אראָפּגענומען דעם צודעק פון קעסל און איך האָב מיך גוט אָנגעגעסן מיט קארטאָפל און עס האָט מיר דערמונטערט מיט האָפנונג, אז איך וועל מיך ראטעווען.

עס זענען אריבער חדשים אויף מיין באהעלטעניש, וואָס נאָר איין גאָט און, להבדיל, די צוויי הינט האָבן געוווּסט דעם סוד...

ערגער איז געווען ווען איך פלעג טרעפן ביינאכט די קארטאָפל צעשניטענע, אויסגעמישט מיט קלייען צוגעגרייט פאר די חזירים. אָבער איך פלעג זיי מוזן עסן אזוי ווי זיי זענען געווען. א סך מאָל פלעג איך מיר מיטנעמען קארטאָפל אין מיין נאָרע אריין, כדי נישט צו דארפן ארויסגיין ווען עס וועט שנייען, אויף נישט צו לאָזן קיין שפּורן פון די טריט אויפן שניי.

טייל־מאָל פלעגט דער פּויער ארויסשטעלן עסן פאר די הינט פון דעם וואָס איז געבליבן פון זיין מאָלצייט און אויב די הינט זענען זיך צעלאָפן, איידער זיי האָבן אויפגעגעסן דאָס צוגעגרייטע עסן, פלעג איך ארויס פון מיין לעבעדיקן קבר און אויסלעקן די טעלערס. אָפט מאָל האָב איך נישט געוווּסט ווען ס׳איז טאָג און ווען ס׳איז נאכט, ווייל ווען עס האָט געשנייט פלעג איך זיך היטן נישט ארויסצוגיין פון באהעלטעניש. אזוי בין איך געווען אָפּגעזונדערט פון דער וועלט חדשים לאנג. איך פלעג נאָר גאָט בעטן איך זאָל נישט משוגע ווערן.

זייער אָפט פלעג איך זען אין חלום מיין פאָטער, וועלכער פלעגט צו מיר זאָגן: „זון מיינער, שמעון, שרעק זיך נישט, איך בין מיט דיר, איך וועל דיך אָפּהיטן ווּוּ דו וועסט שטיין און גיין. איך וועל דיך נאָך צוריק פירן אין שטעטל אריין און דיין זון וועט נאָך אמאָל פאר דיר אויפשיינען!" ווען איך פלעג מיך אויפכאפּן פון אזא חלום, פלעגט מיר גרינגער ווערן אויפן הארצן. איך פלעג מיך אָננעמען מיט נייעם בטחון און זאָגן צו זיך אליין: „שמעון, האָב געדולד, וועסט אלע דיינע צרות איבערלעבן!".

איין מאָל, אין א פראָסטיקער נאכט, ווען איך בין ארויס פון מיין נאָרע, האָב איך געזען, אז די קאָרעטע איז אינגאנצן פארפרוירן. אויף אָנצוטרינקען זיך האָב איך באדארפט אָנשעפּן אין ברונעם וואסער. ווען עס איז א פראָסט, סקריפּעט דער דראָנג ביים אראָפּלאָזן און ארויסנעמען אים פון ברונעם מיטן עמער. שטייענדיק ביים ברונעם, האָב איך דערזען ווי דער פּויער עפנט די טיר, לאָזט זיך גלייך צו מיר. ס׳פאלט מיר אפילו איין א געדאנק צו אנטלויפן, איז אָבער א ליכטיקע לבנה־נאכט און דער פּויער האָט מיך שוין סיי־ווי דערזען. הענט און פיס הויבן מיר אָן צו ציטערן און איך טראכט: וואָס וועט איצט ווערן פון מיר?

דער פּויער קומט־צו און פרעגט ווער איך בין. איך ענטפער: „פּאניע מיצקאָווסקי, דאָס בין איך, שמעון פיינלאנד, וואָס פלעגט שטענדיק מיט דיר רעדן וועגן דער ביבל, וועגן רעליגיע. דאָס ערשטע וואָס ער פרעגט איז: „טי זשיעש?" (דו לעבסט?).

ווי קומסטו אהער? און די הינט האָבן דיך גאָרנישט געטשעפּעט? אויב אזוי, איז דאָס א גאָט זאך! נישט דו אליין גייסט, נאָר גאָט פירט דיך".

איך האָב מיך שטארק צעוויינט און דער פויער האָט זיך אויך נישט געקענט איינהאלטן און זיך צעוויינט מיט מיר צוזאמען. ער האָט מיך ארומגענומען און מיך גענומען באַרואיקן און בעטן: „שמעון, וויין נישט, ווייל מען וועט נאָך דערהערן". ער האָט מיך געטרייסט: „אויב דו ביסט געבליבן לעבן ביז איצט, וועסטו שוין בלייבן לעבן. איך דערצייל אים דעם אמת: איך בין שוין דאָ א לאנגע צייט און קיינער ווייס נישט דערפון, נאָר איין גאָט אין הימל. איך דערצייל אים אויך, אז איך דערנער זיך מיטן עסן, וואָס מען שטעלט־ארויס פאר די חזירים. ער האָט מיר געענטפערט, אז ער האָט דערקענט, אז עמיצער עסט ארויס דאָס עסן פון דער קאָרעטע, נאָר ער האָט זיך נישט געמאכט וויסן, ווייל אויב עמיץ עסט, איז ער הונגעריק און א הונגעריקן האָט ער נישט געוואָלט שטערן. — איך בין א פרומער קריסט, איך גלויב אין גאָט און אין דער ביבל.

איך דריק אויס מיין צווייפל, צי איך וועל זיין אומשטאנד דאָס איבערצוהאלטן און איך ווייז אים מיין קבר, ווו איך באהאלט זיך שוין א לאנגע צייט. ער האָט זיך איבערגעצלמט און זיך געוווּנדערט פון וואנען עס האָבן זיך צו מיר גענומען אזוי פיל כוחות. איך זאָג אים: ווען גאָט נעמט מיר צו דאָס לעבן, וואָלט איך געווען צופרידן, אָבער אליין נעמען זיך דאָס לעבן טאָר קיין שום מענטש נישט.

ער ענטפערט מיר: „הער, שמעון, דו ווייסט, אז די ביבל איז מיין לעבן און איך זאָג דיר דאָס, וואָס איך האָב געלערנט אין איר: ס'איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן דער, וואָס זאָל קענען אומברענגען דאָס יידישע פאָלק. איינציקע יידן וועלן זיכער בלייבן לעבן און דו וועסט זיין איינער פון זיי און וועסט זען, אז דו וועסט פלאַנצן א נייעם יידישן דור. ער טרייסט מיך אויך, אז די מלחמה וועט שוין נישט לאנג געדויערן. די רוסן זענען שוין אריין קיין דובנע און ראָוונע און אינגיכן וועלן זיי שוין אויך אהער קומען. — אָבער אין שייער דארפסטו נישט בלייבן. איך וועל דיר מאכן א באהעלטעניש אין פעלד און מיט וואָס איך וועל קענען וועל איך דיר העלפן.

אזוי איז שפּעטער אָנגעקומען דער טאָג ווען איך בין געוואָרן באפרייט. שוין 8 טעג איז די געגנט געווען באפרייט און איך האָב נישט געוווּסט, ווייל די דייטשן האָבן ארויסגעפירט די גאנצע באפעלקערונג פון דאָרף. איין מאָל, ווען איך בין ארויס־געגאנגען פון מיין נאָרע אין פעלד, האָב איך דערזען פון דער ווייטן א רוסישן זעלנער. מיין פרייד האָט נישט געהאט קיין גרענעץ. איך האָב געוואָלט צו אים גלייך צולויפן. האָט ער אויסגעשריגן: „שטיי, ווייל איך דערשיס דיך!"

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם בין איך צוגעלאָפן צו אים. נעבן אים איז געשטאנען נאָך א זעלנער, וואָס איז געווען, ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווּסט, א ייד. דער יידישער זעלנער האָט מיר געזאָגט, אז אין מיין לויפן צו אים האָט ער דערקענט, אז איך בין א ייד. איך בין ארויפגעפאלן אויפן יידישן זעלנער, אָנגעהויבן אים קושן און וויינען און ער — צוזאמען מיט מיר. ער האָט אויך געזאָגט, אז איך האָב מזל, וואָס ער איז פּונקט דאָ געשטאנען, אנדערש וואָלט מען מיך געווען דערשאָסן. מען האָט מיך אוועקגעפירט אין שטאב אריין, אויסגעפאָרשט, מיך ארומגעשוירן,

ארומגעוואשן און מיר געגעבן א דערלויבעניש צו פאָרן קיין ביאליסטאָק. אין שטאב האָב איך באמערקט א סך יידן, זיי האָבן זיך אלע געפרייט מיט מיין באפרייאונג. א סך האָבן מיר געזאָגט, אז איך בין דער ערשטער ייד, וואָס זיי באגעגענען.

איך האָב נאָך כאָטש איין מאָל געוואָלט זען מיין שטעטעלע סארנאקי. בין איך אוועק פון ביאליסטאָק קיין סעמיאטיטש און פון דאָרט קיין סארנאקי. אין די שטעטעלעך האָב איך דערזען דעם גרויסן יידישן חורבן. קיין איין ייד האָב איך דאָרט נישט באגעגנט. אָבער איך האָב נאָך אלץ געהאָפט עמיצן פון מיין משפחה צו טרעפן. ליידער איז מיין האָפנונג געווען אן אומזיסטע. קיינער פון מיין משפחה איז נישט געבליבן לעבן. איך בין צוגעקומען צו מיין זיידנס שטיבעלע, ביי דער „גלינקע", זיך אוועקגעשטעלט און געזאָגט קדיש נאָכן גאנצן יידישן שטעטל.

איך האָב פארלאָזט פוילן, נישט וועלנדיק בלייבן אויף דער בלוטיקער ערד, ווּ מען האָט אומגעבראכט א דריטל פון מיין פאָלק. מיט א קללה אויף די ליפן האָב איך פארלאָזט פוילן און געפאָרן קיין איטאליע. דאָרט בין איך געווען אין לאגער „קרעטאנא". אין א געוויסן טאָג האָב איך באקומען א בריוו פון ארגענטינע, אז מיינע א קוזינע רחלע, הערש פישלס אן אייניקל, די טאָכטער פון זיין איינציקן זון ישראל יצחק, וואָס האָבן געוווינט לאנגע יאָרן אין ווארשע (איר מאן — הערשל זילבערמאן פון סארנאקי), וויל מיך נעמען קיין ארגענטינע. מיין פרייד איז זיך נישט פאָרצושטעלן.

קיין ארגענטינע בין איך געקומען אין יאָר 1947. כ'האָב דאָ חתונה געהאט און האָב, קיין עין הרע, 4 קינדער — דריי מיידעלעך און איין יינגעלע. זיי הייסן: מלכה — א נאָמען נאָך מיין מאמען; בנימין — נאָך מיין פאָטער; חיה לאה — נאָך מיין שוועסטער; רויזעלע — נאָך מיין צווייטער שוועסטער.

זייער אָפט, ביינאכט, ווען איך גיב א קוק אויף מיינע פיר שלאָפנדיקע קינדער, דערמאָן איך מיך די ווערטער פון פרומען פויער, וולאדיסלאוו מיצקאָווסקי: „שמעון, דאָס יידישע פאָלק קען מען נישט פארניכטן. דו וועסט זיין דער זוימען, וואָס וועט פלאַנצן א ווייטערדיקן דור!".

זיין וואָרט איז מקויים געוואָרן.

צביה שבת
בוענאָס איירעס

וואנדערנדיק איבער וועלדער

ווען סעמיאַטיטשער געטאָ איז דעם 2־טן סעפּטעמבער 1942 ארומגעשטעלט געוואָרן מיט געסטאַפּאָ און שוץ־פּאָליציי, האָבן מיר דערזעענדיק וואָס עס טוט זיך — באשלאָסן תיכף אנטלויפן פון געטאָ. איך צוזאמען מיט דער מוטער און צוויי קליינע קינדער זענען געלאָפן אין איין ריכטונג; שמואל כיבאָווסקי, וועלכער איז געווען ביי אונדז אין שטוב — אין א צווייטער ריכטונג. מיר האָבן אָפּגעשמועסט ווו זיך צו טרעפן.

דורכצוקריגן זיך פון געטאָ איז געווען זייער שווער ווייל עס איז געווען ארומגעצוימט מיט געדיכטן דראָט. אלטע יידן מיט לאנגע בערד זענען געשטאנען מיט שערן אין די הענט און געשניטן דעם דראָט, שרייענדיק: — קינדער, ארויס פון גיהינום!

לויפנדיק זענען שוין פיל מענטשן דערשאָסן געוואָרן. מיין מוטער איז אוועק אין איין ריכטונג מיט א קינד און איך — אין א צווייטער מיט אן אנדער קינד. מיר זענען ביידע געלאָפן צו דער קאָלאָניע וויערטשין אויפן וועג קיין ביעלסק, אן 8 ק״מ פון סעמיאַטיטש. דאָ איז געווען אביסל רואיק. איך האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט מיין מוטער און שוועסטער. די מאמע איז געקומען מיט א דורכגעשאָסענעם פוס. דאָרט איז אויך געווען שמואל כיבאָווסקי.

האָבנדיק מורא, זענען מיר אלע אוועק אין די וועלדער. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אָבלאַווע פון די פּוילישע לעשניקעס, וועלכע האָבן געזוכט יידן כדי זיי אויסצוגעבן דעם דייטש. פיל מענטשן, צווישן זיי מיין מאמע, זענען געכאַפּט געוואָרן. זעענדיק אז עס איז שלעכט, זענען מיר אריין צו א קריסט. ער האָט אונדז פאָרגעלייגט אוועקגיין צו די רוסישע פּארטיזאנער.

מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די פּארטיזאנער, אָבער פאקטיש זענען זיי געווען באנדיטן. זיי האָבן פון אונדז אלץ צוגענומען. זעענדיק די רויבערייען, זענען מיר אוועק פון זיי. לויפנדיק בין איך געבליבן מיט שמואל כיבאָווסקי און מיר זענען צוריקגעגאנגען צו דעמזעלבן קריסט קיין וויערטשין. אָבער דאָרט האָבן אונדז אָפּגעוואַרט דיזעלבע באנדיטן, וועלכע האָבן אונדז אוועקגעפירט צוריק אין וואלד. די שיכורע באנדיטן האָבן אונדז אויסגעטאָן נאקעט און אלץ צוגענומען.

וואוהין צו לויפן האָבן מיר שוין נישט געהאט. דאן האָט שמואל כיבאָווסקי באשלאָסן צו דערקריגן זיך קיין סארנאקי. דער וועג איז געווען נישט קיין לייכטער. צוויי וואָכן האָט געדויערט אונדזער וועג ביזן בוג, קיין טורנע. דאָרט זענען מיר אריין צום מילנער, וועלכער האָט אונדז צוגעזאָגט העלפן זיך אדורכקריגן קיין סארנאקי. ער האָט אונדז אויפגענומען גאנץ פריינטלעך, אריינגעפירט אין שייער, געגעבן צו עסן. ביי אים זענען מיר געווען עטלעכע טעג. מיר האָבן געמוזטווארטן ביז א וועגווייזער וועט אונדז דורכפירן דעם בוג.

ווען דעם מילנערס פרוי האָט אונדז באמערקט, האָט זי אָנגעהויבן הויך שרייען ווייל זי האָט מורא געהאט אונדז צו האלטן. זי האָט אזוי געשריען, אז די פאַראַבקעס זענען זיך צוזאמענגעקומען. זעענדיק די סצענע, האָט דער מילנער נישט געהאט קיין

ברירה און געווען געצוווּנגען הייסן אונדז גיין, כאָטש ער האָט עס נישט געוואָלט טאָן.

עס איז געוואָרן פינצטער און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי א קאָפּיעץ שטרוי. ווען דער קריסטלעכער בעל־הבית איז אָנגעקומען נעמען אביסל שטרוי, האָבן מיר אים צוגעזאָגט צו באצאָלן כדי ער זאָל אונדז נישט טשעפּען. ער איז אויף דעם איינגע־גאנגען. שפּעטער האָט אונדז איינער פון דאָרף אדורכגעפירט דעם בוג און מיר האָבן אים דערפאר באצאָלט 500 רובל אין גאָלד.

קומענדיק אויף דער צווייטער זייט בוג, איז שמואל כיבאָווסקי געוואָרן דער־מונטערט און האָט אונדז געזאָגט, אז מיר זענען שוין גליקלעך. קענענדיק דעם וועג, האָט ער אונדז אריינגעפירט קיין ליפּטשין אין א שטאל, ווו עס האָבן זיך געפונען חזירים. מיר זענען געווען אזוי הונגעריק, אז מיר האָבן ארויסגענומען די קארטאָפל פון די חזירים און זיך גוט אָנגעגעסן. מיר זענען דאן געווען די גליקלעכסטע אין דער וועלט.

שפּעט ביינאכט איז שמואל אוועק צום קריסטלעכן בעל־הבית און זיך נאָכגע־פרעגט וויאזוי צו דערקריגן זיך קיין סארנאקי. דער קריסט איז געקומען און אונדז אריינגענומען צו זיך אין שטוב. דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגעוואשן, געגעסן, זיך אָפּגערוט. צום קריסט איז דאן אריינגעקומען א ייד פון סארנאקי. שמואל האָט זיך מיט אים דורכגעשמועסט און פארשטענדיקט וויאזוי זיך צו דערקריגן אין שטעטל.

דער ייד האָט שמואלן געזאָגט, אז די געסטאַפּאָ פון געטאָ זוכט אים ארום. איך מיט דעם יידן זענען אוועק קיין סארנאקי און שמואל האָט געזאָלט נאָכקומען. נישט דערגייענדיק ביזן לאגער אין סארנאקי, האָט מיר פארכאפּט א פּוילישער פּאָליציאנט און אריינגעפירט אין לאגער.

דאָרט האָט מיר באגעגנט גבריאל צוקער און אָנגעהויבן אויספרעגן פון וואנען איך קום. וואָס אן אמת, איך האָב מורא געהאט צו זאָגן, אז איך קום פון סעמיאטיטש, ווייל דאָס איז געווען א גרענעץ־שטאָדט. האָב איך געזאָגט, אז איך בין א לאָשיצער. ווען עס איז אָנגעקומען מיין קוזין יהושע קאפּלאן, האָט ער דערציילט דעם אמת, אז איך בין נישט פון לאָשיץ, נאָר פון סעמיאטיטש.

דער פּאָליציאנט האָט געוואָלט מיר פירן אין געסטאַפּאָ, אָבער גבריאל צוקער האָט געמאכט אלע באמיאונגען און פאר א גוטער באלוינונג האָט ער מיר באפרייט.

יהושע קאפּלאן און ישראל דער אָגאָראָדניק האָבן מיר אוועקגעפירט צו גרעגאָר־טשיקן אויף דער פּארצעלע. דאָרט איז געווען צוגעגרייט א ספּעציעלער בונקער. איך בין דאָרט געווען פון די ערשטע. אין א פּאָר טעג ארום, ווען מען האָט אָנגעהויבן ליקווידירן דעם סארנאקער לאגער, זענען אָנגעקומען פון דאָרט מעלע קאפּלאן, יהושע קאפּלאן, ישראל דער אָגאָראָדניק, מלכה זילבערשטיין, די ליבערמאנס פון לאָשיץ און אויך עטלעכע בלאשקער. מיר זענען געווען אן ערך 15 פּערזאָן.

ווען מיר זענען פון דאָרט אוועק ערליידיקן פארשיידענע זאכן אויף אן אנדער פּארצעלע, האָט אונדז איינער פון די גויים דערציילט, אז די יידן, וואָס זענען געווען ביי גרעגאָרטשיקן, זענען אלע אויסגעמאָרדעט געוואָרן. ער האָט זיי אָפּגעגאָסן מיט קאָכעדיק וואסער און נאָר איינער פון זיי האָט זיך געראטעוועט. די ידיעה האָט אונדז דערשיטערט.

יהושע קאפּלאן מיט איינעם א בלאשקער האָט נישט געוואָלט גלויבן די שוידער־

לעכע געשיכטע און באשלאָסן צוגיין זען. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט, האָבן זיי שוין געזען מיט זייערע אייגענע אויגן דעם חורבן. די שטילקייט האָט עדות געזאָגט, אז אלץ איז אמת. כאָטש יהושע קאפּלאן איז נישט געווען קיין פּחדן, האָט ער זיך שטארק איבערגענומען און אָנגעהויבן לויפן צוריק. ער איז אוועק צו גראָביצקין געוואָרן וועגן די דערמאָרדעטע יידן.

אן ערך 3 מאָנאטן זענען מיר געווען ביי גראָביצקין און דאָרט זיך אויסבאהאלטן. פון דאָרט זענען מיר אוועק אין די כלאָפּקעווער וועלדער. דאָרט האָבן מיר זיך געטראָפן מיט משה קליידערמאכער, הערצקע קליידערמאכער, געצעלע ווייסבערג און יאָסל לעבענבערג. אין דעם וואלד זענען מיר געווען עטלעכע מאָנאטן ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע אָבלאווע.

ווען די פּאָליציאנטן מיט די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צום בונקער, וואָס מיר האָבן געמאכט אין וואלד, האָבן זיי געפונען דאָרט גבריאל צוקער, יצחק און וועלוול וולאָדאווער, משה רודסקי, שמואל כיבאָווסקי און 2 בלאשקער. זיי אלע זענען אומגעבראכט געוואָרן. שמואל כיבאָווסקי איז אומגעקומען לויפנדיק.

ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום בונקער, ווו עס האָבן זיך געפונען משה מיט הערצקען, האָבן מיר באמערקט, אז אלץ איז דאָרט געווען איבערגעדרייט. דאָס האָט עדות געזאָגט, אז די מערדער זענען דאָרט געווען. גייענדיק ווייטער צום בונקער פון משה רודסקי, האָבן מיר געזען די אלע טויטע קערפּערס. זייענדיק דערשראָקן, האָבן מיר אפילו נישט באגראָבן די טויטע קערפּערס און מיר זענען תיכף אוועק פון דאָרט אין די זאבוזשער וועלדער. דאָרט האָבן מיר געלעבט ביזן 15 נאָוועמבער 1943.

קיין בונקערס האָבן מיר שוין נישט געמאכט ווייל דאָס האָט ארויפגעפירט די דייטשן אויף אונדזערע שפּורן. מיר האָבן זיך דערנערט מיט יאגאָדעס און גרינוואַרג.

פון דאן האָב איך זיך געהאלטן צוזאמען מיט משה קליידערמאכער. אלע האָבן מיר געזאָגט, אז אויב איך וועל זיך האלטן מיט משהן, וועל איך געוויס איבערלעבן די מלחמה.

זייענדיק אין וואלד איז משה מיט הערצקען פון צייט צו צייט געקומען קיין סארנאקי צו טאָמאשוקאָווען און פון דאָרט פלעגן זיי ברענגען עסן און קליידער. זי האָט זיך באצויגן צו זיי פונקט ווי צו אייגענע קינדער. ווען זי האָט ביי זיך צוגעגרייט א בונקער פאר משהן מיט הערצקען, האָט משה געזאָגט צו איר, אז זיי האָבן געפונען א מיידל אין וואלד און ווילן איר ברענגען אהער.

— אויב איר האָט געפונען א מיידל, לאָזט איר נישט איבער אין וואלד און ברענגט איר גלייך צו מיר. זי וועט זיין גלייך מיט אייך — האָט זי געזאָגט.

קומענדיק צוריק אין וואלד, האָבן זיי מיר איבערגעגעבן וואָס טאָמאשוקאָווע האָט געזאָגט. אין דערזעלבער צייט איז פאָרגעקומען א שרעקלעכע אָבלאווע. מיר האָבן געהערט א שיסעריי פון מאשין־געווער. דאן האָבן מיר אָנגעהויבן לויפן נישט וויסנדיק אפילו אין וועלכער ריכטונג.

מיר זענען געלאָפן פון זאבוזשער וואלד אין די מערוויטשער וועלדער. צוזאמען מיט אונדז איז געלאָפן איצל כיבאָווסקי, הערשל כיבאָווסקי און עזריאלקע מאָנטשאזש. לויפנדיק האָט הערצקע פארלוירן די כוחות און אוועקגעפאלן. משה האָט אים געהייסן אויסטאָן דעם פּעלץ כדי עס זאָל אים זיין לייכטער.

דאן האָבן מיר אָנגעטראָפן עטלעכע לעשניקעס, וועלכע האָבן אונדז געראטן לויפן שנעלער ווייל די דייטשן האָבן איצט דערשאָסן 3 פּערזאָן. אזוי זענען מיר אריין אין די מערוויטשער וועלדער. דאָרט האָבן מיר געזען, אז עס פעלן טאקע איצל, הערשל און עזריאלקע. ווען עס איז געוואָרן נאכט, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין די זאבוזשער וועלדער, ווו מיר האָבן געלאָזט די זאכן. דאָרט האָבן מיר זיך אדורכגערעדט וועגן די ווייטערדיקע פּלענער. דעמזעלבן אָוונט זענען מיר אוועק צו טאָמאשוקאָווען.

געוועז איז עס שפּעט ביינאכט. זייענדיק זייער מיד, האָב איך זיך אוועקגעלייגט שלאָפן אין שייער, ווו עס איז געווען שעטשקע פאר די בהמות. פון דאָרט זענען מיר אראָפּ אין בונקער. כאָטש מיר האָבן זיך געפילט זייער גוט, בין איך געווען אין שטארקער מורא צוליב דעם וואָס מענטשן האָבן אָנגעהויבן רעדן, אז טאָמאשוקאָווע באהאלט אויס יידן. דאָך זענען מיר געבליבן דאָרט א גאנצן ווינטער.

אויך פון דאָרט זענען מיר אוועק ווייל די דייטשן זענען געקומען אויף די שפּורן. איידער מיר זענען אוועק איז טאָמאשוקאָווע אריין צו אונדז מיט א געשריי: — זיצט, רירט זיך נישט פון אָרט! איך האָב איינגעשטעלט מיין לעבן פאר אייך און איך גלויב, אז גאָט וועט אונדז העלפן.

די אָבלאווע איז געווען ארום טאָמאשוקאָוועס הויז, אָבער איר האָט זי אויס־געמיטן. ווען עס האָט זיך אביסל בארואיקט, זענען מיר צוריק אוועק אין זאבוזשער וואלד. מיר האָבן שוין געהערט, אז די מלחמה דארף זיך ענדיקן, אז די רוסן גייען פאָראויס.

פארבלייבן אין וואלד האָבן מיר לאנג נישט געקענט ווייל עס זענען פאָרגעקומען כסדרדיקע אָבלאוועס. דאן זענען אויך פאָרגעקומען גרויסע אָבלאוועס פון די א. ק. געווען איז עס אין יאָר 1944. מיר זענען ווידער אוועק צו טאָמאשוקאָווען.

פון טאָג צו טאָג האָט זיך די רויטע ארמיי דערנענטערט צו אונדז. דאן האָבן די דייטשן פאראָרדנט, אז אלע פּאָליאקן זאָלן פארלאָזן די שטאָט. טאָמאשוקאָווע איז דאן אריין צו אונדז אין בונקער און געזאָגט, אז די מענער זאָלן גיין באזונדער און איך זאָל בלייבן און גיין מיט איר. ארויסגייענדיק פון שטאָט, האָבן אונדז די דייטשן אָפּגעשטעלט און געפאָדערט קען־קארטעס. נישט האָבנדיק די קען־קארטע, בין איך אנטלאָפן. געווען איז עס שפּעט ביינאכט. איך האָב זיך אומגעקערט צו טאָמאשוקאָווען אין בונקער. דאָרט בין איך געזעסן אליין. אין דער פרי בין איך ארויף אויפן בוידעם אין שייער. געזען האָב איך דאן ווי די דייטשן פירן 4 פּערזאָן נאָנט צום שייער און הייסן אָנטאָן די מארינארקעס אויף די קעפּ. איך האָב געהערט די שאָסן. ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, זענען עס געווען זשאָנטאק, זיין זון און צוויי אנדערע.

אין שטעטל איז געוואָרן א סומאטאָכע. אלע האָבן אָנגעהויבן לויפן. איך בין אוועק אין פעלד פון קאָרן. דאָרט האָב איך געטראָפן ישראל דעם אָגאָראָדניק מיט מעלע קאפּלאן. עס איז געווען א טומל נישט נאָר צווישן די יידן און פּאָליאקן, נאָר אויך די דייטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן. די רוסן האָבן פון טאָג צו טאָג זיך דערנענטערט צו אונדז.

שפּעטער האָבן מיר אויך געטראָפן משה אברהם איטשעס און משהן מיט הער־צקען. פון דער ווייטנס האָבן זיך שוין געהערט לידער פון דער רוסישער ארמיי. מיר זענען ארויס פון די באהעלטענישן. מיין הארץ איז געווען פול פרייד.



גדעון (געצל) ווייסבערג
ראשון־לציון

אנטלאפן פון וועג קיין טרעבלינקע

נאָך דער דייטשער אינוואזיע איז אונדזער פאמיליע געבליבן וווינען אויפן זעלבן אָרט אין סארנאקי. אונדזער אָלעארניע האָט נישט געארבעט. עס איז נישט געווען וואָס צו טאָן און מיר האָבן זיך אויפגעהאלטן פון פארקויפן שטוב־זאכן.

אָנפאנג 1940 האָט זיך געשאפן א „יודן־ראט" מיט יידישער פאָליציי, בראש פון וועלכער עס איז געשטאנען גבריאל צוקער. גבריאלס אויפגאבע איז געווען צושטעלן מענטשן פאר די דייטשן צו דער ארבעט.

יעדער ארבעטס־פעאיקער ייד האָט זיך געמוזט צושטעלן 5 פארטאָג לויט א רשימה פון יודן־ראט, וואָס זיין אמט איז געווען אין געוועלב ביי צירל רודסקי. ווער עס האָט נישט געקענט גיין צו דער ארבעט און איז געווען פארמעגלעך, האָט געדונגען פאר 6 — 8 זלאָטעס א טאָג א מענטש, וואָס איז געווען פאראינטערעסירט אין פאר־דינסט. איך פלעג ארבעטן א גאנצע וואָך: דריי טעג פאר דער געסטאפּאָ און דריי טעג אלס א געדונגענער.

צו דער ארבעט קיין פלאטעראָווע זענען מיר געגאנגען צופוס. די ארבעט איז באשטאנען פון באזאָרגן די קיכן מיט וואסער, האָלץ און אנדערע ברען־שטאָפן, ווי אויך רייניקן די הויפן. דאָס וואסער האָבן מיר געבראכט פון דער ווייט. דאָס איז געווען דערפאר ווייל די דייטשן האָבן מורא געהאט צו נוצן דאָס וואסער פון די שטעטלשע ברונעמס אויס פארדאכט טאָמער איז עס פארסמט. האָבן זיי אויסגעבויט א ספעציעלן ברונעם פאר זיך.

דער אויפזעער ביי דער ארבעט איז געווען אן ס.ס.־מאן פון האמבורג מיטן נאָמען האס. זייענדיק א גרויסער סאדיסט, פלעגט ער אָפט שלאָגן די יידן. האָט זיך ווער פארשפעטיקט צו דער ארבעט, האָט האס אים געשלאָגן מיט א קאנטשיק.

מיין אויפגאבע איז אויך געווען אכטונג געבן אויפן גאראזש, ווו עס איז געשטאנען דער דזשיפּ. איך האָב עס געמוזט האלטן ווארעם כּדי דאָס וואסער פון ראדיאטאָר זאָל נישט פרירן. ווען דער דייטש האָט מיר געהייסן געבן די קאָרבע צו לאָזן אין לויף די מאשין און איך האָב נישט פארשטאנען וואָס ער מיינט, האָט ער מיר געשלאָגן מיט דער קאָרבע.

צו דער ארבעט האָט מען גענומען בלויז יונגע מענטשן. קיין ייד מיט א באָרד האָט זיך נישט געטאָרט ווייזן. חוץ דער ארבעט אין פלאטעראָווע איז אויך געווען ארבעט אין בענדיגע, פראָנאָלאָווע און ביי דער גאנצער לענג פון דער גרענעץ.

אין א געוויסער נאכט אין דער צווייטער העלפט פון 1940 האָבן די דייטשן ארעסטירט יולקע עלבערג (לייבקע שניידערס איידעם). נאָך א לאנגער צייט איז אָנגעקומען א בריוו פון אים. שפּעטער האָט די משפּחה באקומען א קעסטל מיט אש, וואָס מען האָט קובר געווען אויפן בית־עלמין. מיט עטלעכע מאָנאטן שפּעטער איז די זעלבע געשיכטע פאָרגעקומען מיט פולקען און זלמנען (די קאָניוכעס).

די דייטשן ווילן „אויסבעסערן די קאמוניקאציע"

שוין אין 1941 האָבן די דייטשן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אן עווענטועלן קריג מיט סאָוויעט־רוסלאנד. אין דער צייט האָבן זיי שוין געגראָבן אָקאָפּעס לענג־אויס דער גרענעץ און אויך פארברייטערט די באן־ליניע ביז דער סטאנציע סעמיאטיטש.

די יידן פון שטעטל זענען באשפּעטיקט געוואָרן ביי די ארבעטן. אָפט מאָל האָב איך געארבעט ביים אויפלאָדן זשוויר. מערסטע קריסטן פון דער אומגעגנט האָבן הנאה געהאט פון אונדזערעליידן.

די ארבעט האָט געדויערט ביז מאי 1941. דאן האָבן די דייטשן זיך אָנגעהויבן גרייטן אינטענסיוו צו א קריג מיטן ראטנפארבאנד. די גאנצע געגנט איז פארפלייצט געוואָרן מיט מיליטער, וואָס זיין אויפגאבע איז געווען ברוקירן סטראטעגישע וועגן און בויען בריקן. די נייע וועגן זענען געווען צווישן סארנאקי — מערוויטש, סארנאקי — קיזיק, סארנאקי — מעלניק דורך זאבוזשע. די דייטשן האָבן געזאָגט, אז זיי ווילן אויס־בעסערן די קאָמוניקאציע. דערביי האָב איך געארבעט א 3 — 4 מאָנאט.

עטלעכע טעג פארן קריגס אויסברוך זענען אין שטעטל און אומגעגנט אָנגעקומען פיל מיליטער־לייט מיט שווערער ארטילעריע. ערשט דאן האָבן מיר אָנגעהויבן פאר־שטיין אין וואָס עס גייט. דעם 20־טן יוני האָבן זיך באוויזן 3 סאָוויעטישע עראָפּלאנען, וועלכע האָבן אָבסערווירט די געגנט. מיר האָבן געמיינט, אז דאָ קומט אונדזער ישועה און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן. אָבער געווען איז עס א ביטערער טעות.

אפּגעברענטע הייזער

צומאָרגנס, דעם 21־טן יוני, 4 א זייגער פארטאָג, איז אויסגעבראָכן די מלחמה. די דייטשן זענען אריבער דעם בוג און שוין מיט א פּאָר שעה שפּעטער האָבן זיך באוויזן סאָוויעטישע עראָפּלאנען, וועלכע האָבן באָמבארדירט דאָס שטעטל. זייער ציל איז געווען די שולע, ווו עס האָט סטאציאָנירט דער דייטשער שטאב, אָבער זיי האָבן נישט געטראָפן.

די דייטשן האָבן אַליין אונטערגעצונדן דאָס שטעטל כדי צו מאַסקירן דעם פאַראויסמאַרש פון זייער מיליטער. זיי האָבן נישט דערלויבט לעשן די יידישע ברענענ־דיקע הייזער, דאַקעגן די פּוילישע הייזער האָבן זיי יאָ דערלויבט צו לעשן. דאַן איז פאַרברענט געוואָרן אויך אונדזער אַלעאַרניע מיט דער גאַנצער רישניעווער גאַס.

יידן פון שטעטל זענען אַוועק אין די וועלדער פון כלאַפּקעווע, פלאַסקעווע. נאָך דער שרפה זענען זיי צוריקגעקומען. די יידן, וואָס זייערע הייזער זענען געווען אָפּגעברענט, זענען איינקוואַרטירט געוואָרן אין די הייזער, וואָס זענען געבליבן גאַנץ. אַזוי זענען געזעסן עטלעכע פאַמיליעס אין איין דירה.

אונדזער הויז איז נישט פאַרברענט געוואָרן, ווייל דער שכן סטאַניסלאַוו דער שמיד האָט מורא געהאַט פאַר זיין שייער, האָט ער מיר געהאָלפן לעשן און אויך מיר דערלויבט נעמען וואַסער פון זיין ברונעם. די דייטשן האָבן פאַרקוקט ביים ראַטעווען אונדזער הויז ווייל עס איז געשטאַנען נאָענט צו קריסטלעכע הייזער.

אין אונדזער הויז האָבן געוווינט 4 משפחות: אביגדור זיידענפעלד — מאַשקעס איידעם, משה „די זשעברע" פון בלאַשקי, חיים לייזער פון בלאַשקי און איך.

נאָך דער שרפה האָט דאָס שטעטל אויסגעזען ווי א בית־הקברות. די פיינטלעכע קריסטן זענען אויך נישט געווען צופרידן פון דער שרפה: הרגענען יידן, צונעמען זייער האָב און גוטס — יאָ, אָבער פאַרברענען די הייזער — דאָס נישט.

די לאַגע אין שטעטל האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. עס איז געווען שווער צו באַקומען פּראָדוקטן. די געשעפטן זענען געווען געשלאָסן, ווייל די מאַכט האָט אַרויפ־געלייגט א גרויסע קאָנטריבוציע. מערסטע יידן זענען געגאַנגען געהיים אויפן דאָרף און איינגעקויפט פּראָדוקטן. אַנדערע זענען געגאַנגען ביינאַכט אויף די פעלדער און זיך באַמיט ברענגען עפּעס א היים.

מיר ווערן פאַרשפּאַרט אין געטאָ

אַזוי האָבן מיר געלעבט ביז סעפּטעמבער 1941. דאַן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן מעלדונגען פון דער דייטשער מאַכט, אַז מיר זאָלן אָפּגעטיילט ווערן אין א געטאָ; ווער עס וועט וואַגן צו פאַרלאָזן די גרענעצן פון געטאָ אָן א דערלויבעניש וועט דערשאָסן ווערן.

אין געטאָ איז די לאַגע געוואָרן וואָס א מאָל אומדערטרעגלעכער. מענטשן האָבן נאָך געגלויבט, אַז מען וועט קענען אַריינברענגען לעבנס־מיטל אין געטאָ. מען האָט זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז פאַר אַרויסגיין פון געטאָ נאָך א שטיקל ברויט זאָל מען דערשאָסן ווערן.

א יידישע פרוי, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען דעם דראָטענעם פּלויט פון געטאָ, איז געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן. עטלעכע טעג נאָכדעם האָבן די יידן נישט געוואַגט פאַרלאָזן דעם געטאָ כאָטש דער הונגער האָט שטאַרק געמאַטערט.

אויס נויט האָב איך פאַרקויפט דאָס לעצטע בעט־צייג פון שטוב. געקויפט האָט עס ביי מיר א קריסטלעכע פרוי, פון די אָנגעקומענע פון פּאָמערן, וואָס האָט געוווינט ביי טאָמאַשוקן. איך בין אַוועק א צופרידענער: נאָך א טאָג וועל איך מיט דער פאַמיליע קענען לעבן.

ביי דער געלעגנהייט האָט מיר די פרוי געבעטן ברענגען וואַל צום שטריקן. אזוי האָב איך איר באזאָרגט מיט וואָל עטלעכע מאָל, זיך איינשטעלנדיק דאָס לעבן אריבער־גייענדיק דעם געטאָ גרענעץ. איין מאָל האָב איך זיך קוים אָפּגעראַטעוועט ווען א פּאָליציאַנט האָט מיר דערזען.

אומדערטרעגלעכע באדינגונגען

די לאגע אין געטאָ האָט זיך וואָס אמאָל פארערגערט און עס האָבן אָנגעהויבן בושעווען עפּידעמיעס. פיל מענטשן זענען אומגעקומען פון בויך־טיפוס. נישט קיין וואונדער: דער הונגער איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן שטאַרקער; די וווינונגס באדינגונגען זענען געווען געפערלעכע. אין איין צימער האָבן געוווינט 10 — 12 פאמיליעס.

ענדע דעצעמבער האָבן די דייטשן באפוילן דעם יודן־ראט צושטעלן עטלעכע הונדערט יידן אין אן ארבעטס־לאגער. דער יודן־ראט איז נישט געווען אומשטאנד צושטעלן אזא צאָל ארבעטער. דאן האָבן די דייטשן באשלאָסן אליין צו כאפּן יידן. עס איז אנטשאנען א גרויסע פאניק. מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך אויסבאהאלטן.

צוהילף די דייטשן זענען געקומען די יידישע פּאָליציאַנטן. די דייטשן האָבן געכאפּט אן ערך 50 — 60 מענטשן, צווישן וועלכע עס זענען געווען מיט מיר: נתן גאָלדבערג, שמעון שאָנשיין, הערצקע קליידערמאכער, יצחק כיבאָווסקי, שייעלע שטיינמאן, מעלע קאפּלאן, גדליה מאָנטשאזש.

א גאנצע נאכט זענען מיר געזעסן אין דער סארנאקער טורמע (נעבן שטשער־ביצקיס ברונעם). גאנץ פרי האָט אונדז די פוילישע פּאָליציי אדורכגעפירט הארט ביים געטאָ. די איבערגעבליבענע האָבן זיך מיט אונדז געזעגנט וויינענדיק און פאַכענדיק מיט די הענט, טראכטנדיק אז דאָס איז אונדזער לעצטער וועג.

געבראכט האָט מען אונדז אין שעדלעצער לאגער, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: פירמע וואלפאר אונד געבעלס. דאָרט זענען געווען 5 — 6 טויזנט מענטשן פון סארנאקי, לאָשיץ, מאָרד און אומגעגנט. קומענדיק אהין האָט מען אונדז איינגעטיילט אין די בלאָקן. אונדזער ארבעט איז געווען ברוקירן א שאָסיי פון שעדלעץ קיין מעזריטש און ווייטער ביז ביאלא פּאָדלאסקא, וואָס האָט געפירט צום בוג.

אן ערך 10 חדשים האָבן מיר געהאקט שטיינער. די ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן 5 פארטאָג און געפירט האָט מען אונדז באוואכט. ווינטער איז געווען נאָך ערגער, ווייל מיר האָבן נישט באקומען קיין ווארעמע קליידונג. יעדע פּאָר וואָכן האָט מען אונדז געגעבן פאפירענע קליידער.

אין יענער צייט האָבן נאָך די יודן־ראטן געהאט א געוויסע ווירקונג און געקענט אויסטוישן מענטשן פאר געלט. די וואָס האָבן נישט געהאט קיין געלט האָבן געמוזט ארבעטן. ביי דער ארבעט האָט מען אונדז געשלאָגן. מיין קוזין נוסקע גאָלדבערג האָט באקומען 20 שמיץ פאר שוואך ארבעטן. געשפּייזט האָט מען אונדז נישטיק — מיט קאשטאן מעל און א פיצל פערדן פלייש.

מענטשן זענען אויסגעגאנגען פון הונגער. די קראנקע און שוואכע זענען סעלעקטירט געוואָרן. ווער עס איז שוין נישט געווען ארבעטס־פעאיק איז אומגעבראכט געוואָרן.

איך דערמאָן זיך, אז שייע משה שטיינמאנס (דעם בוראקס) איז געווען שוואך צו דער ארבעט און טאָג־טעגלעך האָט ער באקומען געשלאָגן ווייל ער האָט נישט געקענט ארויסברענגען די נאָרמע צעהאקטע שטיינער.

ער איז געווען מיינס א שכן און איך האָב אים געהאָלפן מיט וואָס איך האָב נאָר געקענט. אָבער ער איז געוואָרן אָפּגעשוואכט פון טאָג צו טאָג.

די בעסערע ארבעטער — און איך צווישן זיי — האָבן באקומען אורלויב און אויך א סומע פון 60 זלאָטעס. כאָטש איך האָב דאָס געלט אליין געברויכט זיך אויס־צוהאלטן, האָב איך עס געשיקט די עלטערן, וויסנדיק אז זיי לעבן אין נויט.

א באזוך אין דער היים

איין מאָל האָט מען מיר דערלויבט פאָרן קיין סארנאקי זיך זען מיט די עלטערן. געווען איז עס די לעצטע זעאונג.

ביז צום געטאָ האָט מען אונדז, די גליקלעכע, געבראכט מיט אן אויטאָ. קיינער האָט וועגן אונדזער קומען נישט געוווסט, אָבער ווי א בליץ האָט זיך צעטראָגן איבערן געטאָ די ידיעה. אויך מיינע עלטערן זענען ארויס זען צי איך בין געקומען. ווען זיי האָבן מיר דערזען, איז ביי זיי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון און זיי זענען ארויפגעפאלן אויף מיר מיט קוש און געוויין.

איך האָב דאן געגעכטיקט אין געטאָ און פארבראכט מיט די עלטערן א מעת־לעת. די מאמע האָט געמאכט א ספעציעלע אויפנאמע. זי האָט געהאט עטלעכע קארטאָפל, האָט זי עס צעשניטן און אָפּגעבראָטן. וויסנדיק, אז דאָס איז אָפּגעשפאָרט פון זיך אליין, האָב איך אָן די עלטערן נישט געוואָלט עסן און אזוי האָבן מיר געגעסן צוזאמען און דערביי זיך גוט אויסגעוויינט.

סעלעקציעס

צוריקקומענדיק אין לאגער האָבן מיר, אייניקע וואָכן שפעטער, באקומען א באפעל נישט צו פארלאָזן די בלאָקן. צוויי טעג האָבן מיר נישט באקומען קיין עסן. מיר האָבן געמיינט, אז דאָס איז אונדזער סוף. הערנדיק שיסערייען און געשרייען, האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט, אז מען פירט אונדזערע טייערע און נאָנטע צום אומקום.

נאָך די צוויי טעג האָט מען אונדז ארויסגענומען פון די בלאָקן און אויסגעשטעלט אין גרופן: די שוואכערע באזונדער און די שטארקע אין רייען. צווישן די שוואכע איז געווען שייעלע, פילנדיק, אז אים דערווארט דער טויט, האָט ער מיר געפרעגט: — געצל, ווו פירט מען מיר? איך האָב אים געענטפערט: — מעגלעך, אז מען פירט דיר אין א בעסערן לאגער! אָבער זיין ענטפער האָט נישט געלאָזט קיין צווייפל וועגן זיינע געדאנקען.

געפירט האָט מען זיי צו די יידן, וואָס מען האָט געבראכט פון לאָשיצער געטאָ. דריי טעג האָט מען זיי געהאלטן אונטערן פרייען הימל. מען האָט געמוזט זיצן. ווער עס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ איז דערשאָסן געוואָרן. נישט האָבנדיק וואָס צו טרינקען, האָבן מענטשן געטרונקען די אייגענע אורין.

עס האָט זיך געמאכט א פּאניקע און מענטשן האָבן געשריען: וואסער! די דייטשן באמערקנדיק דעם טומל, האָבן באפוילן די פייערלעשער ברענגען אויטאָס מיט וואסער און באגיסן די מענטשן. די פארחלשטע און טויטע האָט מען ארויפגעפירט אויף וואגאָנעס צו פירן קיין טרעבלינקע.

אנטלויפנדיק פון לאגער

זייענדיק זיכער, אז איך האָב שוין נישט קיינעם פון מיינע נאָנטע, האָב איך באשלאָסן אנטלויפן פון לאגער. איך האָב זיך געגרייט א פּלאַן צו אנטלויפן פון דער ארבעט, זייענדיק נעבן א וועלדל, ווייל פון לאגער איז געווען אוממעגלעך.

מיין פּלאַן האָב איך פאָרגעשלאָגן גדלקע מאָנטשאזש און איטשע כיבאָווסקי גדלקע האָט מסכּים געווען, אָבער איטשע האָט מיר אָפּגעזאָגט. מיר האָבן אים געבעטן עס צו האלטן בסוד.

ענדע סעפּטעמבער, ווען מיר זענען ארויסגעפאָרן צו דער ארבעט, האָבן מיר אָפּגערעדט צוזאמען צו גיין צו אונדזער געבוריך און דאן האָבן מיר אָנגעהויבן לויפן. אזוי זענען מיר געלאָפן א 2 ק״מ. מיר האָבן ארויפגעקלעטערט אויף בוימער, מורא האָבנ־דיק אז מען וועט אונדז נאָכיאָגן.

ווען עס איז געוואָרן טונקל, זענען מיר אראָפּגעגאנגען און געלאָפן אין דער ריכ־טונג פון סארנאקי. בייטאָג האָבן מיר זיך באהאלטן אין סטאָגעס פון היי, אין קאָפּצעס פון קארטאָפל א. ד. גל. געגאנגען זענען מיר בלויז ביינאכט. אָנקומענדיק אין די קאָלאָ־ניעס, פלעגן מיר בעטן ביי די גויים א שטיקל ברויט. איינצלנע האָבן געגעבן, אנדערע האָבן אונדז אָפּגעזאָגט. בערך 8 טעג האָבן מיר אזוי געוואנדערט ביז מיר האָבן זיך דערנענטערט צו סארנאקי.

דערגייענדיק אהין פארטאָג, האָבן מיר געטראָפן מיין קוזין נוסקע און מיין פעטער אביגדור. זיי האָבן מיר אריינגענומען צו זיך. שפּעטער זענען אלע אוועק צו דער ארבעט און איך האָב נישט געהאט וואָס צו טאָן, ווייל אלע ארבעטס־פּלעצער זענען געווען פארנומען.

איך בין נישט געווען זיכער מיטן לעבן. האָט מען מיר געראטן אראָפּגיין אין קעלער. מיט עטלעכע טעג צוריק איז געווען א פאל, ווען פנחס מיט סרולקען זענען נישט געגאנגען צו דער ארבעט. די ס. ס.־לייט האָבן זיי געטראָפן און אויף דער פראגע וואָס זיי טוען דאָ — האָבן זיי געענטפערט, אז זיי פילן זיך שוואך. האָט מען זיי ארויסגענומען פון שטוב און דערשאָסן.

מיין פעטער האָט מיר געפונען אן ארבעטס־פּלאץ אין פלאטעראָווער טארטאק און איך בין געגאנגען ארבעטן צוזאמען מיט אים.

ליקווידאציע פון ארבעטס־לאגער

ענדע אָקטאָבער 1942 האָט די דייטשע מאכט פארעפנטלעכט אין אן אויפרוף, אז דער ארבעטס־לאגער אין סארנאקי ווערט ליקווידירט און אלע זיינע איינוווינער דארפן זיך צושטעלן דעם 28־טן נאָוועמבער אין שעדלעץ.

וויסנדיק אז די דייטשן ווילן אומברענגען די רעשט יידן, האָבן פיל באַשלאָסן אוועקגיין פון לאגער און זיך אויסבאַהאלטן. די וואָס האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אויסצובאַהאלטן זענען געצוווּנגען געווען וואַרטן אויף וואָס דער גורל וועט זיי ברענגען.

דעם 24־טן נאָוועמבער, 4 א זייגער פאַרטאָג, איז אונדזער לאַגער אין סאַרנאַקי, מיט זיינע 150 אַרבעטער, אַרומגערינגלט געוואָרן דורך געסטאַפּאָ־לייט, אוקראַינער טרופּן און פוילישע פּאָליציי.

אין פאַרלויף פון 5 מינוט האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין רייען. ווער עס איז צו דער מינוט נישט געווען גרייט איז פון די רוצחים מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן. דריי מענער, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָט מען געפונען און אויפן אָרט דערשאָסן.

מען האָט אַלע 150 מענטשן אָפּגעפירט צו דער באַן־סטאַציע פּלאַטעראָווע און דאָרט פאַרלאָדן אין א וואַגאָן. אזוי האָט מען אונדז געפירט א גאַנצן טאָג אָן עסן און אָן טרינקען. פאַר אַביסל וואַסער, וואָס א קריסט האָט אונדז — אומבאַמערקט פון די ס. ס.־לייט — צוגעטראָגן, האָבן מיר געמוזט געבן 500 זלאָטעס.

פאַרנאַכט האָט מען אונדז אויסגעלאָדן אויף דער סטאַציע שעדלעץ. די ס. ס.־לייט האָבן אונדז איבערגעגעבן צו דער פוילישער פּאָליציי, וועלכע האָט אונדז געדאַרפט ברענגען אין געטאָ און איבערגעבן צו דער יידישער פּאָליציי. מען האָט אונדז געפירט באַוואַכט אַזוי שטרענג, אַז מיר האָבן זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אונדז דערוואַרט דאָס ערגסטע.

אויפשטאַנדס־פּרוּוו

מען האָט אונדז אָבער אַריינגעפירט אין א פאַרהעלטניס־מעסיק באַקוועמען געטאָ. דאָרט זענען געווען 3 בלאָקן: צוויי פאַר יידן און איינער פאַר ציגיינער. די בלאָקן זענען געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט, אָבער נישט געווען באַוואַכט. א מעת־לעת נאָך אונדזער אָנקומען, דעם 30־טן נאָוועמבער, 3 א זייגער ביינאַכט, זענען מיר געוואָרן אַרומגערינגלט פון פוילישער פּאָליציי. מיר האָבן געמיינט, אַז מען וויל אונדז פירן קיין טרעבלינקע און עס איז געוואָרן א בהלה.

זעקס העלדישע בחורים, וועלכע האָבן געהאַט רעוואָלווערן, האָבן געוואָלט אָרגאַניזירן אַן אָנפאַל אויף דער פּאָליציי כדי מיר זאָלן קענען אַנטלויפן אין פעלד זיך צו ראַטעווען. די יידישע פּאָליציאַנטן האָבן אָבער נישט דערלאָזט דערצו. זיי האָבן געטענהט, אַז דערמיט וועט מען ברענגען נאָך א גרעסערן אומגליק און מען וועט אונדז אַלעמען אויסשעכטן. אַלס פּאָליציאַנטן זענען זיי א ודאי זיכער געווען, אַז זיי וועט געלינגען צו בלייבן לעבן.

באַמערקנדיק אַן אויפברויז און א רעש צווישן די יידן, האָט די פוילישע פּאָליציי גערופן הילף. באַלד זענען אָנגעקומען אייניקע אויטאָס מיט אוקראַינער און דייטשע זשאַנדאַרמעריע מיט מאַשינען־געווער און דער צוים אַרום געטאָ איז שטאַרקער באַוואַכט געוואָרן. דאַן האָבן מיר שוין נישט געהאַט קיין האָפענונג זיך דורכצורייסן. מען האָט אונדז פאַרבאָטן אַריבערגיין פון איין בלאָק אין צווייטן. האָט עס ווער געפּרוּווט טאָן, איז ער אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

אזוי זענען מיר געזעסן אין די בלאָקן ביז 8 אין דער פרי. דאַן זענען אין געטאָ אריין אייניקע ס.ס.־לייט. דעם שעף פון דער יידישער פּאָליציי האָבן זיי באַפוילן גיין פאָראויס און דערביי האָבן זיי אים פון הינטן מיט א רעוואָלווער אריינגעשאָסן אייניקע קוילן.

נאָכדעם האָט מען אונדז אלעמען געהייסן ארויסגיין אויפן פעלד ביים געטאָ און זיך אויסשטעלן צו 8—10 מאַן אין א רייע און אזוי בלייבן שטיין. דערביי האָבן אונדז די אוקראַאינישע מערדער געשלאָגן מיט שטעקנס. אויך האָבן זיי געפאָדערט אָפּגעבן זיי דאָס געלט, וואָס מיר האָבן און אויסלענדישע וואַלוטע. די יידן, וואָס האָבן געהאַט ביי זיך געלט, נישט וועלנדיק אָפּגעבן די מערדערס, האָבן עס צעריסן.

אין א לייכטן אויטאָ איז אָנגעפאָרן דער אויבערשטורמבאנפירער פּיוויש. ער האָט געמאָלדן דער וואך, אז עס זענען נישטאָ קיין טראַנספּאָרט־מיטלען און באַפוילן אונדז צוריק אריינלאָזן אין די בלאָקן. גייענדיק האָב איך באַמערקט ביי איינעם פון די בלאָקן א שטייענדיק קינד, אומגעפער 2 יאָר אלט, אָנגעשפּארט ביי דער וואַנט, א פארפרוירנס.

מען האָט אונדז ווידער געשלאָגן און דאַן אונדז אלעמען אריינגעשטויסן אין איין בלאָק. מענטשן האָבן נישט געקענט אויפזוכן זייערע פאַמיליע־לייט, ווייל די קאָרידאָרן זענען געווען אזוי איבערפולט, אז עס איז אוממעגלעך געווען צו עפענען די טירן. די מענטשן האָבן שוין 2—3 טעג נישט געגעסן. מען איז אָפּגעקומען דעם טאָג מיט א שאָלעכץ פון קארטאָפל אָדער א לעפל רויע הירזש. אָבער אויך דאָס זענען נישט אלע געווען פעאיק צו שאפן.

טויט־גרויל

צוליב דעם הונגער האָבן מענטשן — נישט קוקנדיק אויף דער פארשטארקטער וואך — זיך געוואָרפן אויף די צוים־דראָטן און פּראָבירט אנטלויפן. פיל זענען טאַקע דאַן אנטלאָפן, אָבער עס זענען דערביי אויך געווען א 200 קרבנות.

די דערשאָסענע זענען געלעגן אויפן הויף, נעבן די בלאָקן. מיטאָג־צייט האָט מען גענומען 20 מענער אויסצוגראָבן א גרוב פאר די דערשאָסענע. נאָכדעם האָבן די זעלבע מענער געמוזט אויסגראָבן א צווייטע גרוב — פאר זיך. מען האָט זיי אויסגעשטעלט ארום גרוב, דערשאָסן און אהין אריינגעוואָרפן.

די וואך האָט גענומען נאָך 2 יידן אויף צו פארשיטן די 20 טויטע. די צוויי האָט מען צוריק אריינגעלאָזט אין בלאָק, נאָכדעם ווי זיי האָבן באַקומען גוט אָנגעשלאָגן. דערמיט האָבן די דייטשן געוואָלט אָנוואַרפן א פחד אויף די רעשט יידן, אז זיי זאָלן נישט וואגן מער צו אנטלויפן. אזוי זענען מיר געזעסן ענג צוזאמענגעפרעסט און געווארט אויפן טויט.

צומאָרגנס האָט מען אונדז ווידער באַפוילן זיך אויסשטעלן אויפן זעלבן אָרט ווי נעכטן. לויפנדיק צום פּלאַץ האָט מען אונדז באַשאָטן מיט קלעפּ. ווער עס האָט געהאַט דאָס גליק אויסצומיידן א קלאַפּ, האָט מען אים באַפוילן זיך צוריקקערן כדי זיינס צו באַקומען.

„טראנספּאָרטירט״ אין וואַגאָנעס

אזוי האָט מען אונדז אָפּגעהאלטן א גאנצן טאָג אין דרויסן אָן עסן, אָן טרינקען, נישט געלאָזט זיך אוועקזעצן אויף דער ערד. אפילו ווען עס איז געוואָרן גוט פינצטער, איז געווען א שטארקע באוועגונג ארום אונדז. פּלוצלונג זענען אָנגעקומען אויטאָס מיט ס. ס.־לייט און אוקראַינער, וועלכע האָבן אונדז ארומגערינגלט פון אלע זייטן, באפוילן זיך שנעל אויסשטעלן צו 5 אין א רייע. איידער מען האָט זיך איינגעשטעלט האָט מען אונדז געשלאָגן מיט קאָלבעס און נאגייקעס איבער די קעפּ, איבערן געזיכט, ווו זיי האָבן געקענט. קיינער האָט זיך נישט געקענט פון די קלעפּ ארויסדרייען. עס איז געקור־מען א באפעל: „מארשירן פאָראויס״. דאן האָבן מיר שוין פארשטאנען, אז מען פירט אונדז קיין טרעבלינקע צום אומקום.

ביי יעדן פון אונדז איז אויפגעשווומען דער געדאנק אנטלויפן פון די רייען כל זמן עס איז מעגלעך. מען האָט אונדז געפירט דורך דער פּלאַריאנסקער גאס צו דער באַן־ליניע. אויפן וועג זענען פיל ארויסגעלאָפן פון די רייען, אויסנוצנדיק די פינצטערניש אין דרויסן. פיל זענען גלייך דערשאָסן געוואָרן. א קליינע צאָל איז געלונגען צו אנט־לויפן. מען האָט זיך נישט געשראָקן פארן שיסן, ווייל מען האָט שוין געוווּסט, אז בעסער ווי דער טויט דערוואַרט אונדז שוין נישט.

ענדלעך האָט מען אונדז געבראכט אויף דער באַן ראמפּע, ווו ס׳זענען שוין געשטאנען פיל לאסט וואַגאָנעס. עס איז געגעבן געוואָרן א באפעל אריינצוגיין אין די וואַגאָנעס. מען האָט אָנגעהויבן שלאָגן איבער די קעפּ כדי מען זאָל זיך וואָס מער אָנשטופּן. מען האָט זיך אזוי אָנגעשטופּט, אז עס איז נישט געווען ווו זיך א ריר צו טאָן. די פאָדלאָגעס פון די וואַגאָנעס זענען געווען אָנגעשאָטן מיט נישט געלאָשענער וואפנע. מען האָט אונדז פארמאכט אויף שלעסער, נישט אריינגעבנדיק קיין עסן און נישט קיין וואסער.

אזוי זענען מיר געשטאנען אין די וואַגאָנעס אויף דער סטאציע 24 שעה. מען קען זיך נישט פאָרשטעלן די ליידן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט. די מענטשלעכע באדערפענישן האָט מען געמאכט אויף דער פאָדלאָגע און די וואפנע האָט זיך אָנגעהויבן לעשן און ארויסגעבן א פּארע. מען האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט.

אנטלאָפן פון וואַגאָן

אויף דער נאכט האָט מען צוגעשטעלט דעם לאָקאָמאָטיוו און דער צוג האָט זיך אָנגעהויבן רירן פון דער סטאציע. אָפּפאָרנדיק א צוויי סטאציעס פון שעדלעץ, האָבן מיר פארשטאנען, אז די דייטשע וועכטער אין זייער וואַגאָן זענען אנטשלאָפן געוואָרן.

א העלדישער בחור איז ארויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער. מיט מיר זענען אויך געווען מיין פעטער אביגדור זיידענפעלד און מיין קוזין נוסקע גאָלדבערג. איך האָב זיי פאָרגעשלאָגן ארויסשפּרינגען און אנטלויפן. מיין קוזין איז געווען איינשטימיק מיט מיר, אָבער דער פעטער האָט נישט געוואָלט. ער האָט געמיינט, אז ס׳וועט אונדז נישט געלינגען.

איך בין דאן געווען ביים פולן באוווסטזיין און זיך נישט פארלאָרן. עס איז נישט לייכט געווען צוצוקומען פון דער טיר צום פענצטערל. מען האָט געמוזט קריכן איבער

מענטשנס קעפּ. איך בין געווען באַזאָרגט אום מיין קוזין נוסקע, ווייל ער איז נישט געווען קיין פּעאיקער בחור. כ׳האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אז אויב איך וועל פריער שפּרינ־גען פון וואַגאָן, וועט ער דאָרט איבערבלייבן. וואָס די סכנה איז געוואָרן גרעסער, איז ביי מיר דער באַוווּסטזיין געוואָרן קלאָרער. איך האָב אים געלערנט שפּרינגען דורכן פענצטערל ווי א קוואַליפיצירטער ארעסטאַנט. מיין קוזין נוסקע איז געשפּרונגען דער ערשטער, נאָך אים האָב איך זיך געלאָזט צום פענצטערל. כ׳האָב געוואָלט בעסער געהר־געט ווערן פון א קויל אָדער פון די רעדער פון דער באַן איידער פאַרגאַזט ווערן אין טרעבלינקע.

איך האָב אָנגעזאָגט מיין קוזין, אז אויב ער וועט לעבן בלייבן, זאָל ער אויף מיר וואַרטן און זיך נישט לאָזן אליין אין וועג אריין. אזוי האָט ער טאַקע געטאָן. ארויס־שפּרינגענדיק האָב איך געטראָפן נוסקען און אויך גדלקע מאָנטשאַזש און א מאָרדער ייד, וועלכער האָט זיך געבעטן מיר זאָלן אים מיטנעמען. מיר האָבן איינגעשטימט. גייענדיק בין איך געווען דער וועג־ווייזער. יענע נאַכט האָבן מיר זיך געפילט גליקלעך וואָס מיר זענען אנטלאָפן פון די רוצחים. דאָס איז געווען דעם 3־טן דעצעמבער 1942.

פון א שייער — אין א וואַלד

דעם ערשטן טאָג זענען מיר געלעגן אין א קאָפּיעץ פון קאַרטאָפל, דעם צווייטן טאָג — אין א סטאָג היי. די רוסן, וואָס מיר האָבן געטראָפן, האָבן אונדז אָפּגענאַרט און באַרויבט. דעם דריטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען אין א קאָלאָניע און זיך באַהאַלטן אין א שייער. ביי נאַכט האָבן מיר זיך צושיידט און איך בין געבליבן מיט גדלקען. מיר זענען געגאַנגעןביידע צוזאַמען עטלעכע טעג פון שעדלעץ קיין סארנאַקי. דעם 12־טן דעצעמבער פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין גריבאָווע.

איך האָב דאַן פאַרגעשלאָגן גדלקען, אז מיר זאָלן צוגיין צום פויער פּאַוועל, מיינער א באַקאַנטער, און אָן זיין וויסן זיך באַהאַלטן אין זיין שייער איבער דעם טאָג. פּלוצלונג איז גדלקע פון מיר אנטלאָפן און איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס.

איך בין אליין אריין צום פויער ביינאַכט און געבעטן ברויט. ער האָט מיר געגעבן א שטיקל ברויט און איך בין אוועק צו זוויזשינסקיס שייער, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פעלד צווישן גריבאָווע און סארנאַקי, נישט וויסנדיק אז דאָרט געפינען זיך סארנאַקער יידן. דאָרט האָב איך געטראָפן א צוועלף יידן: משה און הערצקע קליידער־מאַכער, אברהמעלע — הענעך עקיבאס שטיפּברודער, משה גדליה דעם טשאַפּניקס, עזריאַלקע מאָנטשאַזש, זלמן און שמואל כיבאָווסקי און דריי יידן פון בליאַשקי. אין שייער זענען מיר שפּעטער געבליבן נאָר זיבן, ווייל עטלעכע האָבן אונדז פאַרלאָזט.

דעם 18־טן דעצעמבער, א זייגער 12 מיטאָג־צייט, האָבן מיר געהערט א פאַרדעכ־טיקן גערויש פון אויטאָמאָבילן. אין א פּאָר מינוט ארום האָבן מיר געהערט געשרייען, אז מיר זאָלן ארויסגיין פון שייער. דאָס זענען געווען די דייטשע רוצחים. מיר האָבן פּראָבירט זיך באַהאַלטן אין שטרוי, אָבער ס׳איז נישט געווען קיין באַהעלטעניש. ביי אָטדער אָבלאווע זענען געהרגעט געוואָרן משה און אברהם און 2 בליאַשקער. דריי מאַן זענען מיר אנטלאָפן.

זיך ארויסראַטעווענדיק, בין איך אנטלאָפן אונטער דער בריק, ווו מען האָט געפּאַ־שעט די פערד און כ׳האָב געטרונקען בלאָטיקע וואַסער. כ׳האָב אוועקגעלייגט דעם קאָפּ

אויף א שטיין און אזוי אנטשלאָפן געוואָרן.

אויפגעכאַפּט זיך ביי נאכט, האָב איך געפילט קעלט און הונגער. האָב איך באשלאָסן צוגיין צו אונדזער שכן, סטאניסלאוו דער קאָוואל. כ׳בין געשטאנען אויפן פעלד נישט ווייט פון מיין שטוב און געזען דאָרט א קליין פייערל ברענען, דערמאָנט זיך מיינע קינדער יאָרן און דאָס לעבן מיט די עלטערן און זיך גוט צעוויינט אויפן חורבן.

נישט וועלנדיק ארייגגיין אהין, בין איך אוועק קיין פלאָסקעווע איינער אליין, עלנט און פארצווייפלט, און איבערגענעכטיקט ביים קריסט פעטראלסקי אין שייער. צומאָרגנס, דעם 19־טן דעצעמבער, בין איך אריין אין הויז און געבעטן עפּעס צו עסן. ער האָט דערפילט מיין ביטע און מיר געבעטן זיצן. ער האָט מיר דערציילט וואָס ס׳האָט פאסירט אין שייער. איך האָב אים געזאָגט, אז איך בין אויך דאָרט געווען. ער האָט מיר געראטן איך זאָל גיין אין וואלד אריין, אָבער נישט אין די זעלבע פלעצער, ווו איך בין שוין געווען.

צוזאמענטרעף מיט גראטעוועטע

דעם 24־טן דעצעמבער ביי נאכט האָב איך אויסגעגראָבן א בונקער. דעם זאמד האָב איך צעשפּרייט. שפּעטער האָב איך געבראכט היי און אן עמער, דאן — אן ערדענעם קריגל און אביסל מערן, און באשלאָסן איין מאָל אין וואָך גיין זוכן עסנווארג.

איך בין געוואָרן זייער שמוציק, באוואָקסן. די לייז האָבן מיר געגעסן. די העמד האָט זיך מיר צעריסן. די פיס האָב איך ארומגעוויקלט מיט שמאטעס.

איך האָב געוואָלט ארייגגיין צום פויער אין שטוב, אָבער מורא געהאט דאָס צו טאָן. עס איז מיר געווען זייער אומעטיק אויפן הארצן. מעגלעך, אז א פּאָר וואָכן בין איך דאן געווען נישט ביים געוויינלעכן באוווסטזיין. איך האָב געהאט פארשיידענע האלו־ צינאציעס וועגן טרעפן זיך מיט טויטע און צוריקגיין אין לאגער אריין.

גויים האָבן מיר דערציילט, אז די בלעכערס וועלוול און יאָסל געפינען זיך אין פלאָסקעווער וואלד. האָב איך באשלאָסן זיך טרעפן מיט זיי, אָבער נישט געוווסט וויאזוי. איך האָב געוואָרט עס זאָל ווארעמער ווערן, וועל איך זיי אָנהויבן זוכן. דעם 21־טן מערץ האָב איך באשלאָסן, אז פארטאָגס וועל איך גיין אין וואלד זוכן יידן און ביי נאכט זיך צוריקקערן צו מיין בונקער, ווייל די נעכט זענען נאָך געווען קאלטע. אויפן דריטן טאָג, זוכנדיק יידן און נישט געפינענדיק, בין איך שוין געווען זייער פארצווייפלט. איך האָב געמיינט, אז איך בין דער איינציקער ייד, וואָס איז לעבן געבליבן.

פון ארומגיין זוכן בין איך געוואָרן זייער מיד. האָב איך באשלאָסן זיך אוועק־ זעצן נישט ווייט פון דער באַן־ליניע אין א זאגייניק כדי איך זאָל קענען יעדן זען, אָבער מיר זאָל מען נישט זען. זיצנדיק אזוי א האלבע שעה, האָב איך געהערט ווי מען ברעכט האָלץ. איז מיר פריילעך געוואָרן אויפן הארצן, אפילו נישט וויסנדיק וואָס דאָס קען זיין. איך בין געווען זיכער, אז מיין געפיל האָט מיר נישט גענארט, אז דאָרט דארפן זיין יידן און בין געקראָכן זייער פאָרזיכטיק צום פלאץ פון וואנען ס׳איז געקומען דאָס גערויש.

דעם צוזאמענטרעף מיט אונדזערע יידן פון סארנאקי, די פרייד און דאס געוויין איז נישט צו באשרייבן. אזוי בין איך שוין פארבליבן מיט זיי ביז מיר זענען באפרייט געוואָרן דורך די רוסן.

סערל בורשטין (זייערמאַן)
בוענאָס איירעס

פאַרשיקט אין א „פּאַשאַלעק״ ביים ווייסן ים

אין אָנהויב פון דער מלחמה, כאָטש מיר האָבן געוווּסט וואָס דייטשע מאַכט באַדייט פאַר אונדז יידן, איז שווער געווען צו דעצידירן: בלייבן אין דעם דייטשן אָקופּאַציע־געביט אָדער אריבערגיין אין סאָוויעטישן געביט און בלייבן היימלאָז.

מיר האָבן טאַקע געהאַט דאָס גליק צו געפינען זיך אַזוי נאָנט פון דער סאָוויע־טישער גרענעץ. א שאָד איז אָבער געווען איבערצולאָזן די שטיבלעך און געוועלבלעך, פון וועלכע מען האָט געצויגן חיונה. מיר האָבן אפילו נישט געהאַט די ערשטע פּאָר זלאָטעס צו דינגען א פורל אויף איבערצופירן דאָס ביסל אָרעמקייט. ווען מיר האָבן אָבער דערזען דעם שטראָם מענטשן, וואָס פלייצט פון ווייטערע שטעטלעך, זענען אויך טייל סאַרנאַקער מיטגעריסן געוואָרן; פאַרלאָזן דאָס געבוירן־שטעטל כל־זמן די גרענעץ איז אָפן.

אַזוי ווי מען קומט אָן קיין סעמיאַטיטש, דערפילט מען באַלד, אַז מען איז היימלאָז. אין דער צייט וואָס די גרענעץ איז געווען אָפן זענען אָנגעלאָפן א סך מענטשן. נישט קיין ווונדער, יעדער וויל זיך ראַטעווען. ווו אָבער נעמט מען דירות צו וווינען?

און דאָ דערנענטערט זיך דער ווינטער. ווער עס האָט א פאַמיליע, וואָס גיט א ווינקל, איז גוט; די מערהייט האָט עס שוין נישט. די ווייבערישע שול איז שוין איבער־פולט און די איבעריקע ליגן פּשוט אויף דער גאַס. די סעמיאַטיטשער האָבן קיין באַזונ־דערע העפלעכקייט צו די סאַרנאַקער נישט אַרויסגעוויזן, אָבער אויסנאַמען זענען דאָ אויך געווען. די שווערע לאַגע האָט גורם געווען, אַז אייניקע סאַרנאַקער פאַמיליעס זאָלן צוריקפאָרן. מער פאַרמעגלעכע פון אַנדערע שטעטלעך זענען געפאָרן ווייטער: קיין ביאַליסטאָק, בריסק, ביעלסק און אַנדערע ערטער. די מערהייט סאַרנאַקער בלייבן אין סעמיאַטיטש.

ביסלעכוויַיז קריגט יעדער א דירה — ווער א בעסערע, ווער אַן ערגערע — אַבי א דאַך איבערן קאָפּ. מען אָטעמט פרייער אָפּ. די מורא פאַרשווינדט. יעדער הויבט זיך אָן צוביסלעך איינאָרדנען: דער פּאַכמאַן ביי זיין פאַך, די איבעריקע לעבן פון זייערע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר זלאָטעס, אָדער מען פאַרקויפט די מיטגענומענע סחורה.

די סאָוויעטישע רעגירער, וואָס באַזעצן די פאַרנומענע געביטן, ברענגען זייערע פאַמיליעס, וועלכע זענען זייער אָרעם געקליידט. ווען זיי דערזעען דאָ אַזא שפע, ווערט א געכאַפּעריי. זיי באַלאַגערן ממש די קראָמען און קויפן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך: קליידער, שיך, גאַלאַנטעריע־סחורות, — לויט זייערע פרייזן קומט זיי דאָ אויס פּשוט אומזיסט. סחורות, וואָס זענען שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע און וואָלטן שוין קיינמאָל נישט פאַרקויפט געוואָרן, ווערן צעכאַפּט. אין די דאָנערשטיקס, ווען עס פאַלן־אויס די מאַרק־טעג און פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער ברענגען צו פאַרקויפן פּוטער, אייער, קעז און עופות, קומען די פרויען פון די סאָוויעטישע באַאַמטע מיט גרויסע קוישן און ווען זיי הערן די פּרייזן, זאָגן זיי: „דאַוואַי ווסיאָ!״ ד. ה. גיב אַלץ!

דער וועג פון נע־ונד

דאָס גוטע געדויערט נישט לאנג. די סאָוויעטישע מאכט הויבט אָן איינפירן „אָרדנונג": קודם־כל נאציאָנאַליזירט מען אַלע פאבריקן, דערנאָך — אַלע געשעפטן. עס מיידט אויך נישט אויס אייניקע סארנאַקער, וואָס האָבן מיטגעבראכט זייערע סחורות פון דער היים.

אז די געשעפטן האָבן שוין נישט וואָס צו פארקויפן, ברענגען שוין די פויערים נישט זייערע פּראָדוקטן. עס הויבט זיך אָן א פיינלעכע צייט: נאָך ברויט דאַרף מען שטיין שעהן־לאנג אין די רייען און דאָס איז גורם, אז א סך סארנאַקער משפחות גייען אריבער געהיים די גרענעץ און קערן זיך אום קיין סארנאַקי, נישט פאַרשטעלנדיק זיך וואָס זיי דערוואַרט דאָרט.

די סאָוויעטישע מאכט פארגעסט אויך נישט די היימלאָזע און עס קומט דער ערשטער דעקרעט: אַלע היימלאָזע מוזן זיך רעגיסטרירן, אָנגעבן דעם אדרעס, נאָמען און פאמיליע־נאָמען פון דער גאנצער משפּחה און דאָס ווערט נאטירלעך דורכגעפירט צום אָנגעגעבענעם טערמין.

באלד קומט דער צווייטער דעקרעט: אַלע היימלאָזע מוזן ארויסנעמען סאָוויע־טישע פּעסער און פארלאָזן די גרענעץ־געביטן, באזעצן זיך מינימום 100 ק"מ ווייט פון דער גרענעץ.

ארויסצונעמען פּעסער וואָלט קיינער נישט געהאט דאקעגן, אָבער פאָרן ווייטער? — וווהין? נישט אַלע האָבן אפילו דערצו די מאטעריעלע מיטלען. אָבער דער טערמין איז קורץ. אייניקע מער פארמעגלעכע, ווי נחום אשר מיט דער משפחה, פאָרן אוועק זוכן א מקום, ווו זיך צו באזעצן. מיט שווערער מי געפינען זיי א וווינונג אין א שטעטל אין אוקראינע און זיי בלייבן שוין דאָרט. געווען אָבער פאלן, ווען מענטשן זענען געפאָרן פון איין שטעטל אין אנדערן און ווו זיי זענען געקומען הערן זיי דעם זעלבן תירוץ: דאָ איז שוין פארפולט, פאָרט ווייטער!

אייניקע סארנאַקער משפחות געלינגט צו באקומען א דערלויבעניש צו בלייבן אין סעמיאַטיטש גופא. אייניקע קריגן פּראָטעקציע: ווי יאָסל שפּיגעלמאן, „לאלע" א. אנד. טייל האָבן אמאָל געוווינט אין סעמיאַטיטש און געווען רעגיסטריט דאָרט פאר דער מלחמה, ווי חיה ראָגאָזשיק, מלכה און שפּרינצע פינקעלשטיין א. אנד.

די איבעריקע זענען שטארק פארצווייפלט, מען ווייס נישט וואָס צו טאָן. ס'איז דערגאנגען דערצו, אז א סך משפחות האָבן זיך רעגיסטרירט אין בריסק ביי א דייטשער קאָמיסיע, וועלכע האָט צוגעזאָגט צוריקצושיקן די היימלאָזע אויף זייערע פריערדיקע וווין־ערטער. צום גליק, מיטן אויסנאם פון איינציקע, איז דער פּלאן נישט רעאליזירט געוואָרן.

דערווייל האָט זיך דער טערמין געענדיקט. — נישט מיר קענען בלייבן אויפן אָרט און נישט מ'קען פאָרן ווייטער. עס גייען אום קלאנגען, אז מען וועט אונדז פאר־שיקן קיין סיביר.

דעם 22־טן יוני 1940, פרייטיק 12 אזייגער ביינאכט, ווערן מיר אויפגעוועקט פון שטארקע קלעפּ אין טיר. עס קומען אריין עטלעכע נ. ק. וו.ד.־לייט, זיי גיבן אונדז פון 5 ביז 10 מינוט צייט אויף אָנצוטאָן זיך און נעמען מיט זיך וואָס עס לאָזט זיך. ביי

דער טיר שטייט שוין גרייט א פורל, וואָס וועט אונדז פירן ביז צו דער באַן־סטאַציע. קען זיך ווער פאַרשטעלן וואָס מען לעבט איבער אין די מינוטן? קינדער, וואָס שלאָפן מיט א געשמאַקן שלאָף, מוז מען רייסן פון די בעטן אויף פאַרשיקט צו ווערן — ווער ווייס וווהין.

ווען מיר קומען־אָן צו דער סעמיאַטיטשער באַן־סטאַציע, טרעפן מיר שוין גרייט אַן עשאַלאָן מיט פראַכט־וואַגאָנען; אין יעדן וואַגאָן — א קליין פענצטערל מיט קראַטן; אין אזא וואַגאָן שטופט מען אריין פון 25 ביז 30 מאַן — מענער, פרויען און קינדער. די טירן ווערן באַלד פאַרהאַקט; אינעווייניק ווערט שטאַרק דושנע און יעדער איינער שטופט זיך צום קליינעם, פאַרקראַטעוועטן פענצטערל אויף צו קענען כאַפּן דעם אָטעם; צוליב דעם קומט באַלד צו קריגערייען. אָבער די אמתע קריגערייען קומען־פאָר ביי־נאַכט, ווען מען וויל אָנשפּאַרן דעם קאָפּ און ס׳איז נישטאָ ווו. די טראַנספּאָרטאַציע, ווערט אזוי דורכגעפירט לענגאויס דער גאַנצער גרענעץ אין דער זעלבער מינוט.

א גאַנצן שבתדיקן טאָג זיצן מיר אָפּ אָן עסן און אָן טרינקען. ווער עס האָט געהאַט פונקט ביי דער אַקציע א שטיקל ברויט מיטצונעמען — איז דאָס געווען א נס. א סך האָבן דאָס נישט געהאַט. אונדזערע הילפס־רופן דורכן פענצטערל ווערן פון קיינעם נישט געענטפערט, כאָטש ארום די וואַגאָנען געפינען זיך א סך פאַמיליאַרן פון די, וואָס מען שיקט ארויס, אָבער זיי האָבן אין זינען זייערע נאָענטע.

ערשט 8 אזייגער ביינאַכט רירט דער עשאַלאָן פון אָרט. די מערהייט זענען סאַרנאַקער. צווישן אונדז— לייב הערש דער שוחט מיט דער פרוי און זון.

די רייזע געדויערט 2 וואָכן. מיר פאָרן מייסטנס ביינאַכט. די ציווילע באַפעל־קערונג אויף די סטאַציעס, ווו מיר בלייבן שטיין, ווערט צו אונדז נישט צוגעלאָזן. מען פירט אונדז ווי די גרעסטע פאַרברעכער. די טירן זענען פאַרמאַכט, ביי די טירן — א שטאַרקע וואַך. מען לאָזט אַראָפּ בלויז איין מאָל אין מעת־לעת צו טאָן די מענטשלעכע באַדערפעניש אויף די סטאַציעס גופא ווו מיר בלייבן שטיין — און דאָס דווקא בייטאָג. פאַרשטייט זיך, אז דאָס טוען מענער, פרויען און קינדער צוזאַמען אין אָנבליק פון דער ציווילער באַפעלקערונג אויף די סטאַציעס. פאַר חרפה פאַרמאַכט מען די אויגן...

פאַרוואָס קומט דאָס אונדז? פאַר וועלכן חטא?

אויפן דריטן טאָג ווערט אויסגעוויילט א „דיזשורנע״ אין יעדן וואַגאָן, וואָס גייט, באַגלייט פון א וואַך, ברענגען עסן: זופּ מיט ברויט. די ערשטע טעג, נאָך נישט צוגע־וווינט צו אזא געשמאַקן מאכל, קען מען די זופּ נישט פאַרזוכן. שפּעטער, ווען דער הונגער דערקוטשעט מער, מאַכט מען שלום מיט דער זופּ און שפּעטער — „ניט נאָך ערגערס״.

אין א ווייטן פאַרשיקונגס־אָרט

נאָך 2 וואָכן פאָרן אין די דאָזיקע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, קומען מיר אָן צו דער לעצטער סטאַציע — ניאַנדאָמע, אַרכאַנגעלסקער געגנט, ביים ווייסן ים. דאָ בלייבן מיר עטלעכע טעג, ביז עס קומען־אָן עטלעכע לאַסט־וועגענער, וועלכע פירן אונדז צום קאָלכאָז „ריאַגאָווע״. מען באַזעצט אונדז דערוויל אין 2 שייערן, ווו מיר בלייבן 2 וואָכן ביז עס ווערן צוגעגרייט פּאָו׳ אונדז ערטער צו „וווינען״.

דאָס איז א באוווּסט פארשיקונגס־אָרט, וואָס איז גוט אויסגענוצט געוואָרן אין יאָר 1937. די געגנט באשטייט פון בלויז וועלדער. אין דעם דערמאָנטן יאָר זענען אהין אָנגעקומען א סך פארשיקטע מיט א מינימום־אורטייל פון 10 יאָר, וואָס רופט זיך איראָניש „א קינדערישער טערמין" (דיעטסקי סראָק). די דאָזיקע פארשיקטע האָבן געשאפן די ארבעטס־לאגערן, וואָס רופן זיך „פאשאָלקעס" און יעדער פון זיי האָט אן אנדערן נאָמען, ווי צ. ב. ריאגאָווסקי, „48", „93", „17" א. אנד. איינער פון צווייטן איז אָפּגערוקט מיט אן 8 — 10 ק"מ.

יעדער פאשאָלעק איז אויפגעשטעלט אין אן אויסגעהאקט שטיק וואלד און באשטייט פון צוויי אָדער דריי באראקן און אין אלע 4 עקן — בודקעס פאר דער וואך.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אהין, האָט מען די פריערדיקע פארשיקטע טראנס־פּאָרטירט אין אנדערע ערטער. די באראקן זענען צעטיילט געוואָרן אין עטלעכע אָפּטיי־לונגען; אין יעדער אָפּטיילונג האָט מען ארייננגעשטופּט עטלעכע משפחות צוזאמען. אויפן ריאגאווסקין לאגער, אין דריי באראקן, האָט מען באזעצט א 50 משפחות, א סך פון זיי סארנאקער, די איבעריקע פון אנדערע פוילישע שטעטלעך. אזוי זענען מיר, די פארשיקטע פון גאנצן עשאלאָן, פארטיילט געוואָרן אין די אלע פאשאָלקעס.

גראָד זענען מיר אָנגעקומען אהין אין אָנהויב זומער, ווען דאָס אייז צעגייט און די ערד פארוואנדלט זיך אין הוילע זומפּן. פון איין באראק אין צווייטן גייט מען אויף אויסגעלייגטע 2 ברעטלעך און אונטן שפּאצירן שטשורעס, גרויסע ווי קעץ. די זומער־נעכט זענען דאָ ווייסע, ד. ה. די זון פארגייט און גייט באלד ווידער אויף פון דער צווייטער זייט. איין טאָג פון צווייטן טיילט אָפּ א פארנאכט און דאָס — 12 אזייגער ביינאכט.

ארום די פאשאָלקעס, אויף א דיסטאנץ פון א 13—15 ק"מ געפינען זיך עטלעכע קאָלכאָזן. זיי זענען אָבער זייער אָרעם. צוליבן קורצן זומער וואקסן דאָרט נישט מער ווי שווארצע ארבעס, קארטאָפל און ציבעלעס. די קאָלכאָזניקעס זייען אָבער אזוי ווייניק, אז ס'איז נישט גענוג פאר זיי אליין. באזונדערס ווערן מיר צו זיי נישט צוגעלאָזן.

דעם ערשטן טאָג, ווען מיר באזעצן זיך אין די צוגעטיילטע „וואָינונגען", הויבן מיר אָן זיך „איינצואָרדנען": פון ברעטלעך, וואָס מען געפינט אין די בלאָטעס, קלאָפּט מען צונויף טאפּטשאנעס צום שלאָפן און א טישל. פאר שטולן ניצן די טאפּטשאנעס. ברויט קריגט מען אין מאגאזין און זופּ אין סטאָלאָווע, א זופּ פון שווארצן ארבעס באשמאָלצן מיט ווערעם, וואָס שווימען ארום פון אויבן. ווען עס ווערט אביסל טונקעלער, זעצט מען זיך אויס ארום די באראקן, דער זייגער ווייזט 12. באלד פליען־אָן כמארעס מיט אינזעקטן פון פארשיידענע מינים, וואָס בייסן און רייסן שטיקער פון מענטש. לויפט מען שוין אריין אין די באראקן זיך לייגן שלאָפן, איז א נייע צרה — וואנצן. זיי באפאלן, אז מען קען קיין אָרט זיך נישט געפינען.

ביים האקן האָלץ

דער נאטשאלניק, קאָמענדאנט און ארבעטס־אויפזעער רופן אונדז צונויף דעם צווייטן טאָג און מען גיט אונדז אינסטרוקציעס: ראשית־כל אָנשטאָט היימלאָזע וועלן מיר הייסן „פּערעסליענצעס", ד. ה. איבערגעשיקטע. זייער לשון פארשטייען מיר נאָך

נישט, אָבער צום גליק געפינט זיך צווישן אונדז הערש וועלוול שעמיאטיצקי, וואָס ווערט אונדזער איבערזעצער.

ווענדעט זיך הייסט עס נאטשאלסטווע צו אונדז בזו הלשון: „חברים, זייט וויסן, אז איר זענט אהער געשיקט געוואָרן אויף שטענדיק. דער אורטייל אייערער איז א לעבנסלענגלעכער. — דאָס הייסט — ווי לאנג מיר וועלן דאָ קענען אויסהאלטן... מיר וועלן אייך דאָ אויף קיין קעסט נישט האלטן. דער גרויסער לענין האָט געזאָגט: „ווער עס ארבעט נישט — דער עסט נישט". אלזאָ, מוזט איר ארבעטן. דאָ איז אן אָרט, וווּ קיין ארבעט פעלט נישט. די וועלדער זענען גרויסע, אין קיין הונדערטער יאָרן וועט מען זיי נישט אויסהאקן. רוסלאנד דארף האָלץ אויף שיפן, טעלעפאָן־סלופּעס, אויף בויען הייזער. אז איר וועט גוט ארבעטן און מאכן די „נאָרמע", וועט איר קריגן באצאָלט און איר וועט האָבן מיט וואָס צו קויפן ברויט, זופּ".

ווער קען זיך אָבער פאָרשטעלן וואָס דאָס הייסט אזוינס א „נאָרמע"?

מאָרגן, 8 אזייגער פרי, מוז זיך יעדער שטעלן צו דער ארבעט, מענער און פרויען פון 15 ביז 60 יאָר. די אלע וועלן גיין אין וואלד אראָפּלאָזן בוימער. די עלטערע וועלן קריגן ארבעט אויפן פּאשאָלעק גופא: ווער ביי האקן האָלץ, ווער ביי פערד. די ארבעט אין וואלד איז א שווערע, אָבער ניש־קשה, „איר וועט זיך צוגעוווינען".

8 אין דער פרי: אלע זענען פארזאמלט אויף איין אָרט. דער קאָמענדאנט גלויבט אָבער נישט. ער גייט פון איין באראק אין צווייטן זען צי ס'איז קיינער נישט געבליבן. מיר ווערן צעטיילט אין בריגאדעס און דער ארבעטס־אויפזעער פירט אונדז אין וואלד אריין צו דער ארבעט. די 5 קילאָמעטער פון פּאשאָלעק ביז דער ארבעט מוז מען דורכ־מאכן צופוס. דער וועג איז א זומפּיקער, קריכט מען ערטערווייז ביז די קני אין בלאָטע.

די מענער לאָזן אראָפּ בוימער. אויך די פרויען מוזן טאָן דאָס זעלבע. אנדערע פרויען ווערן צוגעטיילט אָפּצוהאקן די צווייגן, וואָס איז אויך זייער שווער, בפרט פאר אונז, וואָס זענען נישט צוגעוווינט צו אזעלכע שווערע ארבעטן.

פון קריכן אין די בלאָטעס און פון די קאָמארן, וואָס רייסן שטיקער, ווערן ביי די פרויען די פיס געשוואָלן. עס שאפן זיך בלאָזן מיט אייטער, אָבער סייווי מוז מען זיך יעדן טאָג שטעלן צו דער ארבעט. מיר ארבעטן 8 שעה א טאָג, חוץ די 5 ק"מ אהין און דאָס־זעלבע צוריק, וואָס מיר מאכן דורך צופוס. צום עסן נעמט מען מיט א שטיקל ברויט, וואָס איז קלעפּיק ווי ליים, און א פלאש וואסער. ענדלעך דערוואַרט מען זיך דער חודש זאָל זיך ענדיקן און מען זאָל אויסצאָלן דעם לוין פאר דער ארבעט. טייל האָבן שוין פּשוט נישט מיט וואָס אויסצוקויפן דאָס שטיקל ברויט. אָבער וואָס ווייזט זיך ארויס? די ארבעטער האָבן די נאָרמע נישט געמאכט, זיי האָבן אויסגעפילט בלויז פון 25 ביז 30 פּראָצענט. דערפאר קריגט מען אויסגעצאָלט פון 25 ביז 30 רובל, יעדער איינער לויט זיין ארבעט. דער לוין וועט נישט קלעקן אויסצוקויפן דאָס שטיקל טרוקענע ברויט, שוין אָפּגערעדט פון א טעלער זופּ.

הונגער־קרבנות

וואָס ווייטער ווערט די לאגע אלץ ערגער; פון דער שלעכטער דערנערונג טשע־פּען זיך קראנקייטן. מענטשן ווערן געל פון מאלאריע, געשוואָלן פון הונגער, די ציין

שאָקלען זיך פון צינגאָ־קרענק, פון וואָס מען האָט פריער קיין מאָל געוווּסט.

פאַראַן נאָך צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך געלט, ווי אויך פאַרשיידענע פּראָדוקטן, וואָס זיי איז געלונגען מיטצונעמען פון דער היים, אָבער איינער דעם אַנדערן העלפט נישט. דאָס געפיל פון רחמנות עקזיסטירט דאָ נישט. ווער עס האָט — דער עסט.

דער ערשטער הונגער־קרבן איז לייבל לאַנצמאַן. אַזעלכע קרבנות פעלן אויך נישט אין די אַנדערע פּאַשאָלקעס.

ווען עס קומט אָן דער יאַגעדע־סעזאָן, גייען טייל עלטערע, אָדער גאָר יונגע, וואָס אַרבעטן נישט, אין וואַלד, אויפקלייבן יאַגעדעס און דאָס שטופּט אַביסל אָפּ דעם הונגער, אָבער זאַט דערפון ווערט מען אויך נישט.

באַלד קומט אַ צווייטער קרבן: מאָטל לאָזערקעס, אַן עלטערער מענטש, וואָס ווערט נישט געצוווּנגען צו אַרבעטן, גייט אַליין אַוועק אין וואַלד רייסן מאַלינעס. דער טאָג איז פּונקט געווען אַ כמאַרנער און אין אַזעלכע טעג טאָר מען אין יענע וועלדער אַליין נישט גיין. ער פאַרבלאָנדזשעט. דריי טעג זוכט מען אים אַרום, ביז מען געפינט אים זיצן אויף אַן אומגעפאַלענעם בוים, אַרום און אַרום — זומפּן. ער איז שטאַרק דער־שעפּט, אָבער נאָך ביים לעבן. ווען מען נעמט אים אויף די הענט און מען טראָגט אים אין באַראַק אַריין — גייט ער אויס אין וועג.

אין אָט די באַדינגונגען לעבט מען איבער דעם ערשטן זומער: אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט; קיין צייטונגען קומען נישט אַהער, קיין ראַדיאָ הערט מען אוודאי נישט. ווער עס האָט מיט זיך געהאַט אַ ראַדיאָ האָט אים דער קאָמענדאַנט צוגענומען: מיר טאָרן נישט וויסן וואָס עס קומט פאָר אַרום אונדז. די מלבושים, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט זיך, ווערן צעריסן און קיין אַנדערע קריגט מען נישט. לאַטעט מען וויפל מען קען. די שיך פאַרבינדט מען מיט שטריקלעך. — מען פאַרלירט דעם מענטשלעכן אויסזען.

אין חודש סעפּטעמבער הויבט זיך אָן דער ווינטער, וואָס דויערט דאָ אַ 9 חדשים. אין קעגנזאַץ צום זומער, מיט די ווייסע נעכט, איז דער ווינטער מיט פינצטערע טעג. 10 אַזייגער אין דער פרי ווערט טאָג און 2 אַזייגער נאָך מיטאָג איז שוין נאַכט. די פרעסט דערגרייכן ביז 47 גראַד. מערסטנס שנייט. ביז 40 גראַד מוז מען גיין אין וואַלד אַריין אַרבעטן מיט לאַמטערנעס אין די הענט. איין מעלה האָט דער ווינטער: אַלץ איז איינגעפרוירן, נישטאָ מער די זומפּן. דערפאַר טאָפּטשעט מען אין שניי ביז די קני. די באַראַקן ווערן באַהייצט מיט אייזערנע אויוועלעך. ווי לאַנג זיי ברענען — איז גוט וואַרעם, אָבער ווי נאָר מען לעשט זיי אויס, ציטערט מען פון קעלט.

צוליב די גרויסע שנייען איז שווער צו ברענגען פון די ווייטע געגנטן מעל אויף ברויט, ווערן דערפאַר די פּאָרציעס קלענער. מען טיילט אויס פאַר אַן אַרבעטער אין וואַלד 800 גראַם ברויט אַ טאָג, פאַר עלטערע און קינדער, וואָס אַרבעטן נישט אין וואַלד — 300 גראַם. און וואָס ווייטער ווערט די נאָרמע אַלץ קלענער. מען גייט שטענדיק אַרום הונגעריק. ערגער ווירקט עס אויף די קינדער. ווי גרויס איז דער ווייטאָק, ווען קינדער בעטן אַ שטיקל ברויט און מען הייסט זיי וואַרטן אויף מאָרגן, ווען מען וועט ווידער קריגן פּאָרציעס ברויט.

עס קומען־אָן די ימים נוראים, ראש השנה און יום כיפּור. עלטערע פרויען צינדן אָן ליכט. ווו זיי האָבן גענומען ליכט — איז שווער צו וויסן. די מענער נעמען זיך

צונויף אין באראק צו דאווענען. מען ווייס גאָרנישט, אז דאָס איז אזוי פארבאָטן אין סאָוויעטן־לאנד — „מען שעדיקט דערמיט די רעוואָלוציע”. צוערשט לויפט־אום דער קאָמענדאנט און לעשט־אויס די ליכט, דערנאָך צעטרייבט ער דעם מנין. די יידן צעלויפן זיך מיט די טליתים אויף זיך. פאר אזא „חטא” ווערט מען שטרענג באשטראָפט.

ווינטער, ווען די ערד איז געפרוירן און צוגעדעקט מיט שניי, הויבט זיך אָן פאר די פרויען, וואָס ארבעטן אין וואלד, א ניי גיהינום: די קלעצער, וואָס ווערן א גאנצן זומער צוגעגרייט, דארפן אָפּגעפירט ווערן צום טייך, וואָס געפינט זיך אוועלכע 15 ק״מ ווייט פון ארבעטס־פּלאץ; דאָס ווערט געטאָן נאָר ווינטער, ווען עס איז א גוטער שליט־וועגס. היות ווי דאָס רעכנט זיך צווישן די לייכטערע ארבעטן, מוז דאָס געטאָן ווערן דורך די פרויען. יעדע פרוי קריגט א פערד מיט 2 שליטעלעך אָנצולאָדן די לאנגע קלעצער. מיר פרויען פון די פּוילישע שטעטלעך, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געארבעט מיט קיין פערד, ווערן איצט די באלעגאָלעטעס, דערצו אין אזעלכע מוראדיקע פרעסט. פון נישט אויספאָלגן קען דאָך קיין רייד נישט זיין; פירט מען די קלעצער און מ׳וויינט.

די שוואכערע ווערן באלד קראנק ביי דער ארבעט און קיין דאָקטאָר איז אין אונדזער לאגער נישטאָ. קומט אָן מיט גרויסע שוועריקייטן צו קריגן א דערלויבעניש פאר א קראנקן צו פאָרן אין שטאָט אריין צו א דאָקטאָר. די נאָענטסטע שטאָט קארגאָפּאָל געפינט זיך איבער 100 ק״מ פון פאשאָלעק.

ווינטערצייט, ווען די קאָלכאָזניקעס, וואָס וווינען נאָנט פון די פאשאָלקעס, האָבן נישט וואָס צו טאָן אין זייערע קאָלכאָזן, קומען זיי ארבעטן אין וואלד. היות זיי קומען אלע ווינטער, זענען זיי שטארק פראקטיש אין דער ארבעט און זיי מאכן יעדן טאָג זייערע נאָרמעס. א חוץ דעם זענען זיי דאָך נישט קיין ארעסטירטע, קריגן זיי 3 מאָל אזוי פיל געצאָלט, ווי אן אונדזעריקער. מיר קענען זיך דערצו גאָרנישט העלפן, נישטאָ פאר וועמען זיך צו באקלאָגן.

ווי געזאָגט, מאכן זיך ביי זיי די נאָרמעס שנעל. אָבער נישט בלויז דערפאר וואָס זיי זענען אזעלכע געשיקטע ארבעטער, נאָר גאנץ פשוט: ווען דער „דיעסאטניק” (אויפזעער איבער 10) גייט פון איין בריגאדע צו דער צווייטער, קאָלערן זיי איבער די קלעצער, וואָס זיי האָבן נעכטן געמאכט, אויף דער צווייטער זייט און דאָס ווערט פאר־שריבן אויפן היינטיקן חשבון. אזוי ווערן זיי „סטאכאנאָווצעס”, וואָס מאכן 3 און מער נאָרמעס א טאָג.

די דאָזיקע „חכמה” האָבן מיר גלייך איבערגענומען... מיר ווערן „סטאכאנאָווצעס”, מאכן נאָרמעס און ווערן אפילו געלויבט פון נאטשאלסטווע. אלס אן אויסצייכנונג קריגן מיר א טרוקענעם „פּאיאָק”, וואָס באשטייט פון 1 קילאָ קאשע, א געזאלצענעם פיש און א קילאָ ברויט (די נאָרמע פון ברויט איז שוין ווידער פארקלענערט געוואָרן).

אזוי ציט זיך דער ווינטער: מען ווייס נישט פון קיין שבת, נישט פון קיין יום־טוב. דער קאָפּ איז פארנומען בלויז מיטן געדאנק ווי צו קריגן נאָך א שטיקל ברויט א טאָג.

טייל מאָל קלער איך: וועלן זיך געפינען צווישן אונדז אזעלכע, וואָס זאָלן דאָס אלץ באשרייבן כדי די וועלט זאָל וויסן, וואָס מיר האָבן דורכגעמאכט? וועלן מיר אמאָל פון דאנען באפרייט ווערן?

מיר ווייסן אונדזער אורטייל... דאָך טליעט א פונק פון האָפנונג אין יעדן איינעם: זאָל זיך די מלחמה ענדיקן, וועלן מיר אפשר אויך געהאָלפן ווערן. א סך מאָל זענען מיר מקנא די, וואָס זענען פארבליבן אין די היים־שטעטלעך — מיר האָבן זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אז עס קען זיין נאָך ערגערס...

די צייט ציט זיך אזוי פּאמעלעך — יעדער טאָג א יאָר. דער הונגער און די קעלט מאטערן. דערצו האָבן מיר נישט קיין קליידער, צוגעפּאסטע צום קאלטן קלימאט. דער ווילן צום לעבן איז אָבער שטארק, מיר ווילן זען וואָס ווייטער וועט זיין.

ענדלעך דערלעבט מען צום חודש יוני. דער טאָג ווערט גרעסער. עס שיינט־אויף די זון, וועלכע מיר האָבן א גאנצן ווינטער נישט געזען. מען אָטעמט אָפּ אביסל פרייער. מען לעבט און מען האָפט אויף א נס.

די מלחמה ברעכט־אויס: מיר זענען פרייע בירגער...

דעם 22־טן יוני, זונטיק פרי. אויסגעמאטערט פון א גאנצער וואָך ארבעט, ליגט מען אביסל לענגער אויף די טאפטשאנעס. שוין זיך צוגעוווינט צו די וואנצן, צו די בלאָטעס און צו די שטשורעס.

פּלוצלונג הערט מען א שטארק גערודער אין גאס. מיר לויפן ארויס זען וואָס קומט פאָר און מיר ווערן געוווירר, אז וואָס מיר האָבן נישט פאָרויסגעזען איז געשען: דער דייטש איז באפאלן סאָוויעט־רוסלאנד — מלחמה צווישןביידע לענדער, וועלכע זענען נישט לאנג צוריק געווען גוטע פריינט.

זעט אויס, אז אונדזערע ליידן זענען נאָך נישט דערגאנגען צו דער לעצטער מדרגה... אויב עס איז אונדז געווען אזוי שלעכט פאר דער מלחמה, וואָס וועט נאָך איצט זיין? ווער וועט זיך איצט אומקוקן אויפן ביסל ארעסטאנטן?

די לאגע ווערט טאקע אלץ טרויעריקער: די באנען ווערן באָמבארדירט, ס'איז שווער צוצושטעלן אין אונדזער ראיאָן מעל אויף ברויט. די פּאָרציע ווערט נאָך מער פארקלענערט. הגם מיר זענען ווייט פון פראָנט, זענען מיר דאָך פאראורטיילט אויסצוגיין פון הונגער.

עס ווייזט זיך אָבער ארויס, אז כל־זמן מען לעבט טאָר מען די האָפנונג נישט פארלירן: ווען די שלאכטן אויף די פראָנטן זענען די גרעסטע, לענינגראד איז באלאַ־גערט, דער שונא שטייט שוין ביי די טויערן פון מאָסקווע, גרויסע שטחים סאָוויעטיש ערד זענען שוין אין די הענט פון די דייטשן, מענטשן פאלן ווי די פליגן, סיי פון דער רויטער ארמיי און סיי פון דער ציווילער באפעלקערונג — דעמאָלט קומט צו א הסכם צווישן דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן מיט דער סאָוויעטישער רעגירונג, אז אלע פארשיקטע פוילישע בירגער אין ראטנפארבאנד זאָלן באפרייט ווערן.

אין חודש אויגוסט פאררופט אונדז דער קאָמענדאנט פון לאגער און זאָגט אונדז אָן די בשורה, אז מיר זענען פרייע בירגער און מיר האָבן רעכט צו באזעצן זיך ווו מיר ווילן אויף דער גאנצער סאָוויעטישער טעריטאָריע, מיטן אויסנאם פון די ערשט־ראנגיקע און צווייט־ראנגיקע שטעט.

איין קלייניקייט: מיר ווערן פרייע מענטשן! מיר קענען פארלאָזן די ערטער, וואָס האָבן אונדז פארוואנדלט אין שקלאפן; זאָל זיין, אז מיר וועלן זיך באזעצן אין

קליינע שטעטלעך, אָבער זיין צווישן מענטשן, ווערן גלייך מיט אלע! איז אָבער דער נס געשען אין אזא אומנאָרמאלער צייט און אין אזא אָרט, אז מיר קענען זיך אפילו מיט אונדזער באפרייאונג נישט פרייען.

אין דער זעלבער צייט, וואָס מיר מאכן די פאָרמאליטעטן צו דער באפרייאונג, צו פארלאָזן די לאגערן, אפעלירט צו אונדז דער קאָמענדאנט און בעט פשוט מיר זאָלן נאָך פארבלייבן דאָ ביז איבער דער מלחמה; „איר ווייסט דאָך — טענהט ער צו אונדז — אלע שטעט ווערן באָמבארדירט, דאָ איז ווייט פון פראָנט, איר וועט דאָ איבערלעבן די מלחמה, דערנאָך וועט איר פאָרן ווו איר וועט וועלן״. ער זאָגט אונדז צו אפילו בעסערע באשפייזונג און א גרעסערן ארבעטס־לוין. ווייסן מיר אָבער, אז מ׳קען אויף זייערע צוזאָגן נישט אויסשטעלן און קיינער וויל נישט בלייבן, אויב מען האָט יאָ שוין דערלעבט די באפרייאונג.

אין אָקטאָבער 1941 באקומען מיר די אנטגילטיקע דערלויבעניש צו פארלאָזן דעם לאגער, אָבער עס שאפן זיך נייע פראָבלעמען: מיר געפינען זיך איבער 100 ק״מ פון א באן־סטאציע. אויף די 8 ק״מ פון לאגער ביז צום שאָסיי קריגן מיר פורלעך מיטצונעמען מיט זיך וואָס ס׳איז נאָך פארבליבן. און דאָ, ביים שאָסיי, דארפן מיר ווארטן ביז עס וועט פארביי־פאָרן א לאסט־אויטאָ, וואָס זאָל אונדז פירן צו דער סטאציע. ס׳איז אָנהויב ווינטער. צו ביסלעך שנייט שוין און ביינאכט כאפן שוין פרעסט. מיר זענען אויף דער גאס מיט קליינע קינדער. ווען עס פאָרט יאָ פארביי אזא וואָגן, באפאלט מען אים פון אלע זייטן. אין וואָגן זעצן זיך, די וואָס האָבן זייגערלעך אָדער געלט צו באצאָלן. די אנדערע מיט מיר צוזאמען בלייבן עטלעכע מעת־לעת אונטערן פרייען הימל, ביז מיר קומען אָן צו דער באן־סטאציע.

דאָ איז ווידער נייע צרה: די פאסאזשיר־צוגן גייען דורך פארפולטע און אונדז דערלויבט מען נישט מיט זיי צו פאָרן. מיר בלייבן אזוי עטלעכע טעג אויפן וואָקזאל, ביז מען פאָרמירט פאר אונדז אן עקסטרע עשאלאָן פון עטלעכע פראכט־וואגאָנעס. דער צוג גייט דורך אוראל; כאָטש דער וועג איז א סך ווייטער, איז ער אָבער זיכערער. די וואגאָנעס זענען נישט קיין באהייצטע. דורך די שפארעס גייט דורך דער שניי און דער קאלטער ווינט. קינדער ווערן קראנק און א סך שטארבן אין וועג. אויך יאנקל נאָרטמאן — אן אויסגעמאטערטער פון די לאגערן, געשוואָלן פון הונגער — קען דעם וועג נישט איבערטראָגן. גאנצע 8 טעג גייען פארביי ביז מען דערהערט אונדזערע הילפס־רופן צו באהייצן די וואגאָנעס. ווען די לאגע נעמט שוין אָן זייער ערנסטע פאָרמען, שטעלט מען אונדז אויף איין סטאציע אריין אויוועלעך, אין יעדן וואגאָן — איין אויוועלע.

ווייטער פאָרן מיר שוין נישט ווי קיין ארעסטאנטן. אויף יעדער סטאציע קריגט מען ברויט און זופּ. חוץ דעם איז אויף יעדער סטאציע אויך דאָ א קראן מיט געקאָכט וואסער. ווען די באן בלייבט שטיין, לויפט מען אראָפּ כאפן געקאָכט וואסער. עס פּאָר־מירן זיך לאנגע רייען און עס טרעפט זיך, אז ווארטנדיק אין דער ריי נאָכן ביסל וואסער, לויפט דערווייל די באן אוועק. נישט לייכט קומט אָן ביז מען דעריאָגט מיט א צווייטער באן די אייגענע. געווען פאלן ווען ס׳איז אוועק א סך צייט ביז מען האָט זיך צוריק־געפונען.

4 וואָכן האָט געדויערט די רייזע ביז מיר זענען געקומען קיין אוליאַנאָווסק, ווו מיר האָבן באַדאַרפט אויסשטייגן. מיר גייען נאָך אָבער נישט ארויס פון די וואַגאָנעס, פריער ווילן מיר זען צי מען וועט זיך דאָ קענען איינאָרדנען. ווייזט זיך ארויס, אז די שטאָט ליגט ווייט פון א וואלד, דער קלימאַט איז זייער א קאַלטער, אביסל האָלץ קויפט מען אויפן באַזאַר, קיין קוילן צו ברענען קריגט מען אינגאַנצן נישט און א דירה איז מיט גאָלד גלייך. אויך דאָס לעבנס־מיטל איז זייער טייער און שווער צו קריגן. עס ווייזט זיך ארויס, אז מיר האָבן א גרויסן טעות געמאַכט מיטן אויסוואַל פון דער דאָזיקער שטאָט אויף צו באַזעצן זיך אין איר. חוץ די אַלע גליקן דערנעטנערט זיך דאָ דער פראָנט.

א שווער לעבן אין „גלייכהייטס־רעזשים"

מיר באַשליסן, אַזוי ווי מיר זיצן נאָך אין די וואַגאָנעס זאָל מען גיין זיך אויספּועלן ביי דער סאָוויעטישער מאַכט זי זאָל אונדז מיטן זעלבן עשאַלאָן אָפּשיקן קיין טאַשקענט. נאָך לאַנגע אינטערוועניצן ווערט אונדזער בקשה דערפילט. דער עשאַלאָן רירט פון אָרט אויפן וועג קיין טאַשקענט. דאָרט איז דער קלימאַט א מילדער און קלאַנגען גייען אום, אז טאַשקענט איז די שטאָט פון ברויט. צי דאָס איז אמת — זאָלן זאָגן די וואָס זענען אהין דערפאָרן...

פיר סאַרנאַקער משפחות ווערן, צוליב קראַנקייטן פון זייערע קינדער, געצוווּנגען אויסצושטייגן אין וועג, אויף דער סטאַציע מעלעקעס. אויך מיין שוויגער איז קראַנק געוואָרן און מען מוז איר אריינגעבן אין א שפּיטאָל. אַזוי ווערן די סאַרנאַקער לעבן־געבליבענע צעשפּרייט איבער דער רוסישער טעריטאָריע: אין טאַשקענט, אוראל, גרוזיע און אנדערע ווייטקייטן.

מיר, 4 משפּחות מיט קליינע קראַנקע קינדער, בלייבן אויפן וואָקזאַל מער ווי 2 וואָכן. מיר קענען בשום אופן נישט קריגן קיין דירה. די שטאָט איז איבערפולט מיט היימלאָזע פון די ערטער, ווו עס קומען־פאָר די שלאַכטן, אָדער וואָס זענען שוין פאַרנומען פון שונא. אונדזער לאַגע איז א טרויעריקע: פון וואָקזאַל יאָגט מען אונדז און מיר האָבן נישט וווּהין צו גיין. באַזונדערס שווער איז דאָס נאָך אַזאַ לאַנגער נסיעה. נישטאָ ווו זיך אויסצורוען און אפילו נישט די מעגלעכקייט זיך ארומצוּוואַשן. ווערט מען אַזוי פאַרלייזיקט, אז די לייז קריכן שוין פון איינעם צום צווייטן.

מיר האָבן נישט קיין אנדער ברירה ווי אוועקפאָרן אין א קאָלכאָז, וואָס געפינט זיך 13 ק"מ פון שטאָט. מיר פאָרן אהין מיט דער האָפענונג צו פאַרגרינגערן אביסל דאָס לעבן. מיר געדענקען נאָך די פּוילישע דערפער, ווו דאָס לעבנסמיטל איז געווען ביליק. ארויסגעוויזן אָבער האָט זיך פונקט פאַרקערט: אפילו קיין ברויט האָבן מיר נישט באַקומען די גאַנצע 6 חדשים וואָס מיר זענען געווען אין קאָלכאָז. מען האָט געלעבט בלויז מיט קאַרטאָפל און טיילמאָל האָט מען באַקומען אביסל מילך, — נישט פאַר קיין געלט, נאָר געטוישט פאַרן לעצטן ביסל וועש, וואָס מיר האָבן נאָך מיט זיך געהאַט.

מיין שוויגער, חנה בורשטין, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען מיט מיר און מיטגעמאַכט אַלע שווערקייטן, וואָס דאָס לעבן האָט געליפערט די לעצטע פאָר יאָר, הויכט־אויס איר נשמה אין קאָלכאָז און בלייבט אויפן גויישן בית־עולם.

אין חודש מאי 1942 קערן מיר זיך אום אין שטאָט אריין: עס געלינגט מיר צו קריגן א דירה צוזאמען מיט א רוסישער פאמיליע. אויך די איבעריקע 3 פאמיליעס וווינען שוין אין שטאָט.

דאָס לעבן אין שטאָט איז זייער שווער: נאָך א שטיקל ברויט, וואָס מיר קריגן אויף קארטן, דארף מען שטיין שעהן אין די רייען. ווער קען אָבער אין אזא צייט חלומען פון א בעסער לעבן? אויף די פראָנטן שפילן זיך אָפּ פארביטערטע שלאכטן, בפרט ביי סטאלינגראד. מיר האָבן נאָך געהאט „פריווילעגיעס" ווי היימלאָזע, וואָס מען האָט אונדז ארויסגעלאָזט פון קאָלכאָז. דער קאָלכאָזניק קען די דאָזיקע פריווילעגיע נישט האָבן: ער האָט קיין פאספאָרט נישט און טאָר דעם קאָלכאָז נישט פארלאָזן. מיר דאקעגן קריגן ארויס אין שטאָט סאָוויעטישע פאספאָרטן און ווערן געצוווּנגען צו ארבעטן.

קיינער פון די 4 פאמיליעס קען נישט קיין פאך, מוזן מיר זיך נעמען צו שווארץ־ארבעט. הערשל אייזיקס און ישעיה זילבערשטיין ווערן האָלצהעקערס אין א סטאָלאָווע ביי א סטאציע. די ארבעט איז א שווערע, אָבער זיי האָבן די באלוינונג: יעדן טאָג א טעלער זופּ, 200 גראם ברויט און אמאָל אויך אביסל זופּ פאר דער פאמיליע. דאָס איז א גרויסע דערגרייכונג אין אזא שווערער צייט. איך ווער א „בארשטשיצע" אין א ביוראָ, ד. ה. אין דער פרי, איידער דער נאטשאלניק מיט די בוכהאלטערס קומען צו דער ארבעט, דארף איך רוימען דעם זאל און א גאנצן טאָג דערנאָך שיקט מען מיך ארום. דאָס רופט זיך „קוריער". דער לוין פאר דער ארבעט איז 90 רובל א חודש. דאָס איז דער פארדינסט פון א שווארץ־ארבעטער. דערפון דארף מען צאָלן דירה־געלט, קויפן האָלץ און לעבנסמיטל פאר דער פאמיליע. דער פארדינסט איז, פארשטייט זיך, צו קליין אויף אויסצוקומען, מוז מען אָנקומען צו פארשיידענע דריידלעך כדי דורכצושטופּן דעם חודש.

לעבנדיק צוזאמען מיט דער באפעלקערונג, אנטפלעקן זיך פאר אונדז פארשיידענע סורפּריזן, וועגן וועלכע מיר האָבן פריער קיין אנונג נישט געהאט. ווען מיר זענען געווען אין די פארשיקונגס־לאגערן האָט מען צו אונדז קיין ציווילע מענטשן נישט צוגעלאָזט. שפּעטער, אין קאָלכאָז, איז דאָס לעבן געווען אזוי פארשקלאפט און אָפּגעשטאנען, אז מען קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן אזוי זאָלן לעבן מענטשן אין 20־סטן יאָרהונדערט. אָבער איצט זעט מען וואָס עס קומט פאָר: מען זעט דעם געוואלטיקן אונטערשיד פון פּשוטן ארבעטער ביז נאטשאלסטווע.

די נאָרמעס פאר ברויטקארטן און אנדערע פּראָדוקטן ווערן צוגעשיקט פון מאָסקווע. וואָס גרעסער דער „טשין" — אלץ גרעסער זיין נאָרמע. אויך די מאָגערע נאָרמע, וואָס דער ארבעטער קריגט צוגעזאָגט אויף די קארטן, בלייבט מייסטנס אויפן פּאפּיר... דאקעגן דער נאטשאלניק אָדער דירעקטאָר, וועמעס נאָרמע איז דריי־פאכיק, אָדער אפילו פינף פאכיק, קריגט אלץ, וואָס איז געשריבן אין זיינע קארטן. זייערע פרויען קומען מיט גרויסע קוישן אין די מאגאזינען, טייל מאָל אפילו מיט דער דינסט, זי זאָל די פולע קוישן טראָגן. דאָס שאפט פארדרוס ביי דעם פּאָלקס־מענטש, דעם ארבעטער, עס טוט אים וויי, אָבער רעדן טאָר ער נישט... אפילו אין סטאָלאָווע עסט נישט דער נאטשאלניק צוזאמען מיטן „המון"; פאר אים זענען פאראן באזונדערע צימערן מיט אנדערע שפּייזן.

דער שכל באנעמט נישט וואָס די אויגן זעען: קיינער האָט זיך נישט געריכט, אז אין דעם לאנד זאָל געמאכט ווערן אזא גרויסער אונטערשיד צווישן מענטש און מענטש. ווען דער פּשוטער מענטש לעבט אין דחקות, אין שטענדיקן הונגער, לעבט דער „העכערער" א גוטן טאָג; ווען דער מענטש פון פאָלק גייט אָפּגעריסן און האָט נישט קיין שטיוול אויף די פיס, איז דער „העכערער" שטענדיק גוט געקליידט און באשוכט, הגם זיינע קליידער זענען נישט פון אזא געהויבענער סחורה, אָבער שטענדיק גאַנץ.

דערווייל רוקט זיך די צייט און מען האָט צו טאָן מיט זיך אליין. דער קאָפּ איז פארנומען מיט איין געדאנק: — „כלעבושקא"; ווו נעמט מען א שטיקל ברויט אָנצופילן דעם ליידיקן מאָגן? מען לייגט אפילו נישט קיין אכט אויף דעם אָפענעם אנטיסעמי־טיזם, וואָס מען זעט ארויס — נישט אזוי ווייט ביים המון, ווי ביי דער נאטשאלסטווע, כאָטש אין הארצן טוט עס שטארק וויי.

מיר האָבן שוין ווי ס'איז דערצויגן צום יאָר 1943. דאָס יאָר ברענגט מיט זיך נייע האָפנונגען: ראשית, הערט מען גוטע נייעס פון אלע פראָנטן; די רויטע ארמיי יאָגט דעם שונא צוריק פון די פארנומענע געביטן; מען באפרייט איין שטאָט נאָך דער צווייטער, איין פונקט נאָכן צווייטן — דאָס גיט כוח און אויסדויער. צווייטנס, בעסערט זיך מיין פּערזענלעכע לאגע: ארבעטנדיק אין ביוראָ, האָב איך מיך דערווייל אויסגע־לערנט שרייבן רוסיש און איך ווער באשטימט אויף א העכערן פּאָסטן. אָנשטאָט די פריערדיקע 90 רובל א חודש קריג איך איצט 200 רובל. כאָטש עס איז נאָך נישט גענוג אויף צו לעבן, אָבער דאָך מער ווי פריער. דערצו איז די ארבעט א לייכטערע און מיט מער חשיבות.

וואָס ווייטער ווערט אלץ פריילעכער אויף דער נשמה: ראדיאָ מאָסקווע גיט יעדן טאָג איבער רשימות מיט צוריק־דעראָבערטע שטעט, דערפער און באלד קומט די באפרייאונג פון סטאלינגראד. פון איצט זײַנען גייען שוין די סאָוויעטישע ארמייען פון זיג צו זיג, ביז עס ווערט אָפּגערייניקט די גאנצע סאָוויעטישע טעריטאָריע פון בלוטיקן שונא. נאָך א שטיקל צייט און עס ווערט באפרייט פּוילן — אונדזער פּוילן און אזוי יאָגט מען די נאציס ביז די טויערן פון בערלין.

צוריק צו דער חרובער היים

דעם 9־טן מאַי, 5 אזייגער באגינען, מעלדעט מאָסקווע, אז די רויטע ארמיי, צוזאמען מיט אירע אליאירטע, האָבן אנטגילטיק באזיגט דעם שונא.

די מלחמה איז געענדיקט! ס'איז שלום אויף דער וועלט!

דאָס גאנצע רוסישע פאָלק טאנצט אין די גאסן. די פרייד איז גרויס. אָבער מיר, די פּוילישע יידן מיט די סאָוועטישע פּאספּאָרטן, שטייען אין דער זייט: גאנצע 6 יאָר האָבן מיר אויף אָטדעם טאָג געוואַרט; 6 יאָר פון שווערער ארבעט, וואנדערן, הונגער, קראנקייטן, פארשיקטע אין די לאגערן, צעריסענע משפּחות — ניין, מיר קענען נישט מיטטאנצן; אונדזער פרייד איז געמישט מיט טרערן.

איצט ווארטן מיר אויפן לעצטן נס: מיר זאָלן קענען פארלאָזן דאָס „גליקלעכע" לאנד.

נישטאָ קיין כוח צו לעבן מער דאָ: חוץ דעם שטענדיקן הונגער לעבט מען כסדר אין שרעק; מען האָט מורא פאַרן אייגענעם שאָטן; עס דאַכט זיך נאָר, אז מ׳גייט נאָך... צום ערגסטן ציטערט מען אין די נעכט, פאַרן קלאַפּ אין דער טיר פון דער נ.ק.וו.ד. דאָ איז דאָס אזא אָפּטע דערשיינונג ארויסצונעמען מענטשן פון די בעטן און מען זאָל שפּעטער נישט וויסן ווו זייער געביין איז אהינגעקומען.

דאָס וואָרט „וואַנט האָבן אויערן״ איז אין ערגעץ נישט אזוי ריכטיק ווי דאָ: מענער האָבן מורא פאַר זייערע פרויען, פרויען פאַר די מענער, קינדער פאַר די עלטערן און פאַרקערט. ס׳איז געוווינט, אז אויף איינעם זאָל עמיצער ווערן אין כעס, אז ער זאָל ביינאַכט נעלם ווערן, כאָטש ער איז גאָט די נשמה שולדיק. אָבער גיי באַקלאָג זיך פאַרן רבונו־של־עולם...

נאָך מער פאַר אנדערע דאַרפן מיר פּוילישע זיך היטן מיט א וואָרט. געווען א פאַל, אז אונדזערס א יוגנטלעכער האָט זיך ארויסגעכאַפּט פאַר זיינס א חבר, אז אין פּוילן האָט מען געלעבט בעסער, איז ער באַלד אין דער זעלבער נאַכט ארויסגענומען געוואָרן פון בעט און פאַרמשפּעט אויף 5 יאָר טורמע. איין גליק, וואָס מען האָט אים נישט פאַרשיקט.

מיר ווייסן, אז פּוילן קען מער נישט זיין אונדזער היים, מ׳האָפט אָבער פון דאָרט צו פאָרן ווייטער. פון דאַנען איז אזא מעגלעכקייט נישטאָ.

דאָס לעבן נאָך דער מלחמה נאָרמאַליזירט זיך: די לעבנגעבליבענע רויט־ארמייער קערן זיך צוריק אהיים; די משפּחות נעמען אויף מיט פרייד די צוריקגע־קומענע. דאַקעגן זענען א סך הייזער איינגעהילט אין טרויער צוליב די געפאַלענע זין און טאַטעס ביים פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד.

6 חדשים נאָך דער מלחמה איז פאַר אונדז פּוילישע בירגער געשען דער לעצטער נס: פּוילן, וואָס איז געוואָרן א נאָנטער פריינט פון מאָסקווע, בעט אירע בירגער צוריק. די בקשה ווערט דערפילט. אלע פּוילישע בירגער, וואָס זענען אין 1939 אנטלאָפן פונם דייטש, האָבן דאָס רעכט זיך אומצוקערן אהיים. ביז אלע פאָרמאַליטעטן ווערן דורכגע־פירט גייען אוועק נאָך 4 חדשים. ענדלעך נעמט מען ביי אונדז צו די סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן און מיר קריגן ארויספאָר־דערלויבענישן.

דער 12־טער מערץ 1946 איז דער גליקלעכער טאָג פון אונדזער ארויספאָרן. אויף דער סטאַציע מעלעקעס פאָרמירט מען אן עשאלאָן. א חוץ די סאַרנאַקער 4 משפּחות געפינען זיך דאָ א סך פון אנדערע פּוילישע שטעטלעך, פאָרן מיר איצט צוזאַמען. אָבער דאָס מאָל פאָרן מיר אנדערש ווי פריער, כאָטש אין די זעלבע לאַסט־וואַגאָנעס: נישט ווי ארעסטאַנטן, נאָר ווי פרייע בירגער. קריגן מיר אין וועג אריין ברויט, געזאַלצענע פיש און אפילו צוקער, וואָס איז דאָ אזא לוקסוס. אויף יעדער סטאַציע, ווו די באַן שטעלט זיך, קריגן מיר ווידער פּראָדוקטן און אפילו עסן אין די סטאָלאָוועס פון די סטאַציעס.

ס׳איז פרילינג. די טירן האַלטן מיר אָפן. פון די פעלדער שמעקט אריין אין די וואַגאָנעס. די 4 וואָכן, וואָס די רייזע געדויערט, לויפן שנעל פאַרביי און מיר קומען־אָן צוריק אין אונדזער פּוילן.

די באן לאָזט אונדז אראָפּ אין א שטעטל אין נידערשלעזיע, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן צו פּוילן. מיר פארנעמען די דירות פון דייטשן, וואָס זענען נאָך דער מלחמה טראנספּערירט געוואָרן קיין דייטשלאנד.


סארנאקי, ווו מיר זענען געבוירן געוואָרן, אויסגעוואקסן און חתונה געהאט, קענען מיר מער נישט זען. ווער עס מוז דאָרט זיין כדי צו ערליידיקן ענינים, מוז זיך פאַר־שטעלן פאר א פּאָליאַק כדי ער זאָל נישט דערקענט ווערן, ווייל דער אנטיסעמיטיזם בושעוועט דאָרט שטארק. די נאציס זענען טאקע מער נישטאָ, אָבער זייער מיאוסער ריח איז געבליבן ביי דער פּוילישער באפעלקערונג. מען וויל אומברענגען דאָס רעשטל יידן, וואָס איז געבליבן נאָכן חורבן. אויך פאַרנדיק מיט דער באן שטעלט מען איין דאָס לעבן. אויב מען דערקענט א ייד אין באן, ווארפט מען אים ארויס אין מיט גאנג פון צוג. אזעלכע פאלן זענען ליידער אן אָפטע דערשיינונג.

אויך אין נידערשלעזיע בושעווען אנטיסעמיטישע באנדעס. אז עס פאלט צו דער אָוונט, מוז מען זיך פארמאכן אין די הייזער. נאָך מער האָט זיך דער אנטיסעמיטיזם צעבושעוועט נאָכן קיעלצער פּאָגראָם, ווו עס זענען אומברחמנותדיק אויסגעקוילעט געוואָרן 42 יידן. אויך אין נידערשלעזיע, ווו עס זענען באזעצט געוואָרן די רעשטלעך געראטעוועטע יידן, גרייטן זיך פּאָגראָמען לויטן קיעלצער נוסח. אויב די פּאָגראָמען זענען נישט צושטאנד געקומען, איז דאָס צו פארדאנקען די העלדישע יידישע בחורים מיט דער מיטהילף פון דער רויטער ארמיי, וואָס האָבן דערצו נישט דערלאָזט.

נאָך 7 יאָר נע־ונד זיין מוז מען ווייטער קלערן, ווו צו קריגן אן אָרט כדי צו קענען רואיק לעבן.

די פרייע לענדער האלטן פאר אונדז, מלחמה־געליטענע, פארמאכט זייערע טויערן. איז פאר אונדז געבליבן בלויז איין וועג — דער „אומלעגאלער״. 90 פּראָצענט פון די לעבנגעבליבענע, צווישן זיי — די סארנאקער, פארלאָזן פּוילן אויפן דאָזיקן וועג.

אזוי צעפּאָרן זיך די סארנאקער, די על־פּי־נס לעבנגעבליבענע, איבער דער גאנצער וועלט: קיין צפון אמעריקע, קאנאדע, ישראל און ארגענטינע, ווו מיר בויען אונדזער נייע היים.



שעפסל ראזענבערג
פּראָפעסאָר אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט

סארנאקי מיט 20 יאר שפעטער

זומער 1962 בין איך געווען אויף א באזוך אין ווארשע און נישט געטראכט צומאָל צו באזוכן סארנאקי. צופעליק האָב איך באמערקט די דאטע: דער 22־טער אויגוסט און באלד זיך דערמאָנט, אז דאָס איז דער 20־טער יאָרטאָג פון חורבן סארנאקי.

זיצנדיק אין האָטעל־צימער, האָט זיך פאר מיינע אויגן אויפגעוויקלט דאָס בילד פון יענע טראגישע טעג. מיט 20 יאָר צוריק בין איך דאָך דאָרט געווען! געזעסן מיט די בהמות אויף דער פּאשע אלס איינער פון די 200 צוואנגס־ארבעטער, וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט אין סארנאקי ווען זיי האָבן ליקווידירט דעם געטאָ מיט 3 מאָנאטן פריער.

אָפּטמאָל בין איך געווען בייז אויף מיינע עלטערן, וואָס האָבן מיר פארשריבן עלטער כדי איך זאָל קענען בלייבן אין שטעטל אלס ארבעטער. זיבן טעג אין דער וואָך, סיי אין רעגן סיי אין ווינט, האָב איך געמוזט אויפשטיין 5 א זייגער אינדערפרי מעלקן די קי, רייניקן די שטאל און ארויסגיין אין פעלד. יאָ, מיינע בהמות האָבן געמוזט זיין ריין און אויסגעפּוצט ווייל דער נייער בעל־הבית איז דאָך געווען א דייטש און ווי באוווסט זענען זיי דאָך א זויבער פאָלק...

איך געדענק נאָך די צייט ווען מיין זיידע יענקל נחומס איז געווען דער בעל־הבית. — היינט איז דאָך שבת — האָב איך זיך געטראכט — און יענקל נחומס אַן אייניקל ליגט אויפן פעלד מיט די בהמות...

עס געדענקט זיך נאָך די שבתים, ווען אויפן הויף איז קיין עירוב נישט געווען און איך האָב געמוזט נאָכטראָגן דעם טלית נאָכן זיידן ווען ער פלעגט גיין אין שול. נאָכן דאווענען אין די זומערדיקע טעג בין איך געגאנגען העלפן דעם זיידן פארטרייבן די אפּיקורסים, וואָס פלעגן ליגן מיט די מיידן אויף די לאָנקעס.

איצט איז דער זיידע פארשפּארט אין לאָשיצער געטאָ. נאָך מיט איין מאָנאט פריער בין איך געווען אויף א באזוך אין לאָשיץ. דער זיידע איז געזעסן נעבן מיר און

זיך אויסגעפרעגט וועגן זיינע פעלדער. — „אלץ מוז זיין פארנאכלעסיקט. איך הער אפילו זאגן, אז די דייטשן ימח שמם האבן געבראכט חזירים אין הויף אריין" — האט ער פארענדיקט מיט א זיפץ.

— אָ, זאָרג זיך נישט, יענקל — האט מיין באָבע הדס א געשריי געטאָן. מיר האבן איבערגעלעבט אזוי פיל עמלקים, וועלן מיר אָטדעם עמלק אויך איבערלעבן !"

זיצנדיק אויפן פעלד האָב איך זיך פלוצלונג דערמאָנט, אז מיין ברודער לייבל דארף שוין באלד צוריקקומען פון לאָשיץ, וואהין ער איז אוועק אין דער פרי כדי ארייננשמוקלען א וואָגן מעל אין געטאָ אריין. פלוצלונג באווייזט זיך מיין ברודער מאָטל א פאריאכמערטער און דערצייילט, אז ער האט שוין נישט באוויזן ארייננצופאָרן אין געטאָ ווייל די פויערים האבן אים געזאָגט, אז די דייטשן טרייבן ארויס די יידן פון שטאָט. וואכן זענען פארביי און קיין שום ידיעות זענען נישט געווען פון אונדזערע ליבע און טייערע. פארשיידענע קלאנגען האבן זיך געטראָגן וועגן פארשיקונגען פון יידישע יישובים אין אומגעגנט, אָבער וווהין — דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט. ערשט מיט א צייט שפּעטער זענען מיר געוואָר געוואָרן וועגן טרעבלינקע. די דייטשע מערדער־מאשין האט זיך געפונען אונטער דער נאָז.

אלנפאלס האבן איך באשלאָסן, אז איך מוז פאָרן קיין סארנאקי. אויפן וועג בין איך דורכגעפאָרן פיל אמאָליקע יידישע יישובים: מינסק מאזאָוויעצק, שעדלעץ, מאָרדי, לאָשיץ — און פלוצלונג דערזען די פאָרשטאָט פון סארנאקי. די גאנצע רייזע האט זיך מיר אויסגעזען אזוי קורץ.

— שטעל זיך אָפּ ! — האָב איך אויסגערופן צום שאָפער. דאָ, ערגעץ־ווו דארף זיין דער בית־עולם !

דאָס אָרט געדענק איך גאנץ גוט. מיר האָבן דאָ באגראָבן ישראל דעם אָגראָדניק, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן נאָך דער באפרייאונג ערגעץ נעבן קלימטשיץ. ליידער איז דאָ דער איינציקער סימן — א פּאָר סאָסנעס. די קברים זענען פאראקערט געוואָרן און באוואקסן מיט תבואה.

מיט א פּאָר מינוט שפּעטער בין איך אריין אין שטאָט. איך האָב דערזען שומערס ברויערײַ, שעמינסקיס געשעפט און נאָך עטלעכע הייזער. עס זעט זיך אויס, אז סארנאקי איז געבליבן פּונקט ווי איך האָב איר פארלאָזט אין 1945. פיל רואינען זענען נאָך נישט אָפּגערוימט. דער „רינעק" איז באוואקסן מיט ווילדע בלומען.

פלוצלונג האָבן זיך באוויזן פיל פויערים. זיי האָבן מיר ארומגערינגלט און געוואָלט וויסן ווער איך בין. כ'האָב זיי געזאָגט, אז איך בין אן אמעריקאנער קאָרעס־פּאָנדענט און גענומען שטעלן פארשיידענע פראגן.

— עפּעס גאָר נישטאָ קיין יידן אין אייער שטעטל ! — האָב איך א פרעג געטאָן.

— אָ, די דייטשן האָבן די זשידקעס פון דאנען פארטריבן. עפּעס א פּאָר און צוואנציק האָבן זיך געראַטעוועט, אָבער אפילו די זענען פון דאנען אנטלאָפן ווען מיר האָבן א פּאָר פון זיי אויך דערהרגעט.

יאָ, איר זייט גערעכט, פויערים. איך געדענק נאָך די צייט זייער גוט — האָב איך א טראכט געטאָן.

נאָך 2 יאָר ארומוואלגערן זיך אין די וועלדער זענען מיר באפרייט געוואָרן דורך די רוסן דעם 1־טן אויגוסט 1944. גייענדיק צוריק אין שטעטל האָבן אונדז די

זעלבע פויערים אזוי פיין באגריסט, אפילו אונדז געטאדלט פארוואָס מיר זענען נישט געקומען צו זיי נאָך הילף. אייניקע מאָנאטן שפּעטער זענען זיי גרייט געווען אונדז צו פארניכטן. און מיר האָבן דאן געמוזט ווייטער לויפן.

— פארוואָס בויט איר נישט אויף דאָס שטעטל? — האָב איך זיי געפרעגט. — מיר דארפן נישט מער קיין געשעפטן! — איז געקומען א שארפער ענטפער. דו זעסט אָטדי אלע רואינען? זיי זענען אלע געווען יידישע געשעפטן. די דייטשן האָבן זיי פאר־ברענט און די רעשט האָבן זיי צעשטערט.

איר האָט א גוטן זכרון! — האָב איך ווייטער א טראכט געטאָן. די דייטשן האָבן ווירקעלך דאָס שטעטל פארברענט דעם 22־טן יוני 1941, ווען די מלחמה מיט סאָוויעט־רוסלאנד איז אויסגעבראָכן. א פּאָר רוסישע אעראָפּלאנען האָבן זיך באוויזן און די דייטשן — כדי צו קאמופלאזשירן דאָס מיליטער — האָבן אונטערגעצונדן דאָס שטעטל פון אלע פיר זייטן. אין די איבערגעבליבענע עטלעכע הייזער האָבן זיי איינגע־שפּארט די יידן אין א געטאָ אין דעצמבער 1941.


אין די 6 מאָנאטן פון עקזיסטענץ פון סארנאקער געטאָ זענען פיל מענטשן געשטאָרבן פון טיפוס און פון הונגער אָדער דערשאָסן פאר ארויסטרעטן פון געטאָ אָן א דערלויבעניש. מערסטע פון די אומגליקלעכע האָבן געהאט בלויז איין אויסוועג: שטארבן פון הונגער אין געטאָ אָדער ריזיקירן דאָס לעבן און גיין עפּעס קויפן ביי די גויים. אזוי ווי די דייטשן האָבן געגעבן א פּרעמיע — א ליטער בראָנפן און א קילאָ צוקער פאר כאפּן א ייד אויסערן געטאָ, האָבן נישט געפעלט קיין בעלנים. ווער ווייס, אפשר שטייען וועלכע פון די מערדער ארום מיר?...

איך בין אריין אין אויטאָ, צוגעפאָרן צום זיידנס הויף און קוים דערקענט דעם פּלאץ. דער גאנצער הויף איז באוואקסן מיט ווילדע „זשעליעס", די סעדער זענען חרוב און די גאנצע געגנט זעט אויס ווי א מדבר.

אָטדאָס איז דאָס בילד פון אונדזער שטעטל סארנאקי אין 1962, א שטעטל וואָס פיזיש עקזיסטירט עס נישט פאר אונדז, אָבער עס דארף פאראייביקט ווערן אין די הערצער פון די איבערגעבליבענע.



דמויות
געשטאלטן





שרגא זייארמן
חיפה

הרב הלך עם עדתו

אחרי פרוץ מלחמת־העולם השניה, לפני שנכבשה סארנאקי על־ידי הגרמנים, עזבו רוב־רובם של היהודים את העיירה, בהשאירם מאחוריהם את רכושם, ועברו את הנהר בוג לסמיאטיץ׳, לצד הרוסים. בעיירה נשארו רק מתי מספר. הרב התחנן לפני הנמלטים שלא יעזבו אותו לנפשו. — עם מי אשאר? — שאל. אולם כל אחד ואחד נהג לפי הבנתו ורבים נמלטו על נפשם. אנשים באו וביקשו את הרב, שגם הוא יעבור לסמיאטיץ׳. אך הוא סירב: — איך אוכל לעזוב את הקהילה? מה שיהיה עם כל היהודים יהיה גם אתי! ולא עזב את מקום כהונתו עד הסוף המר.

אחרי סגירת הגבול בין סמיאטיץ׳ לסארנאקי, הוא הנהר בוג, היו שחזרו לעיירה, לתחום הגרמני. הם לא יכלו להסתגל למשטר הסובייטי וחזרו עם משפחותיהם אל עיר־מולדתם. בלילות האפלים עברו את הגבול על־פני הבוג הקפוא, בלכתם על הקרח. הרב קיבל את הבאים בצער רב והתאונן על החוזרים למקום סכנת נפשות. אכן, הוא ראה את הנולד מהתנהגותם הפרועה של החיילים הנאצים עוד מראשית הכיבוש.

קצרה היריעה מלתאר את אשר עבר על יהודי סארנאקי למן הכיבוש הנאצי. כמה סבל ועינויים עברו בייחוד על הרב, שכל יום באו אליו חיילי הוירמאכט והטילו עליו את האחריות לכל מה שהתרחש בעיירה. תמיד איימו עליו וכמה פעמים רצו לירות בו.

הצרות הגדולות החלו בעיקר אחרי פרוץ המלחמה בין גרמניה לברית־המועצות. הגרמנים התקיפו ב־22 ביוני 1940 וכבר ביום הראשון עברו את הנהר בוג לסמיאטיץ׳. הנאצים החלו אז להשליט משטר חמור. הם דרשו כל יום מכסת פועלים לעבודת הרכבת ולכל מיני עבודות פרך וכן גם מכסות בגדים, נעליים ושמיכות בשביל הצבא. את כל המכסות הגדולות קשה היה מאד לספק ותמיד היה הרב בעיניהם השעיר לעזאזל ונגרמו לו עינויים שאין לתאר.

בתקופת הגיטו נמצא הרב תמיד בין בני הקהילה. אתם היה בצרה והיה מנחם אותם, שהשי״ת יעזור לעמו ונעבור את ימי הזעם ונזכה עוד לראות במפלתם של הרשעים.

אולם הגיע היום המר, יום ט׳ באלול תש״ב, 1942. הגרמנים והפולנים חיסלו את גיטו סארנאקי והובילו למחנות ההשמדה את כל היהודים ובתוכם גם את הרב. הוא עזב את המקום, שבו כיהן 34 שנים, כאשר אך מקלו בידו. היו לו לרב מאות ספרי קודש, ש״ס ופוסקים וכל המפרשים הראשונים והאחרונים. האצטבות על שלושה קירות בחדר הרבנות היו מלאות ספרים מן הרצפה ועד התקרה. את הכול עזב והובל להשמדה למחנה טרבלינקה — כפי שמסרו שרידי העיירה בגלויה, שהגיעה לבניו אחרי השחרור. יחד עם הרב הובלה להשמדה בתו היחידה פרידה ובנה שלמה אריה. היא היתה אשה משכילה, למדה וקראה בענייני היהדות ותחומי נושאים כלליים בעברית ופולנית.

כך עלה הכורת על הרב ובני משפחתו. כך נספה גאון וצדיק יחד עם שאר קדושי ישראל, שנפחו את נפשם בכל מיני מיתות משונות בידי חלאת המין האנושי.

★

מרא דאתרא דעירנו סארנאקי, הרב ר׳ אברהם דב זצ״ל, בן הרב הגאון ר׳ מרקיל שלמה כ״ץ וחתן הרב ר׳ נחמיה אלתר זצ״ל, רבה של ראדזימין על־יד וארשה, כיהן כרב בעיר סלושץ׳ שעל־יד ראדזימין.

בחורף שנת תרס״ח, 1908, נפטר הרב ר׳ מרקיל שלמה, מרא דאתרא דסארנאקי, ולהלוויתו באו כל הרבנים מהסביבה וכמובן גם בני הרב וביניהם אברהם דב זצ״ל. אחרי ההספדים בבית־הכנסת ובבית־הקברות הוכתר בנו של הנפטר כמרא דאתרא



ר׳ אברהם דב כ״ץ, מרא דאתרא דסארנאקי

אחר שכל קהל הנוכחים, עם ראשי הקהל דסארנאקי, הסכימו פה אחד להושיבו על כסא הרבנות ובירכוהו למזל טוב.

דרך הרבנות בסארנאקי לא היתה סוגה בשושנים והרב חי חיי דחקות. משכורתו נעה בין 18 ל־20 רובל לחודש מתקציב הקהילה, אם־כי שימש גם כרב רשמי, מאושר מטעם הממשלה הצארית („קאזיאָנער רב") אחרי שעמד בבחינה בלשון הרוסית והיתה לו הסמכות לרישום לידה, נישואין ופטירה. בלי אישורו לא רשמה הרשות המוניציפאלית בסארנאקי שום תעודה. אבל תמיכה כספית מהממשלה לא קיבל ומשכורתו באה רק מהקהילה היהודית.

משום כך קיבל הרב את החזקה למכירת שמרים לאפית חלות, תוך איסור גמור לאפות חלות מבלי לקנות שמרים מבית הרב. הרבנית היא שעסקה במכירת השמרים, עיסוק שהכניס עד 3 רובלים לחודש. מהרישום האזרחי ו„דיני תורה" היתה הכנסה בעקיפין עוד כ־3 רובלים לחודש.

בכל־זאת, עם התפקידים האלה, עוד לא היה בידי הרב כדי לפרנס את משפחתו בכבוד, כי את משכורתו קיבל תמיד באיחור משום שהקהילה דאז לא היתה מאורגנת כראוי. שלושת הפרנסים, שניהלו מטעם הממשלה את ענייני הקהילה, לא מסרו לגביה את המסים למשרד הגביה בהתחשב במצבם הכלכלי הקשה של משלמי המסים ותמיד היו פיגורים בתשלום מסי הקהילה.

הרב הצטיין בשקדנות מופלאה עוד משחר ילדותו. ודבר זה אפיין אותו בכל ימי חייו. ידענותו היתה רבה מאד. היה בקי בש"ס ופוסקים, מבלי שנזקק לעיין במקור. כן היה בקי גדול בתנ"ך ובשפה העברית. מאביו ירש את דרך הלימוד הליטאי. האב, שמוצאו היה מצאצאי בעל „תוספות יום־טוב", חיבר ספר שו"ת „יד שלמה", שהופיע רק חלק ראשון ממנו. הוא עמד בקשרי מכתבים בענייני הלכה עם גדולי דורו, ביניהם ר' אברהם מסוכאצ'וב זצ"ל, בעל „אבני נזר" וכמה מתשובותיו פורסמו בספר זה. הוא הניח כתבים רבים.

מחותנו — הרב ר' נחמיה אלתר מראדזימין — ירש הרב את דרך החסידות והסתופף כל ימי חייו בדרכי חסידות גור. הוא הוסמך לרבנות בגיל צעיר על־ידי גדולי הדור והם: ר' אברהם מסוכאצ'וב ור' חיים סולובייצ'יק, רבה של בריסק דליטא זצ"ל, ששיבחו מאד את הבנתו העמוקה ושיטת לימודו. עניו היה האיש ונחבא אל הכלים. הסתפק במועט ולא שאף לגדולות. הרבה לכתוב חידושי תורה ופרסם מדבריו מזמן לזמן בירחונים רבניים בפולין.

אחרי מלחמת־העולם הראשונה נתעוררו חילוקי־דעות בין הרבנים בעניין מתן היתר ל־300 עגונות, דבר שעורר סבך הלכתי קשה. בראש המתירים עמד הגאון ר' יהודה לייב צירלסון, רבה של קישינוב. אולם דבריו עוררו התנגדות רבה בין הרבנים. הרב בעירנו התגייס לעזרתו תוך בירור הלכתי מקיף ומנומק. דבריו זכו להד רב והשפיעו לצד המתירים.

★

חלק ניכר מזמנו הקדיש הרב לחינוך בניו, ללמדם תורה, ש"ס ופוסקים. גדולה היתה שמחתו, שבניו הלכו בדרכו ולא נספחו עם הזרם החילוני, שחדר באותם הימים אל הרחוב היהודי.

בנו הבכור, הבחור חיים שמואל כ״ץ ז״ל, למד משחר ילדותו בהתמדה רבה בבית־המדרש מהשכמת הבוקר עד חצות הלילה. הוא היה בעל השקפות ציוניות. עוד בגיל 17 היה בין מייסדי התנועה הציונית בעיירה והשתתף באופן פעיל באסיפות הציוניות, כמובן בלי ידיעת הוריו. בזמן ההוא התחיל הרעיון הציוני לכבוש מקום בעיירה בין הבחורים לומדי בית־המדרש בפרט, ובכל חוגי הנוער מהמעמד הבינוני בכלל. הנואם הראשון והמדריך היה בן הרב, חיים שמואל, שהפיץ את הרעיון ההרצלאי ברוח התורה והמסורת. הוא כבר הרגיש, כי הקרקע בפולין בוערת תחת הרגליב, עת רבים השלו את עצמם בתקוות־שוא על עתיד היהודים בגולה.

בשנת 1920 סבלו התושבים היהודים מתגרת יד הצבא הפולני הנרדף — מהתנפלויות, שוד ורצח. פחד גדול נפל על היהודים ובעת נסיגת הרוסים היו שברחו אתם. גם מבני סארנאקי נמלטו וביניהם חיים שמואל. הוא הספיק להגיע עד בילסק ובהיותו שם החליט לחזור הביתה, כי סבור היה שלו, כציוני אין מקום ברוסיה הבולשביסטית. כשנכנס הצבא הפולני לבילסק, ביצע את רצונו זה. בדרך נתפס יחד עם חבריו על־ידי הפולנים, שהוציאום להורג. הוא מצא את מותו בגיל 21.

את הסבל הקשה אחרי רצח בנו הבכור השכיח הרב בהשקיעו עצמו בלימוד תורה. על מידת שקדנותו בלימוד התורה סיפר אחד מזקני בני ברק, שהכירו בצעירותו, עת ישב על התורה בבית חותנו, הרב מראדזימין, שאף באותם הימים היה זה פלא גדול, שאדם מסוגל להגיע להתמדה כזאת.

אולם הרבנית לא עצרה כוח. היא חלתה ונפטרה כעבור כמה שנים. היתה זו אשה צדקנית ומשכילה, בקיאה בספרי הקודש, אך גם התעניינה לקרוא כתבי ביאליק, שלום אש, גרץ, פרץ, שלום עליכם, מנדלי מו״ס. מותה, בשנות השלושים, היה אסון גדול למשפחת הרב, שנשאר גלמוד רק עם בתו היחידה (אחרי כמה שנים התחתנה הבת וגרה עם הרב בדירתו).

גדולים היו געגועיו של הרב לעלות ארצה, בפרט אחרי רצח בנו — על אף היותו מחסידי גור. אחרי האסון הזה תמך תמיד בכל מפעלי הקרן הקיימת ו„קרן היסוד״. כותב הטורים האלה היה מורשה הקרן הקיימת בסארנאקי וידוע לו, כי הרב קיבל תמיד בסבר פנים יפות את המתרימים. הוא היה גם קונה את השקל הציוני, אך ביקש שלא לפרסם את הדבר ברבים. רוב חסידי סארנאקי התנגדו כידוע לרעיון הציוני ולתרומות לקרנות הלאומיות.

שאר שלושת הבנים, שעסקו בהשגחת אביהם הרב בלימוד תורה וגמרא, לא ראו תכלית לעצמם בפולין בתקופת השתוללות האנטישמיות ובכל המאמצים התגברו על הקשיים ועלו לארץ־ישראל לשמחת האב, שלא זכה להגשים את שאיפתו. הבנים ניצלו והם חיים כולם עם בני משפחותיהם חיי כבוד במדינת ישראל.

• אריה כ״ץ גר בכפר־סבא, עוסק במסחר. הוא הרבה ללמוד וגם כעת מקדיש הוא מזמנו הפנוי אחרי העבודה ללימוד תורה.

• שלמה כ״ץ גר ברמת־גן. בנעוריו היה מתמיד גדול. מזמן עליתו ארצה הריהו מקיים את הכתוב „יגיע כפיך כי תאכל״.

• ישראל כ״ץ גר בתל־אביב. הוא חבר המזכירות וגזבר הועד הפועל של „הפועל המזרחי״ והמפלגה הדתית־לאומית. חיבר „ילקוט פירושים״ על מסכת „בבא בתרא״ (בכתב־יד).

דער שוחט און חזן — א „קאָנטער־רעוואָלוציאנער"

אָנהויב דעם 19־טן יאָרהונדערט איז געקומען צו אונדז קיין סארנאקי די משפחה בראָנרויט פון שטעטעלע באראנאָוו נעבן אָסטראָלענקע, לאָמזשער גובערניע. שוין דאָרט איז ר׳ לייב הירש געווען שוחט און אויך געפסקנט שאלות במקום א רב.

ביי אונדז איז ער אויפגענומען געוואָרן אלס שוחט און חזן. גערופן האָט מען אים דער געלער שוחט, ווייל דער אנדערער שוחט איז געווען א שווארצער. ער איז געווען א הויכער מיט א הדרת פנים, גרויסע שיינע אויגן און א הויכן שטערן. ווען ער האָט אייך אָנגעקוקט, איז עפּעס באפאלן א פחד, אָבער אין תוך גענומען איז ער געווען א גוטע טייערע נשמה. דעם לעצטן גראָשן אוועקגעגעבן אויף צדקה.

✶

זיין ווייב מרים־גיטל, א אשה צדקנית, איז תמיד פארטאָן אין דער הויז־ווירטשאפט, כדי דער מאן מיט די קינדער זאָלן עסן צו דער צייט אָן ביטול תורה.

זי פלעגט אלע מאָל וואשן, פּרעסן, ריכטן, פארצירעווען, מען זאָל זיין אָנגעטאָן אָנשטענדיק, ריין און גאנץ. א טאָכטער זאָל העלפן איז נישטאָ, א דינסט־מיידל נעמען איז די פרנסה צו ווייניק, — מוז זי טאַקע מאכן אלץ אליין.

פון די צען קינדער זייערע זענען געשטאָרבן קליינערהייט צוויי ייִנגעלעך און א טעכטערל א בת־יחידה.

עס איז כדאי צו דערמאָנען: איין ייִנגל יעקב איז געשטאָרבן פון טיפוס אין עלטער פון 15 יאָר. קיין דאָקטאָר איז אין שטעטל נישט געווען, נאָר א פעלדשער. ווען די סכנה האָט זיך געשטארקט, האָט מען באשלאָסן ברענגען דעם דאָקטאָר נאשילאָווסקי פון פּיטשעץ, א צען קילאָמעטער ווייט, וואָס האָט גענומען 10 רובל פאר אזא ווייטן וויזיט. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט מען ענדלעך געשאפן די סומע. איז אָבער גראָד געווען שבת און קיין פּיטשעץ איז מען געגאנגען צופוס. דער דאָקטאָר איז אזוי־ארום געקומען צו שפּעט. דאָס ייִנגל איז אויסגעגאנגען מיט די ווערטער: „מן המיצר קראתי יה".

צוויי אנדערע קינדער אהרעלע און בלימעלע זענען געשטאָרבן אין פריסטן עלטער. געזאָגט האָט מען: פון אן עין־הרע.

די שוחטקע איז אלץ מקבל באהבה. קלאָגט זיך נישט אויף דער ביטערער פרנסה. איז תמיד צופרידן וואָס גאָט האָט זי באשערט מיט זיך, וואָס לערנען תורה און וועלן זיין גאונים, רבנים און שוחטים, אז די וועלט וועט מיט זיי קלינגען.

שטענדיק איז זי געווען מיט א צופרידענעם שמייכל און יעדן אויפגענומען בסבר פנים יפות. קומט א פרוי שעכטן אן עוף און דער שוחט דאַוונט אָדער לערנט, כאפּט זי מיט איר א שמועס אָדער נעמט צו דעם עוף און זאָגט־צו, אז מען וועט שוין שעכטן און אריינשיקן אהיים.

★

דאָס הויז איז ממש א הכנסת אורחים: ר׳ לייב הירש בלייבט דער לעצטער אין בית־המדרש און ברענגט מיט זיך אהיים אלע אָרימע לייט. ווען דער אורח איז א משולח, א מגיד אדער סתם א חשובער נצרך — אזעלכע געסט פארפאָרן גלייך

צום שוחט, עסן, שלאָפן, שמועסן זיך דורך אין לערנען און פילן זיך דאָ אין דער היימישער ווארימער אטמאָספער אזוי ווי ביי זיך אין דער היים. די שוחטקע שפּאָרט־אָפּ פון זיך אבי די געסט זאָלן צופרידן זיין.

צוויי מאָל אין יאָר איז די פרנסה א ביסל בעסער. די חדשים טבת—שבט איז דער סעזאָן פון שעכטן גענדז און גרייטן שמאלץ אויף פסח. דעמאָלט איז א מנהג, אז דער שוחט נעמט פון יעדער גאנדז א פּיסעלע און א פליגעלע. אזוי אויך פון די גענדז, וואָס מען שיקט קיין ווארשע, איז טאקע א שפע אין הויז, מען עסט נאָר פליישיקס און מען טיילט אויך שיריים אָרעמע ווייבער. אויך די פעדערן איז א סחורה — אויף פענעס צו שרייבן ספרים, תפילין און מזוזות.

אין דער זעלבער צייט פאלן־אויס די גויישע חגאות. די שחיטה פארגרעסערט זיך: מען שיקט געשאָכטענע קעלבער קיין ווארשע. איז טאקע דעמאָלט א שפע, מ׳צאָלט זיך ארום מיט די חובות פון א גאנץ יאָר. די גרעסערע קינדער מאכט מען נייע מאנטעלעך און שטיוועלעך, און די אלטע, וואָס זענען שוין אויסגעוואקסן און ענג, ירשענען די קלענערע קינדער.

אָבער א גאנץ יאָר לעבט מען אין דחקות. מ׳הונגערט נישט חלילה. פלייש עסט מען פון שבת צו שבת. אז עס פעלט אויס ברויט, עסט מען קארטאָפל און מ׳פארשפּאָרט זיך צו וואשן אויף „המוציא״...

אָבער קיינער ווייס נישט דערפון. מ׳שטופּט דורך די שווערע צייט; מ׳לערנט מיט גרויס התמדה און מען איז „שמח בחלקו״.

ר׳ לייב הירש איז אויך חזן און בעל־קורא יעדן שבת אין בית־המדרש צום ערשטן מניין ווו עס דאוונט דער רב.

ימים נוראים איז ער חזן אויך אין דער גרויסער שול אלס בעל שחרית. אין בית־המדרש דאוונט ער ראש־השנה מעריב, מוסף און בלאָזט שופר; יום־כיפור — כל נדרי, מוסף, נעילה. אויך האָט ער געדאוונט די סליחות נעכט. צו די ערשטע סליחות פלעגן פרומע ווייבער שיקן צום חזן אהיים טיי מיט צוקער, אמאָל אויך א גרעסערע מתנה.

דער צווייטער סעזאָן ביים שוחט איז צווישן ראש־השנה און יום כיפור, ווען מ׳שעכט כפרות, ביז נאָך סוכות. דעמאָלט ברענט ביי אים די ארבעט. דער הויף איז פול ווייבער און קינדער, קוישן, וועגענער מיט עופות. ס׳איז א געשריי, קוואקעריי און געפּילדער.

פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאכט שטייט דער שוחט אין אן אָפּגעצוימטן גאָרטן, מען זאָל אים נישט א שטופּ טאָן חלילה, און שעכט עופות אויף פאר די ארומיקע יישובים.

ווען־נישט־ווען איז ער מפסיק כדי בודק זיין דעם חלף, אָדער ברענגען אש אויף „כיסוי הדם״. אגב, אויף דער מצווה זענען דאָ פיל בעלנים. שטייט טאקע א גרויסע שיסל מיט אש און דער שוחט איז זיי מכבד מיט דער מצווה און ברכה, ווינטשנדיק: מ׳זאָל דערלעבן איבער א יאָר און ווידער מקיים זיין די מצווה!

צו מנחה־מעריב גייט ער אין בית־המדרש, אָבער איז נישט מאריך, קומט באלד צוריק און נעמט זיך ווידער צו דער ארבעט ביים ליכט פון א לאמטערנע ביז שפּעט אין דער נאכט.

פאר יום כיפור ביינאכט איז א ליל־שימורים. דער שמש רופט דעם שוחט ער זאָל גיין שעכטן די „כפרות" ביי די חשובע בעלי בתים אין דער היים און ראשית כל ביי דעם מרא דאתרא. דער שמש מיט דער לאַמטערנע פאָלגט־נאָך דעם שוחט פון שטוב צו שטוב און ביז פארטאָג ווערט מען קוים פארטיק.

*

אלס חזן מאכט ר׳ לייב־הירש גאָר גרויסע הכנות. פון ראש חודש אלול חזרט ער יעדן אָוונט די תפילות מיט זיינע קינדער און די משוררים. יידן שטייען ביי די פענצטער, הערן־צו די הארציקע תפילות. און דאָס מתיקותדיקע געזאַנג הערט זיך איבערן גאנצן שטעטל...

די הויפט־רעפעטיציע קומט־פאָר שבת־צו־נאכט, און צו די ערשטע סליחות זענען שוין אנטגילטיק צוגעפאסט די ניגונים פאר די פארשיידענע תפילות. ערשט 12 אזייגער ביינאכט ענדיקט מען דאָס חזרן און מען גייט צו סליחות. דאָס גאנצע שטעטל איז אין בית־המדרש: מענער מיט קינדער, און אין דער ווייבערשער שול — פרויען, וואָס קומען מיט ליכטלעך צו די ערשטע סליחות.

דער חזן אין ווייסן קיטל פארציט מיטן סקארבאָוון ניגון: „הנשמה לך והגוף פעלך". אלע זענען אויפגעציטערט און פארגאַפעט. פון דער ווייבער־שול טראָגט זיך א פארשטיקט געוויין...

א גאנצע וואָך וועקט דער שמש פארטאָג צו סליחות. קלאַפט אין די פענצטער מיט א הילצערנעם האמער און רופט אין דער טויטער שטילקייט: „יידן, שטייט־אויף צו סליחות!"

אלע־אלע, קליין און גרויס, שטייען־אויף געשווינט און לויפן אין דער פינצטער איבער בלאָטעס אין בית־המדרש אריין, ווו ר׳ לייב־הירש גיסט־אויס זיין הארץ פארן עמוד.

אזוי זענען די ימים נוראים און די אנדערע יום־טובים פארקניפט און פארבונדן מיט די הארציקע תפילות פון ר׳ לייב־הירש, וואָס איז געווען א לעבעדיקער סימבאָל פון תורה און מעשים טובים אין שטעטל. איז טאַקע יעדער איינער זיכער, אז אזא שליח ציבור ווי ער, וואָס לעבט בקדושה ובטהרה, בעט אודאַי אויס א גוט־יאָר פאר אלעמען.

מיט זיין פאך אלס שוחט נעמט ער זיך גאָרנישט איבער. דער הויפט־ציל אין לעבן איז תורה און עבודת־השם. נאָר ער האָט קיין ברירה נישט און מוז זיך פארנעמען מיט שחיטה, ווי עס פאָדערט פון אים זיין פאך. און די פאָדערונג איז דווקא גרויס. אפילו אין דער צייט ווען עס ארבעט דער צווייטער שוחט און עס מאכט זיך צו שעכטן א בהמה גסה, פאָדערן די קצבים ער זאָל אויך זיין דערביי, כדי ארוסצוהעלפן אויב עס מאכט זיך א „סירכה", אויף וואָס ער איז געווען א מומחה, און אפילו ווען עס דערגייט ביז א שאלה צום רב, העלפט ער אויפצווייזן מקורות מקיל צו זיין אז די בהמה זאָל ווערן כשר.

איז אָבער שווער אָנצוקומען צום געלט שוחט. ביז האלבן טאָג דאוונט ער און לערנט און איז שטענדיק פארנומען. אמאָל וועקט מען אים אויף אין מיטן נאכט צו שעכטן א בהמה א מסוכנת, לויפט ער פייל פון בויגן שרייענדיק: אוי, יידיש געלט נעבעך...

אזוי ציט זיך די גאנצע וואָך. דער שענסטער טאָג איז שבת. די נשמה יתרה שוועבט אין אלע ווינקעלעך. דער שוחט קומט טאקע פון דאוועגען זייער שפעט. גייט ארויס דער לעצטער פון בית־המדרש. אין שטוב איז אלץ פייערלעך צוגעגרייט. דער ווייס־געדעקטער טיש איז באלויכטן מיט די שבתדיקע ליכטער.

באזונדערס שטראלט ארויס די שוחטקע ווען מ׳זאָגט „אשת חיל מי ימצא״. דאָס מיינט מען דאָך טאקע זי, די באלעבאָסטע און מאמע פון די זעקס לערנערס.

נאָכדעם קומען די זיסע זמירות און חסידישע ניגונים, וואָס מען זינגט צווישן די מאכלים ביז האלבער נאכט, און זיי הערן זיך מחיהדיק אין דער גאנצער סביבה.

✶

דער שוחט מיט דער פרוי און זון שלמה זענען געווען אין סעמיאטיטש ביי זייער זון איטשע, אויף דער רוסישער זייט. דאָ זענען זיי געזעסן ביז דעם 21־טן יוני 1940, ווען מ׳האָט זיי צוזאמען מיט אלע אנדערע פרעמדע פליטים ארויסגענומען ביינאכט פון די בעטן, געבראכט אויף דער באן־סטאציע און פארשיקט אין די וואגאָנעס ווייט־ווייט אין די וועלדער פון ארכאנגעלסקער גובערניע, ווו מ׳האָט געהאקט בוימער פאר דער רוסישער אינדוסטרי.

דער שוחט איז פארשטייט זיך איינער פון די, וואָס קענען נישט ארבעטן און קריגט נישט זיין „פאיאָק״ ברויט, אָבער די סארנאקער און סאָקאָלאָווער יידן לאָזן נישט דער משפחה הונגערן.

דער שוחט פירט זיך ווי זיין מנהג איז: דאווענט און לערנט. רופט צוזאמען אלע שבת א מניין. ווער רעדט שוין, אז עס קומט ראש השנה און יום כיפור — איז ער דער שליח ציבור, בעל תוקע און אלץ ווי עס פאָדערט זיך.

אָבער דאָס דערגייט צו דער רוסישער נאטשאלסטווע. אלס קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנער שיקט מען אריבער די משפחה אין אן אנדער אָרט, ווו קיינער קען זיי נישט.

ענדלעך באפרייט מען די יידן פון די וועלדער. סארנאקער יידן, אזוי ווי אנדערע, צופאָרן זיך אין פארשיידענע געביטן, פיל קיין גרוזיע, טאשקענט, קויבישעוו א. אנד. שטעט, אָבער קיינער טרעפט אים נישט און מען ווייס גאָרנישט פון דעם שוחטס משפחה.

דער זון פסח אין תל־אביב דערהאלט איינמאָל א בריוו פון א ייד, וואָס שרייבט אים, אז פאָרנדיק אין אן עשאַלאָן, האָט ער געהערט, אז א ייד איז געשטאָרבן. זוכנדיק אין די בגדים פון נפטר, האָט ער געפונען א בריוו מיטן אדרעס פון זיינעם א זון אין ישראל.

ער מעלדעט אים דעם יום הפטירה כדי צו זאָגן „קדיש״ און פאָרט ווייטער. וועגן דער קבורה ווייס ער גאָרנישט. אזוי ווייס מען אויך נישט ווי און ווו זענען אהינ־געקומען די פרוי און זון פון שוחט.

אזוי איז פארטיליקט געוואָרן די טייערע חשובע משפחה בראָנרויט, איינע פון מיליאָנען יידישע קרבנות, וואָס זענען אומגעבראכט געוואָרן דורך די נאצישע מערדער, השם יקום דמם.

★

דאָ ווילט זיך ארויסברענגען אייניקע ביאָגראפישע שטריכן און פאקטן וועגן דעם שוחטס קינדער אין זייער שפעטערטיקן לעבן.

דער עלטסטער זון איטשע לערנט אין שטעטל ביז דער חתונה. נישט געוואָלט זיך מפרנס זיין דערפון, קומט ער אריין אלס איידעם אין א סוחרישער משפחה נעבן שטעטל מעלניק. דערוווערבט זיך א גוטע רעפוטאציע אלס ערלעכער סוחר און עסקן. שפעטער טעטיק אין צדקה־אנשטאלטן אין סעמיאטיטש, ווו ער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים, לערנט א בלאט גמרא און שאפט געלט פאר נויטיקע צוועקן.

ווען עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה, נעמט ער אריבער צו זיך די עלטערן מיט דעם יינגסטן זון שלמה. אָבער צום סוף ווערן זיי טראנספּאָרטירט דורך די רוסן צוזאמען מיט אנדערע פליטים קיין ארכאנגעלסק, אין די אור־וועלדער פון ווייטן רוסלאנד.

איטשע מיט זיין פרוי בלייבן אין סעמיאטיטש. מאכן דורך ביי די נאציס אלע גרויזאמקייטן פון געטאָ און פארניכטונג. עד היום ווייס מען נישט קיין פּרטים וועגן זייער ביטערן אומקום.

דער צווייטער זון פסח איז דער איינציקער פון דער משפחה, וואָס בלייבט לעבן און געפינט זיך אין ישראל, אין תל־אביב.

אין די יונגע יאָרן לערנט ער אין ישיבות, אין ביאַליסטאָק און סלאָנים, קומט צוריק אהיים און לערנט ווייטער אין בית־המדרש.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג, אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אנטוויקלט זיך אין סארנאקי א נייער מסחר: מען שמוקלט סחורה איבער די שטעטלעך. אויך ער פּראָבירט זיין מזל און שטיצט די משפחה, וואָס איז געבליבן אָן פרנסה.

נאָך דער חתונה ווערט ער א שותף אין א דאמף־מיל, שאפט זיך א בעקערײ, אָבער ווען דער אנטיסעמיטיזם אין פּוילן שטארקט זיך, ליקווידירט ער אלץ און פאָרט קיין ארץ־ישראל. מאכט דורך שווערע צייטן, ארבעט אין א בעקערײ, ווו ער ווערט שפעטער א שותף, בויט א מצה־פאבריק אין ראשון־לציון, פארקויפט עס און איז אקטיוו אין פארשיידענע געשעפטן. איצט איז ער פון די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים אין תל־אביב.




ברידער איטשע און פסח בראָנרויט

פארנעמט זיך מיט וווילטעטיקע ענייגים און איז אָפטמאָל א בורר אין סכסוכים צווישן סוחרים אָדער אין פאמיליע־אָנגעלעגנהייטן.

ער האָט פיל געהאָלפן אונדזערע שטעטישע, וואָס זענען געקומען מיט דער גרויסער עליה פון פוילן און דייטשלאנד און געזאָרגט צו שאפן פאר זיי דירות און ארבעט. זיין שטוב איז שטענדיק אָפן פאר אזעלכע צוועקן, ווי אויך פאר א גמילת־חסד, אָדער סתם א טובה.

ער איז באזונדערס טעטיק אין ועד פון זאראָמבער לאנדסלייט־פאראיין, מיטגליד אין זייער גמ״ח, גבאי אין בית־המדרש. זיין טעטיקייט און מעמד אין תל־אביב רופן ארויס רעספעקט ביי אלעמען.

★

דער דריטער זון שמחה איז די קרוין פון דער פאמיליע. שוין אלס קליין יינגל מערקט מען, אז ער איז אן עילוי, א גאונישער קאָפּ. צו 16 יאָר האָט ער סמיכות אויף רבנות. לערנט טאָג און נאכט און איז קלאָר אין ש״ס און פוסקים. ער פאָרט לערנען ביים סאָקאָלאָווער רבין. דער רבי שפאצירט מיט אים און רעדט אין לימודים. „דאָס וואקסט א פרי מגדים״ — זאָגט דער רבי.

ביי אונדז לערנט ער מיטן עולם א לומדישן שיעור. דיסקוטירט אין לערנען מיט ר׳ משה גרייצער, וואָס איז דער גרעסטער למדן, און איז מנצח.

ער האָט חתונה אין ווענגראָוו, לאָמזשער גובערניע, ווו ער איז אן איידעם אויף קעסט און א שם־דבר אין דער גאנצער אומגעגנט. א מענטש מיט וויסן און פיקחות, נעמט מען אים אָפט אלס בורר אין סכסוכים און מען קומט צו אים אפילו פון ווארשע.

ווען די דייטשע רוצחים זענען אריין אין ווענגראָוו און מערדערלעך אומגעבראכט אום יום כיפור דעם רב — א זון פון סאָקאָלאָווער רבין — נעמט מען שמחה׳ן אויף זיין אָרט. ער וואָלט אודאי געשטיגן און דערגרייכט א הויכע מדרגה אין דער רבנישער וועלט, אָבער צוויי יאָר שפעטער שיקן אים די דייטשן קיין טרעבלינקע.

זיין פרוי און קינד באהאלטן זיך ביי קריסטן, אָבער דער סוד ווערט אנטפלעקט. די דייטשן נעמען זי ארויס פון באהעלטעניש אין מיטן דער גאס. ווען מען מאכט א פארזוך צוצונעמען דאָס קינד, שטעלט די מוטער א דרייסטן ווידערשטאנד און עס קומט דער גרוילעכער סוף: דער מערדער צערייסט דאָס קינד איר אין די אויגן און דערשיסט זי אויפן אָרט.

דער פערטער זון משה שטייט נישט אָפּ פונם עלטערן, לערנט טאָג און נאכט, איז א גרויסער למדן, אָבער פון נאטור א צנוע, דערווייטערט זיך פון דער עפנטלעכקייט.

א געוויסע צייט לערנט ער ביי די נאָוואָהאָראָדאָקער אין ווארשע (פראנציש־קאנער 11). זיך מפרנס זיין אלס לערנער וויל ער אויך נישט. נעמט ער זיך צו שחיטה. שעכט שוין ביי אונדז אויך בהמות. צו 18 יאָר האָט ער סמיכות אלס רב און אלס שוחט.

ער האָט חתונה אין אָסטראָלענקע מיט דער יחסנישער משפחה שווארץ פון גערער הויף און ווערט דאָרט שוחט. ווען זיינע עלטערן גייען אריבער צום ברודער קיין סעמיאטיטש, קומט ער צוריק צו אונדז קיין סארנאקי אלס שוחט אויף זיין פאָטערס פלאץ.

ער איז, ווי געזאָגט, א גרויסער צנוע, א צדיק תמים. פארמאָגט פיר גאָלדענע יינגעלעך. מאכט דורך די צרות און פיין אין געטאָ צוזאמען מיט אלע סארנאקער יידן און קומט אום צוזאמען מיט זיי אין פארניכטונגס־לאגער — ער מיט די פרוי און די פיר קינדערלעך.

דער פינפטער זון נחום שמט אויך אלס עילוי. צווערשט לערנט ער אין דער היים. אָבער אין זיין צייט זענען נישטאָ קיין בחורים אין בית־המדרש. פאָרט ער קיין אָסטראָווע צו די נאָוואָהאָראָדאָקער, נאָכדעם קיין לובלין אין דער מתיבתא פון הרב שפירא. דאָ איז ער איינער פון די בעסטע תלמידים, און אז מען שיקט אים מיט א גרופע צום גערער רבין, איז ער אויך דאָ איינער פון די אָנפירער.

ער זוכט אָבער ווייניקער התעסקות און מער תורה. פאָרט ער קיין באראנאָוויטש און לערנט ביי ר׳ אלחנן וואסערמאן צוויי יאָר. אויך דאָ איז ער איינער פון די בעסטע און פירט אָן מיט דער גאנצער חברותא.

ער קומט צוריק אהיים אנטוויקלט און באהאוונט אויך אין וועלטלעכן זין. איז טעטיק געזעלשאפטלעך־אָרטאָדאָקסיש, גרינדעט א פרומע מיידל־שול „בית יעקב", אָרגאניזירט מיט די שילעריגס פאָרשטעלונגען און אימפּרעזעס. ער איז אויך א גוטער רעדנער. די פורים־פאָרשטעלונג, וואָס ער אָרגאניזירט אין סארנאקי, האָט גרויס דערפאָלג און ברענגט נייע שילעריגס אין דער פרומער מיידל־שול. ער האָט חתונה אין יאנאָווע. ווערט דאָרט שוחט און פסקנט אויך שאלות. ווען די דייטשן פארנעמען די שטאָט און שאפן דעם געטאָ, גייט ער אוועק קעמפן אין דער פארטיזאנקע, אין די וועלדער.

קומענדיק צוריק, קען ער נישט אנטזאגן זיין עדה און ארבעט ווידער אלס שוחט.

איינמאָל טרעפן אים די דייטשן ביים שעכטן א בהמה אין א שטאל — און שיסן אים באלד אויפן אָרט.


★ ★ ★

דער פארלוירענער אדוואָקאט

איין־איינציקער אקאדעמיקער איז געווען אין סארנאקי — דער אדוואָקאט חיים נאבאָזשני. ער איז ארעסטירט געוואָרן דורך די סאָוויעטן און אנטרונען געוואָרן.

חיים נאבאָזשני איז געבוירן געוואָרן אין סארנאקי אין יאָר 1914 ביי אן אָנגעזעענער משפחה אין שטעטל. זיין פאָטער, יהושע נאבאָזשני, שטאמט פון דערבייאיקן שטעטל דראָגאָטשין ביים בוג. נאָך אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט איז ער געווען פון די בעלי השכלה, האָט באהערשט גרינטלעך די רוסישע שפּראך, געווען אן אויסגע־צייכנטער בוכהאלטער, א ציוניסטישער עסקן אין דער „מזרחי" באוועגונג. בחורווייז באקומט יהושע נאבאָזשני א פּאָסטן אין ווארשע אלס פארוואלטער פון 2 הייזער אויף דזשיקע גאס.

חתונה האָבנדיק איז יהושע נאבאָזשני אריבער קיין סארנאקי, האָט געעפנט א מאנופאקטור־געשעפט, מיט וועלכן עס פארנעמט זיך אממערסטן זיין פרוי צירל, וועלכע איז אלס שניידערין באקאנט מיט דער מאנופאקטור בראנזשע. יהושע נאבאָזשני



דער פּאָטער שיע נאבאָזשני מיט דער פאמיליע



חיים ז״ל (לינקס) מיטן ברודער אייזיק און שוועסטער יהודית

פארנעמט זיך מיט בוכהאלטעריע און פירט די יידישע ליי־און שפּאַר־קאַסע אין שטעטל פון דער גרינדונג ביז צו דער ליקווידאַציע. ער פארנעמט זיך אויך מיט שרייבן ביטעס אין רוסיש צו אלע רוסישע אמטן און געריכטן, פאַרפאַסט אויך האנדלס־קאָנטראַקטן און אָפּמאכן. ווייבער פלעגן סתם קומען צו אים ער זאָל זיי שרייבן אדרעסן ווייל „זיינע אדרעסן קומען־אָן פּינקטלעך".

איז נישט צו באַוואונדערן וואָס זייער זון חיים האָט באַקומען אַן אויסגעצייכנטע דערציאונג. נאָך אלס קינד ווייזט ער שוין אַרויס גאונישע פעאיקייטן, שמט אין דער פּוילישער פאָלקס־שול אלס דער בעסטער שילער און ענדיקט מיט די בעסטע אויס־צייכנונגען. זיין דראַנג צו לערנען ווערט פאַרגעזעצט און ער פאָרט אריבער — דער איינציקער פון אונדזער שטעטל — קיין דראָגאָטשין, אין דער רעגירונגעס־גימנאַזיע. ער ווערט אָנגענומען אין פערטן קלאַס אדאַנק זיינע אויסצייכנונגען. הגם די עלטערן האָבן נישט געקענט דאָן זיך דערלויבן אויסהאַלטן אַ קינד אין דער פרעמד, קוקט נישט חיים אויף דעם. ער איז מקיים דעם פּסוק „לחם במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן" — אבי צו לערנען.

נאָך עטלעכע חדשים ווערט ער באַוווּסט אלס דער אויסגעצייכנטער שילער אין דער גימנאַזיע און ווערט באַוואָרפן מיט פּריוואַטע לעקציעס פאַר די שילער און אַזוי פאַרדינט ער שוין אַליין אויף אויסצוהאַלטן זיך אין דער צייט פון זיין שטודיום. ביים ענדיקן די גימנאַזיע שרייבט חיים אַן אַרבעט אויף אַ תנ״ך־מאָטיוו אין פּויליש: „והיה באחרית הימים וגר זאב עם כבש". די פּראָפעסאָרן פון דער גימנאַזיע זענען אַנטציקט געוואָרן פון זיין אַרבעט, וועלכע איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אלס מוסטער קיין וואַרשע אין בילדונגס־מיניסטעריום.

ווענדנדיק זיך צו דער וואַרשעווער אוניווערזיטעט — דאַן ווען עס האָט געהערשט דער נומערוס קלאַוזוס — ווערט ער, מיט זיינע בעסטע אויסצייכנונגען, גלייך אָנגענומען אין יורידישן פאַקולטעט. שטודירנדיק יורי, באַקומט ער גלייך אַרבעט ביי אַן אַדוואָקאַט אין גריצי, פירט־אָן מיטן אַדוואָקאַטס ביוראָ און פאַרדינט שוין פאַר זיך. נאָך 4 יאָר שטודירן באַקומט ער זיין דיפּלאָם אלס אַדוואָקאַט ווייל ער האָט שוין אויך געהאַט 4 יאָר אַפּליקאַטור ביים אַדוואָקאַט.

די גאַנצע צייט פון זיין שטודיום פאַרנעמט זיך חיים מיט ציוניסטיש־רעוויזיאָ־ניסטישער אַרבעט, זייענדיק איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. קומענדיק קיין סאַרנאַקי אויף פעריען, אָרגאַניזירט ער די אַרבעט פון דער בית״ר אָרגאַניזאַציע אין שטעטל און האַלט עפנטלעכע פאָרטראַגן. זייענדיק אין גריצי, וואָס ליגט ביי וואַרשע, באַזוכט ער אָפט די נציבות בית״ר, וועלכע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט פאַרשיידענע פּאָליטישע אויפגאַבן, ווי אויך עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען.

אין 1939, נאָכדעם ווי די וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, באַקומט ער אַ ידיעה פון זיינע עלטערן, אַז זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל סאַרנאַקי און געפינען זיך אין סעמיאַטיטש, אויף דער סאָוויעטישער זייט. באַשליסט ער, צוזאַמען מיט דעם אַדוואָקאַטס פאַמיליע פון גריצי, פאַרלאָזן פּוילן און אַריבערגיין אויף דער סאָוויעטישער זאַנע צו די עלטערן. האָבן זיי אַלע אַדורכגעשמוקלט ביינאַכט די גרענעץ און אַריבער אין אַ שטעטל אויף דער סאָוויעטישער זייט. אין שטעטל ווערט ער פאַרדעכטיק ביי די סאָוויעטישע באַאַמטע מיט זיין קליידונג און עלעגאַנטן אויסזען, ווערט אַרעסטירט

אלס קאָנטר־רעוואָלוציאָנער און אָפּגעשיקט אין ביאַליסטאָקער טורמע. זיין פאָטער וועגדעט־אָן גרויסע מיטלען אין ביאַליסטאָק כדי אים צו באַפרייען, אָבער ווערט נישט צוגעלאָזט אפילו זיך זען מיטן זון.

אין חודש יוני 1940 ווערן אלע היימלאָזע פאמיליעס ארויסגעשיקט קיין רוסלאנד און די איינצלנע ארעסטירטע ווערן אוועקגעשיקט טיף קיין רוסלאנד אין די צוואנגס־לאגערן. עס זענען דאָ געוויסע קלאנגען, אז חיים איז געווען אין א לאגער צוזאמען מיט מנחם בעגין. אָבער ביז היינט איז נישט באקאנט וואָס עס איז געוואָרן מיטן גרויסן גאון, אדוואָקאט חיים נאבאָזשני.

אזוי איז פארלאָרן געגאנגען דער איינציקער גאון פון אונדזער שטעטל. ער וואָלט א ודאי געווען א גרויסע פּערזענלעכקייט אויפן יורידישן געביט. חבל על דאבדין ולא משתכחין.

★ ★ ★

דער באַליבטער בורר

א טיפּ פון אן איבערגעגעבענעם כלל־טוער איז געווען אברהם שפּירא. זיין פרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן פאר ציוניסטישער טעטיקייט און איז געווען באַליבט ביי דער באפעלקערונג אלס קולטורעלער יונגערמאן. אין פארשיידענע סכסוכים אין שטעטל פלעגט מען זיך ווענדן צו אים ער זאָל זיין בורר און פארמיטלער. זיינע קלוגע און אָביעקטיווע פשרות זענען שטענדיק געווען אָנגענומען ביי די צדדים.



אברהם שפּירא איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1901 ביי א פרומער און יחסנישער משפּחה. באקומען זיין דערציאונג האָט ער אין די חדרים און בית־המדרש און האָט געשמט אין שטעטל אלס אן עילוי. זיין וועלטלעכן וויסן האָט ער זיך דערוואָרבן לער־נענדיק אליין, נאָכזוכנדיק פארשיידענע לערן־ביכער, ווייל אין זיין צייט איז קיין שולע פאר יידן נישט געווען אין סארנאקי.

אין 1917, נאָכן אנטשטיין פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, ווערט אברהם שפּירא א טיכטיקער מיטארבעטער אויפן פּאָליטישן געביט און פירט א ברייטע אויפקלערונגס־ארבעט פארן ציו־ניסטישן געדאנק.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט זיך אָרגאניזירט דער קאָמיטעט צו פארטיילן די קליידונג און עסן, וואָס איז אָנגעקומען פון אמריקע און עס האָט זיך געעפנט א קיך, וואָס האָט יעדן טאָג געקאָכט קאקאאָ און זופּ פאר דער אָרעמער באפעלקערונג, נעמט ער אָנטייל אין קאָמיטעט.

ביים גרינדן די ערשטע יידישע שולע אין סארנאקי אין 1916, ווען עס האָט נאָך געהערשט תוהו ובוהו אין שטעטל, איז צווישן די „ביעזשענצעס", וועלכע זענען אין דער קריג־צייט פארשיקט געוואָרן פון פינסק און אומגעגנט קיין סארנאקי, געווען א געוויסער סטודענט לעאָן האָכשטיין, וועלכער האָט געוואָלט זיין אין שטעטל א לערער. איז אויך אברהם שפירא געווען אין קרייז, וואָס האָט געשאפן א שול־לאָקאל מיט אלע איינריכטונגען און ווערבירט א פופציק יידישע קינדער, וועלכע האָבן באקומען די ערשטע יידישע בילדונג אונטער דער לייטונג פון לערער האָכשטיין.

די שולע האָט עקזיסטירט צוויי און א האלב יאָר, ביז דער אנטשטייאונג פון דער פוילישער זעלבשטענדיקייט, ווען עס האָט זיך געעפנט א פוילישע שול פאר דער גאנצער באפעלקערונג.

אין 1924 טרעט אברהם שפירא אריין אין „החלוץ", וואָס האָט זיך אָרגאניזירט ביי דער התאחדות — צ. ס. פארטיי. נאָכן אדורכמאכן א קורצע הכשרה באקומט ער — דער ערשטער ביי אונדז אין שטעטל — א סערטיפיקאט און פאָרט־אָפּ מיט זיין פרוי חיה ראָזענבערג קיין ארץ־ישראל. דער קלימאט האָט זיי נישט געדינט, אָדער אפשר אנדערע סיבות האָבן געבראכט דערצו אז זיי זענען אין יאָר 1927 צוריק־געקומען קיין סארנאקי.

נאָך זיין צוריקקער אָרדנט ער זיך איין אין שטעטל אלס אָנגעשטעלטער און שרייבער אין מילן: צוערשט אין דער רוסקעווער מיל און שפּעטער אין דער שטאָטישער מיל ביי יענקל שטיינבערג. די פרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן געזעל־שאפטלעכער ארבעט.

ביזן יאָר 1939, ביים מלחמה־אויסברוך, האָט ער געהאט צוויי קינדער — א זון און א טאָכטער. די ערשטע באָמבע, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אויפן שטעטל אין דער דייטשער באָמבארדירונג, טרעפט צו אים אין הויז, ווו ער האט געוווינט ביי ארטשע אקערמאַן. אלץ איז חרוב געוואָרן, אָבער צום גליק איז קיינער פון זיין משפחה נישט געווען אין הויז.

ביים גרויסן וואנדערן אין דער מלחמה־צייט איז ביז היינט נישט באוווּסט מיט וועלכן טויט ער איז אומגעקומען דורך די נאציס און ווו ליגן זיינע ביינער. גרויס איז די אבידה, ווייל ער איז געווען זייער באליבט ביי דער גאנצער יידישער באפעלקערונג און אויך ביי די קריסטן. זיין פרוי און די צוויי קינדער געפינען זיך אין ישראל און וווינען אין רמת־גן.

★ ★ ★

דער בקי וחריף

משה גרייצער — א הויכער ייד מיט נישט קיין לאנגער באָרד און אפילו מיט נישט קיין גרויסן,ברייטן שטערן — האָט נישט געמאכט אויסערלעך דעם איינדרוק אלס א גרויסער למדן און תלמיד־חכם. אָבער באוווּסט איז ער געווען אין שטעטל מיט זיין לומדות און חריפות.

ער פלעגט ארומגיין שטענדיק און בית־המדרש לאנגע שעהן הין און צוריק, מיט קיינעם קיין וואָרט נישט רעדן. מען האָט אים קיינמאָל נישט געזען דאווענען. אָבער „געצויגן מוחות" האָט ער שטענדיק, טראָגנדיק דעם אלטן, אָפּגעקראָכענעם טלית אויף די אקסלען.

אָבער אז מען האָט זיך געווענדעט צו אים מיט עפּעס א שווערער סוגיא אָדער מיט א הארבן מהרש"א, האָט ער זיך אריינגעלאָזט אין די טיפענישן פון ים התלמוד און אין די פּוסקים, אפילו נישט באנוצט דערביי קיין גמרא, נאָר געזאָגט אזויפיל פלפול אויסנווייניק און אָנגעוויזן די מראי־מקומות פון „נודע ביהודה", „שיטה מקובצת", „פני יהושע" א. אנד. מפרשים, אין וועלכע ער איז געווען קלאָר בעל־פה. ער איז געווען ממש א עוקר־הרים און ארויסגעוויזן גרויס חריפות און בקיאות.

ווען ער פלעגט זיך אוועקזעצן ביים טיש עפּעס מיט א ספר אין האנט און אריינטיפן זיך אין אים, מיטן קאָפּ צוגעבויגן ווייל ער האָט געטראָגן ברילן מיט דיקע גלעזער אלס שארף־קורצזיכטיקער, האָבן זיך די לומדישע בחורים זיך צוגערוקט נעענטער צו אים, וועלנדיק הערן עפּעס א „חידוש" און עס פלעגט זיך אוועקציען א לאנגער שמועס און פלפול וועגן א לומדישער סוגיא, וואָס פלעגט זיך פארציען ביז האלבער נאכט. דערביי האָט ער ארויסגעוויזן ידיעות, צו וועלכע עס איז אין שטעטל נישט געווען קיין גלייכן און מען האָט אפילו געזאָגט, אז אזא בקי און חריף איז נישטאָ אין דער גאנצער לובלינער גובערניע.

משה גרייצער איז געקומען מיט זיין משפחה קיין סארנאקי אין יאָר 1915, ווען די עסטרייך־דייטשע ארמיי האָט פארנומען קאָנסטאנטינאָוו, דאָס שכנישע שטעטל, וואָס איז אינגאנצן אָפּגעברענט געוואָרן ביים צוריקצוג פון צארישן מיליטער. די משפחה האָט זיך באזעצט אונטערן שטאָט, ביים גוטבאזיצער יעקב שטיינבערג, וועלכער האָט זיי אָפּגעגעבן א וווינונג, וואָס ער אליין האָט זיך אין איר געניוטיקט.

אין די יונגע יאָרן איז ער געווען א גרויסער וואלד־סוחר, געפירט גרויסע געשעפטן מיט האָלץ. אלס איידעם פון א גרויסן גביר, האָט ער איבערגענומען דאָס גרויסע געשעפט. אָבער קיין סארנאקי איז ער געקומען בחוסר כל, באוואָרפן מיט 5 טעכטער.

זיין פרוי, אן אשת חיל, האָט זיך גענומען צום האנדל, ארומטראָגנדיק טיכער און פאטשיילעס צו פארקויפן אין די נאָנטע דערפער. אין 1918 האָט זי שוין געעפנט א מאנופאקטור געשעפט און מיט דער צייט זיך דערוואָרבן זייער א גוטן נאָמען אין דער בראנזשע. זי האָט געהאט דאָס גרעסטע מאנופאקטור געשעפט אין שטעטל און א קליין געוועלבל אין צענטער פון מארק. עס איז געווען אזוי איבערפולט מיט די גרויסע באלן סחורה, אז מען האָט ממש נישט געקענט אריינקומען, ווייל די פאמיליע האָט אויך דאָרט געוווינט.

אין די שפעטערע יאָרן האָט די פרוי אָפּגעקויפט דעם ראָגאָוון פּלאַץ, אין דער שול־גאַס, און אויסגעבויט א גרויסן מויער, זיך דאָרט איבערגעצויגן מיטן געשעפט, ווו די יונגע טעכטער זענען געווען די קויפערינס און פאַרקויפערינס.

משה גרייצער האָט נישט גענומען קיין אַקטיוון אַנטייל אין געשעפט, אָבער אויפן געלט איז ער געווען בעל־הבית. ער פלעגט שטענדיק אוועקבאָרגן געלט אלע סוחרים, וואָס האָבן זיך געניטיקט אין א גמילות־חסד, נאָר מיט דעם תנאי, אז ווען די טאָכטער וועט פאָרן קיין וואַרשע נאָך סחורה, זאָל אים דאָס געלט צוריקגעגעבן ווערן צו דער צייט.

צו מנחה און מעריב איז ער שטענדיק געווען אין בית־המדרש און האָט שטענדיק געפונען מיט וועמען צו שמועסן און לערנען און פלעגט פאַרענטפערן שווערע קושיות אין תלמוד און פוסקים. אין 1936 איז ער נפטר געוואָרן.


★ ★ ★

א שריד פון די זקני העדה

גרשון טאַנדעטער, וועלכער וווינט היינט אין קרית־מוצקין, איז א בן שמונים. זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט באמונה, זאָל ער מאריך ימים ושנים זיין.

געבוירן איז ער אין יאָר 1884 אין מעזריטש. זיין פאָטער, אייזיק טאַנדעטער, איז געווען א שוחט, א גרויסער תלמיד־חכם און איז אויפגענומען געוואָרן אלס שוחט אין שכנישן שטעטל דראָגאָטשין.

גרשון ווערט דערצויגן אין דראָגאָטשין, לערנט דאָרט אויפן ליטווישן שטייגער און ווערט אויך באַקאַנט מיט וועלטלעכע לימודים.



ער האָט חתונה געהאַט אין יאָר 1910 מיט מלכה קאָרנהענדלער און גייט איבער קיין סאַרנאַקי. אלס יונגערמאַנטשיק נאָך דער חתונה האָט ער געלערנט א שיעור גמרא מיט די בית־המדרש בחורים און פאַרנאַכט, צווישן מנחה און מעריב — א בלאַט גמרא פאַרן לומדישן עולם.

ער עפנט א מאַנופאַקטור געשעפט, נאָר גיט זיך ווייניק אָפּ מיט דעם. עס ווערט געפירט דורך זיין פרוי מלכה, וואָס איז געווען א שניידערין, באַקאַנט מיט דער מאַנופאַקטור בראַנזשע און גרשון גיט זיך אָפּ מיט ענייני ציבור.

ווערט געגרינדעט א באַנק אין שטעטל, איז ער א טעטיקער מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אַרבעט ער מיט אין יידישן קאָמיטעט, וואָס פאַרטיילט פּראָדוקטן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. נאָך דער מלחמה, די דייטשן פאַרלאָזן פוילן, עס אַנטשטייט די פּוילישע מדינה, דאַן ווערט געשאַפן א הילפס־קאָמיטעט

פון דזשאַינט. עס עפנט זיך א קיך, וואָס קאָכט פאַר דער אָרימער באַפעלקערונג. אַרבעט ער מיט אין דעם קאָמיטעט. אין 1920 גרינדעט זיך א יידישע באַנק „זשידאָווסקא ספולדזשעלניא קרעדיטאָווא", איז ער פון די ערשטע גרינדער. ער שאַפט די ערשטע טויזנט זלאָטעס — אַ הלוואה פון מיכאל ווײַמאַן פון פלאַטעראָווע און הויבט אָן פארטיילן קרעדיט פאַר די באַדערפטיקע. ער באַקומט א דערלויבעניש פון דער מאַכט צו פירן די באַנק, וואָס ווערט שפּעטער אונטערשטיצט מיט גרעסערע הלוואות פון דער צענטראַלע אין וואַרשע און לינדערט אַביסל די נויט אין שטעטל.

אין 1921 ווערט געוויילט די ערשטע יידישע קהילה אין שטעטל, ווערט ער אויסגעוויילט פון דער אגודישער ליסטע און פירט אָן מיט דער גאַנצער אַרבעט אין דער קהילה, כאָטש אָפיציעל איז געווען פּרעזעס עזריאל ראָזענבוים — ווייל ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין פּרעזעס. און אַזוי ווערט יעדע 4 יאָר געוויילט א נייע יידישע קהילה אין שטעטל און יעדע קאַדענץ ווערט גרשון טאַנדעטער אויסגעוויילט אַלס מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט געהאַט גרויס צוטרוי און פיל סימפּאַטיע צו אים. אַפילו די פּוילישע סטאַראָסטווע מיט אַלע באַאַמטע האָבן געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר אים אַדאַנק זיין אָנשטענדיקייט און אָביעקטיווער האַנדלונג.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט אַריינפירן אין פּאַרטייאישע סכסוכים. שטענדיק געזוכט טובת הכלל און עוסק געווען בצרכי ציבור באמונה.

נאָכדעם ווי די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן פאַרלאָזט ער סאַרנאַקי און מאַכט אַדורך מיט זיין פאַמיליע אַלע שבעה מדורי גיהינום.

אין 1949 קומט ער מיט זיין פרוי און 2 זין אין לאַנד אַריין, באַזעצט זיך אין עכו אין א צריף. זיין זון ווערט א בוכהאַלטער אין „מפעלי הצינורות" און דער צווייטער זון אַרבעט אויך אין דער זעלבער פאַבריק אַלס מעכאַניקער — און האַלטן אויס די עלטערן. אינצווישן שטאַרבט די פרוי, און דער עלטערער זון האַלט דעם פאָטער ביי זיך אין קרית־מוצקין.

גרשון טאַנדעטער אַלס זקן גייט נאָך אין קרית־מוצקין 3 מאָל אין טאָג אין בית־המדרש דאַווענען און לערנט אויך עטלעכע שעה אין טאָג אַ בלאַט גמרא. אַזוי זעצט ער פאָר דעם אַמאָליקן לעבנס־שטייגער און זיין געשטאַלט דינט אַלס אָן אָנדענק פון יענע צייטן.

★ ★ ★

פלייסיק געלערנט, ערלעך געהאַנדלט

דער ראַדזינער חסיד ר' מענדל זייערמאַן איז געווען נאָך פון די יונגע יאָרן א ייד מיט א הדרת פנים, א הויכער, מיט א לאַנגער, ברייטער, בלאָנדער באָרד, שטענדיק געגאַנגען אויסגעגלייכט ווי א סטרונע. מען האָט אים אַנדערש נישט גערופן אין שטעטל נאָר „דער גרויסער מענדל".

געגאַנגען איז ער אָנשטענדיק אָנגעטאָן, ווער שמועסט שבת. אויף דער זיידענער קאַפּאָטע האָט ער שטענדיק געטראָגן א שיינעם טוכענעם מאַנטל. זיין גיין און האַלטונג האָט אַרויסגערופן רעספּעקט ביי די יידישע און פּוילישע איינוווינער.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז שטענדיק געווען פּארנומען מיטן געשעפט — אין די לעצטע יאָרן מיט ארבעט — האָט ער שטענדיק אויסגעזוצט עתים לתורה. גלייך פרי האָט ער געהאט זיין סידור הלימוד. נאָכן אָפּדאַווענען „פון פאָרנט" האָט ער געלערנט א פרשה חומש מיט רש"י אין חק"ל, וואָס איז געווען צוזאמענגעשטעלט מיט תרגום, נביאים און תלמוד, נאָכדעם א פרק משניות און צום סוף א בלאט גמרא. אָפּגעפּארטיקט זיך, איז ער עוסק געווען אין געשעפט ביז א זייגער 10 און דאן איז ער אוועק אין בית־המדרש דאווענען. יעדן פארנאכט, צווישן מנחה און מעריב, האָט ער געלערנט אין בית־המדרש א בלאט גמרא מיט זיין חבר נחום אשר אָרנשטיין. נאָכן אָננעמען די תקנה פון ריש מתיבתא דלובלין צו לערנען דעם „דף היומי", איז ער געווען פון די שטענדיקע מיטלערנער.

ער איז געווען א חסידישער ייד און געפירט זיך אין אלע זיינע וועגן מיט מידת החסידות. ער איז געפאָרן איין מאָל אין יאָר, אויף ראש־השנה, צום ראדזינער רבין ר' מרדכי יוסף ליינער זצ"ל און האָט זיך געהאלטן מיט זיין קרייז ראדזינער חסידים, וואָס האָבן געטראָגן „תכלת", וועלכע זענען געווען ביי אונדז אין שטעטל אין א גאנץ קליינער צאָל, אפילו נישט קיין מנין: ר' יחזקאל טיקאָטשינסקי פון די עלטערע חסידים, יהושע טענענבוים ז"ל וויבדלו לחיים לוי יצחק ווייסמאַן, גרשון הענעך גאָלדפארב א. אנד. זיי פלעגן שטענדיק אויף ימים נוראים פאָרן צוזאמען מיט די קינדער קיין ראדזין צום רבין און נאָך דער פטירה פון ר' מרדכי יוסף — קיין ווארשע, צו זיין זון ר' שלמהלע ליינער, וואָס איז געקרוינט געוואָרן אלס רבי.

מענדל זייערמאַן איז אויך שטענדיק געווען אָן עוסק בצרכי ציבור. ער איז געווען א פאָרשטייער אין אלע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אין שטעטל. נאָך אין די יונגע יאָרן איז ער געווען פון די ערשטע דאָזאָרעס, וואָס האָבן געפירט די יידישע קהילה פון יאָר 1900 ביז 1914, זייענדיק נאָמינירט פון דער רוסישער מאכט. אויך איז ער געווען פּארוואלטונגס־מיטגליד אין דער פאָלקס־באנק, וואָס האָט עקזיסטירט ביז 1914. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די באנק ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן און ער איז ווידער געווען אין דער לייטונג.

אויך איז מענדל געווען א גרויסער מכניס אורח. זיין הויז איז געווען שטענדיק אָפן. יעדן טאָג האָבן דאָרט געגעסן וואנדערנדיקע אָרעמעלייט. אויך זיין פרוי שרה גיטעלע די צדקנית איז געגאנגען אין זיינע וועגן און קיין אָרעמאַן נישט אָפּגעזאָגט צו געבן עסן. עס האָט זיך געמאכט, אז דאָרט האָבן געגעסן 3 אָרעמעלייט פאר איין מאָל, שוין אָפּגערעדט שבת, ווען ער פלעגט שטענדיק מיטברענגען פון בית־המדרש אָן אורח צום עסן.

אין מסחר, וואָס ער האָט געפירט אלע זיינע יאָרן, האָט ער זיך באנומען ערלעך, שטענדיק אויף זיינס מוותר געווען. דאָס וואָרט, סיי ביים קויפן סיי ביים פארקויפן, איז געווען הייליק. אפילו ווען עס זענען פאָרגעקומען גרויסע פּרייזן־ענדערונגען אויף זיין שאָדן, האָט ער זיין וואָרט געהאלטן און נישט געזוכט קיין תירוצים זיך ארויסצודרייען. ער האָט זיך שטענדיק געהאלטן ביים כלל, וואָס ער האָט אויך איינגעוואָרצלט ביי זיינע קינדער, צו האנדלען ערלעך, און געגלויבט, אז אזוי גיט גאָט די ברכה. אזוי האָט ער אויסגעלעבט זיינע יאָרן מיט תורה, חסידות און ערלעכקייט און נפטר געוואָרן פון א קראנקייט אין 1932, אין עלטער פון 68 יאָר.

דער עניו ונחבא אל הכלים

אַ באַשיידענער מענטש איז געווען ר׳ אברהם שלמה זילבערשטיין, וואָס איז שטענדיק ארומגעגאנגען מיט „השתפכות הנפש״, אויסגעוויקט אין חסידות, אָפּגעזונדערט פון די ארומיקע קרייזן.

זיין פארברענגען צוויי מאָל אין טאָג, פרי און אָוונט, אין בית־המדרש ביים דאווענען און לערנען איז אויך געווען שטענדיק ביחידות. חוץ תפילה בציבור האָט ער נישט געפירט מיט קיינעם קיין זייטיקע געשפרעכן ווי אנדערע יידן האָבן זיך נוהג געווען כאפן א שמועס אין בית־המדרש וועגן וועלטלעכע ענינים. אויך האָט ער שטענדיק געלערנט ביחידות, נישט מיטגעלערנט מיט דער חברה ש״ס אָדער דף היומי, אויך נישט מיט אנדערע חברות, אָדער סתם יידן וואָס לערנען בחברותא.

ר׳ אברהם שלמה איז געווען א מיטל־געוואקסיקער. אינדערוואָכן האָט ער געטראָגן א שווארצע געהאקטע קאפּאָטע מיט א שווארץ טוכן היטל. די יארמולקע האָט באדעקט די הינטערשטע האלבע קאָפּ. זיין טונקל בערדל איז געווען אין איין זייט אביסל לענגער ווי די צווייטע, נישט שטענדיק אויסגעקעמט כדי חלילה נישט אויסצורייסן א האָר און אויב ביים גלעטן די באָרד ביי א שווערער סוגיא, האָט זיך אָפּגעריסן א האָר, האָט ער עס ארייַנגעלייגט צווישן די בלעטער פון דער גמרא.

שבת איז ר׳ אברהם שלמה געווען אָנגעטאָן בלויז סאמעט און אטלאס: א שווארצע אטלאסענע קאפּאָטע ארומגעגארטלט מיט א ברייטן גארטל, אויפן קאָפּ א סאמעטן היטל מיט א הויכער דענקע, מיטן טלית אָנגעטאָן אויף זיך, טאָמער חס־וחלילה האָט זיך פלוצלונג אָפּגעריסן דער עירוב אין שטעטל און מען קען קומען חו״ש צו א חילול שבת. אזוי איז ער אוועק אין סאַקאָלאָווער שטיבל דאווענען און אויך פארנאכט פלעגט ער דאָרט פראווען די שלוש סעודות.

מיט עניין גשמיות האָט ער זיך ווייניק פארנומען, ווייל אָנקומענדיק קיין סארנאקי אלס אן איידעם צו ר׳ משה ברוקמאן ווי אן „אברך״, א לערנער, האָט מען אים צוגעזאָגט 5 יאָר קעסט מיט א דירה — כדי ער זאָל נישט דארפן זאָרגן פאר פרנסה, נאָר עוסק זיין אין לערנען. אויך האָט מען אים אָפּגעגעבן א קאמער אין עק פון שטוב, וואָס האָט נישט געהאלטן מער ווי ד׳ על ד׳. ער האָט באקומען עסן פון שענסטן און בעסטן און האָט געקענט מיט א רואיקן קאָפּ עוסק זיין אין לערנען. און אזוי איז ער טאקע געזעסן גאנצע טעג אין בית־המדרש און געלערנט. זיין פרוי האָט זיך אביסל פארנומען מיט מסחר, צוגעהאָלפן דער מוטער טעמע לאה, וואָס האָט געפירט א שפּייז־קראָם אויף אירע אייגענע הענט, ווייל משה אָלעארניק מיט די עלטערע זין זענען געווען ס׳רוב יאָר פארנומען אין דער אָלעארניע, וואָס איז געווען שטענדיק פול מיט ארבעט, און די פרויען האָבן זיך פארנומען מיטן קלייטל ביים פארקויפן דער יידישער און קריסטלעכער קליענטור.

נאָכן ענדיקן די 5 יאָר האָט מען אים נישט אָפּגעזאָגט פון דער דירה און פון די קעסט, ווייל עס האָט דאָרט נישט געשפּילט קיין ראָלע דאָס עסן צוזאמען מיט דער גאנצער פאמיליע. אָבער א מענטש מוז דאָך זען עפּעס א תכלית פרנסה, נישט זיין שטענדיק אָנגעוויזן אויף שווער און שוויגערס קעסט. פון לערנען האָט ער זיך נישט

געוואָלט מאכן קיין פרנסה, ווייל ער האָט געזאָגט, אז די תורה איז נישט געמאכט געוואָרן זי זאָל זיין א „קרדום לחפור בו״. עס זענען דערווייל אויך אונטערגעקומען קינדערלעך. האָט ער זיך געפונען א לייכטע פרנסה.

ער אליין האָט געשטאמט פון דער שטאָט לוקאָוו, ביי שעדלעץ. זיינע עלטערן האָבן געהאט א פארטרעטונג פון היוון פון דער דעמאָלטיקער גרעסטער פירמע אין פוילן „ראקאָווטשיק״. האָט ער אויך באקומען די פארטרעטונג פון היוון אויף אונדזער סטאציע פלאטעראָווע און איז געוואָרן דער איינציקער פאָרשטייער פון דער פירמע פאר סארנאקי און סביבה. די ארבעט איז באשטאנען בלויז פון שיקן יעדן טאָג א פאָסט־קארטל צו דער פאבריק מיט א באשטעלונג פון דעם קוואנטום היוון און אויף צומאָרגנס איז שוין אָנגעקומען דער טראנספּאָרט אויף דער סטאציע און די בעלי־עגלות האָבן שוין צוגעבראכט די קעסטלעך צום שטוב און נאָכדעם איז דאָס שוין געווען די ארבעט פון די פרויען די היוון צו פארקויפן. מערסטנס האָבן געקויפט די היוון בעקערס און קרעמערס, אָבער אויך פּריוואטע מענטשן. עס איז געווען א מאָנאָפּאָל און יעדער פון דער סביבה האָט נישט געהאט קיין ברירה און געמוזט דאָרט קויפן די היוון. אָטדי לייכטע באשעפטיקונג האָט אויך נישט פארנומען פיל צייט. די פרוי האָט זיך געקענט אליין אַן עצה געבן און ר׳ אברהם שלמה האָט נאָך געהאט גענוג צייט עוסק צו זיין ווי פריער מיטן לערנען.

ער האָט געהאט 4 זין און א טאָכטער, וועלכע זענען מיט דער צייט אונטערגעוואָקסן און באקומען א טראדיציאָנעלע דערציאונג, געלערנט אין חדרים. אין דער דערציאונג האָט אויך זיין פרוי חיה רבקה גענומען אָנטייל. ווען די קינדער זענען אויפגעוואָקסן און מען האָט געדארפט זאָרגן פאר זייער תכלית, האָט שוין דער פאָטער נישט געקענט נעמען קיין גרויסן אָנטייל אין דעם.

ר׳ אברהם שלמה האָט זיך אויך געפירט לויט זיין סדר: אָפּגעהיט זיין דאווענען און לערנען, געפאָרן אויף יעדע ימים נוראים קיין סאָקאָלאָוו צום רבין, זיך אָנגעזאפּט מיט תורה און חסידות, ער איז געווען א גרויסער מקורב ביים רבין ז״ל. מען האָט אָנגע־זען דאָס עניוות, וואָס ער האָט זיך דאָרט אָנגעזאפּט און לאנגע וואָכן פלעגט ער נאָכדער־ציילן די תורות פון רבין פאר די חסידים און לומדים. קיין גרויסער פאנאטיקער איז ער נישט געווען, ער זאָל רעדן פון ווונדער און מופתים וואָס רביים באווייזן. ער איז געגאנגען מיט א שיטה, אז תורה און חסידות מיינט נאָר אז דער מענטש דארף זיין אָפּגעהיט, לערנען לשמה, אָפּהיטן מידת חסידות און דרך־ארץ, אלץ טאָן לפנים משורת הדין הן בנוגע בין אדם למקום און הן בין אדם לחברו, און צו אזא מדרגה קען יעדער מענטש דערגרייכן.

אויך האָט ער געזאָגט, אז „יפה תלמוד תורה עם דרך־ארץ״ און דערפאר האָט ער טאקע מסכים געווען ווען זיינע דריי קינדער זענען געפאָרן קיין ווארשע זיך לערנען א פאך. ער האָט דאָס גוט פארשטאנען און זיי געגעבן די מעגלעכקייטן דערצו. די ערשטע צייטן האָט ער נאָך צוגעהאָלפן זיי זאָלן זיך קענען אויסהאלטן און אדאנק דעם זענען אלע זיינע 3 זין געוואָרן גוטע פאכלייט, וואָס עס האָט זיי פיל געהאָלפן ביים עמיגרירן קיין אויסלאנד אין די שווערע צייטן, וואָס זענען אָנגעקומען אויף דער משפחה. דער פערטער זון, מאָטל ז״ל, האָט זיך געהאלטן אין די טראדיציעס פון זיין פאָטער. זייענדיק א גרויסער עילוי, איז ער געזעסן שטענדיק און געלערנט. אויף

אים האָט דער פאָטער געלייגט די גאנצע האָפנונג, אז ער וועט נאָכפאָלגן זיינע דרכים. איז ער פלוצלונג קראנק געוואָרן און געשטאָרבן אין עלטער פון 17 יאָר.

אין יאָר 1925 האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע קאָנקורענץ צווישן די הייוון פאבריקאנטן אין פוילן. די נייע פאבריק, וואָס האָט זיך געעפנט אין ווילנע, האָט אויפגעשטעלט אין אלע שטעט און שטעטלעך נייע סוחרים, וועלכע האָבן פארקאָנקורירט די אלטע סוחרים. די קאָנקורענץ האָט ביים אים אוועקגענומען דעם גרעסטן טייל פרנסה און עטלעכע שיינע יאָר האָט ער געלעבט אין דחקות. צו קיין אנדערן מסחר האָט ער זיך נישט געקענט נעמען און פון דעם האָט ער שוין נישט געקענט אויסהאלטן די משפחה. האָט ער זיך גענומען צו מלמדות, געהאט נאָר 8 גרעסערע קינדער, וואָס האָבן שוין געלערנט גמרא. זיין פרוי און די יינגסטע טאָכטער האָבן זיך פארנומען מיט מילכיקס. זיי פלעגן לויפן אין נאָנטסטן דאָרף כיבאָווע ברענגען מילך און אויך אויסארבעטן פוטער און עס פארקויפן ספּעציעל די פרומע פאמיליעס, וואָס האָבן נישט געגעסן קיין פוטער און קעז געקויפט ביי קריסטן.

אָבער אברהם שלמה האָט נישט געהאט קיין תרעומת אויפן רבש״ע. ער האָט זיך געפירט אויפן זעלבן שטייגער מיט זיין לערנען און דאווענען, אָפּגעהיט דאָס חסידות, געפאָרן יעדעס יאָר צום רבין, געזעסן און געלערנט ווי אין די אמאָליקע צייטן. ער האָט זיך אהיים געבראכט חסידישע אורחים, אָרעמעלייט פון בית־המדרש, און געגעבן זיי צו עסן און טרינקען, און זיין פרוי חיה רבקה, א צדקת, א טייערע נשמה, האָט קיינמאָל נישט געהאט קיין טענות צו איר מאן. זי פלעגט נאָך דעם מאן טרייסטן און מיט אלע עניינים זיך מיט אים באראטן כדי ארויסווייזן מער זיין חשיבות, אז ער איז נאָך א מענטש מיט א חוש פון מסחר, ער זאָל נישט ווערן געפאלן ביי זיך — נישט ווי מען פלעגט הערן ביי אנדערע פאמיליעס ווען דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט, אז די פרויען האָבן זיך באצויגן צו די מענער ווי צו בטלנים און טויגעניכטסן.

די קינדער האָבן חתונה געהאט, עמיגרירט קיין ארגענטינע און זיך דאָרט גוט איינגעאָרדנט. ער מיט דער פרוי און איינציקע טאָכטער זענען געבליבן און האָבן געפירט דאָס לעבן ביז דעם קריגס אויסברוך. ווען אלע האָבן פארלאָזט דאָס שטעטל, האָבן זיי נישט געוואָלט אוועקגיין פון דער איינגעזעסענער פרנסה און זענען געבליבן אונטער דער נאצישער הערשאפט. די טאָכטער האָט זיך אויסבאהאלטן אין דאָרף כיבאָווע ביי די קריסטן, ביי וועמען זיי פלעגן נעמען מילך די גאנצע יאָרן. נאָך דער ליקווידאציע פון סארנאקער געטאָ, ווען מען האָט אלע יידן אויסגעזידלט קיין לאָשיץ, ווען פאָטער און מוטער האָבן אדורכגעמאכט דעם וועג צו די פארניכטונגס לאַגערן, האָבן זיי געהאָפט, אז זייער איינציקע טאָכטער איז פארזיכערט דאָרט ביי די קריסטן, זי וועט זיכער איבערלעבן די מלחמה און זיך טרעפן מיט די לעבן־געבליבענע קינדער אין אויסלאנד און זיי איבערגעבן וועגן דער שווערער פּיין, וואָס די עלטערן האָבן אדורכגעמאכט ביי די נאציס ימ״ש. אָבער זי האָט געהאט זייער א טראגישן סוף. די קריסטן, וואָס האָבן איר אויסבאהאלטן, האָבן איר, נאָנט פאר דער באפרייאונג, אוועק־געלייגט אויפן שוועל פון דער טיר און מיט א האק איר אָפּגעהאקט דעם קאָפּ — לויט ווי די לעבן־געבליבענע האָבן דערציילט.

די קינדער, וואָס געפינען זיך אין ארגענטינע, וועלן קיינמאָל נישט פארגעסן זייערע טייערע עלטערן, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם צוזאמען מיט די 6 מיליאָן קרבנות און זייער טייערע, יונגע שוועסטער, וואָס איז אומגעקומען אויף אזא טראגישן אופן דורך די פוילישע מיטהעלפער.

★ ★ ★

דער בעלי־מלאכה פאָרשטייער

אונדזער שטעטל סארנאקי האָט געהאט א גרויסע צאָל בעלי־מלאכות און האנטווערקער פון פארשיידענע פאכן, אָבער קיין אָרגאניזירטע קערפערשאפט האָט נישט עקזיסטירט, ווייל דאָס זענען געווען „עמך"־יידן, האָרעפאשניקעס, וואָס האָבן נישט געוווסט מער ווי זיצן 18 שעה אין טאָג ביי זייערע ווארשטאטן, ארייננעטאָן דעם גאנצן חוש אין דער שווערער ארבעט.

דער איינציקער איבעררייס איז געווען פרי און אויפדערנאכט כדי צו לויפן אין בית־המדרש אריין דאווענען און אויך דערביי כאפן א שמועס צווישן מנחה און מעריב: וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער גרויסער וועלט? אָבער ווען ס'איז געקומען צו א קהלשן ענין אָדער אזעלכע געלעגנהייטן ווי וויילן נייע דאָזאָרעס צו דער יידישער קהילה, אָדער א נייע פארוואלטונג צו דער יידישער פאָלקס־באנק, אָדער גמילות־חסד קאסע, זענען אלע בעלי־מלאכות געווען פאראייניקט און אפילו ארייגעטראָגן זייער אייגענע וואל־ליסטע און אדורכגעפירט זייערע אייגענע קאנדידאטן.



אין אלע קהלשע און געזעלשאפטלעכע אינ־סטיטוציעס איז שטענדיק געוואָרן אויסגעוויילט אלס פאָרשטייער פון די בעלי־מלאכות ר' אליהו קליי־דערמאכער ז"ל, וואָס האָט באקומען דעם פולסטן צוטרוי.

אליהו קליידערמאכער איז געווען א ייד פון מיטעלן וווקס, מיט א שווארצער ברייטער באָרד ארום גאנצן פנים, מיט א ברייטן שטערן. געטראָגן האָט ער א שווארצן טוכענעם היטל מיט א הויכער דענקע מעשה ליטוואק, געווען קורץ געקליידעט, אָבער אין בית־המדרש ביים דאווענען געטראָגן א גארטל. אליהו קליידערמאכער — אָדער ווי מען האָט אים ביי אונדז גערופן אליה דער שניידער — האָט שוין זייענדיק אלט 28 יאָר געפירט א שניידעריי מיט ארבעטער און לערן־יינגלעך, גענייט נאָר פאר מענער, זיך גערעכנט אין שטעטל פאר א פריצישען שניידער, ווייל אממערסטען האָט ער גענייט פאר דער שטעטלדיקער אינטעליגענץ, סיי יידן סיי קריסטן, אויך פאר די ארומיקע רייכע קריסטן און פריצים.

אין יאָר 1910, ווען ער איז שוין באוואָרפן מיט קינדער, נישט קענענדיק אויסקומען מיט דער איינקונפט פון דער ארבעט, פאָרט ער אוועק קיין אמעריקע און לאָזט־איבער די גאנצע פאמיליע מיט דער האָפנונג, אז ווען ער וועט זיך ארויפ־ארבעטן, וועט ער זיי אריבערנעמען צו זיך. אָבער דאָס פאריאָגטע לעבן אין אמעריקע, דאָס שווערע ארבעטער־לעבן אין שאָפּ, דערצו אויך נישט וועלנדיק ארבעטן אום שבת, האָט אים נישט געבראכט קיין צופרידנהייט און ער קומט אין יאָר 1913 צוריק אהיים אין שטעטל צו זיין פאמיליע.

ער האָט מיטגעבראכט אביסל אָפּגעשפּאָרטע דאָלארן, קויפט א הויז אויפן שול־הויף און פארלייגט זיך צוריק זיין שניידעריי־ווארשטאט. ער ווערט אָנגעזען אין שטעטל, ווערט אויסגעוויילט אין דער פארוואלטונג פון דער יידישער ליי־און שפּאָר־קאסע, וואָס האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט עטלעכע יאָר אין שטעטל, און ארבעט אין דער פארוואלטונג ביזן יאָר 1914, ווען עס ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה, ווערט ער צוגענומען צו די „זאפּאסנע" אין דער רוסישער ארמיי און ווערט אוועקגעשיקט אויפן פראָנט.

אָבער גאָט האָט געהאָלפן, די מלחמה האָט זיך געענדיקט און ער קומט אהיים בשלום און נעמט זיך צוריק צו זיין ארבעט. די קאָניונקטור נאָכן קריג איז שוין געווען א גאנץ אנדערע. ער איז שטענדיק געווען באוואָרפן מיט ארבעט און מען האָט געדארפט ווארטן מאָנאטן ביז מען איז אָנגעקומען צו אים מיט אן אָנצוג אָדער מיט א מאנטל.

דאָך פארפעלט ער קיינמאָל נישט יעדן פרימאָרגן לויפן מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם אין בית־המדרש אריין דאווענען, און דערביי הערן וואָס עס טוט זיך אין די קהלשע עניינים. אויך פארנאכט, צו מנחה ומעריב, פעלט ער קיינמאָל נישט און זיצט ביים טיש ווו מען לערנט משניות, לערנט־מיט מיט דער חברה ביז מען ענדיקט דאָס לערנען און מען דאווענט מעריב. אָבער ווען עס געפינט זיך אין בית־המדרש א מגיד, א בעל־דרשן, ווארט ער שוין ביזן פארענדיקן די דרשה און שטעלט זיך אוועק ביי דער טיר מיט נאָך א ייד און לאָזט קיינעם נישט ארויס ביז מען איז נישט מנדב פארן הערן די דרשה כדי דער בעל־דרשן זאָל באקומען דאָס געזאמלטע געלט.

אין יאָר 1921 ווערט צוריק געגרינדעט אין שטעטל די ליי־און שפּאָר־קאסע, ווערט ער ווידער אויסגעוויילט אין דער פארוואלטונג און נעמט אן אקטיוון אָנטייל אין דער ארבעט, פארטיידיקט די בעלי־מלאכהשע אינטערעסן ביים פארטיילן די הלוואות. אָבער עס זענען אויך געווען פאלן ווען עס איז געווען א גרונט אָפּצוזאָגן א ביטע פון א בעל־מלאכה, וואָס האָט נישט געצאָלט פּינקטלעך די ראטעס פון זיין פריערדיקער הלוואה, האָט ער געשטימט צוזאמען מיט אלע און נישט באשטעטיקט די הלוואה פון באנק.

אין אָטדער צייט באקומט די יידישע באפעלקערונג רעכט צו ווילן יידישע קערפּערשאפטן אָנצופירן מיט די רעליגיעזע אינטערעסן, קומען פאָר אין שטעטל געהיימע וואלן צו א יידישער קהילה פארוואלטונג, ווערט אליהו קליידערמאכער אויסגעוויילט פון דער בעל־מלאכהשער ליסטע און פירט ווייטער זיין פארטיידיקונגס־קאמף פאר די בעלי־מלאכהשע עניינים.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע שריפה אין יאָר 1928, דער שול־הויף ווערט אָפּגעברענט און עס בלייבן בערך 50 פאַמיליעס אָן א דאך איבערן קאָפּ, ווערט געשאפן א הילפס־קאָמיטעט פון 10 פערזאָן, ווערט ער אויך אויסגעוויילט אין דעם קאָמיטעט און פארנעמט זיך ערנסט מיט דער אויפגאבע צו באזאָרגן הילף פאר די אָפּגעברענטע כדי זיי זאָלן זיך קענען צוריקאויפבויען א דאך איבערן קאָפּ.

אין די יאָרן, ווען ער איז געווען טעטיק אין דער יידישער קהילה, איז פאָרגעקומען די גרויסע מחלוקת צווישן רב און מורה־הוראה. שטעלט ער זיך אין קאמף פארעקשנט אויף דער זייט פון שטעטלדיקן רב, קעמפט מיטן קעגנערישן צד ביי יעדער געלעגנהייט ביז די מחלוקת פארענדיקט זיך לטובת דעם רב.

אזוי האָט מען שטענדיק געזען ווי אליהו קליידערמאכער האָט גענומען אן אקטיווען אָנטייל אין די קהלשע אָנגעלעגנהייטן, געווען א עוסק בצרכי ציבור באמונה, געקעמפט פאר יושר און גערעכטיקייט, געווען געשעצט ביי דער יידישער ווי אויך ביי דער קריסטלעכער באפעלקערונג.

אין יאָר 1939, ווען עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־קריג און מען באקומט ידיעות, אז די דייטשן וועלן באזעצן דאָס שטעטל, פארלאָזט ער מיט זיין פאמיליע כ׳ יך ווי נאָך הונדערטער פאמיליעס טוען, קומט־אָן אין נאָנטן שטעטל סעמיאטיטש און ווערט אויך ווי אלע „ביעזשענצעס" פארשיקט טיף אין רוסלאנד. ער מאכט דורך דאָס וואנדער־לעבן מיט אלע סארנאקער יידן. נאָך דער מלחמה קומט ער מיט דער פאמיליע צוריק קיין פוילן, קיין נידער־שלעזיע, און פון דאָרט קיין דייטשלאנד. אין יאָר 1949, נאָכן אנטשטיין פון דער יידישער מדינה, קומט ער מיט זיין פרוי און טאָכטער, און באזעצט זיך אין כפר־סבא. נאָך א קורצער צייט שטארבט זיין יינגסטע טאָכטער און פון גרויס צער הויכט ער אויס זיין נשמה.

זאָל זיין נאָמען ווערן דערמאָנט צווישן אלע טייערע יידישע כלל־טוער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע בעסטע יאָרן לטובת הכלל און געקעמפט פאר יושר און גערעכטיקייט.

★ ★ ★

סתם א בעל־הביתישער ייד

פאראן יידן, וואָס האָבן פיינט זיך צו שטופן אויבנאָן. זיי געהערן צו די בעל־הביתישע מענטשן, וואָס פירן זייער מסחר אָדער מלאכה באשיידן, דאווענען און לערנען ווי אלע יידן אין שטעטל, דערציען אויך זייערע קינדער מיט דער שטרעבונג זיי זאָלן אויסוואקסן לומדים, שיינע יידן, אויך נעמען זיי איידעמס פאר זייערע טעכטער לומדישע יונגעלייט פון שיינעם ייחוס. זיי האָבן פיינט זיך צופיל אריינמישן אין די קהלשע ענייִנים, ווילן נישט ווערן קיין ראשי קהל און רעדל־פירער, יאָגן זיך נישט נאָך כבוד און זענען באליבט פאר זייער באשיידנקייט און פארן ארויסהעלפן א צווייטן אין זיין נויט.

די אלע מעלות האָט מען געקענט געפינען ביי ר׳ משה ברוקמאן ז״ל, אָדער ווי מען האָט אים גערופן משה אייזשע ניסנס, אויך משה אָלעארניק, וועלכער האָט געוווינט אין סאמע צענטער פון דער גאס, אין דעם פּאַדוואָינעם הויז מיט זיסקינד טיקאָטשינסקי עה״ש, מיט די צוויי פּראָנט־געשעפטן אינמיטן, וואָס האָבן געהערט צו דיביידע שכנים, און דירות צו וווינען דערביי.

ר׳ משה האָט געשטאמט פון סארנאקי, א ייד פון מיטעלן וווקס, מיט א ברייטער נישט לאנגער באָרד, איז שטענדיק געווען פארנומען מיט זיינע געשעפטן און ארבעט. זיין הויפּט פרנסה איז געווען די אָלעארניע, וואָס האָט זיך געפונען אויפן הויף, אין א גרויסער הילצערנער שאָפּע, אָן א פּאָדלאָגע, ווו עס זענען געווען איינגעאָרדנט די וואלצן צו מאָלן די אייל קערנער ווי ליען, זשעפּאַק, מאָן א. אנד. אין די זייטן זענען געווען גרויסע הילצערנע פּרעסן פון דיקע קלעצער מיט שרויפן פון האָלץ ארויסצו־קוועטשן דעם אייל, וועלכער איז פריער געוואָרן אדורכגעריבן מיט א קיילעכדיקן שטיין און דערנאָך געוואַרעמט אויפן פייער אין א קעסעלע און פון דאָרט אין פּרעס אריין.

דערביי זענען געווען באשעפטיקט 3 ביז 4 פּערזאָן מיט 2 פערד. די ארבעט איז געווען א גאנץ שווערע און מען האָט צייטנווייז געארבעט פון פארטאָגס ביז שפּעט אין דער נאכט אריין. חוץ דעם האָט נאָך ר׳ משה אין די יינגערע יאָרן צוגעהאנדלט מיט האָלץ, צוגעשטעלט מאטעריאל און ברענהאָלץ.

מען האָט נישט געשאצט ר׳ משה אָלעארניק פאר קיין גרויסן גביר אין שטעטל, ווייל אז א מענטש ארבעט אליין און נעמט אויך צייטנווייז די קינדער צוהילף, מען לעבט פון יגיעת כפיים, קען מען נישט ווערן קיין גביר. אָבער מען האָט אים גערעכנט פון די בעל־הביתישע יידן, וואָס האָבן געפירט א שיין ברייט לעבן אין יענע צייטן און אויך אנדערע האָבן א דאנק אים געהאט פרנסה.

ער האָט געהאט 4 זין און 2 טעכטער. די קינדער האָט ער געשיקט אין די בעסטע חדרים, צו גוטע מלמדים. ווען זיי זענען ארויס פון די חדרים, זענען זיי געוואָרן בית־המדרש בחורים. דער עלטערער זון יענקל ז״ל האָט געלערנט ביז דער חתונה אין בית־המדרש. אויך יבל״ח דער מיטעלער זון מנחם מענדל איז געווען פון די לומדים אין שטעטל. דער טאטע און אויך די מאמע טעמע לאה עה״ש האָבן געשעפּט פיל נחת פון די לערנערס. אויך זייערע זין וואָווע און אייזיק האָבן געלערנט אין די חדרים, אָבער נאָכדעם האָבן זיי זיך גענומען צו ארבעט און מסחר.

זייער הויז איז געווען א בית־ועד פאר סוחרים. שטענדיק אין די אָוונטן האָט מען דאָרטן געקענט טרעפן יידן סוחרים דאָרפס־גייער, וואָס האָבן צוגעשטעלט די תבואות אָדער געקומען קויפן די מאַקוכעס, אויך אייל־סוחרים — קויפן אייל. מען איז געזעסן, זיך אויסגעחשבונט און דערביי געטרונקען א גלעזל טיי. יעדער איז געוואָרן ערליידיקט על צד היותר טוב און נאָכדעם האָט מען געשמועסט פון וועלטלעכע זאכן. עס איז געווען א ווארעם הויז פאר יעדן.

פאר דער טאָכטער חיה רבקה האָט ר׳ משה געגומען דעם איידעם אברהם שלמה זילבערשטיין, וועלכער איז ביי אים געווען יאָרן אויף קעסט און געזעסן יומם ולילה אין בית־המדרש און געלערנט.

הגם ר׳ משה איז שטענדיק געווען פאַרנומען, האָט ער נישט פאַרפעלט קיין טאָג צו לויפן אין בית־המדרש פאַרטאָגס דאווענען בציבור. אָפּטמאָל, ווען די ארבעט איז נישט געווען דרינגענד, האָט ער קיין מנחה ומעריב אויך נישט פאַרפעלט און פלעגט קומען אין בית־המדרש זיך זען מיט מענטשן און הערן עפּעס וועלטלעכע נייעס.

אין די יאָרן 1908 ביז 1913 איז ר׳ משה געווען דער גבאי פון חברה קדישא. ער האָט געמוזט האלטן דאָס גבאות 5 יאָר, ווייל זייט די חברה האָט עקזיסטירט אין שטעטל האָט מען נישט געהאַט אזא גבאי. ער האָט אויסגעפירט אלע תקנות פון דער חברה. יעדן ערב יום כיפור האָט ער אָנגעגרייט לעקעך און בראָנפן פאַרן גאנצן שטעטל; אלע בעלי־בתים זענען געקומען זיך ווינטשן מיט דעם גבאי עס זאָל שוין זיין „בלע המוות לנצח" און דערביי מאכן א„לחיים". אזוי איז געווען דער מנהג מקדמת דנא. עס איז געווען א תקנה, אז ערב ר״ח שבט האָט די גאנצע חברה קדישא געפאַסט און מען איז געקומען צו מנחה אין בית־המדרש, מען האָט געלייענט „ויחל", געדאווענט מעריב, און אלע האָבן זיך אוועקגעלאָזט צום גבאי אין הויז, ווו עס איז שוין געווען צוגעגרייט א סעודה כיד המלך — פיש און פלייש, ווארעמע בולקעס און שתיה כדת אומבאגרענעצט, און נאָך באקומען פאַרציעס אהיים. דאָס האָט באטראָפן פיל געלט, האָט דער גבאי נישט געלייגט קיין אכט און אויסגעבאָרגט פון זיין געלט, ווייל די קאסע איז געווען ליידיק, און פארשריבן דעם חוב אין פנקס פון דער חברה.

אָבער עס זענען נישט געווען קיין מיטלען צו באצאָלן די חובות. קיין גבירים זענען נישט געשטאָרבן און אז עס האָט זיך געמאכט א נפטר אן אָרעמאַן, האָט מען גענומען א קנאפּע פאָר זלאָטעס, וואָס עס האָט קוים געקלעקט צו געבן די חברה א טרונק בראָנפן נאָך דער לוויה. אזוי האָט זיך נישט געפונען ווער עס זאָל איבערנעמען די גבאות, אָפּצאָלן דעם חוב און אויסקויפן דעם פנקס ביים גבאי. דעריבער האָט ער זיך געמוזט האלטן יאָרן־לאנג מיט דער גבאות.

אין יאָר 1910 ווערט ער אויך אויסגעוויילט אין דער פאַרוואלטונג פון דער ליי־און שפּאָר־קאסע, ווו ער ארבעט־מיט ענערגיש. צוויי מאָל א וואָך, זונטיק און מיטוואָך, פלעגט ער אמטירן אין די אָוונטן ביים ארויסגעבן און ארייננעמען געלטער, אויך יעדן מוצ״ש פלעגט ער זיין ביי דער זיצונג פון באשטעטיקן הלוואות.

שבת האָבן ביי אים אין הויז געדאווענט עטלעכע מניינים יידן — ארומיקע שכנים און באקאנטע, הגם עס איז דאָרט נישט געווען פיל פּלאַץ, ווייל דער גרויסער צימער איז שטענדיק געווען פארלייגט מיט זעק תבואה ביז אין דער סטעליע אריין.

עס איז קוים געווען א קליין סטעזשקעלע אדורכצוגיין צום צימער ווו מען האָט געדאווענט, ווו עס איז געשטאנען דער ארון קודש מיט דעם ספר. אָבער די מתפללים האָבן זיך דאָרט געפילט גוט, זייער באקוועם אין א ווארעמער סביבה. פיל מאָל האָט מען געמאכט א קדושה רבה נאָכן דאווענען און געטרונקען „לחיים". הגם ר' משה איז געווען א סאָקאָלאָווער חסיד און געפאָרן צום סאָקאָלאָווער רבין, האָט ער זיך נישט געוואָלט שטופן צווישן די חסידים און געדאווענט מיט „עמך"־יידן ביי זיך אין שטוב.

זיין פרוי טעמע לאה עה"ש, אן אשה צדקנית, איז געווען שטענדיק פארנומען מיטן געוועלבל, וואָס זי האָט געפירט מיט דער מיטהילף פון דער טאָכטער, ווייל זי האָט נישט געוואָלט אָפּרייסן די זין פון לערנען כדי זיי זאָלן איר העלפן. זי האָט שטענדיק געטאָן צדקה, געווען א גרויסע מכניס אורחטע. אָרעמעלייט האָבן זיך שטענדיק געפונען ביי איר טיש צום עסן, ווער ס'איז אריין הונגעריק איז ארויס זאט. אויך האָט זי שטענדיק געטיילט מתן בסתר פון די געוועלב־פּראָדוקטן פאר אירע היימישע נצרכים.

מאן און פרוי זענען ביידע נפטר געוואָרן אין סארנאקי אין די עלטערע יאָרן, נקבר געוואָרן אויפן שטאָטישן בית־עלמין. דאָס גאנצע שטעטל האָט זיך באטייליקט אין די לוויות און נאָכגעזאָגט די גרעסטע שבחים, אז דאָס זענען געווען מענטשן מיט טייערע נשמות, שטענדיק גרייט געווען צו העלפן יעדן נויטבאדערפטיקן. יהי זכרם ברוך.

★ ★ ★

א קרעמער מיט א ווארעם הארץ

די קראָם פון וואָלפקע מאָנטשאזש האָט זיך אונטערשיידעט פון אלע אנדערע קראָמען אין שטעטל מיט דעם וואָס אלע קונים זענען דאָ געווען נאָר יידן, מערסטנס בעלי־מלאכות, דאָרפס־גייער און אָרעמע „עמך"־לייט פון שולהויף, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געהאט קיין מזומן געלט צו קויפן די נויטיקע לעבנס־מיטל פּראָדוקטן. אין קיין אנדערע קראָמען האָבן זיי נישט געהאט די דרייסטקייט צו בעטן קרעדיט און מען וואָלט זיי אפשר דאָרט נישט געטרויט אָן געלט.

ביי וואָלפקען האָט יעדער איינער געהאט א פרייען צוטריט צו קויפן אפילו ווען ער האָט נישט געהאט קיין געלט. ווען וואָלפקע האָט שוין געמאכט דעם חשבון צו באצאָלן, האָט מען נאָר געזאָגט: — ר' וואָלפקע, זייט אזוי גוט און פארשרייבט! האָט ער געמאכט א פריינטלעכן שמייכל און געענטפערט: — גייט געזונטערהייט, איך וועל שוין צושרייבן צום חשבון! ער האָט אזוי געטאָן אפילו וויסנדיק, אז יענער איז שוין שולדיק פון א לענגערער צייט א שיינע פּאָר זלאָטעס.

וואָלפקע איז געווען א ייד מיט רחמנות, מיט א ווארעם הארץ. ער האָט געקענט אלע זיינע קונים, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט קיין געלט, קויפן שטענדיק אויף באָרג, דאָך ווערט ביי זיי דאָס געלט נישט פארלוירן: ווען זיי קומען צו עפּעס, טראָגן זיי אים באלד אריין אויפן חוב.

זיין קראָם סחורה איז געווען א „כל־בו" פון אלע לעבנס־מיטל פּראָדוקטן, בשמים, נעגעלעך און זאפערן, דזשעגעכטס, טערפּענטין א. ד. גל. אויך כל מיני שוסטער־

און שניידער־צודאטן. קיין שום בעל־מלאכה אין שטעטל האָט נישט געקענט פירן זיין ווארשטאט נישט אָנקומענדיק צו וואָלפקעס קראָם. אזוי איז די קראָם שטענדיק געווען פול מיט קונים — ווייבער, מענער, לערן־יינגלעך פון די ווארשטאטן. פון פרימאָרגן ביז שפעט אין אָוונט האָט זיך וואָלפקע און זיין פרוי מרים פארנומען מיטן באדינען די קונים, יעדן באהאנדלט מיטן זעלבן פריינטלעכן שמייכל אויפן פנים — סיי ווער ס׳האָט געקויפט פאר מזומן און סיי אויף קרעדיט, סיי די קניה איז געווען פאר עטלעכע זלאָטעס און סיי פלעקלעך פאר עטלעכע גראָשן, — אלע זענען געווען צופרידן פון דער אָרנטלעכער באנעמונג צו די קונים און מען האָט געהאט צו זיי דעם גרעסטן צוטרוי.

★

דאָנערשטיק אָוונט, ווען מען איז שוין ארייננעקומען אין שטוב נאָכן שווערן טאָג ארבעט, האָט זיך וואָלפקע מיט זיין פרוי אוועקגעזעצט און גענומען זיך דערמאָנען וועלכע קונים זענען נישט געקומען איינקויפן אויף שבת, — ביז מען האָט זיך דערמאָנט אין עטלעכע נצרכים, וועלכע האָבן זיך שוין געשעמט קומען קויפן, ווייל זיי האָבן שוין לאנג נישט רעגולירט זייערע חובות.

מרים זיין פרוי האָט זיך גענומען פרייטיק גאנץ פרי איינפאקן פעקלעך פון נויטיקע פראָדוקטן אויף שבת, אויך האָט זי צוגעלייגט פון איר געבעקס — ברויט, חלות, קוכן, וואָס זי האָט געבאקן פאר דער שטוב, און מיט די טעכטער האָט זי אוועקגעשיקט די פעקלעך צו די נויטבאדערפטיקע. זי האָט שטרענג אָנגעזאָגט די קינדער זיי זאָלן חס־ושלום נישט אויסזאָגן צו וועמען זיי ברענגען, און אויך אריינטראָגן די פעקלעך אז קיינער זאָל נישט באמערקן — כדי נישט צו פארשעמען פאר מענטשן, עס זאָל זיין „מתן בסתר". ווייל אויב מען ווייס, איז די מצווה קיין מצווה נישט, נאָר חלילה אן עבירה. דערפאר האָט מען איר טאקע אין שטעטל גערופן „מרים די צדקנית".

★

ר׳ וואָלפקע — אן איינפאכער „עמך"־ייד, מיט א ברייטער נישט לאנגער באָרד, באשיידן געקליידעט, מיט א שווארץ טוכן היטל מיט א ברייטער דענקע, א צייגן כאלאטל, א פאָר שטיוול פון פראָסטן לעדער — איז געגאנגען יעדן טאָג מיט דער השכמה אין דער פינצטער אין בית־המדרש אריין. פארן דאווענען האָט ער אריינגעכאפט א „יום תהלים". אָפּגעדאווענט מיטן ערשטן מנין, האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט כאַפּן עפּעס א שמועס וועגן אָרטיקע ענינים, נאָר שנעל געלאָפן אהיים עפענען די קראָם, ווייל די קונים האָבן שוין דאָרט געוואַרט: בעלי־מלאכות האָבן שוין געשיקט זייערע לערן־יינגלעך איינקויפן צודאטן צו דער ארבעט; ווייבער האָבן געדאַרפט קויפן פאר עטלעכע גראָשן שמאלץ, גריץ אָפּצוקאָכן אביסל ווארעמס פאר די מענער, וועלכע דארפן לויפן אויפן דאָרף.

פארנאכט צו מנחה ומעריב איז ער אויך געלאָפן יעדן טאָג אין בית־המדרש אריין. נאָך מנחה זיך צוגעהערט צו א מגיד, אָדער זיך צוגעזעצט צו א טיש הערן ווי מען לערנט א פרק עין־יעקב, אָדער אריינכאפּן א בלאט גמרא, נישט אוועק ביז

מען האָט געדאווענט מעריב. זיין פרוי מרים איז געווען אליין אין קראָם, זיך געעסקט מיט די קונים, קיינמאָל נישט פאָרגעוואָרפן דעם מאן, וואָס איז אזוי לאנג געזעסן אין בית־המדרש.

ס׳פלעגט אָפטער טרעפן, אז זייענדיק אין בית־המדרש האָט זיך ר׳ וואָלפקע פארשאפט אן אָרעמאן מיטצונעמען אהיים אויף נאכטמאָל און קומענדיק מיטן אורח, האָט ער שוין געטראָפן אין שטוב זיצן ביים טיש אן אנדער אָרעמאן, וואָס זיין פרוי האָט באשטעלט צום עסן. זעענדיק ווי דער מאן בלייבט אין א פארלעגנהייט, האָט מרים גלייך אויסגערופן: — גאנץ גוט, וואָלפקע! ווי ס׳וועט זיין פאר איינעם, וועט זיין פאר צוויי; קיינער וועט נישט בלייבן הונגעריק!

שבת פלעגט זיך וואָלפקע אויספוצן אין שבתדיקע קליידער און גיין דאווענען אין סאָקאָלאָווער שטיבל. זייענדיק א סאָקאָלאָווער חסיד, איז ער אָפטער געפאָרן קיין סאָקאָלאָוו צום רבין. דאָס חסידים־שטיבל האָט זיך געפונען ביי זיין מחותן ר׳ הירש לייזער חרל״פ, א הייסער סאָקאָלאָווער חסיד.

מרים פלעגט אויך יעדן שבת גיין אין בית־המדרש אריין. אין דער ווייבער־שול פלעגט זי צוזאמענעמען א גרופע ווייבער און פאָרלייענען פאר זיי די תחינות, פירן מיט זיי דאָס שבתדיקע דאווענען. אז ס׳זענען געקומען די ימים נוראים, האָט זי געהאט ארום זיך א גאנץ קרענצל ווייבער, וועלכע האָבן נישט געקענט אליין דאווענען, האָט זי פאר זיי פאָרגעדאווענט און פאָרגעלייענט די תחינות און תפילות. יעדן פרייטיק פארנאכט, גלייך נאָכן שול רופן, האָט זי זיך אָנגעטאָן שבתדיק, מיט א שייטל אויפן קאָפּ און א ווייס פארטוכל, און גענומען בענטשן די שבת־ליכט, האלטנדיק פארמאכט די אויגן. דאן, מיט א פריילעכקייט פון ליבן שבת־קודש, יעדן באגריסט: „גוט שבת״. מען האָט שוין געשפירט אין שטוב די ריחות פון די שבתדיקע מאכלים, און די טראדיציאָנעלע הייליקע אטמאָספער פון די „מלאכי השרת״, וואָס פלעגן באגלייטן דעם בעל־הבית קומענדיק פון שול.

★

ווען עס איז געווען עפעס א מעגלעכקייט צו טאָן א מצווה און אימעצן העלפן, האָט ר׳ וואָלפקע ארויסגעוויזן אקטיוויטעט. אין שטעטל איז געווען א „יידישע ליי־און שפאָר־קאַסע״, געגרינדעט אין יאָר 1907, וועלכע איז געווען טעטיק ביזן מלחמה־אויסברוך אין יאָר 1914. איז ר׳ וואָלפקע געווען אן אקטיווער מיטגליד אין דער פארוואלטונג, געזעסן 3 מאָל אין וואָך אין די אָוונטן ביים ארויסגעבן און אריינעמען געלט. יעדעס יאָר איז ער געוואָרן ווידער אויסגעוויילט דורך אלע מיטגלידער פאר זיין ערלעכער און איבערגעגעבענער ארבעט לטובת הכלל.

עס האָט זיך געמאכט, אז אן אָרעמער בעל־מלאכה האָט געוואָלט באקומען א הלוואה אין באנק און האָט נישט געהאט קיין זשיראנטן, אזוי אז ס׳האָט געהאלטן מען זאָל אים די הלוואה אָפזאָגן, האָט וואָלפקע גענומען אויף זיך די פאראנטוואָרט־לעכקייט און זשירירט כדי יענער זאָל באקומען די עטלעכע הונדערט רובל און זיך קענען ארויסראטעווען פון דער שלעכטער לאגע.

ווען מען האָט פאר פארשיידענע חובות ליציטירט הירש מיכאלס מויער און עס האָט געהאלטן דערביי אז דער מויער זאָל אריינפאלן אין גויישע הענט, איז ער

געווען דער איניציאטאָר פון א פאָרשלאָג, אז די יידישע ליי־קאַסע זאָל אָפּקויפן דעם מויער און פארקויפן די דירות צו די לאָקאטארן, וועלכע האָבן נישט קיין מעגלעכקייטן עס צו קויפן במזומן. און אזוי איז טאקע געוואָרן. די קאַסע האָט דעם מויער אָפּגעקויפט און אָפּגעגעבן די דירות פארן קרן־פּרייז. דאָס האָט נאָך מער פארשטארקט דעם צוטרוי צום ערלעכן כלל־טוער, וואָס האָט דערמעגלעכט פיל פאמיליעס בלייבן אויף זייער נחלה.

די משפחה, וואָס איז באשטאנען פון 8 פּערזאָן, האָט געוווינט אין אן ענגער דירה. דאָך האָט דאָרט געהאט א חזקה צו שטיין 3 מאָל אין יאָר, צו עטלעכע וואָכן, א ייד א מוכר ספרים, וואָס פלעגט זיך אריינקלויבן מיט זיינע פּעק און זיך צעלייגן מיט זיין סחורה, וואָס איז באשטאנען פון ספרים, מחזורים, תחינות, מעשה ביכלעך, הבדלות, בשמים ביקסלעך, טליתים, תפילין, מזוזות און אנדערע תשמישי קדושה. ער פלעגט עסן און שלאָפן דאָרט 3 וואָכן, ביז ער האָט פארקויפט אין בית־המדרש די סחורה און געפאָרן ווייטער. מען האָט אים דאָרט קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט און אים אויפגענומען בסבר פנים יפות. איז ער טאקע אין עטלעכע מאָנאטן ארום ווידער געקומען.

ווען די קינדער זענען אויפגעוואקסן און פלעגן האָבן טענות צו דער מוטער הלמאי זי לאָזט עס ווען עס איז אזוי אויך זייער ענג אין שטוב, האָט זי געטענהט: — קינדערלעך, איר ווייסט דאָך וואָס פאר אן אביון דער ייד איז. ער האט א פאמיליע מיט 7 קינדער. מען זאָל נישט וויסן דעם טעם פון זיין ליידן, נעבעך. איר דארפט וויסן, קינדערלעך, אז מען מוז אזא אָרעמען ייד אנטקעגן קומען אין א נויט. עס איז א גרויסע מצווה הכנסת אורחים. דערפאר וועט גאָט העלפן, אז מיינע קינדער זאָלן נישט דארפן אָנקומען צו יענעם.

★

אין די טעג פון שווערער ארבעט אין קראָם האָבן די עלטערן נישט געפאָדערט פון די יינגלעך צוהעלפן, כדי נישט אוועקרייסן זיי פון לערנען. דער עלטסטער זון אהרן שלמה ז״ל, וועלכער איז שוין געווען א בחור, וואָס האָט געלערנט אין בית־המדרש יעדן טאָג, האָט זיך אויך פארנומען מיט לערנען וועלטלעכע לימודים און פרעמדע שפּראכן. אויך האָט ער געלייענט יידישע ליטעראטור, — האָבן אים די עלטערן נישט געוואָלט שטערן. אויך די אנדערע 2 יינגלעך, אייזיק און גרשון, זענען געווען שטענדיק באשעפטיקט און זיך פארנומען מיט לערנען און לייענען ביכער, — האָט מען זיי אויך נישט געקענט צונעמען אין קראָם צו דער ארבעט.

דאקעגן די מיידלעך פון שטוב פלעגן יאָ צוהעלפן אין קראָם אין די טעג פון א גרעסערן פארקער פון קונים, אָדער אין א יאריד טאָג, אויך פאר די גויישע חגאות.

דעריבער איז די משפחה מאָנטשאזש געווען פון די מוסטערהאפטע אין שטעטל. מען האָט גערעדט וועגן דער משפחה מיט גרויס רעספּעקט. עס איז געווען א פאמיליע פון פאָלקסטימלעכע מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט און געהאנדלט מיט יושר און צדק סיי פאר גאָט סיי פאר לייט.

זייער זון אייזיק און די טאָכטער אסתר זענען אוועק קיין ישראל אלס חלוצים אין די 30־ער יאָרן, — די איינציקע פון דער משפחה, וועלכע זענען ניצול געוואָרן.

★ ★ ★

פריילעכע נשמות

דאָס וואָכעדיקע לעבן ביי אונדז אין שטעטל איז שטענדיק געווען פארצויגן מיט א מרה שחורה. ארייננקוקנדיק אין די פנימער פון די האַרעפּאשנע יידישע פאראומעטיקטע מענטשן, וואָס פלעגן איבערטראָגן א בארג פון ייסורים, צרות, קרענק און פארשיידענע דאגות פרנסה, האָט מען גלייך געזען, אז עס שיינט זיי נישט די ליכטיקע זון. אפילו ווען עס איז געוואָרן יום־טובדיק, מחיהדיק אויף דער נשמה און מענטשן האָבן זיך געפילט ווי ניי געבוירן אין גאַטס וועלטל, האָבן זיך באלד אָנגעטראָגן אומעטיקע ווינטן — קלאָג־טעג, ווען מען האָט געפראווועט תעניתים. אפילו ווען יידן פלעגן זינגען זמירות, האָט זיך אויך געדאכט פונדערוויטנס, אז זיי קלאָג און פארגייען זיך וויינענדיק.

עס זענען נישט געווען קיין גוטע צייטן אין שטעטל, וואָס זאָלן דערוועקן, דערמונטערן, דערפרייען, ארייננברענגען די מענטשן אין א פריילעכן עקסטאז. עס איז נישט געווען קיין בעסער פארגעניגן ווי שבת, ווען דאָס שטעטל האָט אראָפּ־געוואָרפן פון זיך וואָכעדיקייט און אָנגעטאָן אויף זיך דעם שבתדיקן לבוש. אלץ האָט געשמעקט מיט דער נשמה יתרה, מיט דער ליכטיקייט פונם הייליקן טאָג שבת, ווען מען האָט זיך געקענט באפרייען פון דער גרויסער מרה שחורה, פון אלע דאגות פרנסה, און קומען אין בית־המדרש אָדער אין חסידים־שטיבל אָנגעטאָן שבתדיק, מקבל זיין די שבת מלכתא און דינען גאָט מיט שמחה, מיט א פריילעך הארץ — ווער מיט א בלאט גמרא, א פרק משניות, א קאפיטל תהלים, אָדער סתם זיך צוהערן צו א שיינער דרשה פון א דורכפאָרנדיקן בעל דרשן, וואָס איז געשטאנען אויפן בעלעמער און געזאָגט מוסר פאר מנחה און מעריב.

א לוסטיקע נשמה

לאָמיר דאָ ארויפברענגען עטלעכע טיפּן פון אונדזער שטעטל — אדורכגע־ווייקטע מיט יידישקייט, אָדער ווי מיר רופן עס היינט — איינגעזאפט מיט פאָלקלאָר.

מיכעלע לייבמאן איז געווען א קליין־געוויקסיקער, מיט א שיטער בערדל. זיין יארמולקע האָט שטענדיק אפוירגעקוקט פון הינטערן היטל. א קבצן מיט זיבן פאָלעס פון זיין מלאכה אלס שוסטער, האָט ער נישט געקענט געבן זיין ווייב און קינדער קיין גאנצע פרנסה.

ערשטנס האָט ער נישט געהאט קיין צייט צו ארבעטן. ביז אין האלבן טאָג אריין איז ער געווען פארנומען מיטן דאווענען און זאָגן תהלים. קומענדיק אהיים פון בית־המדרש שוין נאָך א זייגער צען, אָפּגעפרישטיקט, געטרונקען א גלעזל קאַלטע ציקאָריע, האָט ער געדארפט ערשט גיין זוכן לעדער מיט וואָס זיך צו נעמען צו דער ארבעט. ביז וואָס־ווען איז שוין געווען שפּעט און מען דארף שוין ווידער גיין דאווענען אין בית־המדרש אריין.

אין בית־המדרש ווידער ערליידיקט מען פארשיידענע זאכן, וואָס לאָזן זיך נישט אָפּלייגן. איינער איז לא עלינו קראנק — דארף מען גיין מבקר חולה זיין; דאָרט זיצט די משפחה שבעה ר"ל — דארף מען מנחם אָבל זיין. ווען איז געווען צייט צו ארבעטן? — ערשט שפּעט ביינאכט, ביים קליינעם לעמפּעלע אויפן וואַרשטאַט.

אָבער ווו א שמחה, ווו א יום־טוב — איז מיכעלע געווען דער ערשטער. ער איז געגאנגען בראש, געפּאטשט מיט די הענט, געזונגען די פריילעכע ניגונים פון גערער הויף און אלע נאָך אים אין באגלייטונג. ווער שמועסט שמחת תורה — פלעגט ער פירן אלע חסידים אין די באשטימטע פלעצער און ארויסנעמען די קרעפּלעך פון אויוון מיט דעם מערן־צימעס און צוטרינקען א גלעזל 95־ער. דאן פלעגט ער ווייטער פירן דעם עולם חסידים מיט געזאנג, שרייענדיק: צאן קדשים מע־מע־מע און אלע פלעגן אונטערהעלפן: צאן קדשים — — —

פּורים פלעגט מיכעלע אָנטאָן אן אטלעסענע קאַפּאָטע מיט א שטריימל און נעמען נאָך א חבר פון זיינע בעלי־מלאכות, ארומגיין האלב־פארשטעלט מבית לבית זאמלען געלט פאר „מתן בסתר“. ער איז געוואָרן אויפגענומען איבעראל מיט גרויס כבוד און אפילו געמוזט פארזוכן א פּורימדיקן שטרודל און פארטרינקען א גלעזעלע.

שבת איז ער געווען פון דער חברה תהלים־זאָגער, וואָס פלעגן קומען אין בית־המדרש אריין פרי, נאָך אין דער פינצטער, אָנהויבנדיק פון „אשרי“ א פּסוק נאָך א פּסוק, ענדיקנדיק מיט הללויה. נאָכדעם האָט ער געפירט די חסידים צו ר' הערש פישל ז״ל טרינקען די הייסע קאווע, וואָס איז געווען איינגעדעקט מיט אלטע קאָלדרעס און ווארעמע זאכן אויפן אויוון. די קאווע איז שוין געווען צוזאמענגעגאָסן מיט הייסער מילך, וואָס איז פארברוינט געוואָרן, שטייענדיק כמעט א מעת־לעת אויפן קאָכעדיקן אויוון. פון דאָרט האָט ער זיך געלאָזט מיט די חסידים אין גערער שטיבל אריין דאווענען שחרית.

און איצט צו שלוש סעודות, וואָס עס איז געפּראוועט געוואָרן שוין אין דער פינצטער, ביי א חלה מיט הערינג, האָט מען זיך צעזונגען ביי „אתקינו סעודתא“ און „בני היכלא“ ביז שפּעט אין דער נאכט אריין. עס איז געווען אשאָד איבערצורייסן מיט דער נשמה יתרה. דאָס פּראווען די שלוש סעודות איז געווען א מקור פון שמחה, התפּעלות און פריילעך זיין. לויט חז״ל ווערט די יידישע שמחה באצייכנט מיט 10 אופנים: ששון, שמחה, גילה, דיצה, רינה, חדווה, צהלה, עליזה, עליצה, תפארת.

און ווער שמועסט וועגן אלע אנדערע יידישע שמחות, וואָס זענען פאָרגעקומען אין שטעטל: א חתונה, בר־מצווה, ברית מילה, פּדיון הבן, ל״ג בעומר, ט״ו בשבט. דאָ האָט מען זיך געפרייט רעשדיק, בחברותא, ביי יעדער געלעגנהייט לויט איר מנהג. אפילו א יאָרצייט ווערט אויך ביי חסידים געפּראוועט מיט לעקעך און בראָנפן, מיט שמחה. אדרבא, זאָל די נשמה פונם נפטר ארונטערקוקן פון הימל און זען ווי שטארק די אחדות איז ביים זאָגן קדיש און ווי הייליק מ'האלט איר זכרון. — אומעטום האָט מען געטראָפן ר' מיכעלען. מיט זיין שיינענדיק פּנים האָט ער פריילעך געמאכט אויף אלע שמחות. עס האָט זיך קיינער נישט געקענט פאָרשטעלן א שמחה אין שטעטל אָן ר' מיכעלען.

און אויך — זאָל זיין פרייד־שמחות — אויב איינער איז געשטאָרבן חו״ש, האָט מיכעלע באלד באזאָרגט חברה קדישא כדי זי זאָל שנעל צונעמען דעם ברמינן פון שטוב, זייענדיק אן עסקן אין חברה קדישא. קומענדיק פון גוטן אָרט נאָך דער לוויה, האָט ער שוין געשאפט בייגל מיט הארטע אייער און אריינגעטראָגן אויף דער סעודת הבראה. אלע זיבן טעג פון שבעה האָט ער געזאמלט א מנין דריי מאָל א טאָג כדי מען זאָל דאווענען און זאָגן קדיש.

אויף אלע פייערלעכקייטן אין שטעטל — מיכעלע איז דאָ; חס־ושלום אויף אלע אומגליקן — איז ער אויך דאָ. ער האָט מיטגעליטן מיט יעדער קראַנקייט פון די שטעטישע מענטשן, מיטגעטרויערט אויף די וועלכע זענען אוועק פון דער וועלט. יעדער נפטר האָט אים זייער לייד געטאָן.

האָט מען זיך טאַקע צו אים באַצויגן מיט ליבשאַפט. מיכעלע איז געווען באַליבט ביי יעדן איינעם. אפילו די שענסטע בעלי־בתים פון שטעטל האָבן אים מקרב געווען צו זיך און זיך באַצויגן צו אים בכבוד.

דער גאַסט אויף שמחות

א טיפּ פון א לוסטיקן קינסטלער איז געווען יהושע בירנבוים, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל שיע חיה־מירטשעס — אויפן ווייבס נאָמען.

חיה האָט געהאַט א שפּייז־געוועלב אין סאַמע צענטער פון מאַרק און זי, די אשת־חיל, האָט געפירט דאָס גאַנצע געשעפט אויף אייגענע הענט סיי ביים איינקויפן און סיי ביי פאַרקויפן. מערסטע אירע קונדן זענען געווען פויערים פון דער סביבה, וואָס האָבן געהאַט גרויס צוטרוי צו איר אלס געניטע, אָרנטלעכע סוחרטע. האָבן זיך יעדן טאָג — און אממערסטן אין די מאַרק־טעג אָדער פאַר די חגאות — אָנגעשטעלט צענדליקער פורן מיט פויערים און פויערטעס איינקויפן זייערע פּראָדוקטן ביי חייקען.

אָבער דער מאַן אירער שיע האָט זיך ווייניק פאַרנומען מיטן געשעפט. קומענדיק אין יאָר 1905 פון רוסישן מיליטער, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צייט מיט זיין מונדור און מיט געפּאַסטע אָפיצירסקע שטיוול און דערציילט די גדולות וואָס ער האָט אויפגעטאָן ביים רוסישן מיליטער, ווו ער האָט כמעט די גאַנצע צייט געדינט אלס „דענשטשיק" ביי א גרויסן פּולקאָווניק און פלעגט אים פירן שפּאַצירן אויף פיר פערד „נאַשפּיץ" און אין דער פרייער צייט פלעגט ער פאַרברענגען און זיין פריילעך. דאָס איז אים געבליבן. צוריקקומענדיק איז ער שטענדיק געווען לוסטיק, פריילעך און געוואָלט אריינברענגען יעדן איינעם אין א פריילעכער שטימונג.

בפרט ווען עס איז פאָרגעקומען א חתונה אין שטעטל, ווען עס איז די גרעסטע מצווה צו משמח זיין חתן־כלה, האָט ער אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע קונסט פון פריילעך זיין און פריילעך מאַכן. סיי ביי אָרעם און סיי ביי רייך איז געווען דער מנהג אראָפּצוברענגען די קאַפּעלע כליזמרים פון סעמיאַטיטש מיט שעפּסל כליזמר אין דער שפּיץ. געווען איז מיט זיי אפילו א בדחן, וואָס האָט צוגעקלאַפּט מיט דער פּויק, באַזאָגט די כלה צו דער חופה, געמאַכט אלע וויינען, נאָכן עסן געזאָגט פאַרשיידענע בדחנישע וויצן און אויסגערופן דרשה־געשאַנק פון חתנס צד און כלהס צד. די כליזמרים זענען אריינגעפאָרן אין שטעטל, אויפגעשפּילט א פריילעכן מאַרש. נאָכדעם איז מען אַרויסגעפאָרן אויף די פורן מיט אלע יונגע בחורים כדי מקבל־פנים זיין דעם חתן אונטער דער שטאָט.

דאָ האָט שיע אָנגעפירט מיט דער אַרבעט. ער איז אריינגעפאָרן אין שטעטל מיטן חתן צום קלאַנג פון די כליזמרים, אריינגעפירט דעם חתן צום באַשטימטן פּלאַץ. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פאַרזאַמלען כדי מקבל־פנים זיין דעם חתן. מען האָט געטיילט לעקעך און בראָנפן און דער חתן האָט מכבד געווען מיט גוטע ציגאַרעטן.

ביי דער כלה איז אויך פֿאָרגעקומען דער זעלבער פּאַראַד. דעם טאָג פֿון דער חופּה זענען אַרומגעגאַנגען די בעטערקעס צו אַלע מיידלעך בעטן אויף דער חתונה און געטיילט באַלד פּרישע בולקעס. אין אָוונט איז מען זיך צוזאַמענגעקומען ווו די כלה איז איינגעשטאַנען — ביי דער גרויסער גאַלדע, די גרעסטע שטוב אין שטעטל און דאָרט געטאַנצט ביז האַלבער נאַכט. דעם חתן האָט מען געפֿירט צו דער שול. נאָכדעם האָט מען געפֿירט די כלה איבערן גאַנצן שטעטל מיט מוזיק, מיט ברענענדיקע שטורקאַצן פֿון בעזעמער מיט נאַפֿט צו דער שול און דאָס גאַנצע שטעטל איז אַרויס פֿון די הייזער און אַרויסגעשטעלט די לאָמפּן אויף דער גאַס כדי צו באַלייכטן דעם וועג פֿון חתן־כלה. דאָס אַלץ איז געווען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון שיען.

צוריק פֿון דער שול האָט מען שוין געפֿירט דעם חתן מיט דער כלה צוזאַמען און די כלייזמרים האָבן געשפּילט דעם שטענדיקן מאַרש פֿון דער חופּה. מען איז אַריין צו דער כלהס עלטערן עסן די גאָלדענע יויך מאָלצייט און מען האָט געטאַנצט ביז אין גרויסן טאָג אַריין. אפֿילו דאָס מצווה־טענצל מיטן דרשה־געשאַנק איז געווען אָנגעפֿירט דורכן זעלבן דיריגענט.

אויפֿצומאַרגנס איז געווען אַ מנהג „פֿירן צום רימפּל.״ דעם חתן האָט מען אַרומ־געפֿירט אין שטעטל מיט מוזיק. שיע האָט זיך אָנגעטאָן אַ ספּעציעלן טערקישן קאָסטיום מיט גרויסע בלומען און געגאַנגען אויף צוויי הילצערנע שטאָלצן, געטאַנצט מיט זיי פֿאַרן חתן און פֿריילעך געמאַכט דעם עולם.

דער געזונטהייטס־פֿאַרזאָרגער

אַ טיפּ פֿון אַ קהלס פֿאַרזאָרגער אויפֿן געזונטהייטס־געביט איז געווען שיעלע פּייגענבוים. גערופֿן האָט מען אים שיעלע פֿאַרבער ווייל ער האָט געהאַט אַ פֿאַרבעריי, וואָס האָט געפֿאַרבט די וואָל פֿאַר די פּויערים צו מאַכן זייערע „קראָסנעס״. קיין גרויסע גליקן פֿון זיין פֿאַרבעריי האָט ער נישט געהאַט ווייל געפֿאַרבט האָט מען נאָר אין סעזאָן. אָבער ווען די פּויערים זענען געווען פֿאַרנומען אין די פֿעלדער, האָבן זיי נישט געהאַט קיין צייט צו שפּינען די וואָל און פֿירן צו פֿאַרבן. נאָר אויף דעם פֿאַרבער האָט איר קיינמאָל נישט דערקענט צי ער האָט אַרבעט אָדער נישט.

ווען מען האָט אים געגעבן אַ רוף צו אַ קראַנקן שטעלן באַנקעס אָדער אויסרייבן אַ פּלייצע, איז ער געלאָפֿן אפֿילו אין מיטן דער נאַכט. אויך ווען דער קעסל האָט זיך געקאָכט מיט דער פֿאַרב, האָט ער נישט אָפּגעלייגט די מצווה, נאָר גלייך געלאָפֿן טאָן זיין שליחות.

ער האָט געהאַט ספּעציעלע פֿעאיקייטן צו שטעלן באַנקעס און אויסרייבן און איז געווען באַליבט ביי אַלעמען. ווו עפּעס אַ שטיקל שמחה — אַ חתונה, אַ ברית, אַ פּדיון הבן, אַ בר־מצווה אָדער סתם אַ קידוש האָט מען שיעלען איינגעלאַדן. ער איז געווען גרויס פֿאַרצויגן ביי זיך, און אומגעבעטן איז ער נישט געקומען.

ווען עס איז אָנגעקומען דער באָד־טאָג אין שטעטל — כמעט יעדע צוויי וואָכן — האָבן אַלע זיך געלאָזט אין באָד אַריין כאַפּן אַ פּאַרע, זיך אויסשמייסן מיטן ברע־

זשענעם בעזעמל, וואָס מען האָט געקויפטביים אריינגאנג. האָט שיע פארבער געגעבן פאר זיינע יחידי־סגולה די בעסטע פארע אויף דער העכסטער באנק.

מען פלעגט זיך אוועקלייגן און שיע פלעגט מיטן בעזעמל געבן א פיר א דורך איבער דער פלייצע, האָט זיך דאָס בלוט צעקאָכט אין אלע גלידער. עס איז געוואָרן הייס ווי אין רעכטן גיהינום. אזוי פלעגט ער עטלעכע שעה אָפּארבעטן, אויספּארען אלע זיינע נאָנטע באקאנטע — די מיוחסים פון שטעטל און אויך די „עמך״־יידן.

קיין געלט פלעגט שיעלע נישט נעמען פאר זיין טרחה. אלץ האָט ער געטאָן פאר רפואה וועגן. ווו עס איז געווען א קראנקער און ביינאכט איז נישט געווען ווער עס זאָל ארום אים אומגיין, איז שיעלע פארבער געלאָפן, געזעסן דאָרט א גאנצע נאכט, געהייסן די שטוב־מענטשן זיך לייגן שלאָפן כדי זיי זאָלן מאָרגן האָבן כוח ארומצוגיין ארום דעם קראנקן. ער אליין פלעגט שוין באזאָרגן דעם קראנקן ווי דער בעסטער דאָקטאָר — — —

★ ★ ★

די האָלצהעקערס

קיין פאכלייט זענען זיי נישט געווען. פארקויפן פלייש האָבן זיי מער נישט געטאָרט נאָכדעם ווי דאָס גאנצע שטעטל האָט געמוזט כשרן די חמצדיקע און פסחדיקע כלים (צוליב א מעשה שהיה). — די צווי ברידער מאָנטשאוש, ווי אויך לייבעלע דער שול־שמש, זענען דעריבער געוואָרן האָלצהעקערס.

בדרך כלל זענען האָלצהעקערס געווען גויים. יידן האָבן דען כוח געהאט צו זעגן און האקן האָלץ? אָבער די ווייבער און די קליינע קינדער האָבן געפאָדערט עסן. האָבן זיי נעבעך געמוזט זיך נעמען צו דער שווערער ארבעט, אבי נישט אָנקומען חלילה צו בעטן נדבות.

אָנפאנגס האָט עס אויסגעזען משונהדיק: יידן מיט בערד טראָגן זיך ארום אין גאס מיט א „סטאָיאק״, העק מיט זעגן, און לייגן־פּאָר די בעלי־בתים, וואָס האָבן געקויפט האָלץ אויפן מארק, האקן דאָס האָלץ פארן זעלבן געלט וואָס די גוישע האָלצהעקערס נעמען. יידן זענען דאָך בני רחמנים, האָט מען טאקי געגומען בעסער די יידישע האָלצהע־קערס און אזוי איז עס אריין אין דער מאָדע און די גוישע האָלצהעקער זענען כמעט אראָפּגעטריבן געוואָרן פון גאס.

דאָס האָלץ האקן האָט זיך טאקע גערעכנט פון די ערגסטע מלאכות ביי יידן. אָבער ווי שטייט געשריבן און מסכת אבות: פשוט נבילתא בשוק ואל תצטרך לבריות. האָבן עס די פשוטע יידן אָנגענומען אלס א גזירה משמים און זיך מפרנס געווען פון דער שווערער ארבעט.

אָבער גיין פרימאָרגנס פאר דער ארבעט דאווענען אין בית־המדרש און פארנאכט צו מנחה ומעריב האָבן זיי נישט פארמיטן. אויך האָבן זיי געשיקט די קינדער אין די חדרים און זיי געגעבן יידישע דערציאונג.

לייבעלע דער שול־שמש האָט אויך געהאט זייטיקע פארדינסטן: פון חתונות און בריתן, אויך איז ער געווען דער באגרעבער ביי דער חברה קדישא און פרייטיק פלעגט ער רופן אין שול אריין.

דער יידישער לאנדווירט

אין יאָר 1912 האָט מען אָנגעהויבן רעדן אין שטעטל, אז יענקל נחומס (שטיינבערג) מיט זיין פאמיליע — א פרוי, וואָס האָט געשטאמט פון מעזריטש, פון א מיוחסדיקער משפחה אין דער מאנופאקטור בראנזשע און 5 מיידלעך, וואָס די עלטסטע פון זיי איז אלט געווען 14 יאָר — ציט זיך ארויס פון שטאָט, פון דער שיינער איינגעאָרדנטער דירה, כדי צו ווערן אן ערד־ארבעטער אויף א שטח פון 60 מאָרגעס ערד און 10 מאָרגעס לאָנקע.

געוווסט האָט מען, אז יענקל דער געלער — ווי מען האָט אים אויך גערופן אין שטעטל צוליב זיין געלער, ברייטער באָרד מיט א קאָפּ רויטע האָר — וואָס האָט שטענדיק געפירט וואלד־מסחר, איז א גרויסער עקשן און וואָס ער נעמט זיך אונטער פירט ער אויס מיט זיין גרויס עקשנות. אָבער יעדער ווייס, אז צו באארבעטן פעלדער דארף מען האָבן הילף פון זין און דאָ פּונקט זענען דאָ 5 מיידלעך, אָפּגערוקט איינע פון אנדערער מיט 2 יאָר; זיין פרוי הדס איז אן איידעלע און א שוואכע, ליידט פון פארשיידענע קראנקייטן, פאָרט יעדעס יאָר אין די בעדער זיך קורירן. טאָ ווער וועט באארבעטן די פעלדער?

אָבער אין א שיינעם העלן טאָג האָט זיך די גאנצע פאמיליע ארויסגעצויגן פון שטעטל אויף די פעלדער, וווּ עס איז שוין געווען פאָרבארייט א געמויערט הייזל מיט א גרויסער הילצערנער סטאָדאָלע, מיט שטעלער פאר בהמות און פערד, אויך א קליינע הילצערנע הייזקע — א וווינונג פארן גויישן „פאראָבעק" און דער נידעריקער געלער יידל האָט זיך גענומען פלייסיק צו דער ארבעט.

שוין 4 פארטאָג, ווען די ערשטע יידישע דאָרפס־גייער זענען אוועק אויף די דערפער, האָבן זיי שוין געטראָפן יענקלען מיט א פּאָר פערד אקערט די פעלדער פון איין זייט און פאראלעל, אין דער צווייטער זייט — דער פאראָבעק. די עלטסטע טאָכטער מינדל איז נאָכגעגאנגען מיט א פארטוך קערנער און געזייט.

ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צוגעוווינט צו דער ערד־ארבעט. מען האָט אליין געקאָשעט די לאָנקעס, צעזויפגעגראבלט דאָס היי און אויפגעשטעלט גרויסע סטאָגעס, ווייל זומער האָט מען נישט געקענט דאָס היי ארויספירן, נאָר ווינטער. ביי דער היי ארבעט האָבן שוין צוגעהאָלפן נאָך 3 מיידלעך, וואָס זענען שוין געווען מער ווי 10 יאָר אלט.

אויך פלעגן די בית־המדרש בחורים קומען העלפן גראבלען דאָס היי ביים יידישן לאנדווירט און דערוויל כאפּן די פרישע לופט פון די שמעקעדיקע לאָנקעס.

די 60 מאָרגעס ערד האָבן זיך אָנגעהויבן א 200 מעטער פון שטעטל, ביים טייכל וואָס איז געווען די גרענעץ פון מערב זייט און זיך געצויגן כמעט 2 ק"מ לאנג ביזן צווייטן ראָזוואדאָווער טייכל — די גרענעץ פון מזרח זייט. עס איז געווען ממש א פארגעניגן צו זען ווי כמעט די גאנצע יידישע יוגנט האָט זיך ארויסגעלאָזט שפּאצירן זומער־צייט יעדן אויפדערנאכט, ווי אויך אום שבת, אויפן גאנצן וועג אהין מיט א זיכערקייט אז קיין שקצים וועלן זיי דאָ נישט באפאלן.


★

דער יידישער לאנדווירט האָט פאַרגעזעצט די טראַדיציע. שבת און יום־טוב פלעגט ער קומען אין בית־המדרש אריין דאווענען צום צווייטן חסידישן מנין. אויך אין מיטן וואָך, ווען עס פלעגט אויספאלן ראש־חודש, חנוכה, פורים און אנדערע יומא דפגרא, פלעגט ער נישט פארפעלן צו קומען דאווענען. אויך האָט ער אָנטיילגענומען אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן.

די טעכטער האָבן מיטגעארבעט אין די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס און געווען טעטיק אויף פארשיידענע געביטן. די עלטסטע טאָכטער האָט ליב באקומען די פעלד־ארבעט און זיך אויסגעצייכנט מיט איר קענטעניש אין די לאנדווירטשאפטלעכע פראָבלעמען.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אין פוילן די הכשרה־באוועגונג און מען האָט נישט באקומען קיין סערטיפיקאט אויב מען האָט נישט אדורכגעמאכט קיין הכשרה ביי ערד־ארבעט, האָבן די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס געשאפן אין שטעטל הכשרה־פונקטן. יענקל שטיינבערג איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן שטענדיק אויפגענומען די חלוצישע בחורים אויף ארבעט. זיין עלטסטע טאָכטער מינדל פלעגט לערנען די חלוצים די ארבעט און זיי געוויזן דעם מוסטער פון דער ווירטשאפט — ווי יידן קענען אויך מאכן א לעבן פון ערד־ארבעט, ווו מען דארף נישט זוכן דעם ווינט אין פעלד ווי ביים מסחר.

דער רעספעקט צו דער יידישער לאנדווירטשאפטלעכער פאמיליע איז געוואַקסן אין דער גאנצער סארנאקער אומגעגנט, זעענדיק ווי אלץ איז שיין און גוט איינגעאָרדנט. עס איז אויסגעוואַקסן א גרויסער סאָד פון עטלעכע הונדערט ביימער, וואָס האָבן געגעבן די בעסטע טייערסטע פרוכט — שיינע עפל און בארנעס, וואָס זענען געלעגן איבערן ווינטער און פארקויפט געוואָרן פאר די בעסטע פרייזן. יעדעס יאָר איז געווען א גרויסע איינקונפט, וואָס איז געשאפן געוואָרן מיט די אייגענע הענט.






יענקל און הדס שטיינבערג

פויערים פון דער גאנצער געגנט פלעגן קומען צום יידישן לאנדווירט מיט פארשיידענע פראגן און בעטן עצות אין לאנדווירטשאפטלעכע פראָבלעמען. יענקל פלעגט אלעמען אויפנעמען בסבר פנים יפות און געבן אָנווייזונגען און עצות. יעדער פויער איז אוועקגעגאנגען פון אים צופרידן, נישט פארשטייענדיק ווי אזוי דער געלער יענקל, וואָס זיין טאטע און זיידע האָבן זיך קיינמאָל נישט פארנומען מיט קיין ערד־ארבעט, האָט זיך אין אזא קורצער צייט אויסגעלערנט די גאנצע לאנדווירט־שאפט־קענטעניש.

★

נאָכדעם ווי יענקל האָט באהערשט די לאגע, האָט זיך געפילט פעסט אויף דעם געביט און געזען, אז ער קען דאָ שוין נישט אויפווייזן קיין חידושים, האָט ער זיך פארעקשנט אויפצושטעלן א מיל. און אז ער פארעקשנט זיך, מוז ער אויספירן.



טאָקטער מינדל ז״ל מיט איר מאן יצחק ראָזענבערג

אין פארלויף פון א האלב יאָר איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון זיין הויז א מאָטאָר־מיל מיט 2 פאָר וואלצן און 2 פאָר שטיינער און ארויסגעגעבן שיינע מעל, ראזאָווקע און קאשעס. די מיל איז שטענדיק געווען באוואָרפן מיט ארבעט. פון א 20 ק״מ ווייט פלעגן קומען פויערים מיט זייערע תבואות צו מאָלן און ליגן גאנצע נעכט אין מיל כדי צו באקומען די גוטע, שיינע מעל.

יענקל האָט זיך געשטעלט פאר א ציל, אז דער פויער, וואָס ארבעט אזוי שווער ביז ער דערלעבט צו זען די תבואה אין זאק, זאָל נישט ווערן אָפּגענארט און דאָס האָט געבראכט דערצו, אז זיין מיל האָט געשמט אין דער גאנצער געגנט אלס די איינציקע מיל ווו דער פויער באקומט די מעל פון זיין אייגענער תבואה.

★

א גרויסע צאָל פרומע חסידישע יידן האָבן געגעסן פסח נאָר „מצה שמורה" און דווקא שמורה משעת קצירה. יאָר־יערלעך האָט מען די שמורה געמאכט ביי פריצים אָדער ביי רייכע פויערים, וועלכע האָבן באזעסן גרעסערע ערד־שטחים. יידישע סוחרים האָבן געקויפט ביי די קריסטן א געוויסן קוואנטום ווייץ מיטן באדינג זיי זאָלן זיין ביים שניידן און אריינפירן די תבואה אין די שייערן, אויך שפעטער, ווינטער צייט, ביים מליטשען און רייניקן די ווייץ, אריינשיטן אין נייע זעק אריין און אוועקפירן אין די מילן אויף מעל פאר מצה שמורה.

ווען דער יידישער לאנדווירט איז ארויף אויף זיינע פעלדער, האָט ער גלייך דאָס ערשטע יאָר פארזייט א גרעסערן שטח מיט ווייץ מיט דער כוונה צו מאכן עכט יידישע מצה שמורה. ר' יענקל שטיינבערג האָט שוין באלד ווי די קערנער פון די ווייצן האָבן זיך באוויזן, זיך פארבונדן מיט די מצה שמורה סוחרים פון דער געגנט און זיי צוגעזאָגט, אז דאָס יאָר וועט ער זיי פארקויפן מעל אויף מצה שמורה, כשר למהדרין מן המהדרין, וואָס די גאנצע ארבעט וועט געמאכט ווערן מיט יידישע הענט, אין דער אָנוועזנהייט פון חסידים יראי־שמים.

סוף תמוז, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שניט פון ווייץ, האָט ר' יענקל פארבעטן אויף די ווייץ־פעלדער די אָנגעזעענסטע חסידישע יידן פון שטעטל: ר' מיכאל דער מלמד, ר' הערש פישל דער באוווסטער גערער חסיד, ר' לייב הירש דער שוחט און אויך עטלעכע בחורים, וואָס האָבן געלערנט אין בית־המדרש. אין זייער אָנוועזנהייט האָט ער גענומען שניידן די ווייץ און בינדן סנאָפּעס, אויסלייגן יעדן בינטל באזונדער כדי עס זאָל זיך וואָס שנעלער טריקענען און נאָך מיטאָג אָפּגעפירט אין זיין סטאָדאָלע אריין, אוועקגעלייגט די ווייץ אין א ספעציעל צוגעגרייט אָרט און פאַרנט ארומגעלייגט מיט היי, אזוי אז מען זאָל נישט קענען צוקומען צו די ווייץ. ווינטער, ארום חנוכה צייט, פלעגט ער אויסקלויבן א פראָסטיקן טאָג, נאָכאמאָל אראָפּברענגען די זעלבע חסידים, און ארויסנעמען די ווייץ צום מליטשען און רייניקן און שיטן גלייך אין נייע זעק אריין. פארן ענדיקן איז אויך דער רב אראָפּגעקומען און געזען מיט די אייגענע אויגן די גאנצע ארבעט.

ר' יעקב שטיינבערג האָט באקומען פון רב דעם געהעריקן הכשר, אז די מעל פון די ווייץ אויף שמורה, וואָס איז געמאכט געוואָרן ע"י ר' יענקל שטיינבערג אויף זיינע אייגענע פעלדער אין דער קעגנוואָרט פון חסידים יראי־שמים, איז שמורה משעת קצירה למהדרין מן המהדרין.

פורים צייט, ווען מען האָט געכשרט די מיל ביי ר' שייע ראָזענבוים צו מאָלן פסחדיקע מעל פארן שטעטל, האָט מען די שמורה־ווייץ געבראכט אין מיל אריין מען זאָל עס מאָלן אויף די ערשטע וואלצן. אויך פון גרעסערע שטעט, ווו מען האָט

זיך דערוווסט, אז מען קען באקומען שמורה פון יידישע פעלדער, איז ר׳ יענקל באוואָרפן געוואָרן מיט באשטעלונגען אויף מעל פון א גרויסער צאָל פרומע חסידים, וועלכע האָבן נישט נעקארגט קיין געלט און געוואָלט באקומען פאר זיך און אנשי־שלומנו מעל, וואָס האָט אזא אויסגעצייכנטן הכשר למהדרין מן המהדרין.

אזוי איז געוואָרן א טראדיציע ביים יידישן לאנדווירט יאָר־יערלעך מאכן אייגענע שמורה און באזאָרגן מיט דעם די פרומע יידן.

★

אזוי האָט זיך געפירט דער באשיידענער, ערלעכער יידישער לאנדווירט ביז ער האָט חתונה געמאכט אלע 5 טעכטער, גענומען פאר זיי שיינע איידעמס און געהאט נחת פון די קינדער און פון די אייניקלעך, וואָס זיי האָבן געבוירן.

ווען די נאציס האָבן באזעצט דאָס שטעטל, זענען, מיט אלע איבערגעליבענע יידן, אומגעקומען אויך די 6 באשיידענע פאמיליעס מיט די קינדער און אייניקלעך. עס האָבן זיך געראטעוועט בלויז 2 אייניקלעך, קינדער פון דער עלטסטער טאָכטער מינדל — שעפסל און לייבל, וואָס האָבן אדורכגעמאכט דאָס פארטיזאנער לעבן אין די וועלדער און געפינען זיך איצט אין אמעריקע, און אויך דער איידעם יצחק ראָזענבערג.







טעכטער: דבורה (גבריאל צוקערס פרוי); חוה און רבקה מיט די קינדער; חיה

אסתר גרונוביץ׳ (לבית מונצ׳אז׳)
חיפה

משפחה מוכת גורל

מבין הטיפוסים השונים בעיירה צפה־ועולה בזכרוני דמותם של בני משפחה אומללה, שהגורל התאכזר להם. אף אלה היו חלק מהנוף של העיירה.

האב, יוסף פייארמן, היה חרש־אילם, גבה קומה, בעל גוף, ידיו ארוכות וכפותיהן גדולות. פניו, בעלי הגוון הכהה, הביעו קשיחות. עיניו כעין הפלדה, מבטן חד מאד ולא־פעם הטילו פחד על האנשים, שבאו במגע אתו. לאמתו־של־דבר היה זה אדם טוב לב וישר, אך איש לא ידע את רגשותיו, שפעמו בלבו, כי נבצר ממנו להביעם. הוא עסק בחייטות ומראהו עולה לנגד עיני כשהוא בא לעתים לחנות הורי לקנות ציוד לצרכי עבודתו.

לעומתו לאה אשתו היתה נמוכת קומה, צולעת על רגלה השמאלית. מחמת מומה נאלצה להתכופף לצד שמאל בשעת הליכתה ואז היתה ידה מאותו צד נוגעת כמעט בקרקע. אשה זו היתה סמל הכיעור. בנוסף על כך היתה עצבנית מאד, בייחוד כאשר היה עליה „לתרגם" לאנשים את תנועות בעלה, שאליו נלוותה לצורך קניות ולמסירת בגדים מוזמנים. אז היו עיניה יורות גצי אש. כנראה שבמצב זה היה סבלה מגיע לשיא. תמיד היתה לבושה שמלות ארוכות, שלא גילו אפילו את עקבי נעליה וכך השתרכה ליד בעלה הגבוה.

בני הזוג האומלל ציפו, שהבת, שנולדה להם, תהיה קרן־אור בחייהם החשוכים ותקל על סבלם. אולם עד־מהרה נוכחו לדעת, כי המציאות טפחה על פניהם.

שם הבת היה בת־שבע (שבע — כפי שקראו לה), שם המעורר זכר מלכות, אולם היתה זו נערה אומללה. גם היא היתה חרשת־אילמת ובנוסף על כך גם מפגרת מאד בשכלה.

בלית ברירה העמיסו ההורים על עצמם את העול הכבד וגידלו את הילדה, שהתפתחה בגופה, דבר שעליו העידו פצעי־הבגרות שבפניה.

ראינוה תמיד כשהיא מטיילת במרכז העיירה. היה לה מסלול קבוע, שלעולם לא סטתה ממנו. כך היתה מהלכת הלוך ושוב כפופת־גב קמעה; ידיה שלובות לאחור; ראשה — העטור שתי צמות מתולתלות, שגלשו לפנים — נטוי לעבר כתפה השמאלית. פיה היה תמיד פעור ומגחך והיה מגלה שני טורי שיניים כעין השעווה. עיניה היו חסרות הבעה, ללא ברק כלשהו; כעין ערפל נשקף מהן. — כך היתה מטיילת לבדה שעות על שעות, עד שאמה היתה באה לקחתה.

ביום ששי היינו רואים את שבע לבושה לכבוד שבת שמלה נקיה, ללא רבב, ראשה חפוף ומשוח בנפט עד כי שערותיה נוצצו בברק כחלחל מול השמש. ערב שבת, כאשר מנדל בעדער היה עובר ברחובות העיירה ומכריז בקולו הרם על בוא השבת ועקרות־הבית היו ממהרות להדלקת הנרות, היתה שבע ממשיכה בהליכתה, מבלי להביט ימינה או שמאלה, אלא נכחה כרגיל. קולו של מנדל לא הגיע לאזניה האטומות ומעיניה ניבטה אותה הבעה ערפלית.

★

זכור לי מקרה, שאירע באחת השבתות בקיץ, כאשר כל בני העיירה, למקטון ועד גדול, יצאו לראות את שבע בשמלתה החדשה, העשויה מטפחות צבעוניות („טורעצקע טיכלעך").

מעשה שהיה כך היה. רויזעלע, אשתו של נחום־אשר אורנשטיין הגביר וחברתה מלכה שונשיין חשקה נפשן לחרוג קצת מהשגרה ותפרו להן שמלות ממטפחות, שהיו אז באופנה. היו נשים קונדסיות, שמצאו להן הזדמנות לעשות לצחוק את שתי הגבירות. והנה הופיעה שבע במסלולה הקבוע, לבושה שמלה עשויה באותה מתכונת — מאותה דוגמה וממטפחות מאותו צבע... מיד נעלמו שמלותיהן של שתי הגבירות, שרצו להיות יוצאות־דופן.

★

מנת־גורלה של שבע היתה כשל יהודים רבים אחרים, שהובלו להשמדה על־ידי קלגסי היטלר. אולם היא היתה יחידה, שלא ידעה פחד, שכן לא הבינה מאומה מן המתרחש סביבה.

★ ★ ★

הענעך זייערמאַן
קרית־נחום

דער בעל־עגלה יאָסל דער בלינדער

פאַרוואָס מען רופט אים „דער בלינדער" — ווייס מען נישט גענוי. מען זאָגט אַז אַמאָל, דורכפאָרנדיק אין דאָרף שפּאָקי, האָט ער געכאַפּט אַ שטיין אין אויג אַריין און געמיינט אַז ער איז שוין בלינד. אָבער נישט אַזוי איז עס געשען.

איינמאָל פאָרט זיך יאָסל מיט זיין זון חיליע — אַ שיינער בחור, אויסגעוואַקסן ווי אַ סאָסנע בוים אין דער הויך, שוואַרצע וואָסעלעך אונטער דער נאָז, אַ שוואַרצע טשופּרינע אויפן קאָפּ, פאַרקאַמט אינמיטן אַ שרונט, די שטיוועלעך גלאַנצן שטענדיק ווי נאָר וואָס געפּוצט. דאָס איז געווען אין יאָר 1905, נאָך איידער ער איז געגאַנגען דינען פאָניען, שוין דאַן האָט ער באַוויזן זיין גבורה.

אין יענעם יאָר האָט מען געבויט די באַן־בריק איבערן בוג, 7 וויאָרסט פון שטעטל. אין איינעם אַ זונטיק נאָך מיטאָג איז אָנגעקומען אין שטעטל אַריין אַ גרויסע צאָל אַרבעטער פון דער בריק, און פון דער באַן־ליניע. דאָס זענען נישט קיין פאַבריק־אַרבעטער, נאָר געזונטע רוסישע פויערים, וועלכע מען האָט געבראַכט צו דער ספּעציעלער שווערער אַרבעט צו דער בריק פון פאַרשיידענע פעלקער פון טיף רוסלאַנד. דער מאַרק אַרום און אַרום האָט אויסגעזען ווי אַ פינצטערער היישעריק וואָלט באַפאַלן דאָס שטעטל. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ס'האָט זיך צעהילכט דאָס געזוברענג פון די שויבן און דאָס האַקן אין די טירן פון די הייזער און קראָמען. עס איז געוואָרן אַ גרויסע יללה און קלאָגעריי אין שטעטל. ס'האָבן זיך צוזאַמענ־געגאָסן די געוואַלטן פון די יידן מיט דעם רעווען פון די צעיושעטע כוליגאַנעס. דער פּחד איז געווען גרויס, ווייל מען האָט נישט געזען קיין שום הילף פון די היטערס פון געזעץ. דער איינציקער סטאַרשער, יאַרמאַרעק, מיט דעם הויכן און דאַרן סטראַזשניק, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרהיטן דאָס שטעטל, זענען געלעגן באַהאַלטן ביי שמילע גאָלדמאַן אויפן בוידעם.

אין יענעם סאמע טראגישסטן מאָמענט האָט מען דערזען ווי פון דער ליפּטשינער גאס לויפט חיליע מיט א קלאָניצע אין האנט אויפגעהויבן, ווי א זעלנער די „זנאמיע" פון פולק. ער לויפט אריין צווישן די צעיושעטע גויים און נעמט האקן אויף רעכטס און לינקס. עטלעכע מינוט שטייט חיליע איינער אליין קעגן אזא גרויסער מחנה ווילדע וועלף און קעמפט ווי א לייב, שלאָגט מיט דער קלאָניצע איבער די קעפּ, איבער די פלייצעס און לאָזט נישט צו צו זיך. באלד לויפט ארויס פון יעקב יאָסלס געסעלע „וועלוועלע קראַמף", יענקל מנשהקעס איידעם, מיט א דעמבענעם דראָנג אין די הענט. שוין איז ער צווישן די גויים און שניידט ווי אין קרויט אריין. צווישן די גויים ווערט א בהלה און זיי הויבן זיך אָן צוריקרוקן, צוערשט געלאסן, אָבער אונטער דער ווירקונג פון די שטארקע קלעפּ האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן ווי די ווילדע האָזן, אז קיין איינער איז נישט געבליבן אין שטעטל.

פאָרן זיי אזוי גאנץ געלאסן, איבערן דאָרף קראָניצע. געווען איז דאָרט פונקט א „כאסליערע", ווי יאָסל האָט זיך אויסגעדריקט. די שקצים אזוי ווי זיי האָבן דערזען, אז עס פאָרן צוויי „זשידליאקעס", האָט זיי אָנגענומען א חשק צו מאכן זיך א ביסעל פריילעך. לויפן די שקצים ארויס און נעמען ווארפן שטיינער אין וואָגן אריין. חיליע פוילט זיך נישט, טאנצט אראָפּ פון וואָגן, קלויבט צוזאמען פולע הענט מיט שטיינער און הויבט אָן שיטן. ער שיט אין די קעפּ, ער שיט אין די פענצטער, ס'איז אים נישט קיין אונטערשיד ווו. ער שיט אויף אלע זייטן.

עס ווערט א געוואלט, עס הויבן זיך אָן שיטן שקצים און עלטערע גויים פון גאנצן דאָרף און מען לויפט צום וואָגן ווי ווילדע חיות נאָר צו ממיתן די יידן. דערזען אז ס'איז שלעכט, רייסט חיליע ארויס א האָלאָבליע פון וואָגן און דער אלטער יאָסל א קלאָניצע און מען הויבט אָן געבן קלעפּ. זיי קוקן שוין נישט ווו — איבער די קעפּ, איבער די פלייצעס. מען האקט ווי אין קרויט אריין. זיי ווייסן נישט פון וואנען און פון וואָס עס וואקסט אויס, אזוי ווי פון אונטער דער ערד, א סטארשער מיט א סטראזשניק. זיי לויפן צו צו חיליען מיט א געשריי: הא, דו פארשיווער זשיד! דו וועסט עס שלאָגן אונדזערע קריסטן אין דאָרף! מיר ארעסטירן אייךביידע זשידעס!

דערהערט אזעלכע דיבורים, כאפּט חיליע אָן דעם סטארשן פון פאָרנט ביי די קלאפּעס און שרייט: דו הינטישער זון! דו וועסט עס זאָגן, אז מיר שלאָגן דיינע קריסטן אין דאָרף? קום ווערסטו זען אָנגעשאָטן א פולער וואָגן מיט שטיינער, און מיין טאטן האָבן זיי דאָך שוין אויסגעהאקט אָן אויג! אזוי שרייענדיק שלעפּט חיליע דעם סטארשן און גיט אים א זעץ צו דער פרענטשע פון וואָגן, — האָט מען געמיינט, אז ער האָט שוין דעם סטארשן צעבראָכן אויף צוויייען.

דער סטראזשניק זעענדיק דאָס, לויפט צו, כאפּט די האנט צום לעדערנעם שיידל, וויל ארויסציען דעם רעוואָלווער. אָבער יאָסל איז פלינקער, גיט אים א זעץ מיט דער פויסט אונטערן האַרץ און דער סטראזשניק פאלט צו דער ערד.

די גויים, דערזעענדיק אזא מעשה, זענען זיך צעלאָפן אין די מייז־לעכער און ס'איז נישט געבליבן קיין איינער פון זיי. פון דעמאָלט אָן אז עס פאָרט אדורך א ייד דורכן דאָרף, וועט אפילו קיין הונט נישט א ביל טאָן.

נאָך דער געשיכטע איז יאָסל ארומגעגאנגען צוויי וואָכן פארבונדן דאָס לינקע אויג. דערפאר האָט מען אים א נאָמען געגעבן „דער בלינדער יאָסל".

פאָרט יאָסל ארויס קיין ביאַלע זונטיק פאַרנאַכט. אהין נעמט ער מיט נאָר ליידיקע כלים: א פאַס פון נאַפט, גאַנשערס ארומגעפלאָכטן מיט שטרוי, ליידיקע זעקלעך, בלעכענע פּושקעס, הילצערנע קעסטלעך. דער וואָגן איז טאַקע אָנגעוואָרפן פול, אָבער לייכט. זיצט ער זיך דעם גאַנצן וועג במנוחה און פאָרט. א שטיק פאַרטאָגס קומט ער אָן קיין לעשנע. ס'איז טאַקע א דאָרף, אָבער דאָ האָט ער נישט קיין מורא. דאָ איז דאָ א פּאָר סטראַזשניקעס, ס'איז דאָ א גרויסער קלויסטער מיט מאָנאַשקעס, און דער עיקר דאָ וווינען עטלעכע יידן. פאָרט ער צו צו וועלוועלע פּאַקער, שפּאַנט אויס דאָס פערד, בינדט עס צו צום וואָגן, גיט עס א טאָרבע האָבער, דאָס פערד מוז זיך אָפּרוען און שטיין כאָטש א שעה און עסן. אליין גייט ער אריין צו וועלוולען, נעמט ארויס זיין טאָרבע מיט ברויט. וועלוועליכע דערלאַנגט אים אשיסל מיט זויערמילך און פּאַשעט זיך אליין אויך אונטער. דערווייל הויבט שוין אָן טאָגן אין דרויסן. ער כאַפּט אַראָפּ דעם טלית און תפילין פון דער שאַפע, כאַפּט אריין אויף גיך דאָס דאַווענען, שפּאַנט איין דאָס פערד, לאָזט זיך אַראָפּ דורכן וואַלד ביזן שאָסיי און קומט אריין קיין ביאַלע.

דאָ הויבט זיך איצט אָן די אמתע ארבעט. ער פאָרט ארום פון געשעפט צו געשעפט, קויפט איין די סחורה: נאַפט, זאַלץ, זייף, ליכט, עסיק, שוועבעלעך און וואָס נישט, און אַלץ דאַרף מען איינפּאַקן, גוט איינפּאַקן אין וואָגן כדי עס זאָל אויפן וועג נישט אַראָפּפאַלן און צעבראָכן ווערן. האָרעוועט ער זיך טאַקע אָן א גאַנצן טאָג ווי א פערד. פאַרנאַכט ווערט ער פאַרטיק, פאָרט צו צו וועסטעליכען, גייט אריין, הייסט זיך געבן אויף גיך א טעלער מיט פּערל־גריץ מיט א בולקע. ער איז זיך ממש מחיה דאָס האַרץ, און כאָטש ער יאָגט זיך, קען ער נישט גובר זיין דעם יצר־הרע און הייסט זיך דערלאַנגען נאָך א פּאָרציע. — די גריץ — זאָגט ער — איז טעם גן־עדן. עס ווערט שוין טונקל אין דרויסן, זעצט ער זיך אויפן וואָגן, נעמט די לייצעס אין האַנט אריין און פאָרט ארויס פון שטאָט. אויפן שאָסיי פאָרט זיך נישט שלעכט. ער קומט אריין אין וואַלד, פאָרט אדורך לעשנע און פאַרנעמט זיך ווייט דורך די סמיגעס. דאָ איז שוין עפּעס אנדערש: די סמיגעס זענען שוין נאַס, אונטער די רעדער איז ווייך, די משא אויפן וואָגן דריקט אַראָפּ, עס פאָרט זיך עפּעס נישט אזוי גלאַטיק. ער גייט אַראָפּ פון וואָגן, ער אליין — טראַכט ער זיך — איז דאָך אויך א משא. ער זוכט אויס אויפן וועג א שטאַרקן דראָנג, שפּאַרט אלע מאָל אונטער דעם וואָגן, אמאָל פון פאָרנט און אמאָל פון הינטן. פון ארויפכאַפּן זיך אויפן וואָגן איז שוין קיין רייד נישטאָ, ווייל דער גאַנצער וועג איז שוין ווייך. גייט ער אזוי ביים וואָגן ביז ער קומט אין דער פרי אין שטעטל אריין.

צו ערשט פאָרט ער צו צו זווילאַכען, ווייל פריער וויל ער אַראָפּוואַרפן די שווערע משא: די נאַפט, די קעסטלעך זייף, זעקלעך זאַלץ און צוקער. מיט די גרינגע זאַכן איז אים שוין לייכט ארומצופאָרן צו די איבעריקע קרעמערס. ער פאָרט אזוי איבער די קראָמען, נעמט אַראָפּ די סחורות, רעכנט זיך אויס מיט די קרעמער, און ביז וואָס — ווען, אז ער קומט צו צום שטוב, איז שוין ווידער נאַכט. מען דאַרף שוין באַלד ווייטער זיך גרייטן אין וועג אריין. — אוי, איז דאָס א ביטערע פרנסה! — קרעכצט ער אָפּ.

העניך זייערמאן
קרית נחום

פאַרשיקט אלס שפּיאָן קיין רוסלאַנד

ר׳ אליהו זילבערמאן ז״ל איז געווען אן איינפאכער פאָלקס־מענטש, שטענדיק צוזאַמען מיט די פאָלקס־מענטשן. ער האָט קיינמאָל נישט געזוכט קיין כבוד. אין שטעטל האָט מען אים גערופן „אליה דער אגענט״ ווייל ער איז געווען אן אגענט פון זינגערס מאַשינען. מען האָט אים אויך גערופן אליה גרשונס אויפן פאָטערס נאָמען.

זיין פאָטער גרשון איז געווען א גאַנץ פשוטער מענטש, א ייד א שפּיליטער. ער האָט געהאַט א פערד און וואָגן און יעדן זונטיק געפאָרן קיין וואַרשע. אהין האָט ער געפירט פארשיידענע מינים שפּייז־אַרטיקלען: אַרבעס, באָבעס, קעלבער, הינער, אייער און פּוטער, און וואָס נישט. צוריק האָט ער געבראַכט פון וואַרשע פאַרשיידענע סחורות פאַר די קרעמער: מאַנופאַקטור, אייזן, זייף, ליכט און אויך פאַרשיידענע אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען.

אין די יונגע יאָרן פלעגט אליה צוהעלפן דעם פאָטער אין דער פּרנסה, האָט פאַרשריבן אַלץ וואָס דער פאָטער האָט איינגעקויפט ביי די סוחרים צו פירן קיין וואַרשע, אויך אויפגענומען די באַשטעלונגען פון די קרעמער. ווען דער פאָטער איז געקומען פרייטיק צוריק פון וועג, איז שוין געווען זיין אַרבעט צו פאַרטיילן די סחורה פאַר די קרעמער, זיך מיט זיי אויסחשבונען און אויך איינקאַסירן די געלטער.

שפּעטער, שוין זייענדיק א בחור, איז ער אַוועק לערנען תורה צום קאָנסטאַנטינער רב, וועלכער איז שוין געווען רב אין לאָשיץ, נאָר דער נאָמען קאָנסטאַנטינער רב איז אים פאַרבליבן. דער רב איז געווען א גרויסער למדן, נישט קיין בטלן. ער האָט ליב געהאַט צו זאָגן א גלייכוווערטל און דערציילן פאַרשיידענע מעשיות. ביי דעם רב האָט אליה געלערנט תורה און חכמה. ווען די השכלה ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין יענער צייט, אין די אָנפאַנגס יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט, האָבן זיי אויך פאַרכאַפּט אליהן. ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטיפן אין וועלטלעכער ליטעראַטור, אַמְמייִנסטן רוסישע, אָבער אויך יידישע, געלערנט ווייטער תורה און געלייענט ביכער.

אין יענער צייט, ווען אויף דער יידישער גאַס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דער ציוניסטישער געדאַנק, האָט ער דער ערשטער אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין שטעטל א ציוניסטיש קעמערל. ער האָט זיך גענומען צו הילף נאָך יונגטלעכע, וואָס זענען אויך געווען אָנגעשמעקט מיט השכלה, צ.ב.ש. יוסף מייטקעס דער לערער, הערשל קאָרנהענדלער, נחום בעסלער, אויך מיידלעך: מלכה קאָרנהענדלער און חיה יאַבלאָן, און געשאַפן די ערשטע קערפּערשאַפט צו אַקטיוויזירן די ציוניסטישע אַרבעט אין שטעטל. צום באַדויערן האָט זיך זיי דאָס גלייך נישט איינגעגעבן צוליב דער קעגנערשאַפט פון די חסידישע פרומע יידן, וועלכע האָבן זיי פאַרשריגן אלס אפּיקורסים.

אָבער מיט א צייט שפּעטער געלינגט זיי מיט דער עקשנותדיקער אַגיטאַציע איינפלאַנצן דעם ציוניסטישן געדאַנק אין די הערצער פון א סך יוגענטלעכע, און אזוי זענען אַרויסגעקומען די ערשטע שפּראָצונגען פון דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען אין שטעטל.

אין יאָר 1910 האָט אליה חתונה, נעמט א פרוי פון שטעטל אָסטראָפּאָליע, ביי בריסק, און ווערט אן אגענט פון זינגערס ניי־מאשינען. זייענדיק א יונגערמאן מיט א שטארקער איבערצייגונגס קראפט, האָט ער צוערשט איינגערעדט אלע שניידערס און שניידערקעס פון שטעטל צו נעמען נייע מאשינען אויף אויסצאָלן עטלעכע יאָר אין קליינע ראטעס. די אלע בעלי־מלאָכות האָבן טאקע אויפגעלעבט. זיי זענען פטור געוואָרן פון די אלטע טראנטעס, וואָס האָבן קיין גלייכן שטאָך נישט געקענט ארויסגעבן, און ווען נישט אליה דער אגענט וואָלטן זיי אין לעבן נישט געקענט צוקומען זיך קויפן א נייע מאשין. נאָכדעם קויפט ער זיך א פערד און וואָגן, און פאָרט ארום איבער די דערפער פון דער געגנט און רעדט איין יעדן פויער צו קויפן א ניי־מאשין אויף די זעלבע באדינגונגען, און ווערט איינער פון די גרעסטע אגענטן אין שעדלעצער קרייז.

באזונדערס שמט ער מיט זיין גרויסן באגאזש פאָלקס־ווערטלעך, וואָס ער נוצט אויס ביי זיין ארבעט אין יעדער געלעגנהייט.

אין יאָר 1914, ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז דאָס צארישע רוסלאנד געווען שטארק איבערגעשראָקן און האָט באפוילן צו ארעסטירן אלע אגענטן פון זינגערס מאשינען פון גאנץ שעדלעצער גובערניע און זיי פארשיקט טיף קיין רוסלאנד, אויס מורא פאר שפּיאָנאזש, און אונדזער אליה דער אגענט אויך בתוכם. זיין פרוי דבורה בלייבט מיט 2 פיצעלעך קינדער אליין, אָן מיטלען צום לעבן, און פינצטערט אָפּ דריי יאָר.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט אין יאָר 1917, קומט ער א היים און ברענגט פון רוסלאנד א פולן באגאזש מיט מעשיות, וואָס האָט זיך אים קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט. באזונדערס האָט ער זיך דאָרט אויסגעלערנט טרינקען עכט רוסישן טיי „פּראָ קוסקו". ער האָט געמוזט יעדן טאָג לויפן א קילאָמעטער ווייט אין נאָנטן דאָרף, וווּ עס איז געווען א ספּעציעלער קוואַל מיט שפּרודלדיק וואסער, ברענגען אן עמער וואסער, קויפן די טייערסטע טיי, פריש פארבריען צו יעדער גלאָז טיי. זיין טיי איז געוואָרן א שם־דבר אין שטעטל. ווער ס'האָט זיך עפּעס געפילט שלעכט איז אוועק צו אליה גרשונס טרינקען א גוטע גלאָז טיי.

ער נעמט זיך ווידער צו זיין אלטער ארבעט: פארקויפן ניי־מאשינען פון דער זעלבער פירמע. אָבער די צייט שטייט נישט. מען ווערט עלטער, מען האָט שוין א גרעסערע פאמיליע מיט דערוואקסענע קינדער, די ניי־מאשינען קלעקן שוין נישט אויף פרנסה. זיין פרוי דבורה, אן אשת חיל, שפּאנט זיך איין אין דער ארבעט, פירט אריין אין שטוב א פארקויף פון מילכווארג, פּוטער, אייער א.ד.גל. און מען פירט ווידער א שיין בעל־הבתיש בכבודיק לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן.

אליה ווארפט אוועק די פריערדיקע אידייאישע ארבעטן, זאָרגט מער פאר זיין שטוב און פאמיליע, ווערט אויך פרימער, פארלאָזט זיך א קליין בערדל. אין דער פרייער צייט כאפּט ער זיך עוסק זיין אין תורה, פארברענגט אויך אין געזעלשאפט, זאָגט זיינע גלייכווערטלעך און וויצן. עס איז א פארגעניגן צו פארברענגען אין זיינע ד' אמות.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די נאציס קומען אריין אין שטעטל, האָט אים אויך נישט אויסגעמיטן דער גורל פון די 6 מיליאָן ידן. ער איז אויך געווען איינער פון די נאצישע קרבנות, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם.

בערל בורשטין (זייערמאַן)
בוענאָס איירעס

די טרעגער

די צוויי טיפּישע טרעגער אין שטעטל, בערעלע און בייניש, האָבן נישט אויסגעזען ווי די „טרעגער־יונגען" פון אַלע שטעט און שטעטלעך. אין קעגנזאַץ צו די שטאַרקע און ברייט־ביינערדיקע טרעגער, וואָס האָבן געקענט שלעפּן אויף זייערע פּלייצעס די גרעסטע, שווערע קאַסטנס, זענען אונדזערע צוויי טרעגערלעך נעבעך געווען קליין געוואַקסן. זיי זענען געווען פּשוטע „עמך־יידן", וואָס די ביטערע פּרנסה־נויטווענדיקייט האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין די פאַרמעליקטע צעריסנע מלבושים און זיי געהייסן איינבויגן דעם רוקן און אָנלאָדן משאות.

בייניש — וועלכער האָט געהאַט דעם צונאָמען וואַמפּ — דער עלטערער, מיט זיין ברייט־צעקעמט שוואַרץ בערדל, האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ מגיד. אויך בערעלע — „דער יעך" — מיט זיין קליין, בלאָנד בערדל, האָט נישט געהאַט קיין טרעגערשן אויסזען. זייער פאַמיליען־נאָמען האָט קיינער נישט געוווּסט, זייער עלטער אוודאי נישט.

אַז מען האָט געדאַרפט אָפּלאָדן אַ פור מיט אַ צען זעקלעך מעל, האָבן אונדזערע טרעגער אָנגעהויבן מאַכן די גרויסע הכנות. זיי נעמען אויסרעכנען פון וועלכער זייט עס איז לייכטער אָנצונעמען די זעקלעך, הגם יעדער זעקל האָט נישט געווויגן מער ווי 80 קילאָ. אָבער די זעקלעך מיט מעל זענען געווען גרעסער פון זיי און זיי האָבן געמוזט אַרויפגיין אויף עטלעכע טרעפּלעך כדי צו קענען אָנכאַפּן. דערביי האָבן זיי זיך באַגאָסן מיט טייכן שוויים, ווייל זיי האָבן ממש נישט געהאַט קיין כוח צו אַזאַ שווערער, „גוישער", אַרבעט פון דעם אָרעמען עסן, מ'שטיינס געזאָגט.

קיין סך צו טראָגן איז טאַקע אין שטעטל נישט געווען. שטענדיק האָבן זיי אָבער געמוזט שטיין אויף דער וואָך, געמוזט זיין אַ גאַנצן טאָג אין גאַס: טאָמער קומט־אָן אַ פורל מיט מעל, מיט אַ פעסל הערינג אָדער אַן אַנדער סחורה. ווען אַ בעל־הבית האָט געדאַרפט מען זאָל אים אַריינברענגען עטלעכע עמער וואַסער צו דער וועש, פלעגן זיי דאָס אויך מאַכן. דאַן איז איינער פון זיי געבליבן דרויסן אויף דער וואַך. די פּאָר גראָשן, וואָס זיי האָבן באַקומען, זענען גלייך צעטיילט געוואָרן אויף צוויי גלייכע חלקים.

בייניש האָט אַ ווייב און אַ טאָכטער, נאָך נישט קיין חתונה־געהאַטע. וווינט אין אַ געדונגענער דירה, ווי אַ געטרייער מאַן און גוטער טאַטע, גיט ער אַכטונג אַז אין שטוב זאָל גאָרנישט פעלן. זיין דירה פון איין צימער איז תמיד ריין. דאָס ווייב און די טאָכטער — נעט אָנגעטאָן. דער שבת ווערט ביי זיי געפּראַוועט מיט לייטן גלייך: מיט חלות, פיש, אפילו אַ קוכן, וואָס איז אַ לוקסוס אין אַ סך הייזער.

ווי־זשע האָט בייניש מיט זיין „פּראָפעסיע" דאָס אַלץ געקענט דערגרייכן? אמת, ער פאַרדינט אויך עפּעס ביי אַריינברענגען צו די בעל־הביתטעס אַ פּאָר עמער וואַסער. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך נישט גענוג צו פירן זיין הויז אַזוי יוסטע בעל־הביתיש. איז דאָך טאַקי אַ קושיא: פון וואַנען נעמט ער? פּשוט, יעדן פרייטיק גייט ער איבער די הייזער בעטלען. פון די פּאָר גראָשן, וואָס ער קריגט אויף שבת, ווערט פולער זייז פּרנסה...

בערעלע האָט א חלק אין דער ירושה־שטוב, וואָס איז שוין האלב איינגעזונקען, אין א הינטער־געסל. אז עס רעגנט אין דרויסן, ווערט אין שטוב א בלאָטע, ווייל קיין פּאָדלאָגע איז דאָרט נישטאָ. דער דאך איז געדעקט מיט שטרוי, וואָס איז שוין פון לאנג פארפוילט. ער האָט א פרוי און א פולע שטוב מיט קינדערלעך. הכנסות האָט ער אויך פון זייטיקע פּרנסות. ער טראָגט, ווי זיין שותּף בייניש, וואסער אין די בעל־הביתישע הייזער. דערצו האָט ער א קליין וועגעלע אויף פיר רעדלעך, אויף וועלכן ער פירט מעל פון מיל — פאר פריוואטע בעל־הביתטעס. אויך זיין חייב לאה איז א פארדינערין. זי רוימט און וואשט וועש אין רייכע הייזער.

אָבער דאָס אלץ האָט נישט דערמעגלעכט צו פירן דאָס הויז מיט לייטן גלייך. די קינדער גייען נאקעט און באָרוועס, דאָס ווייב אויך אזוי. די גאנצע וואָך שטופּט מען דורך ווי עס איז. ביטער קומט־אָן לאהן אריינצונארן דעם שבת אין שטוב אריין: אָפּבאקן א „פּאָשלאד”, קויפן א פונט לונג און לעבער, — פון פלייש, ווי ביי לייטן, קען מען אפילו נישט חלומען. מען קויפט אויך אמאָל א האלב פונט האק־פישלעך, אז די קינדער נעבעך זאָלן פילן דעם טעם פון א „שבתדיק מאכל”. דאָך טוען זיי דאָס שטענדיק שטיל, באשיידן און גייען צו קיינעם נישט בעטן.

גאָט אָבער פארלאָזט נישט דעם אָרעמען. צום גאנצן שווערן לעבן, וואָס דאָס קליינע בערעלע טראָגט אויף זיינע געבויגענע פּלייצעס, ווערט נאָך ביי אים קראנק די עלטסטע טאָכטער. כאָטש ער באקלאָגט זיך אויך איצט נישט פאר קיינעם, ווערן אָבער דערפון געוווירר זיינע שכנים. זיי זאמלען צונויף אין שטעטל אביסל געלט און טראָגן דאָס אריין בערעלען ער זאָל פאָרן מיט דער טאָכטער צום דאָקטאָר קיין ווארשע: א קינד מוז מען ראטעווען! נעמט בערעלע צו דאָס געלט און פאָרט מיט דער טאָכטער קיין ווארשע.

בערעלע האָט קיינמאָל דאָס שטעטל נישט געהאט פארלאָזט. איצט, אז ער איז געקומען קיין ווארשע און דערזען אזא כרך, איז ער פּשוט דערשטוינט געוואָרן. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער גאָרנישט געוווּסט פון וואָס פריער אָנהויבן דערציילן וועגן ווארשעווער לעבן: די געשעפטן, די טראמווייען. יעדער טראמוויי פארדינט אפשר 20 זלאָטעס א טאָג...

דער טאָכטער זיינער האָבן טאקע די דאָקטוירים אין ווארשע נישט געהאָלפן, אָבער בערעלע האָט זיין גאנץ לעבן געהאט צו דערציילן נסים פון ווארשע.

אז מען האָט אמאָל געפרעגט בערעלען וואָס ער וואָלט געטאָן ווען ער געפינט א „כשרע מציאה”, א גראָבן בייטל מיט געלט, האָט ער געענטפערט: „דאָס ערשטע וואָלט איך געקויפט א קילאָ ווארעמע פלעצלעך מיט א פערטל קילאָ פּוטער, אָנגעשמירט די פלעצלעך און אוועקגעטראָגן די קינדערלעך, זאָלן זיי אויך פארזוכן וואָס די גבירים עסן!” — דערפון שטאמט טאקע דאָס ווערטל „בערעלעס השגות”.

אויף דער פראגע: ווי גייט עס דיר? — פלעגט בערעלע ענטפערן: „עס איז מיר, גאָט צו דאנקען, בעסער ווי בינעם נאָרטמאן דעם גביר! איך האָב נישט קיין מורא פאר קיין גנבים און באנדיטן. ביי מיר איז ביינאכט די טיר שטענדיק אָפן. קיין גנב וועט צו מיר נישט קומען. קיין סעקוועסטראטאָר קומט אויך נישט צו מיר דרייען א קאָפּ מיט פּאָדאטקעס. וואָס פעלט מיר? ברוך השם, מען דארף נאָר זיין געזונט!”

אָבער שבת האָבן די צוויי טרעגער אויסגעזעזן גאנץ אנדערש אין זייערע שבתדיקע מלבושים און אויסגעצוואָגענע בערדלעך, גייענדיק אין בית־המדרש אריין מיטן טלית אונטערן אָרעם מיט דער השכמה, אריינכאַפּן פאַרן דאַווענען א פּרק תהילים. אויך אין וואָכן־טעג — פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, פלעגן זיי זיך צוהערן ווי מען לערנט א פּרק „עין יעקב".

ווער ווייס, די השגחה העליונה האָט פון אזוינע פּשוטע „עמך"־יידן, מיט זייער תמימות, געהאַט אפשר מער נחת ווי פון איידעלע למדנים!

★ ★ ★

שלום קליידערמאכער
ניו־יאָרק

דער מארטירער אין פארטיזאנער קאמף

דוד פערלמאַן איז געבוירן אין יאָר 1908 אין דאָרף האָלאָוועטשיץ, 5 ק"מ פון שטעטל סארנאקי, ביי נישט פאַרמעגלענע עלטערן. נאָך אלס קינד ציט זיך זיין פאַמיליע אריין אין שטעטל סארנאקי. ער קומט־אָן אין חדר, ווו ער לערנט א שיינע פּאָר יאָר. נאָכן לערנען אין פאַרשיידענע חדרים, טרעט ער צו אלס לערן־יינגל צום שניידער־פאַך, דערביי וואַכט ביי אים אויף דער דראַנג צום לייענען. אָטדער דראַנג לאָזט אים נישט רוען און ער וואַרפט זיך אויף דעם ווי א דאָרשטיקער אויף א פרישן קוואַל וואַסער.


דוד פערלמאַן

אָבער דאָס אליין איז פאַר זיין ברויזנדיקער נשמה געווען צו ווייניק. ער הויבט אָן זיך אינטערעסירן מיט פּאָליטיק און ווי פיל אנדערע פון זיין שטאַנד ווערט ער פאַרכאַפּט פון דער קאָמוניסטישער אגיטאַציע און ווערט אקטיוו אין א יוגנט־אָרגאַניזאַציע. ער אנטוישט זיך שנעל ווען ער פּאָרט צום ערשטן מאָל קיין וואַרשע, ווו ער באַקאַנט זיך מיטן לעבן פון די ברייטע יידישע אַרבעטער־און פּאָלקס־מאַסן. ער טרעט אריין אין דער בונדישער באַוועגונג אין וואַרשע און אלס א רייפער באַוווסטזיניקער סאָציאַליסט פּאָרט ער צוריק אין זיין געבורט־שטעטל סארנאקי, ווו ער נעמט־איבער דעם פאָרזיץ פון דער בונדישער באַוועגונג. ער צייכנט זיך אויס אויף אלע געביטן פון פּאַרטיי־לעבן סיי מיט זיין גרויסן רעדנער־טאַלאַנט, סיי מיט זיין סאָציאַליסטישן וויסן. אַזוי ווערט ער דער וואָרט־זאָגער אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין משך פון 4 יאָר.

אין דער זעלבער צייט פאַרפירט ער א ראָמאַן מיט א מיידל פון שטעטל, אַן אַרבעטאָרין אין דער שניידער־בראַנזשע. שפּעטער פּאָרט ער צוריק קיין וואַרשע, ווו ער באַקומט א גוטן אַרבעטס־פּלאַץ ביי זיין פאַך. ער נעמט אַריבער דאָס מיידל

און הייראט אין ווארשע. שטופנווייז אָרדנט ער איין זיין פאמיליען־לעבן, עפנט זיך א זעלבשטענדיקן ווארשטאט, באקומט זייער א שיינע קליענטעלע און פירט א באשיידן לעבן ביז דער לעצטער צייט פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

נאָכן אויסברוך פון דער קריג מיט די דייטשן זענען מיר אלע אוועק פון ווארשע איבער דעם טייך בוג קיין סעמיאטיטש. דאן באקומען מיר נאָך בריוו פון דוד פערלמאן, וואָס פרעגט זיך ביי מיר און ביי מיין ברודער שלמה וואָס ער זאָל טאָן, צי זאָל ער קומען צו אונדז. מיר האָבן לײדער שוין נישט געקענט געבן קיין ענטפער ווייל מען האָט אונדז שוין פארשיקט טיף אין סיביר.

ער איז פארבליבן מיט זיין פרוי און קינד אונטער דער דייטשער הערשאפט ביז 1942, ווען די ס״ס באנדיטן האָבן ארויסגענומען זיין פרוי און קינד פון ווארשעווער געטאָ צום שרעקלעכן אומקום.

דוד פערלמאן אָרגאנאזירט א גרופּע פון 35 פּערזאָן אין געטאָ און דורך פארשיידענע וועגן און אונטערוועגן געלינגט זיי ארויספירן די גאנצע גרופּע פון געטאָ און זיי אריינפירן אין די וועלדער ארום ווארשע. ער הויבט־אָן מיט זיין גרופּע פירן א פּארטיזאנער קאמף, באפאלנדיק איינצלנע קליינע דייטשע גרופּעס כדי ביי זיי צונעמען געווער. עס געלינגט זיי אין א קורצער צייט זיך איינשאפן געווער פאר דער גאנצער גרופּע. דאן פירט ער זיין מאנשאפט פון וואלד צו וואלד, קעמפנדיק ווי א פּארטיזאנער „אָטריאד". ער פארשאפט זיך מיט זיין גרופּע אַן אָנגעזעען פּלאַץ, קעמפנדיק מיט די דייטשע בעסטיעס און פארשאפנדיק זיי גרויסע פארלוסטן. עס פאלן אויך פון זיין „אָטריאד" איינצלנע פּארטיזאנער.

אין יאָר 1944, ווען עס דערגייט צו אים די נאכריכט פון פּוילישען אויפשטאנד אין ווארשע, רוקט ער זיך מיט זיין „אָטריאד" נענטער צו ווארשע צו העלפן די פּוילישע קעמפער. שוין זייענדיק נאָנט פון ווארשע, טרעפן זיי אָן א גרעסערע דייטשע גרופּע. עס צעפלאקערט זיך צווישן זיי אן אומגלייכער קאמף. זעענדיק אז די לאגע איז אויסזיכטלאָז און אלע וועלן אומקומען, באפעלט ער די איבערגעבליבענע פון זיין גרופּע צו אנטלויפן און ער אליין שטעלט זיך אוועק מיט זיין מאשין־געווער אין קאמף מיט די דייטשן כדי צו דעקן די איבעריקע זיי זאָלן קענען אנטלויפן און ער אליין קעמפט ביז ער שיסט־אויס אויף די דייטשן די לעצטע קוילן. דאן שיסט ער זיך אריין די לעצטע קויל, נישט וועלנדיק אריינפאלן לעבעדיקערהייט אין זייערע הענט און מאכט אליין א סוף צו זיין מארטירער־לעבן.

אזוי האָט פארענדיקט זיין לעבן א מאן, וואָס האָט געקעמפט און אוועקגעגעבן זיינע בעסטע יאָרן פאר פרייהייט, גלייכהייט און מענטשלעכע רעכט. זאָל זיין הייליקער קאמף באלייכטן אונדז דעם וועג פאר א שענערן מאָרגן און א בעסער לעבענס־ארט.



פארזאמלטע ביי די אזכרות



בסימן התקומה
וידעראויפבוי

שרגא זייערמאן
יפה

סארנאקער ביי בניין הארץ

די גרעסטע צאָל משפּחות פון דער שארית הפליטה פון אונדזער שטעטל, בערך 200 פאמיליעס, געפינען זיך אין ישראל, צעשפּרייט איבערן גאנצן לאנד, „מדן עד באר שבע", נעמען אָנטייל ביים אויפבויען דאָס לאנד אין אלע סעקטאָרן, אָנהויבנדיק פון שווארצער ארבעט, לאנדווירטשאפט, אדמיניסטראציע, רעגירונגס־אמטן, מסחר, בוי־ארבעט און אויך ביי קליין־און גרויס־אינדוסטרי.

פיל סארנאקער, וואָס זענען אין דער אלטער היים נישט געווען קיין פּראָדוקטיווער עלעמענט און געזוכט זייער עקזיסטענץ פון „לופט־געשעפטן", פארנעמען איצט אין לאנד וויכטיקע פּאָזיציעס.

מיר דארפן אינצווישן אויך איינרעכנען די 20 משפּחות, וואָס זענען געקומען אין לאנד אריין נאָך אין די 30־ער יאָרן, פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיי רופן זיך „ותיקים", אלט־איינגעזעסענע בירגער, אָבער אויך זיי זענען איינגעגלידערט אין דער אָרטיקער סארנאקער משפּחה.

פון עלטערן דור איז געקומען אין לאנד אריין א קליינער פּראָצענט. צוליב זייער עלטער האָבן זיי נישט געקענט זיך נעמען צו פיזישער ארבעט ביים אויפבוי פון לאנד. א טייל האָבן זיך גענומען צו מסחר, אנדערע האָבן זיך גענומען צו פארשיידענע לייכטע באשעפטיקונגען. די גאנץ אלטע ווערן אויסגעהאלטן פון זייערע קינדער.



פּרעזידיום ביים צוזאמענטרעף מיטן גאסט פון ארגענטינע, ח' נחום בורשטיין

אממערסטן זענען געקומען אין לאנד אריין מיט זייערע מינדעריעריקע קינדער יונגע פאַרלעך, וועלכע האָבן חתונה געהאט אין שטעטל נאָך פארן מלחמה־אויסברוך, אָדער אויפן וואנדער־וועג נאָך דער מלחמה אין פוילן, אויך אין די ד.פּ. לאגערן אין דייטשלאנד און אין איטאליע. זיי זענען געווען דער געוווּנטשענער עלעמענט, וועלכער האָט זיך געקענט איינאָרדנען ביי פּראָדוקטיווע ארבעטן.

די מינדעריעריקע קינדער, וואָס זענען געקומען מיט די משפחות, האָבן פאַרגעזעצט די לערע אין די רעגירונגס פאָלקס־שולן, אויך אין גימנאזיעס און אוניווער־סיטעטן און האָבן דערגרייכט א הויכע בילדונגס שטופע. היינט פאַרנעמען זיי וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער פּריוואטער אָדער רעגירונגס־ווירטשאַפט אין לאנד.

די ערשטע עולים

שוין אין אָנהויב פון די 20־ער יאָרן האָבן גענומען עולה זיין קיין ישראל (דעמאָלט „פּאלעסטינע") יוגענטלעכע פון שטעטל, וועלכע זענען געווען אקטיוו אין פארשיידענע ציוניסטישע אָרגאניזאציעס, אויך אין דער חלוצישער באוועגונג און באקומען סערטיפיקאָטן עולה צו זיין קיין א"י פון דער יידישער אגענץ אין ווארשע.

צווישן די אקטיווע ציוניסטישע פירער אין שטעטל איז אויך געווען אברהם שפּירא ז"ל, וואָס האָט זוכה געווען פון די ערשטע צו באקומען א סערטיפיקאט און האָט פארווירקלעכט דעם ציוניסטישן געדאנק, איז עולה געווען מיט זיין פרוי חיה (ראָזענבערג) אין יאָר 1924. כמעט אין דער זעלבער צייט איז אויך עולה זיין שוואָגער שלום ראָזענבערג ז"ל. זיי האָבן געארבעט אין לאנד ביי פארשיידענע אויפבוי־ארבעטן.

פון די ערשטע חלוצים דארפן דערמאָנט ווערן אסתר מאָנטשאזש (גראָנאָוויטש) און אברהם צוקער, וועלכע האָבן אדורכגעמאכט די הכשרה אין „החלוץ הצעיר" (שחריה) און זענען עולה געווען אין יאָר 1929.

מיט א צוויי יאָר שפּעטער זענען געקומען די חלוצים ישראל שטיינמאן און אייזיק מאָנטשאזש, אויך נאָכן דורכמאכן די געהעריקע חלוצישע הכשרה.

אין דער זעלבער צייט איז אויך געקומען פסח בראָנרויט מיט זיין פרוי מיט א סערטיפיקאט פון דער אגודת ישראל. אין תל־אביב ארבעט ער אין א בעקעריי, נאָכדעם ווערט ער דאָרט א שותף. שפּעטער בויט ער די מצות פאבריק אין ראשון־לציון מיט נאָך שותפים, איז דאָרט באשעפטיקט עטלעכע יאָר, לסוף פארקויפט ער זיין חלק.

מיט א יאָר שפּעטער קומט פריידע ראָזענבוים (שחר). זי טרעט אריין אין קיבוץ המאוחד אין ראשון־לציון, היינט שדה־נחום. עס קומט אויך פעסקע ראָגאָזשיק (שפּירא) מיט איר פאמיליע.

אין יענער צייט קומען אויך דעם רב'ס 3 זין: לייבל, מרקיל און ישראל כ"ץ. מרקיל האָט זיך גענומען צו בוי־ארבעט און איז נאָך ביז היינט באשעפטיקט ביי דעם. אלע דריי ברידער האָבן חתונה געהאט און פירן זייער משפחה לעבן.

אין יאָר 1934 קומט אלס קאפּיטאליסט יצחק פרידמאן און זיין פאמיליע מיט א קאפּיטאל פון עטלעכע טויזנט ענגלישע פונט און הויבט אָן בויען אין תל־אביב. ער האָט דאָרט אויפגעבויט צענדליקער הייזער.

אין די יאָרן 1934—36 קומען מיט דער עליה ב' ליבע גוטמאן (יאראָסלאווסקי), שפּרינצע בירנבוים (אבראמאָוויטש) און רבקה שטערן.

אין אַטדער צייט געפינען זיך אין שטעטל נאָך צענדליקער יוגענטלעכע, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די הכשרה און זענען גרייט עולה צו זיין קיין א״י. אָבער צוליב מאַנגל אין סערטיפיקאַטן און די שטרענגע קאָנטראָל פון דער ענגלישער מאַנדאַטאָר־מאַכט ביי די ברעגן פון לאַנד האָבן זיי נישט געקענט פאַרווירקלעכן זייער טרוים וועגן קומען קיין א״י, און פיל פון זיי זענען אומגעקומען דורך די נאַציס ימ״ש.

פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געקומען אין לאַנד אברהם יצחק ראָזענבוים, פון די פירנדיקע פערזאָנען פון „החלוץ". ער טרעט אריין אין דער ענגלישער אַרמיי און קעמפט אין דער בריגאַדע אויף פאַרשיידענע פראָנטן קעגן נאַצישן שונא.

נאָכן קאַטאַקליזם, וואָס האָט פּאַסירט מיטן יידישן פאָלק, איז די ערשטע געקומען אין לאַנד שרה ראָזענבוים (געלערשטיין), פון די פאַרבליבענע פון פאַרניכטונגס־לאַגער אוישוויץ.

מיט „יציאת אירופה" („עקסאָדוס")

אין יוני 1947 פאָרן ארויס מיט דער שיף „עקסאָדוס" פיל סאַרנאַקער פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין די ד. פּ. לאַגערן אין דייטשלאַנד, אויך אין די יוגנט אָרגאַניזאַציעס, ווי משה בירנבוים מיט זיין פאַמיליע, לוי יצחק מיט זיין פאַמיליע, יוסף פערלמאַן מיט זיינע 3 זין, חסיה אַפּעלבוים (פון „גורדוניה"), בלומה האָפמאַן (נעסטעלבוים), חיה שפּירא מיט די קינדער און נאָך אַנדערע.

ווי באַוווּסט זענען פאָרגעקומען גרויסע קאַמפן מיט די ענגלענדער, וועלכע האָבן נישט אריינגעלאָזט די שיף אין חיפהר פּאָרט. צווישן די פאַרוווּנדעטע האָט זיך אויך געפונען לייבל בירנבוים.

גלייך נאָכן פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה איז פאָרגעקומען אין די ד. פּ. לאַגערן אין דייטשלאַנד א „מאָביליזאַציע" פון יוגענטלעכע צו פאָרן קיין ישראל קעמפן קעגן די אַראַבישע אַרמייען, וואָס זענען אָנגעפאַלן אויף ישראל. צווישן די מאָביליזירטע זענען געווען יוסף קאַלמאַן, לוי זייערמאַן, איסר פעלדמאַן, אברהם ביר, אברהם גאָלדפאַרב און רחל זייערמאַן (קופּערשטיין) מיט איר מאַן זכריה. קומענדיק אין לאַנד, האָט מען זיי אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג אויסגעלערנט שיסן מיט א ביקס און זיי זענען גלייך רעקרוטירט געוואָרן אין מיליטער. די קאַמפן זענען דאַן געווען אין גרויסן ברעגן פון „מלחמת השחרור". אין פאַרלויף פון די קאַמפן איז געפאַלן יוסף קאַלמאַן ביי טירת כרמל, נעבן חיפה. ביים יאָגן די מצרים אויף זייער טעריטאָריע אין אל־עריש איז פאַרוווּנדעט געוואָרן לוי זייערמאַן.

מיט דער מאַסן־עליה

נאָכן שליסן דעם וואָפן־שטילשטאַנד מיט די אַראַבישע מדינות הויבט זיך אָן די גרויסע מאַסן עליה פון די לענדער ווי דייטשלאַנד, איטאַליע, רומעניע א. אַנד. צווישן די הונדערטער־טויזנטער עולים קומען אויך העכער 100 סאַרנאַקער משפחות. א טייל האָבן פאַרנומען דירות אין די הייזער פון אַראַבער, וואָס זענען געוואָרן ליידיק נאָך זייער אַנטלויפן. א גרויסער טייל ווערט באַזעצט אין די מעברות און וווינען דאָרט עטלעכע חדשים ביז זיי קריגן זיך ארויס מיט זייערע מעגלעכקייטן. דאַן הויבט

זיך אָן דער גערלאנגל פאר עקזיסטענץ. די ייגגערע נעמען זיך צו פארשיידענע ארבעטן — ווער אין שטאָט, ווער אין דאָרף. כמעט 30 משפחות באזעצן זיך אין כפר־סבא, א טייל אין דער נאָנט פון תל־אביב—יפו, אויך אין באר־שבע, לוד, רמלה, א טייל אין חיפה און אומגעגנט, אויך אין גליל. מען ווערט צושפרייט איבערן גאנצן לאנד.

כמעט אלע באקומען ארבעט ביי פארשיידענע אונטערנעמונגען. אויך אין קיבוצים האָט מען געקענט טרעפן אייניקע פאמיליעס. די מיליטער־פליכטיקע ווערן מאָביליזירט. דער גרעסטער טייל פון די סארנאקער זענען יונגע מענטשן. יעדער האָט זיך צוגעפאסט אן ארבעט לויט זיינע מעגלעכקייטן. א טייל האָבן זיך באשעפטיקט ביי בוי־ארבעט, וועלכע איז דאן געווען בראש. דער ערשטער קרבן ביי דער ארבעט איז געפאלן יצחק ריימאן ז״ל (ניסקע האָלאָוטשיצערס זון), וועלכער איז געפאלן ביים בנייך, ווו ער האָט געארבעט.

אויך ווערן א טייל באשעפטיקט ביי מלוכהשע ארבעטן: אליעזר אקערמאן מיט זיינע זין האָבן געארבעט ביי דער באן. לייבל זילבערנאגל ארבעט נאָך היינט אלס מאשיניסט ביים פירן די באן. יוסף פערלמאן האָט געארבעט 10 יאָר אין א מיליטערישן לאגער. שבתי לאנצמאן איז אויך באשעפטיקט ביי דער באן. פסח פערלמאן האָט דורכגעמאכט פארשיידענע פאָליצייאישע קורסן און סעמינארן, דערגרייכט צו דער ראנגע פון קאָלאָנעל, און איז פאָליציי־שעף אין דער שטאָט עכו. שמחה טיקאָטשינסקי (תקוע), שיע נאבאָזשניס אייניקל, ענדיקט די אוניווערסיטעט אין ירושלים אלס אדוואָקאט און פארנעמט אן אמט אלס פראָקוראָר אין געריכטס־ווען אין תל־אביב. לייבל שפירא



דער פאָטער מיטן פערד

(אברהמס זון) אמטירט אלס באנק־דירעקטאָר אין רמת־גן. לייבל בירנבוים איז דער טעכנישער לייטער פון דער גרעסטער נאפט־געזעלשאפט „דלק" און באזאָרגט מיט נאפט און בענזין דעם דרומדיקן טייל פון לאנד.

ביי לאנדווירטשאפט

א טייל סארנאקער עולים האָבן זיך גענומען צו לאנדווירטשאפט. חיים קאַפלאַן און משה זילבערמאַן האָבן באקומען פון קרן־קיימת און פון דער סוכנות אין כפר ביל"ו, ביי רחובות, צו 30 דונם ערד מיט א פערד, און מיט די ליידיקע הענט זיך גענומען צו דער ארבעט. יעדער האָט געקויפט א יאלישקע, צו דעם זיך פארנומען מיט עופות־צוכט אין קליינעם מאסשטאב. היינט האָט שוין יעדער פון זיי שטעלער מיט בהמות און אויך פערד, שטייגן מיט עטלעכע טויזנט עופות, פארזייטע פעלדער, גערטנער מיט אלע מינים גרינצייג צו פארקויפן דער שטאָטישער באפעלקערונג. זיי האָבן זיך אויסגעבויט שיינע הייזער מיט שטעלער, האָבן אויך אייגענע טראַקטאָרן צו באארבעטן די פעלדער. די קינדער האָבן חתונה געהאט און ארבעטן אין דער ווירטשאפט, ווילן זיך נישט אָפרייסן פון דער ערד־ארבעט.

אויפן צפון, אין מושב לימן ביי נהריה, וווינען 2 סארנאקער משפחות, וואָס האָבן זיך גענומען צו לאנדווירטשאפט. דוד נאָרטמאַן באזיצט א משק אין א גרעסערן פארנעם, מיט בהמות, פערד און עופות. אויך האָט ער געפלאנצט א סאָד מיט פארשיידענע פרוכטן, וועלכער גיט א גוטן יערלעכן איינקונפט. יעדן סעזאָן פארזעצט ער א גרעסערן שטח מיט פארשיידענע גרינצייג און פארקויפט אליין זיין פראָדוקציע אין דערבייאיקן שטעטל נהריה. דער צווייטער לאנדווירט, דוד פייערשטיין, איז געקומען אין לאנד



דער זון מיטן טראַקטאָר

אריין מיט 10 יאָר שפּעטער. אים איז דאָס אָנגעקומען פיל שווערער, דאָך איז ער ארויפגעשטיגן מיט זיין עקשנותדיקער ארבעט און האָט שוין אויך א גאנץ שיינעם משק מיט בהמות, פערד און עופות.

ביי אינדוסטרי

אויך אין דער אינדוסטרי נעמען אונדזערע סארנאקער אָנטייל. שרה ראָזענבוים, די טאָכטער פון מילנער שייע ראָזענבוים ז״ל, האָט צוערשט געעפענט א קליין פאבריקל פון קאָלדרעס און באשעפטיקט 10 ארבעטער. מיט דער צייט איז זי צוגעקומען צו א גרעסערער פאבריק מיט מאָדערנע מאשינען ביי תל־אביב, פּראָדוצירט פארשיידענע מאנופאקטור־שטאָפן און באשעפטיקט 30 ארבעטער.

טובה קאָרנפעלד, חייטשע די שניידערקעס טאָכטער, איז צוגעקומען צו איינער פון די גרעסטע און כאָדערנסטע מילן אין לאנד אין דער הויפּט־שטאָט ירושלים.

די גרעסטע טייל פון אונדזערע לאנדסלייט זענען ארבעטער און באאמטע אין אלע צווייגן פון מסחר און מלאכה אין לאנד. זיי געניסן פון אלע סאָציאלע רעכט, קראנקן קאסע, פארזיכערונג, פענסיע אויף דער עלטער א. ד. גל.

א טייל זענען אויך זעלבשטענדיקע, „עצמאים״, האָבן געשעפטן אָדער פארטרעטונגען פון פארשיידענע פּראָדוקציעס, אויך ארבעטס ווארשטאטן, ווי אלטער קאָרנפעלד, וואָס באשעפטיקט אין זיין שניידער־ווארשטאט אין חיפה איבער 50 ארבעטער.

פון דעם יונגן דור, די וואָס זענען געקומען אין לאנד אריין אלס קינדער, האָבן שוין פיל חתונה געהאט און פירן זייער פאמיליען לעבן. אויך זיי מיט די פאמיליעס זענען איינגעגלידערט אין דער סארנאקער געזעלשאפט, קומען אלע יאָר צו די אזכרות און באטייליקן זיך אין אלע צוזאמענטרעפן מיט די שטעטישע.



דריי דורות אויף אן אזכרה



אריה בירנבוים
רמת־גן

עליתי ארצה באניה „אכסודוס"

אריה בירנבוים עלה ארצה, יחד עם עוד מספר מעפילים מסארנאקי, באניה „אכסודוס" („יציאת אירופה תש"ז"), זו אנית־הדגל של תנועת ההעפלה, שרשמה פרק היסטוריה רווי סבל וגבורה בלתי שכיחה, בהסיעה למעלה מ־4,500 יהודים, ניצולי השואה באירופה.

כידוע החזירו השלטונות הבריטיים את המעפילים, שהורדו בנמל האמבורג, אולם עלו אחר־כך שוב כמעפילים בדרכים אחרות, חלק מהם — כבר אחרי קום המדינה.

אריה בירנבוים זכה להישאר בארץ, מבלי לנדוד שוב לאירופה — לאחר שנפצע מכדורי הצבא הבריטי ונאסף אל בית־החולים הממשלתי בחיפה. להלן — סיפורו על פרשת עליתו.

עוד בסוף 1946, בהיותנו על אדמת גרמניה, בבאד רייכנאו בבאווריה, התחלנו לחשוב על עליה ארצה בדרך „בלתי חוקית". האניה, שנועדה לעליתנו על־ידי „המוסד לעליה", שהיה פעיל באירופה, לא היתה מוכנה ויציאתנו נדחתה מפעם לפעם. את הזמן, שהיה לרשותנו, ניצלנו לשם הכנות: התאמנו בשימוש בנשק, למדנו עברית, שמענו הרצאות. הייתי אז בן 24, חבר קיבוץ „השומר הצעיר". עבדתי במחסן אונרר"א.

ב־29.6.47 קיבלנו הוראה מההנהגה הראשית של „השומר הצעיר" במינכן לצאת לאולם, מערב גרמניה. כבר אז, למן הרגע הראשון, היה ידוע לנו, כי אניה זו „תעשה היסטוריה". חלק ניכר מהמעפילים היו מהתנועה הקיבוצית מכל הזרמים, והבנים הביאו אתם גם את הוריהם. בין המעפילים היה גם מרכז ההנהגה של „השומר הצעיר" מרדכי רוזמן.

אל אולם הגענו ברכבת ושם עברנו למשאיות. ניתנו לנו תעודות מזוייפות ובלילה יצאנו לדרך. המשכנו ללא תקלות. את גבול צרפת עברנו בשטראסבורג.

האניה לא היתה עדיין מוכנה. הגענו לטריטס, חווה חקלאית בצרפת, שבה שהינו 4 ימים. היינו שם כמאה איש, כולם חברי „השומר הצעיר": 60 מקיבוצי — „בין גבולות", 30 מקיבוץ „למרד" ובודדים מבלגיה. אתנו היה גם איש „המוסד לעליה". קיבלנו פקודה לזוז ולפנות בוקר יצאנו לעיר סיט, ממערב למארסייל, מקום שם עגנה האניה והתחלנו לעלות עליה.

בצהרים עלה האיש האחרון לאניה, שהתמלאה ונדחסה מעפילים בכל הסיפונים, בכל התאים — קומות־קומות, דרגש מעל לדרגש בתוך התאים, בס"ה 4,556 אנשים. יחד אתי היו באניה גם בני משפחתי מסארנאקי: אשתי, הורי, שתי אחיותי, הורי אשתי, דודה ובני דודים, בס"ה למעלה מ„מגיין יהודים" קרובי משפחה.

היתה זו אניה אמריקנית, ששמה המקורי היה „פרזידנט וורפילד", כבת 30 שנה. מקודם הילכה על המיסיסיפי כאנית־משא. אחר־כך נקנתה על־ידי הבריטים והותאמה להפלגות בים הפתוח לצורך הסעת נוסעים. ב־1945 הוחזרה לארצות־הברית לפירוק

כגרוטות. אולם מכונותיה היו עדיין טובות וחזקות והיא נרכשה על־ידי יהודים בנובמבר 1946. כאשר עברה לשירות „המוסד לעליה" הניפה דגל הונדוראס.

אנשי הצוות היו יהודים מארצות־הברית ומקאנאדה ואחדים מישראל. רב־החובל היה „אייק" (יצחק אהרונוביץ'). המפקד מטעם „המוסד לעליה" היה אמנון (יוסף הראל).

יציאת האניה מהנמל לא היתה פשוטה כלל. לכך דרושה היתה עזרת נווט והרי מעמדה של האניה הגדולה בנמל הקטן היה מיוחד במינו, כששלטונות צרפת עמדו תחת לחץ הממשלה הבריטית. הוזמן נווט לאחר שהוסכם אתו שיקבל סכום עצום (מיליון פראנק). הוא היה צריך להגיע בשעה 2 לפנות בוקר, אך לא בא ופיקוד האניה החליט, מאין ברירה, לצאת בכוחות עצמו. כל אותו לילה הייתי ער בהיותי אחראי לקבוצתנו. לפנות בוקר הודיע לי מרדכי רוזמן, כי אנו מפליגים.

תמרוני האניה כדי לצאת מפתח הנמל היו קשים מאד. המדחף הסתבך בכבל זר. תוך כדי תמרונים עלתה האניה על שרטון ופעם נתקלה במזח הנמל. כך נמשך הדבר שעתיים וחצי ורק לאחר מאמצים קשים והסתכנות רבה הצליח קברניטה להוציאה אל הים בשעה 7 בבוקר. רוב־רובם של האנשים באניה לא ידעו כלל על הסכנות, שעברו עליהם. אז חלף לראשונה מעל לאניה מטוס־תצפית בריטי, שעקב אחרינו. פחד השתרר באניה והמעפילים גילו דאגה רבה.

יוסף הראל פנה אז בדברי ארגעה ואחריו נאם מרדכי רוזמן. דבריו, שנתקבלו כשסביב שרר שקט מופתי, עוררו התרוממות־רוח. הוא אמר: יהודים, אין אתם יודעים על הסכנות, שעברו עליכם כאשר האניה תמרנה כדי לצאת מהנמל. עברנו בשלום. אך צפויות לנו עוד מערכות קשות. אולם אני בטוח, כי נגיע אל חופי הארץ. אבקש מכל אחד ואחד מכם למלא את תפקידו כפי שנדרש ממנו.

החיים באניה החלו להיכנס למסלול מאורגן. על כל סיפון היה מפקד. האנשים חולקו למחלקות וכל ראש מחלקה קיבל מזון בעד אנשי מחלקתו. גם המים נכנסו ל„משטר". אורגנה שמירה לשם קשר בין האנשים. לצרכי אינפורמציה פורסם בסטנסיל עלון יומי, שהכיל ידיעות. בתוך הצפיפות הרבה נמצא גם מקום לעריכת ערבי מחול...

באניה היה גם בית־חולים ובו רופא ואחיות — כולם מעפילים.

לאחר הפלגתנו ראינו באופק משחתות בריטיות מתקרבות אלינו. כעבור יום־יומיים החלו לשוט יחד אתנו. עד־מהרה ראינו, כי הננו מוקפים 7 משחתות: 3 מימין, 3 משמאל ואחת מלפנים. הבינונו, כי צפוי לנו מאבק קשה ואכזרי.

אז התחלנו להתכונן להתגוננות ולהכשיר את האניה לשם התנגדות לחיילים הבריטים כאשר ינסו לעלות עליה. במעט יום־יום נערכו ישיבות בהשתתפות ראשי המחלקות בהנהלת מ. רוזמן. אמצעי ההתגוננות שלנו היו מערכת צינורות קיטור ומערכת צינורות דלק סביב האניה, שאותן צריך היה להפעיל בשעת הצורך נגד המשחתות. הוכנו גם כלי־מלחמה פרימיטיביים מאד: בקבוקים, קופסות שימורים. פירקנו את המדרגות הפנימיות באניה ובעצים השתמשנו כדי לבצר אותה. כדי ליצור קשר בין הסיפונים הורדנו סולם־חבלים מהסיפון העליון עד תחתית האניה. לשם זה צריך היה לנקוב חורים ברשת הרצפה בקרבת הארובה. העבודה היתה מפרכת והחום היה איום ועל כן התחלפנו כל כמה דקות. ההכנות הושלמו וכל אחד מהמעפילים ידע את תפקידו.

ב־15 ביולי, כשהיינו כבר בקרבת חופי הארץ, פנו אלינו הבריטים בעזרת רמקול. הם הכריזו: „אנו יודעים מי אתם ולאן פניכם מועדות. לא תוכלו להתחמק מאתנו.

תפקידנו הוא למנוע את כניסתכם לארץ־ישראל ובשום אופן לא ניתן לכם להיכנס. מוטב שתסכימו שנעלה לאניתכם.

הקצין השני באניה, הרי, שהיה אמריקני, השיב להם בתקיפות, כי יצאנו בלעדיהם ונגיע בלעדיהם. כך המשכנו לשוט, מבלי לגלות אותות בהלה.

כראש מחלקה קיבלתי הוראה להיות עם מחלקתי בחרטום האניה. היה לנו דגל לאומי והעלינוהו על ראש התורן יחד עם תמונת מרדכי אנילביץ׳, מפקד המרד בגיטו וארשה. התגלחתי והתכוננתי כמו לטקס חגיגי והחברים התפלאו למראה הכנותי אלו.

הבריטים פנו אלינו בקריאותיהם עוד כמה פעמים, אך קיבלו מאתנו אותן התשובות. הם ראו, כי לא יוכלו לשכנע אותנו שניכנע להם ואז החלו להתקיף אותנו. היה זה הרחק מעבר למים הטריטוריאליים ופעולתם היתה איפוא בלתי חוקית.

אחת המשחתות התקרבה אלינו ובחרטומה נגחה את אניתנו, שדפנותיה היו עשויים עץ. לפחות 20 נגיחות ספגה האניה עד שנפרצה בה פרצה גדולה והחיילים הבריטים החלו לעלות עליה.

החל מאבק אכזרי. החיילים עלו גלים־גלים אל האניה ואחדים מהם נהדפו והופלו על־ידינו. הם ירו באקדחים ובנשק אוטומאטי והכו באלות. אנו השתמשנו ב„כלי יריה" כגון בקבוקים, קופסות שימורים, ברגים, חלקי צינורות, תפוחי־אדמה.

עמדתי ליד חדר המכונות ונפצעתי בכדורי החיילים בראש ובבטן ונפלתי. אולם הכרתי לא אבדה. בכוחות עצמי זחלתי כדי להתרחק ממקום הסכנה. צעקתי אל חברי: „בין גבולות, הצילו!" חברי קפצו, לקחוני והעבירוני אל בית־החולים של האניה.

אחרי 3 שעות מאבק נפלו עשרות פצועים מבינינו. מים החלו לחדור לאניה מבעד לנקבים. ההתנגדות נפסקה באין ברירה והחיילים הבריטים השתלטו על האניה, שאנשיה התגוננו בגבורה, אך לא יכלו לעמוד מול צבא מאורגן ומזויין.


עד אז היה השלטון הבריטי מביא את העולים ה„בלתי חוקיים" למעצר במחנות קפריסין כתחנת־מעבר לעליה ארצה על יסוד סרטיפיקטים. אולם הפעם התייחסו ביתר חומרה והחליטו להחזיר את המעפילים לאירופה. האניה נגררה לחיפה על־ידי המשחתות כדי להעביר את המעפילים לאניות הגירוש.

בשוך ההתנגשות נתברר, כי באניה יש 3 קרבנות: 2 מעפילים: מרדכי בומשטיין — בן 23, חבר „השומר הצעיר" מפולין; צבי יעקובוביץ׳ — בן 13, חבר „דרור"; השלישי היה איש צוות האניה ויליאם ברנשטיין, בן 28 (מלבד אשה, פולה אברמוביץ׳, שמתה בלדתה וגופתה הוטלה הימה בדרך).

בהיותי פצוע הוגשה לי עזרה ראשונה באניה על־ידי הבריטים. בהגיע האניה ביום ו׳, ערב שבת, לחיפה, הובאתי אל החוף כמעט במצב חוסר הכרה וקרובי וידידי לא קיוו שאשאר בחיים. „אייק" נפרד ממני בלבביות. אשתי באה יחד אתי והבריטים לא רצו תחילה להרשות לה לרדת, אך תפסתיה בידה והחיילים התאמצו לחלצה מידי ולא יכלו. דבר זה השפיע עליהם וזה לזה אמר: עזוב אותה! אחותי, בת־שבע קויפמן, החלה לצעוק ונדחקה אף היא אלי וכך הצליחה גם היא לעלות אל החוף.

עוד באותו ליל שבת נותחתי בבית־החולים הממשלתי בחיפה (כיום — בית־החולים רמב"ם) על־ידי רופא בריטי, שלאחר הניתוח אמר: „הוא עוד יהיה בן־אדם!" בבית־החולים נשארתי לשם טיפול במשך כמה שבועות ואחר־כך נשלחתי אל בית־החולים במחנה המעפילים בעתלית. משם שוחררתי בבוא תורי, יחד עם שאר מעפילים „בלתי חוקיים".

נפלו בהגנה על אדמת המולדת
געפאלן פארטיידיקנדיק דאָס פאָטערלאנד



אמנון גרונוביץ'

המדריך הצעיר לילדי „ישראל השניה"

אמנון נולד באוגוסט 1933 בתל־אביב. בהיותו תלמיד כיתה א' עברנו לכפר־אתא. לאחר שגמר את בית־הספר היסודי למד בבית־הספר המקצועי בקרית־חיים. היה תלמיד טוב וילד מסור בבית.

בגיל צעיר מאד הצטרף לתנועת „השומר הצעיר". בקן התבלטו תכונותיו: חיבה לחיי חברה ומצב־רוח עליז. הוא אהב את מצוות התנועה וידע לשמור על הערכים השומריים. זמן קצר היה חניך ובמהרה ראינוהו כמדריך. והנה הוא בפעולות הגדוד, בערבי הקן, במחנות ובטיולים. בכול הטביע את חותמו והשרה מרוחו העליזה, המלאה הומור ואהבת חיים. הוא אהב לשיר, לנגן במפוחית ועוד זמן־מה לפני מותו השמיע קולו בשירה עם חניכיו בקן מגדל־אשקלון.

בימי מלחמת השחרור הצטער על שלא היה מבוגר לפחות בשנתיים בדי שיוכל ליטול חלק במאבקנו הלאומי. לא בנקל השלים עם תפקיד קשר בין העמדות או עם עריכת תצפיות והעברת נשק. מה מאושר היה ביום שלבש מדים! עם עוד חברים מהקן הצטרף לנח"ל. את שנת שירותו עשה בבית־אלפא והשלים יחד עם הגרעין את קיבוץ בית־קמה בנגב, אשר זמן קצר קודם־לכן עלה על אדמתו. לא־פעם היה מגיע הביתה במאוחר בלילה לשעות ספורות בלבד; הזדמן לו „טרמפ" והוא „קפץ" הביתה כדי לראות מה שלומנו. מאז מצטיירת לפני תמונה אחת, בבואו לבוש מכנסיים קצרים, נושא תרמיל ועל פניו נסוך החיוך התמידי והוא מספר על ארץ הנגב המקסימה, שכה היטיב להכירה. להערה, כי השעה היא מאוחרת וכי אבא צריך להשכים קום לעבודה, היה משתפך על פניו אותו חיוך מצודד, באמרו: — חבר'ה (היה מדבר אלינו כאל חבריו, כי לא רק בן היה לנו, אלא גם חבר טוב), אנחנו עדיין כה צעירים, עוד נספיק לישון, נדבר על הנגב וזה ירענן אתכם. וכן היה. בצמאון רב גמענו את דבריו. תיאוריו ריתקו אותנו כבחבלי קסמים.

אחר היותו למעלה משנה בביתו החדש נענה לקריאת התנועה ויצא בשליחות להדרכה. מאז ואילך היה הקוו בית־קמה — מגדל־אשקלון מסלולו הקבוע. אך גם בתפקידו החדש שמר על קשר הדוק עם הבית.

אמנון נהיה מדריך ומורה לילדי „ישראל השניה", עמל הרבה כדי להקנות את ערכי התנועה לאותם נערים, שמנת־חלקם באותה תקופה היתה עוני ומחסור, והוציא אותם מתוך עולמם הצר והמפגר. הוא נהיה ראש קן ובעמל נמלים טרח לעתיד הנוער.

מאבק קשה מאד היה לו עם הורי החניכים, שהתנגדו לחינוך התנועתי משום שרצו שהילדים יעזרו לשאת בעול הפרנסה במשפחה המטופלת בילדים. בסבלנות רבה שכנע אותם, כי הדבר הוא לטובת הילדים וכן רכש את אמונם.

רק ימים אחדים נותרו לאמנון לסיום תפקידו לאחר שתי שנות עבודתו החינוכית. חפציו הובאו כבר לקיבוץ, שכה ציפה כבר להיות בתוכו, יחד עם חברתו האהובה, שהיתה כבר בחודש האחרון להריונה. אולם הוא לא זכה לראות את פרי אהבתו. כה אהב ילדים, כה צהל לקראת המאורע להיותו אב! אבל הגורל רצה אחרת. בהיותו בן 22 אביבים, מלא מרץ וחדוות יצירה, מצא את מותו בתאונה קטלנית, בחזרו מפעולה הביתה. הזמן לא הקהה את חוד הכאב.

אמא

אסתר גרונוביץ' (לבית מונצ'אז')



טובה חיבובסקי

הקצינה המחוננת

חן רב ומאור־פנים היו בה כשפגשתיה רק כשבוע לפני האסון. כובע קצינה שמוט בשובבות על תלתלי ראשה, עיניה יוקדות ומבריקות וכולה אומרת חדוות נעורים.

עם גלי השואה נישאה משפחת חיבובסקי עם שלוש בנותיה בין שכול ויתמות, באש ובמים. בחסותם של נוצרים שמרו האב והאם על גוזליהם הקטנים עד שספינתם הטרופה הגיעה ארצה ב־1950. קשים היו חבלי הקליטה — שנים במעברה, באוהל, בצריף דולף עד למגורי־קבע באשיות ליד רחובות. הם חסכו פרוטה לפרוטה וחינכו את הבנות.

טובה גדלה כפרח, גמרה בית־ספר תיכון ובעיניים פקוחות צפתה לעתיד. רבות היו תכניותיה ללימודים ולהשתלמות. לפני צאתה לצבא עבדה עמי במשרד והרבה אהבנוה. בת־צחוק רעננה ריחפה תמיד על פניה ופשטות וסדר היו מלווים תמיד את תנועותיה. בזמן קצר התחבבה על הכול וידענוה כיצור ברוך אלוקים.

את שעותיה הפנויות הקדישה טובה עד חצות הלילה לקריאה, בעיקר שירה. בכספי הסכונותיה היתה קונה ספרי שירה ובהם מצאה את עולמה. ידעה גם למשוך בעט־סופרים. השקפת־עולם מיוחדת על החיים היתה לה ובאיזמל חד וביקרתי היתה מעבירה תחת שבטה את כל הופעות החיים.

גם בצה"ל היתה מכובדת ואהובה. נשלחה לקורס קצינים והגיעה לדרגת קצינה. אך בא היום המר ותאונת־דרכים אכזרית קיפדה את פתיל חייה והיא בת 21 — אלון שנגדע בלא עת.

חיים גמר



גיורא צוקרמן

הבחור המסור

הכרתי את גיורא צוקרמן מיום היוולדו, בעת שביקר בגן הילדים, בשנים שלמד בבית־הספר. תמיד ליווינו אותו בחיבה.

הוא הצטיין בלימודים, גמר בהצטיינות את בית־הספר החקלאי התיכון בנהלל ושם ספג את תורת האדמה. הוא לא חזר העירה לחפש בה נוחות וחיים קלים. התקשר עם משגב־עם בצפון וקציעות בדרום.

תמיד היה חן של תמימות נסוך על פניו. השתלבו בו הסגולות היפות של תורה ועבודה. נאה דרש ונאה קיים בגופו ובנפשו.

הוא היה עוד בפריחתו ולא הספיק להשתמש בכל סגולותיו. כל השנים היה בן טוב להוריו, צנוע בהליכותיו ובדרישותיו. היה מסביר פנים לכל אדם, טוב לב, מסור ונאמן לעם ולמולדת. נפל והוא רק בן 19 שנה ותודש.

ישראל שטיינמן



נפתלי זילברמן

הוא ביקש להציל פצועים

זה אירע באחד הקרבות המרים ביותר ועקובי הדם במלחמת סיני. סגן נפתלי זילברמן (זאבי) היה סגן מפקד יחידת טנקים, שנפגעה באש החזקה. חלק מאנשי היחידה נהרג במקום, חלקם היו פצועים קשה. סגן זילברמן היה בין הפצועים. הוא הבחין בזחל״ם, שהיה בקרבת מקום ושלא נפגע, החליט לחלץ את הפצועים.

הוא עזר לחובש לטפל בפצועים הקשים יותר, יצא בזחילה אל הזחל״ם הקרוב, תחת מטר אש. כשהיה בקרבת הזחל״ם, פגע פגז של תותח אנטי־טנקי ברגליו. הוא מת כעבור דקות אחדות.

מעשה הגבורה וחירוף־הנפש של נפתלי זילברמן מסופר בחרדת־קודש ממש בפיות פקודיו, שחזרו מאותו קרב. אולם לא רק מעשהו האחרון היה ראוי להתפעלות. סיפור חייו הוא רב־עלילה כמעשה גבורתו האחרון.

נפתלי נולד לפני 27 שנים בעיירה הקטנה סארנאקי שבפולין, כבנו של יצרן מברשות. נפתלי היה בן 10 כאשר פרצה מלחמת־העולם השניה.

אחרי המלחמה, המשיכה המשפחה מפולין בדרכה לאוסטריה, השתקעה במחנה עקורים של אונרר״א. שם החלו לראשונה לימודיו הסדירים של נפתלי. במשך שלוש שנים למד אוטו־מיכניקה בבית־ספר של „אורט״ וזכה בתעודת הצטיינות כבעל־מקצוע מעולה.

שנה אחרי קום המדינה הגיעה משפחת זילברמן לישראל. עברו עליה טלטולי הקליטה הרגילים: ממחנה עולים בסנט לוכס למעברה בבית ליד ומשם, אחרי שנה וחודשיים של סבל, לשיכון בכפר־סבא.

כבר בהיותם במעברה החל נפתלי לעבוד בתל־אביב. כעבור שנה גוייס לצבא. תחילה שירת כמכונאי, אולם שאף לעלות בדרגה ונשלח לקורס קצינים. כשסיים את הקורס, נמצא מתאים לחיל השריון, חתם על שירות בצבא הקבע, שבו שירת עד יומו האחרון.

הוא קיווה להתחתן בקרוב ולמטרה זו אסף גם סכום כסף בבנק, אולם כאשר היתה אמו מאיצה בו שיתחתן, היה נפתלי אומר: קודם כל אדאג לכם ואחר־כך לי.

במכתב האחרון, ששלח הביתה, כתב לאמו: „את יכולה להשתמש בכסף שהשארתי בשביל הבית. אני לא אצטרך אותו כל כך מהר״...

(„העולם הזה״, 9.1.1957)



יוסף קאַלמאַן

דאָס געוויסן האָט אים גערופן

נאָך דעם באשלוס פון אונ״אָ אין 29־טן נאָוועמבער 1947, ווען די אראבער האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן דעם יישוב, האָט יוסף קאַלמאַן זיך פרייוויליק געשטעלט אין די רייען פון די פאַרטיידיקער. אויף די פּרווון פון זיינע פריינט אָפּצוּווענדן אים פון דעם חילן האָט ער געזאָגט: — מיין געוויסן לאָזט מיר נישט זיצן אין דער היים ווען דאָס פאָלק בלוטיקט!

אָנפאַנגס האָט יוסף קאַלמאַן זיך באטייליקט

אין די קאמפן ביי די גרענעצן פון תל־אביב—יפו. שפּעטער איז ער איבערגעפירט געװאָרן אין אן ארטילעריע־אָפּטײלונג אין אן אנטי־טאנק גדוד.

ביז דער ערשטער הפוגה (מלחמה־אונטער־ברעכונג) איז ער געווען טעטיק אין נגב און זיך באטייליקט אין די קאמפן אין ניר־עם און יד־מרדכי. נאָכדעם איז ער איבערגעשיקט געװאָרן אין צפון־טייל פון לאנד, ווו ער האָט זיך באטייליקט אין די קאמפן אין גשר, משמר הירדן און צפת.

דעם 6־טן יולי 1948 האָט יוסף אָנטײלגענומען אינם קאמף אויף דער שטאָט נצרת, אין וועלכן ער האָט זיך אויסגעצייכנט.

ווען די יידישע קאָלאָנע איז אָנגעקומען אויף דער שטאָט, האָבן זיך באוויזן 9 פאנצערס פונם שונא, וועלכע האָבן זיך באוועגט אין דער ריכטונג פון אונדזערע כוחות. ווען די פאנצערס האָבן זיך דערנענטערט ביז 500 מ׳, האָט יוסף אָנגעהויבן פייערן אויף זיי. 6 פאנצערס זענען צעשמעטערט און פארברענט געװאָרן און די איבעריקע 3 זענען אנטלאָפן.

דער קלאפּ האָט צעבראָכן דעם ווידערשטאנד פון די אראבער און דערמעגלעכט אונדזערע אָפּטײלונגען צו באזעצן די שטאָט.

אויפצומאָרגנס איז יוסף געווען טעטיק אויפן שאָסיי חיפה—תל־אביב, קעגנאיבער כפר ג׳בעה. פאָרנדיק האָט ער אָפּגעענטפערט מיט פייער די רוצחים, וועלכע האָבן באשאָסן און געשטערט די קאָמוניקאציע אויפן שאָסיי.

פּלוצלונג האָט זיך פארקלאפּט זיין כלי. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן איבערטויישן דעם מאגאזין, האָט אים א קויל פונם שונא געטראָפן אין קאָפּ און אן ענדע געמאכט צו זיין לעבן. צו קבר ישראל איז ער געבראכט געװאָרן דעם 20־טן יולי 1948 אין חיפה.

*

יוסף קאָלמאן, א זון פון אסתר און נחום קאָלמאן, איז געבוירן געװאָרן אין סארנאקי אין יאָר 1925. זיין פאָטער שטאמט פונם שכנותדיקן שטעטל קאָנסטאנטינאָוו פאָדלאסקי. זיין מוטער איז געבוירן אין סארנאקי און פאריתומט געװאָרן יונגערהייט.

נאָך אלס קינד האָט יוסף קאָלמאן זיך אויסגעצייכנט מיט העלדישקייט און מיט ליבע צו ארבעט. ער איז געווען באליבט ביי די עלטערן פאר זיין פאָלגזאמקייט.

ער האָט נישט געװוּסט װאָס שרעק איז. לערנענדיק אין שולע, איז ער געווען א פארטיידיקער פאר זיינע חברים, וועלכע האָבן באקומען קלעפּ פון די קריסטלעכע שילער. ניט איינמאָל האָט די לערערין אים אהיים געשיקט ער זאָל רופן די עלטערן. די קריסטלעכע קינדער זענען געוווינט געווען, אז א ייד זאָל אראָפּבויגן דעם קאָפּ און זיך לאָזן שלאָגן. אָבער ניט אזוי האָט יוסף געמיינט.

ווען יוסף האָט געענדיקט די פאָלקס־שולע איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. 6 מאָנאטן נאָך דער מלחמה, אין נאָוועמבער 1945, איז ער אָנגעקומען אין דער אמעריקאנער זאָנע אין דייטשלאנד און אריין אין לאגער ניי פריימאן ביי מינכען.

אין לאגער האָט זיך אָנגעהויבן א ציוניסטישע טעטיקייט. יוסף האָט זיך אָנגעשלאָסן אין א ציוניסטישער יוגנט־באוועגונג, פון וועלכער ער האָט געשעפּט מוט אָנצוהויבן א נייעס לעבן פון ארבעט און שאפן אין אלט־באנייטן לאנד ישראל. ער האָט אָנגעהויבן לערנען דאָס פאך שלאָסער־מעכאניקער אין א דייטשער שול אין מינכען כדי צו זיין פּראָדוקטיוו אין ישראל.

אָבער דאָס אומזיסטע ברוגז פון אונרר״א און דזשאָינט איז אים שנעל פארמיאוסט געװאָרן און ער האָט באשלאָסן עולה־זיין אומלעגאל קיין ישראל.

דעם 2־טן יולי 1946 האָט ער פארלאָזט דייטשלאנד. צו די ברעגן פון ישראל איז ער אָנגעקומען מיט דער שיף „יגור״. די בריטישע מאכט האָט פארכאפּט די שיף און אוועקגעשיקט אלע מעפּילים קיין קפריסין און יוסף איז געווען פון די ערשטע פארשיקטע אויפן אינדזל.

דריי מאָנאטן האָט ער געהיילט אין קפריסין. ווען ער איז באפרייט געװאָרן און אָנגעקומען אין לאנד, האָבן אים נישט דערוואַרט קיין פרידלעכע טעג. ער האָט געוווינט אין תל־אביב און שווער געארבעט. טראָץ דעם איז ער געווען צופרידן און גליקלעך זייענדיק ביי זיך אין לאנד. צוויי יאָר האָט ער אזוי געלעבט אין לאנד ביז ער האָט זיך פרייוויליק מאָביליזירט און געפאלן אין קאמף.

אנשל קאָלמאן

טעטיקייט פון פארבאנד אין ארגענטינע

די עמיגראציע פון שטעטל קיין ארגענטינע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין יאָר 1926, ווען די יידישע באפעלקערונג אין פוילן האָט איבערגעלעבט עקאָנאָמיש און ווירטשאפטלעך דעם שווערן קריזיס פון „גראבסקיס צייטן". דער שטארקער פרעס פון פוילישן שטייערן אפאראט אויף דער יידישער באפעלקערונג איז ספעציעל שטארק אָנגעווענדעט געוואָרן קעגן יידישן קליינהענדלער און בעל־מלאכה, וועלכע האָבן אין קיין פאל נישט געקענט אויסהאלטן די גרויזאמע עקזעקוציעס. די אלגעמיינע יידישע פרנסה עקזיסטענץ אין פוילן איז געוואָרן באדראָט און פאראורטיילט צום אונטערגאנג.

אין יענער צייט איז די עמיגראציע אין פארשיידענע לענדער געווען זייער באשווערט, אויסער ארגענטינע, וועלכע האָט זיך דאן געגוויטיקט אין ארבעטס הענט.

האָט זיך ביי אונדז אין שטעטל אָנגעהויבן אַן אויסוואנדערונג פון די ערשטע פיאָנערן אין דעם גאָלדענעם לאנד אריין, ווו עס האָט זיך פאָרגעזען א מעגלעכקייט פון ארבעט און עקזיסטענץ. פארשטענדלעך, אז די ערשטע צייט איז פאר אזעלכע עמיגראנטן געווען זייער שווער, נישט קענענדיק די שפראך. אויך זענען נאָך נישט געווען דאָרט קיין אייגענע מענטשן, וועלכע זאָלן קענען די נייע אָנגעקומענע ארויסהעלפן מיט אַן עצה אָדער מיט קאָנסטרוקטיווער הילף. עטלעכע פאמיליעס האָבן זיך טאקע אין יענער שווערער צייט אומגעקערט א היים, דאָך געלינגט די איבעריקע זיך איינאָרדנען ביי פארשיידענע ארבעטן, און אויך א טייל ביי פעדלעריי, וועלכע איז געווען אין יענער צייט א פארצווייגטע באשעפטיקונג פאר נייע עמיגראנטן. און אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אריבערנעמען די פאמיליעס און נאָנטע פון שוין איינגעאָרדנטע, וואָס האָט זיך געצויגן ביזן יאָר 1939.

אין דער צייט פון מלחמה אויסברוך געפינען זיך שוין אין בוענאָס איירעס א 50 איינגעאָרדנטע פאמיליעס פון אונדזער שטעטל, וואָס פארנעמען א באדייטנדיקן פלאץ אין פיל ווירטשאפטלעכע צווייגן פון מסחר און אינדוסטרי.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה ווערן איבערגעריסן אלע פארבינדונגען צווישן די ארגענטינער מיט זייערע משפחות אין דער אלטער היים, וואָס א גרויסער טייל פון זיי זענען פארשיקט אין רוסלאנד. דער קאטאסטראָפאלער קלאפ האט שטארק געווירקט אויף די לאנדסלייט אין ארגענטינע און זיי האָבן אָנגעהויבן פילן א גרויסע פאראנטוואָרטלעכקייט צו העלפן די פאמיליעס, וואָס זענען באדראָט אין אלע געביטן ווו זיי געפינען זיך.

שוין אין יאָר 1940 איז ביי די לאנדסלייט אויפגעשווומען דער געדאנק צו שאפן א קערפערשאפט וואָס זאָל זיך פארנעמען מיט שיקן הילף פאר די איבערגעבליבענע סארנאקער משפחות. די ערשטע איניציאטאָרן צו שאפן אזא פארבאנד אין דער פאָרם פון א לאנדסלייט פאראיין זענען געווען: אייזיק בראָקמאן, דוד זילבערשטיין, נחום בורשטיין, א. אנד., וועלכע האָבן געלייגט דעם ערשטן גרונט־

שטיין און זיך פארבונדן מיט די לאנדסלייט פון לאַשיץ און קאָנסטאַנטינאָוו און געשאפן צוזאמען דעם פארבאנד, וועלכער האָט באַקומען דעם נאָמען „לאנדסלייט פארבאנד פון סארנאקי, לאַשיץ און אומגעגנט".

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז די גאנצע צייט פון דער עקזיסטענץ פון פארבאנד איז דער גרעסטער טייל פון דער אָנפירערשאפט קאָנצענטרירט אין די הענט פון די סארנאקער לאנדסלייט — סיי צוליב דער איבערוויגנדיקער צאָל סארנאקער מיטגלידער, סיי א דאנק זייער אקטיוויטעט.

די ערשטע אויפגאבע פון פארבאנד איז געווען ליפערן קאָנסטרוקטיווע הילף פאר אלע נויטבאדערפטיקע פאמיליעס פון די אלע דריי שטעטלעך ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען. און דאָס איז גלייך געוואָרן אדורכגעפירט. מען האָט אָנגעהויבן שיקן פעקלעך מיט שפייז און קליידונג ווו מען האָט געפונען אן אדרעס.

דער פארבאנד באזיצט א קאָלאָניע נעבן בוענאָס איירעס, ווו מען קומט זיך יעדן זונטיק צוזאמען און מען באהאנדלט אלע לויפנדיקע פּראָבלעמען. באזונדערס האָט עס אריינגעצויגן די יוגנטלעכע פון אונדזערע לאנדסלייט, וועלכע האָבן זיך פארנומען מיט לערנען און שטודירן אין די אלגעמיינע הויכשולן צוזאמען מיט דער שפאניאָלישער יוגנט פון לאנד, און זענען געוואָרן באדראָט צו ווערן אָפּגעריסן פון יידישן נאציאָנאלן שטאם. אָטדי קאָלאָניע מיט אירע וועכנטלעכע צוזאמענטרעפן און אויפקלערונגס ארבעטן האָט צוגעצויגן די יוגנט, וועלכע האָט באַקומען א גרויסע פאראינטערעסירונג צו יידישער געזעלשאפטלעכער קולטורעלער ארבעט. אויך זענען דאָרט געשאפן געוואָרן ספּאָרט־פּלעצער אין שווים־באסיינען, וואָס האָט ארויסגערופן פאראינטערעסירונג ביי אלע שיכטן.

נאכדעם ווי די מלחמה האָט זיך פארענדיקט און עס איז געוואָרן באקאנט די גרויזאמע לאגע, אז זייער א קליינע צאָל יידן זענען געראטעוועט געוואָרן פון דער נאצישער אויסראָטונגס מאשין, האָט צום גליק אָנגעהויבן שטראָמען א גרעסערע צאָל פאמיליעס פון רוסלאנד, וואס האָבן זיך געראטעוועט פון טויט. די פארבינדונג פון דער איבערגעבליבענער שארית־הפליטה פון סארנאקי מיט די לאנדסלייט אין ארגענטינע האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי. דער פארבאנד האָט פארברייטערט זיין טעטיקייט אויף אלע געביטן. מען האָט אָנגעהויבן ארויסשיקן פעקלעך מיט עסן און קליידונג צו אינדיווידועלע מענטשן, אויך גרעסערע טראנספּאָרטן קיין לאָדזש, ווו ס'איז נאָך געווען קאָנצענטרירט א גרעסערע צאָל לאנדסלייט פון די 3 שטעטלעך. עס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן א מאסן ארויספאָדערונג פון די ארגענטינער צו זייערע פאמיליעס און נאָנטע פון דער שארית־הפליטה, און ביז 1949 האָבן זיך נאָך צענדליקער פאמיליעס אריבערגעקריגן קיין בוענאָס איירעס און זיך פאראייניקט מיט זייערע קרובים.

אין דער צייט פון אָנקומען פון די געראטעוועטע פאמיליעס קיין ארגענטינע, און די אנטשטייאונג פון מדינת ישראל, הויבט זיך אָן די טעטיקייט פון פארבאנד אויפן געזעלשאפטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן געביט אין יידישן לעבן אין בוענאָס איירעס. אלס א קערפערשאפט, וואָס האָט שוין געציילט איבער 200 מיטגלידער, ווערט זי אָפיציעל אָנערקענט פון אלע יידישע אָרטיקע אינסטיטוציעס. פאָרשטייער

פון דעם פאַרבאַנד ווערן פאַרטרעטן אין פיל אינסטיטוציעס ווי די ידישע קהילה, ידישער שפיטאָל, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס א. אז. וו. מיר קענען זיין שטאָלץ מיט די פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען פאַרטרעטן ביי די געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, ווייל זיי זענען זייער באַליבט און אָנגענומען מיט זייער איבערגעגעבענער אַרבעט ביי דער אָרטיקער ידישער באַפעלקערונג.

ביים היינטיקן טאָג איז די צאָל לאַנדסלייט אין בוענאָס איירעס ביי 120 משפחות, איינרעכנענדיק די קינדער פון די לאַנדסלייט, וועלכע האָבן חתונה געהאַט און האָבן שוין אייגענע פאַמיליעס. אַלע זענען איינגעגלידערט אין פאַרבאַנד און נעמען אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון דער געזעלשאַפט. א טייל פון זיי באַזיצן היכע בילדונג, פאַרנעמען רעגירונגס אַמטן ביים בויען און אַנטוויקלען די ווירטשאַפט פון לאַנד. אַנדערע פירן אייגענע זעלבשטענדיקע אונטערנעמונגען ביי פאַרשיידענע צווייגן.

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די לאַנדסלייט איז שטאַרק אַנטוויקלט און שטייט אויף א הויכן ניוואָ. חוץ די צוזאַמענטרעפן יעדן זונטיק אויף דער קאָלאָניע, ווו מען פאַרנעמט זיך מיט פאַרשיידענע ספּאָרט פאַרוויילונגען, און עס ווערן באַהאַנדלט אַלע בשותפותדיקע פּראָבלעמען, ברענגט א גרויסן ביישטייער די אייניקייט פון די לאַנדסלייט, וועלכע טרעפן זיך אָפּט אויף פאַרשיידענע שמחות און סתם פייערונגען — נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע. אויך חו״ש ווען עס טרעפט אַן אומגליק ביי איינעם פון די לאַנדסלייט, טרויערן אַלע מיט ווי איין משפחה.

דער פאַרבאַנד אָרדנט איין די יערלעכע אזכרה ט׳ אלול, דער טאָג פון אומקום פון סאַרנאַקער און לאָשיצער קדושים, וועלכע זענען אוועקגעפירט געוואָרן אין גאַז קאַמערן פון טרעבלינקע, אושוויץ און אַנדערע. דעם טאָג איז מען זיך מתייחד מיט די נשמות פון די אומגעקומענע אויף קידוש השם. אויך איז געוואָרן געשטעלט א דענקמאָל פאַר די קדושים אין בוענאָס איירעס.

דער פאַרבאַנד האָט זיך אויך באַטייליקט מיט מאַטעריאַל און א געלט ביישטייער אַרויסצוגעבן דעם ספר „יזכור", וואָס עס וועט זיין דער אייביקער מאָנומענט פאַרן אָנדענק פון דער סאַרנאַקער חרוב געוואָרענער ידישער קהילה, לזכר די איבער 800 קדושים, וואָס מען ווייס נישט אפילו ווו זייער אש איז אהינגעקומען.

א לאַנדסמאַן

שלום קלײדערמאַכער
ניו־יאָרק

לאַנדסלײַט אין אַמעריקע

די אײַנוואַנדערונג פֿון סאַרנאַקער ייִדן אין די פּאַראײניקטע שטאַטן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז נישט געווען די ערשטע. סאַרנאַקער פֿאַמיליעס האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע נאָך מיט 40, אויך 50 און 60 יאָר צוריק. זיי האָבן זיך דאָ אײַנגעאָרדנט און דערצויגן קינדער.

מיט יענע לאַנדסלײַט האָבן מיר נישט קיין קאָנטאַקט. זיי זענען שוין מענטשן אין טיפֿן עלטער, וואָס געדענקען זייער ווייניק פֿון סאַרנאַקי. זייערע קינדער ווידער ווייסן אַפֿילו נישט, אַז ס׳איז געווען אַ שטעטל מיט אַזאַ נאָמען.

ווי אונדז אַלעמען איז באַקאַנט, האָט די אײַנוואַנדערונג פֿון סאַרנאַקער ייִדן קיין אַמעריקע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה נישט געטראָגן קיין מאַסן־כאַראַקטער, נישט ענלעך צו דער עליה קיין ישׂראל, ווו אין געציילטע מאָנאַטן זענען ליקווידירט געוואָרן צענדליקער לאַגערן אין דײַטשלאַנד און צענדליקער טויזנטער ייִדן זענען אָנגעקומען קיין ישׂראל.

דאָס אײַנוואַנדערן אין די פּאַראײניקטע שטאַטן פֿון די דײַטשע ד. פּ. לאַגערן איז געווען זייער באַשווערט. ס׳האָבן זיך געפֿאָדערט קאָנטראַקטן, אַרויספֿאָדערונגען, אָדער אַפֿידייוויטס, אַזוי אַז נאָר 3 אָדער 4 פֿאַמיליעס זענען אָנגעקומען אַהער אין 1949. אין די קומענדיקע צוויי יאָר זענען אָנגעקומען נאָך 20 פֿאַמיליעס אומגעפֿער און מיט דעם האָט זיך פֿאַרענדיקט די אײַנוואַנדערונג פֿון די סאַרנאַקער פֿאַמיליעס קיין אַמעריקע.

דאָס לעבן פֿון די עמיגראַנטן איז דאַן געווען זייער שווער, הגם מיר האָבן עס באַטראַכט אַלס אַ נאַטירלעכע דערשײַנונג, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז ווען מען קומט אין אַ נײַ לאַנד אָן געלט, נישט קענענדיק די אָרטיקע שפּראַך, קען מען קיין בעסערס נישט דערוואַרטן. אין אַמעריקע, אַ רײַך לאַנד מיט אַ ברייטער דעמאָקראַטיע, אַ לאַנד מיט גרויסע מעגלעכקייטן, האָבן מיר זיך מיט דער צײַט אײַנגעאָרדנט — ווער אויף אַ בעסערן, ווער אויף אַן ערגערן אופֿן.

געקומען אַהער איז אַן אַרבעטס־עלעמענט. מערסטע זענען געווען קוואַליפֿיצירטע פֿאַכלײַט, וואָס זיי איז נישט געווען שווער צו באַקומען אַרבעט. ביסלעכווײַז האָבן מיר זיך אָנגעהויבן ווירטשאַפֿטלעך אײַנפּאַסן אינעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער לעבן .

מיט יאָרן שפּעטער, פֿון 1955—1960, איז אָנגעקומען אַ באַדײַטנדיקע צאָל סאַרנאַקער פֿאַמיליעס פֿון ישׂראל קיין ניו־יאָרק. אָט די פֿאַמיליעס האָבן שוין נישט באַגעגנט די שוועריקייטן ווי די ערשטע אײַנוואַנדערער, ווײַל זיי האָבן שוין געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן וועגן אַרויסהעלפֿן מיט אַן אַרבעטס־פּלאַץ. די אײַנגעזעסענע סאַרנאַקער זענען שוין געווען באַקאַנט מיטן אַלגעמיינעם לעבן אין לאַנד און זענען געקומען צוהילף מיט ראַט און טאַט, אַזוי אַז די נײַע פֿאַמיליעס האָבן באַוויזן אין אַ קורצער צײַט טיילווײַז צו דעריאָגן די ערשטע עמיגראַנטן אויפֿן עקאָנאָמישן געביט.

היינט צו טאָג קענען מיר מיט צופרידנהייט קאָנסטאַטירן, אז די סארנאקער איינגעוואנדערטע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה פארנעמען אן אָנגעזעען אָרט אינם אלגעמיינעם לעבן פון לאנד — אין אינדוסטרי' און ביזנעס. איינ'קע האָבן אייגענע שאַפן און באשעפטיקן א גרעסערע צאָל ארבעטער אנדערע באזיצן אייגענע געשעפטן. מערסטע סארנאקער אין ניו־יאָרק האָבן אייגענע הייזער און אומגעפער 40% ארבעטן אלס לוין־ארבעטער אין די שאַפן. אָבער סיי די סיי יענע האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט און פירן א שיין מענטשלעך לעבן.

דאָס גייסטיקע לעבן איז שווער צו שילדערן, — עס ווענדט זיך ווי אזוי מען שטעלט זיך פאָר א גייסטיק אָרט לעבן. ביי איינעם הייסט גייסטיק לעבן ווען מען קומט זיך פון צייט צו צייט צוזאמען, מען טרינקט אין געזעלשאפט „לחיים" און מען מאכט א קערטל, אָדער מען גייט אין טעאטער אָדער אין קינאָ אריין. ס'זענען אָבער אויך דאָ אזעלכע, וואָס פארשטייען, אז גייסטיק לעבן הייסט זיין פארבונדן מיט די גייסטיקע אוצרות, וואָס דאָס פוילישע יידנטום האָט פאר אונדז געשאפן אויף אלע געביטן פונם געזעלשאפטלעכן ווען און אז כדי צו זיין גייסטיק שעפעריש דארף מען זיין צוגעאייגנט מיט דער גייסטרייכער ירושה, וואָס די דורות פאר אונדז האָבן געשאפן כדי צו שפּינען ווייטער די גאָלדענע פעדעם, וועלכע פארבינדן אונדזער נעכטן מיטן מאָרגן.

מען קען זאָגן, אז 95% פון סארנאקער לאנדסלייט וווינען אין ניו־יאָרק. מען קען זיי איינטיילן אין צוויי קאטעגאָריעס: פאמיליעס, וואָס האָבן שוין פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה געהאט דערוואקסענע קינדער; פאמיליעס, וואָס זייערע קינדער זענען געבוירן געוואָרן אין דער מלחמה און דערנאָך. יענע עלטערן, וואָס האָבן געהאט שוין פאר דער מלחמה דערוואקסענע קינדער, זענען שוין היינט צוטאָג אלט און אויסגעשעפּט און דאָס איינציקע, וואָס פילט אויס זייער לעבן, זענען די פאמיליע־אָנגעלעגנהייטן. זייערע קינדער, וואָס זענען שוין אליין טאטעס און מאמעס פון פון דערוואקסענע קינדער, אָטדי פאמיליעס בילדן שוין היינט די מערהייט פון די סארנאקער לאנדסלייט אין ניו־יאָרק. אָבער זיי זענען פאר דער מלחמה געווען צו יונג, אז זיי זאָלן קענען זיין איינגעוואָרצלט אינם גייסטיקן און פּאָליטישן לעבן פון פאר־מלחמהדיקן פוילן. די מלחמה־יאָרן האָבן זיי נישט געקענט געבן דאָס וואָס עס האָט זיי געפעלט צו גייסטיקער רייפקייט. דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן איז דאָך דאן געווען רואינירט. אלע חושים זענען געווען קאָנצענטרירט אויף דער גיריקייט נאָך א שטיקל ברויט כדי צו קענען אדורכלעבן דעם טאָג. יעדן טאָג איז מען דאָך געווען אויסגעשטעלט צו פארלירן דאָס בידנע לעבן — — —

כדי צו זיין אקטיוו אין פּאָליטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן אין ניו־יאָרק דארף מען פילן דעם אָטעם פון דער צייט. די שטאָט איז גרויס און עס פאָדערט זיך א סך צייט פאר אקטיוויטעט. אין אמעריקע איז דאָך דער העכסטער לעבנס־סטאנדארט אין דער וועלט. עס פירט זיך א קאמף פאר דעריאָגן און איבעריאָגן איינער דעם אנדערן. נעמענדיק אין באטראכט אָטדי אומשטענדן, קענען מיר זיין צופרידן מיט דעם גייסטיקן צושטאנד פון אונדזערע לאנדסלייט אין ניו־יאָרק.

אלע האלטן זיך דאָ פאמיליאר. מען קומט איינער צום צווייטן. אז ביי איינעם



לאנדסלייט אויף א שמחה אין ניו־יאָרק

איז א שמחה, קומען אלע אָנטיילנעמען; איז חלילה פּאַרקערט, א טרויער, קומען זיך ווידער אלע צוזאמען און עס טויכן אויף די ערינערונגען פון אמאָל — — —

אָבער די קינדער פון יענע סארנאַקער פאמילעס, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין דער מלחמה און דערנאָך, וואָס בילדעט א גאנץ שיינע יוגנט, זיי באטראכטן זיך פאר פולע אמעריקאנער. דאָס איז שוין נישט יענע יוגנט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין פוילן. די יוגנטלעכע האָבן אנדערע באגריפן, אן אנדער לעבנס־פילאָזאָפיע.

מיר האָבן דאָך געטרוימט וועגן א שענערער און בעסערער וועלט, נישט פארלאָזנדיק זיך, אז עמיצער זאָל די שיינע וועלט פאר אונדז צוגרייטן. מיר האָבן אליין צו דעם צוועק זיך געראנגלט מיט די מאטעריעלע נויטן, געשאפן פּאָליטישע באוועגונגען, קולטור־קלובן, דראמאטישע קרייזן, ביבליאָטעקן, לייען־זאלן, פּראָפעסיאָנעלע באוועגונגען, מאָדערנע יידישע פאָלקס־שולן און נאָך און נאָך. אונדזער יוגנט האָט ארויסגעוויזן גייסטיקע כוחות אויף פארשיידענע געביטן, צוגרייטנדיק קאדרען פאר אונדזער מאָרגנדיקער געזעלשאפט. זיי האָבן אונדז געגעבן איבהאלט אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן און אדאנק דעם האָבן מיר היינט מענטשן איבערגעבליבענע פון יענער עפּאָכע, וואָס באַרייכערן און באשענערן דאָס יידישע לעבן ביי אונדז אין אמעריקע.

אנדערש איז אָבער מיט דער אמעריקאנער יידישער יוגנט. דאָ זענען די יוגנט־לעכע אין אלגעמיין זאָרגלאָז. זיי ווילן נישט וויסן פון קיין נעכטן און טראכטן אויך נישט וועגן מאָרגן. זיי לעבן מיטן „היינט", וואָס הייסט געניסן פון לעבן ווי עס לאָזט זיך, אויף א לייכטן וועג. זיי גייען טאנצן, פארברענגען אויף פארשיידענע ספּאָרט־פארוויילונגען און דאָס איבעריקע — אויפן ראָמאַנטישן געביט. פארן מאָרגן זאָרגן זייערע עלטערן, וואָס שיקן זיי אין די הויך־שולן, וווּ זיי זאָלן זיך קענען בילדן. אזוי איז עס אויך מיט דער סארנאַקער יוגנט אין אמעריקע.

מיט צופרידנהייט קענען מיר אונטערשטרייכן, אז אין איין פּרט איז יאָ דאָ אן אונטערשייד צווישן דער סארנאַקער יוגנט אין אמעריקע און דער אלגעמיינער יידישער אמעריקאנער יוגנט. א געוויסער טייל פון דער אמעריקאנער יידישער יוגנט גייט אויפן וועג פון אסימילאציע, אָבער די סארנאַקער יוגנטלעכע האָבן ביז היינטיקן טאָג אָטדעם וועג אויסגעמיטן. 80 פּראָצענט פון די סארנאַקער יוגנטלעכע רעדן א געשמאַקן יידיש און קומען אין פּארקער מיט יידישע קרייזן. איך גלויב און האָף, אז אויך אין דער צוקונפט וועט אָטדער צושטאנד אָנהאלטן. אויב אפילו זיי וועלן שפּראכלעך זיך אסימילירן, מיין איך אז נאציאָנאל וועלן זיי בלייבן טריי.

צעשפרייט אין קאנאדע

ווי מיר ווייסן האָט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה קיין איין סארנאקער פאמיליע נישט עמיגרירט קיין קאנאדע. ערשט נאָך דער גרויסער קאַטסטראָפע אין די אייראָפּעאישע לענדער, ווו ס'זענען אומגעקומען העכער 6 מיליאָן יידישע קרבנות, און א טייל פון דער שארית־הפליטה האָבן זיך געפונען אין די דייטשע ד. פּ. לאגערן, האָט יעדער איינער געטומען זוכן א וועג ווי זיך ארויסצוקריגן פון דער פארשאָלטענער ערד פון מערדער־לאנד. האָבן אויך איינציקע פאמיליעס באוויזן דורך פארשיידענע וועגן צו עמיגרירן קיין קאנאדע.

די סארנאקער לאנדסלייט, וועלכע וווינען אין קאנאדע, זענען בערך 20 פאמיליעס, וואָס זענען צעשפרייט אין 4 גרויסע שטעט: מאָנטרעאל, טאָראָנטע, וויניפּעג און וואנקאָווער. צוליב דער ווייטקייט פון די שטעט איינע פון דער צווייטער איז אוממעגלעך געזעלשאפטלעך צו פארבינדן די לאנדסלייט אין א קערפערשאפט.

אלס ניי־איינגעוואנדערטע איז די ערשטע צייט זיי געווען זייער שווער זיך איינאָרדנען אין ווירטשאפטלעכן זין. אָבער די שפּעטערע צייט האָט דעם פּראָבלעם געלייזט. ביי היינט צו טאָג שטייען די סארנאקער לאנדסלייט אין קאנאדע אויף א פעסטן באָדן סיי ווירטשאפטלעך, סיי קולטורעל. כמעט יעדער איז עקאָנאָמיש גוט איינגעאָרדנט מיט אן אייגן הויז; אייניקע האָבן אויך געשעפטן און ווארשטאטן; א טייל זענען ארבעטער. אנדערע פארנעמען אן אָנגעזעען אָרט אין דער אינדוסטרי פון לאנד, די מערסטע אין דער נאָדל־בראנזשע.

די קינדער פון די פאמיליעס גייען שוין אויף אנדערע וועגן, זיי זענען געוואָרן איינגעגלידערט אינם אלגעמיינעם לעבן פון לאנד, ווו די יוגנט פארנעמט זיך מיט שטודיום און בילדונג.

פארשטייט זיך, אז ביי אזא קליינער צאָל סארנאקער פאמיליעס, און צוליב דער ווייטקייט פון די 4 שטעט איינע פון דער צווייטער, קען נישט זיין קיין רייד פון א געזעלשאפטלעכן צונויפקום, אָדער אנדערע ספּעציעלע פארוויילונגען, ווו לאנדסלייט קומען זיך אָפּט צוזאמען און פארברענגען.

צווישן אָטדער קליינער צאָל סארנאקער פאמיליעס, וואָס וווינען אין קאנאדע, געפינט זיך רפאל ריבא, וועלכער איז נישט לאנג געקומען פון פאריז. ער שטאמט פון אן אָנגעזעענער פרומער חסידישער פאמיליע. זיין זיידע, ר' מיכאל ווארשאווסקי זצ"ל, א גרויסער למדן און תלמיד־חכם, פון די ערשטע טיש־זיצער אין גער ביים „שפת אמת" זצ"ל, א ייד א זקן, איז געווען רעספּעקטירט אין שטעטל סיי פון יידן און סיי פון קריסטן. רפאל ריבא האָט געלערנט ביים זיידן תורה און חסידות און האָט געהאט אן עילווישן קאָפּ.

א פּאָר יאָר נאָך דער פטירה פון זיידן, שוין אלט זייענדיק 18 יאָר, איז ער אוועק צו דער משפחה קיין לאָדזש, טרעט אריין אין די רייען פון „בונד" און לאָזט זיך אריין מיטן גאנצן ברען אין געזעלשאפטלעכער און פּאָליטישער ארבעט און ווערט

באווּוסט אין לאָדזש אלס איינער פון די טוער פון „בונד". היינט צו טאָג איז ער גענעראַל־סעקרעטאר פון יידישן ארבעטער קאָמיטעט אין קאנאדע.

באשעפטיקט ביי געזעלשאפטלעכער ארבעט איז אויך הערשל רודסקי, וועלכער איז אויך נאָך אין דער אלטער היים געווען א טעטיקער חבר פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג „בונד" און געווען טעטיק אין די שווערסטע באדינגונגען פארן „בונד" אין יענער צייט. איצט איז ער טעטיק אלס עקזעקוטיוו־מיטגליד אין אן אָפּטיילונג פון „ארבעטער רינג" אין מאָנטרעאל.

שלום קליידערמאכער



בבית־הקברות בסארנאקי

דפי „יזכור"
„יזכור" בלעטער



יזכור

אל מלא רחמים, דיין אלמנות ואבי יתומים, אל נא תחשה ותתאפק לדם ישראל שנשפך כמים. המצא מנוחה נכונה על כנפי השכינה, במעלות קדושים וטהורים, כזוהר הרקיע מזהירים, לנשמותיהם של שש מאות רבבות אלפי ישראל, ובתוכם **שמונה מאות** בני הקהילה הקדושה **סארנאקי**, אנשים ונשים, ילדים וילדות, שנהרגו ונשחטו ושנשרפו ושנטבעו ושנחנקו ושנקברו חיים בידי מפלצות הצוררים הגרמנים ומשרתיהם הרשעים — פולנים, אוקראינים ואחרים שר"י (שם רשעים ירקב) בגולת אירופה (במחנות הריכוז מיידאנק, אושוויינ־צ'ים, טרבלינקה וגם בסארנאקי וסביבותיה).

כולם קדושים וטהורים, בגן־עדן תהא מנוחתם. לכן בעל הרחמים יצרור בצרור החיים את נשמתם, ה' הוא נחלתם, ויזכור לנו עקדתם ותעמוד לגו ולכל ישראל זכותם. ארץ, אל תכסי דמם, ואל יהי מקום, שבו לא תישמע זעקתם. והקדושים לזכרון תמיד נגד עיניך צדקתם. יבואו שלום וינוחו על משכבותם **ונאמר אמן.**

י ז כ ו ר

גאט דערבארעמפולער, דיין פון אלמנות און פאָטער פון יתומים, זאָלסט נישט זיין צוריקגעהאלטן און זאָלסט נישט פארשווייגן דאָס בלוט פון ישראל, וואָס איז געוואָרן פארגאָסן ווי וואסער. ברענג רעכטע רו אויף די פליגלען פון דער שכינה, אין דער מדרגה פון קדושים און טהורים, וועלכע שיינען ווי די שיין פון די הימלען, פאר די זעקס מיליאָן פון פאָלק ישראל, צווישן זיי אכט הונדערט נפשות פון דער הייליקער קהילה סארנאקי, מענער און פרויען, יינגלעך און מיידלעך, וועלכע זענען געוואָרן געהרגעט ; געוואָרן געשאָכטן, געוואָרן פארברענט, געוואָרן דערטרונקען, געוואָרן דערשטיקט, געוואָרן באגראָבען לעבער־דיקערהייט, דורך די הענט פון די געשפענסטהאפטיקע יידן־פיינט — די דייטשן, און זייערע משרתים רשעים, פאָליאקן, אוקראאינער און אנדערע — ימח שמם ; געוואָרן פארטיליקט אין די לענדער פון אייראָפע (אין די קאָנצענטראציע לאגערן פון מיידאנעק, אָשוויענטשים, טרעב־לינקע, אויך אין סארנאקי און אומגעגנט).

אלע קדושים און טהורים — זייער רו זאָל זיין אין גן־עדן. זאָל דערום דער דערבארעמדיקער זייערע נשמות אָנבינדן אין דעם בונד פון לעבן. גאָט איז זייער ארבונג, און ער זאָל געדענקען זייער עקדה. איר זכות זאָל ביישטיין אונדז און כל ישראל. ערד, פארדעק נישט זייער בלוט, און ס׳זאָל נישט קיין אָרט ווו ס׳זאָל נישט געהערט ווערן זייער געשריי. און די רעכטפארטיקייט פון די קדושים זאָל תמיד שטיין, גאָט, פאר דיינע אויגן. זיי זאָלן קומען אין פריד צו רוען אויף זייער ליג־אָרט — **ונאמר אמן.**

רשימה פון די הרוגים קדושים בני סארנאקי

בלייב שטיין! מיר ווייסן נישט ווו אונדזערע נאָנטסטע און טייערסטע, די דערמאָרדעטע דורך די נאַצישע רוצחים הי"ד, זענען געקומען צו קבורה. זאָלן די דאָזיקע בלעטער זיין זייער קבר און מצבה.

קוק, דו אבל און יתום, קוק און לייען מיט דיינע אויגן די דאָזיקע נעמען, פונקט ווי דו וואָלסט געגאנגען איצט צווישן זייערע קברים אויפן בית־עולם. דאָ ליגן זיי, דיין טאַטע און מאַמע, דיינע קינדער, דיינע שוועסטער און ברידער, דיין זיידע און באָבע — דערשאָסענע, געשענדעטע, דערשטיקטע, פארברענטע. טרעט פאמעלעך, שטיל. לעב איבער אין דמיון כאָטש עטוואָס דערפון וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט. זיי קוקן אויף דיר, זייערע בליקן מאָנען און דער־מאָנען. געדענק זיי, געדענק! קריץ דיר איין זייער הייליקן אָנדענק ווי א מצבה אין דיין נשמה, אין דיין זכרון! נישט פארגעס, נישט פארגעס!

קדושי סארנאקי זכרונם לברכה

א

אייזטשעכע חוה

אייזענשמידט אברהם מיט זיין פרוי גיטל

קינדער: ירוחם, אריש, גדליה, מאלע, פייוול און נאָך 3 קינדער

אייזענשמידט זלמן מיט זיין פרוי מיכלע

קינדער: חנה, זיסקע, טינה

אייזנשמידט חנה מיט דער משפחה

אייזענשמידט משה מיט זיין פרוי און קינדער

אייזענשטאדט רייזל מיט א שוועסטער

אייזענשטאדט שלמה מיט דער מש־פחה

אלפערן בייניש מיט די קינדער

אנקערמאן יוסף מיט זיין פרוי און קינדער

אנקערמאן פייגע בראנטשע מיט איר טאָכטער

אנקערמאן רחל ביילע מיט איר מאן

אנקערמאן שמואל קלמן מיט זיין פרוי

אפעלבוים אברהם מיט זיין פרוי

קינדער: בערל, מלכה, רויזע, רחל, יצחק, דבורה, אסתר, מרים

אפעלבוים דוד מיט זיין פרוי, טאָכטער און זון

אפעלבוים שיינע רויזע מיט איר זון

אקערמאן גרשון מיט דער משפחה

אקערמאן חנה מרים מיט איר טאָכטער טויבע

אקערמאן יעקב שמעון מיט דער משפחה

אקערמאן לייבקע און פרוי אסתר

טעכטער: מרים, חיה, דאָבע מיט איר מאן נח

ארענשטיין נחום מיט זיין פרוי רויזע

ב

באש חיים מיט זיין פרוי
בוימאן מאָטל מיט זיין פרוי און קינדער
בוימאן נחמן מיט זיין פרוי רחל און טאָכטער דבורה
בורשטיין חנה
ביר יענקל מיט זיין פרוי לאה
ביר צביה מיט דער משפחה
בירנבוים יצחק
בירנבוים (שטערן) פייגע מיט איר מאן און יינגעלע
בעסלער ישראל
בעסלער (האָפמאן) עטל מיט 2 קינדער
בעקערמאן אלטער מיט זיין פרוי און קינדער
בעקערמאן הערש חיים
בעקערמאן יידל מיט זיין פרוי און קינדער
בעקערמאן יעקב מיט זיין פרוי און קינדער
בעקערמאן מירטשע מיט איר מאן און טאָכטער שפרינצע
בעקערמאן מרדכי מיט זיין פרוי און קינדער
בעקערמאן פייגע
בראָנרויט איטשע מיט זיין פרוי
בראָנרויט לייב הערש מיט זיין פרוי מרים גיטל און זון שלמה
בראָנרויט משה מיט זיין פרוי און 4 קינדער
בראָנרויט נחום מיט זיין פרוי און 2 קינדער
בראָנרויט שמחה מיט דער משפחה
בראָנרויט שרה
בראָנשטיין לאה מיט איר מאן
בראָנשטיין מלכה

קינדער: פערל, משה
ברוקמאן אלטער
ברוקמאן יעקב מיט זיין פרוי דבורה
קינדער: לייבל, הערשל, רחל, לאה

ג

גאָלדבלאט יצחק מיט זיין פרוי מלכה און קינדער
גאָלדבערג נוסקע מיט זיין פרוי רבקה
גאָלדמאן אהרן מיט זיין פרוי פעסע (לעבענבערג) און 2 קינדער
גאָלדמאן טויבע מיט דער משפחה
גאָלדמאן מאָטל מיט זיין פרוי
קינדער: בלומע, אברהם און נאָך קינדער
גאָלדמאן מרדכי מיט זיין פרוי און קינדער
גאָלדמאן נח
גאָרפינקעל משה מיט זיין פרוי עלקע
קינדער: דבורה, ישראל, חיה
גרייצער רעשע

ד

דאָמב (מאָנטשאזש) אסתר
דאר אברהם
דזשעוויקע גאָלדע מרים
דימענטמאן מאשע
קינדער: מאיר־הערש, פריידע, זלמן־לייב, אסתר־דבורה

ה

האָפמאן ברוך
האָפמאן גיטל
האָפמאן חיה
האָפמאן חנה
קינדער: גיטל, משה און נאָך א קינד
האָפמאן משה מיט זיין קינד
האָפמאן (קארשענבוים) פייגע
האָפמאן שיינע

הערשבערג ביילע
הערשבערג יקיר מיט זיין פרוי חומה
הערשבערג מארקעל מיט זיין פרוי רבקה און א קינד
הערשבערג שמואל אבא מיט זיין פרוי רבקה און א קינד

ו

וואלף יחיאל מיט זיין זון שלמה
ווימאן בוטשע מיט דער משפחה
ווימאן בונים מיט זיין פרוי
ווימאן מיכאל מיט זיין פרוי
וויסבערג יידל מיט זיין פרוי לאה
וויסבערג נתן מיט זיין פרוי רבקה (מאנדעלבוים)
וויסמאן (מאַנטשאזש) מלכה מיט איר מאן

ז

זיידענפעלד אביגדור מיט זיין פרוי גיטל
זייערמאן אברהם מיט זיין פרוי פּאַלע און טאָכטער רוטקע
זייערמאן ברוך מיט זיין פרוי קיילע און טאָכטער לאה
זייערמאן דוד מיט זיין פרוי רבקה און זון וועלוול
זייערמאן חוה
זייערמאן יוסף מיט זיין פרוי און קינד
זייערמאן יעקב מיט זיין פרוי הדס און טאָכטער רבקה
זייערמאן ירחמיאל מיט זיין פרוי חיה־שרה
קינדער: רויזע, מרדכי
זייערמאן לאה
זייערמאן לייבקע מיט זיין משפחה
זייערמאן משה מיט זיין פרוי אנטשע און זון אליהו
זייערמאן משה מיט דער משפחה
זייערמאן רבקה
זייערמאן שמעון מיט זיין פרוי חיה־רבקה (שטיינשניידער)
זייערמאן שרה־גיטל
זילבערמאן אליהו
זילבערמאן שמואל מיט דער משפחה
זילבערשטיין אברהם מיט זיין פרוי רבקה
קינדער: באשע, נח
זילבערשטיין אברהם שלמה מיט זיין פרוי חיה־רבקה און טאָכטער דבורה
זילבערשטיין בעריש מיט זיין פרוי
זילבערשטיין טויבע מיט איר מאן
טעכטער: עטל־לאה, שרה
זילבערשטיין ישראלס א קינד
זילבערשטיין לאה מיט איר מאן און קינדער
זילבערשטיין משה מיט דער משפחה
זילבערשטיין שמואל מיט זיין פרוי
זשעלאזע אפרים בער מיט זיין פרוי גאָלדע און 2 קינדער
זשעלאזע חיים ישראל מיט זיין פרוי און קינדער
זשעלאזע שמואל מאיר מיט זיין פרוי דבורה
קינדער: מיכאל און נאָך 2 קינדער

ח

חרל"פ רויזע
קינדער: דוד, לאה, חיה

ט

טיקאָטשינסקי וואָלפקע מיט זיין פרוי
טעכטער: זושע און פריידע
טיקאָטשינסקי חומה מיט דער משפחה
טיקאָטשינסקי חיה
טענענבוים (ראָגאָזשיק) חיה
קינדער: יהושע, משה

טענענבוים שבתי

י

יאבלאָן ניסן מיט זיין פרוי חנה־אסתר און א קינד

יורבערג וועלוול מיט דער משפחה

יורבערג זלמן מיט זיין פרוי חיה טעכטער: פייגע, חנה

יורבערג חנה מיט 3 קינדער

יורבערג יוסף

יורבערג יעקב מיט דער משפחה

יורבערג ישראל חיים

יורבערג ישראל חיים מיט דער משפחה

יורבערג לייבל מיט זיין פרוי דבורה

יורבערג נוסקע מיט דער משפחה

יורבערג פייוול מיט זיין פרוי גישע־לאה און טאָכטער זיסל

יורבערג שלמה מיט זיין פרוי חנה אסתר און זון ראובן

כ

כיבאָווסקי גדליה מיט זיין פרוי טויבע קינדער: זלמן, הערשל, רבקה

כיבאָווסקי געלע

כיבאָווסקי הערשל מיט זיין פרוי שיינדל

כיבאָווסקי וואָלף מיט זיין פרוי הינדע זין: מרדכי, מענדל

כיבאָווסקי יידל מיט זיין פרוי שרה

כיבאָווסקי יעקב נטע מיט זיין פרוי חנה און זון חיים

כיבאָווסקי יצחק מיט זיין פרוי און קינד

כיבאָווסקי יצחק מיט זיין שוועסטער

כיבאָווסקי לאה מיט איר מאַן

כיבאָווסקי מלכה מיט איר מאַן און 2 קינדער

כיבאָווסקי ישראל מאיר מיט זיין פרוי ביינע

כיבאָווסקי משה מיט זיין פרוי

כיבאָווסקי ראובן מיט זיין פרוי שרה און זון שמואל

כיבאָווסקי שיינדל מיט איר מאַן

כיבאָווסקי שלמה מיט 2 קינדער

כ״ץ אברהם אלטער, הרב

כ״ץ פריידע מיט איר מאַן און קינד

ל

לאוועדער הערשל מיט זיין פרוי שיינע קינדער: נוסקע, ישראלקע, רחל און נאָך א מיידעלע

לאוועדער צאלע

לאנצמאַן איטשע

לאנצמאַן יצחק

לאנצמאַן יצחק

לאנצמאַן ישראל מיט זיין פרוי מיכלע

לאנצמאַן מאשע, רחל, העניע

לאנצמאַן חנה־ליבע

לאנצמאַן לייבל מיט זיין פרוי

לאנצמאַן שמואל

לאָשיצע אברהם

לאָשיצע (שולשטיין) חיה מיט דער משפחה

לחמן משה מיט זיין פרוי און קינדער

ליאניק שלמה

ליאניק (נאכטיגאל) יהודית

ליאניק רבקה, שלמה, נתן

ליבמאַן אהרן

ליבמאַן ברכה און קינדער

ליבערמאַן רחל

ליבערמאַן סלאָווע

ליבערמאַן חומה קינדער: שיינדל, משה, לייבל

לייבמאַן פנחס (אין פראנקרייך)

לעבענבערג הערש לייב מיט זיין פרוי רבקה

קינדער: שרה, שלמה, שיינע
לעבנעבערג ליבע מיט דער משפחה
לעבענבערג מיכל
לעבענבערג מרדכי
לעבענבערג ניסקע
לעבענבערג רויזקע מיט דער משפחה

מ

מאנדעלבוים בצלאל מיט זיין פרוי בלומע און טאָכטער אנקע
מאנדעלבוים זאוול מיט זיין פרוי שאָשע, טאָכטער טובה און נאָך א קינד
מאָנטשאוש אהרן
מאָנטשאוש אלטער מיט זיין פרוי
זין: לייבל און עזריאל
מאָנטשאוש אליה מיט זיין פרוי און קינדער
מאָנטשאוש אליעזר מיט זיין מוטער
מאָנטשאוש געלע מיט איר מאן
מאָנטשאוש הערשל מיט זיין פרוי
מאָנטשאוש חוה
מאָנטשאוש חיים מיט זיין פרוי און זון גדליה
מאָנטשאוש משה
מאָנטשאוש רבקה מיט איר מאן
מאָנטשאוש רחל
מאָרגנשטערן שרה גאָלדע
מאשטשעבראצקי בערל מיט זיין פרוי לאה
קינדער: אנטשע, חיים יוסף און נאָך 2 קינדער
מילנער (שטערן) לאה מיט איר מאן
קינדער: יוסף, חיה, אליעזר
מענדעלסאָן (עפּעלבוים) שרה

נ

נאבאָזשני יהושע מיטן זון חיים
נאוטשיטשעל יהושע
נאוטשיטשעל שלמה מיט זיין פרוי פריידע און קינדער
נאָוואק איטשע לייזער מיט זיין פרוי חיה
קינדער: בריינדל, אברהם, חנה
נאָוואק בן־ציון מיט דער משפחה
נאָוואק יצחק
נאָוועגשטערן איצל מיט זיין פרוי אלטע
קינדער: חאשע, דבורה, גיטל, מארקעל
נאכטיגאל ביניש
נאכטיגאל יעקב מיט זיין פרוי זיסל
זין: משה, פסח
נאכטיגאל ישראל מיט זיין פרוי און זון מיכאל
נאכטיגאל לאה מיט איר מאן און קינדער
נאכטיגאל לייביש
נאכטיגאל שיינע ליבע מיט אירע קינדער
נאָרטמאן אברהם מאיר
נאָרטמאן יונה מיט זיין פרוי און קינדער
נאָרטמאן נחמן דוד מיט זיין פרוי פייגע
נאָרטמאן פּיזול
נאָרטמאן שמואל מיט זיין פרוי ציפּע

ס

סאדעק איצל
סאדעק בערל
סאדעק שרה
סאלאָמאָן חיים שמואל מיטן זון מיכל און שוועסטער פריידע פייע, חיה שרה
סלאָבאָדקין אייזיק

סמאַליאַזש בערל מיט זיין פרוי שבע און קינדער
ספיוואק אפרים מיט זיין פרוי פערל און 2 קינדער

ע

עלבערג יואל מיט זיין פרוי באַשע
קינדער: טעמע, אַרטשע און נאָך קינדער
עפּעלבוים משה מיט זיין פרוי פייגע, אַ זון און אַ טאָכטער

פּ

פּאַקמאַן יאָקל מיט זיין פרוי חייטשע און 3 קינדער
פּערלמאַן דוד מיט זיין פרוי שבע און טאָכטער עליזה (אין וואַרשע)

פ

פייגענבוים יהושע מיט זיין פרוי
פייגענבוים פרומע
פייגענבוים שייע
פיינגאָלד עלקע מיט איר טאָכטער רבקה
פייערמאַן חיים
פייערשטיין יעקב משה מיט זיין פרוי טויבע
קינדער: אייזיק, מיכאל, ברכה, שפרה, לייבל, שמואל
פינקעלשטיין אברהם חיים
פינקעלשטיין יהושע מיט זיין פרוי אסתר
פינקעלשטיין יעקב
פינקעלשטיין מלכה
פינקעלשטיין נטע
פינקעלשטיין שפּרינצע
פעלדמאַן אברהם הערש מיט זיין פרוי און טאָכטער
פעלדמאַן אהרן לייב מיט זיין פרוי און קינדער
פעלדמאַןביילע
פעלדמאַן ישראל
פעלדמאַן מנוחה
פעלדמאַן נחמן מיט זיין פרוי
פעלדמאַן פייגע
פעלדמאַן שבתי מיט זיין פרוי רחל
פעלדמאַן שבתי
פעלדמאַן שלמה מיט זיין פרוי
זין: בענדעט, ישראל־יענקל, בערל
פעלדמאַן שמאי
פראַנקרייך שייע מיט דער משפּחה
פרומאַן אסתר
פרידמאַן גיטל
פרידמאַן זיסל

צ

צוקער גבריאל מיט זיין פרוי דבורה און טאָכטער מירה
צוקער יהושע מיט זיין פרוי ביילע און קינדער (אין בריינסק)
צוקער יעקב מיט זיין פרוי חוה און זון הירש
צוקער יצחק מיט זיין פרוי חייטשע
קינדער: גאָלדע, שלמה
צוקער רבקה מיט איר מאַן

ק

קאָלמאַן שרה
קאַפּלאַן איידל
קאַפּלאַן בעריש מיט דער משפּחה
קאַפּלאַן גדעון
קאַפּלאַן דוד
קאַפּלאַן הענדל
קאַפּלאַן וועלוול
קאַפּלאַן חיה
קאַפּלאַן חיים
קאַפּלאַן יהושע
קאַפּלאַן יוסף
קאַפּלאַן יענטע

קאפלאן משה אהרן
קאפלאן עדנה
קאפלאן רבקה
קאפלאן שלמה מיט זיין פרוי לאה
קאָרנהענדלער ביילע
קאָרנהענדלער מיניע חיה
קאָרנהענדלער עטל
קאָרנהענדלער עלקע
קאָרנהענדלער רבקה מיט איר טאָכטער
קאָרנהענדלער שרה
קאָרניצקא חנה מיט איר שוועסטער פייגע
קאָרנפעלד אברהם
קאָרנפעלד אייזיק מיט דער פרוי עטל און זון ישראל
קאָרנפעלד משה מיט זיין פרוי חיה
קינדער: אברהם, פעלע, נתן
קאָרנפעלד פריידע
קינדער: צייטל, אפרים, דוד, חאשקע
קאָרנפעלד שמואלס 2 קינדער
קאָרנפעלד שרה געלע
קארטש יענקל
קארטש חיה שרה מיט 2 קינדער
קארטש פרידע
קארטש שפרה מיט איר מאן
קאָרשענבוים ברוך
קאָרשענבוים זלמן מיט זיין פרוי נעמי
קינדער: חיים, חנטשע, יהודית
קאָרשענבוים מלכה זיסל
קליידערמאכער אברהם איטשע מיט זיין פרוי רודיע און זון שבתי
קליידערמאכער הענעך מיט זיין פרוי חוה
קליידערמאכער מאטע מיט איר משפחה (אין בריסק)
קליידערמאכער שלום מיט זיין פרוי קריינדל

קראוויעץ לייב הערש מיט דער משפחה

ר

ראדאָשינסקי („די רימערקע")
ראָזענבוים (פוקס) חנה מיט איר טאָכטער צלה
ראָזענבוים מאָטל מיט זיין פרוי גיטל
קינדער: חנה, דן, מינדל
ראָזענבוים משה מיט זיין פרוי דבורה
קינדער: שרה, בלומע, חיה און נאָך 2 קינדער (אין ביאַליסטאָק)
ראָזענבוים משה מיט זיין פרוי סאָניע
קינדער: אסתר מיטשע און נאָך א קינד
ראָזענבוים נאָטקע מיט זיין טאָכטער ביילע
ראָזענבוים נטע מיט זיין פרוי ביילע
טעכטער: טובה, אסתר
ראָזענבוים שיינע
ראָזענבוים שלמה
ראָזענבערג (שטיינבערג) מינדל
ראָזענבערג מרדכי
ראָזענבערג משה
ראָזענבערג (ראָזענבוים) צלה
ראָזענבערג שלום מיט זיין פרוי רויזע
קינדער: שבע, מארקעל און נאָך 2 קינדער
רודסקי אייזיק מיט זיין פרוי עלקע
רודסקי משה מיט זיין פרוי חנה, טאָכטער רויזע און נאָך א קינד
רויטבארט זעליג
רייזע יענקל מיט זיין פרוי הענטשע, 2 קינדער און מוטער יורע
רעמען ניסן מיט זיין פרוי און זון וועלוול

ש

שאַנשיין ברוך מיט זיין פרוי און זון שבתי

שאַנשיין (שפירא) הדסה

שאַנשיין יואל מיט זיין פרוי מירל
קינדער: מאיר, חנה

שוויצקע נחום מיט זיין פרוי און קינדער

שוכמאַכער יאָסקע מיט זיין פרוי אסתר
קינדער: דוד, מיניע

שולשטיין יעקב מיט די קינדער: פייגע, שמעון

שולשטיין (צירולניק) חנה מיט דער משפחה

שולשטיין פסח מיט זיין פרוי לאה
קינדער: שושנה, לייבל

שולשטיין שבתי מיט זיין פרוי הענדל

שולמייסטער יהושע מיט זיין פרוי מלכה
קינדער: דוד, ישראל, שיינע
מיט איר מאַן און קינדער

שטיינבערג דאָבע מיט דער משפחה

שטיינבערג יעקב מיט דער פרוי הדס

שטיינמאַן (קאַפּלאַן) חיה מיט איר מאַן

שטיינמאַן יוסף לייב מיט דער משפחה

שטיינמאַן משה דוד מיט זיין פרוי

שטיינמאַן שיינע פעשע מיט דער משפחה

שטיינמאַן שלום מיט זיין פרוי

שטיינמאַן שלמה חיים

שטיינשניידער יידל מיט דער משפחה

שטיינשניידער יעקב מיט זיין פרוי געלע
קינדער: חיה, ציפּע און נאָך 2 קינדער

שטיינשניידער מאיר מיט זיין פרוי חוה און קינדער

שטיינשניידער פייגע
טעכטער: ציפּע, שרה, טויבע

שטערלינג ברוך מיט זיין פרוי שרה
טעכטער: אסתר, רבקה

שטערלינג הענעך מיט דער משפחה

שטערלינג לייבל מיט זיין פרוי פרומע

שטערן הינדע מיט איר זון מיכאל

שטערן זלמן אליה מיט זיין פרוי מאשע

שטערן שמואל מיט זיין פרוי און
קינדער און שוועסטער: חיה, עלקע

שעוויעץ יהושע מיט זיין פרוי שרה

שפּיגעלמאַן דוד מיט זיין פרוי

שפּיגעלמאַן הענעך מיט זיין פרוי


שפּיגעלמאַן יוסף מיט זיין פרוי פריידע
טעכטער: שרה, יענטע, בלומע

שפּיגעלמאַן לייב מיט דער פרוי דבורה

שפּירא אברהם

שפּירא אברהם מאיר מיט דער פרוי יענטע
טעכטער: שפרה, יהודית

שפּירא יעקב מיט זיין פרוי און קינד



יענטע ארענשטיין מיט איר מאן חיים
און יהושע קאפלאן (בן מרדכי)

מיר וועלן אייביק געדענקען
אונדזער שוועסטער יענטע אָרענ־
שטיין (קאפלאן) מיט איר מאן
חיים און קוזין יהושע קאפלאן,
וואָס זענען אומגעקומען דורך די
דייטשע רוצחים.

די פאמיליע קאפלאן אין ישראל
און אין די פאראייניקטע שטאטן

אומגעקומען דורך די נאציס ימ"ש
מיין פאָטער ישעיהו ראָזענבוים,
ברודער משה מיט זיין פרוי סאָניע און 3 קינדער,
ברודער נאָטקע, זיין טאָכטער ביילע און שלמה ראָזענבוים,
שוועסטער חנדזשע מיטן מאן.
איך וועל מיין טייערע פאמיליע
שטענדיק טראָגן אין הארצן
און קיינמאָל נישט פארגעסן.

שרה ראזענבוים (געלערשטיין)
ישראל

גאט, נעם נקמה!



ווען די דייטשע רוצחים, אָן רחמנות,
מאַרדן, רויבן, שעכטן אין דער בהלה,
פארגאזן, ברענען, נישט אויף קאטאָוועס,
גרויס איז דער צער, גרעסער די יללה.

געוואלטן, געוויינען, אלץ אינאיינעם
ווי נאָר די דייטשן קלאפן אין טיר.
שרייען קינדער, מאמעס, אלטע זקנים,
גיסט זיך יידיש בלוט אָן א שיעור.

ווען די דייטשע רוצחים רייסן קינדער
פון די מאמעס ציטערנדיקע הענט,
שטייען שכנים, קוקן אויפן בייזן ווונדער,
ווי מען ווארפט די קעפלעך אין שטיינערנע ווענט.

קינדערשע גופימלעך וואלגערן זיך אין גאס,
מיין חוה'לע, רבקה'לע, מינדעלע, מיט אלע.
פינצטער די מאמעס, די הערצער צעריסן.
גאָט איז גלייכגילטיק, קוקט דורך א שפּארע.

די מלאָכים שטייען און זינגען שירה
און דו גאָט זיצט זיך אויבנאָן.
מתים וואלגערן זיך אין יעדער דירה,
אויסגעקוילעט שוין זעקס מיליאָן.

גאָט, ווארף אראָפּ פון קאָפּ דעם כתר מלכות,
רייס קריעה פון דיינע צדק־קליידער!
זאָל הערשן אין די הימלען טרויער, אבלות!
שיט אש אויפן קאָפּ פון די פארברענטעביינער!

פארלעש דאָס ליכט אין דיינע הימלען,
זאָל פינצטערקייט הערשן אויף דער וועלט!
נקמה נעם פון די רוצחים היטלעריסטן
פאר אוישוויץ, מיידאנעק, טרעבלינקע און בוכענוואלד!

וויסן זאָלן אלע אומות העולם,
אז נישט הפקר איז יידיש בלוט געוואָרן.
אלע פעלקער זאָלן זיך לעבן בשלום —
רוסן, פּאָליאקן, מוסולמענער און אויך יידן.


הענעך זייערמאן

איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן מיינע נאָנטסטע,
וועלכע זענען אזוי גרויזאם אומגעקומען
דורך די היטלעריסטישע מערדער ימ"ש :

מיין פאָטער אייזיק
מיין מוטער עלקע
מיין ברודער משה מיט זיין פרוי און קינדער
מיין שוועסטער רויזע מיט איר מאן שלום ראָזענבערג
מיין שוואָגער יצחק אקערמאן מיט זיין פרוי און 4 קינדער

הערשל רודסקי
מאָנטרעאַל, קאנאדע

משה רודסקי
שלום ראָזענבערג
דער פאָטער אייזיק


צום אייביקן אָנדענק פון אונדזער טייערער שוועסטער
שיינע הינדע מיט איר מאן און קינדער
וועלכע זענען אומגעקומען דורך די היטלער באנדיטן.
זאָל דער דענקמאָל דינען ווי אן אייביקע מצבה אויף אייער אומבאקאנטן קבר.

די ברידער
שלום און שלמה קליידערמאכער
ניו־יאָרק



רבקה מיט איר מאן נוסקע

צום אָנדענק פון מיין
פאָטער זאוול,
מיין מוטער שאָשע,
מיינע פיר שוועסטער:
טאָבע,
רבקה מיט איר מאן
נוסקע און קינד,
שרה, מרים,
מיין פעטער אליה מיט
זיין פרוי באשע פייגע

עלנט געבליבן איינער פון דער פאמיליע

צאלקע מאנדעלבוים

מאָנטרעאל, קאנאדע



חיים גוז

אין טרויער אויף מיין פאמיליע,
וועלכע איז אומגעקומען
דורך די נאציס:
משה גוז מיט זיין פרוי חיהטשע
איטשע גוז און 3 קינדער
(צווישן זיי — חיים)
אסתר נאכטיגאל
מיט דער פאמיליע
בעלע נאכטיגאל
גיטל נאכטיגאל
לאה מיט איר מאן
און 2 קינדער
מנוחה לאנצמאן
מיט דער פאמיליע

מרים נאכטיגאל

רמלה

זאָל דאָס זיין א מצבה פאר אונדזערע טייערע, נישט פארגעסענע, אומגעקומענע דורך די נאציס :





ברודער משה טאמע מיט זיין פרוי און 5 קינדער (איןווארשע)

ברודער וואָלף טאמע מיט זיין פרוי און 5 קינדער

שוועסטער חומה טאמע

שוועסטער דבורה זשעלאזע מיט איר מאן און 3 קינדער (אין סארנאקי)

פאָטער הענעך בעכלער מיט זיין פרוי


ברודער מאיר בעכלער מיט זיין פרוי און 5 קינדער

ברודער נח בעכלער מיט זיין פרוי און 4 קינדער

שוועסטער מרים מיט איר מאן און 2 קינדער

אדעק און מעלניקא שלייפשטיין

ציפע און משה בעכלער
חיפה



חיהן — צום אנדענק

ווי איך האָב דיר אלץ געוואָרנט,
דיך געלערנט נאָכאנאנד,
אז אויף שלעכטע, קרומע וועגן
לאָמיר גיין האנט ביי האנט.
ביי דעם ערשטן, בעסטן שייד־וועג
ביסטו גלייך פון מיר אוועק,
כאָטש איך האָב צו דיר געשריגן,
אז צום אָפגרונט פירט דיין וועג.
איך האָב צו דיר גערעדט מיט גוטן
און מיט בייזן אויך אמאָל;
שטיל געבעטן מיט תחנונים
אויך געשריגן אויפן קול.
טויב ביסטו דאן געוועזן
צו מיין געבעט, צו מיין געשריי.
זיך האָסטו פארפירט אין אָפגרונט,
מיך געלאָזן מיט מיין וויי.

אריה טענענבוים
רמת־גן



אייביק ווען מיר אייך געדענקען
שפרינצע מיטן ברודער יהושע פינקעלשטיין

אייער שוועסטער חנה פינקעלשטיין (חייטמאן); קוזינען: אברהם יצחק ראָזנבוים, שרה געלערשטיין, אריה זילבערנאגעל, שרה ראָזנבוים (ישראל) מענדל און נחום בורשטיין (בוענאָס־איירעס).



צום אייביקן אָנדענק פון אונדזערע נאָנטסטע, וואָס זענען אומגעקומען דורך די נאציס:

זיידע יענקל שטיינבערג מיט זיין פרוי הדס

מוטער מינדל ראָזענבערג און איר זון מאָטל

טאנטע חיה שטיינבערג און אירע 2 זין

טאנטע חוה צוקער מיט איר מאן און קינד

שוועסטער רבקה הערשבערג מיט איר מאן און קינד

שוועסטער דבורה צוקער מיט איר מאן און קינד

יצחק, שבסל און לייבל ראזענבערג
ניו־יאָרק



לזכר אונדזער שוועסטער

יהודית שפירא,

וועלכע איז געפאלן

פון די ערשטע

נאצישע באָמבעס אין סארנאקי

יחיאל שפירא

גבעתים

שמאי שפירא און ביניע קארנהענדלער

בוענאָס איירעס



צום אייביקן אָנדענק

פון אונדזער

פאָטער, מוטער און

ברודער:

בוטשע שאָנשיין

מלכה

שבסל

וועלכע זענען אומגעקומען דורך די נאציס.

מיר וועלן אייך קיינמאָל נישט פארגעסן.

אין טרויער פארבליבענע:

שמעון, שרה, רבקה, לאה

בת־ים, גבעתים





מיר ווען קיינמאָל נישט פארגעסן אונדזערע שוועסטער און שוואָגערס מיט זייערע קינדערלעך

חנה מארמאָר (יעקובאָוויטש)

מיט איר מאן אליהו און 2 קינדער

העניע מארמאָר (סאָסין)

מיט איר מאן וואָווע

רבקהלע סאָסין

וואָס די רוצחים האָבן יונגערהייט אומגעבראכט פון דער וועלט.
ה' יקום את דמם.

נחמה און פייוול זייערמאן
חיפה

מיט טיפן צער און ווייטאָק און מיט א געפיל פון יראת הכבוד דערמאָן איך מיינע עלטערן און נאָנטסטע, וועלכע זענען אומגעקומען פון די נאַצישע רוצחים:



עלטערן: לייזער
און פריידע
שוועסטער: פייגע, עלקע,
רבקה
ברידער: ראובן און שלמה
טאנטעס: לאהטשע
מיטן מאן, חיה, עלקע

איך וועל זייער אָנדענק טראָגן ביז מיין לעצטן לעבנס־אָטעם.

הענריק שטערן
ניו־יאָרק

מיט טיפן צער און ווייטאָק דערמאָנען מיר אונדזערע טייערע שוועסטער, וועלכע זענען אויף א באַרבאַרישן אופן אומגעקומען דורך די נאַצישע באַנדיטן:

אלטע מיטן מאן און קינדער
אסתר מיט די קינדער
חוה מיטן מאן
טיף אין אונדזערע הערצער וועלן מיר אייביק טראָגן אייער אָנדענק.

שוועסטער:
חאשע קליידערמאכער, חיה־שרה שטערן
ברודער:
דוד מאנטשאזש





כבוד דעם אָנדענק פון די טראַגיש אומגעקומענע:

אונדזער פאָטער נחמן בוימאן, מוטער רחל, שוועסטער דבורה, ברודער מאָטל

דער פאָטער, פון רבנישער אָפּשטאַמונג, א שטרענג רעליגיעזער, איז אויך געווען א היינט־וועלטיקער, געקענט פיל שפּראַכן און זיך אינטערעסירט מיט דער מאָדערנער יידישער קולטור.

די מוטער איז געווען אַן אינטעליגענטע, ענערגישע און קלוגע פרוי, מיט א גוט הארץ.

די שוועסטער האָט פון פריער יוגנט שווער געארבעט, מיטגעהאָלפן דער מאמען. צו יעדער צייט גרייט געווען צו העלפן מענטשן אין נויט. זי איז קראַנק געוואָרן אין לאַגער אויף טיפוס און אָן אויפזיכט פון א דאָקטאָר איז זי אומגעקומען.

דער ברודער האָט געלערנט אין א ישיבה און באַקומען סמיכות אויף רבנות. דער גורל האָט געוואָלט, אז ער זאָל ווערן א סוחר. האָט חתונה געהאַט אין אָסטראָווו קיעלעצקי און דאָרט אומגעקומען מיט זיין פרוי און קינד.

עטל בוימאן (רעכטמאן) אסתר בוימאן (סמערלאַק)
סאָניע בוימאן (רייכמאן) הענריק בוימאן





שלוס וואָרט

דער ספר „יזכור" אנטהאלט היסטאָרישע דאָקומענטן, ארטיקלען, מעמוארן, לעבנס שילדערונגען, וואָס זענען אָפּגעהיט און באשריבן געוואָרן דורך לאנדסלייט, וואָס זענען געבליבן לעבן נאָכן חורבן, און שטריכן פון איצטיקן לעבן פון די לאנדסלייט אין די פארשידענע לענדער.

פאר אונדז דערשיינט ווידער אין די בלעטער פונם בוך די אלטע פארגאנגענהייט, די פארמלחמהדיקע תקופה, די טעג פון טראגישן אומקום פון די סארנאקער יידן. עס איז געווען פאר אונדז ממש א לעבנס אויפגאבע צו פאראייביקן זייער אָנדענק און זייער לעבנס־שטייגער.

אין די פארוויקלטע פראָבלעמען פון זאמלען מאטעריאל און געלט־מיטלען האָבן מיר גענומען די איניציאטיוו אויף אונדזערע פלייצעס און מיטן שטארקן ווילן, וואָס האָט געברויזט אין אונדזערע הערצער, האָבן מיר גובר געווען די אלע שוועריקייטן, טראָץ דער גלייכגילטיקייט פון פערזאָנען, וואָס וואָלטן אונדז געקענט פיל מיטהעלפן און פארלייכטערן, אָבער האָבן זיך נישט אָפּגערופן. דער הייליקער ציל אויפצושטעלן דעם מאָנומענט פאר אונדזער חרוב געוואָרענער קהילה און אירע קדושים איז אונדז דאָך בייגעשטאנען.

נאָך אלע אונדזערע וואנדערונגען צו די לאנדסלייט אין לאנד און אין אויסלאנד צו שאפן מאטעריאל און געלט־מיטלען, האָבן מיר אליין זיך געמוזט איינשפאנען אין דער ארבעט פון שרייבן און געלט זאמלען. אין מיטן דער ארבעט האָבן זיך איינצלנע אָפּגערופן און אונדז געהאָלפן שאפן סיי מאטעריאל סיי געלט־סומען און האָבן אונדז דערמוטיקט פאָרצוזעצן די הייליקע ארבעט און אדאנק זיי האָבן מיר דערגרייכט דעם הייליקן ציל.

מיר אָנערקענען, אז דער ספר איז נישט פון אבסאָלוטער פולקאָמענקייט. די פארוואלטונג און די ועדת המערכת האָבן אָנגעווענדעט אלע מיטלען, וואָס זענען געווען אין זייערע מעגלעכקייטן. ווען געוויסע פערזאָנען וואָלטן נישט געשטאנען אין דער זייט, וואָלט דאָס מאטעריאל געווען געוויס רייכער. עס זענען שוין אריבער 25 יאָר פון חורבן, און אנדערע האָבן פארלאָזט דאָס שטעטל מיט 30 - 40 יאָר צוריק. אויך מוז מען זיך רעכנען דערמיט, אז די אָנטיילנעמער זענען נישט קיין שרייבער ספעציאליסטן. טראָץ אלעמען זענען מיר איבערצייגט, אז דער לייענער וועט וויסן ווי געהעריק אָפּצושאצן די איבערגעגעבענע ארבעט און געפילן פון די שרייבער, וואָס האָבן זיך באמיט אלץ ברענגען צום אויסדרוק מיט דער פשוטער פאָלקסטימלעכער הערלעכקייט. מיר האָבן אויך באריכערט דעם ספר מיט פיל בילדער, וואָס מיר האָבן מיט שווערער מי באקומען. דער גאנצער אומפאנג שפיגלט אָפּ אזוי־ארום דאָס לעבן און אומקום פון אונדזער שטעטל סארנאקי.

מיר דריקן אויס אונדזער טיפסטן דאנק אלע לאנדסלייט, וואָס האָבן צוגעלייגט זייער האנט צו דעם ווערק סיי מיט מאטעריאל סיי מיט פינאנסיעלן ביישטייער. אדאנק אייך האָט דער ספר „יזכור" געזען די ליכטיקע שיין און ליגט איצט פאר אייך.

מיר זענען פארפליכטעט אויסצודריקן אונדזער טיפסטן דאנק דעם חבר שלום קליידערמאכער פון אמעריקע, וועלכער האָט באוויזן א גרויסע באגייסטערטע איבער־געגעבענע טעטיקייט ביים אָרגאניזירן אלע לאנדסלייט אין די פאראייניקטע שטאטן זיך צו באטייליקן מיט זייערע ביישטייערן פארן ספר „יזכור", אויך געפירט א ברייטע פארצווייגטע אויפקלערונגס־ארבעט צווישן די לאנדסלייט כדי נישט צו פארגעסן, נישט צו שעמען זיך מיט דער אָפשטאמונג פון געבורטס שטעטל, און פראָפאגירט, אז דער ספר „יזכור" מוז זיך געפינען ביי יעדן לאנדסמאן אין הויז. זאָל ער זיין געבענטשט פאר זיין הארציקער, איבערגעגעבענער, אומדערמידלעכער ארבעט, און אָננעמען די דאנקבארקייט פון דער ועדת המערכת און דער פארוואלטונג אין ישראל.

א הארציקן דאנק די חברים פון דער פארוואלטונג און ועדת המערכת, וועלכע האָבן מיטגעארבעט און געווידמעט פיל צייט און מיטגעווירקט אז דער ספר „יזכור" זאָל דערשיינען.

ואחרון־אחרון קומט א הארציקן דאנק דעם רעדאקטאָר חבר דב שובל פארן רעדאגירן, אויסבעסערן, פארשענערן און אויספארטיקן אלע ארבעטן מיט זיין געניטער פאכמענערישער האנט, און פארן ארויסברענגען דעם ספר אין זיין שיינער פאָרם און געהעריקן פארנעם.

יישר כוחכם!!!

מיר האָפן, אז דער ספר וועט באלויכטען דעם וועג פארן יונגן דור און די ווייטערדיקע דורות אין דער צוקונפט.

מיט דרך־ארץ

פאָרזיצער **שרגא זייערמאן**